STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08177

# DI HASHMENOIM HELDEN

Abraham Lavsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



דר. אברהם לבסקי (לאווסקי)

# די חשמונאים העלדען

אָדער

# די מאַקאַבייער

**אָריגינאַל-היסטאָרישער ראָמאַן**
**פון דער צייט פון צווייטען בית-המקדש**
**אין די יאָהרען 187-135 פאַר דער היינטיגער צייט-רעכענונג.**

פון


**דר. אברהם לבסקי (לאווסקי)**


באַגרינדעט אויף היסטאָרישע פאַקטען און געשעהענישען.
בעאַרבייט לויט פאַרשידענע מדרשים, ילקוטים, לעגענדעס,
און פאַרפולקאָמט מיט אַ ריעזיגען אידיאַליסטישען שוואונג.


ניו יאָרק

1941

אַלע רעכטע פון נאַכדרוק אָדער איבערזעצונג
— אין גאַנצען אָדער אין טהיילען —
שטריינג פאַרבאָטען.

**אין ראָמאַן ווערען סצענירט, דראַמאַטיזירט, און באַהאַנדעלט:**

— די פּאָליטישע געשעהענישען און פּאַסירונגען אין און אַרום ארץ ישראל.

— די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע לאַגע פון די אידען און די גריכען.

— די רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען צווישען די פאַרשידענע סעקטעס ביי די אידען.

— די גרויזאַמע מלחמות צווישען די גריכישע אַרמייען מיט די העלדישע מאַקאַבייער לעגיאָנען.

— די מלחמות צווישען סיריע און עגיפּטען, און נאָך און נאָך ...

געדרוקט ביי
שולזינגער בראס., ליינאָטייפּינג און פּאַבלישינג קאָ.
23 איסט 4טע סטריט, ניו יאָרק

# אַ מתנה

צו מיין ליעבע און קלוגע פרוי

## מרס. שרה לאַווסקי

די סימבאָלישע אשת חיל

וועמענס ערנסטע געטריישאַפט, מוטהיגער גייסט, און גרויסער
אָפּטימיזם; האָבען שטאַרק באַאיינפלוסט מיין ליטעראַרישע אַרבייט.

# שער הכבוד

## מיט עהרע, דאַנק און ברכה!

## צו מיינע בעסטע פריינד:

**הרב**
**אהרן שמחה**
**בלומענטאל**

אַ גדול בתורה, גלענצענדער משכיל, וואונדערליכער בקי, בעל מזג טוב, שארפער בעל מח, אוצר בלום, גרויסער בעל מדות, חכם עדיף מנביא, און דאָך אַ „נחבא אל הכלים".

---

**הער**
**חיים יעקב**
**ווילא**

אַ בריליאַנטענע פערזענליכקייט, געפיהלפולער ציוניסט, לײדענשאַפטליכער נאַציאָנאַליסט, שטילער פילאַנטראָפּ, גרינדליכער ירא־שמים, שאַרפזיניגער בעל עצה, שלשלת היוחסין, און אַ געוואַלדיגער ענו.

---

**הער**
**יוסף**
**קרולעוועצקי**

אַ מהודר'דיגער צורבא דרבנן, דורך און דורך טעאָלאָגיש געזאָנען, שטאַרק טראַדיציאָנעל. מיושב'דיגער בעל שכל, איידעלער בעל רגש. אַקטיווער מזרח'יסט, סימבאָלישער „אברך", און דאָך הצנע־לכת'דיג.

---

**רעווערענד**
**שמואל**
**קראָלאָוויץ**

אַ פּולוואָגיגער תלמיד חכם, לאָגישער משכיל אל דל, איינדרוקספולער אין געזעלשאַפט, שפרודעל־דיגער אידיאַליסט, ענערגישער עסקן לטובת הכלל, בעל נגינה מלעיל, באליעבט ביי גאָט און ביי מענשען, און דאָך אַ בורח מן הכבוד.

**הרב יעקב טוטשינסקי**

אַ ים־התלמוד׳דיגער קאַפּיטאַן, פּינקטליכער שומר מצוה, רעספּעקטפול אינערליך און אויסערליך, פרומקייט געקנאָטען אין גוטסקייט, כאַראַקטעריס־טישער „חסד שבחסד״ טיפּ, ניטאָ אין איהם אפילו „אַן אַכטעל פון אַן אַכטעל״ שטאָלצקייט.

**מיסס. אסתר פּויער**

אַ ליטעראַרישע פּערזענליכקייט, אַמביציעזע כלל־טוערין, שאַרפזיניג און געלעהרזאַם, שטאַרק אידיאַליסטיש, באַזעעלט מיט אַ הונדערט פּראָצענטיגען ליבעראַליזם, איבעראַל רעספּעקטירט פאַר איהרע טראַדיציאָנעל־נאַציאָנאַלע געפיהלען.

**הער סאַל בערענשטיין**

אַ יונגערמאַן אַ יקר, געטרייער איד, טאַלאַנטפולע פּערזענליכקייט, קלוג און באַשיידען, פעהיגער ביזנעסמאַן, שפּרודעלט מיט גוטסקייט, אשרי יולדתו.

**הער נתן יאַבנאָוויץ**

אַ מוסטערהאַפטער איד, אַ מוקיר רבנן, פּקח חרוץ, אַ ראַיעלער עסקן בצרכי צבור, אַ באַריהמטער סוחר, אַ שמייכעלדיגער גוטער־פריינד, אשרי חלקו.

דער מחבר.

## אינהאַלט פון בוך:


אנשטאט א פאָררעדע .......... 9
קריטיק פון דער פרעסע .......... 13
מיט רעספעקט צום ענו .......... 16
העלדען און כאַראַקטערען פון ראָמאַן .......... 22
איינלייטונג .......... 25


## אינהאַלט פון יעדען קאַפּיטעל:


1. די באגעגעניש מיט'ן פאררעטער .......... 27
2. די קאָנפערענץ מיט'ן כהן־גדול .......... 32
3. דבורה וויל ניט זיין קיין קעבסווייב .......... 36
4. דער גענעראל אפאלאָניוס ווערט אנטוישט .......... 42
5. יאזאָן אין געפאנגשאפט; יהודה אין דאָרף .......... 47
6. יהודה פארלויפט דעם וועג פאר די קידנעפערס .......... 62
7. בילגה'ס טרויער; אנטיגנוס; מתתיהו'ס שטרייט מיט מענעלאָס'ן .......... 75
8. ווער האָט ערמאָרדעט חנה'ס מאן? .......... 83
9. מתתיהו רעדט פאר די חכמים; אויפ'ן הימעל א יאריד .......... 87
10. די קרוינונג פון נייעם קעניג .......... 132
11. צרות פון מרים'ן; קנאים און מתיונים שטרייטען; דער סוד וועגען בן סירא .......... 135
12. היליאָדאָרוס קומט באַראַבעווען די אידען .......... 144
13. היראָטאָס באקומט זיין געליבטע; היליאָדאָרוס געהט צום בית־המקדש .......... 156
14. מענעלאָסעס מערדערישער פּלאַן .......... 167
15. היליאָדאָרוס באקומט מיסטעריעזע קלעפּ אין בית־המקדש .......... 173
16. די מהומה אין ירושלים; היליאָדאָרוס טוט תשובה .......... 182
17. דער קעניג איז בייז אויף היליאָדאָרוס'ן .......... 189
18. דעם בעל־תשובה'ס פריינדשאפט צו די אידען .......... 192
19. דער קעניג ערמאָרדעט; יאזאָן ווערט כהן־גדול .......... 198
20. מרים מיט איהרע נייע געליבטע .......... 201
21. צוויי פאטריאָטישע שפּיאָנען .......... 204
22. מענעלאָס כהן גדול; חוני המעגל און איסיים; יקום־איש־צרורות און זיין אָנקעל .......... 208
23. דער נייער מאקאבייער לעגיאָן .......... 217
24. רוחמה ראטעוועט דער אלמנה מיט'ן קינד; צפניה טויטעט קרעטאָס'ן .......... 221
25. מענעלאָס אין אַנטיאָכיע; כהן־גדול'ס אומגליק; ליסימאָכוס ערמאָרדעט .......... 229
26. די פארזאמלונג אין מודעין .......... 235
27. פליאָטקעס וועגען אנטיאָכוסעס טויט; חנה מיט איהרע 7 זיהן .......... 240
28. צפניה און רוחמה פירן דורך א געניאלן פּלאַן .......... 250
29. גענעראל צעפאנאָס פיהרט אן ארמיי נאָך ארץ ישראל .......... 265

30. מרים אנטלויפט פון דער פּאַסטקע ........ 268
31. אפּאָלאָניוס לויפט שנעל נאָך ירושלים ........ 274
32. די שלאכט אין מודעין ........ 279
33. די שחיטה אין בית־המקדש ; דער פּאָטער שעכט זיין טאָכטער ........ 289
34. יהודה׳ס פּינקטליכע פלענער ........ 304
35. יהודה זיעגט אויף אלע פראָנטען ; אפּאָלאָניוסעס סוף ........ 309
36. מתתיהו׳ס טויט ; די הארצרייסענדע הספדים ........ 313
37. ניקאנאָר און גאָרגיאס געגען יהודה׳ן ........ 319
38. יהודה׳ס נצחונות ; נס פון חנוכה ; דער אומגליקליכער פּאָטער ........ 328
39. טראגעדיע צווישען אבשלום, אביגיל און שולמית ........ 336
40. אביגיל׳ס משוגעת ; שולמית צוטומעלט ; דער טראגישער גט ........ 347
41. אנטיאָכוסעס טויט ; אלעזר׳ס אומגליק ; ליזיאש׳ס שלום מיט יהודה׳ן ........ 357
42. אביגיל שרייט אז זי איז שוין טויט ; דער סוד פון די גיפט ........ 363
43. אבשלום דער שדכן ; דימיטריאוס ווערט קעניג ; ליזיאש מיטן קעניג ערמאָרדעט ; אלקימוס כהן גדול ........ 367
44. ניקאנאָר׳ס טויט ; מענעלאָסעס זעלבסטמאָרד ; באַקכידעס טויטעט יהודה׳ן ........ 372
45. יהודה׳ס לויה ; איבערפאל אויף מודעין ; חשמונאים ברידער אנטלויפען ........ 378
46. יונתן׳ס שלום פּאָליטיק ; הירקאָנוס און יוחנן ערמאָרדעט ; יונתן העלפט אלעקסאנדער׳ן ........ 384
47. דרייסיג אידען פאר׳משפט צום טויט ; יונתן׳ס ראכע פון די נעבאטים ........ 393
48. רבי יוסי ווערט געהאנגען ; אלקימוס באגעהט זעלבסטמאָרד ........ 402
49. דאָפּעלטער שלום־בונד ; מכבים געהען העלפען דעם קעניג ........ 411
50. יוחנן ווערט עטנארך און כהן־גדול ........ 418
51. רעוואָלוציע אין אַנטיאָכיע ; יונתן ווערט א שדכן און אונטערפיהרער ........ 421
52. דער „מקדש חוניו״ ; קריעג אין פּאַלאַץ ; די לינקע געליבטע ........ 430
53. א מהומה אין פּאלאץ ; טריפאָן אנטלויפט ; די קעניגין צוריק אהיים ........ 442
54. יונתן העלפט דימיטריוס׳ן ; טריפאָן רעוואָלטירט ; קעניג סידעטעס ; טריפאָן אין עכו ........ 451
55. רוים מאָהנט ביי סיריע ; קאָנפערענץ מיט פּאָמפּעאוס׳ן ; יונתן פאָהרט נאָך עכו 453
56. א מאָרד אין עכו ; טריפאָן און יונתן שטרייטען ; יונתן ווערט געפאַנגען ........ 458
57. יונתן און זיינע זיהן ערמאָרדעט ; שמעון ווערט קעניג ........ 466
58. אכט יאָהר גליק ; דער טרויעריגער סוף ........ 470
ליסטע פון פּרויס־סובסקרייבערס ........ ענדע פון בוך

# אנשטאט א פאררעדע

## בלויז אַ קורצער אויסצוג פון דעם אַרטיקעל וואָס דער גרעסטער העברעאישער ליטעראַט, דענקער און שריפטשטעלער, דער אומשטערבליכער הער
## ראובן בריינין, ע״ה

### האָט געהאַט געשריבען וועגען דעם ראָמאַן „חשמונאים״ און וועגען דעם פּראָפעסאָר דר. אברהם ל׳בסקי *

„די ביבעל איז שטענדיג געווען דער הויפּט קוואַל פאַר אַלע בעלעט־ריסטען און זשורנאַליסטען פון אַלע צייטען און ביי אַלע פעלקער און נאַציאָ־נען — — —

„אָבער ניט נאָר די ביבעל נאָר אויך, און ספּעציעל, די לעגענדעס אין דעם תלמוד און אין די מדרשים וואָלטען געקענט דינען אַלס אַ גרויסער קוואַל פאַר אַלע בעלעטריסטען און שרייבערס וועגען דאָס לעבען פון אידישען פאָלק; און דאַביי מוז געזאָגט ווערען אַז דאָס לעבען וואָס ווערט געשילדערט אין די לעגענדעס איז פיעל נעהענטער, פאַרשטענדליכער, און פיהלבאַרער צו אונז, און דאָך געפינען זיך ניט ביי אונז — — — ערצעהלערס — — — וועלכע זאָלען האָבען אויסגענוצט אונזער לעגענדאַרישע ליטעראַטור, אויף אַזאַ שטאַרק דראַמאַטישען אופן און אַזוי באַהאַרצט, לעבעדיג און זאַפטיג, ווי עס האָט געטאָן דער — — — ערצעהלער — — — דר. אברהם לבסקי וועלכער פאַרדינט אומבאַגרעניצטע לויב־געזאַנג.

„דער דאָזיגער זשורנאַליסט האָט געשאַפען וואונדער אין דעם לאַבי־

---

*) דער דאָזיגער אַרטיקעל אין זיין פולען טעקסט, איז געווען געדרוקט אין די פאָלגענדע צייטונגען:

1) „דרום״ (העברעאישער זשורנאַל, בוענאָס איירעס, אַרגענטינא), טבת ה׳ ת״ש, חוברת 25.

2) „הד ירושלים (העברעאישער זשורנאַל, ירושלים, אַרץ ישראל), ל׳ שבט ה׳ ת״ש, גליון 30.

3) „מאָרגנצייטונג״ (אידיש־טעגליכע צייטונג, בוענאָס איירעס, אַרגענטינא), יאַנואַר 20, 1940.

4) „אידישער קוריער״ (אידיש־טעגליכע צייטונג, שיקאַגאָ, נאָרד אמעריקא), מארץ 6־טען, 1940.

רינט פון היסטאָרישער ערצעהלונג מיט דער הילף פון זיין ריזיגער קראַפט אין דער פאַנטאַזיע, וועלכע איך געפין ניט זיין גלייכען — — — אויפן יסוד פון אייניגע לעגענדאַרישע אויסצוגען האָט ער אויפגעבויט דעם עפּאָכע־מאַכענדען ראָמאַן מיט דעם נאָמען „די חשמונאים“ וועלכעס שפּרודעלט מיט טאַלאַנט, מיט גוטע אייגענשאַפטען — — — זיינע גרינדליכע ידיעות אין דער טאָפּאָגראַפיע וואו די סצענעס האָבען זיך אָפּגעשפּיעלט, און זיין גרויסע בקיאות אין דער העברעאישער ליטעראַטור — — — האָבען איהם ערמעגליכט צו ווערען אַ טאַלאַנטפולער קינסטלער־מאָלער.

„די כאַראַקטער־שטריכען, מיט וועלכע ער שילדערט די העלדען פון דער געשיכטע, זיינען אויסגעצייכענט. זיינע פאַנטאַזיעס, ווען ער מאָלט פאַקטען און געשעהענישען, זיינען צויבערליך, און זעהר קינסטלעריש זיינען די צונויפבינדונגען צווישען איין געשעהניש און אַ צווייטער.

„שמועסענדיג וועגען „די חשמונאים“ וויל איך באַמערקען אַז איך האָב געלעזען אויך די אַנדערע ערצעהלונגען פון דעם זעלבען ערצעהלער, וועלכע זיינען געדרוקט געוואָרען אין פאַרשידענע צייטונגען — — — און איבעראַל האָט דער מחבר ענטדעקט זיינע אויסגעצייכענטע כשרונות (קישרוינויס) אויפן בעלעטריסטישען געביט, אָבער די געשיכטע פון „די חשמונאים“ שטייגט זיי אַלעמען אַריבער מיט פיעלפאַכיגע פאַרצוגען. אין דער דאָזיגער געשיכטע דערקענט מען אַ ריעזיג און פולשטענדיגער קונסט — — — אַ גאַנצע עפּאָכע אָנגעפּיקעוועט מיט סצענעס, און שטאַרק שטורעמדיג און אַקטיוו, פון דעם אַמאָליגען לעבען פון די אידען מיט אַריבער צוויי טויזענט יאָהר צוריק, און דאָס אַלעס אויף אַזאַ נאַטירליך בילדליכען אופן פונקט ווי מיר וואָלטען ערשט איצט פון דאָס ניי איבערגעלעבט דעם זעלבען לעבען נאָכאַמאָל.

. . . „דר. לבסקי איז אַ געבוירענער אין ארץ ישראל וואו ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם גייסט פון אונזער פאָלק פון פאַרצייטיגע עפּאָכען — — — ער האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט זכרונות פון גרויסע פערזענליכקייטען פון אידישען פאָלק פון אַלע דורות. ער איז באַקאַנט מיט יעדען היסטאָרישען מאָנומענט, מיט יעדען באַרג, מיט יעדען טאָל און טייך און מיט אַלע היסטאָרישע פלעצער, און דעריבער איז ניט קיין וואונדער וואָס דר. לבסקי צייכענט זיך אויס ספּעציעל מיט אַ היסטאָרישער געשיכטע פון אונזער פאָטערלאַנד.

„און דעריבער איז די חשמונאים געשיכטע באַליעבט ביי מיר, סיי צוליב איהר ספּעציעלען רייץ און פאָלקאָמענע שעהנקייט און סיי צוליב איהר רייכען אינהאַלט און פיעלפאַרביגקייט. אין דער דאָזיגער געשיכטע געפינט זיך ניט, זאָגאַר איין קאַפּיטעל, אין וועלכען עס זאָל ניט פאַרקומען אַ שטאַרק

איפּבּרויזענדע באַוועגונג. מתתיהו מיט זיינע פינף זיהן ווערען פאַרגע־שטעלט — — — זעהר נאַטירליך, באַהאַרצט און ליעבליך; און פונקט ווי זיי, אַזוי אויך ווערען געשילדערט אַלע אַנדערע העלדען פון אידישען און גרי־כישען לאַגער מיט אַ וואונדערליכע קינסטלערישע פינקטליכקייט — — — אַלע פּאַסירונגען ברענגען אַרויס דעם הויכען ערהאַבענעם אידיאַל צו וועלכען די העלדען פון דער געשיכטע האָבען געשטרעבט. די מלחמות פון די חשמונאים זיינען ניט קיין פּראָסטע סאַדיסטישע און ווילדע — — — נאָר זיי זיינען הייליגע מלחמות צוליעב אַן ערהאַבענעם צוועק — — — די חשמונאים זוכען ניט קיין נייע טעריטאָריעס און זיי גלוסטען ניט קיינע בלוט־פאַרגיסונגען, אפילו ניט די בלוט פון זייערע שונאים. זייער באַגעהר איז אַז מען זאָל זיי לאָזען זיצען רוהיג. זיי ווילען בלויז באַפעסטיגען דעם שלום אין זייער לאַנד און עטאַבלירען אַ געדעכעניס און אַ נאָמען פאַר דעם יודענ־טום. די מאַקאַבייער פיהרען ניט קיין אָפענסיוועס נאָר דעפענסיוועס. זיי זיינען וויליג צו שליסען אַ בונד פון שלום מיט אַלע אידישע שונאים, אויב נאָר די שונאים וועלען איינשטימען אַז די לאַנד „יהודה" איז ווירקליך די „אידישע לאַנד" און אַז די אידען האָבען אַ געזעצליכע, היסטאָרישע און מאָ־ראַלע באַרעכטיגונג זיך איינצופונדעווען אין זייער פאָטערלאַנד וועלכע איז באַשטימט געוואָרען אַלס אַן אייביגע ירושה פאַר דעם אייביגען פאָלק.

„אין קורצען: ווען איך וואָלט ניט מורא געהאַט פאַר דעם צאָרן און כעס פון די גרויס־באַרופענע זשורנאַליסטען — — — וואָלט איך פאָרגע־שטעלט דר. לבסקי אַלס אַ סימבאָל — — —

„דער דאָזיגער באַשלוס מיינער איז געפאַסט געוואָרען אין מיין האַר־צען נאָכדעם ווי איך האָב געלעזען זיינע פיעלע אַרטיקלען אין „חכמת ישראל", זיינע עסייען איבער אַלגעמיינע וויסענשאַפטען, און זיינע אָפּהאַנד־לונגען איבער פאַרשידענע פּראָבלעמען. ער איז ווירקליך אַן אייגענאַרטיגער ליטעראַט־ זשורנאַליסט סיי אין סטיל און סיי אין דעם גרויסען פאַרנעהם פון זיינע געדאַנקען. זיין שפּראַך איז זעהר רייך אויך אין אידיש, אָבער מעהר בליציג אין העברעאיש. זיין סטיל איז בויגזאַם, געלויפיג, און גלאַט־פליסענ־דיג אז עס איז שווער צו געפינען זיין גלייכען. זיין סטיל פאַרמאָגט אַ גרויסע עהנליכקייט צו דעם ביבלישען סטיל פון אברהם מאפו צוזאַמען מיט דעם מאָדערנעם סטיל פון די טיכטיגסטע זשורנאַליסטען פון היינטיגען דור.

„דר. לבסקי באַהערשט דער העברעאישער שפּראַך אויף אַן אומבאַ־גרעניצטען אופן אין אַלע באַגריפען און אויף אַלע אופנים. זיינע פּראַזען זיינען פלינקע, לייכטע, און וואונדערבאַר געשליפענע. די זאַצען צילעווען

און טרעפען שטענדיג צו דער געוואונשטער כוונה (קאוואנע), און זיין גאנצע סטיליסטישע געביידע שטעהט פעסט באגרינדעט מיט גרויס פראכט און גלאנץ. זאגאר זיינע אפטע קולות און בליצען אין זיין סטיל זיינען חלילה ניט איבער־שרעקענדיג נאר צערטעלדיג און זיי ווארעמען די הערצער. עס הערט זיך פון זיי ווי א נבואה אפקלאנג פון די פארצייטיגע וויטקייטען און א פרייליכער אנזאג פאר דער צוקונפט.

„וואס אנבאלאנגט זיינע געדאנקען און זיין הויכען אינטעלעקט, האב איך שוין געהאט געשריבען — — — אז דער דאזיגער געלערענטער איז אנגע־זאפט מיט ערהאבענע געדאנקען און איך קוק אויף איהם ווי אויף א ליכטיגען שטערן אין די, אזוי גערופענע, געדאנקען־הימלען פון דאס יודענטום און אין דער מאדערנער ליטעראטור.

„געוויס איז דר. לבסקי א גרויסער מקפיד אויפ׳ן אמת — — — כאטש אין זיין פריוואטער פערזענליכקייט איז ער א ענו, א באשיידענער און נאכגע־ביגער. ניטא קיין דואליזם אין זיינע געדאנקען — — — אין זיין פען, זיין אמוניציע, איז יא פאראן א פלוראליזם ווייל דאמיט וויל ער פאנגען פאר־בלאנדזשעטע נשמות און זיי דערנעהנטערען צו דער גאטהייט, צו דעם מאראל, און צו דער טראדיציע. ער פלייסט זיך, און נישטערט אהן אויפהער, אויסצו־געפינען זיינע פארוואגעלטע ברידער אין די צושפרייטע וויסטעניש׳ען פון דעם גלות אום זיי צו געבען א נייער לעבענס־לעהרע, אן אלטע לעהרע מיט א נייער אויסטייטשונג לויט׳ן גייסט פון צייט און פלאץ. ער רעדט באהארצט, מיט גע־בעט, צו זיינע ברידער, ער מינטערט זיי פארטצוזעצען צו שפינען ווייטער דאס געוועב פון אידישען לעבען אויפ׳ן קאנוועס פון דער אייביגקייט.

„איך האב געלעזען א היבשען טייל פון זיין, אזוי גערופענער, לעהרע פון זיין מאנוסקריפט, און פון מיינע אויגען האבען גערונען טרערען צוליב מיין גרויס באדויערונג „על האי שופרא דבלי״ (אויף אזא עסטעטישע שעהנ־קייט וועלכע געהט פארלוירען) אין דעם איצטיגען צודרעהטען און פאר־קרימטען דור וועלכער איז אויסגעוועפט פון זיין נשמה און פון זיין גייסט און ער קען גארניט דערשפירען אזא גלענצענדע פערזענליכקייט מיטן נאמען דר. לבסקי.

„פיללייכט וועל איך נאך דערלעבען צו זעהן דעם דאזיגען גוטען־פריינט מיינעם ווען ער וועט שטעהן אויף זיין ריכטיגער, פאר איהם, צוגעפאסטער ליטערארישער ביהנע, דאן וועלען אלע איינזעהן אז איך האב ניט געמאכט קיין טעות, און אלע וועלען צוגעבען און זאגען: גערעכט מר בריינין! . . .

— — — —

# קריטיק פון דער פרעסע

## פאַרקירצטע אויסצוגען פון דער אידישער און העברעאישער פרעסע וועגען דעם ראָמאַן „די חשמונאים"

„מאָרגנצייטונג", בוענאס־איירעס, ארגענטינא.
אָקטאָבער 29, נאָוועמבער 6, 1937.

„יעדער איד ווייסט פון די מאַקאַבייער! אָבער ווי אַזוי האָבען זיי געקעמפט פאַר דעם קיום פון דער אידישער מלוכה? ווי אַזוי האָט דעמאָלסט אויסגעזעהן דאָס לעבען אין, און אַרום, דער אידישער מלוכה? ווער זיינען געווען די פאַררעטער און ווער זיינען געווען די העלדען?

„טראַגעדיעס, ליבעס, אַוואַנטורעס, שפּיאָנאַזש, טעראָריסטישע אַקטען, רעליגיעזע צאַנקערייען און נאַציאָנאַלע שטרייטונגען — — —

„וועגען דעם אַלעמען וועט איהר זיך דערוויסען אין דעם גרויסען היסטאָרישען ראָמאַן „די חשמונאים" פון דר. אברהם לבסקי.

„דער דאָזיגער ראָמאַן איז איינער פון די אינטערעסאַנטסטע ראָמאַנען געשריבען אויף דער קאַנווע פון אידיש־היסטאָרישע פּאַסירונגען — — — — — — —

„דער וועג", מעקסיקאָ־סיטי, מעקסיקאָ.
יולי 21, 1938.

. . . „די חשמונאים" איז איינער פון שטאַרקסטע דראַמאַטישע ראָמאַנען וואָס מען קען געפינען אין דער פרעמד־שפּראַכיגער ליטעראַטור בכלל און אין אונזער אידישער ליטעראַטור בפרט — — —

„דער מחבר פון ראָמאַן איז דער העברעאיש־אידיש־ענגלישער געלערנטער דר. אברהם לבסקי (לאַווסקי) וואָס איז באַריהמט אין דער ארץ ישראל'דיגער פרעסע ווי אויך אין דער פרעסע אין די „פאַראייניגטע שטאַטען" פון אַמעריקא (און אין אַרגענטינא). זיין ראָמאַן „די חשמונאים" איז געשריבען מיט זיין אייגענאַרטיגען זאַפטיגען אידישען סטיל — — —

— — — קיינער טאָר נישט פאַרנאַכלעסיגען צו לייענען דעם אַלט־נייען היסטאָרישען ראָמאַן; אַלט אין זיין היסטאָרישען וואָרצעל אָבער ניי אין זיין שטאַרקען דראַמאַטישען שוואונג וועלכעס איז פשוט אָטעם־פאַרכאַפּענד.

„דער ראָמאַן ברענגט אַרויס סצענעס און בילדער, פּאַסירונגען און געשעהענישען פון אַמאָליגען אידישען לעבען אין, און אַרום, ארץ ישראל פון צוויי און צוואַנציג הונדערט יאָהר צוריק. זיינע דראַמעס זיינען האַרצרייסענד ביז דער סאַמע טיעפקייט פון דער נשמה.

„אין ראָמאַן ווערען ארויסגעשטעלט די העלדען פון אַלע צדדים: גרויסע אידישע געלעהרנטע, הייליגע און פרומע „קנאים”, מיסטעריעזע איסייער, אידישע גבורים, עכטע נאַציאָנאַליסטען און קעמפער פאַרן אידענ־טום; און אויך פושעי ישראל, מתיונים־העלעניסטען, פאַררעטערס און ביטראַקעס פון די אידען, אויך פון די ניט־אידישע שונאים, שרעקליכע לומפּען און רשעים פון דעם גריכישען פאָלק”.

— — — —

„מערכת היסוד”, תל־אביב, ארץ ישראל.
כ״א סיון ה׳ תרצ״ט גליון רס״ח (איבערגעזעצט פון העברעאישען אָריגינאַל).

„דער דאָזיגער ראָמאַן איז פעסט באַגרינדעט אויף דער היסטאָרישער קאַנווע פון דער חשמונאים (מכבים) עפּאָכע. ער ענטוויקעלט זיך מיט אַ מאַסע פון קאָלירפולע געשעהענישען — — —

— — — אַלעס ווערט ערקלעהרט און אויסגעטייטשט אין אַ קלאָרער שפּראַך וואָס קען לייכט ווערען איינגעזאַפּט אין דעם לעזער׳ס מוח.

„אין דעם דאָזיגען ראָמאַן ווערט דער לעזער אַדורכגעפיהרט איבער דער גאַנצער אַמאָליגער ארץ ישראל און איבער די פּאַרצייטיגע לאַנד סיריע. אויך די פּראָווינצען פון מזרח זייט פון ירדן, אויך אַלעקסאַנדריא, עגיפּטען, און נאָך פיעלע פּלעצער, ווערען באַלויכטען פאַר דעם לעזער׳ס אויגען מיט זייער פאַרצייטיגער רייצבאַרקט וואָס ערמוטיגט דאָס האַרץ און באַגייסטערט די געפיהלען — — —

„דער בעלעטריסטישער כח פון דעם דאָזיגען ראָמאַן איז זעהר שטאַרק. — — — די שפּראַך איז פליסיג ווי אַ שטראָם און זיין גייסט פלאַטערט מיט אַנגענעהמע געפיהלען — — — די גראַציעזע ריהרעוודיגקייט פון די העלדען פון ראָמאַן, די שטאַרק־אימפּולסיווע באַוועגונגען און די טעמפּעראַמענטפולע האַנדלונגען, וועלען איבערצייגען דעם לעזער אַז דאָס איז באמת׳דיג אַן אויס־סערגעוויינליכע ליטעראַרישע שאַפונג.

„אין דעם דאָזיגען ראָמאַן ווערען אַרויסגעבראַכט פיעלעביישפּיעלען פון דעם גייסט פון דעם אַלט־פּאַרצייטיגען אידישען פאָלק — — — דייטליכע סימבאָלען פון דער דאַמאָלסדיגער אַפּיקורסות, פון דער אַסימילאַציאָן און דעגענעראַציע פון די אַמאָליגע אידישע פושעים און רשעים.

„דער דאָזיגער ראָמאַן האָט זיך שוין ערוואָרבען גאָר אַ גרויסען פּרעסטיזש אַלס אַ וואונדערליכע שאַפונג — — — זאָל דאָס פּובליקום דאָס לייענען און זיך אַליין איבערצייגען!“

— — — —

„אידישער קוריער“, שיקאַגאָ, אילינאָי.
פעברואַר 13, 1940.

„די חשמונאים“! פון דעם נאָמען איז צו זעהן אַז דאָס איז אַ היסטאָרי־שער ראָמאַן. אין איהם ווערט געשילדערט איינע פון די סאַמע אינטערע־סאַנטסטע הערויסטע צייטען אין דער אידישער גלאָררייכער געשיכטע. די געשעהענישען וואָס זיינען פּאָרגעקומען אין יענער עפּאָכע האָבען, צוויי טויזענד יאָהר, געדינט ווי אַ קוואַל פון טרייסט, ערמוטיגונג און בטחון פאַר אונזער פאָלק אין אַלע זיינע צרות און ליידען. אויך איצט שעפּען מיר האָפ־נונגען פון יענע פּאַסירונגען וועלכע זיינען טיעף איינגעקריצט אין דער נשמה פון יעדען איד.

„מיר ווילען צוגעבען אַז דר. אברהם לבסקי (לאַווסקי) האָט געשריבען דעם ראָמאַן מיט גרויס טאַלאַנט און מיט קינסטלערישע קראַפט. ער האָט לעבעדיג געמאַכט די עפּאָכע פאַר אונז אויף גאָר אַן אינטערעסאַנטען און שפּאַנענדען אופן.

„איהר וועט פון דעם ראָמאַן געניסען אַ גייסטיגען נחת־רוח און דערביי פיעל לערנען“.

# מיט רעספּעקט צום גרויסען ענו



חיים יעקב ווילא

דער באַריהמטער עמערסאָן האָט אַ־מאָל געזאָגט, אַז: „גרויסע מענער זיינען ווי הויכע בערג, ווער עס שטעהט נאָהענט נעבען זיי קען קיינ־מאָל ניט האָבען דעם באַגריף פון זייער ריכטיגער גרויסקייט; ערשט ווען מען רוקט זיך אָפּ פון זיי אויף אַ געוויסען שטח, דאַן קען מען זיי זעהן אין זייער גאַנצער הויכקייט״.

דאָס זעלבע וויל איך דאָ איצט באַטאָנען וועגען מיין געשעצטען גוטען־פריינט הער **חיים יעקב ווילאַ**, אַ תושב אין בוענאָס־איירעס אַרגענטינא, וועמעס גלענצענדע פּערזענליכקייט קען אמבעסטען געזעהן ווערען, און פּינקטליכער אָפּגעשאַצט ווערען, דוקא פון דערווייטענס איידער פון דער נאָהענטקייט.

געוויס איז דער אַרגענטינער יודענטום שטאָלץ מיט דעם דאָזיגען לאַנדסמאַן, און די דאָרטיגע פּרעסע האָט שוין פיעל מאָל געגעבען טיכטיגע און קאָלירפולע אָפּשאַצונגען וועגען דעם דאָזיגען גרויסען איד, און דאָך איז דער סאַמע עסענץ פון זיין גלאַררייכער פּערזענליכקייט נאָכאַלץ פאַרבליבען פאַרהוילען פון דער עפענטליכקייט צוליב די גרויסע עניוות פון הער **ווילא** וועלכער לאָזט זיך ניט באַשרייבען געענוי ווי ער איז אין דער ווירקליכקייט.

אָבער איצט, זייענדיג ווייט אַוועק פון דעם דאָזיגען ענו, וועל איך פּרו־

בירען שילדערען לויט ווי איך באַגרייף איהם; און איך באַטאָן אַז, כאָטש ניט דאָ אין דעם דאָזיגען בוך איז דער פּאַסענדער פּלאַץ פאַר אַ פּולער ביאָ־גראַפּיע און אָפּשאַצונג דאָך, פיהל איך זיך פאַרפּליכטעט צו שרייבען כאָטש אַ ביסעלע וועגען דעם דאָזיגען הער **ווילא** וועלכער האָט פינאַנציעליש פיעל מיטגעהאָלפען אין דער ערשיינונג פון דעם דאָזיגען בוך און פאַר וועלכעס איך דריק־אויס מיין ערנסטען און אויפריכטיגען דאַנק צו איהם.

הער **ווילא** איז איינער פון די „יחידי סגולה" אין היינטיגען אידישען דור. אין איהם זיינען פאַראייניגט טראַדיציאָנעלע אידישקייט מיט קולטור־רעלען פּראָגרעס אין אַ פעסט־האַרמאָנישער קאָמבינאַציע און דאָך, פאַרמאָגט ניט דער דאָזיגער מושלם קיין איינציגען קווינט לוסט פאַר כבוד. ער איז אומבאַוואוסטזיניג פון זיין גדלות צוליב זיין גרויסער עניוות.

הער **ווילא** איז אַ פּראָמינענטער אינדוסטריאַליסט אין אַרגענטינא, און ער פיהרט זיינע געשעפטען אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב, און דאָך געפינט ער גענוג צייט, ענערגיע, און פּאָליטישע געשולטקייט צו זאָרגען פאַר'ן כלל ישראל. דער אַריסטאָקראַט אין איהם פאַרטונקעלט ניט זיין פאָלקסטימליכ־קייט וואָס איז אָנגעזאַפּט אין זיין מח, האַרץ, און בלוטען. עס איז צו באַוואונ־דערן ווי דער דאָזיגער ערשט־קלאַסיגער ביזנעסמאַן באַזיצט אַ ליידענשאַפט פאַר חיזוק היהדות, פאַר תחית ישראל, און פאַר ארץ־ישראל. ער קען זיך גאָרניט פאָרשטעלן אַז אַ איד זאָל קענען לעבען אויסערהאַלב די דאָזיגע גע־דאַנקען. הער **ווילא** איז דעריבער דער שעהנסטער סימבאָל פאַר'ן יודענטום בכלל און פאַר דעם אַרגענטינער יודענטום בפרט.

הער **ווילא**, ניט קוקענדיג אויף זיין הויכער קולטורעלער ניוואָ, שעפּט זיין הויפּט נחת און תענוג דוקא פון זיין טיעף־איינגעוואָרצעלטע אידישע אמונה, בטחון, און יראת שמים. ער איז אַ מייסטער אין זיין דרך החיים וועל־כעס איז דורכאויס טראַדיציאָנעל און מיט אהבת ישראל; און זאָלען טאָקע אַלע וויסען אַז דער דאָזיגער קלאָהר־מוח'דיגער און ברייטהאַרציגער איד שטרעבט צו ראַטעווען די אידישע יוגענט פון דער אַסימילאַציע, ער שטרעבט צו פאַרשעהנערן און באַפעסטיגען דעם אידיש־נאַציאָנאַלען לעבען און ער לעכצט נאָך אַ ווירקזאַמער, דעמאָנסטראַטיווער, און שנעל־ענטפלעקבאַרער גאולת ישראל.

דער דאָזיגער „קוועקזילבערדיגער" איד באַזיצט אַ ריעזיג־פאַנטאַס־טישען שוואונג ווי פון אַ טרוימער, און אויך אַ קלאָהרע לאָגיקע פון אַן ערשט־קלאַסיגען אינדוסטריאַליסט און געשעפטסמאַן. ער באַזיצט אַ סאָרט „דואַליזם"

פון טענדענציעס: סיי די שטאַרקע סענטימענטן פון „ישראל סבא" און אויך די רעספעקטפולע אַכטונג פאַר דער היינטיגער ציוויליזאַציע.

אין קורצען: הער ווילא ווערט רעספעקטירט און געליבט פון אַלע שיכטען פון אידישען פאָלק. רעספעקט — פאַר זיין אמת'ער פרומקייט און אינטעלעקטואַלער פערזענליכקייט וועלכע שימירירט מיט חכמה, עצה, און גרעניצלאָזע ענערגיע, און אויך ליבשאַפט — פאַר זיין גוט־מוטיגקייט, אָפענ־הערציגקייט, און פריינדליכקייט צו אַלעמען. ער איז דער ריכטיגער „אהוב למקום ואהוב לבריות". ער איז דער קאַסירער פון דער „אידישער אַגענטור" אין אַרגענטינא און אויך דער גרינדער און אָנפיהרער פון דער „אחדות ישראל" געמיינדע אין בוענאָס־איירעס. ער איז דער גרינדער פון „בני ברית" אין אורוגוויי און טשילע, און דער עקס־פרעזידענט פון „בני ברית" אין אַרגענ־טינא.

דער דאָזיגער „תפארת שבהוד" איד באַזיצט אַ פּאָליטישע דורכזיכטיג־קייט פאַר אַלגעמיינע וועלט־פּראָבלעמען און אויך אַ וואונדערליכע אינטואיציע פאַר אידישע אינטערעסען. ער זוכט און נישטערט פאַר אַן ענדגילטיגע לייזונג פון דעם שווערן פּראָבלעם פון „ישראל בגולה". ער וויל ראַטעווען די מי־ליאָנען אומגליקליכע אידען פון איראָפּעאישען גיהנום, און טאַקע ווי אַמ־שנעלסטען; ער האָט פּלענער ווי אַזוי צו בויען אַ נייע סובסטאַנטיווע אידישע היים אויף פעסטע עקאָנאָמישע, אַגריקולטורעלע און פּאָליטישע יסודות פאַר אַ אידישער מאַסען־אימיגראַציע און ער וויל באַפעסטיגען דעם אידישען טראַ־דיציאָנעל־נאַציאָנאַלן לעבען.

ווער עס וויל זיך באַקענען מיט די דאָזיגע אידעאַליסטיש־פּראַקטישע, אָדער פּראַקטיש־אידעאַלע פּלענער פון הער ווילא, קען עס לעזען אין זיין „ארץ יהודה" בראָשורע אין עטליכע שפּראַכען, אין זיינע אָפטע אַרטיקלען אין דער „אידישער וואָכענשוי" פון בוענאָס־איירעס, אין דעם „שפּיגעל" זשורנאַל, און נאָך אַנדערע צייטונגען. איבערהויפּט זיינען זעהר באַלעהרזאַם זיינע פּריוואַטע קאָרעספּאָנדענציעס וואָס ווערן אויפגענומען איבעראַל אין אַלע הויך־אינטעלעקטועלע קרייזען. הער ווילא קען זעהר גוט שילדערן די אידישע לאַגע, זיין סטיל איז אַ גלענצענדער און זיינע ווערטער וועקען און מונטערן פאַר אַ קאָלאָסאַלער פאָלקס־באַוועגונג וואָס זאָל האַרמאָנירען מיט אַלע ביזאַהעריגע טיילבאַרע פּאָליטישע אַקציעס. ער איז, אַזוי צו זאָגען, דער „באַהן־ברעכער" פאַר אַ נייער סיסטעמאַטישער קאָמפּראָמיסליכער אידי־אָלאָגיע אין ציוניזם צו גונסטען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק אַלס דער יסוד היסודות פון ציוניזם.

הער **ווילא** איז אַ הונדערט פּראָצענטיגער ציוניסט. זיין ציוניסטישער אידיאל ענטהאַלט אין זיך אַ קאָמבינאַציע פון דר. הערצל׳ס פּאָליטישען בליק, פון אחד־העם׳ס גייסטיגען שוואונג, און פון הער אוסישקינ׳ס אימפּולסיווען דראַנג. דאָס איז אַ דרייפאַכיגער ציוניזם אין איין פּערזאָן וועלכער האָט אין זינען די אחדות פון גאָט, די גאַנצקייט פון פאָלק ישראל, די זיכערקייט פון תורה מן השמים, און די נויטווענדיגקייט פאַר אַ שנעלער רעאַליזאַציע פון דער גאולה.

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט הער **ווילא** איז געשעהן דורך די פּיעלע ספרים פון זיין גרויסען פאָטער, דער באַריהמטער גאון און אביר הדרשנים, הרב יקותיאל ווייס זצ״ל פון אונגאַרן. דורך די בליציגע תורה־שטראַהלען פון דעם פאָטער האָב איך דערשפּירט אויך דעם זוהנ׳ס וועזענט־ליכקייט. דער פאָטער ערשיינט, אין זיינע ספרים, אַלס אַן אַלזייטיגער בקי און חריף אין אַלע צווייגען פון דער תורה שבכתב און תורה שבעל־פּה, און אויך דער זוהן דופּליצירט זיין פאָטער מיט שאַרפקייט און בקיאות אין אַלע פאַזען פון אידיאַלער הויכקייט, פון געפיהלפולער טאָפּפערקייט, און פּסיכישער קלאָהרקייט.

אגב, וויל איך דאָ באַמערקען אַז די דאָזיגע ספרים זיינען אי פון גרויסען פאַרנעהם און פון נאָכגרעסערן אינהאַלט. ניט נאָר זיינען זיי וויכטיג פאַר רבנים לומדים און דרשנים נאָר אויך זיינען זיי זעהר אַפּעטיטנע און געשמאַק פאַר אַלע קלאַסען אידען וועלכע קענען שנעל אויסגעפינען אין זיי א סך ענט־פערס, וואונקען און אויסטייטשונגען אויף פּיעלע וויכטיגע פּונקטען אין תנ״ך, תלמוד, מדרשים, ילקוטים, פוסקים, מפרשים, א. א. וו.

איך האָב דאָס בלויז באַמערקט אגב־אורחא, אום צו געבען דעם לעזער אַ באַגריף אויך וועגען דער „שלשלת היוחסין״ פון הער **ווילא** אלס אַ צוגאָב צו זיין „יחוס עצמו״.

און דאָך, ווען איך האָב געלעזען די באַשרייבונגען וואָס די אַרגענטינער רבנים, עסקנים, פּאָלקס־פּאַרטרעטער, וויסענשאַפטסלייט, ליטעראַטען און זשורנאַליסטען, האָבען געשריבען און גערעדט וועגען הער ווילא*) האָב איך געפיהלט אַז דאָס אַלעס איז בלויז „אפס קצהו תראה וכולו לא תראה״ (אנ־שטאט תראה מיט אַ חירק, לייען תראה מיט אַ פּתח . . .), ווייל זיי אַלע שטעהן דאָך נאָהענט צו איהם און זיי האָבען, וואַהרשיינליך, ניט געוואָלט וועה־טאָן זיין כאַראַקטעריסטישען עניוות געפיהל. הרב דר. קליין, וועלכער איז אַליין

*) „די אידישע צייטונג״ פון יאַנואַר 26 1941, און די בראָשורע „אין טריט פון געפּאַנצערטען גלויבען״ אַרויסגעגעבען פון שול „אחדות ישראל דבעלגראַנאָ״.

אן ענו, האט געמוזט רעדען זעהר באשיידען. דר. שטיינגארט, פרעזידענט פון „בני ברית“, ווען ער האט געשילדערט הער ווילא אין א זעהר שפרודעל־דיגער שפראך, האט ער אבער געמוזט קירצען. ווען דר. העלמאן, פארטרע־טער פון „אידישען וועלט קאנגרעס“, איז ארויסגעקומען מיט גרויס שוואונג אין זיין פארטראג, פיהלט מען דאך זיין איינגעהאלטענקייט. אויך הער צבי יהודה ראבינאוויטש, מיטגרינדער פון לאקאלען „מזרחי“, היט זיך מיט זיינע טיפזיניגע ווערטער אום ניט פוגע צו זיין הער ווילא׳ס עניוות. און אזוי זיינען אלע אנדערע חשובים, ווי: דר. סווערדזשענסקי, פארשטעהער פון דער וועלט־צענטראלער „מכבי“; דר. קאסע מירלמאן, פרעזידענט פון דער „נייער ציוניסטישער ארגאניזאציע“; הער טראצקי, פון ארט־אזע; דר. דאניעל; הער גרוזמאן, רעדאקטאר פון „שפיגעל“; און נאך פיעלע אנדערע, כאטש זיי האבען אלע גערעדט מיט ערנסטער אופריכטיגקייט דאך, איז עס קענטיג אז די עניוות פון הער ווילא איז געשטאנען פאר זייערע אויגען און דאס האט זיי אפגעהאלטען פון ארויסצוברייגען פראנק און פריי זייערע גע־פיהלען וועגען די פערזאן ווילא וואס איז זיי אזוי שטארק „איינגעבאקען אין הארצען“, און דעריבער האב איך איצט דעם פארגעניגען צו שרייבען וועגען הער ווילא זייענדיג ווייט אוועק פון איהם וואו זיין עניוות געפיהל שטערט מיר ניט אין מיין באגעהר ארויסצוברייגען דעם סאמע עסענץ פון זיין פערזענ־ליכקייט.

און צום סוף וויל איך צוגעבען נאך איניגע כאראקטעריסטישע אויס־צוגען וועגען דעם דאזיגען „כי יעקב בחר לו ה׳“ איד, לויט ווי איך האב זיי באקומען פון דעם משכיל און צורבא דרבנן הער יוסף קרולעוועצקי, וועלכער איז א שכן־קרוב און א ידיד נאמן פון הער ווילא, און אט וואס ער שרייבט:

„הער ווילא איז א איד א „יקר המציאות“. ער פערזאניפיצירט א בוקעט פון די שעהנסטע גייסטיגע בלומען און רויזען. הויך קולטורעל און זעהר פרום; רעספעקטפולער אריסטאקראט און דאך אינטימליכער פילאנ־טראפ און מענשענפריינד. איך טרעף איהם דריי מאל א טאג אין שוהל ביים דאווענען און ביים לערנען דעם „בלאט“. שבת און יום־טוב קומט ער מיט זיין פאמיליע צופוס, א ווייטקייט פון עטליכע קילאמעטער, אין דערזעלבער שוהל. אידען דערצעהלען מיר שטילערהייט, איינער ניט וויסענדיג פון דעם צווייטען, אז ווען ניט הער ווילא וואלטען זיי בשום אופן ניט געקענט זיך איינארדנען דא אין לאנד, אבער הער ווילא זעלבסט וויל ניט אז מען זאל איהם דערמאנען וועגען זיין „צדקה בסתר“. עס איז צו שטוינען ווי אזוי דער דאזיגער הויך קולטורעלער אינדוסטריאליסט שפרודעלט מיט אזא גרויסע

ליבשאַפט צו יעדען פשוט'ן און אָרעמען איד. ער איז אַ הונדערט פּראָצענ־טיגער איד ביי זיך אין הויז און אויך אַ דעמאָנסטראַטיווער פייערדיגער איד אין גאַס „לעיני כל הגויים" . . .

„הער ווילא — שרייבט ווייטער דער אויבענדערמאָנטער הער קרולע־וועצקי — איז אַ געבוירענער אין אונגאַרן. ער שטאַמט פון אַ משפחה מיוחסת פון גרויסע תלמידי חכמים און גבירים. זיין פאָטער איז געווען אַן אויסגע־קליבענער פון דעם בעל „שבט סופר", אין דער פּרעשבורגער ישיבה, אַלס אַ חתן פאַר זיין מוטער, גאָר אַ גרויסע מיוחסת. הער ווילא זעלבסט האָט געהאַט געלערנט אין דער ישיבה אין אונסדאָרף ביי ר' שמואל ראָזענבערג און ר' משה סופר, און אויך אין פראַנקפורט ביי ר' זלמן ברויער. אין אַ צייט שפּעטער איז הער ווילא, אַלס אַ בחור אין פּאַריז, געשטאַנען פאַר אַ צייט־ווייליגען פּראָבלעם פון חלול שבת געצוואונגענערהייט אָבער זיין עקשונת'דיגע פרומקייט האָט איהם געראַטעוועט פון חלול שבת און צוזאַמען דאַמיט איז ער אויך געראַטעוועט געוואָרען פון אַ גרויסען אומגליק טאַקע דורך אַ נס. גלייך נאָכדעם איז ער געקומען אין אַרגענטינא מיט בלויז זיבען און אַ האַלב פּעזעס (קאַרגע צוויי דאָלאַר) אין קעשענע און אין פערלויף פון די לעצטע צוואַנציג יאָהר האָט ער זיך אַרויפגעאַרבייט צו זיין גאָר הויכען שטאַנד.

„הער ווילא האָט, אין פערלויף פון דער צייט, געמאַכט עטליכע רייזעס נאָך אייראָפּא און ארץ־ישראל און אויף איינע פון די רייזעס איז ער, צום צווייטען מאָל, ניצול געוואָרען פון אַ זיכערן טויט אין דעם זכות פון דער מצוה „כבוד אב ואם" כאָטש די דאָזיגע מצוה האָט איהם דאַמאָלסט געקאָסט זעהר אַ גרויסען געלט־פּאַרלוסט.

אָט דאָס איז די ליכטיגע און דורכזיכטיגע פּערזענליכקייט פון הער ווילא מיט אַלע זיינע אינערליכע און אויסערליכע מדות טובות און איך בין זיכער אַז ווען דער באַריהמטער אידישער היסטאָריקער פון אַרגענטינא, דער אהוב־וחביב־ונחמד'יגער משכיל, הער דוד גאָלדמאַן, דער מחבר פון דעם זעהר וויכטיגען און נוצליכען בוך, „די אידען אין אַרגענטינא", וועט אַרויסגעבען זיין צווייטען בוך, דאַן וועט הער ווילא געוויס פאַרנעמען זיין פאַרדינטען פּלאַץ אין דעם בוך.

איך ווינש מיין גוטען־פריינט הער חיים יעקב ווילא מיט'ן ביבלישען אויסרוף:

„לך בכחך זה והושעת את ישראל!"

ד ע ר  מ ח ב ר.

# העלדען און כאַראַקטערען פון ראָמאַן:

## די חשמונאים פאַמיליע

**מתתיהו הכהן** (מאַטיסיאַהו): דער הויפּט פון דער **חשמונאים** פאַמיליע.

### די פינף זיהן פון מתתיהו:

**יהודה המכבי** (יעהודאַ): העלדישער מיליטאַריסט און גרינדער פון די מאקאבייער לעגיאָנען.

**יונתן הופסי** (יאָנאָסאַן): קלוגער דיפּלאָמאַט און עטנארך פון ארץ ישראל.

**שמעון התסי** (שימאָן): פעהיגער מיליטאַריסט און דיפּלאָמאַט.

**אלעזר** (עלאָזאַר): פעהיגער רעוואָלוציאָנער און פיהרער פון די מאַקאַ-בייער.

**יוחנן** (יאָכאָנאָן): געטרייער רעוואָלוציאָנער און אַרויסהעלפער פון זיינע ברידער.

**תלמי** (טאַלמיי): דער אײדים פון **שמעון** התסי. גובערנאַטאָר פון יריחו.

### אַרויסהעלפער פון די חשמונאים:

**דבורה** (דוואָראַ): מיט איהר **מוטער** די אלמנה אין דער שטאָט רמה.

**חנה** (כאַנאַ): מיט איהר **מאַן** און זייערע **זיבען קינדער** אין רמה.

**רוחמה** (רוחאמא): אַ געטרייע דינסט ביי די **חשמונאים**.

**צפניה** (צפאַניאַ):
**מנחם** (מענאַכעם):
} צוויי געטרייע הויפּט־דינערס ביי די **חשמונאים**.

### הויפּטלינגע פון דער חסידים סעקטע:

**חוניו** (כאָניאָ) „דער דריטער": כהן גדול אין בית המקדש אין ירושלים

**חוניו** (כאָניאָ) „דער פערטער": אַ זוהן פון חוניו „דער דריטער", גרינדער פון „מקדש חוניו".

**אַנטיגנוס** „איש סוכו": דער גרעסטער און עלטסטער רבי אין ירושלים. תלמיד פון שמעון הצדיק.

**אלעזר הצדיק**: אַ פּראָמינענטע פרומע פערזענליכקייט אין ירושלים.

**יוסי בן יועזר**
**יוסי בן יוחנן**
} צוויי תלמידים פון אַנטיגנוס. די ערשטע פּאָאר פון די, אַזוי גערופענע, „פינף־פּאָארלאַך" פון די גרעסטע אידישע חכמים.

**יהושע בן פרחיה**
**נתאי הארבלי**
} צוויי תלמידים פון יוסי בן יועזר. די צווייטע פּאָאר פון די, אַזוי גערופענע, „פינף־פּאָארלאַך" פון די גרעסטע אידישע חכמים.

**בילגה הכהן**: זעהר אַ חשוב'ער כהן און אַ הויפּטלינג פון אַ „משמר כהנים"
**צפורה**: די פרומע פרוי פון דעם כהן בילגה.
**מרים** אָדער **מאַריאַמא**: די אויסגעלאַסענע אַפּיקורסישע טאָכטער פון בילגה.
**הירקאַנוס** (זוהן פון יוסף בן טוביה): זעהר אַ רייכער מאַן. אַ פּריינט פון די חשמונאים.
**חוני המעגל** (כאָני האַמאַגאַל): אַ פיהרער פון דער **איסיים** סעקטע.
**נדב** (נאַדאָוו): אַ מיטגליעד פון דער **איסיים** סעקטע. זיין **פרוי** און **קינד**.
**מנוח** (מאַנאָאַך): אַ פרומער מאַן אין דער שטאָט בית־לחם נעבען ירושלים.
**שולמית** (שולאַמיס): אַ גרויסע שעהנהייט, טאָכטער פון **מנוח**.
**אבשלום** (אַווּשאָלאָם): אַ פרומער און גוטהערציגער יונגערמאַן אין ירושלים.
**אביגיל** (אַוויגאַיִיל): די גאָטספאָרכטיגע פרוי פון אבשלום.

## העלדישע פיהרערס פון די מאַקאַבייער:

**יואש** (יאָאָש); **שפטיה** (שפאַטיה); **זבדי** (זאַוודי); **שמעיה** (שמאַיאָ); **יורם** (יאָראָם); **עזריה** (אַזאַריאָ); **יהויריב** (יעהאָיאָריוו); **אבינועם** (אַווינאָאַם); **חפני** (כאָפני); און נאָך.

## הויפּט פיהרערס פון די מתיונים (גריכיזירטע אידן)

**יאַזאָן**: אַ ברודער פון כהן גדול חוניו „דער דריטער". אַ פאַררעטער.
**מענעלאָס**: אַ פאַסקודנער משומד און א מסור.
**ליסימאַכוס**: אַ ברודער פון מענעלאָס. אַ שרעקליכער לומפּ און אַ מערדער.
**אלקימוס** (אָדער יקום־איש־צרורות): אַ פלימעניק פון רבי יוסי בן יועזר.
**נתניה** (נעסאַניאָ): אַ שוואַכזיניגער אפּיקורוס אין מודעין.

## סיריש־גריכישע קעניגע:

**אַנטיאָכוס „דער דריטער"**: אָדער אַנטיאָכוס „דער גרויסער".
**סעלעקוס „דער פערטער"**: עלטסטער זוהן פון אַנטיאָכוס „דער דריטער".
**אַנטיאָכוס עפּיפאנעס**, אָדער אַנטיאָכוס דער רשע: צווייטער זוהן פון אַנטיאָכוס „דער דריטער".
**אַנטיאָכוס עאָפּאַטער**: אַ זוהן פון אַנטיאָכוס עפּיפאנעס.
**דימיטריאוס**: דריטער זוהן פון אַנטיאָכוס „דער דריטער"; אָנקעל פון אַנטיאָכוס עאָפּאָטער.
**אַלעקסאַנדער באלאס**: אַ צווייפעלהאַפטער זוהן פון אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס.

**דימיטריאוס**: אַ זוהן פון דימיטריאוס דער צווייטער.
**אַנטיאָכוס סידעטעס**: אַ זוהן פון אַלעקסאַנדער באַלאַס.
**מאַסטראַאַ** אָדער **מאַסטאָרא**: די געליבטע פון אלעקסאַנדער באלאס.

## סיריש־גריכישע גענעראַלען, מיניסטאָרען און אַפּיצערען.

הילִיאָדאָרוס; ליזיאַש; גאָרגיאַס; ניקאַנאָר; אַפּאָלאָניוס; באַקכידעס; טריפאָן; פיקאַראָס; היראָטאָס; קרעטאָס; גאַרניקוס; אַפּעלעס; פּיליפּוס, און נאָך.

## כאַראַקטערע פון אַנדערע פעלקער:

**פּטאָלמעאָס פילאָמעטער**: קעניג פון עגיפּטען.
**פּרינצעסין**: טאָכטער פון פּטאָלמעאָס פילאָמעטער.
**לוציא**: עגיפּטישע פּרימאַדאָנאַ און קאָמפּאַניאָן פון דער פּרינצעסין.
**פּאָמפּעאוס**: אַ רוימישער גענעראַל, דער זיידע פון דעם שפּעטערדיגען פּאָמפּעאוס אין ירושלים.

**נעבאַטים**
**עמונים**
**אדומים**
**מואבים**
נעמען פון פעלקער אויפן מזרח זייט פון ירדן; רעוואָלוציאָנער־ריש געשטימט געגען דעם סיריש־גריכישען רעזשים, און שונאים פון די אידען.

## סעקטעס ביי אידען און גאָר וויכטיגע שטעט:

**חסידים** אָדער **פרושים**: שטרייגג רעליגיעזע און טראַדיציאָנעל־נאַציאָנאַלע אידען.

**מתיונים** (מיסיאָוונים): גריכיזירטע אַפּיקורסים און אַסימילאַטאָרישע אידען.
**איסיים**: עקסטרעם פרומע אידישע נזירים (אָדער אַסקעטען־מאָנקס).
**ירושלים**: די הויפּט שטאָט פון ארץ־ישראל (אָדער יודעא).
**מודעין** (מאָדאאין): אַ שטעטעל צווישען ירושלים־יפו וואו די חשמונאים האָבען געוואוינט.

**אַנטיאָכיע**: די הויפּט שטאָט פון דער סיריש־גריכישער מלוכה.
**עילם** (עילאָם): די הויפּט שטאָט פון מעסאָפּאָטאמיע (היינטיגע איראַק).
**העליאָפּאָליס**: אַ וויכטיגע שטאָט אין עגיפּטען. דאָרטען איז געשטאַנען דער „**מקדש חוניו**“.

# איינלייטונג צום ראָמאַן

אין די יאָהרען 332—331, פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג, האָט אַלעקסאַנדער מוקדון, דער יונגער העלדישער קעניג פון מאַצעדאָניע גריכען־לאַנד, באַזיגט די ריזיגע פערסישע אימפעריע. דאָס קליינע לאַנד ארץ ישראל, וועלכעס איז ביז דאַמאָלסט געווען אונטער'ן פערסישען יאָך, איז אויך אַרונטער אונטער דעם גריכישען רעזשים פון דער נייער אויפבליהענדער אימפעריע פון מאַצעדאָניע. די דאָזיגע פּאָליטישע ענדערונג אין ארץ ישראל איז באַקאַנט אין דער אידישער היסטאָריע מיט'ן נאָמען „גלות יון".

די ערשטע 9 יאָהר, וואָס ארץ ישראל איז געווען אונטער דער ליבעראַלער פיהרערשאַפט פון'ם קלוגען און טאָלעראַנטען קעניג אַלעקסאַנדער מוקדון, זיינען געווען גליקליכע יאָהרען פאַר די אידען. אָבער אַזוי גיך ווי אַלעקסאַנדער איז געשטאָרבען גאַר פּלוצלינג, אינ'ם יאָהר 323, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ שוואַרצע כמאַרע איבער ארץ ישראל. די עטליכע הויפּט גענעראַלען פון אַלעקסאַנדער'ן האָבען אָנגעהויבען זיך אַרומצורייסען וועגען דער צעטיילונג פון דער גרויסער גריכישער אימפעריע, ווייל אַלעקסאַנדער האָט נישט איבערגעלאָזען קיין אייגענעם געזעצליכען זוהן אַלס טראָן־נאָכפאָלגער.

אין פאַרלויף פון עטליכע יאָהר איז די גריכישע אימפעריע צעטיילט געוואָרען אין פיר באַזונדערע מלוכות. צוויי פון די דאָזיגע באַזונדערע מלוכות זיינען געווען: די גריכיש־סירישע און די גריכיש־עגיפּטישע. ארץ ישראל איז באַלד פאַרכאַפּט געוואָרען פון דער גריכיש־עגיפּטישער מלוכה אונטער דער הערשאַפט פון דער טאָלמייער דינאַסטיע, וועמעס הויפּט שטאָדט איז געווען אלעקסאַנדריע אין עגיפּטען.

פאַרשטעהט זיך, אַז די גריכיש־סירישע מלוכה אונטער דער הערשאַפט פון דער סעלעקוס דינאַסטיע, וועמענס הויפּט־שטאָדט איז געווען אַנטיאָכיע אין סיריע, האָט פאַרפיהרט גאַר אָפטע מלחמות מיט דער עגיפּטישער מלוכה מיט'ן צוועק אָפּצונעהמען צוריק ארץ ישראל, וועלכע ליגט צווישען סיריע און עגיפּטען. אין פאַרלויף פון 120 יאָהר נאָכ'ן טויט פון אַלעקסאַנדער מוקדון איז ארץ ישראל איבערגעגאַנגען ביי אַ 5־6 מאָל פון דער עגיפּטישער מלוכה צו דער סירישער מלוכה און פאַרקעהרט.

די דאָזיגע אָפטע מלחמות צווישען סיריע און עגיפּטען. צוליב ארץ ישראל, האָבען פאַראורזאַכט גרויסע צרות צו די אידען. אויסער די מאַטע־

ריעלע שוועריגקייטען און עקאָנאָמישע דעפּרעסיעס, וואָס אַזעלכע מלחמות האָבען פּאַראורזאַכט צו דער קליינינקער ארץ ישראל, זיינען אויך געשאַפען געוואָרען פּאָליטישע צאַנקערייען צווישען די אידען זעלבסט; פיל אידען האָבען געהאָלפען דער עגיפּטישער מלוכה אָנצוהאַלטען איהר פּראָטעקטאָראַט איבער ארץ ישראל, אָבער פיל אַנדערע אידען האָבען אַרויסגעוויזען גרויס פּאַטריאָטיזם צו דער סירישער מלוכה.

דערוויל זיינען פאָרגעקומען גאָר ערנסטע ענדערונגען ביי די אידען אין זייער רעליגיעזען און סאָציאַלען לעבען. דער יונגער עלעמענט און די רייכערע אידען האָבען גאָר שנעל איבערגענומען דעם גריכישען אָרט לעבען: מען האָט אָנגעהויבען הוליען, טאַנצען, טרינקען, און פאַרברענגען אין פאַר־שידענע סאָרטען ספּאָרטס. די אידישע מאָראַל און עטיק איז צעשטערט געוואָרען, די פרומקייט איז פאַרוואָרפען געוואָרען און די יוגענט האָט זיך אָנגעהויבען צו אַסימילירען מיט די גריכען.

די דאָזיגע גריכישע אידען האָט מען אַ נאָמען געגעבען מתיונים אָדער העלעניסטען. די פרומע אידען, די כהנים, און געלערנטע, האָבען זעהר פיל געליאָרעמט קעגען די פרעכע מתיונים, אָבער זייער געשריי איז געווען נוצלאָז. די כוואַליע פון אַסימילאַציע און אַפּיקורסות איז געוואָרען שטאַר־קער מיט יעדען טאָג.

אַזוי זיינען אַריבער פיעל יאָהרען. אָבער גאָר פּלוצלונג, אין יאָהר 187 פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג, האָט אויפגעשטראַלט אַ נייע ליכט אין ארץ ישראל. עס איז אויפגעוואָקסען אַ נייע אידישע פאַמיליע מיט'ן נאָמען „די חשמונאים". די דאָזיגע פאַמיליע האָט געצויגען איהר אָפּשטאַם פון די עלטסטע חשוב'סטע כהנים פאַמיליעס פון גאָר אַלטע צייטען, אָבער איהר הויפּט פּראַכט און גלאַנץ האָט זיך אַנטדעקט אין דער צייט, ווען אונזער ראָמאַן הויבט זיך אָן.

די חשמונאים פאַמיליע איז דאַן באַשטאַנען פון אַ פאָטער מיט זיינע פינף זיהן. דער אַלטער פאָטער, מתתיהו הכהן, איז געווען דער אַנער־קענטער גרעסטער אויטאָריטעט ביי די אידען אויף די געביטען פון פרומקייט, נאַציאָנאַלען שטאָלץ, פּאָליטישער געשייטקייט און גוטסקייט. זיינע פינף זיהן: יהודה, יונתן, יוחנן, שמעון און אלעזר, זיינען געווען געראָטען אין זייער פאָטער. די דאָזיגע פינף ברידער זיינען געווען עכטע גייסטיגע ריזען פונקט ווי זיי זיינען געווען פיזישע גבורים.

די געפילען פון דער חשמונאים־פאַמיליע זיינען געווען זעהר נאָבעל און פול מיט קוראַזש. זיי זיינען באַרימט געוואָרען איבעראַל פאַר זייער

נאַציאָנאַלער עקשנות, פאַר זייער ליבע צו גאָט, צום פאָלק ישראל און צו זייער לאַנד אַרץ ישראל. זיי האָבען זיך נישט געשראָקען פאַר קיינע שוועריגקייטען אין זייערע אידעאַליסטישע שטרעבונגען צו מאַכען ארץ ישראל אומאָפּהענגיג פון די גריכישע הערשער און צו פאַרטיליגען די בייזע אפיקורסים מתיונים און בכלל צו פאַרשעהנערען און צו באַפעסטיגען די אידישע טראַדיציע.

פאַרשטעהט זיך, אַז מתתיהו מיט זיינע פינף זיהן זיינען געוואָרען די הויפּט פיהרער פון דאַמאָלסדיגען אידענטום אין ארץ ישראל, ווייל אויסער זייער גרויסער טאַפּפערקייט און קלוגהייט, זיינען זיי געוועזן זעהר רייך און קאַמפּס־לוסטיג.

אין דער צייט פון אונזער געשיכטע איז די חשמונאים פאַמיליע געזעסען אין זייער פּראַכטפולער היים אויפ'ן באַרג מודעין (מאָדאַאין), צווישען די שטעדט ירושלים און יפו. ארץ ישראל איז דאַמאָלסט געוועזן אונטער'ן רעזשים פון דער סיריש־גריכישער מלוכה, וועמעס הויפּט־שטאָדט איז געוועזן אַנטיאָכיע אין סיריע. דער דאַמאָלסדיגער סירישער קעניג איז געוועזן „אנטיאָכוס דער גרויסער", דער דאַמאָלסדיגער כהן גדול אין בית המקדש אין ירושלים איז געוועזן „חוניו דער דריטער", אַ שטילער, עהרליכער און פרומער איד, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין פּאָליטישע שטאַרקייט, און דעריבער האָבען די מתיונים־אידען געקענט טאָן וואָס זייער האַרץ האָט געוואָלט.

## ערשטער קאַפּיטעל

# די באַגעגעניש מיט'ן פאַררעטער

צווישען די געדיכטע בערג, וועלכע ציהען זיך צווישען די שטעדט מודעין און ירושלים, האָבען געריטען צוויי העלדישע רייטערס אויף זייערע האָסטיג־גאַלאָפּירענדע פערד.

די זון האָט שוין געהאַלטען ביים פאַרגעהן אונטער דעם ווייטען מערב'דיגען האָריזאָנט און האָט נאָך אוספייעט צו וואַרפען איהרע לעצטע ליכט־שטראַלען אויף די הויכע שפּיצען פון די „יודאַאישע" בערג, צווישען וועלכע די צוויי רייטערס האָבען זיך געיאָגט מיט גרויס אימפּעט.

די געזיכטער פוןביידע רייטערס האָבען אויסגעדריקט אַ טיפע ערנסטקייט און גרויס זאָרג. זיי האָבען געטריבען זייערע פערד אָהן אויפהער, מיט'ן באַגעהר וואָס שנעלער צו דערגרייכען צו זייער ציל אין ירושלים.

— דו ווייסט ? יהודה, — האָט דער עלטערער רייטער, וועמעס נאָמען איז געווען מתתיהו, פלוצלונג אַ זאָג געטאָן צו זיין זוהן — איך צווייפעל, אויב אונזער וויזיט ביי׳ם כהן גדול וועט זיין דערפאָלגרייך.

— מיר מוזען אָנווענדען אַלע ארגומענטען, אום איהם צו באַוועגען אַז ער זאָל דורכפיהרען אונזער פּלאַן — האָט יהודה געענטפערט.

— דו ווייסט דאָך אָבער, אַז דער כהן גדול איז צופיל נאַאיוו און תמימותדיג — האָט מתתיהו אָפּגעזיפצט און האָט ווידער גענומען רעדען:

— ער וועט גאָרנישט קענען באַגרייפען די ערנסטקייט פון אונזער איצטיגער לאַגע. ער גלויבט נאָך אַלץ אַז דער סירישער קעניג, „אנטיאכוס דער גרויסער", איז אַן אמת׳ער אידענפריינד, ווייל ער האָט אַ פּאָר מאָל געגעבען מתנות פאַר׳ן בית המקדש.

— וועלן מיר איהם דערקלעהרען אַז ער מאַכט אַ טעות, — האָט יהודה געענטפערט. — מיר וועלען איהם איבערצייגען אַז אַנטיאָכוס איז איצט געוואָרן שרעקליך ווילד צוליב זיין פאַרשפּילטער מלחמה מיט די רוימער, צו וועמען ער דאַרף צאָלען גרויסע צינזען, און אַזוי ווי די סירישע מלוכה־קאַסע איז ליידיג, דעריבער האָט אַנטיאָכוס זיך אַוועקגעלאָזען מיט אַן אַרמיי נאָך דער שטאָדט עילם אין מעסאָפּאָטאמיע, אום דאָרטען צו באַראַבעווען די פילע אוצרות פון דעם דאָרטיגען געצענדינערישען טעמפּעל, און וויבאַלד אַז אַנטיאָכוס קאָן ווערען אַ רויבער, זיינען מיר דאָך ניט זיכער אַז ער וועט ניט קומען אויך אַהער נאָך ירושלים צו באַרויבען די אידישע אוצרות פון בית המקדש.

— דו ביזט גערעכט, מיין זוהן, — האָט מתתיהו צוגעשטימט.

— עס איז ווירקליך צום באַדויערען וואָס די אידישע לאַגע האָט זיך איצט נאָך מעהר פאַרערגערט — האָט יהודה ווידער אָנגעהויבען צו רעדען:

— איך געדענק נאָך די פאָריגע מלחמה צווישען אנטיאָכוס׳ן מיט׳ן עגיפּטישען קעניג טאָלמיי. מיר, אידען, האָבען דאָך געמוזט, ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג, העלפען אונזער סירישען קעניג אנטיאָכוס׳ן וועלכער רעגירט איבער אונזער לאַנד. מיר האָבען דעמאָלט מיטגעשיקט, מיט דער אַלגעמיינער גריכישער אַרמיי, אונזער אידישען לעגיאָן פון צעהן טויזענט סאָלדאטען. ווייסטו, פאָטער, וויפיל אונזער לעגיאָן האָט אונז געקאָסט ?

— ניט געענוי — האָט מתתיהו געענטפערט.

— אויב אַזוי, וועל איך דיר אויסזאָגען — האָט יהודה געענטפערט — אונזער אידישער לעגיאָן, וואָס מיר האָבען מיטגעשיקט נאָך עגיפּטען צו העלפען דער סירישער מלוכה, האָט אונז דאַמאָלסט געקאָסט אַריבער 200

טויזענט שקלים. עטליכע הונדערט אידען זיינען געפאַלען טויט אויפ'ן שלאַכט־פעלד און אַ צוויי טויזענט אידען זיינען צוריקגעקומען פאַרקריי־פּעלטע.

— יע, — האָט מתתיהו אָפּגעזיפצט — פון די פאַרקריפּעלטע אידען קאָן איך קיינמאָל ניט פאַרגעסען, ווייל אונזער חנה דערמאָנט עס מיר יעדען טאָג. שוין היבשע עטליכע יאָהר זינט חנה'ס מאַן איז צוריקגעקומען אַ פאַרקריפּעלטער פון דער מלחמה און ער קען ניט אַרבייטען, און זי, חנה, מוז נעבעך אַרבייטען ביי אונז צו הויז אַלס באַלעבאָסטע אום צו פאַרדינען אויף אַ לעבען פאַר איהר פאַרקריפּעלטען מאַן מיט איהרע זיבען קינדער.

מתתיהו האָט זיך אָפּגערוהט אַ ביסעל און האָט ווידער אָנגעהויבען צו רעדען:

— דו הערסט, יהודה, איך האָב גרויס עגמת נפש פון דער פרומער חנה'ן. שטעל זיך נאָר פאָר, אַז אַזאַ יונגע פרוי, פול מיט ענערגיע און מוט, מוז נעבעך פיהרען אַזאַ געפּלאָגטען לעבען: איהר מאַן מיט די קינדער וואוינען אין „רמה" און זי אַליין געפינט זיך אין אונזער הויז אין מודעין. וויפיל איז האָב ניט איינגע'טענה'ט מיט איהר, אז זי זאָל כאָטש איינמאָל אין מאָנאַט צופאָהרען צו איהר מאַן אין „רמה" און דאָרטען פאַרוויילען עטליכע טעג, וויל זי ניט פאָלגען. זי זאָגט אַז זי טאָר דאָס ניט טאָן, ווייל זי וויל ניט נעהמען אומזיסטע באַצאָלונג פאַר די עטליכע טעג וואָס זי וואָלט דאַרפען אויסענבלייבען פון אונזער הויז.

— אָבער זי דאַרף דאָך פאַרשטעהן, אַז אַ פרומע אידישע טאָכטער טאָר ניט פיהרען אַזאַ צעריסענעם פאַמיליען־לעבען מיט איהר מאַן . . .

— האָט יהודה באַמערקט.

— נו, אדרבא, טענה דו מיט איהר — האָט מתתיהו געענטפערט.

— איך קען שוין גאָרניט פועל'ן ביי איהר. אָט האָב איך אנומעלטן פּרובירט אויספיהרען, אַז דער „לחם לעניים" פאָנד אין ירושלים זאָל איהר געבען מאָנאַטליכע שטיצע, אַבי זי זאָל זיך צוריקקעהרען צו איהר מאַן און קינדער אין „רמה" און פיהרען אַ ריכטיגען פאַמיליען־לעבען, האָט אָבער חנה זיך ענטזאָגט צו נעהמען צדקה־געלט.

— זי באַזיצט טאַקע אַ הויכע און זויבערע נשמה — האָט יהודה צו־געגעבען — זיי ווייסט פון דעם פסוק „ושונא מתנות יחיה", און דעריבער וויל זי ניט נעהמען קיין אומזיסטען שקל.

— איך האָב אָבער מורא אַז מיר זיינען ניט יוצא פאַר גאָט — האָט

מתתיהו אָפּגעזיפצעט — צוליב דעם וואָס חנה ארבייט ביי אונז אין הויז, פלאָגט זיך איהר מאַן אין „רמה“.

— וואָס זיינען מיר אָבער שולדיג אַז חנה זעלבסט ענטזאָגט זיך אָנצו־נעמען שטיצע ? — האָט יהודה געענטפערט.

מתתיהו האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, אָבער אין זעלבען מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ געריש פון אַ שנעל לויפענדען פערד און אין די נעקסטע עטליכע מאָמענטען האָבען פאָטער און זוהן באַמערקט פונדערווייטען דעם אָנקומענדען רייטער אַנטקעגען זיי.

— יהודה, האַלט גרייט דיין שווערד! — האָט מתתיהו אַ זאָג געטאָן.

— וואָס־זשע האָסטו זיך אַזוי דערשראָקען, פאָטער ? — האָט יהודה אַ פרעג געטאָן מיט אַ שמייכעל.

— ווער ? איך ? — האָט מתתיהו געענטפערט. — וואָס רעדסטו ? דו מיינסט, אַז דיין טאַטע איז שוין אַן אויסגעשפּילטער זקן ? נישט־קשה, איך וואָלט נאָך קענען זיך שטעלען אַנטקעגען עטליכע יונגע העלדען מיט אַמאָל און — — —

— אַנטשולדיג מיר פאָטער — האָט יהודה שנעל פאַרכאַפּט, זעהענדיג ווי זיין פאָטער פיהלט זיך שטאַרק פאַרשעמט פון יהודה׳ס שמייכלענדיגער באַמערקונג וועגען זיין עלטער־שוואַכקייט — איך ווייס אַז דו ביזט נאָך ברוך השם ביי אַלע חושים און מיט אַלע כחות און דערצו ביזטו אַ חשמונאי וועלכער ווייסט ניט פון קיין שרעק פאַר אַ מענטשען.

— זעה נאַר! — האָט מתתיהו אַ געשריי געטאָן צו זיין זוהן און האָט אָנגעצייגט מיט דער האַנט אויפ׳ן אָנקומענדען רייטער, וועלכער איז דער־ווילע געלאָפען אַלץ נעהענטער צו מתתיהו׳ן און יהודה׳ן.

— אַ טויט אויף איהם! — האָט יהודה א ברום געטאָן מיט גרויס אויפרעגונג און האָט שוין געוואָלט זיך אַ לאָז טאָן מיט זיין פערד אין אַ האַסטיגען גאַלאָפּ אַנטקעגען דעם אָנקומענדיגען רייטער כדי איהם צו דערשטעכען מיט זיין שווערד.

— וואַרט! — האָט מתתיהו קוים אַרויסגעהויכט אָהן אָטעם — וואַרט יהודה, ביז דער משומד וועט דאָ צוקומען. מען טאָר נישט מאַכען קיין איבעראיילטען שריט.

— פאָטער, וואָס רעדסטו ? — האָט יהודה אויסגערופען אין גרויס פאַרוואונדערונג — ווי קומט עס צו דיר אַז דו זאָלסט וועלען שאָנעווען אַזאַ נידערטרעכטיגען משומד און פאַלקס פאַררעטער ווי יאַזאָן איז ?

— איך האָב מיטלייד מיט זיין ברודער חוניו דעם כהן גדול — האָט מתתיהו געענטפערט — אַ שעהן פנים וועלען מיר האָבען אַז נאָכדעם ווי מיר וועלען איצט טויטען יאַזאָנען וועלען מיר דאַן קומען צום כהן גדול אין הויז און איהם דערצעהלען וועגען זיין ברודער׳ס טויט . . .

— איך בין זיכער אַז דער כהן גדול וואָלט אונז נאָך באַדאַנקט פאַר אַזאַ שנעלען טויט פון זיין משומד־ברודער — האָט יהודה נאָך־אַלץ ניט געוואָלט נאָכגעבען.

דערווייל איז דער רייטער אָנגעלאָפען אַנטקעגען פאָטער און זוהן און מיט אַ געמאַכטע פריינדליכקייט האָט ער אויסגערופען:

— שלום! וואָס מאַכסטו מתתיהו? און איך דו יהודה הגבור? שוין אַ לאַנגע צייט וואָס מיר האָבען זיך נישט געזעהן. וואָס הערט זיך אין מודעין?

— „אין שלום לרשעים” — האָט יהודה אַ געשריי געטאָן מיט אַ שטאַרקען צאָרן — דער גאָט פון ישראל וויל ניט אַז מיר פרומע אידען זאָלען מאַכען שלום מיט אַזעלכע רשעים ווי דו ביזט.

— אויב איך געפעל דיר נישט ווערסטו זיך נישט משדך זיין מיט מיר — האָט יאַזאָן צוריק געענטפערט מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל.

יהודה׳ס געזיכט האָט אויפגעפלאַמט פון גרויס צאָרן און אין איין מאָמענט האָט ער אַרויסגעצויגען זיין שאַרפען שווערד פון שייד און האָט געוואָלט זיך אַ וואָרף טאָן אויף יאַזאָנען, אָבער אין זעלבען מאָמענט האָט מתתיהו אָנגעכאַפּט יהודה׳ס האַנט און האָט אַ זאָג געטאָן:

— יהודה! טו דאָס נישט! די צייט וועט קומען און דער משומד וועט פאַלען פון גאָט׳ס האַנט.

דערהערענדיג אַזעלכע ווערטער פון פאָטער און זוהן, האָט יאַזאָן דער־פילט די גרויסע געפאַהר פאַר איהם. מיט אַ האַסטיגען שטויס אין זיין פערד האָט ער שנעל זיך אָפּגעטראָגען פון יענעם פלאַץ מיט אַ ווילדען גאַלאָפּ איבער די „יודאַאישע” בערג.

יהודה איז געבליבען זיצען אויף זיין פערד מיט אַ פאַרכמורעטען פנים און האָט צוגעוואָרפען עטליכע ברוגז׳ע בליקען צו זיין פאָטער פאַר דעם וואָס ער האָט איהם געשטערט צו טויטען יאַזאָנען.

— באַרוהיג זיך, מיין זוהן, האָט מתתיהו פּרובירט איינשטילען יהודה׳ס פאַרדרוס — איך בין זיכער, אַז דו וועסט געפינען אַ פּאַסאַנדערע צייט צו טויטען יאַזאָנען.

יהודה האָט גאָרנישט געענטפערט, און פּאָטער און זוהן האָבען ווידער פאָרטגעזעצט זייער וועג נאָך ירושלים און אין אָנהויב אָווענט זיינען זיי אָנגעקומען אין שטאָדט און אַזוי שנעל ווי זיי האָבען באַזאָרגט זייערע פערד אין אַ שטאַל זיינען זיי אַוועק וויזיטירען דעם כהן גדול אין זיין פּריוואַטער וואוינונג.

צווייטער קאַפּיטעל

## די קאָנפערענץ מיט׳ן כהן גדול

שטיל און רוהיג איז געזעסען דער כהן־גדול „חוניו דער דריטער“ אויף זיין ווייכען דיוואַן אין זיין פּריוואַטער שעהנער הויז אויפ׳ן באַרג ציון און האָט געטראַכט וועגען דעם טומעל וואָס עס איז היינטיגען טאָג פאָרגעקומען צווישען די כהנים אין דער „עזרה“ פון בית־המקדש. דער כהן־גדול האָט בשום אופן נישט געקענט שלום מאַכען מיט׳ן געדאַנק אַז בילגה, דער פרומער כהן וועלכער האָט געדינט אַזוי פיל יאָהרען אַלס „ממונה“ פון דעם צעהנטען „משמר“ כהנים אין בית־המקדש, זאָל אַזוי ברוטאַליש באַהאַנדעלט ווערען פון אַנדערע כהנים. אמת טאַקע, בילגה׳ס בת יחידה, די משומדת מרים, איז זעהר פרעך און פאַרשייט, אָבער וואָרום זאָל נעבאַך דער אומשולדיגער פּאָטער בילגה מוזען ליידען אַזוי פיל צרות און שאַנדע צוליב די זינד פון זיין טאָכטער? וואָרום האָט מען איהם פאַריאָגט פון בית־המקדש און אָנגעשטעלט אַן אַנדער כהן אַלס „ממונה“ איבער בילגה׳ס משמר?

דער כהן־גדול האָט געטראַכט פּלענער ווי אַזוי צו העלפען דעם פאַרשטויסענעם בילגה׳ן.

פּלוצלונג האָט זיך געעפנט די טיר און איינער פון די הויז באַדינער איז אַריינגעקומען און געמאָלדען אַז מתתיהו דער חשמונאי מיט זיין זוהן יהודה הגבור ווילען ווערען אויפגענומען פון כהן־גדול.

דער כהן־גדול האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין דיוואַן און מיט שנעלע טריט איז ער אַרויסגעקומען אין פאָדערשטען צימער, וואו די צוויי געסט זיינען געשטאַנען, און ער האָט אויסגערופען:

— ברוכים הבאים, מיינע טייערע געסט! איהר, די זיהן פון דער באַליבטער חשמונאים פאַמיליע, זייט מיר זעהר ווילקאָמען אין מיין הויז.

די געסט האָבען באַלד געענטפערט מיט אַ פריינטליכע באַגריסונג און זיי זיינען אַריינגעגאַנגען מיט׳ן כהן־גדול אין זיין פּריוואַטען צימער.

די ערשטע פּאָר מינוטען זיינען פאַראיבער אין אַ געוויינליכען שמו־

עס וועגען פאמיליע אנגעלעגענהייטען פוןביידע צדדים און גליך נאכדעם האט מתתיהו אנגעהויבען דעם ערנסטען געשפרעך:

— ווירדיגער כהן גדול! דו ווייסט דאך אז דער סירישער קעניג „אנטיאכוס דער גרויסער" האט פארשפילט די מלחמה מיט די רוימער און ער איז פארפליכטעט צו צאהלען גרויסע צינזען, אבער אזוי ווי די סירישע מלוכה־קאסע איז ליידיג, דעריבער איז דער קעניג אוועק נאך עילם מעסאפא־טאמיע מיט'ן צוועק צו בארויבען די אוצרות פון דארטיגען גרויסען טעמפעל.

— נו, איז וואס ווילסטו דריגגען דערפון? — האט דער כהן־גדול א פרעג געטאן.

— דאס איז זעהר נישט גינסטיג פאר אונז אידען — האט מתתיהו געענטפערט — ווייל ווי באלד אז אנטיאכוס האט שוין נישט קיין אנדער עצה נאר צו בארויבען די אוצרות פון רעליגיעזע טעמפלען, דאן זיינען מיר נישט זיכער מיט די אוצרות פון אונזער בית־המקדש, און — — —

— ניין, איך גלויב נישט אויף אנטיאכוס'ן אז ער זאל חלילה וועלען קומען אויך דא אין ירושלים צו בארויבען אונזערע אוצרות פון בית־המקדש — האט דער כהן־גדול שנעל פארכאפט און האט נאך צוגעגעבען: — דו, מתתיהו, ווייסט דאך אז אנטיאכוס פלעגט אימער שיקען זיין שטיצע פאר אונזער בית־המקדש, טא ווי שיקט זיך עס אז ער זאל פלוצלונג ווערען אונזער שונא?

— זאל דער כהן־גדול מיר אנטשולדיגען פאר וועלען ארויסזאגען מיין מיינונג — האט יהודה זיך ארייגעמישט אין געשפרעך: — לויט מיין מיינונג האט אנטיאכוס ניט געגעבען זיין יעהרליכע שטיצע פאר אונזער בית־המקדש ווייל ער איז טאקע א אידענפריינט, נאר ווייל ער געדענקט נאך ווי געטריי מיר אידען האבען איהם געדינט ווען ער האט פארפיהרט א מלחמה מיט'ן עגיפטישען קעניג טאלמי. מיר האבען דעמאלסט מיטגעשיקט אונזער לעגיאן פון צעהן טויזענט סאלדאטען און מיר האבען ניט גענומען פון דער סירישער קאסע קיין איינציגען שקל אויף אונזערע גרויסע הוצאות. דעריבער האט עס אנטיאכוס געוואלט ארויסצייגען זיין דאנקבארקייט צו אונז דערמיט וואס ער האט אנגעהויבען צו געבען זיין יעהרליכע מתנה פאר'ן בית המקדש. אבער איצט, ווען די רוימער האבען איהם צוגעדריקט זעהר שטארק, און ער מוז צאהלען די שווערע צינזען, וועט ער מעהר זיך נישט רעכענען מיט קיינע געפילען פון די אלע אנדערע נאציאנאליטעטען וועלכע זיינען אונטער זיין רעזשים. איצט איז ער אוועק נאך „עילם" צו בארויבען די דארטיגע אוצרות און שפעטער וועט ער געוויס קומען אין ירושלים צו בארויבען דעם בית־

המקדש, און דעריבער מוזען מיר שוין באַוואָרענען אַז די אַלע געלטער פון יתומים און אלמנות, און פון אַלע רייכע לייט וועלכע האַלטען זייערע פאַר־מעגענס אין דעם בית המקדש אוצר, זאָלען נישט אַריינפאַלען אין די הענט פון סירישען קעניג.

דער כהן־גדול האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ היבשע ווײַלע און נאָכדעם האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— איז וואָס, למשל, וואָלט געווען אייער עצה?

— מיין עצה איז אַז מען זאָל שוין אָנהויבען אַריבערצופיהרען אַלע אוצרות פון בית־המקדש אויף אַן אַנדער פלאַץ — האָט מתתיהו געענטפערט.

— מיר וואונדערט זעהר אויף דיר, מתתיהו, אַז דו זאָלסט גאָר טראַכ־טען וועגען אַזאַ אונמעגליכקייט — האָט דער כהן־גדול אויסגעדריקט זיין מיינונג — ווייסטו דען נישט אַז זייט די לעצטע עטליכע יאָהר האָבען די משומדים־אידען, די מתיונים, פאַרכאַפּט די גאַנצע פיהרערשאַפט איבער די אוצרות פון בית־המקדש? ווי אַזוי קען איך מאַכען וועלכען עס איז שריט מיט די אוצרות, אָהן די צושטימונג פון די מתיונים?

— אויב אַזוי, וועלען מיר פאַררופען אַ פאַרזאמלונג פון דעם גאַנצען מתיונים קאָמיטעט און מיר וועלען זיי דערקלעהרען גענוי די לאַגע — האָט יהודה געמאַכט אַ פאַרשלאַג.

דער כהן־גדול האָט ביטערליך אַ שמייכעל געטאָן און האָט געענט־פערט:

— יהודה, דו מאַכסט אַ טעות. די מתיונים זיינען זעהר ביטערע און גרויסע עקשנים. זיי ווילען זיך איינקויפען אין יחוס ביי די גריכען, אין אַל־געמיין, און ספּעציעל ביי דער סירישער מלוכה. אויב זיי וועלען זיך דער־וויסען אַז אַנטיאָכוס דענקט צו בעטען שטיצע ביי אונז, דאַן וועלען זיי זיכער איהם געבען. זיי וועלען גאָר ניט וואַרטען ביז ער וועט קומען באַרויבען אונזער בית־המקדש נאָר זיי אַליין וועלען אויסליידיגען אונזערע אוצרות און איהם אַוועקגעבען. טאָמער וועלען מיר, די פרומע אידען, נישט דערלאָזען אַזאַ רויבעריי, וועלען זיי אונז פאַר׳מסר׳ן פאַר׳ן קעניג אַז מיר זיינען פאַטריאָטען פאַר׳ן עגיפּטישען קעניג און אונזערע לעבענס וועלען זיין אין גרויס סכנה.

— האַלט עס דען אַזוי שלעכט מיט די מתיונים? — האָט מתתיהו אַפּגעזיפצט.

— יאָ, זעהר שלעכט, — האָט דער כהן־גדול געענטפערט. — אָט נעמט, למשל, מיין אייגענער ברודער יאָזאָן, וועמען איך האָב קיינמאָל ניט

געטאָן קיין שלעכטס, פונדעסטוועגען איז ער געוואָרען מיין ביטערסטער שונא. ער וויל מיר אַראָפּזעצען פון מיין אַמט אַלס כהן־גדול אום אַז ער זעלבסט זאָל ווערען כהן־גדול. ער איז איינער פון די הויפּט פיהרער ביי די מתיונים. נעכטען האָב איך זיך דערוואוסט אַז יאָזאָן גרייט זיך אָפּצו־רייזען נאָך אַנטיאָכיע אום מיר צו פאַר׳מסר׳ן פאַר׳ן קעניג.

— נו פאָטער! וואָס ווילסטו איצט ענטפערען? — האָט יהודה זיך געווענדעט צו זיין פאָטער מיט אַן אנגסטליכען אויסרוף — דו האָסט מיר ניט געלאָזען טויטען דעם פאַררעטער. איצט זעהסטו שוין אַליין מיט וועלכע פּלענער ער טראָגט זיך אַרום.

דערהערענדיג אַזעלכע ווערטער פון יהודה׳ן, האָט דער כהן גדול געוואָלט וויסען גענוי וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, און מתתיהו האָט איהם דערצעהלט אַז היינטיגען פאַרנאַכט ,ווען זיי, מתתיהו און יהודה, האָבען זיך צונויפגעטראָפען מיט יאָזאָנ׳ען צווישען די „יודאאישע״ בערג, האָט יהודה געוואָלט טויטען יאָזאָנ׳ען נאָר ער, מתתיהו, האָט איהם ניט דערלאָזען; אָבער איצט פאַרדריסט עס איהם זעהר שטאַרק, ווייל ער איז חושד אַז יאָזאָן איז טאַקע אַוועק פון ירושלים מיט שלעכטע אַבזיכטען קעגען זיין ברודער דעם כהן־גדול.

— מיר טאָרען נישט פאַרלירען קיין צייט — האָט יהודה אָ זאָג געטאָן, זיך אויפשטעלענדיג אויף די פיס — איך מוז ווי אַמשנעלסטען אָנ־יאָגען יאָזאָנען און איהם נישט דערלאָזען צו פאַרראַטען זיין אייגענעם ברודער, זיין אייגען פאָלק און זיין אייגען לאַנד.

דער כהן־גדול איז געבליבען שטאַרק צוטומעלט. אויך מתתיהו האָט זיך געפילט ניט באַקוועהם פון זיין זוהן׳ס פעסטען באַשלוס, אָבער איידער די צוויי עלטערע לייט האָבען אוספעיעט עפּעס אַרויסצורעדען, האָט דער העלדישער יהודה זיך אנטשולדיגט מיט אַ פריינטליכען „שלום״ און אין נעקסטען אויגענבליק איז ער אַרויס פון כהן גדול׳ס הויז און האָט באַלד אָפּגעריטען צוריק נאָך מודעין.

אַרום נאָך אַ האַלבע נאַכט איז יהודה אָנגעקומען אין מודעין און האָט שטעל אויפגעוועקט זיינע צוויי געטרייע הויז־יונגען, צפניה און מנחם, און ער האָט זיי איבערגעגעבען אָט וואָס:

— יאָזאָן דער מתיון־משומד איז אַוועק נעכטען פאַרנאַכט פון ירושלים. מיר מוזען שוין זיך נאָכיאָגען נאָך איהם און איהם טויטען איידער ער וועט אוספעיען צו פאַר׳מסר׳ן זיין ברודער דעם כהן־גדול און אויך אַלע פרומע אידען, די חסידים, פאַר׳ן קעניג. מיין פּלאַן איז אַז יעדער איינער, פון

אונז דריי, זאָל שוין אָפּרייטען אויף אַ באַזונדער וועג. דו צפניה, וועסט אָפּ־רייטען צום ירדן און אויב דו וועסט איהם נישט טרעפען אויפ׳ן וועג, זאָלסטו אַריבער דעם ירדן נאָך אדום, ווייל איך דענק אַז יאָזאָן איז געלאָפען צום גענעראַל אַפּאָלאָניוס וועלכער געפינט זיך איצט מיט זיין אַרמיי אין אדום אויף זיין עקספּעדיציע צו באַשטראָפען די רעוואָלטירענדע אַדומים. דו מנחם, וועסט אָפּרייטען צום יפו׳ער פּאָרט און אויסגעפינען אויב יאָזאָן איז נישט אָפּגעפאָהרען מיט אַ שיף נאָך אַנטיאָכיע. איך זעלבסט, וועל אַדורכ־רייטען דעם גאַנצען וועג פון די שומרון און גליל פּראָווינצען ביז דער שטאָדט „דן״ אין צפון זייט פון אונזער לאַנד, ווייל מעגליך אַז יאָזאָן איז אַוועק נאָך אַנטיאָכיע מיט דער יבשה.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און יהודה מיט זיינע צוויי העלדישע יונגען, צפניה און מנחם, האָבען אַרויסגעריטען פון מודעין, יעדער איינער אויף זיין באַזונדערען וועג, פּונקט דאַן ווען די ערשטע זונען שטראָהלען האָבען אָנגעהויבען צו באַלייכטען די אַרומיגע בערג.

## דריטער קאַפּיטעל

# דבורה וויל נישט זיין קיין קעבסווייב

אין אַ קליין נידעריג הייזקע אויפ׳ן באַרג „רמה״, וואו עס געפינט זיך דער קבר פון שמואל הנביא, זיינען יענע נאַכט געזעסען צוויי פרויען, אַ מוטער מיט איהר יונגער און זעהר שעהנער טאָכטער דבורה, און האָבען געפיהרט צווישען זיך אַן אַנגסטליכען געשפּרעך:

— מאמע! — האָט די יונגע טאָכטער אויסגערופען מיט אַ קוואַל טרערען פון איהרע אויגען — בעסער טויט מיך אַבי איך זאָל ניט אַריינפאַלען אין די הענט פון אַזאַ לומפּ.

— שטיל, דו חצופה! — האָט די מוטער אַ געשריי געטאָן, — איך וויל מעהר נישט הערען פון דיר אַזאַ וואָרט קעגען יאָזאָנ׳ען. האָסטו דען פאַרגעסען וואָס דיין גאָטזעליגער פאָטער האָט אָנגעזאָגט, דעם לעצטען טאָג פאַר זיין טויט, אַז דו זאָלסט הייראַטען מיט דעם העלדישען און חשוב׳ן כהן יאָזאָן?

— אָבער דער טאָטע האָט דאָך דאַמאָלסט ניט געוואוסט ווער יאָזאָן איז — האָט די טאָכטער צוריק געענטפערט מיט אַ געבעט אין איהר שטימע — פאַרוואָס זאָלסטו איצט מיר צווינגען קעגען מיין ווילען? און דאַצו נאָך צו אַזאַ מאַן ווי יאָזאָן, וועלכער איז אַ געפעהרליכער שווינדלער,

אַ שאַרלאַטאַן און אַן אויסוואָרף? ער האָט דאָך שוין געהייראַטעט צוויי אַנדערע פרויען און זיי האָבען געבוירען צו איהם קינדער! ווארום זאָל ער גלוסטען צו נעהמען נאָך אַ קעבסווייב? און פאַרוואָס זאָלסטו, ליעבע מו־טער, מיר צווינגען צו הייראַטען מיט אַזאַ לומפּ און ווערען פאַראומגליקט אויף מיין גאַנצען לעבען?

— ווייל דו ביזט אַ נאַרישע מויד — האָט די מוטער געענטפערט.

— וועלכע קלוגע מיידעל וואָלט זיך אנטזאָגט פון אַזאַ גליקליכען שדוך? אַ קלייניגקייט? אַזאַ רייכער מאַן ווי יאַזאָן וועלכער איז דער גאַנצער פיהרער ביי די אידען און שטאַמט פון דעם גילדענעם פאַן. ער אַליין איז אַ כהן און זיין ברודער איז כהן־גדול, און ער וויל דיך נעהמען אַלס זיין קעבס ווייב, עס וועט דיר ניט פעהלען ביי איהם קיין „פויגעל מילך״, און מיר אַליין וועט אויך פאַרגרינגערט ווערען מיין געפּלאָגטער אָרעמער לעבען אַלס אַן אלמנה טאָ פאַרוואָס־זשע ווילסטו נאָך נישט?

— אָבער פאַרוואָס מוז איך ווערען אַ קעבסווייב און ניט קיין ריכטיגע ווייב? און דאַצו נאָך צו יאַזאָנען וועלכער איז מעהר ווי צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי איך? — האָט די טאָכטער פרובירט צו אַרגומענטירען.

— ווייל מיר זיינען דאָך אָרעם און מיר שטאַמען ניט פון אַ מיוחס־דיגער משפחה, דעריבער וועט אַ חשוב׳ער כהן דיך ניט נעמען אַלס זיין ערשטע ריכטיגע ווייב — האָט די מוטער געענטפערט.

— ווער זאָגט עס דען אַז איך מוז הייראַטען נאָר מיט אַ כהן? — האָט די טאָכטער ווידער געפרעגט — איך קאָן דאָך הייראַטען מיט אַ פשוט׳ן ישראל, וועלכער וועט ניט זוכען קיין יחוס און ער וועט ניט נעהמען נאָך קעבסווייבער צו מיר . . .

— אַזוי גאָר? — האָט די מוטער זיך צעשריען אויף די הויכע טע־נער — הייסט עס אַז ביי דיר איז רעכט צו בראַקירען אַ כהן צוליב אַ פשוט׳ן ישראל? ווייסטו דען נישט די וויכטיגקייט פון אַ כהן, וועלכער טוט די „עבודה״ אין בית־המקדש, ער עסט תרומה און „מתנות כהונה״, און איז פאַררעכענט אַלס אַ הייליגער מענש.

— ביי מיר שטעהען די כהנים ניט העכער פון די פרומע ישראלים — האָט די טאָכטער ניט ווילענדיג זיך אַרויסגעכאַפּט מיט איהר ענטפער.

— אויב אַזוי, טאָ נאַ דיר מיין ענטפער אויף דיין חוצפה — האָט די מוטער אַ געשריי געטאָן און האַסטיג אַראָפּגעלאָזען איהר רעכטע האַנט מיט אַ קלינגעדיגען פּאַטש אויף איהר טאָכטער׳ס געזיכט.

ווי אַ צערייצטער טיגער האָט די טאָכטער אויפגעשפּרונגען פון איהר שטול און האָט אויסגעשריען:

— דער דאָזיגער פּאַטש האָט פונאַנדערגעריסען אונזער געמיינשאַפט־ליכע פערוואַנדשאַפט און געטריישאַפט צווישען אונז. פון היינט אָן און ווייטער וועל איך דיר באַטראַכטען אַלס מיין שונא, ווייל דו ווילסט מיך פאַרקויפען פאַר אַ קעבסווייב צו דעם לומפּיגען יאַזאָן וועלכער איז אַ משומד־מתיון און איז צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי איך. איך וועל אַנטלויפען פון דיר, איך וויל מעהר ניט פאַרבלייבען מיט אַזאַ מאַמען וועלכע רעכענט זיך נישט מיט איהר טאָכטערס געפילען.

— זעה נאָר, זעה נאָר ווי זי האָט זיך צעיושעט, — האָט די מוטער צוריקגעשריגען מיט שפּאָט — זאָג מיר נאָר, דבורה, וואוהין וועסטו אַנט־לויפען מיט דיין נאַקעטקייט און אָרעמקייט?

— צו די חשמונאים אין מודעין — האָט דבורה אַרויסגעשוימט מיט שטורעם און האָט זיך שטאַרק צעוויינט.

די מוטער איז געבליבען שטעהן מיט אַ רחמנות געפיל אנטקעגען איהר טאָכטער. דבורה'ס געוויין האָט איהר פאַרדריקט ביים האַרצען. עטלעכע מינוטען זיינען פאַראיבער אין שטילשווייגען און דאַן האָט די מוטער זיך געווענדעט צו איהר טאָכטער מיט אַ מילדערע שטימע:

— וואָס דענקסטו צו טאָן ביי די חשמונאים?

— איך וועל זיין אַ דינסט ביי זיי — האָט דבורה געענטפערט מיט אַ כליפּ.

— פון וואַנען ווייסטו אַז די חשמונאים נויטיגען זיך אין אַ נייער דינסט? — האָט די מוטער ווידער געפרעגט.

— חנה האָט עס מיר דערצעהלט.

— וועלכע חנה? — האָט די מוטער געפרעגט.

— חנה וועמענס מאַן איז צוריקגעקומען אַ פאַרקריפּעלטער פון דער מלחמה אין עגיפּטען און ער וואוינט דאָ אין „רמה" מיט זיינע זיבען קינ־דער — האָט דבורה געענטפערט.

— ווי קומסטו צו חנה'ן? — האָט די מוטער געפרעגט — חנה אַר־בייט דאָך אַלס הויזווירטין ביי די חשמונאים אין מודעין, טאָ וואו האָסטו איהר געטראָפען?

— מיט אַ פאָר וואָכען צוריק איז חנה געקומען וויזיטירען איהר מאַן און זייערע זיבען קינדער דאָ אין „רמה", האָב איך זיך געזעהן מיט איהר און זי האָט מיר דערצעהלט, אַז ביי איהרע באַלעבאַטים, די חשמונאים,

נויטיגט מען זיך אין אַ נייער דינסט, האָב איך איהר געבעטען, און זי האָט מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט מיר רעקאָמענדירען צו איהרע באַלעבאַטים.

די מוטער האָט איצט איינגעזעהן אַז איהר טאָכטער מיינט עס טאַקע ערנסט און דעריבער דאַרף מען זיין מיטפילענד מיט איהר. וויפיל קינדער האָט זי דען? בלויז דער איין איינציגער דבורה'ן וועלכע איז אַ גרויסע פּאַרשוין, קלוג און גוטהאַרציג. מעגליך אַז ביי די חשמונאים אין הויז וועט דבורה'ס מזל דערהויבען ווערען . . .

די מוטער איז צוגעגאַנגען נאָהענט צו איהר טאָכטער און האָט אַ זאָג געטאָן:

— דבורה, דו האָסט מיר באַזיגט. איך האָב חרטה אויף מיינע פאַריגע רייד און אויפ'ן פּאַטש וואָס איך האָב דיר געגעבען. דו ווייסט דאָך אַז אַ מאַמעס האַרץ איז אימער פול מיט ליבע צו איהר קינד. פאַרפאַלען, אויב דו ווילסט ניט הייראַטען מיט יאָזאָנען זאָל דיר גאָט העלפען אַז דו זאָלסט געפינען דיין ריכטיגען באַשערטען.

מוטער און טאָכטער זיינען אַרויפגעפאַלען איינע אויף דער צווייטערס האַלז און ביידע האָבען זיך צעוויינט. דאָס איז געווען אַ שמחה געוויין מיט אמת'ע ריינע ליבע און געטריישאַפט צווישען מוטער און טאָכטער.

פלוצלונג האָט זיך דערהערט דער געררויש פון אַן אָנקומענדיגען ריי־טער וועלכער האָט זיך דערנעהענטערט צו זייער הייזקע.

— מאַמע — האָט דבורה אַ שעפּטשע געטאָן אין גרויס שרעק, — איך האָב מורא אַז דאָס איז יאָזאָן וועלכער האָט אונז געלאָזט וויסען אַז ער וועט דאָ זיין היינט ביינאַכט ביי אונז. אַ! וואָס טוט מען? ווי אַזוי מאַכט מען אַז איך זאָל איהם ניט דאַרפען אָנקוקען אין זיין משומד'ישען פנים? . . .

— שרעק זיך נישט, מיין קינד, — האָט די מוטער געענטפערט, — כאַפּ זיך אַריין אין שלאָפצימער און אויב יאָזאָן וועט אַריינקומען וועל איך שוין וויסען וואָס צו רעדען מיט איהם.

דבורה איז האַסטיג אַריינגעלאָפען אין איהר שלאָפצימער און אין עטליכע מינוטען שפּעטער האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אויף דער אויסערליכער זייט פון דער פראָנט טיר.

די מוטער איז צוגעלאָפען צום טיר און האָט עס אויפגעעפענט. דער גאַסט איז אַריין אין הויז מיט אַ פריילכען „שלום"!

— ש־ש־ש! — האָט די מוטער ארויסגעשעפּשעט מיט אַ געמאַכ־טען קומער צום גאַסט.

— וואָס איז געשעהן? וואו איז דבורה? — האָט דער גאַסט, דער באַקאַנטער יאזאָן, אַ פרעג געטאָן.

— מיין דבורה שלאָפט איצט אין צווייטער צימער — האָט די מוטער געענטפערט — זי האָט היינט אַ גאַנצען טאָג געליטען פון שרעקליכע קאָפּ ווערטאָגען און ערשט מיט אַ שטונדע צוריק איז זי קוים איינגעשלאָפען...

— נו, געוויס, — האָט יאזאָן באַמערקט מיט פאַרדרוס — אַז זי מוז נעבאַך אַרבייטען אַזוי שווער, דעריבער ליידט זי אויף קאָפּ ווערטאָג. איך האָף אַז ווען זי וועט ווערען מיין קעבסווייב און וואוינען אין דער גרויסער שטאָדט ירושלים מיט פילע דינסטען אַרום זיך, דאַן וועט זי שוין מעהר ניט ליידען קיין קאָפּ ווערטאָג...

— ווער ווייס? — האָט די מוטער זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט.

— דו גלויבסט מיר נישט? — האָט יאזאָן איבערגעפרעגט — ווייסטו דען נישט אַז איך ליב דיין טאָכטער פון דער ערשטער מינוט אָן וואָס איך האָב איהר דערזעהן.

— יאָ, איך גלויב דיר — האָט די מוטער געענטפערט מיט אַ געמאַכ־טער פריינדליכקייט.

— און דאָך האַלט זיך דיין טאָכטער ווייטענס פון מיר — האָט יאזאָן באַמערקט מיט פאַרדרוס, — שוין עטליכע מאָל ווי איך קום דאָ אין „רמה" זיך צו זעהן מיט דיין טאָכטער, אָבער יעדעס מאָל געפינט זי אַן אויסרייד מיר אויסצואוויכען... ווייסט זי דען נישט אַז אָט אָט און איך וועל ווערען כהן גדול אויף מיין ברודער׳ס פּלאַץ? ווייסט זי דען נישט פון מיין רייכקייט אַז איך פאַרמאָג צוויי גרויסע הייזער אין ירושלים, אַ גרויס שטיק לאַנד אין „נחל קדרון", אַ פרוכט גאָרטען אין „עמק השרון" און פיל רינדער און שאָף? מיינע הויז־דינער און דינסטען וועלען דאָך איהר באַדינען ווי עס פּאַסט פאַר אַ כהן־גדול׳ס קעבסווייב... טאָ וואָרום פיהרט זי מיט מיר אַ ברוגז־שפּיל?

דבורה׳ס מוטער האָט געוואָלט פאַרקירעווען דעם געשפּרעך אויף אַן אַנדער טעמע און זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— לויט ווי איך זעה ביזטו שטאַרק אויסגעמאַטערט, פיליכט ווילסטו עפּעס עסען?

— איך בין טאַקע אויסגעמאַטערט, אָבער איך האָב ניט קיין צייט צו פאַרזאַמען דאָ צו לאַנג — האָט יאזאָן געענטפערט.

— וואָס עפּעס אַזאַ יאַגעניש? — האָט די אלמנה גענומען פאַרשען.

— דער אַלטער מתתיהו מיט זיין זוהן יהודה, די חשמונאים, האָבען

היינט פאַרנאַכט געוואָלט זיך פאַרמעסטען אין כח מיט מיר ווען מיר האָבען זיך געטראָפען צווישען די בערג. נו, האָב איך זיי געוויזען אַז מיט יאָזאָנ׳ען קען מען זיך נישט שפּילען . . . און איצט רייט איך צום גענעראַל אַפּאָלאָניוס, זאָל ער כאַטש וויסען ווער די חשמונאים זיינען, אמת׳ע שונאים פון דער סירישער מלוכה . . .

— אַזוי גאָר? אַזש צום גענעראַל אַפּאָלאָניוס?? — האָט די אלמנה געוואָלט וויסען גענוי.

— פאַרשטעהסטו! — האָט יאָזאָן געענטפערט מיט שטאָלץ, — די פרעכע חשמונאים האָבען אָנגעהויבען צו זאָגען צופיל דעות אין אונזער פּאָליטישען לעבען דעריבער וויל איך זיי פאַרשטומען די מיילער. דער אַלטער מתתיהו מיט זיין זוהן יהודה נעהמען זיך צופיל רעכט צו דיקטירען מיין ברודער דעם כהן גדול, ווי אויך די סנהדרין אין ירושלים, וואָס צו טאָן און ווי צו מאַכען אַז דער עגיפּטישער קעניג טאַלמיי זאָל צוריק אָפּנעהמען ארץ ישראל פון אונזער באַליבטען סירישען קעניג אנטיאָכוס. דעריבער רייט איך איצט צום גענעראַל אַפּאָלאָניוס כדי איהם איבערצוגעבען וועגען די פאַררעטער צו דער סירישער מלוכה . . .

— הייסט עס אַז דו ווילסט מסר׳ן אויף דיין אייגענעם ברודער און אויף אַלע פרומע אידען? — האָט די אלמנה געפרעגט מיט שרעק.

— רוף עס נישט מיט׳ן נאָמען מסר׳ן, נאָר פאַרהיטען אַ פאַלקס קאַטאַסטראָפע — האָט יאָזאָן שנעל געענטפערט — אויב איך זאָל פאַרשווייגען די פּאָליטישע שווינדלערייען פון די פרומע אידען קעגען סיריע, דאַן וועט אונזער לאַנד חרוב ווערען. איך געה טאָן אַ פּאַטריאָטישע מצוה אַרויסצוגעבען אַלע פרומע פאַררעטער וועלכע ווילען איבערגעבען אונזער לאַנד צו עגיפּטען.

— איך פאַרשטעה שוין — האָט די באַטריבטע אלמנה אָפּגעזיפצט מיט שרעק און בשעת מעשה האָט זי אָנגעהויבען קוקען צום טיר מיט דער ענגסטליכער האָפענונג אַז דער לומפּיגער גאַסט זאָל וואָס שנעלער אַוועק פון איהר הויז.

— איך האָף אַז דיין טאָכטער וועט זיך באַזינען און איינפאַרשטעהן איהר גליק וואָס דערוואַרטעט איהר ווען זי וועט ווערען מיין קעבסווייב — האָט יאָזאָן אַ זאָג געטאָן — גיב איהר איבער מיין הערצליכען גרוס און אַ קוש פון מיינעטוועגען . . .

— געוויס! געוויס, וועל איך איהר איבערגעבען אַלעס וואָס דו זאָגסט מיר . . . — האָט די אלמנה געענטפערט.

יאָזאָן האָט אַוועקגעלייגט עטליכע שקלים אויפ׳ן טיש, און מיט אַ

האַסטיגען שלום איז ער אַרויסגעלאָפען פון הויז און אין עטליכע מינוטען שפּעטער איז ער שוין געזעסען אויף זיין פערד און האָט אָנגעהויבען צו רייטען זעהר האַסטיג אויפ'ן וועג וואָס פיהרט נאָך דער שטאָדט שכם.

פערטער קאַפּיטעל

# דער גענעראַל אַפּאָלאָניוס ווערט אַנטוישט

אין אַ דאָרף, ניט וויט פון באַרג גלבוע (דער זעלבער באַרג אויף וועלכען עס זיינען אומגעקומען, אין איין טאָג, שאול המלך מיט זיין זוהן יהונתן אין זייער מלחמה מיט די אַמאָליגע פלשתים) אין דעם שמרון פּראָווינץ (איינע פון די דריי פּראָווינצען אין ארץ ישראל, נעמליך: — יהודה, שמרון און גליל), איז אין יענער נאַכט פאָרגעקומען אַ גרויסער יום טוב: דער סיריש גריכישער גענעראַל אַפּאָלאָניוס איז אין יענעם טאָג אָנגעקומען אַהין מיט זיין זיגרייכער אַרמיי נאָכדעם ווי ער האָט באַשטראָפט די ווילדע אדומים, אויפ'ן צווייטען זייט ירדן, וועלכע האָבען זיך געהאַט צעבונטעוועט און נישט געוואָלט צאָהלען זייערע צינזען צום סירישען קעניג אַנטיאָכוס דער דריטער.

ווען אַפּאָלאָניוס האָט דורכגעפירט זיין זיגרייכע מיסיע, האָט ער געצ־דענקט זיך אומצוקערען פון אדום נאָך אַנטיאָכיע איבערן וועג פון די „גלעד" און „בשן" פּראָווינצען, אָבער גאָר אומגעריכט האָט ער באַקומען אַ בריף פון זיין גוטען פריינט יאַזאָן פון ירושלים מיטן אָנבאָט איהם איבערצוגעבען די פולע אינפאָרמאַציע וועגען די אוצרות פון בית־המקדש אין ירושלים. אין זיין בריף צום גענעראַל, האָט יאַזאָן אָנגעדייטעט אַז ער, יאַזאָן, איז וויליג צו העלפען די סירישע מלוכה מיט אַלעס מעגליכעס.

דער כיטרער גענעראַל אַפּאָלאָניוס האָט זיך דערפרייט מיט יאַזאָנס בריף. ער האָט פאַרשטאַנען אַז מיט יאַזאָנס הילף וועט די סירישע קאַסע ווערען אָנגעפילט. דעריבער האָט אַפּאָלאָניוס באַלד געענטפערט דורך אַ בריוו צו יאַזאָנען אַז ער זאָל שוין אַרויסקומען צו איהם אין דעם דאָרף נעבען דעם באַרג „גלבוע" וואו ער וועט קענען האָבען מיט איהם אַ קאָנ־פערענץ, און באַלד נאָכדעם האָט אַפּאָלאָניוס פאַרקירעוועט זיין אַרמיי און איז אַריבערגעקומען אויפ'ן מערב זייט פון ירדן ביז דעם דאָרף נעבען דעם באַרג „גלבוע".

די גריכישע דאָרפסלייט האָבען געגעבען אַ גרויסאַרטיגען „קבלת פנים" פאַר אַפּאָלאָניוסען מיט זיין אַרמיי. די סאָלדאַטען האָבען אויפגעשטעלט זייערע

געצעלטען און מען האט אנגעהויבען צו הוליען אויפ׳ן עכט גריכישען שטייגער. די פראסטע דארפסלייט האבען געהוליעט מיט די סאלדאטען און די מעהר חשוב׳ע דארפסלייט האבען געפראוועט סעודות און הוליאנקעס מיט׳ן גענעראל און מיט זיינע העכערע אפיציערען.

אזוי איז פאראיבער יענער טאג ביז שפעט אין דער נאכט. ווען דער טומעל האט זיך איינגעשטילט, האט אפאלאניוס אריינגערופען זיין הויפט אפיצער, היראטאס, צו זיך אין געצעלט און ער האט איהם א פרעג געטאן:

— נו, היראטאס! יאזאן איז נאך נישט געקומען?

— נאך נישט! — האט היראטאס געענטפערט.

— צום טייוועל מיט איהם! — האט אפאלאניוס אויסגעשריען — אבי איך האב אנגעלייגט עקסטרא וועג מיט דער ארמיי אום צו קענען זיך טרעפען מיט איהם דא אין דארף.

— פיליכט האט זיין ברודער דער כהן גדול איהם געשטערט אין זיין רייזע אהער? — האט היראטאס אויסגעדריקט זיין פארדאכט.

— זיי נישט קיין נאר — האט אפאלאניוס שנעל געענטפערט — יאזאן האט אזוי פיעל מורא פאר זיין נארישען ברודער, דעם כהן גדול, פונקט ווי איך האב מורא געהאט פאר די צעיושעטע אדומים ווען איך האב איצט געגעבען א לעקציע וואס וועט זיי דינען אויף אייביג.

— פיליכט האט עפעס אן אומגליק געטראפען מיט יאזאנען אויפ׳ן וועג? — האט היראטאס נאך־אלץ פרובירט אויסצוטייטשען יאזאנס פארשפעטיגונג.

— פון מיינעטוועגען מעגען איהם טרעפען צעהן אומגליקען מיט אמאל — האט אפאלאניוס אויסגעשאסען מיט א ווילדען געלעכטער — אבער איידער עפעס פאסירט מיט איהם וואלט איך וועלען פריהער ארויסבאקומען פון איהם אלע סודות פון דעם גרויסען אוצר וואס די פארפלוכטע אידען באזיצען אין זייער טעמפעל אין ירושלים.

היראטאס האט א זיפץ געטאן און אפאלאניוס האט איהם געפרעגט:

— וואס זיפצסטו?

— רעדענדיג וועגען דעם גרויסען פארמעגען אין ירושלים האב איך זיך איצט דערמאנט אן מיין אייגענעם פארמעגען וואס איך האב פארלארען — האט היראטאס אפגעזיפצט.

— דו, א פארמעגען? — האט אפאלאניוס אויסגערופען אין גרויס פארוואונדערונג — זייט ווען האסטו געהאט געלט, און וואו האסטו עס פארלארען?

— איך מיין נישט קיין פאַרמעגען פון געלט נאָר פיל וויכטיגער ווי דאָס — האָט הירשאָס אָנגעהויבען דערציילען וואָס עס דריקט איהם אויפ׳ן האַרצען — ווען איך בין פאַראיאָהרען געווען מיט מיין רעגימענט סאָלדאַטען אין ירושלים האָב איך זיך באַקאַנט און שנעל פאַרליבט אין אַ אידיש מיידעל מיט׳ן נאָמען מאַריאַמאַ, אָדער ווי מען רופט איהר אין אידיש, מרים. זי איז אַ טאָכטער פון אַ חשוב׳ן כהן מיט׳ן נאָמען בילגה.

— איך און מיין געליבטע מאַריאַמאַ האָבען באַשלאָסען צווישען זיך אַז ווען איך וועל זיך אומקערען נאָך אַנטיאָכיע וועל איך איהר מיטנעמען און מיר וועלען קענען געניסען אומגעשטערט פון אונזער גרויסער ליבע. אָבער גאָר פלוצלינג האָב איך אויסגעפונען, אַז אַ געוויסער כהן מיט׳ן נאָמען מענעלאָס האָט זיך אונטערגערוקט צו מיין מאַריאַמאַן און ער האָט איהר אָוועקגענומען פאַר זיך . . .

— ווי קומט עס, אַז דו, הירשאָס, זאָלסט זיך פאַרליבען אין אַ אידיש מיידעל? — האָט אַפּאָלאָניוס אַ פרעג געטאָן מיט פאַרוואורף.

— פאַרוואָס נישט? — האָט הירשאָס צוריקגעפרעגט — מיר מעגען טאַקע האַסען די פרומע אידען אָבער די נייע סעקטע, די גריכיזירטע אידען, זיינען גאַנץ וואוילע מענשען און גוטע פּאַטריאָטען פון אונזער מלוכה. און כאָטש מאַריאַמאַ׳ס פאָטער איז אַ פרומער כהן, דאָך פאַרשטעהט מאַריאַמאַ ווי צו געניסען פון לעבען . . . זי איז וואונדערליך שעהן, זי האָט צוויי בריליאַנ־טענע אויגען מיט געקרייזעלטע שוואַרצע האָר, איהר נאָז איז געטאָקט ווי דער נאָז פון אַ מאַרמאָר סטאַטוע, און — — —

— גענוג! — האָט אַפּאָלאָניוס אויסגערופען מיט אַ געלעכטער — איך פאַרשטעה שוין וואָס דו ווילסט שילדערען . . . איך זעה דאָך ווי די סלינע רינט פון דיין מויל . . . אָבער לויט ווי דו דערצעהלסט, אַז מענעלאָס האָט אָוועקגערויבט דיין געליבטע פון דיר, מוזטו פאַרגעסען דיין פאַרלוסט.

— ווען איך וואָלט באַקומען פון דיר די ערלויבעניש אויף עטליכע טעג צו זיין פריי פון מיינע מיליטערישע פליכטען וואָלט איך שוין אָפּגעפאָהרען נאָך ירושלים און איך וואָלט פּרובירען נאָך אַמאָל צוריקצוגעווינען מיין מאַריאַמען פאַר מיר — האָט הירשאָס געענטפערט מיט אַ רחמנות פּנים.

— איך וואָלט דיר נישט געזשאַלעוועט אַזאַ פאַרגעניגען — האָט אַפּאָ־לאָניוס געענטפערט און האָט באַלד צוגעגעבען: — איך בין אָבער זיכער אַז דו וועסט איהם ניט קענען בייקומען, ווייל מענעלאָס איז אַ געפעהרליכער כיטרער יונג, ער איז אַ פיהרער ביי די גריכיזירטע אידען און ער איז נאָך מעהר תקיף פון יאַזאָנען. ער האָט אויך אַ ברודער מיט׳ן נאָמען לי־

סימאַכוס, איז דער דאָזיגער ליסימאַכוס אַ געפעהרליכער גאַרגעל שניידער. אויב מענעלאַס זאָל זיך דערוויסען אַז דו ביסט געקומען אָוועקצונעהמען זיין געליבטע פון איהם, דאַן וועט ער דיר מאַכען מיט אַ קאָפּ קירצער און איך וועל פאַרבלייבען מיט אַן אָפיצער וויניגער . . .

— טאָ וואָס זשע זאָל איך טאָן? — האָט היראָטאָס ארויסגעהויכט מיט אַ זיפץ.

— איך וועל פּרובירען איבערשמועסען מיט יאַזאָנען, ווען ער וועט דאָ קומען, פיליכט וועט ער געפינען אַן עצה פאַר דיר — האָט אַפּאָלאָניוס באַרוהיגט דעם אַנטוישטען ליבהאָבער.

— איך דאַנק דיר! — האָט היראָטאָס געענטפערט און האָט שוין געוואָלט אַרויסגעהן פון גענעראַלס געצעלט, אָבער אין זעלבען מאָמענט איז אַריינגעלאָפען דער אָפיצער קאָמיסטאַראָס און האָט געמאָלדען דעם גענעראַל אַז אַ קוריער פון אַנטיאָכיע איז נאָר וואָס אָנגעקומען דאָ אין מיליטערישען לאַגער און ער פאַרלאַנגט צו רעדען מיט׳ן גענעראַל.

אַפּאָלאָניוס האָט געהייסען אַריינפיהרען דעם קוריער אין זיין געצעלט. דער אָפיצער קאָמיסטאָראַס איז שנעל אַרויסגעלאָפען און אין עטליכע מינוט שפּעטער האָט ער זיך צוריקגעקעהרט מיט׳ן קוריער.

אַזוי שנעל ווי דער קוריער איז אַריינגעקומען אין געצעלט האָט ער זיך פאַרנייגט פאַר׳ן גענעראַל און האָט אויסגערופען:

— ווירדיגער גענעראַל! איך האָב דיר שוין אַרומגעזוכט איבעראַל, אין אדום און אין יריחו, און היינט פאַרנאַכט האָב איך זיך דערוואוסט אַז דו ביזט דאָ אין דאָרף, בין איך געקומען אַהער.

— זאָג שנעלער וועגען וואָס, און ווער עס האָט דיר געשיקט אַהער?
— האָט אַפּאָלאָניוס אַ געשריי געטאָן.

— דער הויפּט גענעראַל פון אַנטיאָכיע, דער העלדישער גאָרגיאַס, האָט מיר געשיקט דיר אָנצוזאָגען אַז דו זאָלסט שוין קומען מיט דיין אַרמיי נאָך אַנטיאָכיע — האָט דער קוריער געענטפערט מיט אַ ציטערדיגע שטימע.

— וואָס איז געשעהן? — האָט אַפּאָלאָניוס ווידער אַ געשריי געטאָן.

— מען האָט דערמאָרדעט אונזער קעניג! — האָט דער קוריער געענטפערט מיט שרעק.

— וואָס? — האָבען אַלע דריי, אַפּאָלאָניוס מיט זיינע צוויי אָפיצערען, היראָטאָס און קאָמיסטאַראָס, אויסגעשריען מיט שרעק און צוטומלעניש.

— יאָ, מען האָט געטויטעט אונזער קעניג „אַנטיאָכוס דער גרויסער“

פונקט דאַן ווען ער איז אַריינגעקומען אין דעם טעמפּעל אין עילם מעסאָ־פּאָטאַמיע — האָט דער קוריער דערקלעהרט זיין מיסיע.

— עס קען נישט זיין אמת — האָט אַפּאָלאָניוס אויסגעשריען — אונזער קעניג איז דאָך אַוועק נאָך עילם מיט אַ היבשע אַרמיי, טאָ ווי אַזוי האָט עס געקענט פּאַסירען אַזאַ אומגליק?

— דאָס איז געשעהן צוליב דעם וואָס די פּריסטער פון יענעם טעמפּעל, וועלכע האָבען געוואוסט אַז דער קעניג איז געקומען אַהין מיט׳ן צוועק צו־צונעהמען די אוצרות פון זייער טעמפּעל, האָבען צוגעגרייט אַ פּאַסטקע פאַר׳ן קעניג, און אַזוי שנעל ווי דער קעניג מיט אַ צעהנדליג פון זיינע גענעראַלען זיינען אַריין אין דעם גרויסען טעמפּעל אין „עילם" איז מען זיי באַפאַלען און כמעט אַלעמען אויסגעשלאַכטעט.

— און וואָס טוט איצט דער פעלד־מאַרשאַל גאָרגיאַס? — האָט אַפּאָ־לאָניוס געפרעגט מיט אַ ברויזענדען שוים אויף זיינע ליפּען.

— דער פעלדמאַרשאַל גאָרגיאַס איז שנעל אַפּגעפאָהרען מיט אַן אַרמיי פון דרייסיג טויזענט סאָלדאַטען נאָך „עילם" — האָט דער קוריער געענטפערט און האָט נאָך צוגעגעבען: — און דעריבער האָט ער מיר געשיקט צו דיר אַז דו זאָלסט שוין צוריקקומען מיט דיין אַרמיי נאָך אַנטיאָכיע און דערווייל האַלטען אָרדענונג אין שטאָדט ביז וואַנען גאָרגיאַס וועט זיך צוריקקעהרען פון „עילם" נאָכדעם ווי ער וועט חרוב מאַכען די שטאָדט פאַר׳ן גרויסען פאַר־ברעכען וואָס די דאָרטיגע פּריסטער זיינען באַגאַנגען קעגען אונזער קעניג.

אַפּאָלאָניוס האָט באַלד אַ געשריי געטאָן צו זיין אָפּיצער קאָמיסטאַראָס אַז ער זאָל שוין געבען דעם מיליטערישען סיגנאַל און די גאַנצע אַרמיי זאָל זיך שנעל צונויפּפּאַקען און זיין גרייט אָפּצורייזען נאָך אַנטיאָכיע.

ווען קאָמיסטאַראָס מיט׳ן קוריער זיינען אַרויס פון געצעלט, האָט אַפּאָ־לאָניוס אַ זאָג געטאָן צו היראָטאָס׳ן:

— דו היראָטאָס, וועסט דאָ פאַרבלייבען מיט הונדערט רייטער סאָלדאַ־טען, דו מוזט אָפּוואַרטען ביז וואַנען דער פאַרפלוכטער יאָזאָן וועט דאָ אָנקומען, און דאַן זאָלסטו איבערנעהמען פון איהם אַלע נויטיגע אינפאָרמאַציעס פון דעם אידישען טעמפּעל אין ירושלים און זאָלסט באַלד קומען צו מיר אין אַנטיאָכיע.

אין פאַרלויף פון איין שטונדע האָט די גאַנצע אַרמיי ארויסגעריטען פון דאָרף, מיט אַפּאָלאָניוס׳ן אין דער שפּיץ. דער גענעראַל האָט נאָכאַמאָל אָנגעזאָגט היראָטאָס׳ן ווי אַזוי צו רעדען מיט יאָזאָנען ווען דער לעצטער וועט אָנקומען אַהער.

## פינפטער קאַפּיטעל

# יאזאָן אין געפאַנגשאַפט. — יהודה אין דאָרף

ווען יאַזאָן האָט אָפּגעריטען פון „רמה" איז ער געוועז שטאַרק בייז. ער האָט געפילט אַז דבורה וויל ניט ווערען זיין קעבסווייב. יאַזאָן האָט זיך אָבער געטרייסט מיט גוטע האָפענונגען אַז אָט אָט וועט ער דערגרייכען זיין ציל: ער וועט זיך דורכשמועסען מיט'ן גענעראַל אַפּאָלאָניוס, וועלכער מוז שוין וואַרטען אויף איהם ביים באַרג „גלבוע", און ער, יאַזאָן, וועט איהם אויסערדריקליך זאָגען אַז ער פאַרלאַנגט דעם אַמט פון כהונה גדולה אויף זיין ברודער'ס פּלאַץ אַלס באַצאָהלונג פאַר די וויכטיגע אינפאָרמאַציע וועגען די אוצרות פון בית המקדש וואָס ער וועט איהם איבערגעבען.

יאַזאָן האָט די גאַנצע נאַכט געריטען און געטראַכט וועגען זיין געליבטער דבורה'ן וועלכע וועט זיכער ווערען מעהר גינסטיג צו איהם אַזוי שנעל ווי ער וועט ווערען כהן גדול.

אַרום זונאויפגאַנג איז יאַזאָן אָנגעקומען אין שכם. אין דער דאָזיגער שטאָדט האָט יאַזאָן געמוזט פאַרבלייבען כמעט דעם גאַנצען טאָג אום זיך אויסצורוהען פון זיין ביזאַהריגע רייזע פון ירושלים — רמה — שכם. ערשט אָנהויב אָוועגט האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט אימפּעט אַז ער מוז ווייטער רייטען צום גענעראַל אַפּאָלאָניוס.

ער האָט שנעל אָנגעזאָטעלט זיין פערד און מיטנעהמענדיג מיט זיך בלויז אַ קריגעל וואַסער, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזען אויפ'ן צווייטען טייל פון זיין רייזע צום דאָרף נעבען דעם באַרג „גלבוע".

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיגע. די פולע זילבערנע לבנה מיט די פילע בלישצענדע שטערען האָבען געפינקעלט מיט אַ העלע שיין איבער די בערג און טאָלען פון די „אפרים" בערג אין דעם שומרון פּראָווינץ.

אומגעפעהר אַ שטונדע צייט האָט יאַזאָן גאַלאָפּירט מיט זיין פערד אַלץ ווייטער און ווייטער צו צפון זייט און אין זיין האַרצען האָט געפליסטערט אַ וואַרימער געפיהל פון פריידע, אַז אָט באַלד און ער וועט דורכפיהרען זיין געניאַלען פּלאַן מיט אַפּאָלאָניוס'ן און ער, יאַזאָן, וועט גאַר אין גיכען ווערען כהן גדול, אויף צופוקעניש זיין ברודער מיט אַלע פרומע אידען . . .

זייענדיג פאַרטיפט אין זיינע פרעהליכע געדאַנקען האָט יאַזאָן פּלוצלינג דערהערט אַ געשריי.

— שטעה אויף דיין פּלאַץ! דו פאַרפלוכטער איד!

יאַזאָן איז געוואָרען אַ פאַרציטערטער און האָט האַסטיג אָפּגעשטעלט

זיין פערד, און אין נעקסטען אויגענבליק האָבען איהם אַרומגערינגעלט זעקס רייטער װעלכע זיינען, פייל אויס בויגען, אַרויסגעקומען פון זייער באַהעלטעניש פון צווישען די שפּאַלטען אין די בערג.

יאַזאַן האָט באַלד דערקענט אַז דאָס זיינען פון די רויבער באַנדעס, װעלכע האָבען, צו יענער צייט, טעראָריזירט דעם גאַנצען שומרון פּראָווינץ. אַ ציטער איז איהם דורכגעלאָפען אין אַלע גלידער, אויף אַזאַ פלוצימדיגען איבערפאַל האָט ער זיך גאָר ניט געריכט. וואָלט ער כאָטש געהאַט ביי זיך אַ גרויסע סומע געלט וואָלט ער נאָך געקענט האָפען אַז ער װעט קענען דערמיט זיך אויסקויפען; אָבער ווי באַלד אַז זיין גאַנצער פאַרמעגען מיט זיך באַשטעהט פון בלויז אַ צעהנדליג שקלים, װעלען דאָך די רויבערס געוויס איהם אָוועקפיהרען ערגעץ צו אַ שקלאַפען־מאַרקעט און זיי װעלען איהם פאַרקויפען פאַר אַ שקלאַף.

דערווייל האָבען די רויבער אַנטוואָפענט יאַזאַנען פון זיין שווערד און שפּיז און דער עלטסטער האָט אַ געשריי געטאָן:

— גיב אַהער דיין געלט!

— איך שווער פאַר אייך אַז איך האָב נישט מעהר ווי די צעהן שקלים — האָט יאַזאַן געענטפערט מיט אַ ציטערענדע שטימע און האָט בשעת רעדען אַרויסגענומען די צעהן שקלים פון זיין בוזים קעשענע און עס דערלאַנגט צום הויפּט פיהרער.

דער רויבער האָט איבערגעצעהלט די עטליכע שקלים און האָט אַ געשריי געטאָן:

— פון וואַנען און וואוהין רייטסטו איצט?

יאַזאַן האָט מורא געהאַט צו זאָגען דעם אמת טאָמער װעט ער זיך קאַליע מאַכען, דעריבער האָט ער געענטפערט:

— מיינער אַ פריינט אין דער שטאָדט דן איז זעהר קראַנק, דעריבער רייט איך איצט צו איהם פאַר אַ באַזוך . . .

— גוט! — האָט דער פיהרער אויסגערופען — מיר רייטען אויך נאָך דער שטאָדט דן, װעלען מיר דיך מיטנעהמען צו דיין פריינט און ער װעט שוין באַצאָהלען די אויסלייז־געלט פאַר דיר . . .

יאַזאַן האָט דערפילט ווי דער אָטעם וואָלט זיך איהם אָפּשטעלען אין האַלז. ער זעהט שוין אַז ער איז אַריינגעפאַלען אין אַ צרה, פון װעלכע ער װעט זיך שוין נישט קענען אַרויסראַטעווען. וואָס טוט מען? ווי הויבט מען אָן צו בעטען תחנונים אַז זיי זאָלען איהם פריי לאָזען?

— מיין קראנקער פריינט אין דן איז אן אָרימאַן — האָט יאזאָן פּרובירט איינ׳טענה׳ן מיט זיינע פאנגערס.

— אויב ער איז אַן אָרימאן, וועלען זיך געפינען אנדערע רייכע לייט פון דיינע אידישע ברידער וועלכע וועלען גוט באצאָהלען פאר דיר — האָט דער הויפּט רויבער זיך צעלאכט און האָט באלד צוגעגעבען: — דו האָסט נאָך גליק וואָס מיר דאַרפען שוין אָפּרייטען נאָך דן, ווען ניט דאָס וואָלטען מיר דיך געטויטעט גלייך דאָ אויפ׳ן אָרט.

— אָבער פארוואָס קומט מיר צו טויטען? — האָט יאזאָן אָנגעהויבען רעדען מיט געבעט — איך האָב דאָך אייך נישט געטאָן קיין שלעכטס. ווען איך וואָלט געהאַט ביי זיך מעהר געלט וואָלט איך אייך אַלעס אוועקגעגעבען אבי איהר זאָלט מיר לאָזען פריי.

— דו ביזט א איד! — האָט דער הויפּט רויבער אויסגעשריען — און איצט איז געקומען די צייט אז מיר רויבערס זאָלען נעהמען ראַכע פון יעדען פארפלוכטען איד. מיר ווייסען ווי אזוי די אידען האָבען זיך פאראיי־ניגט מיט די סירישע גריכען און זיי האָבען זיי אָנגעצייגט אַלע פארבאָרגענע וועגען צווישען די בערג אין שומרון וואו מען קען כאפּען פילע פון אונזערע באנדעס און זיי אויסמאָרדען. יאָ, ווען ניט די אידען, וואָלטען די גריכישע סאָלדאַטען קיינמאָל נישט געקענט זיך אנטקעגענשטעלען די פילע רויבער באנדעס אין שומרון. אָבער איצט איז געקומען די צייט וואָס מיר וועלען קענען פאנאנדערפיהרען אונזערע הענט ווי אין אמאָליגע גוטע צייטען... מיר האָבען שוין אונזערע פלענער ווי אַזוי צו באפאלען, ניט נאָר איינצעלנע דורכרייזענדע צווישען די בערג נאָר אויך, גאנצע דערפער און אפילו שטעדט, ווייל דער קעניג פון סיריע איז שוין טויט, ער האָט געכאפּט א וויסטע מפּלה אין דעם טעמפּעל אין „עילם" מעסאָפּאָטאָמיע און זיינע גענעראלען מיט די סאָלדאַטען זיינען איצט פארנומען צו מאַכען אָרדענונג ביי זיך אין דער היים אין אנטיאָכיע און מיר וועלען דערווייל קענען באנייען אונזערע רויב אוואנטורעס דאָ אין שומרון און אויך אין גליל...

די דאָזיגע נייעס פון דעם הויפּטלינג פון די רויבער האָט אזוי שטארק שאָקירט דעם געפאַנגענעם יאזאָנען, אז ער האָט בשעת מעשה דערפילט ווי אַ שווערער שטיין וואָלט א פאל געטאָן אויף זיין קאָפּ. אויב דער קעניג „אנטיאָכוס דער דריטער" איז טויט, דאַן איז ער, יאזאָן, געוויס אויף צרות. וואָס וועט ווערען פון זיינע אלע פלענער? וועט דען דער גענעראל אפּאָלאָניוס, צו וועמען ער האָט עס איצט געריטען, וועלען הערען וועגען

דעם פּלאַן צו באַפאַלען דעם בית המקדש אין ירושלים און אויסראַבירען די אוצרות פון דאָרטען?

יאַזאָן האָט אין יענע מאָמענטען דערפילט אזוי שלעכט אז ער האָט קוים געקענט צוריק ארויפשטייגען אויף זיין פערד לויט'ן באַפעהל פון דעם רויבער הויפטלינג.

אין אייניגע מינוטען שפּעטער האָט די גאַנצע באַנדע רויבערס, מיט יאַזאָנען אין מיטען, אָפּגעריטען אין פולען גאַלאָפּ נאָך צפון זייט.

---

ווען יהודה דער חשמונאי האָט זיך פאַראָפּשיידעט פון זיינע צוויי געטרייע יונגען צפניה און מנחם, אָנזאָגענדיג יעדען איינעם פון זיי אָפּצו־רייטען אויף אַ באַזונדער וועג אין זייער געיאָג נאָך דעם משומד כהן יאַזאָן, האט ער זעלבסט אפגעריטען צו צפון זייט. אויפ'ן וועג האָט ער אויסגעפאָרשט עטליכע שטעדטלעך און דערפער און פאַרנאַכט איז ער אָנגעקומען אין דער שטאָדט שכם.

אין שכם האָט יהודה זיך דערוואוסט אז יאַזאָן איז דאָ היינט געווען און אַז ערשט מיט עטליכע שטונדען צוריק האָט ער אפגעריטען פון שכם צו צפון זייט.

פאַר יהודה'ן איז די נייעס נישט געווען זעהר איבערראשענד. הייסט עס אז ער האָט גוט אויסגעפּלאַנעוועט. יאַזאָן פאָהרט טאקע, אָדער צום גענעראל אפּאָלאָניוס אָדער נאָך אנטיאָכיע צום קעניג. אויב אזוי טאָר מען ניט פארשפעטיגען קיין איינציגע שטונדע נאָר שוין נאָכרייטען נאָך איהם. מעגליך אַז ער וועט איהם נאָך טרעפען אויפ'ן וועג.

יהודה האָט באלד אָפּגעריטען ווייטער און ארום א האלבע נאכט האָט ער דערגרייכט ניט ווייט פון דעם דאָרף נעבען דעם בארג „גלבוע."

ווען יהודה האָט אָנגעהויבען זיך צו דערנעהנטערען צום דאָרף האָט ער באַמערקט עפּעס אויסערגעוויינליכעס: דוכט זיך אַז ער איז שוין געווען אין דעם דאָרף צעהנדליגע מאָל און האָט קיינמאָל ניט געזעהן אזוי פיל געצעלטען ארום דעם דאָרף ווי ער זעהט זיי איצט.

וואָס קען דאָס באַדייטען?

יהודה האָט אפּגעשטעלט זיין פערד און האָט אנגעהויבען באטראכטען די לאָגע: ווי עס ווייזט אויס געפינט זיך דאָ אַן אפטיילונג פון גריכישע סאלדאטען, און אויב אזוי דארף מען וויסען וואָס זיי טוען דאָ.

יהודה האָט האָסטיג א טרייב געטאָן זיין פערד און אין עטליכע מינו־

טען שפּעטער איז ער שוין געשטאַנען נעבען די ערשטע הויז פון דעם דאָרף.

יהודה איז שנעל אראָפּגעשפּרונגען פון פערד און אריינלויפענדיק אין הויז האָט ער א געשריי געטאָן אויף גריכיש:

— וואו איז דער באַלעבאָס?

ניט טויט ניט לעבעדיג איז באלד אַרויסגעלאָפען אן אלטע גריכען פון אַ צווייטען צימער און ציטערענדיג פון שרעק האָט זי קוים ארויסגערעדט:

— וואָס ווילסטו?

— איך וויל וואסער פאר מיר און פאר מיין פערד! — האָט יהודה א געשריי געטאן מיט א געמאַכטען שטאָלץ ווי עס האָט געפּאַסט פאר א רייכען עכטען גריך...

די אלטע גריכין האָט צוגעוואָרפען א בייזען בליק צום אומדער־ווארטעטען גאסט וועלכער האָט אויסגעזעהן ווי א רייכער גריך, און זי האָט איהם דערלאַנגט א קריגעל וואסער צום טרינקען.

יהודה האָט א זופּ געטאן פון קריגעל און ארויסנעמענדיג צוויי שקלים פון זיין בוזים האָט ער זיי אוועקגעלייגט אויפ׳ן טיש און א זאָג געטאָן צו איהר:

— דאָ האָסטו צוויי שקלים, איך וויל אז דו זאָלסט אָנשעפּען וואסער אויך פאר מיין פערד.

די גריכין האָט נישט געגלויבט איהרע אייגענע אויגען. צוויי זילבערנע שקלים? אזא סומע געלט פאר בלויז א ביסעל וואַסער?

— אָבער מיין האר! — האָט די אלטע אָנגעהויבען שטאַמלען פון גרויס שמחה געמישט מיט שרעק — איך האָב מורא ארויסצוגיין אין דרויסען צום וואַסער קוואל אזוי שפּעט ביינאכט.

יהודה האָט זיך צעלאַכט און האָט א זאָג געטאָן:

— זייט ווען האָסטו אָנגעהויבען זיך צו שרעקען צו שעפּען וואַסער באַנאַכט?

— זייט נעכטען — האָט די אלטע גריכין געענטפערט.

— וואָס אזוינס איז דאָ נעכטען געשעהן? — האָט יהודה אָנגעהויבען פאָרשען.

— נעכטען איז דאָ פאָרגעקומען א גרויסער יום טוב לכבוד דעם גענעראל אפּאָלאָניוס מיט זיין ארמיי, און היינטיגע נאכט איז דאָ פאָרגעקומען א שרעקליכער טומעל צווישען די סאָלדאַטען.

יהודה איז געוואָרען שטארק פאראינטערעסירט צו וויסען אלעס גענוי

דעריבער האָט ער אוועקגעלייגט אויפ׳ן טיש נאָך צוויי שקלים און האָט פאַר־לאַנגט פון דער אלטער גריכין אז זי זאָל איהם דערציילען פון אַלעס.

דערזעהענדיג אזא פארמעגען פון פיער גאַנצע שקלים, האָט די אלטע גריכין אָנגעהויבען צו דערציילען:

— מיט צוויי טעג צוריק איז געקומען אהער דער גענעראל אפּאָלאָניוס מיט זיין ארמיי פון יריחו, די סאָלדאַטען האָבען דאָ אויפגעשטעלט זייערע געצעלטען און מען האָט אָנגעהויבען הוליען. פּלוצלונג איז דאָ אָנגעקומען א קוריער פון אַנטיאָכיע און האָט געמאָלדען צו אפּאָלאָניוס׳ן אז דער סירישער פעלדמארשאל, גאָרגיאס, פאַרלאַנגט אז אפּאָלאָניוס זאָל שוין קומען צוריק מיט זיין ארמיי נאָך אנטיאָכיע. מיר, די דאָרפסלייט, האָבען נישט געקענט פארשטעהן די אורזאַכע פון אַזאַ פּלוצימדיגען באפעהל, אָבער נעכטען האָבען מיר זיך דערוואוסט אז עס איז געשעהן א גרויסער אומגליק. אונזער גוטער קעניג אנטיאָכוס איז דער׳הרג׳עט געוואָרען אין דער שטאָדט „עילם״, און דעריבער האָט אפּאָלאָניוס אָפּגעשטעלט דאָ אין דאָרף זיין הויפט אָפּיצער הירקאָנוס מיט הונדערט סאָלדאַטען און ער אליין איז שנעל אוועק נאָך אנטיאָכיע מיט זיין גאַנצע ארמיי נעכטען פארטאָג.

די גאַנצע צייט וואָס די אלטע גריכין האָט גערעדט איז יהודה געזע־סען ווי אויף שפּילקעס. די דאָזיגע נייעס האָט איהם זעהר שטארק איבער־ראַשט, אָבער ער האָט ניט געוואָלט שטערען דער אלטער אין דער דער־צעהלונג טאָמער וועט זי דערווייל עפּעס פאַרגעסען וואָס עס קען זיין זעהר וויכטיג פאר איהם, יהודה האָט בלויז צוגעשאָקעלט מיטן קאָפּ און די אַלטע האָט ווייטער דערציילט.

— אזוי שנעל ווי אפּאָלאָניוס מיט זיין אַרמיי זיינען אַוועק פון דאָרף, האָט דער אָפּיצער הירקאָנוס זיך אָנגעשיכור׳ט אזוי שטאַרק אז מען האָט געמוזט איהם אוועקלייגען שלאָפען אויפ׳ן גאַנצען טאָג. דערווייל האָבען די סאָלדאַטען זיך צעיושעט און האָבען פארגוואלטיגט צוויי יונגע גריכישע מיידלאך פון אונזער דאָרף און ווען די עלטערען פון די פאראומ־גליקטע מיידלאך האָבען געמאַכט א געוואלד, האָט מען איינעם פון זיי דערשטאכען צום טויט און דעם צווייטען האָט מען פארוואונדעט.

— דער טומעל אין דאָרף איז געווען גרויס, אזוי ווי אויף א שלאַכט פעלד; אָבער ווען דער טאָג איז פאַריבער און די פריינט פון דעם דערמאָר־דעטען זיינען אוועקגעלאָפען צום אפיציר הירקאָנוס מיט דער קלאָגע אויף זיינע סאָלדאַטען, האָט הירקאָנוס אויסגעהערט זייערע ביטערע געשרייען

און אָנשטאָט עפּעס צו טאָן האָט ער געהייסען זיך דערלאַנגען פרישען וויין צום טרינקען . . .

— פארשטעהט זיך אז מען האָט געמוזט ברייגגען פרישען וויין פאר׳ן שכור׳ן אָפּיציר, אָבער צו דער זעלבער צייט האָבען די דאָרפסלייט זיך צעבונטעוועט און מען האָט פארפיהרט א געשלעג מיט די סאָלדאַטען. דער רעזולטאַט איז געווען, דריי טויטע דאָרפסלייט און צוויי טויטע סאָלדאַטען און אויסערדעם האָבען די סאָלדאַטען אונטערגעצונדען עטליכע גרויסע שייערען מיט תבואות און האָבען געמאַכט א חורבן פון פילע אָרימע הייזער.

— און דאָס אַלעס האָט זיך נאָך פארענדיגט מיט אַ נייעם טומעל ווען די סאָלדאַטען האָבען ערשט מיט א פּאָר שטונדען צוריק געכאַפּט א באנדע רויבערס וועלכע האָבען געוואָלט באפאַלען אונזער דאָרף . . . . און לויט ווי איך האָב זיך דערוואוסט געפינט זיך אויך א פארפלוכטער איד צווישען דער באנדע רויבערס, אָבער איך בין איהם נישט מקנא ווען ער איז שוין איצט אין די הענט פון דעם גרויזאַמען אפּיציר היראָטאָס וועלכער האָט זיך שוין אויסגעניכטערט פון זיין שכרות . . .

יהודה איז געוואָרען א פארציטערטער. ס׳טייטש ? א איד צווישען א רויבער באנדע ? ווער קען עס זיין ? אויב דאָס איז א משומד־מתיון פארדינט ער דעם טויט, נאָר אויב דאָס איז אן אומשולדיגער איד וועלכער איז פּילייכט אליין געווען אַ געפאַנגענער ביי די רויבער, דאן מוז מען איהם ראטעווען, און טאָקע שוין באַלד.

יהודה האָט זיך א שטעל געטאָן אויף די פיס און האָט א זאָג געטאָן:

— איך וויל, אז דו זאָלסט מיר אָנצייגען אויפ׳ן געצעלט פון דעם אָפּיצער היראָטאָס.

— וואָס רעדסטו ? מיין האר! — האָט די גריכין זיך א כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט צום האַרצען אין גרויס שרעק. — ווי קען איך טאָן אזא זאַך ? די סאָלדאַטען וועלכע שטעהען אויף דער וואַך וועלען אונזביידען טויטען . . .

— האָב נישט קיין מורא, איך וועל זיי זאָגען ווער איך בין . . . וועלען זיי שוין אלעס טאָן פאר אונז — האָט יהודה געענטפערט.

— ניין! ניין! — האָט די אלטע קוים ארויסגעשטאַמעלט — איך קען נישט, איך ווייס נישט — — — איך — — — זיי וועלען — — —.

— שאַ, ווייסטו וואָס ? — האָט יהודה א זאָג געטאָן — איך וועל דיר נישט צווינגען צון געהען מיט מיר ביז׳ן געצעלט נאָר קום ארויס אין

דרויסען און צייג מיר אָן פון דערווייטענס אויף היראָטאָסעס געצעלט וועל איך אליין געהן אהין.

די אלטע גריכין האָט שוין מורא געהאָט צו אנטזאָגען דעם גאסט. זי איז ארויס מיט יהודה'ן פון הויז און האָט איהם אָנגעצייגט פון דערווייטענס אויף אַ גרויסען געצעלט וועלכער איז געשטאַנען אין דעם צענטער פון דעם מיליטערישען לאַגער, און דערביי האָט זי שטילערהייט געמורמעלט: — דער גרויסער גאָט צעאוס זאָל דיר באשיצען אז דער שיכור'ער היראָטאָס זאָל דיר נישט טויטען . . .

יהודה האָט מיט איין שפרונג זיך ארויפגעזעצט אויף זיין פערד און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין אַ האַסטיגען גאלאָפ צום צווייטען זייט דאָרף וואו עס איז געשטאַנען היראָטאָס גרויסער געצעלט לויט ווי די אלטע גריכין האָט איהם אָנגעצייגט.

---

אין דער זעלבער צייט ווען יהודה האָט נאָכגעיאָגט יאזאָנען פון שכם ביז'ן דאָרף נעבען דעם בארג „גלבוע", האָט די רויבער באַנדע שוין געהאָט געפאַנגען דעם מתיון כהן יאזאָן און זיי האָבען זיך געיאָגט מיט זייערע פערד צו צפון זייט אויף זייער וועג נאָך דן.

די רויבערס האָבען גאָרניט געוואוסט אז אין דעם דאָרף נעבען „גלבוע" בארג געפינען זיך איצט גריכישע סאָלדאַטען, דעריבער האָבען זיי געוואָלט מאַכען א קורצען אָפּשטעל אין יענעם דאָרף און פאראיינוועגס דורכפיהרען א שנעלען רויב דאָרטען. אָבער ווי דערשטוינט זיינען זיי געוואָרען, ווען גאָר פּלוצלונג, זייענדיג שוין גאָר נאָהענט נעבען דאָרף, זיינען זיי באַפאַלען געוואָרען פון אַ צוואַנציג באוואָפענטע סאָלדאַטען וועלכע האָבען זעהר פלינק ארומגערינגעלט די באנדע רויבערס פון זעקס פערזאָן מיט יאזאָנען אין מיטען.

יאזאָן האָט אין יענע מאָמענטען ניט געוואוסט וואָס צו באשליסען? זאָל ער זיך פרעהען מיט זיין נייער געפאַנגשאַפט ביי די סאָלדאַטען, אָדער זאָל ער גאָר פארשילטען דעם טאָג וואָס ער איז געבוירען געוואָרען. אויף אזא מהומה האָט ער זיך גאָר נישט געריכט; פון איין צרה ארויס און אין אַ צווייטער צרה אריינגעפאַלען . . . ווער ווייס אויב אַפּאָלאָניוס וועט גאָר וועלען רעדען מיט איהם, אויב אפילו איהם זאָל געלינגען ווען עס איז באפרייט צו ווערען פון זיין נייער געפאַנגשאַפט.

די גריכישע סאָלדאַטען האָבען דערוויל געטאָן זייערס. זיי האָבען שנעל אנטוואָפענט די רויבערס און אין עטליכע מינוטען שפעטער האָט מען די געפאַנגענע אריינגעבראַכט אין דאָרף.

אזוי שנעל ווי יאזאַן האָט דערזעהן דעם דאָרף מיט די סאָלדאַטישע געצעלטען, האָט ער דערפיהלט ווי אַן אויפגעלעבטער. אָט אהער טאַקע האָט ער דאָך געצילעוועט . . . אָט זעהט ער דאָך טאַקע אז אפּאָלאָניוס האָט יאָ געוואַרט אויף איהם . . . אָ! וואָס פאַר א גליק! געבענטשט זאָלען זיין די סאָלדאַטען וועלכע האָבען איהם געכאַפּט צוזאַמען מיט דער גאַנצער באַנדע. שוין! ער איז אויפ'ן ריכטיגען פּלאַץ. נאָך אַ פּאָר מינוט און געוויס וועט אפּאָלאָניוס באלד ארויסקומען צו באַטראַכטען די געפאַנגענע רויבערס און ער וועט איהם, יאזאַנען, דערזעהן . . .

אמת, טאַקע, זעהר ניט שעהן אזא קבלת פּנים צווישען רויבער'ס . . . אפּאָלאָניוס וועט געוויס קייכען פון געלעכטער ווען ער וועט דערזעהן זיין גוטען פריינט יאזאַנען אין אזא לאַגע, שטעהענדיג געבונדען מיטביידע הענט. אבער ער וועט איהם דערצעהלען די גאַנצע געשיכטע און אפּאָלאָניוס וועט דאָך פארשטעהען, אז ער, איינער, האָט זיך ניט געקענט שטעלען אנטקעגען א גאַנצער באַנדע.

דערווייל האָבען די סאָלדאַטען צוגעפיהרט די גרופּע געפאַנגענע צו היראַטאָס געצעלט און ווען דער אָפיציר איז אַרויסגעקומען און האָט גע־הייסען אָנצינדען פייער צו קענען גענוי באַטראַכטען די גרופּע רויבערס, האָט יאזאַן פלוצלונג אַ געשריי געטאָן:

— היראַטאָס! דאָס ביזטו?!

היראַטאָס האָט אָנגעשטרענגט זיינע אויגען אין דער טונקעלקייט פון דער נאַכט און מיטאַמאָל האָט ער אויסגערופען אין גרויס שמחה:

— דו, יאזאַן! ווי קומסטו צווישען דער באַנדע? וואו ביזטו געווען ביז איצט? מיר האָבען דאָך געוואַרט אויף דיר דריי טעג.

היראַטאָס האָט באלד געגעבען א באַפעהל צו זיינע סאָלדאַטען פריי צו לאָזען דעם חשוב'ן באַנדיט . . . און ארויסצופיהרען די אנדערע רויבערס אויסערן דאָרף און זיי דאָרטען טויטען ווי אַמשנעלסטען און זיי באַגראָבען נאָך איידער עס וועט אָנהויבען טאָגען. באלד נאָך דעם דאָזיגען באַפעהל האָט היראַטאָס זיך געווענדעט מיט א פריינדליכען שמייכעל צו יאזאָנען און אָנ־נעהמענדיג יאזאָנען ביים האַנט זיינען זיי ביידע אריינגעגאַנגען אין דעם פריוואטען געצעלט פון היראַטאָס'ן פאַר זייער פריינדליכען געשפּרעך.

היראַטאָס האָט דערצעהלט יאזאַנ'ען וועגען דעם ספּעציעלען קוריער פון אנטיאָכיע וועלכער האָט צוריקגערופען, אין גאַרגיאַסעס נאָמען, דעם גענעראל אפּאָלאָניוס מיט דער ארמיי צוליעב דעם קאַטאַסטראָפאַלען טויט פון קעניג אנטיאָכוס, אין „עילם". און דאַריבער איז ער, היראַטאָס, דאָ

פאַרבליבען מיט בלויז הונדערט סאָלדאַטען אום איבערצונעהמען די אינ־פּאַרמאַציע וועגען די אוצרות פון בית המקדש.

יאָזאַן האָט צוערשט דערצעהלט זיין געשיכטע ווי אַזוי ער איז היינטיגע נאַכט געפאַנגען געוואָרען ביי די רויבער. און נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבען צו שמועסען וועגען די אוצרות אין בית המקדש:

— אין בית המקדש אין ירושלים — האָט יאָזאַן דערצעהלט — ליגען פילע הונדערטע טויזענטע שקלים אין מזומן געלט א חוץ פילע גאָלדענע און זילבערנע כלים און אויך פילע דימאַנטען. דער פאַרמעגען קומט פון פאַרשידענע קוועלעס: פון שטייערען און פון מתנות. אויך זיינען פאַראַן דאָרטען פילע מיליאָנען שקלים אלס א פקדון (באהאלטונג), וואָס פילע רייכע אידען האַלטען עס אין דעם גוט באוואַכטען און זיכערען אוצר אין בית המקדש. זיי צאָהלען דערפאַר גוטע שטייערען און צינזען. צווישען די געלטער געפינט זיך אויך דער פאַרמעגען פון הירקאנוס׳ן, דער אינגסטער זוהן פון דעם געוועזענעם פינאַנץ אַדמיניסטראַטאָר און שטייערען קאָלעקטאר פון ארץ ישראל, יוסף בן טוביה, וועמען דער עגיפּטישער קעניג האָט אמאָל געהאט באַשטימט אלס שטייערען אויפמאַהנער פון אַלע אידען אין ארץ ישראל.

— איך האָב דאָך געהערט אַז הירקאנוס איז גאָר אנטלאָפען נאָך „איראַק־על־עמיר" אויפ׳ן צווייטען זייט ירדן — האָט הירואַטאָס א פרעג געטהאָן.

— יאָ ער איז טאַקע אַנטלאָפען — האָט יאָזאַן געענטפערט — אָבער זיין פאַרמעגען האָט ער אָפּגעשטעלט אין בית המקדש אין גוטע הענט . . . מיין ברודער, דער כהן גדול, איז זעהר גוט באפריינדעט מיט הירקאנוס׳ן, און אַזוי שנעל ווי הירקאנוס עלטערע ברידער האָבען זיך א נעהם געטהאָן צו הירקאנוס׳ן אז ער זאָל זיי צוריקגעבען די ירושה, וואָס זייער פאָטער יוסף בן טוביה האָט איבערגעלאָזען פאַר זיין אינגסטען זוהן הירקאנוס, האָט מיין ברודער איהם געראָטען אז ער זאָל עס אנאָנסירען אלס „הקדש", הייליג צום בית המקדש, און אַזוי אָרום קען שוין קיינער ניט צונעהמען דעם פאַרמעגען, און דאַריבער האָט הירקאנוס געמוזט אנטלויפען נאָך „אראַק־על עמיר" אויפ׳ן צווייטען זייט ירדן.

— פאַרוואָס טאַקע האָט יוסף בן טוביה איבערגעלאָזען זיין גאַנצען פאַרמעגען בלויז צו זיין אינגסטען זוהן? — האָט הירואַטאָס געוואָלט וויסען געניי.

— ווייל יוסף האָט געוואוסט, אז זיין אינגסטער זוהן הירקאנוס איז א פּאַטריאָט פאַר דער עגיפּטישער מלוכה — האָט יאָזאַן געענטפערט מיט א

טיפען זיפץ. — זעהסטו, היראָטאָס, מיט וועלכע פּלענער די פרומע אידען טראָגען זיך אַרום? סיי יוסף און סיי הירקאנוס און אַלע פרומע אידען און צווישען זיי מיין ברודער מיט דער חשמונאים פאַמיליע, זיינען געווען און ווּעלען פארבלייבען הייסע פּאטריאטען פאר דער עגיפּטישער מלוכה, און זיי קלייבען פילע אוצרות צו קענען אויפרייצען א נייע מלחמה צווישען עגיפּטען און סיריע מיט׳ן צוועק אז עגיפּטען זאָל צוריק אפּנעהמען ארץ ישראל פון סיריע.

— אויב אַזוי, אז הירקאנוס האָט אַזוי פיל גוטע פריינט אין ירושלים, טאָ פּארוואָס איז ער אַנטלאָפען אויפ׳ן צווייטען זייט ירדן — האָט היראָטאָס ווידער געפרעגט.

— ווייל זיינע עלטערע ברידער האָבען אים געוואָלט טויטען — האָט יאזאָן געענטפערט — שטעל זיך פאָר אז אזא רייכער מאַן, יוסף בן טוביה, וועלכער האָט געהאָט פילע קינדער פון זיינע 2 ערשטע פרויען, האָט אויף די עלטערע יאָהרען זיך פארליבט אין אַן עגיפּטישע טענצערין און ער האָט א הוליע געטאָן מיט איר . . . אָבער ווען די טענצערין האָט אים נאָכהער געמאָלדען אַז זי באַדאַרף ווערן מוטער פון זיין פרוכט . . . האָט ער דאַמאָלס „פאַרקאָכט אַזאַ קאַשע" אז גאַנץ ארץ ישראל געדענקט עס ביז אויף היינטיגען טאָג. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען אז יענע טענצערין איז גאָר געווען יוסף׳ס ברודערס אַ טאָכטער, וועלכע איז אונטערגעשיקט געוואָרען דורך איר אייגענעם פאָטער, יוסף׳ס עלטערער ברודער, צו פארנעמען דעם פּלאַץ פון די אמת׳ע טענצערין . . .

היראָטאָס האָט אויסגעשאָסען אין א ווילדען געלעכטער און יאזאָן האָט ווייטער גערעדט:

— ווען יוסף האָט אָנגעהויבען מאַכען סקאַנדאַלען קעגען זיין ברודער פאר דער אָפּנאַרעריי, האָט דער ברודער אים איינגענומען מיט גוטען. ער האָט אים דערקלערט אז ער האָט אומישנע אונטערגעשיקט זיין טאָכטער ווייל ער האָט ניט געוואָלט אַז יוסף זאָל פאַרשעמען, מיט זיין אַקט מיט דער עגיפּטישער טענצערין, די גאַנצע פאַמיליע; און איצט, אויב ער, יוסף, וויל, קען ער הייראַטען זיין טאָכטער, און דאָס קינד וואָס וועט געבוירען ווערען, וועט זיין א געזעצלעכעס קינד. יוסף האָט זיך אַרומגעזען אז זיין ברודערס טאָכטער איז נישט קיין שלעכטע טענצערין . . . און זי איז דאָך סיי ווי גאָר נאָענט צו אים . . . האָט ער דעריבער געהייראַטעט מיט איר און צו דריי מאָנאַטען נאָך זייער הייראַט איז געבוירען געוואָרען הירקאנוס . . .

הייסט עס אַז הירקאנוס איז גאָר א פריצייטיגער . . . — האָט

הירקאַנאָס זיך צולאַכט. אָבער יאָזאָן האָט אים איבערגעשלאָגן מיט דער באַמערקונג:

— לאַך נישט, הירקאַנאָס! דער דאָזיגער הירקאַנוס איז א געפערלעכער שונא פון אונזער סירישער מלוכה, ער בורעוועט צווישן די אדומים און די אַראַבישע שבטים אז זיי זאָלן רעוואָלטירן קעגען סיריע. און כאָטש ער איז שוין אויף די עלטערע יאָרען, דאַך רוהט ער נישט קיין איין טאָג. ער שטעהט אין נאָענטע פאַרבינדונגען מיט מיין ברודער און מיט די חשמונאים. און אויב דער נייער קעניג וועט ניט מאַכען אַ שנעלען סוף פון אַלע רעוואָלוציאָנערען, וועט ארץ ישראל גאָר שנעל צוגענומען ווערען ביי דעם עגיפּטישען קעניג.

— איז וואָסזשע ראטסטו צו טאָן? — האָט הירקאַנאָס געפרעגט.

— דו דאַרפסט שוין אָפרייזען נאָך אַנטיאָכיע און איבערגעבען די גענעראלען און דעם נייעם קעניג, אַז מען מוז שוין שיקען אן ארמיי צו באַשטראָפען אַלע פרומע אידען אין ארץ ישראל און אויך צו באַקומען כאָטש א טייל פון די אוצרות פון בית המקדש.

— פאַרשטייט זיך — האָט יאזאָן צוגעגעבען מיט א כיטרען שמייכעל — אַז פאַר מיינע גוטע עצות און וויכטיגע אינפאָרמאַציעס פאַרלאַנג איך דעם כהונה־גדולה אַמט אין בית המקדש אויף מיין ברודערס פּלאַץ. ווייל נאָר דאַמאָלסט וועל איך קענען לייסטען מיט אַ ברייטער האַנט . . .

— פיליכט וואָלט געווען א פּלאַן אַז אנשטאָט אָפצורייזען נאָך אנטיאָכיע, זאָל איך אליין שוין מאַכען דעם איבערפאַל איבער דעם טעמפעל אין ירושלים? — האָט הירקאַנאָס א פרעג געטאָן.

— רעד נישט קיין נאַרישקייט — האָט יאזאָן שנעל פאַרכאַפּט מיט א שמייכעל — צו אַזאַ איבערפאַל מוז מען האָבען: ערשטענס, די אָפיציעלע דערלויבעניש פון דעם נייעם קעניג, און צווייטענס, מוז מען האָבען דערצו כאָטש א פּאָר טויזענט סאָלדאַטען צו קענען ארומרינגלען דעם גאַנצען בארג „מוריה“ וואו דער בית המקדש געפינט זיך; און דריטענס, מוז מען האָבען א פּראָפעסיאָנאלע געניטקייט, טאַפּפערקייט, און א שטאַרקען העראָאישען גע־וויסען ווי אומצוגיין מיט אַזאַ אַרבעט . . .

— דענקסטו אז עס וועט אָנקומען שווער? — האָט הירקאַנאָס ווידער געפרעגט.

— מען קען גאָר נישט באַשטימען אין פאָראויס — האָט יאזאָן גע־ענטפערט — אַלעס ווענדעט זיך לויט די אומשטענדען. אויב די פרומע אידען וועלען זיך דערשרעקען פאַרן איבערפאַל, דאַן וועלען זיי נישט ארויס־

ציגען קיין ווידערשטאַנד; נאָר טאָמער וועלען די חשמונאים אוספּייען זיך צו דערוויסען וועגען דעם איבערפאַל, דאַן וועט געוויס פאָרקומען א גרויסער שטרייט.

הירקאַנוס האָט זיך פאַרטראַכט אויף א היבשע ווילע און דאַן האָט ער פּלוצים אַ זאָג געטאָן:

— הער אויס, יאָזאָן! איך האָב איצט זיך דערמאָנט אָן מיין געשפּרעך וואָס איך האָב געהאַט מיט'ן גענעראַל אַפּאָלאָניוס ערשט נעכטען אידער ער האָט ארויסמאַרשירט מיט זיין ארמיי פון דעם דאָזיגען דאָרף נאָך אנטיאכיע. איך האָב אים געבעטען אַז ער זאָל זיך דורכשמועסען מיט דיר וועגען מיין פאַרלאַנג, און ער האָט עס מיר צוגעזאָגט. נאָר איצט, אַז עס האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט, און דו ביזט געקומען גליייך צו מיר, וועל איך שוין אליין רע־דען מיט דיר.

— נו, רעד, לאָמיר הערען — האָט יאָזאָן געענטפערט מיט פאַר־דעכטיגטע בליקען.

— דו ווילסט דאָך — האָט הירקאַנוס אַנגעהויבען רעדען — אַז איך זאָל רעדען וועגען דיין פאַרלאַנג צו ווערען כהן גדול אויף דיין ברודערס פּלאַץ. גוט, איך וועל שוין נישט זשאַלעווען קיינע רייד און קיין מיה, אָבער דערפאַר מוזטו מיר אויך טאָהן א טובה און מיר צוריקברייינגען מיין פאַר־לאָרענע געליבטע מאַריאַמאָן, די טאָכטער פון כהן בילגה אין ירושלים . . .

יאָזאָן האָט אויסגעגלאָצט א פּאָאַר ווילדע אויגען אויפ'ן אַפּיציר און ער האָט א פרעג געטהאָן:

— ווייסטו כאָטש וואָס דאָס מיינט פאַר מיר?

— איך ווייס — האָט הירקאַנוס געענטפערט — דער כיטרער מענעלאָס האָט שוין אוספּעיעט אַוועקצורייסען מיין געליבטע פון מיר, אָבער איך בין זיכער אַז אויב דו וועסט נאָר וועלען, וועסטו קענען צוריק פריי מאַכען פאַר מיר דעם וועג צו איהר . . .

— ווייסטו אָבער אַז דאָ איז פאַראַן אַ דאָפּעלטע שוועריגקייט? ערש־טענס איז דאָך מענעלאָס אַ פאַרביסענער יונג און צווייטענס, האָב איך מורא זיך צו פאַרטשעפּען מיט מרים'ס פאָטער, דער כהן בילגה, וויל ער איז א גוטער פריינט פון דעם אַלטען מתתיהו דער חשמונאי, און פאַר די חשמונאים מוז מען זיך שטאַרק אוסהיטען.

— איך וויל נישט וויסען פון קיינע שוועריגקייטען — האָט הירקאַנוס אויסגערופען מיט אַ באַפעהלענדער שטימע — די שעהנע אידישע מאַריאַמאַ האָט מיר פאַר'כשוף'ט מיט איהר רייץ. עס מעג זיין וואָס עס וויל, איך מוז

איהר באַקומען. אויב דו ווילסט אַז איך זאָל דיר א טובה טהאָן ביים קעניג, מוזטו מיר טהאָן א טובה מיט מרים׳ען . . .

יאזאַן האָט שווער אָפּגעאָטהעמט: נאַדיר גאָר פלוצלונג א נייע אַנשיקעניש אויף איהם . . . דער קאָפּ איז איהם איצט אַזוי שטאַרק צערודערט מיט זיינע אייגענע אינטערעסען וועגען דעם כהונה־גדולה־אַמט, וועגען מאַכען דעם איבערפאַל איבער׳ן בית המקדש, און אויך וועגען זיין אייגענער פארליבעניש אין דער רייצענדער דבורה׳ן אין רמה, און צום סוף מוז ער גאָר ווערען א שדכן צווישען היראַטאָס׳ן מיט דער אידישער מרים׳ען . . .

וואָלט כאָטש מענעלאָס ניט געווען פארמישט אין דעם, וואָלט ער, יאזאַן, שוין געוואוסט ווי אומצוגעהן מיט אַזאַ דעליקאַטען ענין, אָבער וואָס טהוט מען מיט מענעלאָס׳ן? אויב מענעלאָס וועט זיך דערוויסען אז יאזאַן האָט איהם פאַראַטען און אָפּגערעדט זיין געליבטע פון איהם, דאַן איז ער ניט זיכער מיט זיין לעבען, וויל ליסימאָכוס, דער ברודער פון מענעלאָסן, באוועגט זיך פראַנק און פריי מיט זיינע צוויי אייזערנע הענט . . . און אויב ליסימאָכוס וועט באַקומען א וואונק פון זיין ברודער מענעלאָס קעגען איהם, יאזאַנ׳ען, דאַן איז א סוף צו אַלע זיינע גוטע חלומות.

— נו, וואָס טראַכסטו אַזוי לאַנג? — האָט היראַטאָס אַ פרעג געטאָן.

— איך טראַכט . . . איך וויס? — — — זאָל איך אַזוי וויסען פון אַ בייזען חלום — האָט יאַזאַן אָנגעהויבען צו שטאַמלען.

— הער מיך אויס! — האָט היראַטאָס אויסגערופען מיט אַ מונטער־רער שטימע, — מיר איז נאָר וואָס איינגעפאַלען אַ גוטער געדאַנק: דו אַליין דאַרפסט גאָר נישט טאָן, נאָר מיר העלפען, און די אַרבייט וועט שוין ווערען אָפּגעטאָן דורך מיינע מענשען . . .

דאָס זאָגענדיג, האָט היראַטאָס זיך צעלאַכט זעהר הילכיג. יאַזאַן איז געזעסען מיט פאַרשעמטע בליקען און האָט אָפּגעוואַרט צו הערען היראַטאָסעס נייעם פלאַן.

— מאַך עס שנעל, יאַזאַן — האָט היראַטאָס ווידער אויסגערופען — קום מיט מיר אַרויס פון געצעלט. איך וועל מיטשיקען מיט דיר עטליכע פון מיינע סאָלדאַטען און דו וועסט זיי אָוועקפיהרען צו מרים׳ס הויז און זיי אָנצייגען אויף איהר . . . בלויז אָנצייגען, און זיי וועלען שוין דורכפיהרען מיין פלאַן . . .

— וואָס מיינסטו צו טאָן? — האָט יאַזאַן האַסטיג אַ פרעג געטאָן.

— מאַך זיך נישט אַזוי תם׳עוואַטע, — האָט היראַטאָס געענטפערט מיט אַ וואוילינגערישען פינטעל מיט׳ן אויג. — מיינע סאָלדאַטען וועלען איהר

אַ נעהם טאָן און ברייגנען צו מיר, און דאַן וועל איך שוין וויסען וואָס איך האָב צו טאָן . . .

— וואָס מיינסטו? דו באַדאַרפסט דאָך שוין אַפּרייזען נאָך אַנטיאָכיע וועגען אונזער פּלאַן — האָט יאָזאָן אָנגעהויבען שטעלען פראַגעס.

— געוויס וועל איך אַפּרייזען נאָך אַנטיאָכיע — האָט היראָטאָס געענט־פערט און זיך געשמאַלצען אין נחת — אָבער נישט אַליין, נאָר צוזאַמען מיט מיין געליבטער, צוזאַמען מיט מיין מאַריאַמאַ׳ן. איך וועל איהר אַריינפיהרען אין פּאַלאַץ צום קעניג און איהר פאַרשטעלען פאַר איהם אַלס מיין פרוי. זאָלען אַלע גענעראַלען אין אַנטיאָכיע זעהן וואָס היראָטאָס קען דערגרייכען. זיי וועלען מיר מקנא זיין. דו וועסט זעהן, יאָזאָן, אַז דורך מיין געליבטער וועל איך נאָך דערהויבען ווערען צו אַ גרעסערען אַמט אין דער אַרמיי.

היראָטאָס האָט אָנגעהויבען אַרומשפּרייזען איבער׳ן געצעלט מורמלענ־דיג דערביי פילע באַגייסטערטע ווערטער אויף זיין כמעט זיכערען גליק וואָס ער האָט שוין אין דער האַנט. אָבער יאָזאָן איז געזעסען אַ פאַרכמורע־טער; אמת, ער אַליין וועט ניט דאַרפען מאַכען קיין געוואַגטען שריט נאָר בלויז אָנצייגען צו די סאָלדאָטען אויף מרים׳ען, אָבער ווער ווייסט אויב דער געלונגענער אַקט וועט נישט שטערען היראָטאָס׳ן אין זיין מיסיע אין אַנטיאָ־כיע פאַר יאָזאָנס טובה? ווייל ווען היראָטאָס וועט שוין האָבען זיין געליבטע נעבען זיך וועט ער זיין אַזוי באַרוישט פון גליק, אַז ער וועט זיך שוין גאַרנישט קימערען וועגען יאָזאָנס פּלענער . . .

— נו, וואָס זיצסטו פאַר׳חלומ׳ט? — האָט היראָטאָס אויסגערופען, — קום לאָמיר אַרויסגעהן פון געצעלט. איך וועל אויסקלייבען פינף סאָל־דאָטען און דו וועסט שוין אַפּרייטען מיט זיי נאָך ירושלים צו מיין מאַריאַמאַ׳ן.

— וואָס ירושלים? ווער ירושלים? וואָס רעדסטו? — האָט יאָזאָן אַרויסגעהויכט מיט אַ שווערען זיפץ — ווייסטו דען ניט אַז מרים, אָדער ווי דו רופסט איהר מאַריאמא„ האָט שוין לאַנג צוריק אַרויסגעצויגען פון ירושלים נאָך דער שטאָדט מצפּה?

— ניין! — האָט היראָטאָס אויסגערופען מיט אַ פריילּיכקייט — דאָס הער איך צום ערשטען מאָל אַז מאַריאַמאַ געפינט זיך גאָר אין מצפּה. אויב אַזוי, איז עס נאָך פיעל בעסער פאַר מיר און פאַר דיר. די שטאָדט מצפּה איז דאָך ניט ווייט פון דאַנען. דו וועסט אָנקומען אַהין איידער עס וועט ווערען ליכטיג און אַזוי אַרום קען איך איר דערוואַרטען ביי מיר אַרום זונען אויפגאַנג.

יאָזאָן האָט שוין ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען. ער האָט געפילט אַז

אַן אַנשיקעניש איז געקומען אויף איהם און ער וועט זיך ניט קענען מעהר אויסדרייען פון דעם. יאָזאָן האָט ניט ווילענדיג צוגעשטימט און אין עטליכע מינוטען שפּעטער איז ער שוין געזעסען אויף זיין פערד אַרומגערינגעלט פון נאָך 5 סאָלדאַטען וועלכע האָבען באַקומען שטרענגע אינסטרוקציעס פון זייער אָפיציער היראַטאַס, אַז זיי זאָלען אויספאָלגען אַלעס וואָס דער גוטער פּריינט יאָזאָן וועט זיי הייסען.

היראַטאַס האָט זיך אָפּגעזעגענט מיט יאָזאָנען, וועלכער האָט אָפּגע־מאַכט מיט איהם אַז אַזוי שנעל ווי ער וועט האָבען אָנגעצייגט צו די סאָל־דאַטען אויף מאַריאַמאַן דאַן וועט ער גלייך זיך צוריקציהען און אָפּרייזען צוריק אַהיים נאָך ירושלים.

— געדענק, היראַטאַס! — האָט יאָזאָן אויסגערופען שוין זיצענ־דיג אויפ׳ן פערד — זאָלסט נישט זשאַלעווען קיין רייד און קיין מיה אויסצו־ווירקען פאַר מיר מיין פאַרלאַנג ביים קעניג.

— געדענק דו, וואָס דו האָסט דורכצופירען פאַר מיר. — האָט הי־ראַטאַס אָפּגעענטפערט מיט אַ געלעכטער — איך וועל שוין טאָן פאַר דיר ווי אַן אייגענער ברודער, נאָר דו מוזט גוט אַכטונג געבען אַז דיין אַרבעט פאַר מיר זאָל נישט זיין אַ דורכפאַל.

מיט די געגעזייטיגע צוזאָגונגען האָבען זיך ביידע גוטע פריינט אָפּ־געשיידט, און אין די נעקסטע עטליכע מאָמענטען האָט זיך דערהערט דער גערויש פון די זעקס רייטער, ווען זיי האָבען זיך אַ לאָז געטאָן מיט׳ן פולען אימפּעט צו דרום זייט נאָך דער שטאָדט מצפה.

## זעקסטער קאַפּיטעל

# יהודה פאַרלויפט דעם וועג פאַר די קידנעפּערס

ווען יהודה דער זוהן פון מתתיהו דער חשמונאי, האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט זיין פערד צום געצעלט פון היראַטאַס׳ן, לויט ווי די אַלטע דאָרפס־גריכין האָט איהם אָנגעצייגט פון דער ווייטענס, האָט ער ריכטיג געטראָפען אין זעלבען מאָמענט ווען יאָזאָן מיט די פינף סאָלדאַטען האָבען אָפּגעריטען פון דעם אָפיצער׳ס געצעלט.

ווען יהודה וואָלט נישט געווען געקליידעט אין עכטע גריכישע קליי־דער, וואָלט יאָזאָן איהם זיכער דערקענט, אָבער גליקליכערווייזע האָט יאָזאָן אָנגענומען דעם פלוצים דערשינענעם רייטער פאַר אַן אָפיציער און ער האָט זיך מעהר ניט אומגעקוקט אויף איהם.

דערפאַר אָבער האָט יהודה זעהר גוט דערקענט דעם פאַררעטער יאָזאָן און אין זעלבען מאָמענט האָט איהם אויפגעבליצט אַ געדאַנק אין קאָפּ אַז ער מוז שנעל נאָכרייטען דעם לומפּ און זעהן וואוהין ער לויפט, מיט זיינע פינף גריכישע סאָלדאַטען.

יהודה האָט שנעל אַ קירעווע געטאָן זיין פערד און שוין געוואָלט אָנ־הויבען נאָכלויפען, אָבער הירקאַנוס האָט דערזעהן דעם אונערוואַרטעטען גריכישען רייטער, און ער האָט אַ פרעג געטאָן:

— ווער ביסטו? צו וועמען ביסטו געקומען איצט נאָך אַ האַלבער נאַכט?

יהודה האָט זיך נישט פאַרלאָרען, נאָר ער האָט שנעל געענטפערט:

— אָה, אַן אומגליק איז געשעהן, מיין גוטער פריינט יאָזאָן צו וועמען איך בין געקומען אַהער וועגען זעהר אַ וויכטיגער מיסיע, איז נאָר וואָס אַפּגעריטען פון דאַנען און ווער ווייסט וואו איך וועל אים געפינען.

דערהערענדיג אַזאַ ענטפער איז הירקאַנוס געוואָרען אַנגעצויגען און ער האָט אַפרעג געטאָן:

— ווער ביסטו? און וועגען וואָס האָסטו געדאַרפט יאָזאָנען?

— איך בין זיינער אַ גוטער פריינט — האָט יהודה אויסגערופען — איך האָב געהאַט אָפּגעמאַכט מיט איהם אַז איך וועל איהם טרעפען דאָ ביי דיר ווען נאָר עס וועט זיין נויטיג און אַזוי ווי איך קום איצט פון שכם מיט אַ וויכטיגער מיסיע פאַר איהם, מוז איך וויסען וואוהין ער האָט נאָרוואָס אָפּגעריטען.

— אָבער דו האָסט מיר נאָך אַלץ ניט געזאָגט ווי דו קומסט צו יאָזאָנען — האָט הירקאַנוס איבערגעפרעגט.

— איך בין דער אָפיציער פון דעם גריכישען גאַרניזאָן אין שכם — האָט יהודה געוואָגט זיך פאַרצושטעלען מיט פּאָמפּ.

הירקאַנוס האָט שנעל אויסגערופען אין גרויס באַגייסטערונג.

— דו, גאַרניקוס! וואָס איז געשעהן מיט דיר? זעה ווי גרויס־אַרטיג דו זעהסט אויס, איך שווער ביים גרויסען גאָט אַפּאָלאָ, אַז איך וואָלט דיר נישט דערקענט. זייט ווען ביסטו עס געוואָרען אַזוי יונג? דוכט מיר אַז גאַרניקוס איז שוין באַלד אָהן ציינער און אָהן האָר אויפ'ן קאָפּ.

יהודה האָט זיך דערפילט אין גרויס פאַרלעגענהייט, ווער זאָל וויסען אַז הירקאַנוס קען גאָר גאַרניקוס'ן פון שכם? ער האָט זיך אָבער באַהערשט און האָט שנעל געענטפערט מיט אַ געמאַכטען שמייכעל:

— וואָס דען האָסטו געמיינט? איך וועל אימער פאַרבלייבען דער פאַרשלאָפענער גאַרניקוס.

— זאָג מיר ווי אַזוי איז עס געשעהן? — האָט היראַטאַס זיך נאָך אַלץ געוואונדערט — דוכט מיר אַז ווען איך האָב דיר געזעהן מיט עטליכע יאָהר צוריק האָסטו דעמאָלט אויסגעזעהן אַ סך עלטער ווי איצט.

יהודה האָט איצט פאַרשטאַנען אַז היראַטאַס איז טאַקע זיכער, אַז דאָס איז ער, דער ריכטיגער גאַרניקוס . . . ווייל אין אמת'ן האָט יהודה גוט גע־קענט דעם אַלטען אָפּגעלעבטען אָפּיציער גאַרניקוס פון שכם, וועלכער האָט געהאַט אַ שטאַרקע עהנליכקייט צו יהודה'ס געזיכט, און דעריבער האָט יהודה געוואַגט זיך צו באַרופען אויף יענעמס נאָמען.

— פאַרשטעהסטו מיר — האָט יהודה געענטפערט מיט אַ שמייכעל, — זייט איך בין אָנגעקומען אַלס אָפּיצער פון גאַרניזאָן אין שכם קום איך זעהר אָפט אין פאַרבינדונג מיט די אידען און פאַרשטעהט זיך, אויך מיט די אי־דישע יונגע שיינהייטען, דעריבער האָב איך געמוזט זיך פאַר יונגערען און פאַרשעהנערען . . .

— אויב אַזוי, ביסטו פון מיינע מענשען! — האָט היראַטאַס אויסגע־רופען און האָט אַ קלאַפּ געטאָן אויף יהודה'ס פערד — קום אַראָפּ פון דיין פערד און לאָמיר אַריינגעהן אין מיין געצעלט און כאַפּען אַ טרונק, איך האָב דאָ ביי מיר פון דעם בעסטען וויין . . .

— איך דאַנק דיר, היראַטאַס, פאַר דיין גאַסטפריינטליכקייט — האָט יהודה געענטפערט און האָט באַלד צוגעגעבען — איך מוז אָבער אַניאָגען צו מיין גוטען פריינט יאַזאָנען, ווייל איך האָב זייער וויכטיגעס פאַר איהם.

— ער איז נאָר וואָס אַוועק אין אַ זעהר וויכטיגע מיסיע פאַר מיר — האָט היראַטאַס געענטפערט.

— וואוהין? — האָט יהודה זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— איך גלויב, אַז פאַר דיר, גאַרניקוס, מעג איך רעדען פריי . . . — האָט היראַטאַס אַ זאָג געטאָן — מעגסט וויסען באַצייטענס, אַז אָט אָט און איך וועל אַריינקריגען אין מיינע הענט די שעהנסטע מיידעל פון יהודה...

— אַזוי גאָר? — האָט יהודה אויסגערופען און בשעת מעשה האָבען זיך זיינע פויסטען צוזאַמענגעדריקט פעסט אַזוי ווי ער וואָלט וועלען מיט איין קלאַפּ דער'הרג'ענען דעם האַלב שכור'ן גריכישען אָפּיצער — זאָג זשע מיר ווער איז זי דיין געליבטע?

— ע, הע! דו ווילסט שוין וויסען אַלעס מיט אַמאָל — האָט היראַטאַס אויסגערופען מיט אַ געלעכטער.

— אויב דו ווילסט מיר ניט זאָגען ווער זי איז וועל איך דיר ניט צווינגען, אָבער איך בעט דיר זעהר, זאָג מיר וואוהין האָט יאַזאָן אָפּגעריטען,

ווייל איך מוז איהם שוין אַניאָגען און איבערגעבען די וויכטיגע אינפאָרמאַציע.

— וואָס אינפאָרמאַציע, ווען אינפאָרמאַציע ? וואָס ווילסטו איהם שטע־רען אין זיין איצטיגע מיסיע פאַר מיר — האָט הירקאָס אַ מורמעל געטאָן.

— איך האָב גאָר וויכטיגע אינפאָרמאַציע פאר איהם פון — — — —

דערביי האָט יהודה אַ טראַכט געטאָן וואָס צו זאָגען עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל מיט אַמאָל שאָקירען דעם אָפיצער אַז ער זאָל איהם שוין אויסזאָגען וואוהין יאָזאָן איז אָפּגעריטען.

— נו, פון וועמען ? — האָט הירקאָס אַ פרעג געטאָן, זעהענדיג ווי דער אַזוי גערופענער גארניקוס האָט זיך פאַרהאַקט אין מיטן די רייד.

— פון גענעראַל אַפּאָלאָניוס ! — האָט יהודה אויסגערופען.

— וואָס רעדסטו ? אַפּאָלאָניוס האָט דאָך ערשט נעכטען פאַרטאָג אָפּ־גערייזט פון דאַנען, טאָ ווי קומט עס אַז ער זאָל מיר גאָרנישט אָנזאָגען וועגען עפּעס א געהיימניש פאַר יאָזאָנען.

— ווייל אַפּאָלאָניוס האָט אַליין ניט געוואוסט. ער האָט עס מיר גע־לאָזט וויסען שוין פון וועג . . .

הירקאָס האָט זיך פאַרטראַכט. עפּעס איז איהם נישט געפעלען גע־וואָרען גאַרניקוסעס מיסטעריעזע רייד. ווי קומט אַפּאָלאָניוס צו שיקען אינ־פאָרמאַציע צו איהם אין שכם ווען ער, הירקאָס, איז דאָ פאַרבליבען נעבען באַרג „גלבוע״ ? נאָר וואָס מעהר הירקאָס האָט זיך אַריינגעטראַכט אין דער לאַגע אַלץ מעהר צוטומעלט איז ער געוואָרען. ווער ווייס, אפשר האָט אַפּאָלאָניוס געהיימע פאַרבינדונגען מיט דעם אַלטען אָפיציער גאַרניקוס׳ן. נאָך אַלעמען איז ער דאָך אַ שטיקעל פאַמיליאַנט מיט איהם און מעגליך אַז ער האָט איהם אָנפאַרטרויט מיט עפּעס אַ געהיימע מיסיע.

— גוט ! — האָט הירקאָס אַ זאָג געטאָן — אויב דו ווילסט אָניאָגען צו יאָזאָנען זאָלסטו שוין אָפּרייזען אויפ׳ן וועג נאָך דער שטאָדט מצפה.

—איך דאַנק דיר ! האָט יהודה אויסגערופען מיט פרייד.

— איך בעט דיר אָבער איהם ניט צו שטערען ביז ער וועט האָבען דורכגעפיהרט זיין מיסיע פאַר מיר — האָט הירקאָס אַרויסגערעדט מיט אַ געבעט אין זיין שטימע.

— טאָ זאָג זשע מיר אין וואָס זיין מיסיע באַשטעהט — האָט יהודה געוואָלט וויסען.

— ער באַדאַרף אָנצייגען מיינע 5 סאָלדאַטען אויף דער שעהנער מרים, די טאָכטער פון כהן בילגה, און דאַן וועסטו קענען שמועסען מיט יאָזאָנען

וויפיעל דו ווערסט וועלן, ווייל מיינע סאָלדאַטען וועלן שוין דורכפיהרען דאָס איבעריגע.

— גוט איך פאַרשטעה שוין אַלעס — האָט יהודה געענטפערט מיט אַ געמאַכטען שמייכעל און אין נעקסטען אויגענבליק האָט ער אַ צי געטאָן דעם פערד און האָט מיט גרויס אימפעט אַוועקגעריטען פון דאָרף.

---

אין דער זעלבער נאַכט, ווען יאַזאָן איז געלאָפען צו הירקאַנאָס'ן אין דאָרף און יהודה האָט איהם נאָכגעפאָלגט, איז געזעסען די פרומע צפורה, די פרוי פון כהן בילגה, ביי זיך אין הויז אין מצפה און געפירט אַ שמועס מיט איהר טאָכטער מרים.

— זעה וואָס דו האָסט געמאַכט פון אונז — האָט די מוטער אָפּגעזיפצט — מיר האָבען געהאַט אַ שעהנע היים אין ירושלים און דער טאַטע איז געווען געשעצט און געאַכטעט ביי אַלעמען. אַ קלייניגקייט ? אַ כהן אין בית המקדש, און דערצו נאָך אַ ממונה פון אַ גאַנצען משמר (אָפּטיילונג) כהנים, אָבער צוליב דיין אויסגעלאַסענקייט האָט מען איהם אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע און טאָמער איז נאָך דאָס געווען ווינציג האָסטו געבראַכט אויף אונז אַזוי פיעל צרות. מיר האָבען געמוזט אַנטלויפען פון ירושלים נאָך מצפה, און איצט ווילסטו נאָך אַלץ ניט פאַרשטעהן דעם גרויסען אומגליק וואָס דו האָסט גע־בראַכט אויף אונז און דו נעהמסט נאָך אויף אַזאַ נידערטרעכטיגען מתיון, אַ גריכישען פּאַטיראַט, אַ טויגעניכטס ווי מענעלאַס איז.

— איך האָב שוין גענוג געהערט אייערע מוסר רייד — האָט מרים גע־ענטפערט מיט אַ שעלמישען שמייכעל, — איך זאָג דיר איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַז איך וועל האַנדלען לויט מיין אייגענעם באַגעהר, הלואי וואָלט איך געוואוסט וואו עס איז אַהינגעקומען מיין אַמאָליגער געליבטער, דער העלדי־שער אָפּיציער הירקאַנאָס, וואָלט איך פאַרטריבען מענעלאַסען פון זיך.

— אָבער פאַר וואָס קומט עס אונז אַזאַ שטראָף ? — האָט די מוטער אָנגעהויבען וויינען — פאַרוואָס זאָל אונזער איין־און־איינציגע טאָכטער אונז פאַרשוואַרצען דעם פּנים און זיך וועלען אַוועקרייסען פון דער אידישער תורה, רעליגיאָן און פאָלק ? פאַרוואָס ? — פרעג איך דיר.

— ווייל איך האָב זיך אַרומגעזעהן, אַז די אידישע תורה פאַרשקלאָפּט דעם אידענס גייסט — האָט מרים אַרויסגעשוימט מיט רוגזה.

— וועה צו מיינע אויערען אַז איך הער אַזעלכע לעסטערענדע רייד פון מיין קינד וועמען איך האָב דערצויגען אין לוקסוס און וואוילטאָג — האָט די מוטער קוים אַרויסגערעדט.

— עס טהוט מיר לייד, מאמע, וואָס איך האָב דיר וועה געטאָן, אָבער דו האָסט מיר געצוואונגען צו דעם, ווייל איך קען שוין מעהר ניט דולדען די שטענדיגע זיפצעריי און מוסר רייד פון דיר מיט׳ן טאַטען.

— טאָ פאַרוואָס זשע ווילסטו אונז נישט פאָלגען? — האָט די מוטער געפרעגט מיט אַ רחמנות פּנים.

— ווייל איך בין פאַרליבט אין היראַטאָס׳ן, נאָר צוליב דיר מיט׳ן טאַטען בין איך אָפּגעריסען געוואָרען פון איהם, אָבער וואָס מעהר אַ טאָג אַלץ מעהר פיהל איך אַז ער ווערט מיר מעהר איינגעוואָרצעלט אין האַרצען.

— אויב אַזוי טאָ פאַרוואָס נעמסטו גאָר אויף מענעלאַס׳ן? — האָט די מוטער פּרובירט פרעגען.

— איך גיב איהם נישט קיינע פאַרשפּרעכונגען. איך לאָז איהם נאָר קומען אַהער ווייל איך האָף אַרויסצובאַקומען פון איהם וועלכע עס איז אינ־פאָרמאַציע וועגען מיין פאַרלאָרענעם היראַטאָס׳ן.

— דענקסטו אַז אַ אידישע טאָכטער מעג לעבען מיט אַ געצענדינער?

— האָט די מוטער ווידער געפרעגט און זיך באַהערשט ניט צו וויינען.

— שוין ווידער מיט רעליגיאָן? — האָט מרים אויסגערופען — איך האָב דאָך דיר שוין דערקלעהרט, אַז איך וויל מעהר נישט הערען אַזעלכע נאַרישע רייד . . .

— און פאַר גאָט האָסטו גאָר קיין מורא ניט? — האָט די מוטער ווייטער געפאָרשט.

— אַז אַך־און־וועה וואָלט שוין געוועזען צו אַזאַ גאָט צו ווענען מען דאַרף דינען אויס מורא — האָט מרים געענטפערט. — ניין! גאָט איז בלויז אַ הימלישעס וועזען אָבער ער מישט זיך ניט אין ערדישע קערפּערליכע און פיזישע ענינים . . .

— מיר דוכט זיך אַז אַלס אַ צוגאָב צו דיינע ווילדע מעשים ביזטו נעבעך אויך ניט ביים קלאָהרען פאַרשטאַנד — האָט די מוטער אָפּגעזיפצט.

— אַזוי זאָגען טאַקע די אַלע אָפּגעלעבטע פרומאַקעס — האָט מרים געענטפערט מיט אַ געלעכטער און האָט באַלד צוגעגעבען — די יעניגע וועלכע האָבען נישט געהערט די וואונדערליכע לעהרע פון פּלאַטאָ און אַריסטאָטעל קענען גאָר נישט פאַרשטעהן וואָס עס הייסט לעבען. אפילו זייער רעליגיע קענען זיי נישט פאַרשטעהן ריכטיג, ווייל עס פעהלט זיי די לאָגיק און — — —

— גענוג, גענוג שוין צו ריידען אַזעלכע זינדיגע רייד קעגען גאָט מיט זיין הייליגער תורה — האָט די מוטער אויסגערופען — איך זעה שוין אַז

דו ביזט אַ פּאַרגיפּטעטע. פינסטער איז מיר מיין לעבען. וואָס טהוט מען? וואו לויפט מען?

די מוטער האָט זיך שטאַרק צעוויינט און מרים האָט איהר צוגע־וואָרפען אַ שפּאָטישען שמייכעל און האָט זיך צוריקגעצויגען אין איהר צימער.

אין אַ קורצע ווײלע שפּעטער איז אויך די מוטער אַריינגעגאַנגען אין איהר צימער און האָט זיך געלייגט שלאָפען.

אין הויז איז געוואָרען פינסטער. מוטער און טאָכטער זיינען געלעגען אין זייערע באַזונדערע צימערען און געשלאָפען. דער מאַן און פאָטער, דער כהן בילגה, איז יענע נאַכט ניט געווען צו הויז, ווייל ער איז אַוועק נאָך ירושלים אום אויסצוגעפינען וואָס ער קען טהאָן, אַז מען זאָל איהם צוריק אָנשטעלען אַלס ממונה פון דעם משמר כהנים אין בית המקדש נאָכדעם ווי מען האָט איהם אנטזאָגט. ער האָט אָנגעזאָגט זיין פרוי אַז זי זאָל גוט אַכטונג געבען אויף זייער טאָכטער אין דער צייט וואָס ער וועט זיך פאַרזאַמען אין ירושלים.

ווי לאַנג מוטער און טאָכטער זיינען געשלאָפען האָבען זיי אַליין נישט געוואוסט, נאָר גאָר פּלוצלונג האָבען זיי דערהערט אַ האַסטיגען קלאַפּען אויפ׳ן טיר, און ניט־טויט נישט־לעבעדיג האָבען ביידע פרויען אויסגערופען:

— ווער איז דאָרטען?

— איך, גאַרניקוס, פון שכם! — איז געקומען דער שטאָלצער ענט־פער אין דער גריכישער שפּראַך, — שנעלער עפענט די טיר איידער עס ווערט צו שפּעט.

ביידע פרויען האָבען געפיהלט אַז עפּעס איז ניט גלאַט און אַז אַ געפאַהר שטעהט פאַר זיי.

— ווער איז עס דער גארניקוס? — האָט די מוטער אַ שעפּטשע גע־טהאָן צו איהר טאָכטער.

— דאָס איז דער גריכישער אָפיצער פון דעם גאַרניזאָן אין שכם — האָט די טאָכטער שנעל געענטפערט.

— נו, פאַרוואָס עפענט איהר ניט? — האָט זיך דערהערט די זעלבע שטימע צום צווייטען מאָל.

מוטער און טאָכטער האָבען אַרויפגעכאַפּט אויף זיך זייערע קליידער און די מוטער האָט באַלד געעפענט די טיר.

דער אַזוי גערופענער גארניקוס, אונזער גוט באַקאַנטער יהודה החשמו־נאי, איז אַריין אין הויז און האָט האַסטיג אַ זאָג געטהאָן אין גריכיש:

— מאַריאַמאַ! שנעל, טהו זיך אָן דיינע קליידער און קום מיט מיר, ווייל דיין אַמאָליגער היראַטאַס וואַרט אויף דיר אין שכם ביי מיר אין הויז.

— וועה איז מיר! — האָט די מוטער אויסגעשריען און פאַרבראָכען מיט די הענט, — האָב מיטלייד מיט מיר, לאָז מיר איבער מיין איינציג קינד. זי איז דאָך מיין גאַנצער טרייסט אין לעבען. זי איז — — —

— שטיל, דו אַלטער נאַר! — האָט יהודה אַ געשריי געטהאָן.

— זאָרג נישט, מאַמע! איך וועל זיך נאָך זעהן מיט דיר — האָט מרים אויסגערופען אין אַ פרעהליכער שטימע און איז באַלד אַריינגעלאָפען צו זיך אין שלאָפצימער אום זיך אָנצוטאָן איהרע שענסטע קליידער . . .

— אַזוי שנעל ווי מרים איז אַריינגעלאָפען צו זיך אין צימער האָט דער גאַסט אַ שעפּטשע געטאָן צו דער האַלב פאַר׳חלש׳טער מוטער אויפ׳ן אויער אין דער העברעאישער שפּראַך.

— שרעק זיך ניט צפורה, איך בין יהודה דער חשמונאי. איך בין גע־קומען ראַטעווען דיין טאָכטער. דער גריכישער אָפיצער היראַטאַס האָט אַרויסגעשיקט סאָלדאַטען מיט׳ן לומפּישען פאַררעטער יאַזאָן דעם כהן צוצו־כאַפּען דיין טאָכטער און איהר אַוועקפיהרען צו איהם. זיי וועלען דאָ באַלד אָנקומען, ווייל איך בין זיי פאַרלאָפען דעם וועג. דו זאָלסט זיי זאָגען אַז גאַרניקוס דער אָפיצער פון גריכישען גאַרניזאָן אין שכם האָט נאָר וואָס אַוועקגענומען דיין טאָכטער לויט׳ן לעצטען באַפעהל פון היראַטאַס זעלבסט. געדענק, אַז נאָר דאָס און ניט מעהר זאָלסטו ענטפערען צו די סאָלדאַטען ווען זיי וועלען באַלד אָנקומען אַהער. פאַר דיין טאָכטער מוז איך פאַרלויפיג אויך פאַרבלייבען מיט׳ן פאַלשען נאָמען גאַרניקוס פון שכם אום אַז איך זאָל ניט האָבען קיין שוועריגקייטען איהר אַרויסצופיהרען פון שטאָדט.

— אָבער, וואָס טהוט זיך דאָ? ווי קומסטו צו היראַטאַס׳ן? וואוהין ווילסטו צונעהמען מיין טאָכטער? — האָט די צעטומעלטע מוטער געגומען שטעלען פראַגען.

— דיין טאָכטער וועל איך דערווייל איבערפיהרען צו מיינעם אַ באַ־קאַנטען דאָ אין מצפה, ווייל איך מוז דאָ אָפּוואַרטען די סאָלדאַטען מיט׳ן פאַררעטער יאַזאָן און נאָכהער וועלען מיר ווידער שמועסען.

די מוטער האָט געוואָלט פרעגען נאָך עפּעס, אָבער אין זעלבען מאָ־מענט איז מרים אַריינגעקומען אין צימער אָן אויסגעפּוצטע און אויסגעשמירטע מיט די בעסטע אוילען און געווירצען.

— מאַמע, זאָרג זיך נישט אַזוי פיעל — האָט מרים געוואָלט טרייסטען איהר מוטער — איך וועל זיך נאָר דורכשמועסען מיט מיין אַמאָליגען הירא־טאָס׳ן און איך וועל קומען צוריק אין אַ טאָג אָדער צוויי שפּעטער:

די מוטער האָט זיך געמאַכט ווי פאַר׳חלש׳ט און דער אַזוי־גערופענער גאַרניקוס איז באַלד אַרויס פון הויז מיטנעהמענדיג די אויסגעפּוצטע מרים. ער האָט איהר געהאָלפען אַרויפשטייגען אויף זיין פערד און גלייך נאָכדעם איז ער אַליין אַרויפגעשפּרונגען אויפ׳ן פערד און האָט אַוועקגאַלאָפּירט צו דער צווייטער זייט פון שטאָדט.

ווען מרים האָט דערזעהן אַז דער אַזוי גערופענער גאַרניקוס שטעלט זיך אָפּ נעבען אַ הויז, האָט זי אַ פרעג געטהאָן:

— צו וואָס עפּעס דער דאָזיגער אָפּשטעל? מיר דאַרפען דאָך רייטען נאָך שכם?

— איך האָב דאָ צו פאַרברייגגען אַ פּאָר שטונדען — האָט יהודה גע־ענטפערט, — דאַריבער ועסטו מוזען אָפּוואַרטען דאָ אין הויז ביז וואַנען איך וועל צוריקקומען און דיר נעהמען צו דיין היראָטאָס׳ן אין שכם . . .

— איך פאַרשטעה אייך נישט — האָט מרים אויסגערופען אַ צעטומעל־טע — אויב איהר האָט געוואוסט, אַז איהר באַדאַרפט נאָך פאַרברייגגען דאָ אַ פּאָר שטונדען, טאָ צו וואָס האָט איהר פריהער מיך אויפגעוועקט פונ׳ם שלאָף מיט אַזאַ שטורעם?

— דאָס אַלעס וועסטו שוין אויסגעפינען שפּעטער — האָט יהודה גע־ענטפערט און האָט אַראָפּגענומען מרימ׳ן פון פערד.

— איך געה נישט! — האָט מרים אויסגערופען און האָט שוין גע־וואָלט לויפען צוריק אַהיים. אָבער יהודה האָט איהר אַ נעהם געטהאָן פעסט אין זיינע הענט און האָט אַ געשריי געטאָן:

— דער העלדישער אָפּיצער גאַרניקוס גלייכט נישט אַז מען איז איהם ווידערשפּעניג.

דאָס האָט געווירקט, און אין עטליכע מינוט שפּעטער איז שוין מרים געוועזן אין אַ הויז וואו זי האָט גלייך דערפאַהרען אַז דאָס איז אַ אידיש הויז. זי האָט זיך געוואונדערט ווי קומט עס וואָס דער גריכישער אָפּיצער גאַרניקוס האָט איהר אָפּגעשטעלט אין אַ אידישער הויז, אָבער וואָס האָט זי געקענט טאָן, אַז קיינער אין הויז האָט איהר נישט געוואָלט ענטפערען אויף קיינע פראַגען וואָס זי האָט זיי געשטעלט. זי האָט נאָר געזעהן ווי גאַרניקוס האָט זיך געשושקעט מיט׳ן באַלעבאָס פון הויז און איז באַלד ארויס פון דאָרט.

און ווירקליך האָט יהודה זיך געאיילט אפצוואווארטען דעם פאררעטער

יאָזאָן מיט די פינף סאָלדאַטען ווען זיי וועלען אָנקומען צו מרים׳ס הויז.

יהודה האָט צוריק געריטען צו יענער הויז און האָט זיך אַוועק־געשטעלט אין אַ באַהאַלטענעם פּלאַץ פון וואַנען ער זאָל קענען אַלעס צו־זעהן אומבאַמערקטערהייט.

יהודה איז אזוי געשטאַנען ביי אַ געבויע שטונדע און האָט זיך אָפּ־גערוהט פון דעם שנעלען געיעג וואָס ער האָט געמאַכט היינטיגען פאַרטאָג פון דאָרף נעבען דעם באַרג „גלבוע״ נאָך „מצפה״. ער האָט דאָך געמוזט אַריבעריאָגען די זעקס רייטער און זיי אויסמיידען כדי צו קענען אַרויסראַ־טעווען די טאָכטער פון דעם טייערען און איידעלען כהן בילגה אַז זי זאָל נישט ווערען צוגעכאַפּט פון דעם גריכישען אָפּיצער היראָטאָס, און צו דער זעלבער צייט מוז ער איצט אָפּוואַרטען דעם יעניגען נאָך וועמען ער האָט זיך אַרויסגעלאָזען אויפצוזוכען, דאָס איז דער פאַררעטער יאָזאָן וועלכער וועט דאָ באַלד אָנקומען מיט די פינף סאָלדאַטען.

— געלויבט איז השי״ת (האשעם ייסבאָראַך) — האָט יהודה אַ מורמעל געטהאָן צו זיך — איך האָב מצליח געווען אין מיין שליחות וואָס מיין פאָ־טער האָט מיר אָנפאַרטרויט. לאָמיר האָפען אַז אַלע שונאי ישראל וועלען גאָר אין גיכען כאַפּען אַזאַ מפלה ווי דער דאָזיגען מתיון יאָזאָן וועט באַלד באַקומען פון מיר. איך מוז נאָר אָפּוואַרטען ווען ער וועט זיך געזעגענען מיט די פינף סאָלדאַטען און נעהמען רייטען צוריק נאָך ירושלים. דאַן וועל איך פאַרטיג ווערען מיט איהם און איך וועל צונעהמען דער ווילדער מרימ׳ען נאָך מודעין צו אונז אַהיים, אום זי זאָל באַקומען אַ שטרענגע דערציהונג און ווערען אַ פרומע אידישע טאָכטער.

מיטאַמאָל האָט יהודה דערהערט די האַסטיגע טריט פון די זעקס רייטער. ער האָט אָנגעשטרענגט זיינע אויגען אין דער טונקעלער ליכטיג־קייט פון דעם פריהמאָרגען און האָט דערקענט די זעלבע רייטער פון דאָרף מיט יאָזאָן׳ען אָן דער שפּיץ.

יהודה האָט זיך פאַרשטעקט צווישען צוויי הייזער און האָט אָפּגעוואַרט. עס האָט ניט געדויערט לאַנג און די קאָמפּאַניע רייטערס זיינען צוגעקומען צום כהן בילגה׳ס הויז און יאָזאָן האָט אויסגערופען:

— אָט דאָס איז עס. איך וועל דאָ בלייבען שטעהן און איהר געהט אַריין און נעהמט אַרויס די איין איינציגע מיידעל פון הויז. איהר קענט ניט מאַכען קיין טעות אויף אַן אַנדער מיידעל, ווייל די בילגה פאַמיליע האָט ניט מעהר ווי איין טאָכטער.

יהודה איז געשטאַנען אין זיין באַהעלטעניש און צוגעהערט ווי יאָזאָן

גיט זיינע באַפעהלען צו די סאָלדאַטען. עס איז איהם געווען גוט אויפ׳ן הארצען וואָס אָט און יאַזאַן וועט, ניט נאָר „בלייבען מיט אַ נאָז״ צוליב זיין מיאוס׳ן דורכפאַל וועגען מרים, נאָר אויך וועט ער באַקומען זיין מפלה ווי ער פאַרדינט.

די פינף סאָלדאַטען זיינען אַראָפּ פון די פערד און צוגעהענדיג צום טיר האָט איינער פון זיי אָנגעקלאַפּט.

די טיר האָט זיך באַלד געעפענט און די מוטער צפורה האָט געפרעגט אין אַ מכלומר׳שטער שרעק וואָס זיי ווילען.

— מיר זיינען געשיקט געוואָרען פון אונזער אָפיצער היראַטאָס צו ברייגען דיין טאָכטער צו איהם — האָט דער עלטסטער פון די סאָלדאַטען איבערגעגעבען דעם באַפעהל.

— שוין צו שפּעט . . . — האָט די מוטער געענטפערט און האָט זיך קוים איינגעהאַלטען פון געלעכטער.

— וואָס מיינסטו מיט די ווערטער „שוין צו שפּעט״? — האָט דער סאָלדאַט געפרעגט.

— ווייל דער זעלבער היראַטאָס האָט שוין געשיקט א מעהר פלינקערען שליח פון איך און ער האָט מיט אַ שטונדע צוריק אַוועקגענומען מיין טאָכטער צו איהם . . .

די סאָלדאַטען זיינען געבליבען שטעהן צעטומעלטע. ווי קען עס זיין מעגליך?

— גלויב איהר נישט — האָט איינער פון די סאָלדאַטען אויסגערופען

— איהר טאָכטער מוז זיין אין הויז.

— אויב איהר גלויבט מיר נישט, קענט איהר אריינגעהן אין הויז זוכען

— האָט די מוטער געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

די סאָלדאַטען זיינען באַלד אַריין אין הויז און האָבען דורכגעזוכט אַלע צימערען.

— ווער איז עס געווען דער שליח וואָס האָט אַוועקגענומען דיין טאָכ־טער צו אונזער אָפיצער? — האָט דער עלטסטער אַ פרעג געטהאָן.

— שוין גאָר אַ געהויבענער שליח . . . — האָט די מוטער געענטפערט מיט שטאָלץ, — דאָס איז געווען דער אָפיצער גאַרניקוס פון שכם . . .

די סאָלדאַטען האָבען זיך איבערגעוואָרפען מיט קעגענזייטיגע בליקען און האָבען געהויבען מיט די אַקסלען. איינער פון זיי איז באַלד אַרויס אין דרויסען און האָט דערצעהלט יאַזאַנען וואָס דאָ קומט פאָר.

— רייט צוריק צו אייער אָפיצער און זאָגט איהם אין מיין נאָמען, אַז

ער זאָל זיך פאַרדרעהען זיין אייגענעם קאָפּ און ניט אָנמאַכען אַזאַ צעמישעניש ווי ער האָט דאָ איצט אָנגעמאַכט מיט אונז. — האָט יאָזאָן אויסגערופען אין גרויס אויפרעגונג און האָט באַלד צוגעגעבען — וואו איז עס געהערט געוואָרען אַז אַ מענש זאָל זיין אַזוי אומגעלומפּערט אַז נאָכדעם ווי ער האָט אַרויסגע־שיקט דעם אָפּיצער גאָרגיקוס׳ן צו ברייגגען זיין געליבטע צו זיך, זאָל ער האָבען פאַרגעסען אָן דער גאַנצער געשיכטע און הייסען נאָכאַמאָל רייטען אַהער און ווידער ברייגגען איהם, ווּעמען? אפשר וויל ער גאָר אויך איהר מאַמען? . . .

די סאָלדאַטען האָבען נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן? בלייבען דאָ לענ־גער איז נוצלאָז, די מיידעל איז ניטאָ, און רייטען צוריק מיט ליידיגע הענט איז אויך ניט גוט.

— אויף וואָס וואַרט איהר דאָ? — האָט יאָזאָן אויסגערופען מיט כעס — רייט שוין צוריק און גיט איבער אייער אָפּיצער אַז ער זאָל נאָכאַמאָל נישט טרייבען קיינע מענשען אומזיסט אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט.

— פיליכט וואָלסטו אויך צוריקגעריטען מיט אונז? — האָט דער עלט־סטער אַ פרעג געטאָן.

— צו וואָס דאַרפט איהר מיר? — האָט יאָזאָן זיך צולאַכט.

—ווייל מיר האָבען מורא אַז היראָטאָס וועט אונז ניט גלויבען און דאַן וועט ער אויסלאָזען זיין כעס צו אונז . . . — האָט דער עלטסטער פון די סאָלדאַטען געענטפערט.

— איהר דאַרפט קיין מורא ניט האָבען — האָט יאָזאָן געענטפערט — ווייל וויבאַלד אַז גאָרגיקוס האָט איהם שוין געבראַכט זיין געליבטע וועט ער שוין זיין פאַרנומען מיט איהר און וועט זיך אויף אייך גאָר נישט אומקוקען . . .

— טאָמער איז עס אָבער אַ ליגען, דאַן וועט ער אונז אָנטאָן גרויסע צרות — האָט דער עלטסטער געענטפערט מיט אַ שרעק אין זיין שטימע.

— אויב עס זאָל זיך אויסלאָזען אַ דורכפאַל, איז טאַקע זעהר נישט גוט פאַר אייך — האָט יאָזאָן געענטפערט מיט אַ רחמנות געפיהל — אָבער העלפען אייך קאָן איך ליידער גאָרנישט. איך האָב שוין גענוג צייט פאַרבראַכט אויף דער מיסיע. איצט מוז איך אָפּרייטען צוריק נאָך ירושלים.

— מיר בעטען דיר זעהר זיך אומצוקעהרען מיט אונז און אליין איבער־געבען צו היראָטאָס׳ן וועגען אונזער דורכפאַל — האָט דער עלטסטער זיך גענומען בעטען.

יאָזאָן האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ ווייל. ער האָט זיך דערמאָנט אַז ער מוז דאָך אָנהאַלטען זיין גוטפריינדשאַפט מיט היראָטאָס׳ן אום אַז ער

זאָל זאָגען אַ גוט וואָרט פאַר איהם אין אנטיאָכיע. עס איז אימער בעסער צו האָבען צעהן גוטע פריינט איידער איין שונא. אויב ער, יאָזאָן, זאָל טאָקע איצט אַוועקרייטען נאָך ירושלים, און טאָמער האָט דער אַזוי גערופענער גאַרניקוס געבראַכט דער מיידעל צו היראַטאָס׳ן, דאַן וועט היראַטאָס זיכער וואַרפען די שולד אויף איהם, יאָזאָנען, דעריבער איז עס בעסער אַז ער זאָל צוריקרייטען אין דאָרף און פּרובירען באַרוהיגען דעם האַלב־שיכור׳ן אָפיצער היראַטאָס.

עס האָט ניט געדויערט לאַנג און יאָזאָן איז צוריק אָפּגערייטען מיט די פינף סאָלדאַטען.

ווען יהודה, אָדער דער אַזוי גערופענער גאַרניקוס, האָט געזעהן אַז יאָזאָן קעהרט זיך אום צוריק מיט די פינף סאָלדאַטען, האָט ער געקריצט מיט די צייהן. עס האָט איהם פאַרדראָסען וואָס דער פאַררעטער האָט זיך איהם אַרויסגעגליטשט פון זיינע הענט. ווען ער וואָלט איצט ניט באַדאַרפט צו־נעהמען מרים׳ען פון „מצפה” נאָך „מודעין”, וואָלט ער זיכער איינגעשטעלט זיין לעבען און נאָכגעיאָגט יאָזאָנען, כאָטש ער איז נאָר איינער קעגען זעקס.

אזוי שנעל ווי די קאָמפּאַניע רייטערס זיינען אַוועק, איז יהודה ארויס פון זיין באַהעלטעניש און אַריינלויפענדיג צו צפורה׳ן אין הויז, האָט ער אַ זאָג געטאָן.

— גאָט צו דאַנקען וואָס דיין טאָכטער איז גערעטעט. איצט וועל איך איהר אַוועקפיהרען נאָך „מודעין” צו מיין פאָטער אין הויז. זי וועט דאָרטען פאַרבלייבען אַ שטיקעל צייט ביז וואַנען דער שכור׳ער היראַטאָס וועט פאַר־געסען אָן איהר.

— מיט וואָס קען איך דיר דאַנקען, יהודה! — האָט די מוטער אויס־גערופען און טרעהרען האָבען זיך געשטעלט אין איהרע אויגען . . .

— דו דאַרפסט מיר גאָר ניט דאַנקען, ווייל יעדער אמת׳ער איד איז פאַרפליכטעט אַרויסצוראַטעווען אַ אידען פון די גוי׳אישע הענט, איבערהויפּט נאָך אַ אידישע טאָכטער — האָט יהודה געענטפערט.

אין אַ קורצע ווילע שפּעטער האָט יהודה זיך געזעגענט פון דער פרוי און איז שנעל צוריקגעריטען צו דער הויז, וואו ער האָט געהאַט אָפּגעשטעלט מרים׳ען צו וואַרטען אויף איהם.

מרים האָט שוין ניט געוואָלט רייטען ווייטער מיט דעם פאַרדעכטיגטען גריך, וועלכער רופט זיך מיט׳ן נאָמען גאַרניקוס, אָבער יהודה האָט שוין גע־האָט צוגעגרייט פאַר איהר אַ גוט געזאָטעלטען פערד און ער האָט איהר גע־צוואונגען צו רייטען מיט איהם.

## זיבעטער קאַפּיטעל

# בילגה׳ס טרויער. — אַנטיגנוס דער רבי. — מתתיהו׳ס שטרייט מיט מענעלאָס׳ן.

שוין עטליכע טעג ווי מתתיהו דער חשמונאי געפינט זיך אין ירושלים. נאָכדעם ווי ער האָט באַזוכט דעם כהן גדול „חוניו דעם דריטען" און האָט אויסגעפונען פון איהם אַז מען מוז אָנקומען צו דעם קאָמיטעט פון די מתיונים וועגען זיין פּלאַן צו באַהאַלטען דעם גרויסען פאַרמעגען פון בית־המקדש אויף אַן אַנדער פּלאַץ, האָט מתתיהו אָנגעהויבען צו טאָן אין דער זאַך גאָר ערנסט.

ער האָט זיך דורכגעשמועסט מיט דעם באַוואוסטען אלעזר הצדיק און אויך מיט׳ן חשוב׳ן כהן בילגה וועלכער איז ביז ניט לאַנג צוריק געוועזען דער ממונה פון אַ משמר כהנים אין דעם בית־המקדש.

מתתיהו האָט געוואוסט ווי ערנסט און אויפריכטיג דער כהן בילגה מיינט צו האַנדלען מיט זיין טאָכטערס קאַפּריזען. אָט האָט ער דאָך צובראָכען זיין שעהנע היים אין ירושלים און זיך אַרויסגעצויגען אין דער קליינער שטאָט מצפה כדי אַז זיין טאָכטער מרים זאָל נישט האָבען אַרום זיך די יונגע מתיונים אָדער די גריכישע יונגען וועלכע דרייען זיך שטענדיג אַרום איהר. אין מצפה וועט מרים זיין אָפּגעזונדערט פון איהרע ליבהאָבערס און וועט ווערען צוריק אַ כשרה אידישע טאָכטער ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ טאַטען ווי דער כהן בילגה.

מתתיהו האָט געוואָלט איבערצייגען זיין גוטען פריינט בילגה׳ן אַז ער סימפּאַטיזירט מיט איהם און דעריבער ווען ער האָט איהם געטראָפען אין ירושלים האָט ער פאַרפיהרט מיט איהם אַ שמועס.

— ווי געהט עס דיר מיט דיין טאָכטער אין דער נייער היים אין מצפה? — האָט מתתיהו אַ פרעג געטאָן.

— אויף מיר איז מקוים געוואָרען וואָס דער נביא זאָגט: „וועסט אָנטלויפען פון דעם לייב און דער שלאַנג וועט דיר בייסען" — האָט בילגה אָפּגעזיפצט און האָט באַלד אָנגעהויבען זיך אַראָפּצורעדען פון האַרצען:

— דו געדיינקסט דאָך, מתתיהו, וואָס עס איז פאַרגעקומען מיט מיין טאָכטער מיט אַ יאָהר צוריק, ווען דער גריכישער אָפיצער היראָטאָס האָט איהר פאַרדרעהט דעם קאָפּ מיט זיין ליבע צו איהר, האָב איך קוים, מיט גרויסע שוועריגקייטען געפועלט אַז מיר זאָלען זיך אַרויסציהען פון ירושלים נאָך מצפה. איך האָב געהאָפט אַז דאָרט וועל איך פּטור ווערען פון דעם

אַפּיצער. אָבער אַזוי שנעל ווי איך האָב זיך באַרוהיגט פון דער ערשטער צרה, איז אָנגעקומען אַ צווייטע צרה, און איך האָב מורא אז די צווייטע צרה איז נאָך פיעל ערגער ווי די ערשטע.

— וואָס איז געשעהן ? — האָט מתתיהו אַ פרעג געטאָן.

—עס איז געשעהן אַ גרויסער אומגליק — האָט בילגה געענטפערט — דער אומפאַרשעמטער מתיון מענעלאָס, דער יעניגער וועלכער האָט שוין אוספּייעט אַראָפּצופיהרען טויזענטער יונגעלייט פון אידישען וועג, האָט פּלוצלינג אָנגעהויבען מאַכען אָפטע וויזיטען ביי מיר אין הויז אין מצפּה . . . פון אָנפאַנג האָב איך גאָרנישט פאַרדעכטיגט, נאָר ביסלעכווייז האָב איך אויסגעפונען אַז דאָס קומט ער צו מיין טאָכטער. עס איז מיר פינסטער און ביטער. וואָס טוט מען ? שטעל זיך פאָר וואָס דאָס מיינט פאַר מיר: אַזאַ נידערטרעכטיגער מתיון, אַ הפקר יונג, אַ פאַררעטער פון זיין פאָלק, גאָט און לאַנד, וויל מיך באַרויבען פון מיין איינציגער טאָכטער.

— און וואָס זאָגט דיין טאָכטער ? — האָט מתתיהו געפרעגט.

— פון מיין טאָכטער וויל איך שוין גאָר נישט רעדען, זי איז שוין אַ פאַר׳סמ׳טע מיט׳ן גייסט פון די העלעניסטען. עס איז מיר שלעכט, זעהר שלעכט.

— פיליכט וואָלסטו געקענט מאַכען אַז דער אויסוואורף מענעלאָס זאָל אַליין אויפהערען צו קומען צו דיין טאָכטער ? — האָט מתתיהו געפרעגט.

— ווי קען איך עס מאַכען ? איך האָב דאָך מורא פאַר איהם און פאַר זיין ברודער ליסימאַכוס, וועלכער איז אַ פּשוט׳ער גאַרגעל שניידער. ער האָט, ערשט מיט עטליכע טעג צוריק, דערמאָרדעט צוויי אידען צוליעב דעם וואָס זיי האָבען נישט געוואָלט צושטעהן צו דער מתיונים באַנדע אונטער דער פיהרערשאַפט פון זיין ברודער מענעלאָס.

— און דו, בילגה, האָסט געוואוסט פון דעם מאָרד און קיינעם נישט דערצעהלט ? סטייטש ? — האָט מתתיהו זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט שרעק און פאַרוואורף קעגען בילגה.

— איך בעט דיך, מתתיהו, — האָט בילגה גענומען רעדען מיט שרעק און בשעת רעדען האָט ער זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטען — גיב מיר ניט אַרויס פאַר די חכמים און סנהדרין אַלס אַן עדות פון דעם מאָרד וואָס ליסימאַכוס איז באַגאַנגען, ווייל אויב ליסימאַכוס וועט אויסגעפינען אַז איך בין אַן עדות קעגען איהם, וועט ער טויטען נישט נאָר מיך זעלבסט, נאָר אויך מיין פרוי און טאָכטער. אַה! מתתיהו! עס איז געקומען אַ צייט, וואָס מיר פרומע אידען מוזען קוקען און שווייגען אויף די עקעלהאַפטע און שוידערליכסטע

פאַרברעכענס און געוואַלדטאַטען וואָס ווערען איצט אָפּגעטאָן אין אונזער לאַנד סיי פון די אמת'ע גריכישע סאָלדאַטען און אָפיצערען און סיי פון אונ־זערע אייגענע ברידער די משומדים, מתיונים און פאַררעטער. מיר האָבען זעהר שוואַכע האָפנונגען סיידען עפּעס אַ נס פון הימעל זאָל געשעהן און דער גאָט פון ישראל זאָל נעמען ראַכע פון אַלע אידישע שונאים.

מתתיהו האָט שווער אָפּגעזיפצט. ווער נאָך קען דען וויסען גענוי, אַזוי ווי ער, די טרויעריגע געדריקטע לאַגע פון די אידען. עס איז טאַקע „הימעל עפּען זיך". די מתיונים האָבען שוין דערגרייכט צום העכסטען שטאַפּעל פון חוצפה. זיי טוען פראַנק און פריי וואָס זיי ווילען. זיי האָבען פאַר קיינעם קיין מורא נישט, ווייל די גריכישע רעגירונג האַלט מיט זיי. דער כהן גדול חוניו איז צו שוואַך צו קאָנען אַרויסגעהן קעגען זיי מיט אַ פעסטען באַשלוס, און קוקענדיג אויף איהם ווערען אויך אַלע אַנדערע חכמים, כהנים, און פאָלקס פיהרער, אָפּגעשוואַכט און אַנטמוטיגט.

מתתיהו האָט באַשלאָסען צו פּרובירען זיך דורכשמועסען מיט'ן מתיון פיהרער מענעלאָס, פיליכט וועט ער דאָך עפּעס קענען אויסווירקען צום גונסטען פון די פרומע קלאַסען אידען.

נאָך אין זעלבען טאָג האָט מתתיהו צוגעשיקט אַ שליח צו מענעלאָס'ן און איהם געבעטען, אַז ער זאָל צוקומען צו איהם, מתתיהו'ן, פאַר אַ באַזוך.

ווען מענעלאָס האָט דערהערט פון שליח, אַז מתתיהו דער חשמונאי גע־פינט זיך איצט אין ירושלים און אַז ער לאַדעט איהם צו זיך פאַר אַ וויזיט, האָט ער געטאַנצט פאַר שמחה. אַ קלייניגקייט, אַזאַ כבוד? דער הויפּט פון דער חשמונאים פאַמיליע רופט איהם . . . מסתמא וועגען עפּעס גאָר וויכטיגעס. פיליכט וויל גאָר מתתיהו שליסען אַ בונד מיט די מתיונים . . . ווער וויס? אַלעס איז דאָך מעגליך. אַז מען קען נישט געהן קעגען שטראָם, מוז מען זיך לאָזען מיט'ן שטראָם . . .

מענעלאָס איז באַלד אַוועקגעגאַנגען צו מתתיהו'ן אויף דער סטאַנציע.

---

ווען מתתיהו האָט אַוועקגעשיקט דעם שליח צו רופען מענעלאָס'ן צו איהם, האָט ער זיך צוגעאיילט און איז אַוועק צום בית־מדרש פון דעם גרויסען געלערענטען מאַן אַנטיגנוס, וועלכער האָט געשטאַמט פון דער שטאָדט סוכו. דער דאָזיגער אַנטיגנוס איז שוין געווען זעהר אַלט און שוואַך, קוים וואָס ער האָט געקענט זיך באַוועגען, דערפאַר אָבער זיינען געווען זיינע געדאַנקען אויסערגעוויינליך קלאָר און טיפזיניג. ער איז געווען א תלמיד פון דעם הייליגען שמעון הצדיק און אויף די עלטערע יאָהרען האָט ער אָנגעהויבען

צו פאַרשפּרייטען זיין רבינס תורה צווישען זיינע פילע תלמידים.

אנטיגנוס איז דאַמאָלס געזעסען אין זיין בית־מדרש און האָט געלערענט מיט די צוויי יונגע תלמידים יוסי בן יועזר און יוסי בן יוחנן. די דאָזיגע צוויי יונגע תלמידים האָבען געשמ׳ט מיט זייער שאַרפקייט אין לערנען און מיט זייער גרויסע פרומקייט.

— איך האָף צו גאָט — האָט איינמאָל אנטיגנוס זיך אָפּגערופען צו זיינע צוויי באַליבטע תלמידים — אז דורך אייך וועט דאָס אידישע פאָלק צוריק באַקומען די ריכטיגע לעהרע פון אונזער תורה, וועלכע איז זעהר פיעל אָפּגעשוואַכט געוואָרען אין פאַרלויף פון די פיעלע יאָהרען. איהר וועט זיין די וועג־ווייזערס און לעהרער פאַר׳ן אידישען פאָלק. מיין גרויסער רבי שמעון הצדיק האָט מיר איבערגעגעבען אלע מינדליכע מנהגים און דער־קלעהרונגען פון דער אידישער תורה וועלכע זיינען איבערגעגאַנגען בירושה פון משה רבנו ביז איצט, דאָס זעלבע טו איך מיט אייך: איך גיב אייך איבער אלע טראַדיציעס פון אונזער פאָלק, אום אז איהר זאָלט זיי באַפעסטיגען צווי־שען די אידען און זיי לערנען מיט אייערע שפּעטערדיגע תלמידים.

— ווי קענען מיר האָפען אויף א שנעלע ישועה אז די לאַגע איז איצט אזוי שלעכט — האָבעןביידע תלמידים מיטאמאָל א פרעג געטאָן.

— ניין, מיינע קינדער! — האָט דער רבי שנעל פאַרכאַפּט — מיר טאָרען נישט אויפגעבען אונזער האָפענונג. ווי שלעכט עס זאָל נישט זיין, געפינען זיך אָבער אין יעדען דור מוטיגע מענשען, גאָטספאַרכטיגע אידען און העלדישע לייט, וועלכע קאָנען ארויסגעהן קעגען דעם שונא און צוריקשטעלען אָרדענונג. אָט נעמט למשל אונזער איצטיגע צייט, ווען די מתיונים שאַלטעווען און וואַלטעווען איבער אונז און די גריכען ברענגען אריין זייער קולטור אין ארץ ישראל, דאָך, געפינען זיך ביי אונז אזעלכע העלדישע זיהן, ווי די פון דער חשמונאים פאַמיליע.

— אָבער וואָס האָבען די חשמונאים אויפגעטאָן ביז איצט פאַר׳ן פאָלק?

— האָט איינער פון די תלמידים א פרעג געטאָן.

— ווען דער רבונו־של־עולם וועט וועלען, וועט ער דעמאָלט אריינ־געבען א געפיהל אין די הערצער פון די חשמונאים און זיי וועלען שוין געפינען די מיטלען ווי אזוי אויסצורייניגען די שמוץ פון דער אסימילאַציע פון דעם אידישען פאָלק — האָט אנטיגנוס געענטפערט.

פּלוצלינג האָט זיך די טיר פון בית־מדרש געעפענט און מתתיהו איז אַריינגעקומען און צוגעגאַנגען צום אַלטען רבין און אויסשטרעקענדיג זיין האַנט, האָט ער אויסגערופען:

— שלום עליך, רבי!

— ווער ביזטו, מיין זוהן? — האָט דער אַלטער אנטיגנוס א פרעג געטאָן.

— דערקענסטו מיך נישט? — האָט מתתיהו זיך געוואונדערט.

אנטיגנוס האָט אַ שמייכעל געטאָן און געענטפערט:

— גאָט צו דאַנקען, וואָס איך האָב שוין דערגרייכט צום צוויי און ניינציגסטען יאָהר. טאָ, ווי אַזוי זאָל איך נאָך האָבען א טענה צום רבונו־של־עולם פאר וואָס מיינע אויגען זעהען שוין נישט אַזוי גוט.

— איך בין מתתיהו דער חשמונאי — האָט דער גאַסט געענטפערט.

— מתתיהו! דו! דער ליבלינג פון אידישען פאָלק! — האָט אנטיגנוס זיך א כאַפּ געטאָן האַסטיג מיט ביידע הענט אָן מתתיהון — אָ! אזא טייערער גאַסט! וואָס מאַכסטו, און וואָס מאַכען דיינע פינף זיהן?

— שלום איז צו אלעמען — האָט מתתיהו געענטפערט און האָט דער־ווײלע צוגעוואָרפען א פריינטליכען בליק צו די צוויי יונגע תלמידים.

עס האָט ניט געדויערט לאַנג און מתתיהו האָט דערצעהלט צו אנטיגנוסן דעם צוועק פון זיין באזוך אין ירושלים, און צום סוף האָט ער א זאָג געטאָן:

— איך וואָלט וועלען וויסען, אויב עס איז רעכט, לויט׳ן אידישען דין, אַז דער יעניגער וואָס ווייסט פון א מערדער, זאָל פאַרשווייגען און ניט אויסזאָגען דאָס צום סנהדרין.

— געוויס נישט — האָט אנטיגנוס געענטפערט — אין אונזער תורה שטייט „ובערת הרע מקרבך“, יעדער איד איז מחויב אויסצוראָטען די שלעכטס פון צווישען אידען; דעריבער, ווען אימיצער ווייסט אז איינער איז באגאנגען א פאַרברעכען מוז ער ארויסגעבען דעם סוד אום אז דער פאַרברעכער זאָל באַשטראָפט ווערען און אזוי ארום וועט זיך נישט פארמעהרען קיינע פאַרברעכער ביים אידישען פאָלק.

ווי איז אבער, אז דער עדות האָט מורא פאר אַ זיכערען טויט אויב ער זאָל ארויסגעבען דעם מערדער צום סנהדרין? — האָט מתתיהו ווידער גע־פרעגט.

— אזוי שלעכט האַלט עס? — האָט אנטיגנוס א פרעג געטאָן מיט שרעק.

— יאָ, רבי! — האָט מתתיהו געענטפערט — דער מערדער וועט זיך נישט אָפּשרעקען פאר קיינעם און אזוי שנעל ווי ער וועט אויסגעפינען ווער עס האָט איהם ארויסגעגעבען, דאַן וועט ער אָנשטעלען זיינע מענשען און מען וועט דערמאָרדען דעם עדות מיט זיין גאַנצער פאַמיליע.

— „חמירא סכנתא מאיסורא״ — האָט אנטיגנוס שנעל געענטפערט — וואו עס האַלט שוין ביי אזאַ עפענטליכען סקאַנדאַל, אז דער לעבען פון עדות איז אין סכנה, דאַן מוז מען זוכען אַנדערע עצות, אָבער דער מערדער טאָר ניט געשוינט ווערען.

— דאָס אַלעס וואָס איך האָב געוואָלט וויסען — האָט מתתיהו צוגע־געבען.

— זאָג מיר, מתתיהו, וואָס הערט זיך איצט אין לאנד? ווי איז אונזער לאַגע? — האָט אנטיגנוס געוואָלט וויסען.

— רבי! — האָט מתתיהו געענטפערט מיט גרויס דרך־ארץ — עס טהוט מיר לייד וואָס איך קען נישט פארברענגען דאָ לענגער ווייל איך האָב זעהר וויכטיגע ענינים דורצופיהרען אָבער אי״ה (אימירצעשעם) אין אייניגע טעג ארום וועל איך דיר באזוכען אַ צווייטען מאָל און דאַן וועלען מיר קענען שמועסען.

— זאָל דיר גאָט מצליח זיין אין אַלע דיינע וועגען — האָט אנטיגנוס געענטפערט און האָט געריכטעט זיין האַנט צו מתתיהו׳ן.

אין נעקסטען מאָמענט איז מתתיהו שוין געווען אויף דער גאַס און האָט אָנגעהויבען געהן מיט שנעלע טריט צו זיין סטאַנציע וואו ער האָט דערוואַרטעט דעם פאַרהאַסטען גאַסט מענעלאָס ועמען ער האָט איינגעלאַדען פאר א באזוך.

מתתיהו איז אריינגעקומען אויף זיין סטאַנציע און האָט שוין גע־טראָפען מענעלאָס׳ן וואַרטענדיג אויף איהם.

מענעלאָס האָט פון אָנפאַנג געמיינט אז מתתיהו האַלט ביי א שלום מיט די מתיונים אָבער גאַר גיך האָט ער זיך איבערצייגט אז עס האַלט נאָך וויט פון דעם. מתתיהו האָט געפיהרט דעם שמועס אזוי, אַז מענעלאָס איז געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר אָנגעצויגען און א שרעק און אַ פאַרדאַכט האָט איהם ארומגענומען.

מתתיהו האָט זעהר קונציג פארפלאָנטערט די געדאַנקען פון דעם מתיון מענעלאָס. צום ערשטען האָט ער איהם איבערגעשראָקען אז אַ געוויסער מתיון פון די גאָר חשוב׳ע, האָט שוין ארויסגעגעבען דעם סוד אַז ליסימאָכוס, דער ברודער פון מענעלאָס׳ן, האָט דערמאָרדעט צוויי אומשולדיגע אידען. מענעלאָס האָט פרובירט צווינגען מתתיהו׳ן אז ער זאָל איהם זאָגען וועלכער מתיון האָט עס אויסגעטראַכט אַזאַ בלבול אויף זיין ברודער... אָבער מתתיהו האָט איהם בשום אופן ניט אויסגעזאָגט ווער דער מתיון איז.

שפּעטער האָט מתתיהו דערצעהלט מענעלאָס׳ן, אז יאזאָן דער כהן

האַלט ביי הייראַטען די שעהנע מרים, די טאָכטער פון כהן בילגה . . .

— דאָס איז אַ געמיינער ליגען! — האָט מענעלאָס אויסגעשריהען מיט פייער־שפּריצענדיגע אויגען — יאזאָן איז פיעל עלטער פאר בילגה׳ס טאָכטער און דערצו האָט ער דאָך שוין צוויי פרויען, טאָ ווי אַזוי וועט מרים איינשטימען צו ווערען יאזאָנ׳ס א קעבס ווייב?

— די דאָזיגע פראגען באלאַנגען צו יאזאָנען מיט מרים׳ען, — האָט מתתיהו געענטפערט מיט א שמייכעל און עס האָט איהם הנאה געטהאָן וואָס ער האָט אוספּעיעט ארייננצוואַרפען א העלישען פייער פון אייפערזוכט און שנאה צווישען די צוויי מתיונים יאזאָן און מענעלאָס. זאָלען זייביידע זיך נעהמען אַרומרייסען איינער מיט׳ן צווייטען, דערוויל וועלען זיי צורוה לאָזען דעם אידישען פאָלק.

— אויב אַזוי — האָט מענעלאָס אויסגערופען מיט כעס — אויב יאזאָן וויל מיר פאַרלויפען דעם וועג, וועל איך איהם ווייזען וואָס איך קען טהאָן. ער מיינט, אז ער איז שוין פארטיג מיט זיינע פלענער און ער ווערט שוין באשטימט פאר׳ן אַמט פון כהונה גדולה. נישט אַזוי גיך וועט ער ווערען כהן גדול. זיין גוטער פריינט, דער גענעראל אפּאָלאָניוס, איז שוין אַוועק צוריק מיט זיין ארמיי נאָך אנטיאָכיע, ווייל דער קעניג אנטיוכוס דער 3טער איז דער׳הרג׳עט געוואָרען און — — —

— וואָס? — האָט מתתיהו זיך א כאַפּ געטהאָן מיט אימפּעט — וואָס זאָגסטו? אנטיוכוס איז טויט? זינט ווען?

— ערשט נעכטען האָב איך באקומען די אינפאָרמאַציע פון קעניג׳ס טויט — האָט מענעלאָס געענטפערט און האָט דערצעהלט אין קורצע ווערטער דעם גאַנצען אינהאַלט פון אנטיוכוסעס טויט ווי אַזוי, און פאַרוואָס, ער איז דערמאָרדעט געוואָרען אין דער שטאָדט „עילם" אין מעסאָפּאָטאַמיע, ווייל ער האָט געוואָלט באראַבעווען די אוצרות פון יענעם טעמפּעל.

מתתיהו האָט דערפיהלט ווי אַ שוואַרצע כמארע וואָלט מיטאַמאָל זיך אַנרוקען אויף זיין קאָפּ. דער פּלוצימדיגער טויט פון אנטיוכוס׳ען וועט געוויס ניט ברייגגען קיינע גינסטיגע רעזולטאַטען פאר׳ן אידישען פאָלק. ווייל ווי שלעכט עס איז געווען מיט אנטיוכוס׳ן, וועט נאָך זיין ערגער אָהן איהם. ווייל זיינע צוויי זיהן: דער עלטערע, מיט׳ן נאָמען סעלעקוס און דער אינגערער מיט׳ן נאָמען אַנטיוכוס עפּיפאנעס, זיינען ביידע באַוואוסטע רשעים, געלט זוכער, קריגעריש געשטימט און האַרצלאָזע מענשען.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי שטאַרק דערשראָקען? — האָט מענעלאָס א פרעג געטאָן.

— דאָס איז ניט קיין שרעק, נאָר זאָרג, — האָט מתתיהו געענטפערט, — איך טראַכט איצט וועגן דער צוקונפט פון אונזער לאַנד און אונזער פאָלק.

— וועגן לאַנד און פאָלק דאַרפסטו ניט טראַכטען — האָט מענעלאָס צוריקגעענטפערט מיט א כיטרען שמייכעל. — דו בעסער גיב זיך אָפּ מיט דער אידישער רעליגיע און לאָז איבער די פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען צו פעהיגערע מענשען . . .

מתתיהו האָט געגעבען א בייזען בליק צו מענעלאָס׳ן און האָט א זאָג געטאָן:

— אַז אַך־און־וועה צו די פעהיגקייטען פון די מתיונים. זיי מעגען זיך שעהמען מיט זייערע ווילדע פאררעטערישע מעשים קעגען דעם אידישען פאָלק. וואָס אַזוינס האָבען זיי אויפגעטהאָן ביז היינט? מעהר ווי טאַנצען, פעכטען, רייטען, שכור׳ן און זינדיגען קעגען גאָט און קעגען זיין תורה, האָבען זיי נאָך גאָרנישט אויפגעטאָן.

— וואָס אַ שטייגער, וואָלסטו וועלען אַז מיר זאָלען אויפטהאָן? — איז מענעלאָס שוין אַרויסגעקומען מיט קלאָהרע ווערטער.

— איך וואָלט וועלען, אז אלע מתיונים זאָלען באַקומען המנ׳ס מפלה! — האָט מתתיהו אויסגערופען מיט כעס און האָט צוגעגעבען, — עס זאָל מקוים ווערען אויף זיי די קללה פון „וכל הרשעה כולה כעשן תכלה״, די גאַנצע באַנדע רשעים מיט זייערע בייזוויליגע מעשים־תעתועים זאָלען פאַרניכטעט ווערען ווי מיט׳ן רויך.

מענעלאָס האָט זיך האַסטיג א שטעל געטאָן אויף די פיס און האָט אַ זאָג געטאָן:

— לויט ווי איך הער, האָסטו מיך גערופען אהער אום זיך צו קריגען מיט מיר, אָבער דו האָסט געמאַכט א טעות. מיך קען מען נישט אָפּשרעקען, איך פארבלייב דער זעלבער ווי געוועזן, און איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, דאָס וואָס איך האָב שוין געזאָגט פיל מאָל צו אַנדערע אידען, אז כל זמן דאָס אידישע פאָלק וועט זיך האַלטען ביי זיין אַלטער טראַדיציע און אָפּגעלעבטע תורה, וועלען מיר קיינמאָל ניט קענען באַזיצען אונזער פרייהייט און זעלבסטווירדע אין אונזער לאַנד. מיר מוזען זיך קולטיווירען מיט אַלע פעלקער צוגלייך כדי אז מיר זאָלען קענען עקזיסטירען אין אונזער אייגען לאַנד.

— אויב דו דענקסט אז עס קען געמאָלט זיין א אידישער פאָלק מיט אַן אידיש לאַנד אָהן א אידישער תורה און אָהן טראַדיציע, רעדסטו ווי אַ נאַר, — האָט מתתיהו אויסגערופען מיט כעס און האָט גלייך צוגעגעבען: — דו דאַרפסט וויסען אז דאָס אידישע פאָלק האָט באַקומען זיין תורה פערציג

יאָהר אײדער ער איז אַרײנגעקומען אין זיין לאַנד, און זיין טראַדיציע האָט ער אָנגעזאָפּט אין זיך הונדערטער יאָהרען נאָך פריהער. דאַריבער מוז דאָס אידישע פאָלק אײביג האַלטען זיין רעליגיע און תורה געקניפּט און געבונדען צוזאַמען מיט זיין לאַנד, אײנס אָהן דער צווייטער קען נישט עקזיסטירען.

— אַזוי דענקסטו, — האָט מענעלאָס אויסגערופען מיט א שפּאָטישען שמייכעל — אָבער מיר, די פאָרטגעשריטענע מתיונים, דענקען אַנדערש.

— מיך ארט ניט וואָס איהר דענקט, — האָט מתתיהו א געשריי געטהאָן, — מיך אַרט אָבער וואָס איהר טהוט! און דאַריבער וויל איך דיר וואָרענען, אַז די צייט איז געקומען און די פולבלוטיגע רעליגיעזע קנאים פון דער חשמונאים פאַמיליע וועלען נישט דערלאָזען מעהר די אַלע מתיונים צו האַנדלען פראַנק און פריי אויפ׳ן חשבון פון דעם גאנצען פאָלק.

— דאָס וועלען מיר שוין זעהן שפּעטער! — האָט מענעלאָס צוריק־געענטפערט און איז שנעל אַרויסגעלאָפען פון דעם צימער.

מתתיהו איז פאַרבליבען פארטיפט אין זיינע געדאַנקען.

## אַכטער קאַפּיטעל

# ווער האָט ערמאָרדעט חנה׳ס מאַן?

אין דער זעלבער צייט ווען מתתיהו איז געווען אין ירושלים און זיין זוהן יהודה איז געווען אויף זיין געיעג נאָך דעם פאררעטער יאזאָן, איז פאָרגעקומען א גרויסער גערודער אין דער הויז פון דער חשמונאים פאַמיליע אין דער שטאָט מודעין.

חנה, די הויז־פאַרוואַלטערין ביי די חשמונאים, האָט ביטערליך גע־יאָמערט פאר איהר באַלעבאָס יונתן, אײנער פון די פינף זיהן פון מתתיהו. יונתן איז געזעסען אין חנה׳ס צימער און האָט אויסגעהערט די שוידערליכע געשיכטע פון דער פרומער אָרימער חנה׳ן:

— אײן אומגליק נאָכ׳ן צווייטען האָט גאָט אָנגעשיקט אויף מיר, — האָט חנה אויסגעבראָכען אין אַ האַרצרייסענדען געוויין. — וואָס האָט מיר געפעהלט ביז מיט עטליכע יאָהר צוריק? מיין מאַן איז געווען א גוטער פאַרדינער, ער האָט מיך געליעבט און גאָט האָט אונז געשאָנקען זיבען זיהן, אײנער בעסער פאר׳ן אַנדערען. אַלע זיינען געראָטען אין זייער פאָטער מיט זייער גוטסקייט, עדעלקייט און פרומקייט. האָט אָבער מיין מאַן זיך נישט געקענט באַהערשען, דעמאָלסט ווען עס האָט אויסגעבראָכען די מלחמה צווישען אנטיוכוס׳ן דער קעניג פון סיריע מיט דעם עגיפּטישען קעניג. מיין

מאַן האָט אריינגעטראָטען אין דעם אידישען לעגיאָן, וועלכער איז געגאַנגען מיט דער סירישער ארמיי קעגען עגיפטען. מיינע געבעטען און געוויינען אז ער זאָל ניט געהן אין דער מלחמה, האָבען נישט געהאָלפען. מיין מאַן האָט מיך דעמאָלט געטרייסט, אז ווען גאָט וועט העלפען און אנטיוכוס וועט זיעגען, וועלען די אידען געניסען פילע פּריווילעגיעס און דאריבער מוז יעדער איד זיך וואַרפען אין פייער פאַר׳ן וואוילזיין פון זיין לאנד און פאָלק.

— וואָס האָב איך געקענט דעמאָלט טאָן? איך בין געבליבען עלענט און אָרים. מיין מאַן איז אוועק אין דער מלחמה און איך האָב געמוזט אָפּ־שטעלען מיינע זיבען קליינע קינדער אויף פרעמדע הענט און איך בין אַנגעקומען אלס הויז פאַרוואַלטערין דאָ אין אייער הויז אום אז איך זאָל פאַרדיענען אויף לעבענסמיטעל פאַר מיינע קינדער.

— אזוי שנעל ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָב איך געהאָפט אַז אָט־אָט און מיין מאַן וועט זיך אומקעהרען אַהיים און איך וועל שוין נישט דאַרפען מעהר זיין קיין דיענסט. מיר וועלען צוריק ווערן טאַטע־מאַמע צו אונזערע זיבען קינדער און מיין מאַן וועט מאַכען אויף א לעבען פאַר אונז אַלעמען.

— אָבער, מיין גוטע האָפענונג האָט זיך אויסגעלאָזען מיט אַן אומגליק. מיין מאן איז געקומען צוריק אהיים אָהן א האַנט. ער איז פאַרוואונדעט גע־וואָרען אין דער מלחמה און קוים וואָס מען האָט איהם אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבען אָבער אָהן א האַנט.

— פארשטעהט זיך, אז צו מיין וועהטאָג איז גאָר קיין גרעניץ נישט געוועזן. נישט נאָר האָב איך געטרויערט אויף דעם גרויסען אומגליק פון מיין ליבען מאַן, וועלכער ליידט נעבאַך אזוי שטאַרק פון זיין פעהלער, נאָר אויך האָב איך געטרויערט אויפ׳ן אומגליק פון אונזערע ליבע קליינע קינ־דערלאַך. ווער וועט זיי איצט שפּייזען? איך קען דאָך נישט פאַרבלייבען אויף שטענדיג זייער שפּייזערין: ווייל ערשטענס, וואָס מ׳שטיינס געזאָגט קען א פרוי אַליין פאַרדינען פאַר אזא פאַמיליע אָהן „עין הרע“ און צווייטענס, אויב איך וועל דאַרפען ארבייטען אין דער פרעמד, ווער וועט דערציהען אונזערע קינדערלאַך?

— נאָר, פונדעסטוועגען האָט מיין אומגליקליכער מאַן מיך געטרייסט. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט בלייבען אין הויז און פיהרען די באַלעבאַ־טישקייט און דערציהען אונזערע קינדער, און איך וועל זיין די שפּייזערין. און אַזוי ארום בין איך פאַרבליבען ווייטער אין אייער הויז און מיט דער צייט וואָלטען מיר פיליכט געפונען טרייסט אין אונזער אומגליק. מיין מאַן

פלעגט מיר אַלעמאָל טרייסטען אַז נאָך א פּאָר יאָהר וועלען פּאַראיבער און אונזערע צוויי עלטערע זיהן וועלען שוין קענען אָנהויבען עפּעס צו פאַר־דינען, דאַן וועל איך שוין ניט באַדאַרפען ארבייטען אַזוי שווער, איך וועל זיך צוריקקעהרען אַהיים און מיר וועלען ווידער אָנהויבען פיהרען אונזער פאַמיליען־לעבען אין נחת און רוהיגקייט.

— אָבער איצט איז מיין צווייטער אומגליק נאָך גרעסער ווי דער ערשטער — האָט חנה אויסגערופען, און האָט זיך צעוויינט פון־דאָס־ניי.

— וואָס איז געשעהן ? — האָט יונתן אַ פרעג געטאָן מיט שרעק.

— מיין מאַן איז געשטאָכען געוואָרען און ער האָלט זעהר שמאָל — האָט חנה אויסגעבראָכען אין אַ יאָמער.

— פאַרוואָס־זשע האָסטו מיר ניט געזאָגט גלייך פון אָנפאַנג ? — האָט יונתן אויסגערופען.

— איך האָב זיך ערשט דערוואוסט מיט עטליכע שטונדען צוריק — האָט חנה געענטפערט מיט אַ זיפץ.

— ווער האָט עס דיר אָנגעזאָגט — האָט יונתן ווידער געפרעגט און האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף זיינע פיס.

— מיינע אַ פריינדין פון „רמה״, זי הייסט דבורה, זי איז געקומען אַהער מיך צו באַזוכען, האָט זי מיר געבראַכט די טרויעריגע בשורה פון מיין היים.

— וואו איז זי איצט ? — האָט יונתן א פרעג געטאָן.

— זי איז איצט אין דעם צימער פון די אַנדערע דינסטען — האָט חנה געענטפערט.

יונתן איז שנעל ארויסגעלאָפען פון חנה׳ס צימער און אין עטליכע מינוט שפּעטער איז ער שוין געווען צוריק, מיטברענגענדיג אויך דבורה׳ן.

דבורה האָט נאָכאמאָל איבערדערצעהלט די געשיכטע פאַר יונתן:

— צוויי טעג צוריק בין איך אַנטלאָפען פון מיין מוטער׳ס הויז אין „רמה״, ווייל זי האָט מיך געוואָלט צווינגען צו ווערען א קעבסווייב צו דעם כהן יאָזאָן. איך האָב באַשלאָסען צו קומען אהער און בעטען, אַז מען זאָל מיך דאָ אָנשטעלען אַלס דינסט, און אַזוי ווי חנה איז מיינע אַ פריינדין, האָב איך פריהער באַזוכט איהר היים אין „רמה״ כדי צו קענען פאַר איינוועגס מיט־ברענגען פאַר איהר א גרוס פון איהר מאַן און קינדערלאַך. אָבער ווי דערשראָקען בין איך געוואָרען, ווען איך בין אַריינגעקומען אין חנה׳ס הויז און געטראָפען א פולע הויז מיט מענשען. חנה׳ס מאַן איז געלעגען אויפ׳ן בעט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגען און א רופא איז געשטאַנען נעבען

איהם און צוגעלייגט פאַרשידענע קרייטעכצער צו דעם בלוטיגען וואונד וואָס ער האָט באַקומען פון א שווערד אין דעם רוקען. איך האָב געוואָלט אויס־געפינען גענוי וואָס עס איז געשעהן אָבער דער טומעל איז געוועזן זעהר גרויס און קיינער האָט מיר ניט געקענט ענטפערען אויף מיינע פראַגעס, דעריבער האָב איך זיך געאיילט און בין געקומען אַהער אָנצוזאָגען חנה׳ן פון דעם גרויסען אומגליק אז זי זאָל וואָס שנעלער אָפרייזען אַהיים און — — —

— געוויס! שנעל! קום חנה! — האָט יונתן אויסגערופען און אין נעקסטען אויגענבליק איז ער שוין געווען אין דרויסען און האָט באַפוילען ווי אַמשנעלסטען צו שפּאַנען צוויי פערד אין דער קאַרעטע.

אין אַ צעהן־פופצעהן מינוט שפּעטער איז יונתן, צוזאמען מיט חנה׳ן, אָפּגעפאָהרען נאָך „רמה". דבורה איז, לויט יונתנ׳ס באַפעהל, פאַרבליבען אין הויז ביי דער חשמונאים פאַמיליע אין מודעין.

די רייזע פון מודעין נאָך „רמה" האָט געדויערט א פּאָאר שטונדען און ווען חנה איז אַריינגעקומען אין הויז, האָט זיך אָפּגעשפּיעלט אַ האַרצרייסענדע סצענע. חנה איז געבליבען שטעהן מיט אַ פּאָר ווילדע אויגען און איהרע קינדער זיינען אַרויפגעפאַלען אויף זייער מוטער׳ס האלז מיט געוויינען. אָבער אין נעקסטען מאָמענט האָט זי זיך אַרויסגעריסען פון די אָרעמס פון איהרע קינדער און האָט זיך אַ וואַרף געטאָן אויפ׳ן טויטען קערפּער פון איהר מאַן וועלכען, לויט ווי די אַרומיגע מענשען האָבען דערצעהלט, האָט אַרויסגעהויכט זיין לעצטען אָטעם ערשט אַ האַלבע שטונדע צוריק.

חנה׳ס געשרייען האָבען, ניט נאָר ארויסגערופען שטילע טרערען ביי די אַלע אַרומיגע מענטשען אין הויז נאָר, האָבען פאַראורזאַכט א שטורעמדיגען אויסברוך פון געוויין. עטליכע מינוטען האָט אָנגעהאַלטען דער הימעל־שרייענדער געוויין אין הויז. עס האָט אויסגעוויזען ווי אַ פּאָלקס טרויער וואָלט דאָ פאַרגעקומען.

דאָס האָט אזוי אָנגעהאַלטען א היבשע צייט, דערווייל האָט יונתן באַ־זאָרגט אז מען זאָל דעם טויטען ברייגנען צו קבורה. ער אַליין, זייענדיג א כהן, האָט ניט געקענט אריינגעהן אין הויז אזוי לאַנג ווי דער טויטער איז נאָך געלעגען דאָרטען, אָבער נאָך דער לויה איז יונתן אַריינגעקומען אין הויז און האָט, ווי ווייט מעגליך, געגומען טרייסטען די אומגליקליכע אלמנה מיט די זיבען קליינע יתומים.

יונתן האָט זיך דערוואוסט פון עטליכע שכנים ווי אזוי דער אומ־גליק איז געשעהן. כאָטש קיינער האָט נישט געוואגט אָנצורופען ביים נאָמען דעם יעניגען וועלכער האָט דערשטאָכען דעם אומגליקליכען בעל־מום

(קריפל), חנה׳ס מאן, דאָך האָט יונתן ארויסבאַקומען אז דאָס האָבען די מתיונים דורכגעפיהרט דעם שוידערליכען מאָרד ווייל דער דערמאָרדעטער האָט ניט געוואָלט צושטימען צו ווערען זייערער א מיטגליד און מסתמא האָט ער געוואוסט פילע סודות פון זיי, דעריבער האָבען זיי איהם דערמאָרדעט.

יונתן האָט בארוהיגט חנה׳ן מיט די קינדער און איבערלאָזענדיג פאר זיי א סומע געלט אויף א פּאָר וואָכען צום לעבען איז ער אויפ׳ן צווייטען טאג צוגעפאָהרען צו זיין פאָטער אין ירושלים.

נײנטער קאַפּיטעל

## מתתיהו רעדט פאר די חכמים. — אויפן הימעל א יאריד.

ווען מתתיהו האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיינע געדאַנקען, נאָך דעם ווי ער האָט געהאַט דורכגעמאַכט דעם העפטיגען צוזאַמענשטויס מיט דעם פאַרביסענעם העלעניסטישען איד דער כהן מענעלאָס, וועלכער איז אַנטלאָפען פון איהם מיט גרויס רוגזה, האָט מתתיהו ניט פארלאָרען קיין צייט נאָר ער איז באַלד אוועקגעלאָפען צום כהן גדול און האָט פארלאַנגט פון איהם אז ער זאָל שוין צוזאַמענרופען אן אסיפה ביי זיך צו הויז.

חוניו דער כהן גדול האָט שנעל ארויסגעשיקט עטליכע פון זיינע הויז מענטשען און אין פאַרלויף פון א צוויי שטונדען זיינען שוין געווען פאַרזאַמעלט א צעהנדליג פון די חשוב׳סטע לייט פון ירושלים ביים כהן גדול אין הויז.

מתתיהו האָט געהאַלטען זיין רעדע פאַר דער אסיפה:

— „ברידער! — האָט מתתיהו אויסגערופען מיט גרויס פאַטאָס — איהר קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב! ווי אזוי קענט איהר זיצען רוהיג אין אייערע הייזער ווען דער פייער פון שמד און אַסימילאַציאָן ברענט אין דרויסען? אונזער לאַנד, פאר וועמען אונזערע אבות האָבען זיך אַזוי פיל געאַפּפערט, ווערט רואינירט און פאַרגוואַלטיגט פון פרעמדע פעלקער. אונזער תורה ווערט פארשוועכט פון די מתיונים, אונזער רעליגיאָן ווערט שוואַכער און שוואַכער אין די הערצער פון אונזערע קינדער און איהר, כהנים, לויים, און חכמים פון ישראל, זיצט און איהר וואַרט אויף נסים.

— „אויף וועמען און אויף וואָס וואַרט איהר? איהר ברענגט קרבנות יעדען טאָג אויפן מזבח און איהר מיינט אַז דערמיט זייט איהר שוין יוצא אייער פליכט. ווייסט איהר דען נישט וואָס אונזער גרויסער נביא שמואל

האָט אַמאָל געזאָגט? „צי וויל דען גאָט די קרבנות? ניין! פיעל בעסער איז צו האָבען אַ גוטע האַרץ און טאָן גוטע מעשים". וואו זיינען אייערע מעשים? וואָס שווייגט איהר אין אַזאַ ביטערע געפעהרליכע צייט? ווען אידען דינען צו א „עגל־הזהב" דאמאָלסט צוברעכט משה רבנו די לוחות. ווען מיר האָבען איצט אזוי פיעל משומדים אין אונזער לאנד טאָרט איהר ניט פאַר־בלייבען אָפּגעזונדערט אין בית־המקדש און זיך אָנהאַלטען אָן די ברעגען פון מזבח. איהר מוזט אויסטאָן אייערע הייליגע קליידער און אָנגורטען א שווערד פון נקמה. איהר מוזט ארויסגעהן עפענטליך און טאָן ווי די אמאָ־ליגע לוויים האָבען געטאָן, הרג'ענען אלע פושעים, אלע מתיונים, און מוס־רים פון אידישען פאָלק.

— שוין עטליכע טעג ווי איך געפין זיך דא אין ירושלים. איך בין געקומען אין פארבינדונג מיט איניגע פון די פיהרער פון די מתיונים, איך האָב אויסגעפונען אַז מיט גוטען וועלען מיר גאָר ניט אויספיהרען מיט זיי. אין דער זעלבער צייט וויל איך אייך אָנזאָגען דאָס וואָס איך האָב נאָר וואָס דערפאהרען אז דער קעניג אנטיוכוס איז דער'הרג'ט געוואָרען אין דער שטאָדט „עילם" מעסאָפּאָטאָמיע נאָך אידער ער האָט אוספייעט צו באראבע־ווען דעם דאָרטיגען טעמפּעל. דאָס איבערצייגט אז מיר האָבען א גרויסען גאָט אין הימעל וועלכער גיט אַכטונג אז דער רשע זאָל ניט ווערען צו שטאַרק, וויל ווען אנטיוכוס וואָלט געהאָט הצלחה אין זיין איצטיגע מיסיע, וואָלט ער אויך חשק באקומען צו באראבעווען אונזערע אוצרות פון בית־המקדש, דער־איבער האָט אים דער גאָט פון ישראל אָפּגעראַמט פון וועג נאָך אידער ער האָט געקענט דורכפיהרען זיין געמיינע שליחות אין דער שטאָדט „עילם".

צווישען די פארזאמעלטע איז געוואָרען א שטאַרקער גערודער. די חכמים האָבען אויסגעשריען איינער צום צווייטען: „יא, דאָס איז דער פינגער פון גאָט!" „דער רשע האָט פארדינט זיין שטראָף". מתתיהו האָט אָבער ווידער אויסגערופען:

— איך בעט אייך, ברידער! לאָזט מיר אָנגעהן ווייטער מיט מיינע רייד. מיר דאַרפען זיך נישט פרייען אזוי שטאַרק פון דעם שנעלען טויט פון אנטיוכוס'ן וויל מיר וויסען דאָך וואָסערע צוויי זיהן ער לאָזט איבער נאָך זיך. סעלעקוס דער בכור, וועלכער וועט געוויס ווערען קעניג, איז גאָר ניט קיין יושרדיגער מענש, און אנטיוכוס עפיפאנוס, דער אינגערער זוהן, איז דאָך געוויס אן אויסגעשפּראָכענער שונא ישראל; דעריבער האָב איך פאררופען די איצטיגע פארזאמלונג אום צו באשפּרעכען די מיטלען ווי אזוי

צו באוואָרענען אונזער לאנד, פאָלק, און רעליגיאָן, פון די מעגליכע אָנקומענדע צרות וואָס דער נייער קעניג וועט ברענגען אויף אונז.

— אל תפתח פה לשטן! — האָט דער אַלטער אלעזר הצדיק אַ געשריי געטאָן צו מתתיהון — דו טאָרסט ניט פאָראויסזאָגען קיינע צרות נאָך איידער זיי קומען. מען טאָר נישט וועלען פאַרלויפען דעם טייוועל זיין וועג מיט אַזעלכע גרויזאַמע ווערטער.

— מיט מיין גאַנצען רעספעקט צו דיר אלעזר! מוז איך אָבער דיר איבערצייגען אַז אַלעס וואָס איך זאָג איז באַגרינדעט אויף ריכטיגע פאַקטען — האָט מתתיהו צוריק געענטפערט און האָט ווידער אָנגעהויבען רעדען:

— ווער געדענקט עס נישט וויפיל מיר אידען האָבען געהאַט אויס־צושטיין פון אַנטיוכוס'ן, דעם אַזוי גערופענעם גוטען קעניג פון סיריע, ווען ער האָט מלחמה געהאַלטען מיט פטאָלמעאוסן, דער קעניג פון עגיפּטען. איר געדענקט נאָר די נישטיגע עטליכע טאלאנטס זילבער וואָס דער מלך חסד האָט צוגעשיקט אַלס אַ מתנה צום בית־המקדש, אָבער וויפיל גאָלד האָט עס אונז געקאָסט אויסצוהאַלטען זיין ארמיי וועלכע איז דורכגעגאַנגען אונזער לאַנד אויפ'ן וועג פון אנטיאָכיע נאָך עגיפּטען? וויפיל אלמנות און יתומים פון אונזערע אומגליקליכע ברידער אין ארץ־ישראל זיינען נעבעך אויסגע־גאַנגען פון הונגער צוליב דעם וואָס מיר האָבען ניט געהאַט די מיטלען זיי צו דערנעהרן ווייל מיר האָבען געמוזט פאַרשווענדען אַזוי פיל גאָלד אויף דעם קעניגס אַרמיי? אויסער דעם, האָט איר דען ווען עס איז געמאַכט אַ חשבון וויפיל אידען עס זיינען אומגעקומען אין יענער מלחמה? פרעגט מיין זוהן יהודה, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער אָפיצער פון אידישען לעגיאָן אין אנטיוכוסעס אַרמיי ווען ער האָט מלחמה געהאַלטען מיט מצרים, וועט ער אייך זאָגען. עס זיינען אומגעקומען פילע הונדערטע אידען צווישען וועלכע עס זיינען געווען פילע כהנים און לויים און פילע גרויסע חכמים. נאָר דאָס אַלעס איז נאָך גאָר נישט קעגען דעם גרויסען אומגליק וואָס מיר דערוואַרטען איצט. עס טוט מיר לייד דאָס אַרויסצוברייינגען, אָבער איך בין געצוואונגען דערצו: אונזער ווירדיגער כהן גדול וועלכער זיצט דאָ איצט ביים טיש שטעהט אין געפאַהר צו פאַרטריבען ווערען פון בית־המקדש. זיין אייגענער ברודער יאזאָן דער משומד, דער גריכיזירטער פאַררעטער, האָט שוין אוספיי־עט צו שליסען א בונט מיט די גריכישע בעאַמטע און ער וויל אַז זיי זאָלען אים מאַכען פאַרן כהן גדול. ווייסט איר דען וואָס דאָס וועט ברייינגען פאַר אונז? און ניט נאָר יאזאָן, נאָר אויך דער מתיון מענעלאָס מיט זיין ברודער ליסימאָכוס זיינען געוואָרען עפענטליכע רוצחים און אויב מיר וועלען לאָזען

די לאַגע אַנגעהן ווי עס איז, וועלען מיר גאַר שנעל מוזען אַנטלויפען פון בית־המקדש און פון אונזער לאַנד. מיר וועלען פונדאַסניי אַריינפאַלען אין גלות אָדער מיר וועלען מוזען זיך לאַזען אויסשלאַכטען פון די טמא׳דיגע הענט פון די גריכען מיט די מתיונים.

די טיר האָט זיך פּלוצלונג געעפענט און עס זיינען אַריינגעקומען די צוויי תלמידים פון אנטיגנוס איש סוכו. אַלע פאַרזאַמעלטע האָבען מיט־אַמאָל געווענדעט זייערע אויגען אויף די צוויי יונגע חכמים יוסי בן יועזר און יוסי בן יוחנן, ניט קענענדיג פאַרשטעהן ווער עס האָט זיי געלאַדען אהער?

דער כהן גדול חוניו האָט אָבער באַלד אויסגערופען:

— קומט אַריין, חשוב׳ע תלמידים פון אונזער גרויסען חכם אנטיגנוס. מסתמא האָט איר אַ שליחות צו מיר.

די צוויי תלמידים זיינען צוגעקומען נעהענטער צום טיש און דער עלטערער פון זיי האָט געענטפערט:

— ווירדיגער כהן גדול! לויט ווי איך פאַרשטעה קומט דאָ איצט פאָר אַ געהיימע פאַרזאַמלונג וואָס מיר האָבען ניט געוואוסט דערפון און דעריבער וועלען מיר זיך צוריקציהען און מיר וועלען קומען נאָכאַמאָל ווען די פאַר־זאַמלונג וועט שוין זיין פאַראיבער.

— ניין, איר דאַרפט נישט געהן צוריק — האָט דער כהן גדול גע־ענטפערט — אייער אַנוועזענהייט דאָ איז פונקט אַזוי וויכטיג ווי די אַנ־וועזענהייט פון יעדען אַנדערן צווישען אונז. אמת, איר זייט נאָך יונגעלייט אין איר מישט זיך נישט אין פאָליטישע ענינים, אָבער טאַקע דערפאַר וואָלט איך וועלען אַז איר זאָלט יאָ ווערען באַקאַנט מיט אונזער לאַגע, ווייל נאָכ־אַלעמען וועט איר דאָך אַמאָל דאַרפען זיין די פיהרערס פון אידישען פאָלק, דעריבער איז עס וויכטיג אַז איר זאָלט אַלעס וויסען. זיצט און הערט זיך צו צו די רייד פון אונזער חשוב׳ען ברודער מתתיהו הכהן, דער פיהרער פון די חשמונאים.

— איך וואָלט פאָרשלאָגען — האָט מתתיהו אויסגערופען — אַז אויב די חשובע תלמידים פון אונזער רבין אנטיגנוס האָבען איבערצוגעבען זייער רבינס שליחות אויף אַ פּריוואַטען אופן צום כהן גדול, קענען זיי עס שוין דורפיהרען. מיר אַלע פאַרזאַמעלטע וועלען זיך צוריקציהען אין אַ צווייטען צימער אויף פופצען־צוואַנציג מינוט. נאָר אויב זייער שליחות איז אַזעלכעס וואָס אַנבאַלאַנגט דעם כלל־ישראל, איז מיין וואונש אַז זיי זאָלען עס איבער־געבען עפענטליך, טאַקע שוין, פאַר אונז אלעמען.

אַלעמענס אויגען האָבן זיך געווענדעט צו די צוויי יונגע חכמים

וועלכע האָבען זיך אַרויסגעצייגט אַ ביסעלע שעהמעוודיג צו רעדען פאַר א פאַרזאַמלונג פון פילע חכמים. דער כהן גדול האָט זיי צוגעוואָרפען אַ ליב־ליכען שמייכעל און מתתיהו האָט אויסגערופען:

שעהמט זיך נישט, מיינע חשוב׳ע ברידער! איר ווייסט דאָך מסתמא וועגען וואָס אונזער פאַרזאַמלונג קומט פאָר און געוויס האָט איר אַ וויכטיגע שליחות פון אייער רבין, זאָגט זשע אין וואָס דאָס באַשטעהט וועלען מיר וויסען ווי אַזוי צו האַנדלען.

דער עלטערער פון די צוויי תלמידים האָט אָנגעהויבען צו רעדען:

— לויט ווי מיר אַלע ווייסען, איז אונזער הייליגער רבי ניט געניינגט צו קיינע נביאות, און דעריבער גלויבט ער ניט ווען ער הערט אַמאָל פון אימיצען אַזעלכעס וואָס שמעקט מיט נביאות זאָגעריי. אָבער היינט האָט פאַסירט אַזעלכעס וואָס האָט אונז שטאַרק איבעררעאַשט. מיר זיינען, ווי שטענדיג, געזעסען אין בית־מדרש און האָבען געלערנט, פלוצלונג האָבען מיר באַמערקט ווי אונזער רבי איז איינגעשלאָפען זיצענדיג אויפן שטול.

— פאַרשטעהט זיך, אַז מיר האָבען נישט געוואָגט אים צו שטערען אין זיין דרימעל ווייל מיר ווייסען דאָך אז אונזער רבי איז זעהר שוואַך און קראַנק און דערצו איז ער שוין אַריבער ניינציג יאָר אַלט, דעריבער האָבען מיר זיך אָפּגערוקט פון יענעם טיש און האָבען זיך געזעצט אין אַ צווייטען ווינקעל אין בית־מדרש. מיר האָבען געפיהלט אז אונזער רבינ׳ס דרימעל איז ניט קיין נאָרמאַלער, ווייל מיר האָבען באַמערקט ווי אַלע זיינע גלידער באַוועגען זיך אַזוי ווי ער וואָלט אָנפיהרען אַ שטרייט מיט אימיצען. מיר האָבען דייטליך געהערט ווי אונזער רבי האָט פיעל מאָל ארויסגעברומט דעם נאָמען פון זיין גאָטזעליגען הייליגען רבי שמעון הצדיק און אויך האָט ער, אין זיין חלומדיגען צושטאַנד, ארויסגעהויכט פיעלע קללות אויף די משומדים און מתיונים פון אידישען פאָלק. מיר האָבען געפיהלט אז אונזער רבי מאַכט דורך זעהר אַן ערנסטען חלום אין וועלכען מען צייגט איהם פון הימעל גאר וויכטיגע ענינים.

— דאָס אַלעס האָט געדויערט אַ שטונדע צייט, און פלוצלונג האָט אונזער רבי זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ פריילּיכען אויסגעשריי: „דאַנקען גאָט! מיר האָבען געזיגט״! און גלייך נאָכדעם האָט ער געעפענט די אויגען און האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן בית־מדרש. מיר זיינען באַלד צוגעגאַנגען צום טיש און אונזער רבי האָט אויסגערופען מיט אַ פעסטע שטימע געמישט מיט טרויער און פרייד צוזאַמען:

— מיינע טייערע תלמידים! מיר זיינען גערעטעט! איך האָב נאָר וואָס געהאַט אַ דרימעל און מען האָט מיר אַנטדעקט פון הימעל גאָר וויכטיגעס. איך האָב צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען, געזעהן אַזעלכע וואונדערליכע וויזיאָנען וועלכע קיין מענשליכע אויג האָט עס קיינמאָל ניט געזעהן און קיין מענשליכער פאַרשטאַנד קען עס גאָרניט באַגרייפען. עס איז פלאַי־פלאים, וואונדער איבער וואונדער! איך פיהל נאָך איצט דעם מיסטעריעזען ציטער אין אלע מיינע גליעדער פון דעם גלאָררייכען חלום דורך וועלכען מיינע גייסטיגע אויגען האָבען ארייגעקוקט אין די גאָר הויכע ספערן פון די זיעבען הימלען וואו עס האָבען זיך ענטפלעקט פאר מיר ערהאָבענע סצענעס און געשעהענישען. מיין גייסט האָט איבערבליקט אלע ריזיגע שטעגען און וועגען פון יענע הויכע וועלטען פון וואנען אונזערע נשמות קומען און פון וואנען אונזער ערדיש־פיזישער לעבענסקראַפט ציהט איהר יניקה און כח צו עק־זיסטירען.

— הערט זשע אויס מיינע רייד, איהר פרומע קינדער פון פאָלק ישראל! לייגט־צו אייערע אויערען מיט גרויס כוונה און עהרפורכט צו אַלעס וואָס איך וועל אייך יעצט דערצעהלען און געדיינקט עס אויף שטענדיג! ווייל נאָכדעם, ווען איך וועל אוועקגעהן פון דער וועלט, וועט איהר, מיינע ליעבע תלמידים, מוזען איבערנעהמען מיינע פליכטען אלס לעהרערס און רבנים אין ישראל, און איהר דאַרפט וויסען פון אַלעס און פון אלעמען. ניט נאָר די „תורה הגלויה״, די אָפענע און ענטפלעקטע תורה מיט אלע מצוות, דינים און מנהגים, נאָר אויך דאַרפט איהר וויסען די „חכמה נסתרה״, די טיעפע מיסטעריעזע געטליכע סודות וועלכע זיינען באהאלטען, ווי אונטער א דיקען שלייער, אין אונזערע הייליגע ספרים, וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען פון מענשליכע הענט אָבער בעאיינפלוסט און דירעקטירט פון דער השגחה פון גאָט.

— איהר, מיינע טייערע תלמידים, וועט געוויס פיהלען און פארשטעהן אז מיינע איצטיגע רייד צו אייך זיינען ניט חלילה קיינע פוסטע פאַנטאַזיעס אָדער קרענקליכע האַלוסינאַציעס ווי מען קען אַזעלכע געפינען ביי א סך פון די געצענדינערשע פעלקער. איהר ווייסט דאָך אַז אונזער תורה פאַרבאָט אַזעלכע געדאַנקען וועלכע פיהרען אַוועק פון דער „מאָנאָטעאיסטישער אמונה אין איין גאָט.״ מיר אידען דאַרפען שטענדיג קוקען צום הימעל און ניט אַראָפּ צו דער ערד. די פיעלע געגענזעצטע נאַטור כחות און קאָנטראסטיווע ערשיינונגען קענען פערשטאַנען ווערען בלויז ווען מיר קוקען מיט אונזערע גייסטיגע אויגען צום הימעל וואו מיר זעהען דעם איין־איינציגען ריעזיגען כח

װעלכער שאַפט און קאָנטראָלירט אַלעס. מיר זעהען בלויז איין גאָט װעלכער פיהרט אַלע „הערשאַפטען“ און זיין „השגחה“ איז די אלערהעכסטע און די איינציגע איבער אַלעס און אַלעמען, און דאָס װאָס אונז, מענשענקינדער, שיינט צו זיין פערשידענאַרטיג און ניט הארמאָניש, איז עס אָבער איינאַרטיג און פאָלקאָם הארמאָניש לויט דעם װילען און פערשטאַנד פון גאָט. און דעריבער איז טאַקע דער אידישער דין אז: (1) „חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה“, פונקט װי אַ איד דאַרף בענשען און דאַנקען גאָט אויף אַ גוטע זאַך, אויך אַזוי דאַרף ער דאַנקען גאָט אויף אַ שלעכטע זאַך; װייל א מענש איז זעהר קליין, שװאַך, קורצזיכטיג, און מיט װייניג פערשטאַנד אום צו קענען באַגרייפען דעם ציעל פון לעבען און דעם צװעק פון דער גאַנצער באַשאַפונג. װען די גייסטיגע נשמה רוהט אין דעם פיזישען קערפער איז זי פארטונקעלט און געצוימט און זי קען ניט פיהלען, און נאָך װינציגער קען זי פאַרשטעהן, װעגען די הויכע גייסטיגע מאָטיװען פון א „גן־עדן“ אָדער א „גיהנום“. זי קען ניט פאַרשטעהן װאָס אַזוינס איז דער „עץ החיים“ און דער „עץ הדעת“. דער פיזישער קערפער אונטערדריקט די גייסטיגע נשמה און זעהר װייניג מענשען קענען דערגרייכען די מדרגה פון ריינעם פערשטאַנד און נביאות; װייל אום דאָס צו דערגרייכען מוז מען פריהער אויסטאָן די „בגדים הצואים“, די שמוציגע קליידער פון קערפער־ליכע אַפעטיטען, װי: קנאה, שנאה, רכילות, לשון־הרע, ליצנות, ליגענס, גנבה, גזלה, א. א. װ. און ערשט דאמאָלסט קען מען אָנהויבען פיהלען דעם טעם פון גייסטיגע פאַרגעניגענס. מיר אידען האָבען אַמאָל געהאַט גרויסע מענשען װעלכע האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייער װאָכענדיגען לעבען און זיי האָבען דערגרייכט די הויכע ספערן פון א הייליגע זויבערקייט, א גייסטיגע דורכזיכטיגקייט, און אַ הימלישען געשמאַק. דאָס זיינען געװען די הייליגע „אבות“ אברהם יצחק און יעקב, און נאָך זיי האָט משה רבנו זיך אליין אַרויפגעאַרבייט מיט זיין ריעזיגען שװאונג צום הימעל און ער האָט אַרויפ־געשטיגען אויף די סאַמע העכסטע שטאַפלען פון חכמה און נבואה, אויף אַזוי װייט אז ער איז געװאָרען דער סימבאָלישער (2) „ותחסרהו מעט מאלקים“, בלויז עטװאָס ביעדעריגער פון גאָט אַליין, און אַזוי טאַקע האָט די תורה עדות געזאָגט אויף איהם, אז: (3) „בכל ביתי נאמן הוא“, אז משה איז דער באַלעבאָס אין גאָט'ס הויז. און נאָך משה'ן זיינען געװען די 48 אידישע

---

1) ברכות נד, ע"א.
2) תהלים ח, 6.
3) במדבר יב, 7.

נביאים וועלכע האָבען אויך אָנגעהאַלטען אַ שטאַרקע איינהייטליכע פאַר־בינדונג מיט יענע געטליכע וועלטען פון וואַנען עס שטראָמען צו אונז די קוואַלען פון לעבען, פון פערשטאַנד, פון ענערגיע, פון מוטה, און פון אַלע מיסטעריעזע געפיהלען.

— דעריבער, מיינע טייערע תלמידים, איידער עס קומט דער טאָג פון מיין טויט וויל איך אייך איבערגעבען די איינציגע נבואה וואָס איך האָב היינט געזעהן אין די הויכע הימלען. דער זכות פון מיין הייליגען רבי שמעון הצדיק איז מיר בייגעשטאַנען און איך האָב זוכה געווען צו ווערען דער שליח צו דערצעהלען די זעלבע נבואה אויך צו אייך, מיט דער אבזיכט אז איהר זאָלט עס איבערדערצעהלען צו די אידישע חכמים פון היינטיגען דור אום אז עס זאָל פאַרבלייבען אין אנדיינקונג פאַר אַלע קומענדע דורות וועלכע וועלען שפּעטער קענען דערגרונטעווען, אין דער דאָזיגער נבואה, מעהר און מעהר סודות.

יוסי בן יועזר, דער דערצעהלער, האָט זיך אפּגערוהט אַ ווײַלע. אַלע פערזאַמעלטע ביים כהן גדול אין הויז זיינען געזעסען ווי צוגעשמידט אויף זייערע שטוהלען און זייערע אויגען זיינען געווען אָנגעשטריינגט אויף דעם דאָזיגען תלמיד. די שטילקייט אין דעם גרויסען צימער, און די מיסטעריעזע רייד פון יוסי בן יועזר, האָט אַלעמען אריינגעוואָרפען אין אַ טיעפען אינערליכען ציטער. עס זיינען פאַריבער עטליכע מינוטען און נאָכדעם האָט יוסי בן יועזר ווידער פאַרטגעזעצט די רייד פון זיין גרויסען רבין, וואָרט ביי וואָרט ווי ער האָט זיי איבערגענומען:

— „און דאָס איז די נבואה וואָס איך, אַנטיגנוס דער געוועזענער תלמיד פון שמעון הצדיק, האָב נאָר־וואָס געזעהן, געהערט, און פאַרשטאַנען, אין דער צייט פון מיין שלאָף דאָ אין בית־המדרש.

אנטיגנוסעס נשמה שוועבט צום „גלגל החמה״.

— „אַזוי שנעל ווי איך האָב איינגעדרימעלט האָט מיין נשמה זיך אָפּגעטיילט פון מיין קערפּער, און זי האָט אָנגעהויבען צו פליהען ווייט, ווייט אַוועק אין דער פוסטער הויכקייט צום הימעל. זי איז דורכגעפלויגען די ווייטע שטרעקעס פון אַלע זיבען פּלאַנעטען און זי האָט דורכגעשוועבט צווישען די געדיכטע מאַסע פון די פליהענדיגע שטיקער „מעטעאָרען״ וועלכע פליהען אַרום צווישען איין פּלאַנעט און אַ צווייטען, און ווען זי האָט דערגרייכט צו דעם שטאַרק בליאַס־קעדיגען „גלגל החמה״, דער צירקעל וואָס רינגעלט אַרום דער זון, האָט זי דערזעהן די צוועלף „מזלות״ ווי זיי דריהען זיך אַרום דער זוהן און דאַן

האָט מיין נשמה דערזעהן אַ נייע ליכט אויפשטייגענדיג פון די וויטע האָריזאָנ־טען פון מזרח זייט, און מיינע אויערען האָבען דערהערט אַ געטליכען געזאַנג פון די אַלע „מזלות" מיט די הימלישע „הערשאַפטען", און אין גרויס באַ־גייסטערונג האָב איך אויסגעשריהען דעם פסוק „מה רבו מעשיך ה׳ כולם בחכמה עשית" [4]) „ווי גרויס זיינען דיינע אויפטואונגען, גאָט, דו האָסט אַלעס געמאַכט מיט קלוגשאַפט". און פון יענעם מאָמענט אָן האָב איך דערפיהלט אַז מיין נשמה הויבט אָן צו פליהען אַלץ העכער און העכער אין די וויטע פוסט־קייטן און אַז די ליכט פון דער זון ווערט פאַרטונקעלט צוליב די נייע בלענ־דענדע ליכט שטראַהלען וועלכע שטראָמען אַרויס פון די העכערע ספערן איבער מיר.

אויפ׳ן גרעניץ צווישען ערשטען הימעל „רקיע" און צווייטען הימעל „שמים".

— „איך האָב דורכגעשוועבט די גאַנצע הויכקייט פון דעם ערשטען הימעל וואָס רופט זיך מיט׳ן נאָמען „רקיע" (ראָקיאָ) און ווען איך האָב דערגרייכט צו דעם פלאַץ וואָס עס ווערט באַטיטולט מיט׳ן נאָמען „דנשקא ארעא ורקיעא אהדדי" [5]), „אויף דעם גרעניץ וואו די ערדישעס און הימלי־שעס קומען זיך צונויף" . . . דאַן האָב איך דערזעהן די נשמה פון מיין גאָטזעליגען הייליגען רבי שמעון הצדיק, ווי זי פליהט אַנטקעגען מיר, ריי־טענדיג אויף אַ זילבער־קאַלירטען וואָלקען, און אַרום דעם וואָלקען שוועבען ווייס־פייערדיגע מלאכים און פון זייערע מיילער זשומזשעט אַ שטימע מיטן אויסרוף: „לבנת הספיר" [6]), „ווייסער קרישטאָל"! איך האָב פערשטאַנען אַז דאָס מיינען זיי מיין רבינ׳ס נשמה וועלכע קומט איצט פון איהר הייליגען אָרט פון אונטער דעם „כסא הכבוד" (דער שטוהל פון גאָט) און וועלכער טראָגט דעם נאָמען „לבנת הספיר" (ווייסער קרישטאָל) לויט ווי עס ווערט דערמאָנט אין דער תורה ביי דעם באַרג סיני.

— „אַזוי שנעל ווי איך האָב דערזעהן מיין רבין שמעון הצדיק האָב איך אויסגערופען: „אבי אבי רכב ישראל ופרשיו!" [7]) „פאָטער מיינער, פאָטער מיינער! רייטוואָגען און רייטער פון ישראל"! דאָס איז דער זעלבער פסוק וואָס דער אַמאָליגער נביא אלישע האָט אויסגערופען ווען ער האָט געזעהן ווי זיין רבי אליהו הנביא הויבט אָן צו פאַרשווינדען אין די הויכע ספערען פון הימעל.

---

4) תהלים קד, 24.
5) בבא בתרא עד, א.
6) שמות כד, 10.
7) מלכים ב, קאַפיטעל 2, פסוק 12.

שמעון הצדיק׳ס נשמה שמועסט זיך דורך מיט דער נשמה פון זיין תלמיד אנטיגנוס.

— „מיין רבי שמעון הצדיק האָט זיך דערנעהענ־טערט צו מיר און ער האָט אויסגערופען: — אַנטיגנוס מיין תלמיד! זאָלסט וויסען אַז איך האָב איצט ארויפ־געבראַכט דיין נשמה צו דעם דאָזיגען פלאַץ ווייל איך האָב אויסגעפונען אַז דו ביזט ריין פון זינד און דורכגעדרונגען מיט „יראת שמים״ (גרויס פרומקייט). דו מוזט איצט ווערען דער שליח צווישען מיר און צווישען דאָס פאָלק ישראל אויף דער אונטערשטער וועלט. זאָלסט ווי־סען, אנטיגנוס, אַז די קינדער פון ישראל שטעהן איצט אין גרויס געפאַהר פון פאַרניכטונג, ווייל זיי האָבען געזינדיגט זעהר פיעל און מיט יעדען טאָג ווייי־טער פאַרמעהרען זיך די משומדים און די מתיונים, און עס איז שוין אונטער־געשריבען געוואָרען די הימלישע גזרה פאַר אַ פולשטענדיגען חורבן פון פאָלק ישראל, און די דאָזיגע גזרה לאָזט מיך ניט רוהען אונטערן „כסא הכבוד״ און דעריבער האָב איך באַשלאָסען אַרויסצוגעהן פון מיין רוהונג־פלאַץ און אויפרודערען אַלע נשמות פון די צדיקים, אַז זיי זאָלען מיר העלפען אין מיין אונטערנעהמונג. דער מלאך „סנדלפון״ (סאַנדאַלפאָן) האָט מיר גע־ראַטען אַז איך זאָל צונויפזאַמלען כאָטש אַ „מנין״ (צעהן) גרויסע נשמות פון די ווייטע הימלען און מיר אַלע צוזאַמען זאָלען ווי אַמשנעלסטען קומען צו גאָט און בעטען רחמים אַז די שרעקליכע גזרה זאָל בטל ווערן. דעריבער האָב איך דיר געבראַכט אַהער אַז דו זאָלסט דאָ שטעהן אין דער צייט וואָס איך וועל פליהען ווייטער אין די הויכע הימלען און דורכפיהרען מיין מיסיע. דו זאָלסט גוט באַטראַכטען אַלעס וואָס עס וועט פאַרקומען פאַר דיינע אויגען און דאַן וועסטו צוריק אַראָפנידערען אויף דער ערד און איבערגעבען צו אונזע־רע ברידער אַלעס וואָס דו וועסט האָבען געזעהן, און אויב זיי וועלן טאָן תשובה, וועט קומען די ישועה.

דער פליה אין הימעל „שמים״.

— „ווען מיין רבי שמעון הצדיק האָט געענדיגט רעדען, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט זיין רעכטער האַנט איבער מיינע אויגען און אַ נייע ליכט האָט אויפגעבליצט פאַר מיר און איך האָב דערזעהן וואונדערליכע שעהנקייטען און מיסטעריעזע ווייטקייטען. איך האָב צוגעקוקט ווי מיין רבי שוועבט ווייטער אַוועק אין די העכערע ספערן און ער דרינגט אַריין אין די „שפּאַלטען״ פון דעם צווייטען הימעל מיטן נאָ־מען „שמים״ (שאָמאַיים) און די מאַסען מלאכים פון יענעם צווייטען הימעל האָ־בען אָנגעהויבען אויסצורופען דעם פסוק: „כהניך ילבשו צדק וחסידיך

ירננו״ [8]. „דיינע כהנים וועלן אָנקליידען גערעכטיגקייט און דיינע פרומע לייט וועלען זינגען״.

דער דריטער הימעל „שחקים״ מיט זיינע שעהנע סצענעס.

— „און נאָך איידער איך האָב געקענט גוט באַטראַכטען די גרויסאַרטיגע שהענקייט פון דעם הימעל „שמים״, האָב איך דערזעהן ווי מיין רבי שוועבט שוין אַרויס פון דעם „שמים״ הימעל און ער קומט אַריין אין דעם דריטען הימעל מיט׳ן נאָמען „שחקים״ (שכאָקים) וואו עס שטורעמען נאָך די גרויסע כוואַליעס וואַסערען וועמען גאָט האָט אַמאָל פאַנאַנדערגעטיילט פון די אונטערשטע וואַסערן איידער ער האָט באַשאַפען די ערד. מיין רבי האָט געשוועבט איבער די „שחקים״ כוואַלעס, און די וויס־פייערדיקע מלאכים, זיינע באַגלייטערס, האָבען געזונגען דעם פסוק: „קול ה׳ על המים אל הכבוד הרעים, ה׳ על מים רבים״ [9], „די שטימע פון גאָט איז אויף די וואַסערען, דער גאָט פון פראַכט טוט דונערן, גאָט איז אויף די פיעלע וואַסערן״! און אין דערזעלבער צייט האָבען די אַנדערע מלאכים פון יענעם הימעל געשפּאָלטען און פונאַנדערגעטיילט די דאָזיגע כוואַלעס און זיי האָבען זיך אויסגעפורעמט אין ריזיגע וויס־בלויע זיילען.

דער פליה אין דעם פערטען הימעל „מכון״.

— „ווען מיין רבי מיט זיינע באַגלייטערס האָבען אַדורכגעשוועבט דעם דריטען הימעל „שחקים״ און זיי האָבען דערגרייכט צו דעם פערטען הימעל מיטן נאָמען „מכון״ (מאָכאָין), האָבען זיי זיך איבערגעזעצט אויף די נייע, פאָר זיי, צוגעגרייטע בלוי־פייערדיגע וואָלקענס און זיי האָבען אָנגעהויבען צו פליהען מיט גרויס שוואונג אין די אומגעהייערע ווייטקייטען פון דעם „מכון״ הימעל ביז וואַנען זיי האָבען דערגרייכט צו די טויערן פון די „זיבען פאַלאַצען״ פון דעם „גן־עדן״ און דאָרטען האָט מיין רבי אויסגעשריהען: — הערט! איהר אַלע נשמות פון צדיקים, די איינוואוינער פון גן־עדן! אַ טאָג פון פינסטערניש רוקט זיך אָן אויפן אידישען פאָלק. איהר טאָרט ניט בלייבען רוהיג אין אייערע פאַלאַצען ווען אייערע ברידער פון פאָלק ישראל שטעהען איצט אויפן שוועל פון אָפּגרונט!

די תפלה פון די נשמות אין דעם גן־עדן.

— „אַזוי שנעל ווי מיין רבי׳ס שטימע האָט אויסגערופען די דאָזיגע טרויעריגע בשורה, האָבען אַרויסגעפלאַטערט מיליאָנען נשמות פון אַלע טויערן פון „גן־עדן״ און זיי האָבען אויסגעבראָכען אין אַ פאַרצווייפעלטען יאָמער און זיי האָ־

8) תהלים קלב, 9.
9) תהלים כט, 3.

בען אויסגעשריען דריי מאָל די תפלה פון „שומר ישראל" [10]: „היטער פון ישראל היט אָפּ די איבערבלייבונג פון ישראל, און זאָל ניט געהן פאַרלאָרען דאָס אידישע פאָלק וועלכעס זאָגט שטענדיג שמע־ישראל!

שמעון הצדיק פליהט ווייטער צום פינפטען הימעל „מעון".

— „די געוויינען און געשרייהען פון די מילאָנען נשמות האָבען פאַרהילכט אַלע ווייטקייטען פון יענעם הימעל. מיין רבי האָט זיי אַלעמען באַדאַנקט פאַר זייער ערענסטע תפלה און ער, צוזאַמען מיט זיינע מלאכים, האָבען ווייטער פאָרט־געזעצט זייער פליה דורך די גרויסע פוסטקייטען פון דעם „מכון" הימעל ביז וואַנען זיי האָבען דערגרייכט צו דעם גרעניץ פון דעם פינפטען הימעל מיטן נאָמען „מעון" (מאָאין).

— אַריינשוועבענדיג אין דעם דאָזיגען מורא'דיגען הימעל, האָט מיין רבי שוין געטראָפען ביליאָנען מלאכים, מיט זייערע רויט־פייערדיגע פליגלען, וועלכע האָבען שנעל זיך פאַרמירט אין לאַנגע רייהען לכבוד דעם גאַסט און זיי האָבען אָנגעהויבען צו זינגען דעם פסוק: „ויאחז צדיק דרכו וטהר ידים יוסיף אומץ" [11]; „זאָל דער צדיק אָנהאַלטען זיין וועג און דער יעניגער מיט זויבערע הענט זאָל באַקומען מעהר פעסטקייט".

דער צירקעל פון די „צעהן־ספירות".

— „מיין רבי מיט זיינע באַגלייטערס האָבען זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַן אויסערגעוויינליכע שנעלקייט, פאַרביישוועבענדיג די „אייזבערג" פון איין זייט און די „האָגעלבערג" פון צוויי־טען זייט, און זיי האָבען דערגרייכט צו דעם הייליגען פּלאַץ פון די „עשר ספירות (די צעהן געטליכע ספערען). צו ערשט זיינען זיי צוגעקומען צו דער ערשטער „ספירה" מיטן נאָמען „מלכות" (קעניגרייך) און מיין רבי האָט אויס־

דוד און שלמה אין דער ערשטער ספירה פון „מלכות".

גערופען: „דוד מלך ישראל חי וקים!", [12] דוד, דער קעניג פון ישראל, לעבט און עקזיסטירט! באַלד דאַ־רויף האָט יענע „ספירה" אָנגעהויבען אַרויסצושיסען ריעזיגע כוואַלעס פון עלעקטרישע פייערן און פון צווישען די פייערן זיינען אַרויסגעקומען דוד המלך מיט זיין זוהן שלמה המלך און זיי האָבען געענטפערט צו מיין רבין: „שלום שלום לרחוק ולקרוב!" [13], „פריעדען, פריעדען, צום ווייטען און צום נאָהענטען"; און דאָס זאָגענדיג האָבען זיי ביידע אַרויפגע־שטיגען אויף דעם בלוי־פייערדיגען וואָלקען צו מיין רבין, נאָכדעם ווי די אַלע

10) סדור תפלות, תפלת שחרית.
11) איוב יז,' 9.
12) ראש השנה כה, ע"א.
13) ישעיה נז, 19.

פאַריגע ווייס־פייערדיגע מלאכים, די באַגלייטערס, האָבען זיך צוריקגעצויגען מיט גרויס רעספעקט פאַר די צוויי אידישע מלכים און זיי האָבען זיך צוריק־געשטעלט ביים טויער פון דער ערשטער „ספירה".

דער פליה צו דער צווייטער ספירה „צדק".

— „די דאָזיגע דריי חשובים האָבען זיך אַ לאָז גע־טאָן, אויף זייער וואָלקען, פון דער ערשטער „מלכות ספירה" און אין אַ קורצע ווילע שפּעטער האָבען זיי דערגרייכט די צווייטע „ספירה" מיטן נאָמען „צדק" (גערעכטיגקייט) און זיי האָבען אויסגערופען דעם פסוק: „בן פורת יוסף בן פורת עלי עין" [14], „אַ פרוכטיג צווייג איז יוסף, אַ פרוכטיג צווייג ביי אַ קוואַל!"

די דריטע ספירה פון „הוד".

— „עס האָט ניט געדויערט לאַנג און די ריעזיגע מאַסען וואָלקענס פון ארום יענער „ספירה" האָבען זיך געשפּאָלטען און פון זיי איז אַרויסגעקומען יוסף הצדיק, דער זוהן פון יעקב, און ער האָט געענטפערט: „פקד יפקד אלהים אתכם" [15], „דערמאָנען וועט זיך גאָט דערמאָנען אָן אייך", און יוסף האָט זיך באַהעפט צו דער דאָזיגער גרופּע און זיי האָבען ווייטער געפלויגען ביז וואַנען זיי האָבען דערגרייכט צו דער דריטער „ספירה" מיטן נאָמען „הוד" (פראַכט) און זיי האָבען דאָרטען געטראָפען אהרן הכהן שטעהענדיג נעבען אַ פייערדיגען מזבח און אויסרוי־כערנדיג אויף איהם די הייליגע „קטורת" (פאַרשידענע געווירצען) וועמעס שמעקענדיגער ריח עס ווערט צושפּרייט איבער אַלע ברעגעס פון דעם פינפטען הימעל „מעון".

— „אַזוי שנעל ווי מיין רבי האָט דערזעהן אהרן הכהן האָט ער אויס־גערופען דעם פסוק: „כי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו" [16], „די ליפּען פון כהן היטען אָפּ קענטשאַפט און מען זוכט תורה פון זיין מויל", און באַלד נאָכדעם האָט ער צוגעגעבען: — הייליגער אהרן! דו ביזט דאָך אַמאָל געווען דער גרעסטער שלום־מאַכער; איך בעט דיר, קום דו אויך מיט אונז און מאַך שלום צווישען גאָט און צווישען די קינדער פון ישראל וועלכע שטעהען אין גרויס געפאַהר.

מען מוז מיטנעהמען אויך משה'ן.

— „ווען אהרן הכהן האָט דאָס דערהערט, האָט ער שנעל געענטפערט: — ווער קען דען אַזוי גוט איינשטילען דעם צאָרן פון גאָט אויב ניט מיין ברודער משה? קומט, לאָמיר פליהען צו משה'ן.

14) בראשית מט, 22.
15) בראשית נ, 25.
16) מלאכי ב, 7.

משה רבנו אין זיין ספירה פון „נצח״.

— „מיט אַ בליציגע שנעלקייט האָט די גאַנצע גרופּע זיך אַ לאָז געטאָן איבער דער שטרעקע פון זעקס־הונדערט־טויזענט הימלישע מיילען ביז וואַנען זיי האָבען דערגרייכט צו דער פערטער „ספירה״ מיטן נאָמען „נצח״ (אייביגקייט) און דאַן האָט אהרן אויסגעשריהען דעם פּסוק: „לך רד כי שחת עמך!״ [17]), „קום ניעדער אַראָפּ ווייל שטאַרק געזינדיגט האָט דיין פאָלק!״ קום, משה, און נעהם אַראָפּ דעם שאַרפען שווערד וואָס ליגט איצט אויף די העלזער פון ישראל.

משה רבנו קומט ארויס פון דער ספירה „נצח״.

— „עס האָט באלד אָנגעהויבען בליצען און שטורעמען אין דער „נצח ספירה״ און משה רבינו האָט שנעל ארויסגעשפּאַנט פון צווישען די בליצען. זיין פּנים האָט געלויכטען ווי טויזענט זונען און פון זיינע אויגען האָבען געשטראַהלט עלעקטערישע פונקען. אין זיין רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטען דעם „וואונדער־שטעקען״, מיט וועלכען ער האָט אַמאָל באַוויזען וואונדער אין מצרים, און אין זיין לינקער האַנט האָט ער געהאַלטען די ברוכוואַרג פון די ערשטע „לוחות״ וואָס ער האָט אַמאָל אַליין צובראָכען אונטערן באַרג סיני. משה האָט זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגען דער גרופּע געסט און ער האָט אויסגערופען מיט גרויס שרעק: — וואָס איז געשעהן? האָט דען דער צאָרן פון גאָט ווידער אויפגעברויזט אויפן פאָלק ישראל?

אהרן בעט די הילף פון זיין ברודער.

— „יע, ברודער משה! — האָט אהרן שנעל געענטפערט מיט אַ קוואַל טרערען — דאָס פאָלק ישראל האָט געזינדיגט און עס איז שוין אונטערגעשריבען געוואָרען די גזרה פון חורבן; אָבער דו, משה, ביזט דאָך שטענדיג געווען אַ קינסטלער איינצושטילען דעם צאָרן פון גאָט, זאָג זשע, וואָס זאָלען מיר איצט טאָן?

משה רבנו׳ס צרות יאָמערן.

— „דער געטליכער משה איז געבליבען שטעהן שטאַרק צוטומעלט. אַרום און אַרום, אין די ווייטקייטען „פון דער נצח ספירה״, האָט געהערשט אַ מורא׳דיגע שטילקייט דורכגעדרונגען מיט שרעק און אַנגסט. דאָס איז געווען אַ שטילקייט פאַר אַ שטורעם. דאָס האָט געדויערט בלויז אייניגע מינוטען און פּלוצלונג האָבען זיך דורכגעריסען פאַרצווייפעלטע געשרייהען און יאָמערדיגע קולות פון צווישען די באַהעלטענישען פון דער „נצח ספירה״; געשרייהען וועלכע האָבען געמאַכט אויפשוידערן די נשמות פון דער גאַנצער גרופּע, און משה האָט אַ זאָג געטאָן

17) שמות לב, 7.

מיט אַ שווערען זיפץ: — דאָס זיינען די געשרייען פון מיינע אַמאָליגע צרות וואָס איך האָב געליטען אויף דער אונטערשטער וועלט. פון מיינע אַמאָליגע צרות זיינען באַשאַפען געוואָרען לעבעדיגע גייסטער און די דאָזיגע גייסטער געפינען זיך צוזאַמען מיט מיר אין דער דאָזיגער „נצח ספירה" און ווען נאָר

משה רבנו האָט קיינמאָל ניט קיין מנוחה.

עס פּאַסירט עפּעס אַן אומגליק מיט'ן פאָלק ישראל דאַן הויבען זיי אָן צו יאָמערן און קלאָגען און זיי לאָזען מיך ניט רוהען, זיי טרייבען מיך ווייטער זיך איינצושטעלען פאַר די אידען. אַזוי איז עס געווען אַמאָל און אַזוי וועט עס שוין פאַרבליבען אויף אייביג. אין מיין ערדישען לעבען האָב איך קיינמאָל ניט געהאָט קיין רוהע און אויך אין מיין גייסטיגען לעבען האָב איך ניט קיין מנוחה, נאָר שטענדיג „ואתנפל לפני ה'" [18], „איך בין געפאַלען פאַר גאָט"! שטענדיג דאַרף איך לויפען און שרייהען צו גאָט מיטן אַלטען „פּזמון" פון „וסלחת לעווננו ולחטאתנו ונחלתנו" [19], „און דו, גאָט, זאָלסט פאַרגעבען אונזערע פאַרברעכענס און אונזערע זינד און מאַך אונז פאַר דיין נחלה".

דער באַשלוס צונויפצוזאַמלען די צאָהל פון דרייצעהן נשמות.

— „פון משה'ס אויגען האָבען ארויסגעשטראָמט עטליכע גרויסע טרערען און ער האָט ווידער אָנגעהויבען צו רעדען: — איך זעה דאָ בלויז פינף חשוב'ע נשמות (שמעון הצדיק, דוד המלך, שלמה המלך, יוסף הצדיק, אהרן הכהן) און צוזאַמען מיט מיר זיינען מיר בלויז זעקס נשמות; מיר דאַרפען אָבער האָבען נאָך זיבען נשמות ביז דעם צאָהל פון דרייצעהן ווייל ביי דעם „כסא הכבוד" שטעהען דאָך די „שלש עשרה מדות" (דרייצעהן געטליכע אַטריבוטען) פון רחמים, און אויב מיר ווילען עפּעס אויסווירקען מוזען מיר קומען אַהין אין דערזעלבער צאָהל פון דרייצעהן נשמות קעגען די „דרייצעהן געטליכע מדות".

דער גרויסער „ברוך הבא" וואָס די געסט באַקומען אין צווישען דער פערטער און פינפטער „ספירה".

— „טו ווי דו פאַרשטעהסט, רבנו משה! — האָבען אַלע נשמות פון דער גרופּע געענטפערט, און באַלד נאָכדעם האָט משה זיך באַהעפט צו דער גרופּע און זיי האָבען אָנגעהויבען צו פליהען ווייטער און אין דער צייט פון דעם דאָזיגען פליה האָט זיך געשאָטען איבער זייערע קעפּ אַ געדיכטע מאַסע פון שמעקעדיגע געווירצען מיט אַ זאַפטיגען געשמאַקען טוי פון דעם מיסטעריעזען „טל תחיה" (לעבענס־טוי) און

18) דברים ט, 18־25.
19) שמות לד, 9.

אַלע מלאכים וועלכע האָבען פאַרבייגעשוועבט אויפן זעלבען וועג האָבען אויס־גערופען מיט גרויס רעספעקט: „ברוך נותן התורה וברוכים הבאים!", גע־בענשט זאָל זיין דער געבער פון דער תורה און געבענשט זאָלן זיין די געסט!

יעקב אבינו אין דער פינפטער ספירה „תפארת".

— „דער דאָזיגער פליה האָט ניט געדויערט לאַנג און די גרופע האָט דערגרייכט צו דער פינפטער „ספירה" מיטן נאָמען „תפארת" (ערהאַבענקייט) און דאָן האָט משה אָנגעהויבען צו רופען: — תפארת, תפארת! אין דיר געפינט זיך אַ טייערער פאַרמעגען און דאָס איז דער אמת־געטרייער פאָטער יעקב. איך בעט דיר יעקב בן יצחק, קום אַרויס פון דיין געצעלט און נעהם מיט זיך דיינע „גלוסטיקע קליידער" און קום מיט אונז צו דעם באַשיצער פון ישראל, „כי יד על כס יה" [20], „ווייל אַ האַנט איז אויפן שטוהל פון גאָט", די שווערע האַנט פון עשו'ן וויל שלעכטס טאָן צו דיינע קינדער פון די צוועלף שבטים.

יעקב אבינו הייסט זיך צוגרייטען געגען דעם שר פון עשון.

— „מאָמענטאַל האָט זיך דערהערט אַ שרעקליכער וועה־געשריי פון דער „תפארת ספירה" און יעקב אבינו איז אָנגעקומען רייטענדיג אויף אַ פלינקען „כרוב" (אָדלער־מלאך) און ער האָט אויסגעשריהען — „כסף משנה קחו בידכם" . . . [21]) „נעהמט אין אייערע הענט אַ דאָפּעלטע סומע געלט" און אויך אַ „בזיד עדשים" [22]), „אַ געקעכץ פון הייסע לינזען . . ." פאַר דעם שר פון עשו'ן. איך ווייס שוין אַז דער נידערטרעכטיגער מלאך „יוניאל" (יעוואַניעל), דער שר פון די גריכען, וויל איצט צוריקנעהמען די בכורה'שאַפט פון פאָלק ישראל ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס איך האָב עס שוין לאַנג צוריק אָפּגעקויפט פון מיין ברודער עשו פאַר אַ טאָפּ לינזען.

יצחק אבינו אין דער זעקסטער ספירה „פחד", אָדער „גבורה".

— „גלייך נאָכדעם האָט די גאַנצע גרופע, צוזאַמען מיט יעקב'ן, זיך אַ לאָז געטאָן ווייטער צו צפון זייט און דערגרייכענדיג צו דער זעקסטער „ספירה" מיטן נאָמען „פחד" (שרעק), האָבען זיי דערזעהן ווי יצחק שפּאַצירט אויף אַ פעלד וואָס איז אויסגעפּלאַסטערט מיט וואונדערבאַרע רויזען און פּראַכטפולע קנאָספּען און פון אַלע זייטען ציהען זיך טייכלאך פון „אפרסמון" (אַפּאַרסעמאָן) וואַסער.

---

20) שמות יז, 16.
21) בראשית מג, 12.
22) בראשית כה, 34.

יצחק אבינו ווייס שוין פון דער גזרה אָבער ער גיט האָפנונג. דער פליה צו דער זיבעטער ספירה „חסד".

— „ווען יצחק האָט אַ בליק געטאָן אויף זיין זוהן יעקב און אויף די אַנדערע חשוב'ע געסט האָט ער אויסגערופען: — אַמאָל, ווען איך האָב געלעבט אויף דער ערד, זיינען מיינע אויגען געוועןן טונקעל צוליב די שלעכטסקייט פון מיין זוהן עשו און איך האָב ניט געקענט זעהן ריכטיג, אָבער איצט האָב איך זוכה געווען צו קוקען דורך דער „אַספקלריה המאירה" (די ליכטיגע שיין פון גאָט) און איך האָב שוין געזעהן און געהערט וואָס עס קומט פאַר „מאחורי הפרגוד" (הינטער דעם פאָרהאַנג פון דער געטליכקייט) און איך ווייס, אַז עס איז נאָך פאַראַן אַ האָפנונג פאַר די אידען און דאָס קען געשעהן נאָר דורך דעם „חסד לאברהם" (די גענאַדע פון אברהמ'ען). קומט, לאָמיר זיך צו־איילען און פליהען צום טאַטען אברהם.

יצחק בעט זיין טאַטען אברהמ'ען צו העלפען.

— די גאַנצע גרופע איז אָפּגעפלויגען צו דער זיעבעטער „ספירה" מיטן נאָמען „חסד" (גענאַדע) און דאָרטען האָט יצחק אויסגעשריהען: — טאַטע, טאַטע! דו געדענקסט דאָך אַז איך בין אַמאָל געלעגען אויף דער „עקדה" אויסגע־שטרעקט מיין האַלז צו דער שחיטה, אָבער אין דיין זכות בין איך גראַטעוועט געוואָרען, און איצט זיינען די העלזער פון אונזערע קינדער אויך אויסגע־שטרעקט אַנטקעגען דעם שווערד פון דעם שונא; דעריבער בעט איך דיר אַז דו זאָלסט אויסרופען דעם זעלבן פסוק וואָס דער מלאך האָט אמאָל אויסגערופען צו דיר: „אל תשלח ידך אל הנער!" [23]), „זאָלסט ניט אויסשטרעקען דיין האַנט צום דעם קינד", דאָס פאָלק ישראל.

אברהם אבינו קומט ארויס מיט טרייסט־ווערטער.

— „און נאָך איידער יצחק האָט פאַרענדיגט זיינע רייד, האָט זיך באַוויזען אברהם, אַרויסקומענדיג פון דער „חסד ספירה", האַלטענדיג אין זיין האַנט אַ לאַנ־גען פייערדיגען מעסער און שפּאַנענדיג לאַנגזאַם מיט אַ טיעפער ערנסט־קייט. הינטער איהם איז נאָכגעגאַנגען אַ באַראַן באַוואַקסען מיט ווייס־פייער־דיגע וואָל און צוקומענדיג נאָהנט צו יצחק'ן, האָט אברהם אַ זאָג געטאָן: — „אלהים יראה לו השה לעולה" [24]), „גאָט וועט זיך אויסקלייבען דעם דאָזיגען באַראַן פאַר אַ קרבן" אנשטאט מיינע קינדער, און ווענדענדיג זיין פנים צו זיין אייניקעל יעקב, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „נצח ישראל לא ישקר" [25]) „דער אייביגער פון ישראל וועט אונז ניט ענטוישען — און צו דער גאַנצער גרופע

23) בראשית כב, 12.
24) בראשית כב, 8.
25) שמואל א טו, 29.

האָט ער אַ זאָג געטאָן: — „הרימותי ידי אל ה׳ אל עליון קונה שמים וארץ״ [26]). „איך הויב אויף מיין האַנט צו גאָט, צו דעם אַלערהעכסטען גאָט וועלכער האָט באַשאַפען הימעל און ערד״, און איך שווער צו אייך, אַז מיר וועלן מצליח זיין אין אונזער מיסיע געגען דעם שר פון עשו׳ן פונקט ווי איך האָב אַמאָל מנצח געווען די פיעלע חיילות (כאַיאָלעס) פון די פיער מלכים וועלכע האָבען צוגעכאַפּט מיין פלימעניק „לוט״ און זיי האָבען געוואָלט אַנט־לויפען מיט איהם.

מען געפינט די נביאים שמואל און ישעיה אין דער אַכטער „ספירה״ פון „בינה״.

— „באַלד נאָכדעם האָט די גאַנצע גרופּע אָפּגע־פלויגען צו דער אכטער „ספירה״ מיטן נאָמען „בינה״ (פערשטאַנד) און דאָרטען האָבען זיי געפונען די צוויי גרויסע נביאים שמואל און ישעיה, וועלכע זיינען דאָ־מאָלסט געווען איינגעלאַדענע געסט צו געבען לעקציעס אין דער „ישיבה של מעלה״ (דער הימלישער שטודיום פלאַץ), און די דאָ־זיגע צוויי נביאים זיינען אויך צוגעשטאַנען צו דער גרופּע געסט און אַלע צוזאַמען האָבען זיי זיך אַוועקגעלאָזען אויף זייער ווייטערדיגען פליה.

אליהו הנביא אין דער ניינטער „ספירה״ פון „חכמה״.
דער פּרעמיער מלאך מטטרון קומט אָן פלוצלונג.

— „ווען די גרופּע האָט דערגרייכט צו דער ניינ־טער „ספירה״ מיטן נאָמען „חכמה״ (קלוגשאַפט) האָ־בען זיי דאָרטען געפונען דעם מלאך אליהו הנביא און האָבען איהם דערצעהלט וועגען דעם גרויסען אומגליק וואָס עס ערוואַרטעט צום פאָלק ישראל. אליהו הנביא איז געוואָרען אַ פאַרציטערטער און ער האָט זיעבען מאָל אויסגעשריהען: „ה׳ הוא האלהים!״ [27]) „גאָט איז דער ריכטיגער גאָט!״ און פון דעם דאָזיגען אויסגעשריי זיינען פאַרציטערט געוואָרען אַלע מיליאָ־נען מלאכים און אויך דער פּרעמיער מלאך „מטטרון״ (מאַטאַטראָן) איז געקומען צופליהען צום זעלבען פלאַץ און ער האָט אַ פרעג געטאָן: — וואָס איז גע־שעהן? וואָס קומט דאָ פאַר מיט אייך, מיינע טייערע הייליגע פריינט?

מטטרון איז אמאָל געווען אַ מענש און זיין נאָמען איז געווען חנוך.

— „און משה רבנו האָט געענטפערט: — טייע־רער פריינט מטטרון! דו ביזט דאָך אויך געווען אַמאָל אַ מענש פון בלוט און פלייש און דיין נאָמען איז גע־ווען חנוך, דער זוהן פון ירד, דער דריטער אוראייניקעל פון „אדם הראשון״, דעריבער ווילן מיר אַז דו זאָלסט צושטעהן צו אונזער גרופּע פון צוועלף נשמות, און מיט דיר וועלן מיר זיין דרייצעהן נשמות, און

26) בראשית יד, 22.
27) מלכים א יח, 39.

מיר וועלען שוין אַפּעליהען צום „כסא הכבוד” (גאָט׳ס שטוהל) און דו וועסט אונז העלפען אין אונזער משפט מיט גאָט.

מטטרון וויס גאָרניט וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך.

— „זעהר שעהן, זעהר פיין, רעדסטו, מיין האַר משה! — האָט דער מורא׳דיגער מלאך מטטרון געענט־פערט מיט גרויס רעספּעקט — עס איז אַ גרויסער כבוד פאַר מיר צו זיין אַ מיטגליעד פון אַזאַ חשוב׳ע קאָמפּאַניע פון צוועלף גלאָררייכע נשמות, אָבער „אב אנכי לאביונים וריב לא ידעתי אחקרהו!” [28]), „איך בין אַ פאָטער פאַר אַלע אָרעמע (און געפּלאָגטע אידען) אָבער איך וויס גאָרניט וועגען וואָס פאַר אַ משפט דאָ האַנדעלט זיך?”

די „אבות” זיינען ערשטוינט.

— „דערהערענדיג אַזאַ ענטפער פון דעם פּרעמיער האָבען די דריי „אבות” (אברהם יצחק יעקב) אויסגע־בראָכען אין אַ געוויין, און זיי האָבען געפרעגט: — סטייטש? אונזערע קינדער געפינען זיך איצט אין גרויס געפאַהר און דו, מטטרון, ווייסט גאָרניט דער־פון?

מטטרון ווייסט יאָ עפּעס אָבער ניט גענוי.

— „מטטרון האָט שווער אָפּגעזיפצט און ער האָט געענטפערט: — איך וויס בלויז אַז דער כיטרער מלאך יוניאל (יעוואָניעל), דער שר פון די גריכען, איז שוין אַריינגעלאָזען גע־וואָרען אין דער אינערליכער מחיצה פון דער „שכינה” (גאָט׳ס הייליגקייט) אָבער מיך האָט מען ניט ערלויבט אַריינצוקומען צו דער פערזאַמלונג אין דער דאָזיגער מחיצה.

משה איז ערשטוינט אויף מטטרונ׳ס אונוויסענהייט.

— „וועה איז מיר! — האָט משה אַ געשריי געטאָן מיט אַ דונערדיגע שטימע וועלכע האָט געמאַכט אויפ־ציטערן דעם גאַנצען הימעל „מעון” (מאָאָין) — האַלט עס דען שוין אַזוי שלעכט אַז „ובמלאכיו ישים תהלה?” [29]) „גאָט מאַכט שפּאָט אויך פון זיינע מלאכים?” סטייטש? דו, מטטרון, ביזט דאָך דער פּרעמיער מלאך און קיין סוד איז ניט באַהאַלטען פון דיר, טאָ ווי שיקט זיך עס אַז דו זאָלסט גאָרניט וויסען פון דער גרויזאַמער גזרה? עס איז דאָך שרעקליך! ווי קען איך עס דערלאָזען אַז מיינע „צאן קדשים”, (צאָין קאָדאָשים) „די הייליגע סטאַדע פון אידישע קינדער”, וועמען איך האָב געפיהרט פערציג יאָהר אין דעם מדבר, זאָלען חלילה פאַרטיליגט ווערען צוליב דער כיטרער אינטריגע פון דעם גריכישען שר, דער מלאך יוניאל?

28) איוב כט, 16.
29) איוב ד, 18.

דוד המלך הייסט ניט צו ווערן פאַרצווייפעלט.

— „עס זיינען פאַראיבער עטליכע מינוטען אין אַ זעהר באַטריבטער שטימונג און דאַן האָט דוד המלך אויסגערופען: — „נפלה נא ביד ה׳ כי רבים רחמיו״ [30]), „בעסער זאָלען מיר אַריינפאַלען אין די הענט פון גאָט ווייל זיינע רחמנות געפיהלען זיינען אַ סך״, מיר טאָרען אָבער ניט אַריינפאַלען אין פאַרצווייפלונג. לאָמיר זיך צוויילען און דערגרייכען צו דער „מרכבה״ (דער געטליכער טהראָן) איידער די כאַפּטע טייוואָלים וועלן אויסשפּרייטען זייערע שוואַרצע פליגלען איבער דאָס פאָלק ישראל.

שלמה המלך בעט זיך ביי מטטרונ׳ן.

— „און נאָך איידער מטטרון האָט געהאַט צייט עפּעס צו ענטפערען, האָט אויך שלמה המלך אָנגעהויבען צו בעטען ביי מטטרונ׳ן: — „משכני אחריך נרוצה!״ [31]), „ציה אונז אַלעמען און מיר וועלען נאָכלויפען נאָך דיר!״ דו, מטטרון, מיט דיינע גאָר גרויסע פליגלען און מיט דיין אויסערגעוויינליכע קראַפט, קענסטו אונז אַריבערטראָגען די פיעלע וויטקייטען פון אַלע הימלען אום אַז מיר זאָלען דערגרייכען צו גאָט ווי אַמשנעלסטען, ווייל מיט די ביזאַהעריגע וואָלקענס וועלען מיר ניט קענען איינפליהען אַזוי שנעל צו אונזער געווינשטען ציעל.

מטטרון קען זיך ניט געבען קיין עצה.

— „מטטרון איז נאָך אַלץ געשטאַנען שטאַרק צו־טומעלט. ער האָט ניט געוואוסט ווי צו האַנדלען? ענטזאָגען די בקשות פון די הייליגע נשמות, האָט ער ניט געוואָלט; און ערפילען זייער פערלאַנג, האָט ער אָבער מורא געהאַט טאָמער וועט גאָט צאָרענען אויף איהם אויב ער וועט פלוצלונג ברייגען די דאָזיגע נשמות צום „כסא הכבוד״ אָהן אַ ספּעציעלע ערלויבעניש.

אליהו הנביא וויל זיך אונטערנעהמען די שליחות.

— „ווען עס זיינען פאַראיבער היבשע עטליכע מי־נוטען אין אַ שטאַרק טרויעריגער שטילקייט, האָט אליהו הנביא שוין ניט געקענט מעהר זיך איינהאַלטען און ער האָט אַ זאָג געטאָן צו מטטרונ׳ן: — אויב דו, מיין האר, וועסט ניט ערפילען די בקשה פון די דאָזיגע הייליגע נשמות, דאַן וועל איך זעלבסט דאָס טאָן. איך וועל זיי אַריבער טראָגען די פיעלע וויטקייטען מיט מיינע זיעבען־און־זיעבעציג פלוג־טריט ביז וואַנען מיר וועלן דערגרייכען צו דעם הימעל „ערבות״ (אַראַוואָיס) און דאָרטען וועלן מיר בעטען ביי די „שרפים״ (סראַפים מלאכים) אַז זיי זאָלען אונז ווייטער טראָגען.

---

30) שמואל ב כד, 14.
31) שיר השירים א, 4.

אליהו ווערט געסטראַשעט מיט שמיץ.

— „חלילה! — האָט מטטרון אַרויסגעהויכט מיט שרעק — ווייסטו דען ניט, אליהו, אַזאַ פאַר אַזאַ געוואַגטען פליה, אָהן ערלויבעניש, וועסטו באַקומען „שתין פולסי דנורא״ [32]), „זעכציג פייערדיגע שמיץ״?

אליהו וויל פאַרט זיך איינשטעלען פאַר׳ן כלל ישראל.

— „אליהו הנביא האָט זיך שטאַרק דערשראָקען אָבער אין אַ ווייל שפּעטער האָט ער ווידער אויסגעצרופען: — „חי ה׳ צבאות אשר עמדתי לפניו כי היום אראה אליו״ [33]), „איך שווער אין דעם נאָמען פון גאָט, דער האַר איבער אַלע הערשאַפטען, פאַר וועמען איך בין שטענדיג געשטאַנען גרייט, אַז נאָך היינט וועל איך ווידער געזעהן ווערן צו איהם״. איך קען ניט בלייבען גלייכגילטיג צו דער איצטיגער גרויסער סכנה וועלכע לויערט אויפן פאָלק ישראל! איך וועל ניט קוקען אויף קיין מעגליכע שטראָף פאַר מיר פערזענליך ווייל די צוקונפט פון די אידען איז וויכטיגער ווי אַלעס.

שמואל הנביא נעהמט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט.

— „און אַזוי שנעל ווי אליהו הנביא האָט געענדיגט זיינע רייד, האָט שמואל הנביא אויסגערופען צו מטטרונ׳ן: — „אנכי הרואה, עלה לפני הבמה״ [34]), „איך בין דער זעהער! שטייג אַרויף פאַר מיר אויף דער הויכער פּלאַטפאָרמע״, איך זעה מיטן כח פון מיין נבואה אַז קיין שלעכטס וועט דיר ניט געטאָן ווערן, מטטרון! און דעריבער ווילען מיר אַז דו זאָלסט שוין אויסשפּרייטען דיינע פלינקע פליגלען און אַרויפשטייגען מיט אונז אויף דער פּלאַטפאָרמע פון דעם „ערבות״ הימעל און איך וועל זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר דיר צו דעם גאָט פון אַלע הערשאַפטען.

מטטרון גיט נאָך דעם פאַרלאַנג.

— „אויסהערנדיג אַזאַ זיכערן און פעסטן באַשלוס פון שמואל הנביא, האָט מטטרון אָפּגעזיפצט מיט עטוואָס אַ פריילּיכערן געמיטה און ער האָט געענטפערט: — „הכון והכן לך אתה וכל קהליך הנקהלים עליך והיית להם למשמר״ [35]), „זיי זשע גרייט און מאַך זיך פאַרטיג, דו און דיין געמיינדע וועלכע זיינען צונויפגעזאַמעלט אַרום דיר, און דו זאָלסט זיין צו זיי אַלס אַ היטונג״, יע, איך פאַרלאָז זיך אויף דיר, שמואל הנביא, אַז דו וועסט שוין ווייסען ווי צו פאַרטיידיגען, אויב עס וועט

32) בבא מציעא פה, ע״ב.

33) מלכים א יח, 15.

34) שמואל א ט, 19.

35) יחזקאל לח, 7.

זיין נויטיג, סיי מיר און סיי די אַנדערע חשוב׳ע נשמות־געסט. — און דאָס זאָגענדיג האָט מטטרון זיך צוגעאיילט און ער האָט אויסגעשפּרייט זיינע זעקס ריעזיגע פליגלען און ער האָט איינגעלאַדען אַלע נשמות אז זיי זאָלען זיך ארויפזעצען אויף זיינע פליגלען, אויסער אליהו הנביא, ווענען ער האָט געהייסען בלויז זיך אָנהאַלטען אָן דעם שפּיץ פון אַ פליגעל אָבער פליהען זאָל ער מיט דעם קראַפט פון זיינע אייגענע פליגלען.

דער טומעל אין דער צעהנטער ספירה „כתר״.

— „די נשמות האָבען זיך ארויפגעזעצט אויף מטטרונ׳ס פליגלען און דער בליצשנעלער פליה האָט זיך אָנגעהויבען. צו־ערשט האָט מטטרון א דורכגעבליצט די „זעכס הונדערט נתיבות״ (600 שטעגען) פון דער צעהנטער „ספירה״ מיטן נאָמען „כתר״ (קרוין) און מטטרונ׳ס פליגלען האָבען אָנגעמאַכט א געוואַלדיגען שטורעם אין די „דרייצעהן פּאַלאַצען״ פון דער דאָזיגער „ספירה״ און די אַלע „יודעי חן״ נשמות (די ספּיציעלע מיסטעריעזע נשמות) אין יענער „ספירה״ האָבען באַלד אויפגעכאַפּט די כוונה (קאַוואָנע) פון „שבירת כלים״ (די איינברעכונג פון אַלע מיטלען) לויט דער מעטאפיזישער קראַפט פון דעם שר השרים, דער גרעסטער מלאך מטטרון, און זיי האָבען אויסגערופען: —

די „יודעי חן״ נשמות זיינען מתפּלל.

„שנאו רע ואהבו טוב והציגו בשער משפט, אולי יחנן ה׳ אלהי׳ הצבאות שארית יוסף״ [36]) „איהר האָט פיינט שלעכטסקייט און איהר ליעבט גוטסקייט! שטעלט אַרויס דעם משפּט אין דעם טויער פיליכט וועט גאָט, דער האר פון אַלע הערשאַפטען, לייט־זעליגען דאָס איבערבלייבונג פון יוסף׳ן״, פיליכט וועט גאָט רחמנות האָבען אויפן אידישען פאָלק אין דעם זכות פון אַזעלכע הייליגע געסט.

די גרופּע קומט אַריין אין זעקסטען הימעל „זבול״.

— מטטרון מיט זיינע געסט האָבען שנעל א דורכגעבליצט די דאָזיגע „ספירה״ און אויך דעם גאַנצען פינפטען הימעל „מעון״ און ווען זיי האָבען דער־גרייכט אויפן גרעניץ פון דעם זעכסטען הימעל מיטן נאָמען „זבול״ (זעוואול) האָט מטטרון זיך אָפּגעשטעלט אין זיין פליה און ער האָט באַפוילען אז אלע נשמות זאָלען דאָ איצט זיך אויסלייטערן פונדאַסניי און זיך צוגרייטען מיט א גרעסערער הייליגקייט איידער ער וועט זיי וויטער טראָגען צו דעם לעצטען זיעבעטען הימעל „ערבות״ (אראַוואָיס).

36) עמוס ה, 15.

די גרופּע נשמות הייליגען זיך דורך צווי סאָרטען טבילות אין פייער און אין וואַסער.

— „די גאַנצע גרופּע נשמות, און אויך אליהו הנביא, האָבען באַלד אַראָפּגענידערט און זיי האָבען זיך טובל געווען זיבען מאָל אין דער פייערדיגער לאַווא פון דעם גרויסען טייך מיטן נאָמען „נהר דינור" (דער פייערדיגער טייך) און באַלד נאָכדעם האָבען זיי ווידער זיך גע'טובל'ט דריי מאָל אין דער אייזקאַלטער אָזיערע מיטן נאָמען „ברכה העליונה" (די העכערע אָזיערע) וועלכע געפינט זיך ניט ווייט פון דעם „נהר דינור" און וועלכע געפינט זיך פונקט אַנטקעגען, אָדער געגענאיבער, די נידע־ריגע „ברכה העליונה" אין דעם „מסלת שדה כובס" (אין דער לאַנקע פון דער פעלד פון די וועשערס) [37] לויט ווי ישעיה הנביא האָט עס באַצייכענט זייענדיג דאָ אויף דער ערד. אַרויסקומענדיג פון די דאָזיגע צווי סאָרטען טבילות, האָבען אַלע נשמות אויסגערופען מיט גרויס פּאַטאָס און עהרפורכט: — „באנו באש ובמים על קדוש שמך" [38]) „מיר זיינען שוין דורכגעגאַנגען סיי דורך פייער און סיי דורך וואַסער צוליב די הייליגקייט פון דיין נאָמען", העלף אונז גאָט אין אונזער וועג! ווייל „בא לטהר מסייעין אותו" [39]) „דער יעניגער וועלכער וויל זיך הייליגען העלפט מען איהם פון הימעל".

דער געזאַנג פון די מלאכים.

— „אין יענע מאָמענטען האָט זיך דערהערט אַ זיסע שטימע פון מיליאָנען מלאכים, פון די ווייטע האָריזאָנטען פון דעם זעכסטען הימעל „זבול", וועלכע האָבען געזונגען דעם פסוק: „קדוש קדוש קדוש ה' צבאות מלא כל הארץ כבודו" [40]) „הייליג, הייליג, הייליג, איז גאָט פון אַלע הערשאַפטען, די גאַנצע וועלט איז פול מיט זיין גלאָריפיקאַציע", און די גאַנצע גרופּע נשמות האָט שוין געוואַרט אז מטטרון זאָל ווידער זיי אַרויפנעהמען אויף זיינע פליגלען און מאַכען דעם ווייטערען

מטטרון קען ניט פליהען ווייטער.

און ענדגילטיגען פליה צום ציעל; אָבער ווי ערשטוינט זיינען זיי געוואָרען דערזעהענדיג אז מטטרון שטעהט פאַרזונקען אין גרויס טרויער און ער זיפצט און מורמעלט: — וועה איז מיר? מיין כח איז פאַרשוואונדען פון מיר, איך קען אייך ניט טראָגען ווייטער. איך דיינק אז עס איז ניט דער ווילען פון גאָט אז איך זאָל אייך ברייננגען פאר איהם.

---

37) ישעיה ז, 3.

38) פיוטים

39) שבת קד, ע"א.

40) ישעיה ו, 3.

אהרן הכהן מיט זיין הייליגען שפרוך און משה רבנו מיט זיין פסוק, גיבען אריין פרישע ענערגיע אין מטטרונ'ן.

— „אַלע נשמות זיינען געבליבען שטעהן שטאַרק דענערווירט, אָבער אהרן הכהן האָט באַלד געפונען אן עצה: ער האָט אַרויסגערעדט דעם הייליגען גרויסען נאָמען פון גאָט, אַלע 72 בוכשטאַבען פון דעם נאָמען, אין איין־איינציגען אָטהעם־צוג, און מאָמענטאַליש האָט ער דאַמיט זיך אויפגעהויבען איבער מטטרונ'ס פליגלען, און נאָך איהם האָבען אויך די אַנדערע נשמות זיך אַהויב געטאָן אין דער לופטען און זיי האָבען זיך ווידער געזעצט אויף מטטרונ'ס פליגלען און דאן האָט נאָך משה צוגעגעבען דעם פסוק: „כנשר יעיר קנו על גוזליו ירחף יפרוש כנפיו יקחהו ישאהו על אברתו" [41] „פונקט ווי דער אָדלער האַלט וואַך איבער זיין נעסט, ער שוועבט איבער זיינע יונגע קינדער, ער שפרייט אויס זיינע פליגלען, ער נעהמט איהם, ער טראָגט איהם אויף זיין פליגעל", און נאָך איידער משה האָט פאַרענדיגט זיין פסוק האָט מטטרון אויסגערופען מיט שמחה: — אָה! איך דאַנק אייך הייליגע פריינט? איהר האָט מיך צוריק געשטאַרקט. אייערע ווערטער זיינען פאר מיר ווי א גוטער עלעקסיר. ערשט איצט פיהל איך ווי קרעפטיג און מאָכטפול עס זיינען די רייד פון צדיקים.

די גרופע פליהט אַריין אין זיעבעטען הימעל.

— „מטטרון האָט ווידער אָנגעהויבען צו פליהען מיט זיינע פאַסאַזשירען און גאָר שנעל זיינען זיי דורכ־געפלויגען דעם זעכסטען הימעל „זבול" און זיי האָבען האַסטיג אריינגעבליצט אין דעם לעצטען, און גלאָררייכסטען, זיעבעטען הימעל מיטן נאָמען „ערבות" (אראָוואָיס) און זיי זיינען אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס פאראד פון די פאָלגענדע פיער קאַטעגאָריעס מלאכים: צו ערשט האָבען די „כרובים" (קערובים) מלאכים דעמאָנסטרירט פאר די געסט מיט זייערע פלאם־פייערדיגע שווערדען; נאָך די דאָזיגע „כרובים" איז אָנגעקומען א ביליאָנענדיגע מאסע פון די „שרפים" מלאכים פון וועמענס פליגלען עס האָט געברויזט מיט עלעקטרישע שטראָמען; די דריטע גרופע זיינען געווען די „אופנים" מלאכים וועלכע זיינען גע־פלויגען ווי „פייל־אויס־בויגען" און זייער געזאַנג איז געווען צויבערליך זיס און אָטהעם־פערכאַפּענד, און צום לעצט איז געקומען די פערטע גרופע פון די „חיות הקודש" מלאכים וועלכע האָבען געברומט מיט א דונערדיגע שטאַרקייט און פון זייערע מיילער האָט ארויסגעבליצט דער סאמע עסענץ פון דער אמאָליגער ערשטער ליכט וואס גאָט האָט געהאַט

פיער קאַטעגאָריעס מלאכים גיבען אַ „קבלת פנים" פאַר די געסט.

די אויגען פון די נשמות־געסט ווערען פאַרבלענדט.

---

41) דברים לב, 11.

באַשאַפען נאָך אײדער עס איז באַשאַפען געװאָרען הימעל און ערד. די גאַנצע גרופּע נשמות האָט פּלוצלונג אויסגערופען: — אָה! מטטרון! מיר קענען מעהר ניט זעהן, מיר זײנען פאַרבלענדעט!

מטטרון טרײסט די געסט און ער פליהט װײטער.

— „לײדער מוזט איהר דורכמאַכען די דאָזיגע בלינדקײט פאַר אַ קורצער װײלע — האָט מטטרון גע־ענטפערט מיט מיטלײד און ער האָט נאָך שטאַרקער פאַרשנעלערט זײן פליה אין די ריזיגע ספערן פון דעם „ערבות" הימעל. ער איז דורכגעפלויגען די אַלע „װעלט־אלן" פון יענעם הימעל און בײ יעדער װעלט, פאַרבײפליהענדיג, האָט ער אַנאָנסירט דעם נאָמען פון דעם צדיק צו װעמען די דאָזיגע װעלט װערט אװעקגעגעבען אלס אַ געשאַנק.

װען די גרופּע דערגרײכט װײט אין זיעבעטען הימעל דערהערן זײ אַ שטימע פון גאָט װעלכע הײסט אַלעמען אַנטשװיגען װערן.

— „און װען מטטרון האָט געזעהן אז ער האַלט שוין נאָהנט צום ציעל, האָט ער אויסגערופען דעם פּסוק: „ממזרח שמש עד מבואו מהולל שם ה'" [42] "פון דער מזרח־זײט פון דער זוהן ביז איהר אונטערגאַנגס־פּלאַץ װערט געלויבט דער נאָמען פון גאָט!", און די פאַר־בלענדעטע און שטאַרק דערשראָקענע נשמות פון די געסט האָבען אַרויסגעהויכט: „צדק לפניו יהלך וישם לדרך פעמיו" [43] „זאָל די גערעכטיגקײט געהן פאָראויס און זאָלען זײנע טריט געשטעלט װערן צום װעג"; און אין זעלבען מאָמענט האָט אָפּגעקלונגען אַ לירישע שטימע פון אַלע עקען פון דעם „ערבות" הימעל און די שטימע האָט אַרויסגערעדט קלאָהר און דײטליך דעם פּסוק: „ויהוה בהיכל קדשו הס מפניו כל הארץ" [44] „און גאָט געפינט זיך אין זײן הײליגען פּאַלאַץ, שטיל זאָל װערן פאַר איהם די גאַנצע װעלט!"

ישעיה הנביא איז שטאַרק באַגײסטערט פון דעם אָפּקלאַנג פון מטטרונ'ס פליגלען.

— „מטטרון מיט זײנע רײזענדע זײנען באַלד אנטשװיגען געװאָרען, זײ האָבען פאַרטגעזעצט זײער פליה אין צװישען די ריעזיגע לופט־מדבריות. קײן געזאַנג, קײן װאָרט און קײן גערויש איז מעהר ניט געהערט געװאָרען. איבעראַל איז געװען א מיסטער־יעזע טיעפע שטילקײט. בלויז דער בליצשנעלער פליה פון מטטרונ'ן האָט אַרויסגעבראַכט א מאַנאָטאָנישען אָפּקלאַנג, און ישעיה דער נביא האָט שטילער־

42) תהלים קיג, 3.
43) תהלים פה, 14.
44) חבקוק ב, 20.

הייט געמורמעלט: „הוי ארץ צלצל כנפים!" [45] אָה! די לאַנד וואו עס קלינגען די פליגלען".

דער ערשטער מויער אַרום דער „מרכבה".

— „ענדליך האָט מטטרון דערגרייכט צו דעם ערשטען מויער וואָס רינגעלט ארום דער „מרכבה" און ער האָט, נאָך פון דערווייטענס, אויסגערופען: — פריינד „לפיד" (לאפיד) עפען דעם טויער פאר די גרויסע געסט!

די מלאכים רופען אויס זייער באַגריסונג צו די געסט.

— „דער, אַזוי גערופענער, מלאך „לפיד" האָט זיעבען מאָל אויסגעבלאָזען מיט זיין פייערדיגען שופר און דער ריעזיגער טויער האָט זיך אויפגעעפענט און מטטרון מיט זיינע געסט האָבען אריינגעפראלט אינווייניג און זיי זיינען באלד אריינגעפלויגען אין א געדיכטער מאַסע פון פאַרפיומירטע לופט־כוואַלעס און די מיליאָנען מלאכים פון אינעווייניג האָבען ארויסגעשאַלט דריי מאָל דעם פסוק: „ברוכים אתם לה' עושה שמים וארץ" [46] „געבענשט זייט איהר צו גאָט דער באַשעפער פון הימעל און ערד!"

דער צווייטער מויער אַרום דער „מרכבה"

— „מטטרון האָט זיך צוגעאַיילט און ער האָט א דורכגעבליצט די ברייט פון דער „לפיד" ספערע און ער האָט ווידער אויסגערופען ביים צווייטען מויער: — שלהבת (שאלהעוועס) מיין פריינד! עפען דעם טויער פאר די הייליגע געסט — און אויך דאָ האָט דער מלאך שלהבת ערפילט מטטרונ'ס באפעהל און מטטרון מיט זיינע געסט האָבען א דורכגעשוועבט דעם צווייטען טויער און זיי זיינען צוגעקומען צום דריטען טויער און מטטרון האָט ווידער אויסגערופען: להטת, להטת (לאהעטעס)! עפען דעם טויער פאר די שעהנע געסט!

דער דריטער מויער אַרום דער „מרכבה".

— „דער מלאך להטת האָט באַלד א געשריי געטאָן — „פנו דרך ה' ישרו בערבה מסלה לאלהינו" [47] „מאַכט ריין דעם וועג צו גאָט, גלייכט אויס א שטעג אין דעם „ערבות" הימעל צו אונזער גאָט" — און דער טויער האָט זיך געעפענט.

מטטרון הייסט זיינע געסט זיך שטאַרקען איינער דעם צווייטען.

— „מטטרון האָט זיך א לאָז געטאָן מיט גרויס שוואונג און בשעת פליהען האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיינע געסט: — „איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק" [48] „יעדער איינער פון אייך זאָל העלפען דעם צווייטען און יעדערער

45) ישעיה יח, 1.
46) תהלים קטו, 15.
47) ישעיה מ, 3.
48) ישעיה מא, 6.

פון אייך זאָל זאָגען צו זיין ברודער: שטארק זיך!" — און דאָס זאָגענדיג האָט ער א דורכגעבליצט דעם דריטען טויער און ווען ער האָט דערגרייכט צום פיערטען טויער האָט ער אויסגערופען: — ברקים (בראָקים) מיין פריינד! עפען דעם טויער פאר די גרויסע צדיקים!

דער פערטער מויער אַרום דער „מרכבה".

— „דער מלאך „ברקים" האָט באַלד א געשריי געטאָן צו זיינע העלפערס: — חזקו ידים רפות וברכים כושלות אמצו!" [49] „שטאַרקט די שוואַכע הענט און באַפעסטיגט די שטרויכעלדיגע קניהען!"

די שטימע פון גאָט. — די נייע ליכטיגקייט. — ישעיה הנביא שרייט אויס זיין עקסטאַזנע פרייד. — אַלע פאַרבלענדעטע נשמות קענען שוין ווידער זעהן.

— „אַזוי שנעל ווי דער פערטער, און לעצטער, טויער האָט זיך געעפענט און מטטרון מיט זיין סוויטע זיינען אריינגעפלויגען אינווייניג, האָבען זיי דערהערט א בת־קול (די שטימע פון גאָט) אויסרופענדיג: — „והולכתי עורים בדרך לא ידעו, בנתיבות לא ידעו אדריכם, אשים מחשך לפניהם לאור ומעקשים למישור" [50] „און איך וועל פיהרען די בלינדע אויפן וועג וואָס זיי ווייסען ניט, כ'וועל זיי מאַכען שפּאַנען אין די אומבאַקאַנטע שטעגען, איך וועל מאַכען פאַר זיי די פינסטערניש צו ליכט און די צודרעהטקייטען פאַר גלייכקייט" — און באַלד נאָכדעם האָט אויפ־געשטורעמט אַ צפון ווינט און די פארבלענדעטע אויגען פון די צוועלף נשמות האָבען זיך צוריק אויסגעלייטערט מיט אַ קלאָהרע זעהונגס־קראַפט. דער ערשטער וועלכער האָט דערזעהן די וואונדערבאַרע ליכטיגקייט איז געווען ישעיה הנביא און ער האָט אויסגערופען מיט גרויס באגייסטערונג: — „מלך ביפיו תחזינה עיניך תראינה ארץ מרחקים!" [51] „א קעניג אין זיין שעהנקייט וועלען דיינע אויגען זעהן, זיי וועלען זעהן א לאַנד פון ווייטקייטען".

מטטרון בלייבט שטעהן אין דער לופטען. — אַ נייער בת־קול.

— „אלע נשמות האָבען אַרויסגעהויכט א פריידענס רוף און מטטרון איז געבליבען שטעהן אין דער לופטען. עס האָט זיך באַלד דערהערט א צווייטער בת־קול מיטן אויסרוף: — „עתה אקום יאמר ה' אתה ארומם, עתה אנשא!" [52] „איצט וועל איך אויפשטעהן, זאָגט גאָט! איצט וועל איך ווערן העכער, איצט

49) ישעיה לה, 3.
50) ישעיה מב, 16.
51) ישעיה לג, 17.
52) ישעיה לג, 10.

דער נייער וואָלקען טראָגט אַריבער די געסט די פיער וועלטען און ברענגט זיי צו דער „מרכבה“.

וועל איך ווערן דערהויבען.“ — און באַלד דאַרויף האָט זיך אַראָפּגעלאָזט א ריעזיגער וואָלקען פון די הויכע ספערן און ער האָט אויפגעהויבען אַלע געסט, צוזאַמען מיטן מלאך מטטרון, און ער האָט זיי אַריבער געטראָגען די פיער וועלטען פון „עשיה, יצירה, בריאה, אצילות“ (אַקטיוויטעט, פאָרמאַציאָן, שאַפונג, ערהאַבענקייט) און ער האָט זיי געבראַכט ביז צום ערשטען שטאַפּעל פון דער „מרכבה“ (גאָט׳ס שטוהל).

אַן אומגליק! קיינער פון די געסט קען ניט עפענען די מויל.

— „ערשט דאָ, שטעהענדיג נעבען דעם „כסא הכבוד“, האָבען אַלע נשמות דערפּיהלט ווי זייער לשון האָט זיך אָפּגעטאָן פון זיי. שטומע און צוטומעלטע זיינען זיי געשטאַנען איינער נעבען צווייטען און אויף זייערע גייסטיגע פּנימער האָט זיך אויסגעגאָסען אַ שרעקליכער אנגסט און שרעק: וואָס וועט איצט געשעהן? אַזוי פיעל שוועריגקייטען שוין דורכגעמאַכט און איצט, קומענדיג שוין צום ציעל, קען גאָר קיינער ניט עפענען קיין מויל; די ליפּען זיינען ווי געלעהמט און די צינגער ווי איינגעפּרעסט אין אייזערנע צוואַנגען . . .

מטטרון בעט גאָט די ערלויבעניש צו רעדען פאַר די געסט.

— „דאָס האָט אָבער לאנג ניט אָנגעהאַלטען, ווייל מטטרון האָט עטליכע מאָל זיך געבוקט אנטקעגען דעם „כסא הכבוד“ און ער האָט אויסגערופען: — „בורא ניב שפתים!“ [53] „באַשעפער פון דעם שפּרוך־כח פאַר די ליפּען!“ האָב מיטלייד מיט דיינע הייליגע געסט און גיב זיי דיין ערלויבניס צו קענען רעדען.

גאָט ערלויבט די געסט אַרויסצוקומען מיט זייערע טענות.

— „אַזוי שנעל ווי מטטרון האָט אויסגערופען זיין תפלה האָט א דונער געטאָן די שטימע פון א בת־קול: — „קרבו ריבכם יאמר ה׳ הגישו עצומותיכם יאמר מלך יעקב!“ [54] „ברענגט אַרויס אייערע קריוודעס, זאָגט גאָט! דערנענטערט אייערע טענות, זאָגט דער קעניג פון יעקב׳ן!“

משה רבנו וויל אַז די „שלש עשרה מדות“ זאָלען אויך קומען צום פּלאַץ.

— „וואו זיינען די „שלש עשרה מדות?“ (די דרייצעהן געטליכע רחמנות אטריבוטען) — האָט משה רבנו שנעל אויסגערופען. — מיר זיינען געקומען אַהער אויפצוּוועקען דעם געטליכען רחמנות געגען דעם תורה געזעץ, ווייל מיר ווילען ראַטעווען דאָס אידישע פאָלק פון אונטערגאַנג.

---

53) ישעיה נז, 19.

54) ישעיה מא, 21.

משה׳ס בקשה ווערט ערפילט.

— „גוט, מיין קנעכט משה, איך וועל דיר צוליב־טאָן! — האָט דער בת־קול געענטפערט און מאָמענטאַליש זיינען אָנגעקומען די „שלש עשרה מדות״ און מטטרון האָט זיי געוויזען דעם פּלאַץ וואו זיך צו שטעלן נעבען דעם „כסא הכבוד״.

אויך דער שר פון די גריכען, דער מלאך יוניאל, ווערט געבראַכט.

— „מיר ווילען אויך אז דער רשע מלאך „יוניאל״, דער שר פון די גריכען, זאָל דאָ קומען! — האָט שמעון הצדיק אויסגערופען.

— „עס האָט אויפגעבליצט פון אַלע זייטען און דער מלאך „יוניאל״ איז ערשינען מיט א בייזען פּנים און ער האָט זיך געשטעלט אנטקעגען די געסט.

שמעון הצדיק זידעלט דעם מלאך יוניאל.

— „דו נידערטרעכטיגער שטן, רשע, און מסור! ווארום האָסטו געהאַנדעלט אזוי גרויזאַם געגען די קינדער פון ישראל? — האָט שמעון הצדיק א געשריי געטאָן.

יוניאַל פאַרענטפערט זיך.

— „ה׳ ישפוט בצדק ועמים במישרים״ [55]) „גאָט משפט מיט גערעכטיגקייט און אַלע פעלקער מיט גלייכ־הייט״ — האָט דער מלאך יוניאל געענטפערט.

אברהם אבינו ברייננט אַרויס זיין שטאַרקע טענה.

— „סטייטש? — האָט אברהם אבינו אויס־געשריען מיט צאָרען — „השופט כל הארץ לא יעשה משפט?״ [56]) „דער וואָס אורטיילט די גאַנצע וועלט זאָל ניט טאָן קיין משפט?״ ווארום דאמאָלסט, ווען גאָט האָט באַשלאָסען צו פאַרניכטען די שטעט פון „סדום און עמורה״, האָט ער פריהער מיר געלאָזט וויסען וועגען זיין באַשלוס און אין דעם זכות פון מיין תפלה איז מיין פלימעניק לוט געראַטעוועט געוואָרען פון אונטערגאַנג אָבער איצט האָט גאָט מיר ניט געלאָזט וויסען וועגען זיין גזרה אויף מיינע קינדער, סטייטש?

יוניאל טענה׳עט אַז די אידען זיינען זינדיג ווי סדום און עמורה.

— „דו ווייסט דאָך אָבער אז דיינע קינדער האָבען געזינדיגט פונקט ווי די מענשען פון „סדום און עמורה״, לויט ווי ישעיה הנביא האָט זיי באַטיטעלט מיט זיין אויסרוף: „שמעו דבר ה׳ קציני סדום האזינו תורת אלהינו עם עמורה״ [57]), „הערט אויס דעם וואָרט פון גאָט, איהר האַרן פון סדום! פאַרנעהמט, מיט אייערע אויערן, די לעהרע פון גאָט, דו פאָלק פון עמורה״ — האָט דער מלאך יוניאל צוריקגעענטפערט.

---

55) תהלים צח, 9.
56) בראשית יח, 25.
57) ישעיה א, 10.

— „שטום זאָלסטו ווערן, דו רשע און שטן ? —

משה וויל טויטען דעם מלאך יוניאל אָבער יעקב מישט זיך אַריין אַז דאָס זאָל מען, איהם, יעקב׳ן, לאָזען טאָן...

האָט משה אַ געשריי געטאָן און ער האָט אויסגעשטרעקט זיין געטליכען „וואונדער שטעקען״ וועלענדיג דאָמיט דערלאַנגען דעם שטן א טויט־קלאפּ ; אָבער אין זעלבען מאָמענט האָט יעקב א זאָג געטאָן צו משה׳ן : — טייערער משה, אויב עס האלט ביי קלעפּ, לאָז מיר בעסער טאָן די דאָזיגע שליחות, ווייל איך האָב שוין געהאַט די פּראַקטיקע דאמאָלסט ווען דער מלאך „עשואל״ איז מיר באפאלען ביים טייך „יבוק״ אין מיטן נאַכט אין דער פינסטערניש און מיר האָבען זיך געראַנגעלט ביז דער מאָרגענשטערן איז אויפגעקומען און כאָטש ער האָט מיר דערלאַנגט א מיאוס׳ן קלאפּ . . . דאָך האָב איך איהם בייגעקומען.

יוניאל ווערט דערשראָקען. — גאָט רופט אויס אַז דער משפט איז אַ גערעכטער.

— „דערהערענדיג אַזעלכע צאָרענדיגע רייד פון די גרויסע נשמות איז דער מלאך „יוניאל״ געוואָרען אַ פאַרציטערטער און עס איז ווידער דערהערט געוואָרען א בת־קול מיט די ווערטער : „בי נשבעתי יצא מפי צדקה דבר ולא ישוב״ [58] „איך שווער ביי מיר זעלבסט אז עס איז ארויס פון מיין מויל אַ גערעכטער וואָרט און דאָס וועט ניט געצויגען ווערען צוריק״, דאָס פאָלק ישראל האָט שטאַרק געזינדיגט !

שלמה המלך׳ס טענה.

— „סטייטש ? — האָט שלמה המלך אויסגערופען — „יודע צדיק דין דלים רשע לא יבין דעת״ [59] „בלויז אזא צדיק ווי משה ווייסט דעם געזעץ פאר זיין אָרעמען פאָלק ישראל אָבער דער רשע יוניאל פארשטעהט ניט קיין פארשטאַנד ;״ ווארום האָט מען ניט איינגע־לאַדען כאָטש איין משה׳ן צו דעם דאָזיגען משפט ?

גאָט גיט צו אַז דער מלאך יוניאל וועט פאַרשווינדען.

— „איך גיב דיר נאָך, ידידיה (געליבטער פון גאָט)! — האָט די שטימע פון גאָט געענטפערט, — „כעבור סופה ואין רשע וצדיק יסוד עולם״ [60] „ווען עס וועט דורכגעהן א שטורעמווינט וועט דער רשע פארשווינדען אָבער דער צדיק איז דער פונדאַמענט פון דער וועלט״. געוויס וועט דער מלאך „יוניאל״ ניט עקזיסטירען לאנג אָבער מיין גזרה וועל איך ניט ענדערן.

משה איז ניט מסכים אויף גאָט׳ס משפט.

— „איך בין אָבער ניט מסכים אויף אזא שנעלן משפט — האָט משה אויסגעשריהען מיט כעס און ער

58) ישעיה מה, 23.
59) משלי כט, 7.
60) משלי י, 25.

האָט צוגעגעבען: — אין דער תורה שטעהט געשריבען „על פי שנים עדים יקום דבר" [61]) „לויט די באַשטעטיגונג פון צוויי עדות קען באַשלאָסען ווערן א זאך", טאָ ווער זיינען די עדות פון פאָלק ישראל וועלכע האָבען עדות געזאָגט געגען זייערע ברידער?

גאָט פרובירט זיך צו פאַרענטפערן.

— „איך האָב געהערט „קול העם ברעה" [62]) „די שטימע פון ישראל אין זיין צולאָזענקייט" — האָט די שטימע פון גאָט געענטפערט — דאָס גאַנצע פאָלק ישראל ברייגגען קרבנות צו די גריכישע „אָפגעטער". זיי עסען טריפות און נבלות. זיי האָבען פאַר־געסען אן זייער אייביגען גאָט און זיי פאַראַכטען זייער תורה! דיינקסטו דען, משה, אז איך דאַרף האָבען נאָך אנדערע עדות?

יצחק בעט רחמים צוליב דעם זכות פון דער עקדה.

— „אָבער דער זכות פון מיין „עקדה" דאַרף זיין גרויס גענוג צו פאַרגעבען די זינד פון מיינע קינדער — האָט יצחק אויסגערופען מיט א געוויין.

שמואל בעט רחמים.

— „און וואָס וועט זיין מיט די צדיקים און אנשטענדיגע מענשען וועלכע געפינען זיך צווישען די אידען — האָט שמואל הנביא צוגעגעבען, — ווארום זאָלסטו, גאָט, ניט פאַר־געבען דאָס גאַנצע פאָלק צוליב די פילע גאָטספאָרכטיגע לייטע?

ישעיה הנביא האָט אַ שטאַרקען אַרגומענט.

— „און דער נביא ישעיה האָט אויך אויסגע־שריהען זיין פסוק: — מחיתי כעב פשעיך וכענן חטאתיך שובה אלי כי גאלתיך" [63]) „דו ,גאָט, האָסט דאָך אמאָל מיר געהייסען פראָקלאַמירען דעם דאָזיגען פסוק צום פאָלק ישראל אז: איך, גאָט, וועל אָפמעקען דיינע פארברעכענס און דיינע זינד, ווי איך מעק אָפּ א כמאַרע און א וואָלקען; קעהר זיך צוריק צו מיר ווייל איך וועל דיר אויסלייזען", טאָ וואָרום זאָלסטו ניט ערפילען דיין אמאָליגען צוזאָג צום פאָלק ישראל אין דער איצטיגער שווערער צייט?

— „זיי טוען דאָך ניט קיין תשובה! — האָט די שכינה געענטפערט.

יעקב ווענדעט אָפּ גאָט'ס תירוץ.

— „האָסטו דען ניט קיין געדולד צו וואַרטען אויף זייער תשובה? — האָט יעקב שנעל פאַרכאַפּט און ער האָט ווייטער גערעדט: — סטייטש? ווארום האָב איך יאָ געהאַט דעם געדולד צו וואַרטען מיט מיין גרויסען פארדרוס אויף מיין עלטסטען זוהן ראובן ווען ער האָט זעהר שווער געזינדיגט געגען מיר, און דאָך האָב איך

61) דברים יט, 15.
62) שמות לב, 17.
63) ישעיה מד, 22.

איהם ניט באַשטראָפט מיט קיין אקטועלע שטראָף ווייל איך האָב פאַרשטאַנען אז ער וועט נאָך טאָן תשובה, און אַזוי טאָקע איז עס געשעהן: ער האָט תשובה געטאָן. און דערזעלבער משה, וועלכער שטעהט דאָ איצט צוזאַמען מיט אונז, האָט טאָקע געבענשט מיין זוהן ראובן מיטן פסוק פון „יחי ראובן ואל ימות" [64]) „זאָל ראובן ווייטער לעבען און ער זאָל ניט שטאַרבען", טאָ ווארום זאָלסטו, גאָט, ניט קענען ווארטען געדולדיג מיט דיין צאָרן אויף מיינע קינדער וועלכע וועלן זיכער תשובה טאָן שפּעטער?

גאָט דיינקט אַז פון אַ יחיד קען מען ניט אורטיילען אויף אַ פאָלק.

— „פון איין איינציגען מענש, ראובן, קען מען ניט ברייגנען קיין פערגלייך צו א גאַנצען פאָלק! — האָט גאָט'ס שטימע געענטפערט געלאָסען.

משה טענה'ט אז די אידען זיינען א יחידישעס פאָלק.

—„ דאָס גאַנצע פאָלק ישראל האָט דעם דין ווי פון א יחיד, ווי אן איינציגע גרופּע? — האָט משה אויס־גערופען מיט אימפעט און ער האָט צוגעגעבען: — דו, גאָט, האָסט פיעל מאָל פּראָקלאַמירט דעם גאַנצען אידישען פאָלק אלס אן „עם סגולה", אלס איין איינציגעס באליבטעס פאָלק אין דער גאַנצער וועלט, און דעריבער האָט דאָס אידישע פאָלק ספּעציעלע פריווועלעגיעס.

וואָס טוט מען מיט דער „מדת הדין"

— „איך קען דאָך אָבער ניט טראָצען דער „מדת הדין" (דעם בוכשטעבליכען געזעץ) — האָט גאָט צוריק געענטפערט.

דוד בעט רחמים. — שמעון הצדיק אַרגומענטירט. — און אַלע נשמות זיינען שטאַרק באַטריבט.

— „און אין יענע טרויעריגע מינוטען האָבען אַלע נשמות־געסט ארויסגעהויכט א טיעפען זיפץ און דוד המלך האָט אָנגעהויבען צו בעטען רחמים מיטן פסוק „בעבור דוד עבדך אל תשב פני משיחך" [65]) „איך בעט דיר, גאָט, טו עס צוליב מיר, דיין קנעכט דוד! ווייז ניט צוריק דעם פנים פון דיין געזאַלבטען." אויך שמעון הצדיק האָט אָנגעהויבען צו בעטען: „על שלשה דברים העולם עומד על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים" [66]) „אויף די פאָלגענדע דריי זאַכען שטעהט די וועלט: אויף דער תורה, אויף דער הייליגער עבודה אין בית המקדש, און אויף פריינדליכע באציהונגען און הילפס־אקציעס צווישען איין מענש און דעם צווייטען". אויב חלילה דאָס אידישע פאָלק וועט פאַר־ניכטעט ווערן, ווער וועט דאן לערנען תורה, ווער וועט דאן טאָן די עבודה אין

64) דברים לג, 6.
65) תהלים קלב, 10.
66) פרקי אבות א, 2.

בית המקדש, און וועלכעס פאָלק אויף דער וועלט וועט דאן קענען דורכפיהרען אזוי טיכטיג, ראיעל, און געוויסענהאפטיג, די גרויסע מדה פון „גמילות חסדים" ווי עס טוען די אידען צווישען זיך?

די גזרה איז דאָך אָבער שוין גע'חתמ'עט. משה הייסט מבטל זיין די גזרה . .

— „אָבער מיין גזרה איז דאָך שוין אונטער־געשריבען? — האָט גאָט געענטפערט.

— „נו, איז וואָס? — האָט משה אויסגערופען מיט שטורעם — דאָס איז ניט די ערשטע, און ניט די לעצטע, גזרה דיינע, וואָס עס מוז בטל ווערן אין דעם זכות פון אַזעלכע גרויסע צדיקים וועלכע שטעהען דאָ איצט און פערלאַנגען שוין בטל צו מאַכען דיין גזרה וואָס דו האָסט ארויסגעגעבען אָהן א באראטונג מיט אַלע צדדים . . .

די שטימע פון דער מוטער רחל.

— „מאָמענטאַליש האָט דער גאַנצער הימעל „ערבות" זיך באַדעקט מיט א געדיכטע שוואַרצע כמאַרע און פארטויבענדע דונערן האָבען אָנגעהויבען קראַכען פון אלע זייטען און די ווייטע, אָבער זעהר, קלאָהרע שטימע פון דער מוטער רחל האָט זיך דערהערט מיט איהר טרויעריגען געבעט מבטל צו זיין די גרויזאַמע גזרה.

גאָט וויל ניט נאָכגעבען. צופיעל משומדים ביי די אידען.

— „ניין, ניט איצטיגען מאָל! — האָט די שטימע פון גאָט אויסגערופען. געווג שוין צו דולדען פון אַזעלכע אפיקורסים — משומדים — מתיונים וועלכע מאַכען חרוב פיעלע הייליגע וועלטען, יעדען טאָג יעדער מינוט, מיט זייערע עקעלדיגע טהאטען און מיט זייערע זינדיגע מחשבות! איך האָב באשאפען די ערד צוליעב א ריינעם הייליגען אידישען פאָלק, אָבער אויב דאָס פאָלק ווערט אויס אידיש, אויס הייליג אויס געטליך, דאן האָט עס ניט פארדינט מיין רחמנות!

די שכינה פון גאָט שוועבט אַוועק צו דעם „מסתרים" פלאַץ.

— „און דאָס זאָגענדיג, האָבען אלע נשמות דער־זעהן ווי ריעזיגע פייערדיגע כוואַליעס הויבען זיך אויף פון איבער די הויכקייטען פון דעם „כסא הכבוד" און זיי טראָגען זיך אוועק ווייט, ווייט אין די אומענדליכע האָריזאָנטען פון דעם „ערבות" הימעל און באלד דארויף האָבען זיי דערהערט די שטימע פון גאָט אויסרופענדיג: „במסתרים תבכה נפשי" [67] „אין די פארבאָרגענישען וועט מיין גייסט וויינען". איך האָב א פלאץ פאר מיר, הייסט עס „פארבאָרגענישען", אהינצו געה איך איצט באוויינען דעם גורל פון מיינע זינדיגע קינדער.

67) ירמיה יג, 17.

די נשמות שטעהען פאַרציטערטע און וויינען.

— „אַלע נשמות זיינען איצט געשטאַנען פאַרציטערטע, וואָס טוט מען? דער רבונו־של־עולם לאָזט זיך ניט! ער וויל ניט נאָכגעבען! אפילו די קלאָגעדיגע שטימע פון דער מוטער רחל העלפט שוין אויך ניט. דוד המלך, יעקב, יוסף הצדיק, און אברהם אבינו, האָבען נאָך פּרובירט מיט ווייטערע געבעטען, יעדער איינער מיט זיינע ספּעציעלע פסוקים, אָבער שאַ שטיל! ניטאָ קיין ענטפער, ניטאָ קיין טרייסט!

— „אַ געדריקטע טרויערקייט האָט אַלעמען באהערשט, אפילו דער מלאך מטטרון איז געשטאַנען שטיל און געגאָסען מיט טרערין, אויך אליהו הנביא האָט געוויינט אָהן אויפהער. אהרן הכהן מיט שמעון הצדיק זיינען געשטאַנען מיט איינגעקלאַמערטע הענט איינער אין צווייטען און האָבען געשלוכצעט מיט אַ פאַרשטיקטען ברום.

משה באַשליסט צו פאַרניכטען די „שלש עשרה מדות" אויב גאָט וועט ניט מבטל זיין די גזרה.

— „אָבער גאָר פּלוצלונג האָט משה רבנו זיך געווענדעט צו אַלע נשמות־געסט און ער האָט אויסגעשריהען מיט אַ וויטהענדע שטימע: — איך בין גוזר אויף אייך, הייליגע צדיקים, מיר צו העלפען צובּרעכען די „שלש עשרה מדות", די דרייצעהן רחמנות אטריבוטען פון גאָט, וועלכע צייגען זיך ארויס צו זיין זעהר שוואַך, ניט קענענדיג צוריקציהען דעם צאָרן פון גאָט און דעם בוכשטעבליכען געזעץ פון דער „מדת הדין". אויב עס האַלט שוין אַזוי וויט אַז דער הימלישער געזעץ איז שטאַרקער ווי דער הימלישער רחמנות, טאָ צו וואָס דאַרף מען דאָ אין גאַנצען האָבען די „שלש עשרה מדות"?

משה באַקומט אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש פון גאָט . . .

— „נייִן, משה! דו מאַכסט אַ טעות! — האָט די שטימע פון גאָט אויסגערופען פון די ווייטע האָריזאָנטען — דו, משה, ביזט טאַקע געווען אַ בריה צו צוברעכען די ערשטע שטיינערנע „לוחות" אָבער דו קענסט ניט צוברעכען די „שלש עשרה מדות" . . .

משה וויל זיך נעהמען מיט כח דורכפיהרען זיין סטראַשונאַק.

— „אויב שוין יאָ אַזוי וועלן מיר טאַקע זעהן אויב איך פאַרמאָג נאָך מיין כח אָדער ניט? — האָט משה צוריק געשריהען מיט אַ צופלאַמטען פּנים פון גרויס אויפרעגונג און ער האָט אַ געשריי געטאָן צו זיין ברודער אהרן הכהן און צו אברהם אבינו: — קומט צו נעהנטער צו מיר!

משה רופט צו הילף אהרנ׳ן און אברהמ׳ן צו פאַרניכטען די „שלש עשרה מדות״.

— „אברהם און אהרן האָבען זיך דערנעהנטערט און משה האָט אויסגערופען: — דו אברהם באַזיצט דאָך דעם מאַגנעטישען קראַפט פון דיין „ספירה״ „חסד לאברהם״ און דו אהרן באַזיצט דאָך דעם עלעקטרישען קראַפט פון דיין „הוד והדר״ נשמה און איך אליין באַזיץ דעם „אבן־שואבת״ קראַפט, טאָ לאָמיר זאלבע־דריי אַרויפציהען די „שלש עשרה מדות״ אויף צעהן „שפּאַנען״ הויך און זיי צופּולווערן מיט אונזערע אייגענשאַפטליכע עלעקטרישע שטראַהלען און זאָלן אַלע וויסען אז דער האר פון אלע הער־שאַפטען איז בלויז א „אל קנא ונוקם״ [68] אָבער ניט א „אל רחום וחנון״ [69] . . .

גאָט בעט זיך ניט צו טשעפּען די „שלש עשרה מדות״.

— „און אין יענע אָנגעשטריינגטע מאָמענטען איז ווידער דערהערט געוואָרען די שטימע פון גאָט וועלכע האָט אויסגערופען: — איך בעט דיר, משה, זיי ניט אַזוי בייז! טשעפּע ניט מיינע „שלש עשרה מדות״ וועלכע זיינען זעהר באַליעבט ביי מיר.

משה וויל האַנדלען ווי גאָט האָט אַמאָל געהאַנדלעט ביים באַרג סיני.

— „איך וויל האַנדלען איצט פונקט ווי דו, גאָט, האָסט אַמאָל געהאַנדעלט מיט די אידען ביים בארג סיני! — האָט משה צוריקגעשריהען: — דאַמאָלסט האָסטו אויפגעהויבען דעם בארג איבער זייערע קעפּ און דו האָסט זיי געסטראַ־שעט „אם תקבלו את התורה מוטב ואם לאו שם תהיה קבורתכם״ [70] „אויב איהר וועט אָננעהמען די תורה איז גוט, און אויב ניט וועט דאָרטען זיין אייער באַגרעבעניש״, דעריבער זאָג איך דאָס זעלבע צו דיינע „שלש עשרה מדות״, אויב זיי וועלן אויסווירקען אז דיין גזרה זאָל בטל ווערן איז גוט, אָבער אויב ניט, וועלן מיר זיי צושמעטערן גאָר אין גאַנצען.

די נשמות ווערען דערשראָקען פון משה׳ס חוצפּה.

— „אַלע נשמות־געסט האָבען זיך דערשראָקען פון משה׳ס שטריינגע ווערטער און עס האָט זיי גע־טרייסעלט אין זייערע גייסטיגע אינערליכקייטען. א קלייניגקייט? אזא חוצפּה קעגען גאָט, אזא „פאָהר־ארויס״ מיט אַזוינע שאַרפע ווערטער! דאָס האָט אָבער ניט געדויערט לאַנג וויל גאָר גיך האָט ארויסגעשאָלט די שטימע פון גאָט וועלכע האָט געקלונגען זעהר טרויעריג און רחמנות׳דיג, און גאָט האָט זיך געבעטען ביי משה׳ן: — „כלה אל תעש לשארית״ [71]

גאָט בעט זיך ביי משה׳ן.

68) שמות כ, 5.
69) שמות לד, 6.
70) שבת פח, ע״א.
71) פיוט שחרית של רה״ש.

„מאַך נישט קיין ענדע פון דאָס לעצטע איבערבלייבונג" . . . איך האָב ניט קיין אַנדער זאַך וואָס זאָל מיר אַזוי שטאַרק צופרידענשטעלען אויסער די „שלש עשרה מדות" און דעריבער בעט איך דיר, משה, לאָז צורות דעם שעהנסטען געטליכען עמבלעם!

די נשמות צעוויינען זיך פון גאָטס געבעט.

— „די דאָזיגע שטימע פון גאָט וועלכע האָט אָפּגעקלונגען מיט אַזוי פיעל טרויער און געבעט האָט געריהרט אַלע נשמות און זיי האָבען אויסגעבראָכען אין א פארקייכטען געוויין. זיי האָבען ניט געקענט נאָכגעבען זייער פערלאַנג צו גונסטען דאָס אידישע פאָלק און זיי האָבען געוואָלט אז די גזרה זאָל שוין בטל ווערן אָבער פון צווייטען זייט, האָבען זיי איצט דערפיהלט ווי גאָט'ס שטימע פון געבעט שרייט ארויס פון זייערע אייגענע נשמות'דיגע טיפקייטען און עס איז זיי געווען שלעכט אזוי און ביטער אזוי, און זיי האָבען ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען און ווי צו האַנדלען.

משה קומט אַרויס מיט אַ נייער טענה גאָר אַ שטאַרקע.

— „דער איינציגער וועלכער איז נאָך געשטאַנען פעסט אין זיין עקשנות איז געווען משה, און ער האָט באַלד געענטפערט: — ועתה אם תשא חטאתם ואם אין מחני נא מספרך אשר כתבת" [72]) „אויב דו וועסט פארגעבען די אידען וועל איך ניט פּראָטעסטירען מעהר אויף דער עולה וואָס דיין „מדת הדין" האָט איצט געטאָן, ניט איינלאָדענדיג קיינעם פון אונז פאר א פארהער, נאָר אויב דו ווילסט ניט פאַרגעבען, דאן וויל איך ניט מעהר פערבלייבען מיט מיין טיטול אין דער תורה אלס דיין „עבד נאמן" ווייל איך האָב קיינמאָל ניט געטראַכט פון אַ גאָט אַ „קנא ונוקם" אָהן אַ „רחום וחנון". דו, גאָט, פון אַלע גייסטער, קענסט איצט אויסקלייבען איינס פון די ביידע: אָדער צו איבערשרייבען דיין תורה, ארויסוואַרפענדיג מיין נאָמען, אָדער זיך צו בויגען צו די „שלש עשרה מדות" פון רחמים און שוין מבטל זיין דיין גזרה!

די נשמות ווערן דערשראָקען פון משה'ס אַרגומענט.

— „רבנו משה! וואָס רעדסטו? סטייטש? — האָבען אַלע נשמות אַרויסגעהויכט אָהן אָטעם . . . פון גרויס שרעק דערהערענדיג אַזעלכע שאַרפע ווערטער פון משה רבנו געגען גאָט.

משה הייסט די שלש עשרה מדות אַרויסקומען מיט זייער סוד.

— „משה האָט גאָרניט געענטפערט. ער האָט געמאַכט עטליכע האַסטיגע טריט אַנטקעגען די „שלש עשרה מדות" און ער האָט אַ געשריי געטאָן: — זאָגט דעם אמת, איהר דרייצעהן גייסטיגע אַטריבוטען פון

72) שמות לב, 32.

רחמים! ווען, ווי אַזוי, און וואָרום, זייט איהר באַשאַפען געוואָרען?

— „אונזער האַר משה! האָב מיטלייד מיט אונז!

די „שלש עשרה מדות" בעטען זיך ניט צו ווערן געצוואונגען צו ריידען. משה זעלבסט דערציילט דעם סוד פון די „שלש עשרה מדות".

— האָבען די „שלש עשרה מדות" געענטפערט מיט שרעק — מיר טאָרען ניט אַרויסזאָגען קיין סוד אָהן די ערלויבעניש פון דעם באַשעפער פון אלע וועלטען.

— „אויב איהר טאָרט ניט רעדען וועל איך איצט אויסזאָגען דעם סוד וואָס „רזיאל" דער מלאך האָט מיר אַמאָל דערצעהלט, ווען איך בין געוועזן פערציג טעג אויפן הימעל, און זאָלען אלע וויסען אז גאָט האָט באַ־שאַפען די דרייצעהן אטריבוטען פון רחמים נאָך איידער ער האָט באַשאַפען דעם ערשטען מענש. די גאַנצע וועלט, ביז דעם ערשטען מענש, איז באַשאַפען געוואָרען לויט דער „מדת הדין" אָבער דער מענש האָט גאָט ניט געקענט באַשאַפען מיטן האַרטען טרוקענעם געזעץ פון בלויז „דין" נאָר ער האָט געמוזט פריהער באַשאַפען די גייסטיגע געפיהלען פון מיטלייד, פון רחמנות, פון גנאַדע, פון לייטזעליגקייט, און פון אָפטע בויגזאַמקייט און אָפטע ענעדרונג־ען; און דעריבער, אַזוי לאַנג ווי עס עקזיסטירען מענשען אויף דער וועלט, מוז עקזיסטירען אויך די „מדת הרחמים" און אויב גאָט וויל איצט געהן בלויז מיטן „דין", טאָ זאָלן פריהער פאַרניכטעט ווערן אַלע אנדערע פעלקער וועלכע זיינען געוויס ערגער ווי די זינדיגסטע אידען און זאָל די גאַנצע ערד חרוב ווערן, אָבער איך וועל בשום אופן ניט דערלאָזען אַז עס זאָל אָנגעווענדעט ווערן „רחמים" צו אַנדערע פעלקער און בלויז „דין" צום אידישען פאָלק! . . .

אַלע נשמות גיבען צו אַז משה׳ס טענה איז ריכטיג.

— „גערעכט, משה! ביזט גערעכט! אויב „דין", מוז עס זיין גלייך פאַר אַלע פעלקער, און אויב „רחמים" מוז די גזרה שוין בטל ווערן — האָבען אלע נשמות אַרויסגעהויכט מיט א פריילּיכען אויסרוף פיהלענדיג אז אט די דאָזיגע לעצטע טענה פון משה׳ן איז טאַקע די שטאַרקסטע און זיכערסטע.

גאָט סטראַשעט משה׳ן אַז ער זאָל מעהר ניט דערציילען קיינע סודות. גאָט גיט נאָך דעם פאַרלאַנג און איז מבטל די גזרה.

— „משה! — האָט גאָט׳ס שטימע אויסגערופען — אויב דו וועסט וויטער וועלן אויסזאָגען סודות וועסטו באַרויבט ווערן פון דיינע צוויי ליכטיגע שטראַהלען וואָס בלאַסקען אַרויס פון דיין „שטערן"! „רב לך אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה" [73]) „גענוג שוין! רעד ניט מעהר צו מיר וועגען דער דאָזיגער גזרה"! איך קען שוין ניט מעהר פערבלייבען גלייכגילטיג צו דיינע

73) דברים ג, 26.

רייד און צו די געבעטען פון די דאָזיגע הייליגע נשמות. פאַרפאַלען! דו האָסט ווידער געזיגט, משה! דיין נשמה שטייגט אלץ העכער און העכער אלס „מליץ יושר". וואויל איז דיר, משה, אז איך מוז איצט ווידער פראָקלאַמירען מיין אַמאָליגען אויסרוף פון „אנכי אנכי הוא מוחה פשעיך למעני וחטאותיך לא אזכור" [74] „איך, איך בין דער יעניגער וואָס ווישט אָפּ דיינע זינד צוליב מיר און דיינע שולדען וועל איך מעהר ניט דערמאָנען".

אַלע נשמות גיבען זיך אָפּ מזל־טוב.

— „דערהערענדיג דעם דאָזיגען אויסרוף פון גאָט זיינען אַלע נשמות־געסט געפאַלען איינע אויף דער צווייטער אין אַ פרעהליכע און פעסטע אומארמונג און זיי האָבען ארויסגעהויכט אין גרויס באַגייסטערונג זייער געמיינזאַמען „מזל טוב" וואונש איינע צו דער צווייטער. אָבער משה האָט אין יענעם מאָמענט אויסגערופען: — איך דאנק דיר גאָט פאר דיין חסד איך וויל אָבער אליין צוברעכען די „לוחות" פון דער גזרה אום צו זיין זיכער אז עס וועט ניט פאַרבלייבען קיין געדעכעניס פון זיי...

משה וויל צוברעכען די לוחות און גאָט גיט איהם נאָך.

— „אויב דו ווילסט ווייטער ברעכען „לוחות" וועל איך דיר צוליעב טאָן" — האָט די שטימע פון גאָט געענטפערט מיט א פרייהליכען טאָן און אין נעכסטען מאָמענט האָבען אויפגעבליצט צוויי מורא'דיגע מלאכים פון די מיסטעריעזע ווייטקייטען און זיי האָבען געבראַכט מיט זיך די „לוחות" פון דער גזרה און עס איבערגעגעבען צו משה'ן.

אַלע זיינען ערשטוינט אויף משה'ס עקשנות.

— „אַלע זיינען געבליבען שטעהן מיט פאר־גאפטע בליקען אנטקעגען משה'ן: וואָס וועט דאָ איצט געשעהן? אלץ הייסט עקשנות! אזא פעסטקייט, אומ־ערשראָקענקייט, און שטאַלצקייט פון משה רבנו איז דאָך טאַקע פלאי פלאים.

משה מאַכט אַ ריהרענ־דע סצענע פאַר אַלעמען מיט זיינע רייד. — משה וויל דערהויבען דעם מלאך מיכאל.

— „און דערווייליע האָט משה געהאַלטען די „לוחות" אויף זיינע הענט און ער האָט ווידער גערעדט: — פיעלע צרות, יסורים, און מאַטערנישען האָב איך אמאָל דורכגעמאַכט אין צווישען דאָס פאָלק ישראל סיי אין מצרים און נאָכדעם פערציג יאָהר אין דעם וויסטען מדבר. וועה איז צוצוקען צו אזא שעהנעם פאָלק ווי ישראל, וועלכער איז פול מיט מצוות און מיט מעשים טובים, ווען ער ווערט שטענדיג געמאַכט צו שאנד און צו שפּאָט פון אַלע אַנדערע פעלקער! איינמאָל פאר אלע מאָל, אויב עס איז שוין יאָ א „עת רצון" איצט, וויל איך דעריבער אז דער אידישער שר, דער מלאך

74) ישעיה מג, 25.

„מיכאל", זאָל אויך קומען אהער און זאָל ער נעהמען אנטייל אין דער פאַר־ניכטונג פון די דאָזיגע „לוחות" אום אז ער זאָל דערהויבען ווערען איבער אלע אנדערע „שרים" פון אלע פעלקער און דאן וועט ער האָבען דעם כח בייצוקומען אלע וויטערע מעגליכע „גזרות רעות" וואָס די אנדערע „שרים" פון עשו'ן, פון אדום, פון יון, און פון אַלע אַנדערע פעלקער, וועלען פּרובירען ארויפצוואַרפען אויף דעם אידישען פאָלק.

גאָט וויל ניט באַכגעבען דעם לעצטען פערלאַנג.

— „ניין, משה! צופיעל פארלאַנגסטו איצט! — האָט גאָט געענטפערט — גענוג שוין פאַר דיר אז איך האָב מבטל געווען די דאָזיגע צייטווייליגע גזרה, אָבער עס איז נאָך ניט געקומען די צייט צו וועלכע דו ציעלעווסט מיט דער דער־הויבונג פון דעם מלאך מיכאל איבער אלע אנדערע „שרים" פון די פעלקער. זאָלסט וויסען, משה, אַז די צייט פון דער ענטגילטיגער „גאולה" איז נאָך ניט געקומען. דאָס פאָלק ישראל וועט איצט פּטור ווערען פון דעם „גלות יון" אָבער פאַרדערפאַר שטעהט שוין דער שר פון רוים גרייט צו פאַרנעהמען דעם פלאַץ פון דעם שר פון יון וועלכער וועט איצט פאַרניכטעט ווערען.

די נשמות ווערען ווידער ערשיטערט וועגען די נייע שלעכטע נייעס.

— „וואָס? א נייער גלות? — האָבען אלע נשמות אויסגעשריהען מיט שרעק — איז דאָס דער טרייסט און דער נחת־רוח וואָס גאָט גיט אונז איצט אז נאָך איידער עס איז צובראָכען געוואָרען די „לוחות" פון גלות יון, ווערן מיר שוין אָנגעזאָגט וועגען א צוקונפטיגען „גלות רומא" פאַר אונזערע קינדער?

גאָט באַטאָנט די רייד פון דניאל'ן.

— „אָט אזוי האָט שוין פּראָפעצייעט דער נביא דניאל! — האָט גאָט געענטפערט.

— „אָבער די חשמונאים און אַלע אַנדערע פרומע אידען, וואָס וועט זיין מיט זיי? — האָט שמעון הצדיק אויסגערופען מיט א ביטערן געוויין.

שמעון הצדיק פרעגט אַ שווערע פראַגע און גאָט ענטפערט איהם.

— „געה, צדיק, און גיב איבער מיינע רייד צו דיין תלמיד אנטיגנוס וועלכער שטעהט נאָך צווישען הימעל און ערד — האָט גאָט'ס שטימע אויסגערופען:

— געה און זאָג איהם אז עס וועלן נאָך קומען גוטע טעג פאַר ישראל אָבער אָלעס וועט קומען לאַנגזאַם. עס מוזען נאָך פאָרקומען גרויסע געשעהנישען און פיעל בלוט וועט פאַרגאָסען ווערן אין די גאַסען פון ירושלים, אויף די פעלדער פון יהודה, שומרון, און דעם גליל. עס וועלן אָבער אויך אויפשטעהן גרויסע גבורים פון אידישען פאָלק וועלכע וועלן דערהויבען דעם אידישען פרעסטידזש. עס וועלן נאָך זיצען אידישע מלכים אויף זייערע גלאָררייכע

טהראָנען. איך שווער אָבער ביי מיין נאָמען אז דער כהן גדול וועט ניט גע־שאַנעוועט ווערען. פיעלע מענשליכע קרבנות וועלן נאָך פאַלען און ווער־געשרייהען וועלן געהערט ווערן אין די שטעט פון יהודה אידער עס וועט פאַלען די קעניגרייך פון די גריכען.

— „נאָך די דאָזיגע טרויעריגע ווערטער פון גאָט זיינען אלע נשמות געבליבען שטעהן אין א טיפער פאַרצווייפלונג, אָבער משה האָט דערוויל געטאָן זיינס, ער האָט א שליידער געטאָן די „לוחות" פון דער גזרה אויפן ליכטיג־פערעלדיגען באָדען נעבען דעם „כסא הכבוד" און אין זעלבען מאָמענט ווען די „לוחות" זיינען צושמעטערט געוואָרען אין שטיקלאך האָט א פירכט־ליכער צפון ווינט א הויב געטאָן דעם גריכישען שר, דעם מלאך „יוניאל", און ער האָט איהם אָנגעהויבען צו טראָגען ווייט ווייט אַוועק אין אַ פינסטערע כמארע פון שווארצען פייער און דער מלאך „יוניאל" האָט בלויז אוספייעט אַרויסצושרייהען איין איינציגען שרעקליכען געשריי פון גרויס פאַרצווייפלונג און אַלע נשמות־געסט האָבען איהם באַלד נאָכגעשריהען: „אשר החילות לנפול לפניו לא תוכל לו כי נפול תפול לפניו" [75] „ווי באַלד דו האָסט שוין אָנגע־הויבען צו פאַלען פאר איהם זאָלסטו שוין מעהר ניט קענען בייקומען איהם, נאָר פאַלען זאָלסטו פאַלען פאר איהם", און פון דערוויטענס האָט זיך דער־הערט א בת־קול אויסרופענדיג: „צדיק גוזר והקב"ה מקיים" [76] „דאָס וואָס דער צדיק הייסט טאָן וועט גאָט ערפילען" . . .

— „באַלד נאָך דעם דאָזיגען טומעל האָט צוריק אויפגעבליצט דער גאַנצער הימעל „ערבות" און די שטימע פון גאָט האָט אויסגערופען: „ואתה דניאל סתום הדברים וחתום הספר עד עת קץ!" [77] „און דו דניאל באַהאַלט די ווערטער און שליס־צו דאָס בוך ביז דער צייט פון דעם קץ". און פון די וויטקייטען איז צוריק געקומען די שטימע פון דניאל הנביא וועלכע האָט אויסגערופען: „אשרי המחכה ויגיע לימים אלף שלש מאות שלשים וחמשה" [78] „וואויל צו דעם וואָס וואַרט און ער וועט דערגרייכען ביז טויזענט דריי הונדערט פינף און דרייסיג טעג".

— „און נאָך אידער די נשמות האָבען צייט געהאַט צו באַגרייפען די מיסטעריעזע צוויי שטימען פון גאָט און פון דניאל הנביא, האָט מטטרון זיי צוריק געטראָגען מיט זיין בליצשנעלען פליה איבער די ווייטע הימלישע ספערען און פון אלע זייטען האָבען געשטורעמט די שטימעס פון מלאכים:

75) מגילת אסתר ו, 13.
76) עפ"י הפסוק „ותגזר אומר ויקם", איוב כב, 28.
77) דניאל יב, 4.
78) דניאל יב, 12.

„צאתכם לשלום מלאכי השלום!" „געהט צוריק מיט שלום, איהר דלעגאַטען פון שלום".

— „און עס האָט ניט געדויערט לאַנג און מטטרון האָט צוריק געבראַכט אַלע נשמות צו דעם גרויסען צירקעל פון די „עשר ספירות" און דאָרטען האָבען די נשמות זיך אָפּגעזעגענט איינער פון דער צווייטער מיט א פריילאַכען וואונש פון עם ישראל חי! (דאָס אידישע פאָלק וועט ווייטער לעבען) און יעדע נשמה האָט ארויפגעשטיגען אויף א באַזונדער וואָלקען און אָפּגעפלויגען צו איהר ספּעציעלער „ספירה".

— „מיין רבי שמעון הצדיק איז נאָכדעם אויך אָפּגעפלויגען, מיט זיינע וויס־פייערדיגע מלאכים באַגלייטערס וועלכע האָבען געהאָט געוואַרט אויף איהם ביי דעם דאָזיגען צירקעל, און ווען ער האָט זיך נאָכאַמאָל צוריקגעקעהרט צו דעם פלאַץ וואו איך בין נאָך אַלץ געשטאַנען, צווישען הימעל און ערד און צוגעקוקט די גרויסע נבואה, האָט מיין רבי אויסגערופען און געזאָגט:

— „געה, מיין תלמיד אנטיגנוס, און נידער אראָפּ אויף דער ערד און גיב איבער צום פאָלק ישראל אז די גזרה פאר פארניכטונג איז טאַקע בטל געוואָרען אָבער בלויז צייטווייליג ווייל שלעכטע צייטען וועלן נאָך קומען, בלוטיגע מלחמות וועלן נאָך געשעהן אין דער אידישער לאנד און דער כהן גדול וועט — — —

דער תלמיד האָט זיך פלוצלונג פאַרהאַקט אין זיינע רייד. עס איז געווען קענטיג אַז עס איז אים שווער אַרויסצוברענגען דאָס וואָס זיין רבי האָט גע־הערט אין חלום וועגען דעם כהן גדול חוניו וועלכער זיצט איצט דאָ ביים טיש. אַלע פאַרזאַמעלטע האָבען איינגעהאַלטען דעם אָטעם אין דער דערוואַרטונג צו הערען די ווייטערע ווערטער פון דעם חלום, אָבער ווען עס איז פאַריבער אַ היבשע ווילע, האָבען אַלע אַנגעווענדעט זייערע בליקען צום כהן גדול וועלכער איז געזעסען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ.

— רעד ווייטער, יוסי! האָב קיין מורא ניט. — האָט דער כהן גדול געזאָגט — דו מעגסט אַלעס איבערגעבען וואָס דו האָסט געהערט פון דיין רבין. מיר איז שוין אַלץ איינס, אָט וועל איך אַרויסגעהן אויף עטליכע מינוטען פון דעם דאָזיגען צימער, אום אז דו זאָלסט קענען איבערגעבען צו די פאַרזאַמעלטע אַלעס גענוי וואָס דיין רבי האָט געהערט וועגען מיר — און דאָס זאָגענדיג, האָט דער כהן גדול זיך אויפגעהויבען פון טיש און איז מיט לאַנגזאַמע טריט אַרויס פון צימער. אַלע פאַרזאַמעלטע האָבען שווער אָפּגע־זיפצט און מתתיהו האָט אַ זאָג געטאָן:

— גוט האָסטו געטאָן, יוסי, וואָס דו האָסט זיך אָפּגעשטעלט אין

מיטען, ווייל צו וואָס זאָל דער כהן גדול אויסהערען זיין טרוי׳עריגע צוקונפט? וועלכער מענש וויל דען וויסען פאַר דער צייט וועגען אַן אומגליק, וואָס דערוואַרט איהם? איצט בעטען מיר דיר צו דערצעהלען ווייטער אַלעס גענוי, פיליכט וועלען מיר קאָנען פאַרהיטען ווען מיר וועלען וויסען באַצייטענס פון דעם וואָס עס דערוואַרט אונז.

יוסי בן יועזר, דער עלטערער תלמיד, האָט זיך צעוויינט. אַלע פאַר־זאַמעלטע זיינען געבליבען זיצען שאָקירטע פון שרעק, אָבער מתתיהו האָט אויסגערופען:

— ״הזורעים בדמעה ברינה יקצורו״. מיר מעגען טאַקע וויינען אויף אונזער ביטערער לאַגע, אָבער מיר מוזען האָפען, אַז ווען דער גאָט פון ישראל וועט אונז העלפען און מיר וועלען צוריק געווינען אונזער אומאָ־פהענגיגקייט, און אונזער רעליגיע וועט ווערען געאַכטעט און געשעצט ביי אַלעמען, דאַן וועלען מיר זיך פרעהען. מיט׳ן וויינען אַליין וועלען מיר גאָרנישט אויפטאָן. מיר מוזען ווערען טהעטיג מיט כוח און גבורה, מיט שכל און יושר. מיר מוזען זיך קליגען איבער אונזערע שונאים און מאַכען אַלע זייערע שלעכטע פלענער קעגען אונז צו גאָרנישט. מיר טאָרען זיך נישט אָפּשרעקען פאַר קיין זאַך. אפילו דער שווערד, וועלכעס איז עשו׳ס פּריווי־לעגיע, מעג ווערען אונזער מיטעל קעגען דעם שונא. אונזער פאָטער יצחק, ווען ער האָט געבענטשט עשו׳ן ״ועל חרבך תחיה״ — דו זאָלסט אימער לעבען אויף, און מיט׳ן כח פון, דיין שווערד, האָט ער נישט געמיינט אַז דער שווערד זאָל ווערען אַ מיטעל צו פאַרניכטען יעקב׳ן. ניין! אויב יעקב׳ס שטימע העלפט ניט, דאַן איז ער באַרעכטיגט אַרויסצוגעהן קעגען עשו׳ן מיט׳ן שווערד. דער איד און דער גוי מעגען זיך באַנוצען מיט זייערע צוויי באַזונדערע מיטלען כל זמן זיי ווערען ניט געפעהרליך איינער צום צווייטען, אָבער אויב עשו׳ס שווערד ווערט געפעהרליך,דאַן איז אויס פּריווילעגיעס. מיר וועלען זיך באַנוצען מיט׳ן שווערד קעגען שונא און זאָל דער שונא פּרובירען זיך באַנוצען מיט אונזער שטימע... דער אַמאָליגער בלעם הרשע האָט שוין געהאַט פּרובירט אַנצוואוענדען קעגען אידישען פאָלק דעם מיטעל פון דער שטימע, אָבער ער איז דורכגעפאַלען. זיינע קללות זיינען געוואָרן פאַר אונז ברכות. דאָקעגען אָבער האָט דער העלדישער פנחס דער כהן, דער אייניקעל פון אהרן הכהן, זיך באַנוצט מיט עשו׳ס שווערד און ער האָט מצליח געווען צו ראַטעווען דאָס אידישע פאָלק פון אונטערגאַנג, און גאָט האָט איהם נאָך באַדאַנקט דערפאַר.

— יאָ! — האָט דער גרייז־גרויער אלעזר הצדיק אויסגערופען אין

גרויס באַגייסטערונג — דיינע ווערטער, מתתיהו, זיינען ווי אַ גוטער באַלזאַם צו אונזער פאַרוויסטאַגטען קערפּער און פאַרטונקעלטען גייסט. מיר מוזען זיך צוגרייטען קעגען אונזער שונא. "ללמד לבני יהודה קשת": די צייט איז געקומען, וואָס מיר מוזען אָנהויבען לערנען אונזערע קינדער ווי צו קענען שיסען מיט'ן פייל און בויגען, ווי צו קענען אומגעהן מיט'ן שווערד און שפּיז, ווייל שווערע וואָלקענס פון צפון־זייט טראָגען זיך אויף אונזערע ליכטיגע הימלען.

אלע פערזאַמעלטע זיינען געזעסען מיט געבויגענע קעפּ. פּלוצלינג האָט איינער פון זיי אויסגערופען:

— מיר האָבען פאַרגעסען אויסצוהערען פון די תלמידים די איבעריגע רייד פון זייער רבינ'ס חלום.

יוסי בן יוחנן, דער אינגערער תלמיד האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט איבערגעגעבען צו דער פאַרזאַמלונג די ווייטערע רייד פון זיין רבינ'ס חלום:

— „דער כהן גדול וועט האָבען זעהר אַ שלעכטען סוף. עס וועלען פאָרקומען זעהר גרויסע צאַנקערייען צווישען אידען. איינער וועט זיך שטאַרקען איבער'ן צווייטען און פיל בלוט וועט פאַרגאָסען ווערען אין אונזער לאַנד, אָבער צום סוף וועלען אויפשטעהן העלדישע פיהרער און וועלען פאַרטרייבען די שונאים און עס וועלען זיצען מלכים אויפ'ן אידישען טראָן."

אין צימער איז געווען שטיל. קיינער האָט נישט געוואַגט איבערצושלאָגען די געדריקטע שטילקייט. דערווייל האָט זיך געעפענט די טיהר און חוניו, דער כהן גדול איז ווידער אַריינגעקומען און אָפּשטעלענדיג זיך אין מיטען צימער, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— איז שוין אַלעס אויסגעהערט געוואָרען וועגען מיר? מעג איך שוין פאַרבלייבען ביי דער פאַרזאַמלונג?

— קיין שלעכטס האָבען מיר ניט געהערט וועגען דיר — האָט מתתיהו אויסגערופען מיט אַ געמאַכטער רוהיגקייט. — אנטיגנוס'עס חלום איז געווען וועגען סתם אַ כהן גדול, אָהן וועלכער עס איז אָנדייטונג אויף דיר. און צווייטענס, ווייסען מיר דאָך, אַז ניט אַלעמאָל זיינען חלומות ריכטיג, איבערהויפּט דער לעצטער טייל פון אַ חלום...

אַלע פאַרזאַמעלטע ביים טיש האָבען געפיהלט אין מתתיהו'ס ווערטער, אַז ער מיינט צו באַרוהיגען דעם טיף געריהרטען כהן גדול און דעריבער מאַכט ער דעם חלום קליינליך צוליב שלום וועגען. אָבער יעדערער האָט געפיהלט, אַז עטוואָס שרעקליכעס דערוואַרטעט פאַר'ן אידישען פאָלק.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און מתתיהו האָט צוריק אויפגעלעבט די געדריקטע שטימונג אין צימער. ער האָט דערקלעהרט דעם כהן גדול, אַז ער זאָל גאָרנישט אָנפרעגען ביי די מתיונים, נאָר ער זאָל אויף זיין אייגענער פאַראַנטוואָרטליכקייט אַריבערפיהרען אַלע געלדער, און זילבער און גאָלד, פונ׳ם בית־המקדש אויף אַן אַנדער פלאַץ, ביז וואַנען מען וועט זעהן, ווי אַזוי דער נייער קעניג סעלעקוס וועט זיך באַציהען צום אידישען פאָלק.

אַלע פאַרזאַמעלטע האָבען צוגעשטימט צו מתתיהו׳ס פאָרשלאַג און אין אַ קורצע ווילע שפּעטער האָבען זיי אָנגעהויבען זיך פאַנאַנדערצוגעהן. בלויז מתתיהו איז נאָך פאַרבליבען ביים כהן גדול אין הויז. ער האָט איהם געהאָלפען אויספלאַנעווען אַ גוטען פלאַץ וואוהין אַריבערצופיהרען דעם גרויסען פאַרמעגען פון בית־המקדש.

ווען מתתיהו איז צוריקגעקומען פון דער אסיפה אויף זיין סטאַנציע, האָט ער געטראָפען זיין זוהן יונתן, וואַרטענדיג אויף איהם. מתתיהו האָט זיך דערשראָקען פון יונתנ׳ס פלוצימדיגען באַזוך אין ירושלים, אָבער יונתן האָט באַרוהיגט זיין פאָטער, אַז אַלעס צו הויז איז אין בעסטער אָרדענונג נאָר...

— נאָר וואָס? — האָט מתתיהו שנעל אַ פרעג געטאָן, זעהענדיג ווי זיין זוהן האָט זיך פאַרהאַקט אינמיטען די רייד.

יונתן האָט דערצעהלט זיין פאָטער פון דעם שוידערליכען אומגליק מיט חנה׳ס מאַן און צום סוף האָט ער אויסגערופען:

— טאַטע! עס איז שוין געקומען די צייט ווי דער פסוק זאָגט: „באו בנים עד משבר", מיר זיינען שוין אין דער נידעריגסטער שטופע פון אומגליק. שטעל זיך פאָר, אַז מען האָט געוואַגט צו דערמאָרדען אַזאַ פיינעם מאַן, אַ בעל־מום, אַ פאָטער פון זיבען קינדער, און אַן אָרעמאַן. און פאַרוואָס, פאַר וועמען? נאָר צוליב דעם, וואָס ער האָט ניט געוואָלט צושטעהן צו דער באַנדע מתיונים.

— ווייסטו פיליכט ווער דער מערדער איז געווען? — האָט מתתיהו אַ פרעג געטאָן.

— ניין! — האָט יונתן געענטפערט.

— איך וואָלט שווערען אַז דאָס איז די אַרבייט פון ליסימאכוס׳ן — האָט מתתיהו זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט אימפעט.

— פון וואַנען דרינגסטו דאָס? — האָט יונתן געפרעגט.

— ווייל ערשט היינט האָט מיר דער כהן בילגה דערצעהלט, אַז ער ווייסט אַז ליסימאַכוס האָט צוריק מיט עטליכע טעג דערמאָרדעט צוויי פרומע אידען.

יונתן איז געבליבען זיצען אין גרויס פאַרווירונג און מיטאַמאָל האָט ער אויסגערופען:

— איך וועל שוין צוגעהן צו דער סנהדרין און פאַרלאַנגען אַז מען זאָל שוין אַרעסטירען דעם מערדער.

— כאַפּ נישט אַזוי שנעל! — האָט מתתיהו באַמערקט — פאַרגעס ניט אַז מענעלאַס איז ליסימאַכוס'עס אַ ברודער און היינט האָב איך געהאַט, טאַקע דאָ אין צימער, אַ גאַר שטאַרקען צוזאַמענשטויס מיט מענעלאַס'ן. דע־ריבער מוזען מיר זיין זעהר פאָרזיכטיג איידער מיר געהן אַרויסברענגען זייערע מעשים תעתועים אין דער עפענטליכקייט. איך האָב שוין געהאַט אַ געשפּרעך וועגען דעם מיט'ן גרויסען רבי'ן "אַנטיגנוס איש סוכו" און ער האָט מיר אויך געראַטען צו באַוואָרענען פריהער אַז די עדות קעגען דעם מערדער זאָלען ניט זיין אין קיין סכנה צוליב זייער עדות זאָגען.

— אָבער ווי אַזוי קען מען עס דורכפיהרען אָהן עדות? — האָט יונתן געפרעגט.

— איך וועל זיך דורכשמועסען מיט די הויפּט דיינים פון דער סנהדרין. איך וועל פאַרלאַנגען פון זיי, אַז דערווייל זאָל מען ליסימאַכוס'ן אַרעסטירען. אפשר וועט מיט דער צייט ווערען מעגליך צו רופען די עדות קעגען איהם, דערווייל אָבער טאָר ניט ליסימאכוס אַרומגעהן פריי איבער'ן שטאָדט. ווער ווייסט וואָס אַזאַ מערדער קען נאָך אָפּטאָן דורך דער צייט.

— איך דענק, אַז איך האָב גענוג באַווייזע צו קענען פאַר'משפּט'ן דעם מערדער — האָט יונתן געזאָגט — לויט ווי איך האָב דערפאַהרען אין חנה'ס הויז, האָבען פילע אידען געזעהן ליסימאַכוס'ן אַריינגעהענדיג צו זיין קרבן אין הויז יענעם טאָג וואָס ער איז געשטאָכען געוואָרען.

— אָבער קיינע דירעקטע באַווייזע איז ניטאָ, אַז ליסימאַכוס האָט איהם געשטאָכען — האָט מתתיהו אָפּגעזיפצט.

— יאָ! עס איז יאָ פאַראַן אַן עדות וועלכער האָט עס צוגעזעהן — האָט יונתן געענטפערט.

— ווער איז ער? — איז מתתיהו געוואָרען פאַראינטערעסירט.

— חנה'ס אינגסטעס קינד — האָט יונתן געענטפערט.

— ניין, דאָס איז נאָר גענוג צו קענען איהם אַרעסטירען אָבער ניט צו פאַר'משפּט'ן — האָט מתתיהו געזאָגט — דו ווייסט דאָך אַז אַ קליין קינד קען נישט אָנגענומען ווערען אַלס אַ געזעצליכער עדות.

— אָבער אַרעסטירען קען מען איהם יאָ — האָט יונתן אויסגערופען.

— געוויס! — האָט מתתיהו צוגעגעבן. — איך וועל שוין אַריבערגעהן צו די דיינים און זיך דורכשמועסען מיט זיי.

יונתן האָט זיך אָפּגעזעגענט מיט זיין פאָטער און איז צוריק אָפּגע־פאָהרען אַהיים נאָך מודעין, וואו ער האָט באַדאַרפט פיהרען די ווירטשאַפט פון דער פאַמיליע. ער האָט געבעטען דעם פאָטער צוצופאָהרען צום באַזוך צו חנה׳ן אין ״רמה״ און איהר טרייסטען אין איהר אומגליק.

## קאַפּיטעל צעהן

# די קרוינונג פון נייעם קעניג

אין אנטיאָכיע, די הויפּט־שטאָט פון דער סיריש־גריכישער מלוכה, איז פאָרגעקומען אַ גרויסער יובילעאום. דער נייער קעניג סעלעקוס, דער עלטערער זוהן פון דעם דערמאָרדעטען ״אַנטיוכוס דער דריטער״, איז געקרוינט געוואָרען מיט גרויס פאַראַד און צערעמאָניע. מ׳האָט פריהער געבראַכט דעם טויטען קערפּער פון זיין פאָטער און מען האָט איהם באַער־דיגט, נאָכדעם זיינען אַלע פּריסטער און גענעראַלען געגאַנגען צום קעניגליכען פּאַלאַץ און מען האָט דאָרטען געקרוינט דעם נייעם קעניג.

צווישען די מיניסטאָרען און גענעראַלען זיינען געווען גאָרגיאַס, ליזיאַס, ניקאַנאָר און נאָך אייניגע. אויך אַפּאָלאָניוס דער אונטער־גענעראַל, און פיליפּוס דער גוטער פריינט פון דעם פּרינץ אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, דער איי־גערער זוהן פון דעם דערמאָרדעטען קעניג, און אַ ברודער פון דעם נייעם קעניג סעלעקוס, האָבען אַנטיילגענומען אין דער קרוינונג פון דעם נייעם קעניג.

עטליכע טעג זיינען פאָראיבער און אנטיאָכיע האָט נאָך אַלץ גע׳יובל׳ט מיט גרויס שמחה. די גריכען האָבען דורכגעפיהרט גרויסע פאַראַדנע פּראָצעסיעס איבער די גאַסען פון שטאָדט. מען האָט מאַרשירט מיט די געצען אין די הענט. מען האָט געשפּילט, געטאַנצט און געשיכורט.

אויפ׳ן פינפטען טאָג האָט אַפּאָלאָניוס געהאַט אַ געשפּרעך מיט דעם גענעראַל גאָרגיאַס אין אַ שטילען ווינקעל אין דעם גאָרטען פון קעניגליכען פּאַלאַץ.

— איך קען נישט פאַרשטעהן ווארום הירקאַנאָס איז נאָך נישטאָ צוריק — האָט אַפּאָלאָניוס זיך באַקלאָגט פאַר גאָרגיאַס׳ן — איך האָב איהם אָפּגע־שטעלט אין שומרון פּראָווינץ, אום אַז ער זאָל אָפּוואַרטען דעם כהן יאזאָן, וועלכער האָט בדאַרפט אָנקומען אין יענעם דאָרף און איבערגעבען די סודות

פון דעם גרויסען פאַרמעגען אין דעם אידישען טעמפעל אין ירושלים. דוכט מיר, אַז ווי לאַנג עס וואָלט איהם נישט געדויערט די רייזע אַהער, וואָלט ער שוין באַדאַרפט דאָ זיין.

— דו האָסט נישט ריכטיג געהאַנדעלט — האָט גאָרגיאַס באַמערקט — צו וואָס האָסטו אָפּגעשטעלט דאָרטען נאָך הונדערט סאָלדאַטען.

— איך האָב דאָך באַדאַרפט אימיצען אָפּשטעלען, וועלכער זאָל איבערנעהמען יאזאָנס אינפאָרמאַציע. און וועגען די הונדערט סאָלדאַטען, וואָס איך האָב אָפּגעשטעלט מיט איהם, האָב איך אַנדערש ניט געקענט מאַכען, ווייל אין שומרון פּראָווינץ דרעהען זיך אַרום געפעהרליכע רויבער באַנדעס.

— פון וואַנען קומען דאָרטען די רויבער־באַנדעס? — האָט גאָרגיאַס געפרעגט.

— דער טייוועל ווייסט זיי! — האָט אפּאָלאָניוס געענטפערט — ווייזט אויס, אַז דאָס זיינען די ווילדע אדומים, די אראמייער, אָדער גאָר די אַראַבישע שבטים.

גאָרגיאַס האָט געוואָלט נאָך עפּעס פרעגען, אָבער אין זעלבען מאָמענט איז אָנגעקומען היליאָדאָרוס, דער לייבליכער אדיוטאַנט פון קעניג, און ער האָט אויסגערופען:

— וואָס זיצט איהר דאָ אזוי באַזאָרגט? פאַרוואָס קומט איהר ניט אַריין אין פּאַלאַץ צום קעניג? מען פּראָוועט דאָך איצט אַ ספּעציעלע פייער־ונג פאַר די אייגענע נאָהענטע גוטע פריינט פון נייעם קעניג.

— דו האָסט רעכט, היליאָדאָרוס! — האָט גאָרגיאַס אויסגערופען — מיר געהען שוין מיט דיר.

אַלע דריי זיינען אַוועק צום פּאַלאַץ און אין אַ קורצע ווילע שפּעטער האָט היליאָדאָרוס אַריינגעפיהרט די געסט צום קעניג און האָט פאָרגעשטעלט אפּאָלאָניוס'ן פאַר'ן נייעם קעניג.

— זיי באַגריסט צו אונזער גרויסען גאָט צעאוס, דו העלדישער גע־נעראַל אפּאָלאָניוס! — האָט סעלעקוס, דער נייער קעניג, אויסגערופען.

אפּאָלאָניוס האָט זיך איינגעבויגען און זיך געבוקט פאַר'ן קעניג.

נאָכדעם האָבען אַלע געסט אָנגעהויבען הוליען. די שפּילערס האָבען געשפּילט אויף די פליימען און די צימבלען, און ווין איז סערווירט געוואָרען מיט אַ ברייטע האַנט.

אין אַ קורצע ווילע שפּעטער האָט היליאָדאָרוס אָנגעהויבען אויסרופען

די נעמען פון דעלעגאַטען וועלכע זיינען געקומען פון אַנדערע לענדער און פּראָווינצען צו באַגריסען דעם נייעם קעניג צו זיין אויפשטייגונג אויפ׳ן טראָן.

יעדערער פון די געסט איז צוגעקומען נאָהענט צום קעניג׳ס שטוהל און קניהענדיג אויף די פיס האָט ער אָפּגעזאָגט זיין וואונש פאַר׳ן קעניג און גלייך נאָכדעם האָט ער אויסגערעכענט די פאַרשידענע אַרטיקלען וואָס ער האָט שוין איבערגעגעבען צו די אויפזעהערס פון דעם פּאַלאַץ אַלס אַ מתנה פון זיין לאַנד צום נייעם קעניג.

הילִיאָדאָרוס מיט עטלעכע אָפיצערען זיינען געשטאַנען די גאַנצע צייט פון דער צערעמאָניע און האָבען פאַרשריבען די נעמען פון די געסט־דעלעגאַטען מיט זייערע מתנות וואָס זיי האָבען געבראַכט פאַר׳ן קעניג.

ווען דאָס אַלעס איז שוין געווען פאַראיבער, האָט הילִיאָדאָרוס זיך דערנעהענטערט צום קעניג און האָט אַ זאָג געטאָן צו איהם מיט אַ כיטרען שמייכעל:

לויט ווי עס שטעהט פאַרשריבען אויף דער ליסטע, האָט קיין לאַנד ניט פאַרפעהלט צו שיקען איהר דעלעגאַט און איהר מתנה פאַר׳ן קעניג, אויסער דאָס לאַנד יהודה מיט איהרע פאַרפלוכטע אידען. ווייזט אויס, אַז זיי זיינען ניט נאָר קאַרגע צו געבען מתנות נאָר זיי זיינען נאָך נישט צופרי־דען מיט׳ן נייעם קעניג...

— און מיין פאָטער איז גאָר געווען אזוי גוט צו זיי — האָט דער קעניג צוריק געענטפערט מיט רוגזה — ער האָט זיי געשטיצט מיט אַ יעהרליכע שטיצע פאַר זייער טעמפּעל אין ירושלים און איצט צייגען זיי זיך ארויס אַזוי אומדאַנקבאַר.

— לויט ווי איך האָב געהערט האָט אונזער גענעראל אַפּאָלאָניוס שוין געמאַכט פּלענער ווי אַזוי צו באַשטראָפען די פאַרפלוכטע אידען פאַר זייער חוצפה — האָט הילִיאָדאָרוס אַ זאָג געטאָן.

— איך וואָלט ניט וועלען פאַרפיהרען איצט קיין קריג מיט קיינעם — האָט דער נייער קעניג געענטפערט — נאָר אויב עס איז מעגליך צוריקצו־באַקומען פון די אידען די געלדער וואָס מיין פאָטער האָט זיי אַלע יאָהרען געגעבען, דאַן וואָלט איך ניט זיין דאַגעגען.

הילִיאָדאָרוס האָט אַ שמייכעל געטאָן און האָט געענטפערט.

— דער קעניג מעג וויסען אַז אונזער לאַנד איז איצט זעהר געדריקט. מיר מוזען צאָהלען גרויסע סומעס געלט צו די רוימער און דעריבער וואָלט עס געווען ניט מעהר ווי רעכט אַז די אידען זאָלען אָפּצאָהלען צוריק דאָס וואָס מיר האָבען זיי געגעבען...

— דענקסטו אַז זיי וועלען עס טאָן מיט׳ן גוטען ווילען? — האָט דער קעניג געפרעגט.

— עס ווענדעט זיך מיט וועמען מיר וועלען פאַרהאַנדלען וועגען דעם — האָט היליאָדאָרוס געענטפערט — אויב מיר וועלען זיך ווענדען צום כהן גדול וועט ער געוויס אנטזאָגען, נאָר אויב מיר וועלען זיך ווענדען צו די גריכיזירטע אידען, דאַן וועלען זיי זיכער נאָכקומען דעם קעניגס פאַרלאַנג.

— און וואָס איז דיין מיינונג — האָט דער קעניג געפרעגט.

— אויב דער קעניג וועט מיר דערלויבען, וועל איך צו־רופען אַהער דעם גענעראל אפאָלאָניוס, וועלכער איז נאָר וואָס צוריקגעקומען מיט זיין ארמיי פון דער לאַנד יהודה, און ער וועט זיין אימשטאַנד צו דערקלעהרען דעם קעניג פיעל גענויער וועגען דער פראַגע, ווייל ער איז גוט באַקאַנט מיט דער לאַגע אין יהודה.

— ניין! נישט איצט! — האָט דער קעניג געענטפערט — איך האָב צייט צו וואַרטען נאָך עטליכע טעג ווען דער טומעל פון די יובילעאומס וועט שוין זיין פאַריבער. דאַן וועל איך שיקען נאָך אַפּאָלאָניוסען און אויסהערען פון איהם וואָס ער האָט צו זאָגען.

## קאַפּיטעל 11

# צרות פון מרים׳ען. — קנאים און מתיונים שטרייטען. — דער סוד וועגען בן סירא.

עס זיינען שוין פאַריבער עטליכע וואָכען זייט די לעצטע געשעהענישען. מרים, די טאָכטער פון כהן בילגה, איז געבראַכט געוואָרען אין דער הויז פון מתתיהו דער חשמונאי און מען האָט פּרובירט מיט גוטען און מיט בייזען איהר אַרויפצופיהרען אויפן גלייכען וועג, אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפען. זי האָט געהאַלטען אין איין שטורמען קעגען די חוצפה׳דיגע האַנדלונג פון יהודה׳ן וועלכער האָט איהר אָפּגענאַרט און ניט דערלאָזען אַז זי זאָל קענען זיך צונויפקומען מיט איהר געליבטען הירקאָסען.

דער אַלטער מתתיהו האָט געהייסען אַז מען זאָל איהר ארויסטרייבען פון זיין הויז. „איך וויל נישט האַלטען ביי מיר אַזאַ חצופה, אַ גאָט־לעסטערן״, האָט מתתיהו געשריען, אָבער זיינע פינף זיהן, איבערהויפּט יהודה, האָבען געגעבען זייער פאָטער צו פאַרשטעהן אַז ערשטענס מוז מען דאָס טאָן צוליב דעם אומגליקליכען פאָטער דעם כהן בילגה, וועלכער צעהרט איין פון טאָג צו טאָג פון גרויס עגמת־נפש צוליעב זיין אויסגעלאַסענע טאָכטער,

און צוויטענס, קען מען איהר ניט לאָזען פריי ווייל זי וועט גלייך אַוועקלויפען צו די גריכישע אָפיצירען און מסר'ן אויף די אידען.

— טאָ טויטעט איהר! — האָט מתתיהו אַ געשריי געטאָן.

— טאַטע, וואָס רעדסטו? — האָט יהודה אויסגערופען אין שרעק — אויב טויטען, מוזען מיר פריהער טויטען יאזאָנען, מענעלאָסען, ליסימאַ־כוסען און אַלע אנדערע מתיונים. אָבער מרים'ען טאָרען מיר ניט טויטען, ווייל טאָמער וועט זי נאָך אמאָל תשובה טאָן.

— יהודה! — האָט דער פאָטער אויסגערופען און אריינגעקוקט אין זיין זונ'ס אויגען — יהודה! איך האָב מורא אַז — — — — —

— אַז וואָס? — האָט יהודה איבערגעפרעגט זעהענדיג ווי זיין פאָטער האָט זיך פאַרהאַקט אין זיינע רייד.

— אַז דו גלוסט איהר! — האָט מתתיהו שנעל אויסגערופען.

יהודה האָט זיך צולאַכט, אָבער מתתיהו האָט שטרענג אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר דעם אמת, יהודה! נאָר דעם אמת, וועל איך דיר גלויבען.

— דו ביזט מיר חושד אומזיסט, טאַטע — האָט יהודה געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

— אויב אזוי, איז גוט. — האָט מתתיהו געענטפערט מיט אַ צופריד־ענהייט.

און זייט דאַמאָלסט האָט מרים דורכגעמאַכט שווערע טעג און שלאָפ־לאָזע נעכט: ווי אנטלויפט מען פון די חשמונאים, אַ! ווען זי וואָלט נאָר קענען זיך ארויסכאַפּען פון דאַנען וואָלט זי שוין וויסען וואוהין צו לויפען און פאַרמסר'ן. דאָס ערשטע, וואָלט זי אוועקלויפען צו מענעלאָסען איהר צווייטער געליבטער. זי וואָלט אויך אַוועק נאָך אנטיאָכיע און פאַר'מסר'ט אַלע אידן פאַר'ן קעניג. אָבער וואָס קומט ארויס פון איהרע פלענער אַז זי איז אין געפאַנגשאַפט. די דינער ביי די חשמונאים, ווי אויך די מיידלעך באַדינערינס דאָ, היטען איהר אויף שריט און טריט. אַ גליק האָט איהר גע־טראָפען וואָס איהר טאַטע־מאַמע קומען צו איהר צום באַזוך יעדע וואָך . . .

אין דער זעלבער צייט האָט יאזאָן אוספּייעט צו בארוהיגען זיין גוטען פריינט הירקאַנאָס וועגען דעם דורכפאַל. ער האָט איהם געגעבען צו פאַר־שטעהען אַז דער, אַזוי גערופענער, אָפיציר גארניקוס האָט געמוזט זיין אַ דורכגעטריבענער חברה'מאַן פון די פרומע אידען, וועלכער האָט ערפאהרען פון דעם פּלאַן, אַז מען וויל צונעמען מרים'ן פון הויז און ער איז פארלאָפען דעם וועג.

הירקאַנאָס האָט אפילו ניט געקענט פאַרשטעהען ווי אזוי דאָס איז גע־

שעהן, אָבער דער פאַקט איז געווען געגוג טרויעריג פאַר איהם. ער האָט זיך געזעגענט מיט יאַזאַנען און איז באַלד אוועק מיט זיינע הונדערט סאָל־דאַטען נאָך אנטיאָכיע אום איבערצוגעבען צום נייעם קעניג וועגען די פּלענער ווי אזוי צו באַראַבעווען דעם טעמפּעל אין ירושלים.

דערווייל איז פאָרגעקומען אין ירושלים אַ גרויסער שטרייט צווישען די פרומע קנאים, אָדער ווי מען האָט זיי גערופען: חסידים, מיט די מתיונים. צו יענער צייט איז געשטאָרבען דער גרויסער געלערענטער און הייליגער מאַן "אַנטיגנוס איש סוכו" און מתתיהו דער חשמונאי האָט אויסגעפירט אַז די צוויי תלמידים פון אַנטיגנוס'ן זאָלען פאַרנעמען די צוויי וויכטיגע עמטער אין דער סנהדרין קערפּערשאַפט. יוסי בן יועזר איז געוואָרען דער נשיא (פרעזידענט) פון דער סנהדרין און זיין חבר יוסי בן יוחנן איז געוואָרען דער פאָרזיצער פון דער סנהדרין.

פארשטעהט זיך אַז די מתיונים און אַלע אַנדערע אידישע פריי־געזאָנענע לייט האָבען נישט געוואָלט דערלאָזען אַז די צוויי וויכטיגע עמטער זאָלען ווערען איבערגעגעבען צו די פרומע לייט, איבערהויפּט נאָך צו אַזעלכע צוויי אויסגעשפּראָכענע חסידים ווי יוסי בן יועזר און יוסי בן יוחנן. אָבער מתתיהו, און מיט איהם דער כהן גדול חוניו און אויך פיעלע אַנדערע פון די חשוב'ע כהנים, האָבען אויסגעפיהרט, און יוסי בן יועזר, וועמען מ'האָט גערופען „דער פרומסטער צווישען די כהנים", איז באַשטימט געוואָרען פאַר'ן נשיא פון דער סנהדרין.

— ווער דאַרף גאָר אין גאַנצען אַ סנהדרין? — האָט מענעלאָס דאמאָלסט געשטורעמט, אָבער די פיהרערס פון די חסידים און קנאים האָבען געהאַלטען פייערדיגע רעדעס פאַר די ברייטע אידישע מאַסען און האָבען זיי דערקלעהרט אַז דאָס אידישע פאָלק האָט שטענדיג געהאַט, און וועט ווייטער האָבען, א פאָלקס פארטרעטערשאַפט.

— ווען משה רבנו איז נאָך געווען מיט די אידען אין דעם מדבר, האָט ער שוין געהאַט אויסגעקליבען זיבעציג מאַן פון די חשוב'סטע לייטע פון פאָלק און האָט דורך זיי געשאַפען די אַזוי גערופענע סנהדרין, דער אידישער פאַרלאַמענט און רעליגיעזער אינסטאַנץ. און אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטען די אַלע יאָהרען ביז די אידען זיינען פאַרטריבען געוואָרען נאָך בבל — האָט דער אלטער אלעזר הצדיק דערקלעהרט אין זיין רעדע פאַר'ן פּובליק.

— אָבער זייט דעם גלות פון בבל איז דאָך אונטערגעגאַנגען דער סנהדרין קערפּערשאַפט! — האָט מענעלאָס אויסגעשריען.

— האָט אָבער עזרא הסופר צוריק אויפגעשטעלט די קערפערשאַפט!

— האָט מתתיהו אויסגערופען מיט שטורעם און האָט גלייך אָנגעהויבען זיין פייערדיגע דרשה:

— ווער ווייסט דען נישט אז עזרא הסופר האָט געגרינדעט די קערפערשאַפט פון די „אנשי כנסת הגדולה" אָדער ווי מען האָט איהר גערופען: „די גרויסע פאַרזאַמלונג", און די קערפערשאַפט האָט גערעטעוועט דעם אידישען פאָלק פון אונטערגאַנג. דורך דער קערפערשאַפט איז געשאַפען געוואָרען אַ נייע אויסטייטשונג צו דער תורה. עס זיינען באַשטימט געוואָרען די תפילות וואָס, און ווי, צו דאַוונען. עס זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרען, די אַלע באזונדערע און צעוואָרפענע מאַנוסקריפטען, פון די געטליכע רייד פון אַלע נביאים, אין איין גאַנצען בוך וועלכער רופט זיך מיט'ן נאָמען תנ"ך וואָס דאָס מיינט: תורה — די פינף חומשים פון די צייטען פון משה רבנו; נביאים — די געשיכטע און מוסר רייד פון אלע נביאים און אידישע קעניגע; כתובים — די שפעטערע צושריפטען — פון דניאל, עזרא, נחמיה, די פינף מגילות ווי אויך דער תהלים און נאָך אייניגע ספרים. אָט די אלע צוזאַמען זיינען אריינגעשטעלט געוואָרען אין איין קאָלעקציע וועלכע רופט זיך אָן מיטן נאָמען תנ"ך. אָט די „גרויסע פאַרזאַמלונג", צווישען וועלכע עס זיינען געווען די לעצטע נביאים חגי, זכריה און מלאכי און אויך עזרא הסופר, האָט אָפּגעשלאָסען די קאָלעקציע פון דעם גרעסטען און הייליגסטען ספר, דעם תנ"ך, אז עס זאָלען ניט ווערען אריינגענומען מעהר קיינע שפעטערדיגע מאַנוסקריפטען אין זעלבען ספר, ווייל — און דאָ האָט מתתיהו אויסגעשריען מיט א קלאָהרע שטימע — ווייל, אונזערע הייליגע פיהרערס פון די „אנשי כנסת הגדולה" האָבען געזעהן פאָראויס מיט זייערע פראָפעטישע אויגען אַז עס וועלען אָנקומען צייטען ווען פילע אידישע אויסוואורפען וועלען פרובירען צוגעבען פילע אפיקורסישע מאנוסקריפטען צו אונזער תורה.

— און פאר וואָס האָט מען אויסגעלאָזען די וואונדערליכע שעהנע און קלוגע שריפטען פון דעם געלערנטן מאן בן־סירא? — האָט יאזאָן פלוצלינג אויסגעשריען.

— ווייל דו ביסט א פראָסטער עם־הארץ — האָט יוסי בן יועזר דער יונגער נשיא, אויסגערופען — וועלכער פרומער איד זעהט דען נישט אז אין בן־סירא'ס שריפטען שטעקען ניט קיינע געטליכע רייד. אפילו שמעון הצדיק, וועלכער איז געווען דער לעצטער פון די „אנשי כנסת הגדולה", און האָט רעספעקטירט זיין גוטען פריינט בן־סירא, דאָך האָט ער נישט

געוואָגט אריינצונעמען זיינע שריפטען אין דער קאָלעקציע פון דעם הייליגען תנ״ך.

— ווייסטו אָבער אז בן־סירא איז געווען א גרויסער יחסן? — האָט איינער פון די עלטערע מתיונים אויסגעשריען און האָט גלייך צוגעגעבען: — בן־סירא איז דאָך אן אָפּשטאָם פון ירמיהו הנביא.

— אָט טאָקע דערפאַר האָט ער ניט זוכה געווען צו ווערען אַ מיטגליעד אין אונזער תנ״ך — האָט יוסי בן יוחנן, דער פאָרזיצער פון דער סנהדרין, אָפּגעענטפערט — וויל לויט ווי מען דערצעהלט שטאַמט בן־סירא פון ירמיהו הנביא׳ס אומגליקליכע פאַראייניגונג מיט זיין אייגענע טאָכטער . . .

די גאַנצע פאַרזאַמלונג איז געבליבען שטעהן געפּלעפט דערהערענדיג אַזעלכע ווערטער פון דעם נייעם פרומען פאָרזיצער פון דער סנהדרין אויף דעם הייליגען נביא ירמיהו. עס איז געוואָרען אַ טומעל, אַ געשריי. פילע פון די פרומע אידען האָבען געליאַרעמט אז מען מוז שוין אריינלייגען אין חרם דעם יונגען פאָרזיצער פון דער סנהדרין פאר אַזאַ חוצפה׳דיגע לשון הרע אויפ׳ן נביא ירמיהו. דאַגעגען האָבען פילע פון די מתיונים געשריען אז ווי באַלד אזוינס האָט געקענט פּאסירען מיט ירמיהו הנביא קען מען שוין גלויבען נאָך פיל ערגערס אויף אלע אנדערע נביאים און אמאָליגע שעהנע אידען . . . און דערוויל האָט איינער פון די מתיונים אויסגעשריען מיט אַ שפּאָטישען געלעכטער:

— יאָ, ער האָט רעכט, מען קאָן אלעס גלויבען אויף אונזערע אמאָליגע נביאים! אָט נעמט למשל דעם נביא הושע, דערצעהלט ער דאָך אַליין אין זיין ספר אין תנ״ך אז ער האָט זיך פאַרליבט אין אן אויסגעלאַסענע פרוי מיט׳ן נאָמען גומר די טאָכטער פון דבלים און זי האָט איהם געבוירען צוויי זיהן מיט אַ טאָכטער . . . נו! פרעג איך אייך, ווען קען מען געטרויען? און טאָמער איז עס נאָך געווען ווייניג פאר איהם, האָט דער זעלבער נביא הושע זיך אָרומגעזעהען, אַז איין פרוי איז נישט גענוג, איז ער אַוועק און האָט פארפיהרט א נייע ליבע מיט א פרוי אַ צאַצקע וועלכע, אויסער דעם וואָס זי האָט געהאַט אן אנדער געליבטען, איז זי נאָך געווען דערצו אַ פּראָפעסיאָנאַלע זינדיגע אויסגעלאַסענע פרוי . . .

אין דער צייט וואָס דער מתיון האָט גערעדט מיט אַ פרעכע שטימע און דער גרויסער פּובליקום האָט געשטורעמט און געליאַרעמט פאר, און געגען די רייד, האָט מתתיהו געכאַפּט א קורצען געשפּרעך מיט יוסי בן יוחנן און גלייך נאָכדעם האָט ער מיט גרויס שוועריגקייטען איינגעשטילט דעם טומעל און ער האָט אויסגעשריען:

— איהר קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב! גלויבט נישט אין די פרעכע לעסטערנדע רייד פון אונזערע פושעים וועלכע זוכען אימער צו וואַרפען שמוץ אויף אונזערע הייליגטימער. אונזערע נביאים זיינען אַלע געווען הייליגע מענשען וועמען דער גאָט פון ישראל האָט אויסדערוועהלט צו געהן אין זיין שליחות צום אידישען פאָלק און אויסבעסערען איהם אלץ בעסער, שעהנער און איידעלער. אויב אין זייערע ספרים געפינען זיך אַזעלכע ווערטער וואָס מיר פארשטעהען זיי נישט, איז עס אונזער שולד, ווייל אונזערע נשמות זיינען נישט זויבער גענוג און ניט באַלויכטען גענוג מיט דעם געטליכען שטראהל. דאָס וואָס דער אויסוואורף האָט נאָר וואָס געשענדעט דעם נביא הושע, איז ער ניט נאָר אַ פושע און אַ פרעכער יונג, נאָר אויך א גראָבער יונג. ער פאַרשטעהט נישט די כונה פון דעם נביא׳ס ווערטער. הושע האָט קיינמאָל נישט געהייראטעט מיט אַזאַ אויסגעלאַסענע פרוי. ער האָט עס נאָר דערצעהלט אין א סימבאָלישער שפראך און אין נאָמען פון גאָט אז גאָט האָט איהם געהייסען טאָן אַזוי, און עס פארשטעהט זיך אז גאָט וואָלט נישט הייסען דעם נביא טאָן אַזאַ פאַרברעכען. דאָס איז בלויז געווען אַ סימבאָל צום אידישען פאָלק וועלכער האָט ווירקליך אָפּ־געקערט פון זיין אייביגען גאָט.

— יעדערער וואָס פארשטעהט צו לערנען דעם תנ״ך זעהט עס קלאָהר און דייטליך אז הושע איז דאָ גאָר נישט באַגאַנגען קיין פאַרברעכען. ער האָט בלויז פאָרגעשטעלט אַ פאַנטאַסטישע סצענע וועלכעס זאָל דינען פאַר אַ מוסר השכל צום אידישען פאָלק. דעריבער זאָל קיינער פון אייך נישט טראַכטען מעהר קיין שלעכטס אויף אונזערע נביאים.

— נו, געוויס! ירמיהו איז נעבעך געווען א געפאַנגענער אין דער ליבע פון זיין אייגענע טאָכטער — האָבען עטליכע מתיונים מיט אמאָל אויסגעשאָסען אין אַ ווילדען געלעכטער.

— פארשטומט זאָלען ווערען די מיילער פון די יעניגע וועלכע זוכען אימער אריינצוזאָגען בייזוויליגע ווערטער אין אַזאַ ערנסטען ענין — האָט מתתיהו אויסגעשריען און האָט באלד צוגעגעבען:

— איהר זאָלט אלע וויסען! אז אויך דעמאָלסט, אין דער צייט ווען אונזער נביא ירמיהו האָט געלעבט, זיינען געווען פיל פושעים ביי׳ם אידישען פאָלק. לעזט דעם ספר ירמיהו און איהר וועט זיך איבערצייגען וויפיל ער האָט נעבעך געליטען פון די פאַלשע מענשען. מען האָט איהם געשלאָגען און אַרעסטירט. מען האָט איהם אָנגעטאָן אלע סאָרטען נגישות אלץ צוליב דעם וויל ער, דער געטליכער נביא, האָט געהאַלטען אין איין וואָרענען צו

די אידען אז זיי זאָלען אויפגעבען זייערע רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייטען קעגען בבל, אַז זיי זאָלען אויפהערען זיך חבר'ען מיט מצרים, אַז זיי זאָלען ווערען גוט און פרום א. ד. גל. עס האָט אָבער נישט געהאָלפען. די דעמאָלסדיגע פרייגעזאָנענע פושעים האָבען פארטומעלט די קעפּ פון זייער פאָלק און אַזוי ארום האָבען זיי דערפיהרט צום ענטגילטיגען חורבן פון בית המקדש און צום חורבן פון דער אידישער לאנד דורך די הענט פון בבל.

— וואָס וויל ער אונז „פאררעדען די צייהנער"? — האָט א העלדישער מתיון אויסגעשריגען — וואָס דערצעהלט ער אונז איצט די געשיכטע פון אַ דריי הונדערט יאָהר צוריק!

— אָט קום איך שוין צו צום הויפּט פונקט! — האָט מתתיהו שנעל אָפּגעענטפערט צוואוארפענדיג א בייזען בליק צו דעם מתיון, — דעמאָלסט ווען ירמיהו הנביא איז נעבעך געוועזן געיאָגט און געפּלאָגט פון זיינע אידישע ברידער די פושעים, איז געשעהען דער אומגליק: אין אַ געוויסען טאָג ווען ירמיהו איז אַריינגעקומען אין דעם בית מרחץ האָט ער דערזעהען פאַר זיך אַ סצענע וואָס האָט איהם אויפגעשוידערט אלע זיינע נערוועז. ער האָט דאָרטען געטראָפען א באַנדע אויסגעלאַסענע מענער וועלכע זיינען געווען נישט נאָר געצענדינער פון דעם אָפּגאָט „בעל", נאָר דערצו זיינען זיי נאָך געווען גייסטיג פאַרדאָרבענע לומפען וועלכע האָבען זיך נישט געשעמט צו באגעהן די עקעלהאַפסטע פאַרברעכענס . . . ווען ירמיהו האָט דערזעהען וואָס עס קומט פאָר צווישען די אויסוואורפען האָט ער זיך זעהר שטאַרק דערשראָקען און האָט גלייך געוואָלט ארויסלויפען צוריק, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט ווייל דער פּרעכער יונג, דער זוהן פון דעם באוואוסטען פשחור וועלכער איז געווען ירמיהו'ס גרעסטער שונא, האָט גלייך אַ געשריי געטאָן צו זיינע „גוטע ברידער" אז מען זאָל איהם נישט ארויסלאָזען קיין לעבעדיגען פון בית־מרחץ ווייל אויב יאָ, וועט ירמיהו דערצעהלען אין גאַנץ ירושלים וועגען די מעשים תעתועים, די שוידערליכע עקעלהאַפטע באַנעהמונ־גען, וואָס ער האָט דאָ צוגעזעהען, און דאַן וועט דאָך ווערען א טומעל אין שטאָדט. טאַטעס און מאַמעס וועלען זיך דאָך שעהמען מיט זייערע קינדער, איבערהויפּט די יונגע פרויען וועלען זיך באגראָבען פאר שאַנדע הערענדיג וואָס זייערע יונגע מענער טוען אָפּ שטילערהייט צווישען זיך אין בית־מרחץ...

— דעמאָלסט איז ירמיהו געווען אין גרויס ריזיקע מיט זיין לעבען. ער האָט זיך גענומען בעטען ביי די פושעים אז מען זאָל איהם אַרויסלאָזען. ער האָט זיי צוגעשוואוירען אז ער וועט מאַכען אַ שוויג און קיינעם נישט דערצעהלען קיין וואָרט פון דעם וואָס ער האָט דאָ צוגעזעהען. אָבער די יונגען

האָבען איהם נישט געגלויבט. מאַלע וואָס ער שווערט, געוויס וועט ער שפּעטער אַלעס דערצעהלען.

— עס האָט געהאַלטען זעהר שלעכט, ביז וואַנען פּשחור׳ס זוהנעלע איז איינגעפאַלען אויף אַ נייעם פּלאַן און מען האָט עס גלייך דורכגעפיהרט.

— מען האָט גלייך ארויסגעשיקט עטליכע יונגען און זיי האָבען, דורך אַן אויסגעטראַכטען אויסרייד, פאַרנאַרט ירמיהו׳ס טאָכטער אין בית־מרחץ. עס האָט געהייסען, אַז איהר פאָטער איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרען און זי מוז שנעל קומען איהם ראַטעווען וויל ער רופט איהר.

— די אומגליקליכע טאָכטער, וועלכע האָט געליבט און רעספּעקטירט איר גרויסען פאָטער האָט גאָר ניט פאַרדעכטיגט קיין בייז און איז באַלד אַוועקגעלאָפען אין בית־מרחץ צום פאָטער. אָבער אַזוי שנעל ווי זי איז אריינגעפיהרט געוואָרען אינוויינינג און האָט דערזעהן ווי איר פאָטער שטייט אינגאַנצען אַ נאַקעטער און ארומגערינגעלט פון עטליכע אנדערע נאַקעטע יונגען, וועלכע האָבען גלייך אויסגעשריגען: — איצט וועט דער טאַטע טאָן דאָס זעלבע וואָס לוט האָט אמאָל געטאָן מיט זיינע צוויי טעכטער — דאַן האָט די אומגליקליכע טאָכטער ארויסגעלאָזען א פארצווייפעלטען קוויטש און האָט געחלשט.

— די פּושעים האָבען באַלד געשענדעט די פארחלשטע טאָכטער און האָבען אָנגעזאָגט דעם אומגליקליכען ירמיהו׳ן אז פון היינט אָן און ווייטער אויב ער וועט אויסזאָגען עפּעס אויף זיי, דאַן וועלען זיי דערציילען אז ער אַליין האָט געשענדעט זיין אייגענע טאָכטער, און גלייך נאָכדעם זיינען אלע אַוועק פון בית־מרחץ.

ווען ירמיהו איז געבליבען אליין מיט זיין טאָכטער האָט ער שנעל זיך צוריק אָנגעטאָן די קליידער, וועלכע די אויסוואורפען האָבען געהאַט אַראָפּגעריסען פון איהם, און צולויפענדיג צו זיין טאָכטער האָט ער איר גענומען מינטערען און טרייסטען.

— קינד מיינס, זעה! איך, דיין אומגליקליכער טאַטע שטעהט דאָ נעבען דיר. עפען די אויגען, קוק אויף מיר! קינד מיינס!

די טאָכטער האָט אויפגעעפענט די אויגען און האָט אויסגעשריהען מיט אַ ווילדען געלעכטער.

— אַוועק פון מיר! אַוועק דו פאַלשער נביא, דו האָסט מיך געשענדעט.

— קינד מיינס, זעה! איך, דיין אומגליקליכער טאַטע, שטעהט דאָ נעבען דיר. עס איז מיר נאָך ווייניג איין אומגליק, ווילסטו אַרויפוואַרפען אויף מיר אַ צווייטען בלבול?

די טאָכטער איז שוין אָבער ניט געווען ביים קלאָרן פאַרשטאַנד. דער שוידערליכער פאַרברעכען וואָס די פושעים זיינען באַגאַנגען קעגען איר האָט איר צומישט. אין איהר קאָפּ איז בלויז איבערגעבליבען דער ערשטער איינדרוק וואָס זי האָט באקומען ווען זי איז אַריין אין בית־מרחץ און דערזעהן איר פאָטער א נאַקעטען קעגען איר.

— ירמיהו האָט פּרובירט מיט געבעט און געוויין איינצונעמען זיין אונגליקליכע טאָכטער אָבער עס האָט ניט געהאָלפען, זי איז שוין פאַרבליבען אַ געררירטע פון געדאַנקען, און ווען עס זיינען פאַראיבער ניין מאָנאַטען און עס איז געבוירען געוואָרען אַ קינד האָט די אייגענע מוטער, אין איר משוגענעם צושטאַנד, דערציילט פאַר אַלעמען אז דאָס איז די פּרוכט פון איר אייגענעם פאָטער. פאַרשטעהט זיך אז די פרומע אידען, און אפילו די פרייע פון פאָלק וועלכע האָבען געהאַט געזונג שכל אין קאָפּ, האָבען מיטגעפילט די גרויסע דאָפּעלטע טראַגעדיע פון דער אונגליקליכער טאָכטער וועלכע גלויבט אז איהר אייגענער פאָטער איז דער פאָטער פון איהר קינד. קיינער האָט נישט חושד געווען דעם געטליכען נביא ירמיהו אין אַזאַ פאַרברעכען כאָטש ירמיהו אליין האָט נישט געוואָלט אויסזאָגען די איינצעלהייטען פון דער טראַגעדיע ווייל ער האָט געגעבען א שבועה צו די דאַמאָלסדיגע פושעים אז ער וועט נישט דערציילען אויף זיי אבי מען זאָל אים נבֿיז טויטען. ירמיהו האָט נאָר געזיפצט און געקרעכצט און ער האָט געשאָלטען דעם טאָג וואָס ער איז געבוירען געוואָרען. ער האָט פאַרלאַנגט פון גאָט, אַז ער זאָל איהם שוין צו־נעמען פון דער וועלט, אָבער גאָט האָט איהם נאָר צוליב געטאָן אויף אזוי פיעל, אַז ער האָט איהם געהייסען זיך ארויסציהען פון ירושלים אין דער שטאָדט „ענתות" און זייט דעמאָלט איז ירמיהו שוין פאַרבליבען אַ צעבראָכענער מענש. זיין תלמיד ברוך האָט געוואוסט פון אַלעס אָבער ער האָט עס נישט אַרויס־געגעבען צו קיינעם ביז נאכ'ן טויט פון זיין רבין.

— און איצט! — האָט מתתיהו אויסגעשריען מיט גרויס פּאַטאָס — איצט אז איר ווייסט שוין די געשיכטע ווי אַזוי בן־סירא איז געווען דער כלומר־שטער אבשטאַם פון ירמיהו הנביא, האָף איך, אז איהר וועט מעהר נישט וואגען צו רעדען קיין שלעכטס אויף אונזערע הייליגע נביאים.

די געשיכטע האָט געמאַכט א טיפען איינדרוק אויף אלע פאַרזאַמעלטע און גלייך נאָכדעם איז דורכגעפיהרט געוואָרען די צערעמאָניע פון דער אָב־ווייהונג פון די צוויי יונגע חכמים יוסי בן יועזר אלס נשיא פון די סנהדרין און יוסי בן יוחנן אלס דער פאָרזיצער.

עס זענען פאַראיבער עטליכע מאָנאַטען און מיטאַמאָל האָט מען זיך

דערוואוסט אין ירושלים אז דער פּרינץ אנטיוכוס עפּיפאנעס, דער אינגערער ברודער פון דעם נייעם קעניג סעלעקוס פון אנטיאָכיע אין סיריע, איז צוגענו־מען געוואָרען נאָך רוים אלס משכון פאר די צינזען וואָס סעלעקוס האָט באדארפט צאָהלען צו די רוימער נאָכדעם ווי זיין פאָטער „אנטיאכוס דער גרויסער" האָט פארשפּילט די מלחמה מיט די רוימער.

מתתיהו איז ווידער געקומען צו לויפען נאָך ירושלים צום כהן גדול און ער האָט איהם געוואָלט וואָרנען אז איצט איז כמעט זיכער אז סעלעקוס דער קעניג וועט שיקען בּאראבּעווען דעם בית־המקדש, ווייל ער וועט דאָך וועלען וואָס שנעלער אָפּצאָהלען די צינזען צו רוים אום אז זיין ברודער זאָל ווערען באַפרייט. אָבער דער כהן גדול האָט איבערראשט מתתיהו'ן מיט דער טרויעריגער בשורה אז נישט נאָר פאַרשטעהט ער עס שוין אליין, נאָר אויך אַז דער קעניג האָט שוין טאַקע ארויסגעשיקט זיין אדיוטאנט היליאָדאָרוס און מען דערוואַרטעט דעם רויבער יעדען טאָג אין ירושלים.

מתתיהו האָט באַלד געשיקט רופען זיינע פינף זיהן פון מודעין און ער האָט זיי געהייסען ווי אמשנעלסטען זיך צוצוגרייטען קעגען דעם רויבער היליאָדאָרוס.

— טאַטע! — מיט וועמען געהען מיר צום טיש? — האָט יהודה אַ פרעג געטאָן מיט א באַזאָרגטע שטימע — מיר זאַלבע פינף קענען דאָך גאָרנישט אויפטאָן קעגען א גאַנצען גאַרניזאָן סאָלדאַטען פון איין זייט און קעגען אַזוי פיל טויזענטער מתיונים פון צווייטען זייט.

— מיר געהען מיט גאָט'ס כח — האָט מתתיהו אויסגערופען.

יהודה האָט גוט געקענט זיין ענערגישען פאָטער אַז ער איז גרייט זיך צו וואַרפען אין פייער גאָר אָהן שרעק. דעריבער האָט ער שוין מעהר ניט געפרעגט זיין פאָטער קיינע פראַגעס נאָר ער האָט באַשלאָסען זיך אַרויסצולאָזען איבער ירושלים, און אומגעגענט, אויפצוזאַמלען וואָס מעהר יונגע לייט וועל־כע זיינען נאָך פארבליבען געטריי דער אידישער תורה און לאַנד און פאָלק. יהודה האָט אויך באַשלאָסען ארויסצושיקען זיינע אנדערע ברידער איבער'ן לאַנד צו זאַמלען דאָרטען געווער און שפּייז פאר זיין אידישען לעגיאָן וואָס ער האָט געהאָפט צונויפצושטעלען גאָר גיך.

## קאַפּיטעל 12.

# היליאָדאָרוס קומט באראבּעווען די אידען

ווען דער קעניג סעלעקוס האָט זיך שוין געהאַט באַפעסטיגט אויפ'ן טראָן אין סיריע, האָט ער אָנגעהויבען זאָרגען וועגען די ארויפגעצוואונגענע

ציינזען וואָס רוים האָט ארויפגעלייגט אויף איהם. זיין ברודער אנטיאכוס עפיפאנוס איז דאָך געהאַלטען געוואָרען אין רוים אלס א משכון פאר די ציינזען.

האָט סעלעקוס זיך געלאָזט איינרעדען פון זיין אדיוטאנט היליאָדאָרוס און פון די איבעריגע גענעראַלען, איבערהויפט פון גענעראל אפּאָלאָניוס וועלכער איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער לאַגע אין ירושלים נאָכדעם ווי דער פאררעטער יאזאָן האָט איהם איבערגעגעבען דורך היראָטאָסן די נויטיגע אינפאָרמאציע פון גרויסען פאַרמעגען אין בית המקדש, און סעלעקוס האָט צוגעשטימט צום פּלאַן, אַז היליאָדאָרוס זאָל מיטנעהמען אַן אַרמיי פון עטליכע טויזענט סאָלדאַטען און אוועקמאַרשירען נאָך ירושלים צו בעראבעווען דעם בית־המקדש.

היליאָדאָרוס האָט זיך געלאָזט גוט אינפאָרמירען איידער ער איז אריינ־געקומען אין ירושלים. ער האָט ארויסגערופען צו זיך די הויפט פיהרער פון די מתיונים צווישען וועלכע עס זיינען געווען יאזאָן, מענעלאָס, מיט נאָך איינינע חשוב׳ע מתיונים.

אין דער שטאָדט עכו איז פאָרגעקומען די באַראַטונג צווישען היליאָדאָ־רוסען מיט יאזאָן און מענעלאָס. אויך דער גענעראל אפּאָלאָניוס מיט זיין אפיצער היראָטאָס זיינען געווען ביי דער בעראטונג.

— זייט איהר זיכער אַז דער כהן גדול האָט נישט ארויסגענומען דעם גרויסען פאַרמעגען פון בית־המקדש און עס באהאלטען ערגעץ אַנדערש? — האָט אפּאָלאָניוס געפרעגט פון יאזאָן און מענעלאָס.

— מיט׳ן כהן גדול זיינען מיר זיכער — האָבעןביידע פאררעטער געענטפערט — ער איז נישט קיין איבערגעשפיצטער מענש און ווייסט גאָר־נישט וואָס עס קומט פאָר אין לאנד. מיר דאַרפען אָבער באוואָרענען אז די חשמונאים פאַמיליע זאָל זיך ניט דערוויסען פון דעם, ווייל זיי קענען אָנמאַכען אזא געוואַלד צווישען די אידען, אז אין עטליכע טעג צייט קענען זיי צונויפזאַמלען א גאַנצע ארמיי און ארויסגעהען זיך שלאָגען מיט אלע גריכען.

— אויב אַזוי, קאָן מען דאָך אריינשיקען א הונדערט סאָלדאַטען אין מודעין, וואו די חשמונאים פאַמיליע וואוינט, און זיי האַלטען דאָרטען אָפּגע־שפּארט ביז וואַנען מיר וועלען האָבען דורכגעפיהרט אונזער מיסיע אין ירושלים — האָט היליאָדאָרוס א זאָג געטאָן.

יאזאָן און מענעלאָס האָבען א שמייכעל געטאָן און גלייך געענטפערט:

— ווירדיגער גענעראל! דו ווייסט נאָך נישט, ווער די חשמונאים זיינען.

וויפיל מיר וועלען דיר דערצעהלען פון זיי, איז נאָך אלץ ווינציג. זיי זיינען טייוואָלים אין מענשען־געשטאַלט . . . זיי לויפען ארום ווי שטורעמווינטען איבעראל, און הערען און וויסען פון יעדע מינדעסטע נייעס וואָס עס קומט פאָר, נישט נאָר אין ירושלים נאָר אויך, אין אנטיאָכיע. אָט האָבען זיי זיך שוין ארויסגעלאָזען איבער'ן לאנד און קעהרען וועלטען. זיי קלייבען שפייז און געווער און איינער פון זיי, יהודה, פליהט ארום אויף זיין פייערדיגען פערד און מאכט פראָפּאַגאנדע פאר א אידישען לעגיאָן. ער דערצעהלט זיי אז איצט איז די צייט צו רעוואָלטירען קעגען דעם גריכישען קעניג וויל ער איז אָ פאַרלאָרענער צו די רוימער. דער דאָזיגער יהודה איז ווירקליך אָ העלד, און — — —

— וואַרט נאָר א ווײלע! — האָט הילּיאָדאָרוס אויסגערופען — לויט ווי איך הער, קומט דאָ פאָר אן אמת'ע רעוואָלוציע, און אויב אזוי מעגען מיר דאָך אריינמאַרשירען אין לאנד אָפענערהייט מיט'ן אויסרייד אז מיר ווילען באַשטראָפען די רעוואָלוציאָנערען און אזוי אַרום וועלען מיר כשר פארדינען אונזער געצאָהלט, ווען מיר וועלען צונעהמען דאָס פארמעגען פון בית־המקדש . . .

אפּאָלאָניוס האָט זיך צעלאַכט פון דעם געלונגענעם איינפאל און היראָטאָס האָט נאָך צוגעגעבען מעהר היץ צו דעם דאָזיגען פּלאַן.

— זאָג מיר נאָר, אפּאָלאָניוס — האָט הילּיאָדאָרוס א פרעג געטאָן — וויפיל סאָלדאַטען האָבען מיר דאָ אין לאַנד אַלס שטענדיגען גארניזאָן, אויסער די טויזענט, וואָס איך פיהר מיט זיך?

— מיר האָבען דאָ ביי פיער גאַרניזאָנען, וועלכע אַלע צוזאַמען באַטרע־פען פיער טויזענט מאַן. פון זיי שטעהען ביי 18 הונדערט אין, און ארום, ירושלים און די איבעריגע זיינען צעטיילט איבער'ן לאנד.

— גוט! — האָט הילּיאָדאָרוס אויסגערופען — מיט טויזענט מאַן, וועלכע זיינען גוט באַוואָפענט, קאָנען מיר אריינמאַרשירען אין ירושלים גאָר אָהן מורא.

---

די שטאָדט ירושלים האָט געטומעלט. די פרומע מענער און פרויען זיינען געוועזן אויפגעזאַמעלט אין די בתי מדרשים און האָבען געזאָגט תהילים מיט גרויס געוויין אויפ'ן דערוואַרטעטען אומגליק. אַלע האָבען שוין געוואוסט אַז דער מיניסטער הילּיאָדאָרוס קומט אָן מיט אן ארמיי צו באַשטראָפען די אידען ווייל מען האָט זיי פאר'מסרט אז זיי זיינען רעוואָלוציאָנעריש געשטימט בעגען סירישען קעניג און ווילען בעסער זיך אונטערגעבען דעם עגיפּטישען

קעניג. די אָרימע אידען און די אלמנות און יתומים האָבען נעבאך געוויינט אויף דעם וואָס דער שונא קומט בעראבעווען די געלדער פון בית־המקדש. וואָס וועט איצט ווערען פון זיי? מיט וואָס וועט מען זיי קענען שפּייזען און דער־האַלטען ביים לעבען?

זאָגאר פּילע פון די רייכע לייט, די מתיונים, האָבען אָנגעהויבען זיך ארומצוקריגען איינער מיטן צווייטען. יעדער פון זיי האָט באַשולדיגט דעם צווייטען, אַז ער האָט באַדאַרפט אָפּהאַלטען די צעיושעטע פיהרער: יאַזאָן, מענעלאָס א. ד. גל. פון אָנשיקען די גריכען אויף זיי. עס איז שוין אָבער געווען צו־שפּעט. דאָס פאַרמעגען וואָס איז געלעגען אין בית־המקדש, איז פאַרבליבען אויפ'ן פּלאַץ, ווייל די מתיונים פיהרער האָבען ניט דערלאָזען דעם כהן גדול מיט זיינע ראַטגעבערס ארויסצופיהרען דאָס פאַרמעגען אין אַן אַנדער אָרט. נישט צוליב דעם, וואָס זיי האָט נישט געקימערט פאר'ן פאר־מעגען, נאָר ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, טאָמער וועט דער כהן גדול צונעהמען אַ טייל פון דעם און אונטערקויפען דערמיט דעם עגיפּטישען קעניג אז ער זאָל אָנהויבען אַ מלחמה צוריקצוגעווינען ארץ ישראל פון דער סירישער מלוכה. די דאָזיגע מתיונים זיינען כמעט אלע געווען סירישע פּאַטריאָטען. אָבער איצט, ווען דער, אזוי גערופענער, חלף איז שוין געלעגען אויפ'ן האַלז,— ווען אַלע האָבען געפילט, אז היינט־מאָרגען וועט הילאָדאָרוס אָנקומען אין ירושלים און וועט אַלעס צונעהמען, זיינען פילע פון די מתיונים געקומען צו לויפען צום כהן גדול מיט אַ געבעט, אז ער זאָל אריבערפיהרען, וויפיל עס איז נאָר מעגליך, פון דעם גרויסען פאַרמעגען אויף אַן אנדער פּלאַץ, ביז וואַנען די געפאהר וועט זיין פאַראיבער.

מתתיהו האָט אין פאַרלויף פון יענע עטליכע מאָנאַטען געאַרבייט זעהר שווער, ער האָט פאַקטיש געפיהרט די גאַנצע ראָלע אין ירושלים. די אלע דעלעגאַציעס וועלכע זיינען געקומען צום כהן גדול זיינען אויפגענומען גע־וואָרען פון מתתיהו'ן, און ער האָט זיי דערקלעהרט אין קורצען אז, כל זמן עס עקזיסטירט צווישען די אידען אַזאַ גרויסער פּראָצענט פון מתיונים, משומדים, און פאַררעטער פון פאָלק, קאָן מען גאָרנישט העלפען. עס איז שוין שפּעט. איין גאָט זאָל רחמנות האָבען.

— וואו זייט איהר געווען ווען איך האָב פאַרגעשלאָגען מיט פילע מאָנאַטען צוריק, ביי דער פאַרזאַמלונג פון די חשוב'סטע לייט פון ירושלים, אז מען זאָל אַריבערפיהרען אלע געלדער אויף אַן אנדער פּלאַץ? דעמאָלט האָבען אייערע פאַררעטערישע פיהרער ניט דערלאָזען דאָס דורכצופיהרען און איצט

קומט איהר שרייען און וויינען? וויינט צו גאָט! טוט תשובה! אפשר וועט ער אייך העלפען — האָט מתתיהו געענטפערט צו די דעלעגאַציעס.

דערוויל האָט מתתיהו באקומען די נאַכריכט פון זיינע פינף זיהן, אז זיי זיינען מצליח אין זייער הייליגער מיסיע. יהודה האָט שוין אוספעיעט צוזוציהען צו זיך עטליכע טויזענט יונגעלייט, וועלכע זיינען גאַר שטאַרק באגייסטערט פאר'ן אידעאל צוריקצוגעווינען פולשטענדיגע פרייהייט אין ארץ ישראל. אויך פון די אַנדערע פיער זיהן האָט מתתיהו אָפּגענומען גוטע נאַכריכטען אז זיי האַלטען אין איין טראַנספערירען שפייז און געוועהר נאָך מודעין. מתתיהו'ס דינער, צו הויז אין מודעין, האָבען שוין אוספעיעט אנצו־זאַמלען עטליכע גרויסע שייערען מיט תבואה און אויך גרינסען און פרוכט וואָס די פיער זיהן האָבען געשיקט אהין פון איבער'ן לאנד. די צוגעשיקטע געוועהר האָט מען אויך געוואָלט באַהאַלטען אין מודעין אָבער מתתיהו האָט געהייסען אַז די געוועהר זאָל מען צעטיילען אין עטליכע פלעצער. מנחם, איינער פון מתתיהו'ס דינער, האָט איבערגעגעבען זיין באלעבאָס אז זיינע זיהן האָבען שוין געהאַט העפטיגע צוזאַמענשטויסען מיט די מתיונים אין מצפה, בית־אל, רמה, און אין נאָך פילע שטעדט; וויל זיי, די מתיונים, קענען ניט דולדען די פלינקע העראָאישע טעטיגקייטען פון די חשמונאים, איבערהויפט וויל זיי זיינען קעגען דעם אז מען זאָל מאַכען אַ רעוואָלוציע קעגען דער סירישער מלוכה. מתתיהו האָט געשמייכעלט און האָט געענטפערט צו זיין געטרייען דינער:

— זאָלסט איבערגעבען מיינע זיהן, אז איך בין שטאָלץ מיט זיי. זאָג זיי, אַז מיר וועלען אי"ה מצליח זיין. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אז צרות רוקען זיך אָן אויף די אידען, אָבער איך פיהל אויך, אז נחמות וועלען קומען.

אזוי איז אַריבער דער טאָג און אין אָוונט האָט מתתיהו פאררופען אַ שטילע אַסיפה צום כהן גדול אין הויז און ער האָט פאָרגעשלאָגען אָט וואָס:

— מיינע טייערע ברידער! געהט נישט ארום אזוי פאַרזאָרגט. ווען דער חלף ליגט אויפ'ן האַלז, ערשט דאַן דארף מען קאָנען מאַכען דעם בויטיגען שפרונג זיך צו ראַטעווען. ווי אזוי קענט איהר דערוואַרטען גאָט'ס הילף אויב איהר אליין וועט גאַרניט טאָן? „וברכתיך בכל אשר תעשה", זאָגט אונזער תורה. גאָט העלפט נאָר דעמאָלט, ווען דער מענש ווערט טעטיג און טוט וואָס נאָר מעגליך, אונטער די אומשטענדען, אָבער אויף נסים טאָר מען זיך נישט פאַרלאָזען.

— איז וואָס זשע ווילסטו אז מיר זאָלען טאָן — האָט דער אלטער אלעזר הצדיק א פרעג געטאָן.

— איך וויל, אז מען זאָל באַשטימען א יום כיפור טאָג — האָט מתתיהו געענטפערט.

אלע אין הויז זיינען געבליבען זיצען פארווירט. סטייטש? ווי קען מען דאָס? אפשר מיינט גאָרניט מתתיהו דאָס וואָס ער האָט געזאָגט?

— דו מיינסט עס ערנסט? — האָט דער נייער נשיא פון די סנהדרין א פרעג געטאָן.

— יאָ! — האָט מתתיהו געענטפערט און האָט גלייך צוגעגעבען: — איהר דאַרפט וויסען, אז אין אַזאַ מאָמענט, ווען דער שונא קומט מיט אַזאַ „מצח אשה זונה", מיט אַזאַ פרעכער חוצפה, צו באַראַבעווען די האָב און גוטס פון אונזער פאָלק, און צו פארשוועכען אונזער היילינטום, מוזען מיר אָנווענדען דאָס שטאַרקסטע מיטעל. דער כהן גדול מיט אלע כהנים זאָלען זיך אָנטאָן אין די ווייסע קליידער פונקט ווי אין יום כיפור און פראווען אַ גרויסען צערעמאָניאלען גאָטעסדינסט אויף אזוי ווייט, אז דער שונא זאָל ווערען דערשראָקען און אַנטלויפען.

— הלואי! — האָט דער כהן גדול אַ מורמעל געטאָן.

עס איז באַלד באַשלאָסען געוואָרען, אז דער כהן גדול צוזאַמען מיט'ן סנהדרין זאָלען אַרויסגעבען אַ פאַראָרדערונג, אז אין דעם טאָג, ווען היליאָדאָרוס וועט אָנקומען אין ירושלים, זאָל געפּראַוועט ווערען אַ ריכטיגער יום כיפור. אַלע זאָלען יענעם טאָג פאַסטען. מענער און פרויען זאָלען זיין געקליידעט אין ווייסען און זאָלען זיך צונויפקלייבען אויפן „הר הבית", אויפ'ן גרויסען פלאַץ, וואו דער בית־המקדש שטעהט. קיינע געשעפטען זאָלען יענעם טאָג נישט זיין אָפען, און קיין ארבייט זאָל ניט געטאָן ווערען. און דער יעניגער, מאַן אָדער פרוי, וואָס וועט נישט אויספאָלגען די דאָזיגע פאַראָרדע־נונג, וועט באקומען „כרת" ווי דער דין פון יום כיפור לויטעט.

ווען די פאַרזאַמעלטע זיינען זיך פאַנאַנדער געגאַנגען האָט מתתיהו נאָך פאַרבראַכט ביי'ם כהן גדול אַ היבשע ווײלע. ער האָט איהם דערצעהלט, אז זיינע פינף זיהן זיינען שוין צוגעגרייט צו א צוזאַמענשטויס מיט'ן שונא אויב עס וועט האַלטען דערביי. יוסי בן יועזר, דער נשיא פון דער סנהדרין, האָט נאָך איינגעשמועסט מיט'ן כהן גדול ווי אזוי אויסצושטעלען די פארשידענע „משמרות" פון די כהנים אויף אַזאַ אופן, אז עס זאָל צוטומלען דעם גריכישען רויבער היליאָדאָרוס.

מתתיהו האָט צוגעזאָגט, אַז מאָרגען פריה וועט ער שוין באַזאָרגען, אז יעדער כהן און לוי, וועלכער וועט שטעהן אין דער „עזרה" פון בית־המקדש, זאָל האָבען אַ שווערדעל באַהאַלטען אונטער זיינע קליידער.

— מיינע זיהן האָבען שוין אַלעס צוגעגרייט — האָט מתתיהו זיי דערקלעהרט.

שפּעט אין אָווענט איז מתתיהו מיט'ן נשיא יוסי בן יועזר אוועק פון כהן גדול'ס הויז.

די נאכט איז אַריבער אין גרויס שרעק אין דער דערוואַרטונג אויפ'ן צווייטען טאָג. גאַנץ פריה איז אריינגעלאָפען דער ספּעציעלער צופה (אויס־קוקער פון די הויכע בערג) צום כהן גדול אין הויז און האָט איהם געמאָלדען אז די גריכען קומען און זיי האַלטען שוין גאָר נאָהענט נעבען ירושלים.

דער כהן גדול האָט שנעל ארויסגעשיקט זיינע פילע באדינטע און הויז־יונגען אויסצורופען אין דער גאַנצער שטאָדט דעם, אזוי גערופענעם, יום כיפּור טאָג.

אין פאַרלויף פון א צוויי שטונדען זיינען שוין געווען צונויפגעקליבען גרויסע מאַסען מענער און פרויען אין דער „עזרה" פון בית־המקדש, אלע געקליידעט אין ווייסען מיט בלאַסע געזיכטער פון שרעק און אנגסט.

דער כהן גדול חוניו דער דריטער איז געשטאַנען נעבען מזבח און האָט מקריב געווען דעם „קרבן־שחרית", דעם שטענדיגען פריהמאָרגען־קרבן. ארום איהם זיינען געשטאַנען צוועלף כהנים. ווייטער, אין דער לענג און ברייט פון דער „עזרה", זיינען געשטאַנען פילע הונדערטע כהנים אין גלייכע ליניעס צו פיער אין א שורה.

די שטילקייט האָט אָנגעוואָרפען אַ שרעק אויף אַלעמען. עס איז נישט געהערט געוואָרען קיין איינציג וואָרט פון קיינעם, ווייל דער כהן גדול האָט געהאַט אָנגעזאָגט, נאָך פון פריהער, אז קיינער טאָר נישט ארויסרעדען קיין וואָרט אָהן די דערלויבעניש פון איהם.

מתתיהו זעלבסט, וועלכער איז אויך געווען א כהן, איז געשטאַנען נישט ווייט פון מזבח און נעבען איהם זיינען געשטאַנען די צוויי אידישע פּאָרשטע־הערס יוסי בן יועזר און יוסי בן יוחנן. מתתיהו איז געווען באַשטימט אלס דער יעניגער וואָס וועט דאַרפען רעדען מיט הילִיאָדאָרוס'ען.

דער גרייז־גרויער אלעזר הצדיק מיט נאָך עטליכע חשוב'ע זקנים זיינען געשטאַנען נעבען דעם אַריינגאַנג פון דעם „היכל" פונ'ם בית־המקדש. זייערע ערנסטע פּנים'ער מיט די לאַנגע ווייסע בערד האָבען געוואָרפען אַ פּחד אויף אַלעמען.

פּלוצלונג האָט מתתיהו אויסגערופען:

— „אישי כהן גדול"! עס איז שוין צייט אָנצוהויבען די תפילה.

אַ ציטער איז דורכגעלאָפען דורך דער גרויסער מאסע מענשען וועלכע

זיינען געשטאַנען ווי איין מענש צוגעשמידט צום פּלאַץ. יעדער איינער האָט אָנגעשטרענגט זיינע אויערען נישט צו פאַרפעהלען קיין איין וואָרט פונ׳ם כהן גדול׳ס תפלה.

דער כהן גדול איז לאַנגזאַם אַרויף אויפ׳ן מזבח און ווענדענדיג זיין געזיכט צום הימעל האָט ער אויפגעהויבען זיינע הענט און מיט פאַרמאַכטע אויגען האָט ער אָנגעהויבען זאָגען דעם קאַפּיטעל תהלים נומער 83, אין אַ פרייער איבערזעצונג:

„אָ, גאָט פון ישראל! ווי קענסטו זיין גלייכגילטיג? ווי קענסטו שווייגען און זיין רוהיג? דיינע שונאים ברומען איצט, זיי געהען מיט פאַרריסענע קעפּ; זיי געהען מיט כיטראַסט אויף דיין פאָלק, זיי קליגען זיך קעגען דיינע באַהעלטענישען. זיי זאָגען איינער צום צווייטען: קומט, לאָמיר זיי פאַרטיליגען, מעהר זאָל נישט פאַרבלייבען דער געדעכעניש פון ישראל. זיי אַלע צוזאַמען האָבען געמאַכט אַ בונד קעגען דיר און קעגען דיין פאָלק. די גריכען און מיט זיי פילע אַנדערע פעלקער קומען אויף אונז. איך בעט דיך, גאָט, טהו צו זיי אזוי ווי דו האָסט געטאָן אמאָל צו די מדינים אין די צייטען פון דעם גבור גדעון; טהו צו זיי אזוי ווי דו האָסט געטאָן צו סיסרא׳ן מיט דעם קעניג יבין נעבען דעם טייך קישון, אין די צייטען פון דבורה הנביאה; מאַך פון זיי אזוי ווי דו האָסט געמאַכט פון עורב און זאב, פון זבח און צלמונע, וועלכע האָבען געפּלאַנט צו פאַרכאַפּען גאָט׳ס לאַנד. גרויסער גאָט! מאַך זיי אזוי ווי א קיילעכדיג ראָד, אזוי ווי שטרוי, וואָס ווערט לייכט אוועקגעטראָגען פון דעם ווינט. פּונקט ווי דאָס פייער, וועל־כעס פאַרברענט דעם וואלד און פּונקט ווי דער פלאַם סמאַליעט אָפּ בערג, אזוי זאָלסטו, גאָט, זיי פאַריאָגען מיט דיין שטורעם, און מיט דיין טומעל זאָלסטו זיי צעטומלען. פיל אָן זייערע פּנים׳ער מיט שאַנד, דאַן וועלען זיי חרטה האָבען און פאַרעהרען דיין הייליגען נאָמען. זאָלען זיי בלייבען אויף אייביג פאַרשעהמט און צעמישט, זאָלען זיי בלייבען בחרפּה און ווערען פאַרניכטעט. זאָלען זיי אַלע וויסען אַז נאָר דו איינער ביסט בארעכטיגט צום נאָמען גאָט, נאָר דו אליין ביסט דער אלערהעכסטער איבער דער גאַנצער וועלט״.

אין דער צייט ווען דער כהן גדול האָט געזאָגט די דאָזיגע תפילה, האָט היליאָדאָרוס מיט זיין ארמיי זיך דערנענטערט צום „הר הבית״. נאָך פון דערווייטענס האָט ער באַמערקט דעם גרויסען פּאַראַד, וואָס עס קומט פאָר נעבען בית־המקדש און ער האָט אַ זאָג געטאָן צום גענעראַל אפּאָלאָניוס, וועלכער האָט געריטען נעבען איהם:

— וואָס קומט דאָרטען פאָר? ווייזט אויס, אז ביי די אידען איז היינט אַ גרויסער יום־טוב.

אפאָלאָניוס האָט געוואָלט עפּעס ענטפערען, אָבער אין זעלבען מאָמענט האָבען זיי דערזעהן ווי מתתיהו מיט די צוויי אידישע חכמים יוסי בן יועזר און יוסי בן יוחנן געהען זיי אנטקעגען און הינטער זיי געהען נאָך פילע יונגע כהנים, אלע אָנגעטאָן אין ווייסען מיט ווייסע הויכע מיצען אויף די קעפּ.

הילִיאָדאָרוס האָט באלד געגעבען אַ באפעהל צו זיינע אָפיצירען זיך אָפּצושטעלען. דערוויל איז מתתיהו מיט זיין סוויטע צוגעקומען נאָהענט צו הילִיאָדאָרוס׳ען און בלייבענדיג שטעהן מיט אַ געהויבענעם קאָפּ און מיט זעלבסטווירדע, האָט ער אויסגערופען:

— מיר אידען מאַכען היינט אַ ספּעציעלען יום טוב לכבוד דיין אָנקומען אהער . . . ! מיט וואָס קאָנען מיר דינען דעם שליח פון אונזער קעניג?

— ווי איז דיין נאָמען? — האָט הילִיאָדאָרוס א פרעג געטאָן.

— מיין נאָמען איז מתתיהו דער זוהן פון יוחנן פון דער חשמונאים פאַמיליע. — האָט מתתיהו געענטפערט מיט שטאָלץ.

— און ווער זיינען די דאָזיגע צוויי באגלייטערס? האָט הילִיאָדאָרוס אַ פרעג געטאָן.

— די דאָזיגע צוויי זיינען די גרעסטע אידישע חכמים און די פאָרזי־צערס פון דעם אידישען סנהדרין — האָט מתתיהו געענטפערט.

— און וואו איז דער כהן גדול? — האָט הילִיאָדאָרוס געפרעגט.

— דער כהן גדול שטעהט אויפ׳ן מזבח. ער טוט תפילה צו אונזער גאָט אַז דיין אָנקומען אהער זאָל זיין צו גוטען פאַר׳ן אידישען פאָלק . . .

— פון וואַנען וויס ער דען וואָס ביי מיר אין האַרצען קומט פאָר? — האָט הילִיאָדאָרוס א פרעג געטאָן מיט אַ שעלמישען שמייכעל.

— ווייל דער כהן גדול, וועלכער טראָגט אויף זיך דעם „חושן ואפוד״ קען, און מוז, וויסען פילע זאַכען פון דער צוקונפט — האָט מתתיהו גע־ענטפערט.

— אויב אַזוי ווייסט איהר דאָך שוין דעם צוועק פון מיין קומען אהער — האָט הילִיאָדאָרוס אויסגערופען מיט אַ געלעכטער.

— מיר ווייסען דיין באגעהר, אָבער אונזער גאָט וויס אויך אונזער באגעהר — האָט מתתיהו געענטפערט.

— און וואָס איז אייער באגעהר? — האָט הילִיאָדאָרוס געוואָלט וויסען.

— אונזער באגעהר איז צו לעבען אין שלום מיט אונזער קעניג און זיין ארמיי — האָט מתתיהו געענטפערט.

— לויט ווי איך האָב געהערט, זוכט איהר גאָר צו מאַכען א רעוואָלוציע קעגען אונז — האָט היליאָדאָרוס א זאָג געטאָן.

— אויב דאָס, וואָס מיר זוכען מיטלען זיך צו באַשיצען קעגען אומבא־רעכטיגטע אָנפאַלען אויף אונז, הייסט ביי דיר רעוואָלוציע, מוז איך צוגעבען אַז עס איז ריכטיג.

— הייסט עס, אַז דער הויפּט פון די חשמונאים, פּראָפּאַגאַנדירט צו רעוואָלוציע ? — האָט היליאָדאָרוס פּרובירט ארויסצובאַקומען דעם אנטגיל־טיגען וואָרט.

— איך פּראָפּאַגאַנדיר בלויז צו אַ פאַראייניגטען אידענטום וועלכעס זאָל זיין באַזירט אויף די אמת׳ע פּרינציפּען פון רעליגיאָן, יושר, מאָראל, עטיקס און שלום — האָט מתתיהו געענטפערט.

— דו האָסט נאָך נישט געענטפערט אויף מיין פאָריגער פראַגע — האָט היליאָדאָרוס באַטאָנט.

— איך ווידערהאָל מיינע פאָריגע ווערטער ווייל אין זיי ליגט דער ענטפער פון אידישען פאָלק צו אלע אנדערע פעלקער — האָט מתתיהו צוריק געענטפערט.

— וואָס מיינסטו דערמיט ? — האָט היליאָדאָרוס אַ געשריי געטאָן.

— איך מיין דערמיט דיר צו פאַרזיכערען אז אזוי לאַנג ווי אלע אנדערע פעלקער וועלען זיך באַציהען צום אידישען פאָלק מיט יושר, וועט דער אידישער פאָלק וויסען ווי אָפּצושאַצען זייער פריינטשאַפט און וועט דערווידערען מיט דאָפּעלטער פריינטשאַפט, אָבער אזוי שנעל ווי מען וועט וועלען פאַרשאַפען דעם אידישען פאָלק אומזיסטע עגמת־נפש, דאַן וועט ער דערווידערען מיט שטורעם און רעוואָלוציעס.

— וואָס אַ שטייגער וואָלט הייסען ביי די אידען פריינטליכע באַציהונג־ען פון אנדערע פעלקער צו זיי ? — האָט היליאָדאָרוס געוואָלט הערען מתתיהו׳ס מיינונג.

— מיר פאַרלאַנגען בלויז אז מען זאָל אונז צורוה לאָזען אין אונזער אייגענאַרטיגען רעליגיעזען, סאָציאַלען, עקאָנאָמישען, און פּאָליטישען לעבען אין אונזער לאַנד — האָט מתתיהו שנעל געענטפערט.

— ניט קיין קליינער אפּעטיט — האָט היליאָדאָרוס אויסגערופען מיט אַ געלעכטער.

— לויט ווי איך זעה זיינען מיינע ווערטער זעהר גרינגשעציג אין דיינע אויערן — האָט מתתיהו אָפּגעענטפערט מיט אויפרעגונג.

— און דו אליין פאַרשטעהסט דען נישט אז דיין פאַרלאַנג איז צו גרויס? — האָט היליאָדאָרוס צוריק געענטפערט.

— דאָס אידישע פאָלק האָט קיינמאָל נישט פאַרלאַנגט קיינע אונמעג־ליכקייטען, וויל זיינע פאַרלאַנגען זיינען אימער באשיידענע און העכסט נויטיגע פאר זיין אלטעגליכען לעבען אלס פאָלק — האָט מתתיהו געענט־פערט.

— עס איז אָבער פאראן א גלייכווערטעל אז ווען מען גיט אַ אידען אַ פינגער וויל ער די גאנצע האַנט — האָט היליאָדאָרוס אויסגערופען מיט אַ שמייכעל און האָט גלייך צוגעגעבען: — און אויב מען וועט אייך געבען די גאַנצע האנט וועט איהר דאַן וועלען האָבען דעם גאַנצען קאָפּ . . . איהר וועט וועלען האָבען אייער אייגענעם קעניג, אייער אייגענע ארמיי און פלאָט, און אייער אייגענעם בארוף אלס אַ פולשטענדיגע נאַציאָן אומהאָפּהענגיג פון וועלכע עס איז אנדער נאַציאָן.

— פון געזעצליכען און מאָראַלישען שטאַנדפּונקט מעגען מיר פאַר־לאַנגען דאָס אַלעס — האָט מתתיהו געענטפערט.

— איהר וועט עס אָבער קיינמאָל ניט באקומען! — האָט היליאָדאָרוס אַ געשריי געטאָן.

— נאָר אַזוי לאַנג ווי אונזער פאָלק וועט פארבלייבען אין זיין לעטהאַר־גישען שלאָף — האָט מתתיהו צוגעגעבען מיט גרויס רוגזה.

— הייסט עס, אז דו גיבסט צו אַז דו פּראָפּאַגאַנדירסט פאר א רעוואָ־לוציע — האָט היליאָדאָרוס אויסגערופען.

— איך גיב גאָר ניט צו און איך נעהם גאָר נישט אראָפּ פון מיינע ווערטער ביז איצט — האָט מתתיהו שנעל געענטפערט.

אפּאָלאָניוס האָט שטילערהייט אריינגעשושקעט אין היליאָדאָרוס'עס אויער אז ער זאָל מאַכען אן ענדע צו דעם אַנגעצויגענעם געשפרעך מיט'ן חשמונאי פיהרער און ער זאָל בעסער שוין אריינרייטען אויפן „עזרה" פלאַץ און שוין פארלאַנגען דאָס גאָלד מיט'ן זילבער.

היליאָדאָרוס האָט געמאַכט א באוועגונג מיט זיין פערד וועלענדיג ווייטער רייטען, אָבער מתתיהו האָט אויסגערופען:

— אונזער בית־המקדש, מיט דער „עזרה" ארום און ארום, איז אַ הייליגער פּלאַץ און עס איז פאַרבאָטען ארויפצוקומען מיט פערד אויף דעם פלאַץ. אויב דו ווילסט קענסטו אראָפּשטייגען פון פערד און געהן מיט די פיס. היליאָדאָרוס איז געוואָרען א „צוקאָכטער" אויף מתתיהו'ס חוצפה

קעגען איהם, אָבער צו דער זעלבער צייט האָט ער פאַרשטאַנען אז ער טאָר נישט זיין איינגעשפּאַרט אין אַזאַ לאַגישען פאַרלאַנג.

היליאָדאָרוס האָט גלייך געגעבען אַ באפעהל צו זיין ארמיי ארומצו־רינגלען דעם גאנצען פּלאַץ פון בית־המקדש, און גלייך נאָכדעם איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין פערד און אויך אַפּאָלאָניוס און די אנדערע הויכע אָפיצירען זיינען אראָפּגעשטיגען פון זייערע פערד און האָבען אָנגעהויבען נאָכצוגעהן מתתיהו'ן מיט זיין סוויטע.

ווען מתתיהו מיט די צוויי חכמים האָבען אָנגעהויבען זיך צו דער־נענטערען צו דער „עזרה", האָבען די לויים אָנגעהויבען זינגען מיט גרויס פּאַטאָס.

היליאָדאָרוס מיט זיינע אָפיצירען, וועלכע זיינען נאָכגעגאַנגען מתתיהו'ן, זיינען געוואָרען ווי פארכשופט פון דעם הערליכען געזאַנג פון די לויים. זיי האָבען נישט געוואוסט אויף וואָס פריהער צו קוקען. פון ביידע זייטען וועג זיינען געשטאַנען מאסען אידען אויסגעשטעלט אין גלייכע רייען, אלע געקליידעט אין ווייסען מיט אַ טיפע שטילקייט און ערנסטקייט אויף זייערע פּנים'ער, און אנטקעגען זיי, אויפ'ן פּלאַץ פון דער „עזרה", האָבען געבלענדעט די אויגען פון די שניי־ווייסע קליידער פון די כהנים און לויים און דער געזאַנג איז געווען צויבערליך און נשמה־צופּענדיג.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און היליאָדאָרוס מיט זיין סוויטע איז צוגעפיהרט געוואָרען צום מזבח און פּלוצלונג האָט אויפגעהערט דער געזאַנג.

מתתיהו האָט אויסגעשריען אויף גריכיש, כדי אַז הילאָדאָרוס זאָל פאַרשטעהן:

— ווירדיגער כהן גדול! דאָס איז דער גענעראַל היליאָדאָרוס וועלכער איז געקומען אהער אין דער שליחות פון אונזער קעניג סעלעקוס פון אנטיאָכיע סיריע. ער האָט דורכצופיהרען זיין פאַראויסבאַשטימטען פּלאַן און וואהרשיינליך וואָלט ער וועלען רעדען מיט דיר וועגען דעם. דענקסטו אז דו קענסט אָפּשטעלען דיין הייליגע „עבודה" און אוועקגעהן איצט פון מזבח פאר אַ געשפּרעך מיט'ן גענעראַל?

— מיט מיין גאַנצען רעספּעקט פאר'ן ווירדיגען גאַסט, קען איך אָבער נישט אָפּשטעלען מיין הייליגע „עבודה" צום גאָט פון ישראל — האָט חוניו דער כהן גדול אָפּגעענטפערט פון זיין הויכען שטאַנד אויפ'ן מזבח — איך לאַד איין דעם גאַסט פאר אַ געשפּרעך מיט מיר היינט אָווענט ביי מיר צו הויז אָדער אויף וועלכען עס איז אַנדער פּלאַץ וואו דער גאַסט וועט באַשטימען.

אפּאָלאָניוס האָט זיך געביסען די ליפּען פון גרויס רוגזה, אויף אַזאַ ענטפער. ער זעהט שוין אַז מען האָט דאָ זיך צוגעגרייט צו זייער איצטיגען וויזיט. אויך היליאָדאָרוס זעלבסט, דער ריכטיגער גאַסט און הויפּט מחותן, האָט זיך פאַרטראַכט אין אַ זעהר געדריקטער שטימונג. ער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטען פאַרריסען דעם קאָפּ אין דער הויך און ער האָט געשלונגען מיט זיינע אויגען דעם אויסערגעוויינליכען צויבער וואָס איז געלעגען אויפ׳ן געזיכט פון דעם כהן גדול וועלכער איז געשטאַנען העכער פון אַלעמען אויפ׳ן מזבח פּונקט ווי אַ סטאַטוע פון ווייסען מאַרמאַר־שטיין.

— גוט! — האָט היליאָדאָרוס אַרויסגעמורמעלט — איך נעהם אָן די איינלאַדונג פון כהן גדול פאַר אַ וויזיט ביי איהם אין הויז היינט אָוועגט.

מיט עטליכע מינוט שפּעטער האָט היליאָדאָרוס מיט זיין סוויטע פאַר־לאָזען די „עזרה" און איז אַוועק זיך אָפּרוהען אין דעם ציטאַדעל נעבען ירושלים וואו עס איז געשטאַנען אַ שטענדיגער גריכישער גאַרניזאָן פון די בעסטע סאָלדאַטען אין לאַנד.

פאַרשטעהט זיך אַז היליאָדאָרוס האָט אָפּגעשטעלט אַ שטאַרקע וואַך אַרום דעם בית־המקדש מיט׳ן אָנזאָג אַז מען זאָל גוט אַכטונג געבען אויב מען פיהרט נישט עפּעס אַרויס פון דאָרטען.

## קאַפּיטעל 13.

# היראַטאָס באַקומט זיין געליבטע. — היליאָדאָרוס געהט צום בית המקדש

זייט דעם קורצען וויזיט וואָס יאזאָן האָט געמאַכט אין „רמה" ביי דער אלמנה צו הויז, כדי זיך צו זעהען מיט זיין געליבטער דבורה, ווען ער האָט געגלוסט פאַר זיין קעבס ווייב, איז איהם שוין מעהר נישט אויסגעקו־מען קיין געלעגענהייט זיך צו זעהען מיט דבורה׳ן.

— וואו איז דיין טאָכטער פאַרשוואונדען געוואָרען? — פלעגט יאזאָן זיך בייזערען אויף דער אלמנה ביי זיינע אָפטע וויזיטען דאָרטען.

די אלמנה האָט אָבער מורא געהאַט אויסצוזאָגען אַז איהר טאָכטער איז געוואָרען אַ הויז־פערוואלטערען ביי דער חשמונאים פאַמיליע אין „מודעין." זי האָט שוין געוואוסט ווער יאַזאָן איז: אַ טויגעניכטס, אַ פאַררעטער און אַ מתיון. אַ גליק איז איהר געשעהען וואָס איהר טאָכטער איז געררעטעט גע־וואָרען פון אַזאַ אויסוואורף און שוין היבשע עטליכע מאָנאַטען ווי זי איז אָנגעשטעלט געוואָרען ביי דער חשמונאים פאַמיליע אויף חנה׳ס פּלאַץ זייט

די לעצטע האָט נעבאך געמוזט דורכמאכען אַזאַ שוידערליכע טראַגעדיע ווען מען האָט דערמאָרדעט איהר אומגליקליכען ליבען און גוטען מאַן.

און ווירקליך האָט דבורה גאָר שנעל זיך אַרויסגעצייגט, ניט נאָר אַלס אַ פעהיגע הויז־פארוואלטערין נאָר אויך, אַלס אַ ליבליכע צוגעלאָזענע צו אַלע אַנדערע הויז־מענשען. זי איז געווען באַליבט און געשעצט ביי אַלעמען. איהר געלאַסענקייט, קלוגקייט, איידעלער כאַראַקטער, און איבער־הויפט איהר פרומקייט און נאַציאָנאַלער שטאָלץ אַלס אַ טאָכטער פון דעם אויסדערוועהלטען אידישען פאָלק, האָבען געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון אלע פינף זיהן פון מתתיהו דעם חשמונאי. איבערהויפט האָט יונתן, דער ברודער פון יהודה המכבי, געוואָרפען אַן ערנסטען אויג אויף דבורה׳ן....

דערווייל איז דבורה אַנגעגאנגען מיט איהר ארבייט. זי האָט געוואוסט ניט נאָר ווי צו פיהרען פינקטליך די אינערליכע באַלעבאַטישקייט אין הויז, נאָר אויך האָט זי געפונען צייט אכטונג צו געבען, און טאַקע זאָגען איהר פראָפעסיאָנעלע מיינונג, אויף די אויסערליכע אינטערעסען וואָס זיינען געווען פון אַן אלגעמיינעם נאַציאָנאלען כאַראַקטער. ווען מתתיהו׳ס זיהן האָבען זיך ארויסגעלאָזען איבער׳ן לאנד צונויפצוזאמלען געוועהר און שפייז פאר א מעגליכע רעוואָלוציע קעגען די גריכען, דאַן האָט דבורה געשאַפט מיט גרויס טאפפערקייט אין דער פארוואלטונג פון די פילע שייערען תבואה וועלכע זיינען אויפגעזאַמעלט געוואָרען אין „מודעין“.

עס איז אָבער געווען איין פערזאָן אין מתתיהו׳ס הויז וועלכע האָט פארשאפט דבורה׳ן זעהר פיל עגמת נפש. דאָס איז געווען מרים די טאָכטער פון כהן בילגה. זייט יהודה האָט אַרויסגעראַטעוועט מרים׳ען פון הירא־טאָסעס סאָלדאַטען און האָט איהר געבראכט צו די חשמונאים אין הויז, האָט דבורה אַנגעהויבען ליידען פון איהר זעהר פיעל. מרים האָט זיך גע־ריסען צו אַנטלויפען, זי האָט געסטראשעט אַז זי וועט אלעמען פאר׳מסר׳ן וויל מען האלט איהר אַ געפאנגענע אין הויז. דבורה האָט פרובירט איהר צו בעאיינפלוסען צו גוטען אָבער גאָר שנעל האָט זי אויסגעפונען אַז איהר מיהע איז אומזיסט.

דערווייל האָט מרים אוספייעט צו וואַרפען שמוץ אויף דבורה׳ן. מרים האָט אליין נישט געוואוסט די אורזאכע פון איהר שנאה צו דבורה׳ן אָבער איהר פרעכער עגאָאיסטישער אינסטינקט האָט איהר דיקטירט צו האַסען דאָס מיידעל דבורה׳ן וועלכע איז געווען, נישט נאָר פונקט אזוי שעהן און צוציהענד ווי זי, מרים זעלבסט, נאָר אויך איז זי געווען, אַ מעהר פעהיגערע אין קלוגערע פון איהר. מרים האָט געפיהלט אַז אַט אַט און אימיצער פון

פון דער חשמונאים פאַמיליע וועט זיך פארליבען אין דער שעהנער דבורה׳ן...

דער קנאה געפיהל האָט געברענט ווי אַ העלישער פייער אין מרים׳ס הארץ און דעריבער פלעגט מרים דערצעהלען פאַלשע פליאָטקעס אויף דבורה׳ן. און די שטילע אומשולדיגע דבורה פלעגט נעבאך ליידען גייסטיגע יסורים פון דער ווילדער און פאַלשער מרים׳ען.

און איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען יונתן, איינער פון די פינף זיהן פון מתתיהו׳ן, איז אַריינגעקומען צו דבורה׳ן אין צימער זיך דורכצושמועסען מיט איהר וועגען די אַנגעזאמעלטע שייערען תבואה, איבער וועלכע דבורה האָט געהאַט די אויפזיכט, האָט דבורה זיך פארטרויט אין יונתנ׳ען אז זי וואָלט וועלען אַז מען זאָל איהר געבען אַן אַנדער צימער כדי זי זאָל נישט דאַרפען שלאָפען צוזאַמען מיט מרים׳ען וועלכע פייניגט איהר דורך די נעכט מיט איהרע פרעכע רייד.

יונתן האָט צוגעזאָגט דבורה׳ן אַז ער וועט שוין זעהן איהר צו באַ־פרייען פון דעם אויסוואורף. עס זיינען פאַריבער עטליכע טעג און יונתן האָט געפועל׳ט ביי זיין עלטערען ברודער יהודה׳ן אז מען זאָל ארויסטרייבען דער משומדת מרים׳ען.

פון אָנפאנג האָט יהודה נישט געוואָלט נאָכגעבען, ווייל ער האָט מורא געהאַט טאָמער וועט מרים אוועקלויפען צו די גריכען און פאַר׳מסר׳ען די חשמונאים, אָבער איצט אַז זיין פאָטער מתתיהו ווי אויך אַלע אַנדערע אין הויז שרייען אַז מען טאָר נישט האַלטען אַזאַ אויסוואורף אין הויז, האָט יהודה אויך געמוזט צושטימען.

און פונקט יענעם טאָג, ווען היליאָדאָרוס מיט זיין אַרמיי איז אָנגעקומען אין ירושלים צו בּאַרויבען די אידישע געלדער פון בית־המקדש, און דאַן זיינען דאָך די חשמונאים געווען פארנומען מיט די קהל׳שע אינטערעסען, האָט דאַמאָלסט יונתן געשיקט רופען דעם כהן בילגה און האָט איהם איבער־געגעבען זיין טאָכטער מרים׳ען מיט די ווערטער:

— עס טוט מיר לייד, פריינט בילגה, וואס מיר מוזען דיר צוריקגעבען דיין טאָכטער ווייל קיין נחת פון איהר וועט שוין נישט זיין. מיר האָבען געטאָן אַלעס מעגליכעס איהר אויסצובעסערען, אָבער עס האָט נישט געהאָלפען. זי איז פארבליבען די זעלבע משומדת, די זעלבע פאר׳עקש׳נטע פאטריאָטין פון די גריכען. זי טוט אונז אָן צרות אין הויז.

— וואָס טוט מען מיט איהר? גיב מיר אַן עצה — האָט דער פאָטער געפרעגט מיט טרערען אין די אויגען.

— איין גאָט אין הימעל זאָל דיר העלפען — האָט יונתן געענטפערט.

— מיר קענען דיר גאָר נישט ראַטען סיידען אויב דו ביזט מוטיג גענוג צו פאַרשפּאַרען דיין טאָכטער אין אַ געפענגעניש כדי זי זאָל נישט ברייגען אויף דיר קיינע נייע צרות...

דער אומגליקליכער פאָטער האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה. ער האָט צוגענומען זיין טאָכטער מרים'ען אוןביידע צוזאַמען זיינען אָפּגעפאָהרען פון "מודעין."

וואָלט בילגה דאַמאָלסט געהאַט שכל, וואָלט ער געוועזן אויסגעפאָלגט די עצה פון זיין גוטען פריינט יונתן, אָבער אַזוי ווי דאָס האַרץ איז איהם געוועזן פאַרביטערט און ער אַליין האָט נישט געוואוסט וואוהין צו פאָהרען מיט זיין טאָכטער, ווייל זיין פרוי איז דאַמאָלסט נישט געוועזן צו הויז אין מצפה, דעריבער האָט ער באשלאָסען אז דאָס בעסטע וועט זיין אריינצופאָהרען מיט זיין טאָכטער אין ירושלים.

יענעם פאַרנאַכט, ווען בילגה מיט זיין טאָכטער זיינען צוגעקומען באַהענט צו ירושלים, זיינען זיי פאַרהאַלטען געוואָרען פון די גריכישע סאָלדאַטען וועלכע זיינען געשטאַנען צושפּרייט אלס אַ וואַך ארום דער שטאָדט.

— ווער זייט איהר? — האָט דער עלטסטער פון די סאָלדאַטען אויסגעשריען צום פאָטער און טאָכטער.

— מיר זיינען פריינט פון די גריכען... — האָט מרים שנעל אָפּגעענטפערט מיט גרויס פרייד, פיהלענדיג אַז זי איז אריינגעפאַלען אין זיכערע הענט....

— פאַרשטומט זאָלסטו ווערען, דו חצופה! — האָט דער פאָטער אַ זאָג געטאָן מיט רוגזה צו זיין פרעכע טאָכטער און ער האָט באלד צוגעגעבען:
— ווי וואגסטו גאָר צו רעדען אזעלכע רייד אין דער צייט וואָס מיר ווייסען נישט וואָס עס קומט דאָ פאָר? זעה נאָר וויפיעל סאָלדאַטען עס דרעהען זיך דאָ ארום. ווער ווייס וואָס פאר אַן אומגליק עס איז געשעהען אין ירושלים.

די סאָלדאטען האָבען דערווייל פאַרנומען די צוויי רייזענדע און מען האָט זיי אוועקגעפיהרט אין דער פעסטונג וואו עס איז באלד פאַרגעקומען אַן אונטערזוכונג ווער די צוויי געסט זיינען.

גאָר שנעל האָט דער אָפיצער הירקאַנאָס זיך דערוואוסט אז מען האָט געבראַכט אין דער פעסטונג אַ פאָטער מיט אַ טאָכטער וועלכע זיינען פאַרדעכטיגטע פּערזאָנען. הירקאַנאָס איז אַריינגעקומען אין דעם צימער וואו מען האָט געהאַלטען אָפּגעשפּאַרט דעם כהן בילגה מיט זיין טאָכטער מרים'ען.

אַזוי שנעל ווי הירקאַנאָס איז אַריינגעקומען אין יענעם פינסטערען צימער און האָט גענומען אויספרעגען די פאַרשפּאַרטע ווער זיי זיינען, האָט

מרים אַנגהויבען דערצעהלען מיט איהר קלינגענדיגע שטימע אין גריכיש אז זי איז נאָר וואָס געראטעוועט געוואָרען פון די הענט פון דער חשמונאים פאַמיליע, וואו מען האָט איהר געהאַלטען געפאַנגען אַ היבשע צייט.

הירקאַנאָס איז געבליבען שטעהן אַ צעטומעלטער. ער האָט נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויערען. זאָל דאָס זיין ? — — — וואָס טוט זיך דאָ ? זי ? מאַריאַמאַ ? יאָ, דאָס איז איהר שטימע. שוין צוויי יאָהר ווי ער האָט איהר נישט געזעהען און איצט, אָ !

הירקאַנאָס האָט אַ געשריי געטאָן צום וועכטער :

— שנעלער ! ברענג אריין אַ פייערפאַקעל ! איך מוז אָנקוקען די געזיכ־טער פון די צוויי פערזאָנען.

ווען דער פאַקעל איז אריינגעבראכט געוואָרען און הירקאַנאָס מיט מרים'ען האָבען אַ בליק געטאָן איינער אויף דער צווייטער האָבעןביידע מיטאמאָל אויסגעשריען :

— מאַריאַמאַ ! הירקאַנאָס !

דער פאָטער איז געבליבען שטעהן אָן אַ זייט מיט ציטערענדיגע גלי־דער. אוי, אָן אומגליק ! וואו איז ער דאָ אַריינגעפאַלען מיט זיין טאָכטער ? גלייך אין לייבען־גרוב....

דערווייל איז פאָרגעקומען אַ היציגע אומאַרמונג און קושעניש צווישען הירקאַנאָס'ען מיט זיין אַמאָליגע געליבטע מרים'ן. דאָס זינדיגע פּאָרעל האָט בשעת מעשה גאָר פאַרגעסען וואו זיי געפינען זיך און האָבען געגעבען אויס־דרוק צו זייערע ליידענשאַפטליכע געפילען אויף אַ זעהר אומאַנשטענדיגען אופן.

ווען די ערשטע פּאָאר מינוטען זיינען פאַריבער האָט הירקאַנאָס אַ פרעג געטאָן ביי זיין געליבטע :

— ווער איז דער מאַן ?

— דאָס איז מיין פרומער טאַטע — האָט מרים געענטפערט — מיט אַ פרעכען געלעכטער.

— זאָל גאָט'ס קללה פאַלען אויף דיין קאָפּ — האָט בילגה אַ מורמעל געטאָן מיט אַ שווערען אָטעם.

הירקאַנאָס איז דערווייל צוגעגאַנגען צו בילגה'ן און אויסשטרעקענדיג די האַנט צו איהם האָט ער אַ זאָג געטאָן :

— דו ביזט אַ גליקליכער פאָטער מיט אַזאַ טאָכטער ווי מאַריאַמאַ איז... איך שווער ביים גרויסען גאָט אפּאָלאָ אַז דיין טאָכטער וועט אמאָל טראָגען אַ קרוין אויפ'ן קאָפּ.

— אַ קרוין פון דערנער וועט זי טראָגען — האָט בילגה אויסגעשריען און געקריצט מיט די ציינער.

— פאַרוואָס ביזטו אין כעס אויף אַזאַ שעהנע טאָכטער? — האָט הירקאַ־טאָס זיך געוואונדערט.

— ווייל איך בין נישט אזוי פרום ווי ער — האָט מרים שנעל פאַרכאַפּט.

הירקאַטאָס האָט פאַרשטאַנען אַז צווישען פאָטער און טאָכטער קומט פאָר אַ קריג, צוליעב וואָס? דאָס האָט ער נישט געקענט באגרייפען אויפן ערשטען מאָמענט.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און הירקאַטאָס האָט גלייך געגעבען אַ באפעל אז מען זאָל שוין באפרייען די צוויי ארעסטאנטען.

אַזוי שנעל ווי מען האָט זיי ארויסגעלאָזען פריי האָט הירקאַטאָס מיט־גענומען מיט זיך זיין געליבטע צו זיין געצעלט נעבען דעם ציטאַדעל, און דער באַטריבטער פאָטער, דער כהן בילגה, איז באַלד אוועקגעלאָפען צו זיין פריינט מתתיהו דער חשמונאי, וועלכער איז דאַמאָלס געווען אין ירושלים, און ער האָט איהם דערצעהלט פון זיין נייען אומגליק.

---

אין דער זעלבער נאַכט איז פאָרגעקומען די צווייטע באַגעגעניש צווי־שען דעם גענעראַל הילעאָדאָרוס מיטן כהן גדול חוניו. די ערשטע באַגעגע־ניש איז פאָרגעקומען אין דעם פריהמאָרגען ווען הילעאָדאָרוס איז אָנגעקומען מיט זיין סוויטע אין בית־המקדש און איז פאָרגעשטעלט געוואָרען ביי מתתיהו פאַר'ן כהן גדול, וועלכער איז דאמאָלסט געשטאַנען אויפן מזבח און געטאָן די עבודה. הילעאָדאָרוס האָט געוואָלט גלייך דורכפיהרען זיין מיסיע און שוין אָנהויבען אויסצוראַבירען די אוצרות פון בית־המקדש אָבער די אומ־דערוואַרטעטע, אויגען־פאַרבלענדעניגע, צערעמאָניעס וואָס ער האָט צוגעזעהן אויף דער „עזרה", האָבען איהם שטאַרק באאיינפלוסט אויף אזוי ווייט, אז ווען דער כהן גדול האָט געבעטען אָפּצולייגען זייער געשפּרעך אויף אַ צווייטען מאָל אין אָוונט, האָט הילעאָדאָרוס זיך נישט געקענט געגענשטעלען און ער האָט נאָכגעגעבען.

ווען עס איז געוואָרען אָוונט איז הילעאָדאָרוס אוועק צו דער הויז פון כהן גדול. מיט איהם זיינען מיטגעגאנגען אפּאָלאָניוס און נאָך עטליכע הויכע אָפיצירען. אלע זיינען געווען גוט באוואפענט.

הילעאָדאָרוס האָט פאַרלאַנגט אז אויך הירקאַטאָס זאָל מיטגעהן מיט איהם צום כהן גדול, אָבער הירקאַטאָס האָט פאַרטרויט זיין סוד צו זיין גענעראַל אַפּאָלאָניוס אַז ער איז גאָר אומגעריכטערהייט געהאָלפען געוואָרען און ווי

פון דאָס ניי אויפגעלעבט, ווייל זיין אַמאָליגע געליבטע מאַריאַמאַ געפינט זיך איצט אין זיין געצעלט... און דעריבער האָט ער פאַרלאַנגט פון אַפּאָלאָניוס׳ן אַז ער זאָל איהם פריי לאָזען היינטיגן אָווענט פון זיין פליכט אלס אָפּיצער.

אַפּאָלאָניוס האָט מיטגעפיהלט הירקאַנוס׳ס האַרץ... און ער האָט איהם פריי געלאָזען מיט׳ן באַדינג אַז ער, הירקאַנוס, זאָל פאַרהאַלטען מאַריאַמען ביי זיך כאָטש נאָך אויף אַ טאָג־צוויי כדי אַז ער, אַפּאָלאָניוס, זאָל אויך האָבען אַ געלעגענהייט זיך צו זעהן מיט דער שעהנהייט....

ווען היליאָדאָרוס מיט זיין סוויטע זיינען אָנגעקומען צום כהן גדול אין הויז, האָט ער שוין געטראָפען דאָרטען אויסער דעם כהן גדול מיט זיין הויז־געזינד, אויך מתתיהו׳ן מיט די צוויי אידישע חכמים יוסי בן יועזר און יוסי בן יוחנן.

די געסט זיינען אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס כבוד אָבער מיט אַ געדריקטע שטימונג.

מתתיהו האָט נישט פאַרלאָרען קיין צייט און האָט גלייך צוגעטראָטען צום ענין מיט גרויס ערנסטקייט. ער האָט אָנגעהויבען צו דערקלעהרען דעם גאַסט אַז די אוצרות פון בית־המקדש זיינען נישט נאָר הייליג ביים גאַנצען אידישען פאָלק, נאָר אויך זיינען זיי פון גרויס נויטווענדיגקייט:

— פיעלע פון די גאָלדענע און זילבערנע כלים וואָס מיר האָבען, זיינען אונז געשאָנקען געוואָרען אלס אויסדרוק פון רעספעקט, און פאַרעהרונג פון די באַבילאָנישע, מעדישע, און פערסישע קעניגע, וועלכע האָבען גוט פאַרשטאַנען די וויכטיגקייט פון אונזער רעליגיע און די הייליגקייט פון אונזער בית־המקדש. די געלדער וואָס מיר פאַרמאָגען זיינען צום גרעסטען טייל צדקה געלדער וואָס רייכע לייט געבען צו שטיצען די אָרעמע אידישע באַפעל־קערונג. פיעלע אלמנות און יתומים ווערען אויסגעהאַלטען מיט די געלדער, און אויב חלילה עס זאָל עפּעס געשעהן מיט די דאָזיגע פאָנדען, דאַן וועט אויסקומען אַז די אומגליקליכע אלמנות און יתומים זאָלען חלילה אויסגעהן פון הונגער.

היליאָדאָרוס האָט אויסגעהערט מתתיהו׳ס רייד און ער האָט אַ פרעג געטאָן:

— דענקט איהר נישט אַז די אידען זיינען שולדיג דעם איצטיגען קעניג אָפּצוצאָהלען דעם חוב וואָס זיין פאָטער, דער פאַרשטאָרבענער אַנטי־יאָכוס דער דריטער, האָט אייך געגעבען אין פאַרלויף פון זיין רעזשים.

— ער האָט אונז נישט געגעבען קיינע הלוואות — האָט מתתיהו שנעל געענטפערט און ערקלעהרט: — די שטיצע וואָס ער האָט אונז געגעבען

איז געווען בלויז א מתנה, ווייל ער האָט סימפּאַטיזירט מיט אונז אידען. מיר האָבען קיינמאָל ניט פאַרלאַנגט פון איהם קיין שטיצע, ער האָט עס געגעבען מיט זיין גוטען ווילען און עס וואָלט זיין אַ פאַרברעכען פון דעם איצטיגען קעניג צו וועלען גרינגשעצען די גוטע געפּהילען פון זיין פאָטער׳ס מתנה דורך דעם וואָס ער, דער זוהן, זאָל וועלען דאָס פאַרוואַנדלען אין אַ חוב אָפּצאָהלונג.

הילִיאָדאָרוס האָט זיך צעלאַכט און האָט אַ פרעג געטאָן.

— פון וואַנען ביזטו עס אזוי זיכער וואָס דער פאַרשטאָרבענער קעניג האָט געמיינט מיט זיין שטיצע צו די אידען?

— ווייל זייט דאָס אידיש פאָלק עקזיסטירט האָט נאָך נישט פּאַסירט, אז אונזער פאָלק, אלס א גאַנצעס, זאָל באָרגען געלט ביי אנדערע פעלקער— האָט מתתיהו געענטפערט.

— און וואָס איז וועגען דעם גרויסען פאַרמעגען וואָס דיין פאָלק האָט געבאָרגט ביי די עגיפּטער פונקט איידער זיי האָבען פאַרלאָזען עגיפּטען אונ־טער דער פיהרערשאַפט פון משה׳ן? — האָט הילִיאָדאָרוס צוריק געפרעגט מיט אַ שעלמישען שמייכעל.

— די דאָזיגע פראַגע — האָט מתתיהו געענטפערט — איז שוין גע־שטעלט געוואָרען פון די עגיפּטער געגען די אידען אין דער צייט פון אלעק־סאַנדער מוקדון, אָבער אונזער דאַמאָלסטדיגער פאַרשטעהער מיט׳ן נאָמען גביהה בן פּסיסא האָט זיי געגעבען דעם ריכטיגען ענטפער.

— און וואָס איז געווען זיין ענטפער? — האָט הילִיאָדאָרוס געוואָלט וויסען.

— כדי דו זאָלסט פאַרשטעהן ריכטיג דעם ענטפער, וועל איך דיר דערצעהלען די גאַנצע געשיכטע וואָס עס איז דאַמאָלסט פאָרגעקומען — האָט מתתיהו געענטפערט.

הילִיאָדאָרוס מיט זיין סוויטע זיינען געוואָרען פאַראינטערעסירט צו הערען די געשיכטע און מתתיהו האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען:

— ווען אלעקסאַנדער מוקדון האָט באַזיגט פּערסיע און האָט איבערגע־נומען אויך אונזער לאַנד, האָבען דאַמאָלסט אלע ארומיגע פעלקער, די שונאים פון די אידען, אַריינגעשיקט זייערע פאַרשטעהער צו אַלקעסאַנדער׳ן מיט אַ פאַרלאַנג אז ער זאָל זיין דער שופט צווישען זיי מיט די אידען.

— צום ערשטען זיינען געקומען די קינדער פון ישמעאל און האָבען פאָרגעלייגט זייער טענה פאַר׳ן קעניג. זיי האָבען זיך באַרופען אויף דער אידישער תורה וואו עס שטעהט געשריבען אַז ישמעאל איז געווען

דער עלטסטער זוהן פון אברהמ׳ען און אזוי ווי די זעלבע תורה זאָגט אז, "כאָטש דער מאן האָט פיינט זיין פרוי, און זיין זוהן פון איהר, דאָך טאָר ער נישט צונעמען די רעכט פון בכורה׳שאַפט פון זיין פאַרהאַסטען זוהן, נאָר ער מוז איהם אָפּשטעלען א דאָפּעלטען חלק ירושה מעהר ווי צו זיין אינגערען זוהן", דעריבער פאַרלאַנגען מיר אַז ארץ־ישראל, וועלכע איז געגעבען גע־וואָרען פון גאָט אלס א מתנה צו אברהמ׳ען זאָל באַלאַנגען צו ישמעאלס קינדער און ניט צו יצחקס.

דערויף האָט אָבער אונזער פאַרשטעהער גביהה בן פסיסא געענט־פערט: אז עס שטעהט אויסדריקליך אין אונזער תורה אז אברהם האָט גע־געבען מתנות צו אלע קינדער פון זיינע קעפּס ווייבער און ער האָט זיי אוועק־געשיקט פון זיך, אָבער צו יצחק׳ן האָט ער איבערגעגעבען גאָטס מתנה און אזוי ווי ער האָט עס אלעס געמאכט נאָך ביים לעבען דעריבער קענען די קינדער פון ישמעאל נישט האָבען מעהר קיינע טענות צו אונז.

נאָכדעם זיינען געקומען די כנענים מיט זייער טענה, זיי האָבען געזאָגט:

— די דאָזיגע לאַנד וואָס מען רופט מיט׳ן נאָמען כנען האָט באלאנגט צו אונזער פאָטער כנען, דער אייניקעל פון נח, און די אידען וועלכע שטאַמען גאָר פון שם, דער עלטסטער זוהן פון נח, האָבען צוגענומען אונזער לאַנד.

— דערויף האָט גביהה פון פסיסא געענטפערט — גוט, אויב איהר באַרופט זיך אויף דעם וואָס עס שטעהט אין דער אידישער תורה דאן מוזט איהר אויך צוגעבען אז איהר זייט שולדיג די אידען א גרויסען פארמעגען. ווייל עס שטעהט אין אונזער תורה אַז נח האָט געשאָלטען זיין אייניקעל כנען, ער האָט געזאָגט: „ארור כנען עבד עבדים יהיה לאחיו", דעריבער אויב די כנענים וועלען אָפּצאָהלען צום אידישען פאָלק די אלע געלדער וואָס עס קומט פון זיי צוליעב דעם וואָס זיי האָבען נישט געוואָלט זיין קיינע קנעכט צו אונז פאַר די אַלע יאָהרען פון כנען ביז איצט, דאָן וועלען מיר אָפּגעבען זייער לאַנד.....

— נאָכדעם זיינען געקומען די מצרים און האָבען געפאָדערט אַטוואָס:

— אזוי ווי עס שטעהט אין דער אידישער תורה אז ווען די אידען זיינען ארויס פון מצרים האָבען זיי אויסגעבאָרגט פון די עגיפּטער גאָלדענע און זילבערנע כלים, פילע קליידער און געלט, און אַזוי ווי זיי האָבען עס קיינמאָל נישט צוריקגעצאָהלט, דעריבער פאָדערען זיי דעם פארמעגען איצט.

— דארויף האָט גביהה בן פסיסא געענטפערט: גוט! מיר אידען וועלען אייך צוריקצאָהלען דעם פאַרמעגען נאָכדעם ווי איהר וועט פריהער אָפּצאָלען דעם גרויסען חוב וואָס עגיפּטען איז שולדיג צו די אידען. עס האָבען גע־

אַרבייט זעקס הונדערט טויזענד אידען אלס שטענדיגע שקלאַפען ביי די מצרים פאַר א צייט פון צוויי הונדערט מיט צעהן יאָהר. דער רעכענונג באַטרעפט ביי וואָסערע 46 ביליאָן שקלים, ווען מען זאָל אפילו רעכענען בלויז איין שקל א טאָג פער יעדען אידישען שקלאַף. דעריבער, אזוי שנעל ווי די עגיפּטער וועלען אָפּצאָהלען דאָס געלט וואָס עס קומט אונז פאַר אונזער שווע־רע ארבייט דאַן וועלען מיר צוריק אומקעהרען אונזער הלואה פון זיי....

— פאַרשטעהט זיך אַז דער קלוגער אַלעקסאַנדער מוקדון האָט דאַמאָלסט איינגעזעהן אז ניט נאָר האָבען די אידען דאָס רעכט צו באזיצען זייער לאַנד און זייער פאַרמעגען, נאָר עס קומט זיי נאָך ארויס א רעשט פון אלע אנדערע פעלקער וועלכע האָבען אימער געזוכט צו געניסען פון אונז וואָס מעהר, נישט באַצאָהלענדיג אונז קיין איין שקל דערפאַר.

היליאָדאָרוס האָט א שמייכעל געטאָן און שטילערהייט האָט ער אריינ־געשושקעט אין אויער פון אַפּאָלאָניוס׳ן וועלכער איז געזעסען נעבען איהם:

— ווי עס ווייזט אויס וועלען מיר באַלד דאַרפען זיי צוצאָהלען...

— מאַך נישט קיינע צערעמאָניעס מיט זיי, נאָר קום ארויס מיט׳ן שטרענגען וואָרט אַז מען זאָל דיר שוין פיהרען צום בית־המקדש צום אוצר — האָט אפּאָלאָניוס צוריק אריינגעשושקעט אין אויער פון היליאָדאָרוס׳ן.

היליאָדאָרוס האָט זיך אויפגעשטעלט אויף זיינע פיס און האָט א זאָג געטאָן אין א פעסטע שטימע:

— נאָכדעם ווי איך האָב אויסגעהערט די רייד פון מתתיהו דער חשמונאי, בין איך באשלאָסען דורכצופירען מיין שליחות וואָס דער קעניג האָט מיר אָנפאַרטרויט, ווייל די שעהנסטע רייד קענען פאַרט ניט גוטמאַכען די נויטיגע צינזען וואָס אונזער קעניג דאַרף צאָהלען צו די רוימער זייט די פארשפּילטע מלחמה פון אונזער פאַריגען קעניג און....

— אויב דו האָסט צוטרוי צו אונז — האָט מתתיהו פלוצלונג איבער־געשלאָגען היליאָדאָרוסעס רייד — אויב דו האָסט צוטרוי, וועלען מיר אידען פּרובירען פאַרהאַנדלען מיט די רוימער אז זיי זאָלען פאַרקלענערען די צינזען אָדער גאָר אינגאנצען זיי שיינקען.

— אַזעלכע קינסטלער זייט איהר? — האָט אפּאָלאָניוס אויסגעשריען מיט כעס.

— מיר זיינען שוין פון לאנג צוריק באַשטימט געוואָרען אלס אן "עם חכם ונבון", א פאָלק פון חכמים און פאַרשטענדיגע — האָט רבי יוסי בן יועזר צוריק געענטפערט.

— אָט וועלען מיר טאקע באלד זעהן ווי גרויס אייער חכמה איז, ווען

מיר ווילען זיך אַ נעם טאָן דורכצופיהרען אונזער פּלאַן — האָט היליאָדאָרוס אויסגעשריען מיט היץ.

— צו דעם פּאָדערט זיך ניט קיין חכמה נאָר בלויז פיזישע שטאַרקייט — האָט רבי יוסי געזאָגט.

— ביסטו אויך אַזוי פאַר׳עקש׳נט אַזוי ווי דיינע פרעכע חברים? — האָט היליאָדאָרוס אויסגערופען צום כהן גדול.

דער כהן גדול האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעשטעלט אויף זיינע פיס און אויפהויבענדיג זיינע הענט און צומאַכענדיג זיינע אויגען, האָט ער אָנגע־הויבען זאָגען א שטילע תפלה.

היליאָדאָרוס איז געוואָרען אַ צוקאָכטער צוקוקענדיג וואָס דאָ קומט פאָר. ער האָט א געשריי געטאָן:

— איך פאַרלאַנג אז איהר אלע זאָלט שוין מיטגעהן מיט מיר אין בית־המקדש און עפענען אלע פאַרשלאָסענע קאָסטענס וואו עס ליגט די גאָלד און זילבער.

— איידער מיר געהען מיט דיר — האָט מתתיהו אויסגעשריהען מיט אַ צופלאַמטען פּנים — ווילען מיר דיר וואָרענען אַז דער אידישער גאָט איז א "קנא ונוקם", ער נעמט ראַכע פון דעם יעניגען וועלכער טוט שלעכטס זיין פאָלק.

— אונזער גאָט צעאוס וועט זיך שוין אויסגלייכען מיט אייער גאָט — האָט אַפּאָלאָניוס צוריק געענטפערט מיט אַ ביטערען געלעכטער . . .

— „יהי נועם ה׳ עלינו ומעשי ידינו כוננה עלינו״, זאָל די פריינט־ליכקייט פון גאָט אויף אונז רוהען און וואָס מיר ווילען טאָן מיט אונזערע הענט זאָל באגליקט ווערען — האָט דער כהן גדול געזאָגט מיט א בלאַסען פּנים.

— שנעלער קומט! — האָט היליאָדאָרוס א געשריי געטאָן.

— מיר וואָרענען דיר צום צווייטען מאָל אַז דער אידישער גאָט וועט נעמען ראַכע פון דיר — האָט מתתיהו אויסגערופען.

אפּאָלאָניוס האָט זיך שוין נישט געקענט באהערשען פון גרויס אויפ־רעגונג און איז האַסטיג צוגעטראָטען צו מתתיהו און געוואָלט ארויסכאַפּען זיין שווערד קעגען איהם, אָבער אין זעלבען מאָמענט האָט זיך די טיר געעפענט און איינער פון די חשובע כהנים איז אריינגעלאָפען מיט אַן אויסגעשריי:

— אישי, כהן גדול! גאָט האָט באַוויזען זיין וואונדער, עס האָט אויסגע־בראָכען אַ פייער נעבען דער פעסטונג און די גוים בראָטען זיך דאָרט.

אַפּאָלאָניוס, היליאָדאָרוס, און זייער גאַנצע סוויטע האָבען ניט פאַר־שטאַנען קיין איין וואָרט וואָס דער כהן האָט גערעדט אין העברעאיש, אָבער

זיי האָבען דערזעהן ווי פּנים׳ער פון די אידישע פאַרזאַמעלטע דאָ אין הויז זיינען געוואָרען אָנגעצונדען מיט א פריילינקייט.

— וואָס וויל דער איד? — האָט הילִיאָדאָרוס אויסגערופען מיט אַ באַפעהלערישע שטימע.

— ער האָט אונז אָנגעזאָגט אז דער אידישער גאָט האָט זיך שוין באוויזען עפענטליך — האָט מתתיהו געענטפערט מיט א פריילינכען שמייכעל.

הילִיאָדאָרוס און אַפּאָלאָניוס האָבען זיך ביידע איבערגעוואָרפען מיט געגענזייטיגע בליקען ווי זיי וואָלטען וועלען דערגרונטעווען ווער פון זיי קען בעסער פאַרשטעהן דעם קאָמישען ענטפער פון מתתיהו׳ן.

פּלוצלונג האָט אַפּאָלאָניוס אויסגעבראָכען אין א ווילדען געלעכטער און ער האָט א זאָג געטאָן:

— אויב אַזוי, אויב אייער גאָט האָט זיך שוין באַוויזען עפענטליך, דאַרפען מיר געהן וואָס שנעלער צום טעמפּעל און מיר וועלען זיך דאָרטען טרעפען מיט אייער גאָט....

גלייך נאָכדעם האָט הילִיאָדאָרוס באַפעהלען אז אלע זאָלען שוין אָנהויבען צו געהן.

די נאַכט איז געווען זעהר א פינסטערע און ווען הילִיאָדאָרוס, אַפּאָלאָניוס, און די עטליכע אָפיצערען זיינען אַרויס אין גאַס אין דער באַגלייטונג פון כהן גדול, מתתיהו, יוסי בן יועזר און יוסי בן יוחנן, האָט הילִיאָדאָרוס ניט געלאָזען אז די סאָלדאַטען־וואַך ארום זיי זאָלען אָנצינדען פאַקלען. ער האָט ניט געוואָלט אַז זייטיגע פאַרבייגעהער זאָלען באַמערקען זייער קאָמפּאַניע. מעגליך אַז דאָס וועט פאַראורזאַכען אַ פּאַניק צווישען די אידען און עס וועט קומען צו א געשלעג.

שטילשווייגענדיג זיינען זיי געגאַנגען דעם גאַנצען וועג ביז וואַנען זיי זיינען אָנגעקומען צום ערשטען אויסערליכען טויער פון בית־המקדש.

### קאַפּיטעל 14.

## מענעלאָסעס מערדערישער פּלאַן.

זייט מענעלאָס, דער מתיון און פריידענקער, האָט געהאַט דעם גע־שפּרעך מיט מתתיהון, און דער לעצטער האָט אים געוואָרענט אַז די חשמונאים פאַמיליע וועט נישט שווייגען אויף די פרעכע פאַרעטערישע מעשים פון די מתיונים, האָט מענעלאָס גוט פאַרשטאַנען אַז מתתיהו מיינט עס ערנסט, איבערהויפּט האָט מענעלאָס דעמאָלסט זיך שטאַרק דערשראָקען פאַר מתתיהון

ווען דער לעצטער האָט אים אַ זאָג געטאָן אַז מען ווייסט שוין אַז ליסימאַכוס, זיין ברודער, האָט דערמאָרדערט צוויי אידען.

מענעלאס איז באַלד אַנטלאָפען פון מתתיהון און האָט געשיקט רופען זיין ברודער צו זיך אַהיים.

ליסימאַכוס איז באַלד געקומען צולויפען צו זיין ברודער און עס איז פאַרפירט געוואָרען צווישען זיי דער דאָזיגער געשפּרעך:

— איך האָב געמיינט אַז צוזאַמען מיט דיין פיזישען כח פאַרמאָגסטו אויך אַביסעל שכל — האָט מענעלאָס אַ זאָג געטאָן צו זיין אינגערן ברודער מיט אַ גרימצאָרן.

— וואָס מיינסטו דערמיט? — האָט ליסימאַכוס געפרעגט.

— גאָר איינפאַך, דו ווייסט נישט ווי דורכצופירען דיין אַרבייט אַזוי, אַז עס זאָל נישט אַנטדעקט ווערען אין דער עפענטליכקייט.

— איך פאַרשטעה נאָך אַלץ ניט וועגען וואָס דו רעדסט — האָט ליסימאַכוס געזאָגט.

— אָט וועסטו שוין באַלד אַלעס פאַרשטעהן — האָט מענעלאָס געענט־פערט און צוגעגעבען:

— זאָלסט וויסען אַז מתתיהו דער חשמונאי ווייסט שוין פון דעם דאָ־פּעלטען מאָרד וואָס דו האָסט באַגאַנגען מיט עטליכע טעג צוריק.

— וואָס רעדסטו? ווי אַזוי? פון וואַנען? — האָט ליסימאַכוס אויס־געררופען אין גרויס שרעק.

— וואָס איז דיר דער אונטערשיד פון וואַנען ער ווייסט עס? דער עיקר איז דער פאַקט אַז ער ווייסט עס — האָט מענעלאָס אויסגערופען מיט כעס.

ליסימאַכוס איז געבליבען זיצען אַ פאַרציטערטער און מענעלאָס האָט ווייטער גערעדט:

— איצט, ברודערקע, האָב איך שטאַרק מורא אַז מתתיהו וועט דיך לאָזען אַרעסטירען.

— ער האָט דאָך נישט קיינע באַווייזע קעגען מיר — האָט ליסימאַכוס אָפּגעענטפערט.

— דו רעדסט ווי אַ נאַר — האָט מענעלאָס אַ געשריי געטאָן — מתתיהו מיט זיינע פינף זין וועלען שוין אויסזוכען גענוג באַווייזע קעגען דיר. פאַר־געס נישט אַז מתתיהו איז נישט נאָר דער גאַנצער רעדל־פירער ביי די חשמונאים, נאָר אויך איז ער דער הויפּט טאָן־געבער ביי דער סנהדרין און איצט, ווען דער נייער נשיא פון דער סנהדרין, יוסי בן יועזר, איז אַזאַ גוטער

פריינט מיט מתתיהון, איז ביי מיר גאָר קיין צווייפעל נישט אַז היינט־מאָרגען וועט מען דיך אַרעסטירען.

— איז וואָס זשע ראטסטו מיר צו טאָן? — האָט ליסימאַכוס געפרעגט מיט שרעק.

— פאַר דיר איז בלויז פאַראַן איין עצה, דו מוזט אַנטלויפען פון ירושלים. אפשר דורך דער צייט וועט דער כיטרער יאָזאָן דורכפירען זיין פּלאַן און וועט ווערען דער כהן גדול, אָנשטאָט זיין ברודער, דאן וועלען מיר קענען צעפירען אונזערע הענט און דו וועסט שוין ניט דאַרפען מעהר מורא האָבען פאַר קיינעם.

ליסימאַכוס האָט פּרובירט זיך קווינקלען אויף זיין ברודערס עצה, אָבער צום סוף האָט ער איינגעזעהן אַז ער האָט נישט קיין אַנדער אויסוועג.

— איך וויל אָבער פריהער נעמען ראַכע פון מתתיהו׳ן וואָס צוליב איהם מוז איך איצט אַנטלויפען פון שטאָט — האָט ליסימאַכוס אויסגערופען מיט כעס.

— איך וויל עס אויך, אָבער ווי אַזוי קענסטו עס אויספירען ? — האָט מענעלאָס געפרעגט.

ליסימאַכוס האָט זיך פאַרטראַכט פאַר אַ ווייל'ע. ער האָט געזוכט מיטלען ווי אַזוי צו נעמען ראַכע אָבער קיינע ריכטיגע זיכערע מיטלען האָט ער נישט געקענט געפינען.

מיטאָמאָל האָט מענעלאָס אויסגערופען:

— הער מיך אויס, ליסימאַכוס! מיר קענען גאָר נישט טראַכטען וועגען דירעקטע ראַכע פון די חשמונאים כל זמן אין ירושלים געפינען זיך אַזוי פיל פרומע אידען און דער כהן גדול איז חוניו. אָבער מיר קענען אויף אַן אומדירעקטען אופן זיי אָנטאָן פיל צרות. שטעל זיך פאָר אַז חוניו דער כהן גדול האָט אַן אייגענעם ברודער יאזאָן אַלס זיין געגנער, און דער בייער נשיא פון דער סנהדרין האָט אַ שוועסטערס אַ זון אַלס זיין געגנער, דאַן זיינען מיר שוין נישט ווייט פון אַ זיעג איבער זיי . . .

— דו מיינסט אודאי אלקימוסן, אָדער ווי מען רופט אים "יקום איש צרורות", — האָט ליסימאַכוס צוגעגעבען.

— נו געוויס! — האָט מענעלאָס געענטפערט מיט אַ שמייכעל — דער דאָזיגער אלקימוס וועט שוין אַכטונג געבען אויף זיין אָנקעל יוסי בן יועזר אַז ער זאָל נישט קענען דייטעוועוען פריי אין דער סנהדרין, פונקט ווי יאָזאָן גיט אַכטונג אויף זיין ברודער חוניו דעם כהן גדול.

ביידע ברידער האָבען זיך צעלאַכט. עס האָט זיי הנאה געטאָן וואָס זיי האָבען מיט זיך אַזעלכע צוויי "חברה" פון "הויכען פאַן". . . .

ליסימאַכוס האָט געפּאַלגט זיין ברודער און איז אַנטלאָפן פון ירושלים. ער איז אָבער נישט געזעסן ליידיג. ער האָט אָפּגערייזט נאָך אַנטיוכיע און באַקומען צוטריט צום קעניג סעלעקוס און אַזוי אַרום האָט ער, אין פאַר־לויף פון עטלעכע מאָנאַטן, אויספּייעט צו בעאיינפלוסן דעם קעניג אַז ער זאָל שיקען אַן אַרמיי צו באַרויבען די אוצרות פון בית־המקדש.

דורך דער צייט האָט מענעלאָס אויסגעפונען אַז זיין געליבטע מרים, די טאָכטער פון בילגה דער כהן, איז צוגעכאַפּט געוואָרען פון יהודה דעם חשמונאי צו אים אהיים.

פאַרשטעהט זיך אַז מענעלאָס האָט געברענט מיט רציחה אויף יהודהן, אָבער ער האָט גאָר נישט געקענט אויפטאָן. אָבער אַזוי שנעל ווי הילאָדאָרוס מיט זיין אַרמיי זיינען אָנגעקומען אין עכו און יאַזאָן האָט מיטגערופען מע־נעלאָס׳ן פאַר אַ באַראַטונג מיט הילאָדאָרוס׳ן איידער ער קומט אַריין אין ירושלים, דאַן איז מענעלאָס געוואויר געוואָרען פון דעם אָפּיציר היראָטאָס אַז מרים איז שוין געוועזן כמעט אין זיינע הענט ווען ער האָט געשיקט יאַזאָנען מיט פינף סאָלדאַטען איהר צו ברענגען צו זיך, נאָר פּלוצלינג איז אָנגעקומען עפּעס אַ פאַלשער אָפּיצער מיטן פאַלשען נאָמען גאַרניקוס און ער האָט איר צוגעכאַפּט פון אונטער די הענט און, אַזוי ווי אין וואַסער אַריין, מרים איז פאַרשוואונדען.

מענעלאָס האָט שוין איצט פאַרשטאַנען ווער דער, אַזוי גערופענער, גאַרניקוס איז געווען. ער האָט דאָך שוין געוואוסט אַז מרים געפינט זיך אין מודעין ביי דער חשמונאים פאַמיליע אין הויז. געוויס איז עס דאמאָלסט געווען יהודה וועלכער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ גארניקוס און האָט איר צוגעכאַפּט, מסתמא איז ער אַליין פאַרליבט אין איר. . . .

אין מענעלאָסן האָט געברענט אַ העלישער פייער פון אייפערזוכט. אַמאָל האָט ער געהאַסט היראָטאָסן דעם גריכישען אָפיצער, וועלכער איז גע־ווען מרים׳ס ערשטער געליבטער, נאָכהער האָט ער געהאַט אַ קריג מיט יאַזאָנען, ווייל לויט די ווערטער פון מתתיהון האָט עס געהייסען אַז יאַזאָן ליבט זיך גאָר אין מרים׳ען, אָבער יאַזאָן האָט איהם, מענעלאָס׳ן, געגעבען זיין ערענוואָרט . . . אַז ער טראַכט גאָר נישט פון מרים׳ען, און איצט, ווייזט אויס אַז יהודה דער חשמונאי האָט זיי אַלעמען אויסגעלאַכט און אַריינגעכאַפּט זיין געליבטער מיטביידע הענט צו זיך אין הויז . . .

מענעלאָס האָט זיך פאַרלייגט מיט אַלע כיטרע מיטלען אַרויסצובאַקומען זיין מרימען פון יהודה׳ס הענט, אָבער עס האָט איהם נישט באַגליקט, ווייל מרים איז געווען אונטער אַ שטרענגע וואַך ביי די חשמונאים אין הויז.

מענעלאָס האָט אָבער ניט אויפגעגעבען זיין האָפענונג. ער האָט אָנגע־שטעלט עטלעכע פון זיינע וואוילע יונגען אז מען זאָל גוט אַכטונג געבען אויף מרימען אויב נאָר זי וועט זיך אַמאָל באוויזען איינע אַליין אויסער דאָס הויז.

אַזוי זיינען פאַראיבער עטליכע מאָנאַטען און פלוצלונג האָט מענעלאָס זיך דערוואוסט אַז היינט פאַרנאַכט האָבען די סאָלדאַטען געכאַפּט דעם כהן בילגה מיט זיין טאָכטער מרים ווען זיי זיינען אַנגעקומען נעבען דעם טויער פון ירושלים.

מענעלאָס איז באַלד אַוועקגעלאָפען אין ציטאַדעל און האָט אויסגעפונען אַז היראָטאָס דער אָפיצער האָט שוין צוגענומען מרימען צו זיך אין געצעלט.....

פאַרשטעהט זיך אַז מענעלאָס האָט געברענט מיט רציחה; אַזאַ מציאָה, אויף וועלכע ער לויערט שוין אַזוי לאַנג, זאָל גאָר פלוצלונג אַריינפאַלען צו היראָטאָס'ן...

— ניין! איך וועל עס נישט דערלאָזען! האָט מענעלאָס אויסגעשריען מיט שטורעם צו זיינע עטליכע געשוואָרענע יונגען — מיר מוזען אָנווענדען די שאַרפסטע מיטלען כדי וואָס שנעלער אַרויסצוכאַפּען מרימען פון היראָ־טאָסעס געצעלט.

מענעלאָס האָט דערקלערט צו זיינע יונגען אַז גראַדע איצט, ווען גאַנץ ירושלים איז פאַרנומען מיט'ן טומעל פון היליאָדאָרוסעס רויב־שליחות, איז די בעסטע צייט זיך אַ נעם צו טאָן צו היראָטאָס'ן...

אין אַ קורצע ווײַלע שפּעטער האָבען די יונגען שוין געוואוסט קלאָר וואָס זיי האָבען צו טאָן; מענעלאָס האָט זיי דערקלערט זיין פלאַן אָט וואָס:

— די נאַכט פאַלט־צו, עס איז פינסטער איבעראַל. דער כהן גדול מיט זיין באַנדע זיינען פאַרנומען מיט היליאָדאָרוס'ן. היליאָדאָרוס מיט זיינע אָפיצערען זיינען איצט אַוועק צום כהן גדול אין הויז פאַר אַ וויזיט. די סאָל־דאַטען אין ציטאַדעל שכור'ען, די סאָלדאַטען אין די געצעלטען שלאָפען גאַנץ געשמאַק. נעמט מיט זיך עטליכע קריגלעך בוימעל און מאַכט אַ פייער צווישען די געצעלטען, אָבער דער עיקר זאָלט איר זעהן אַז היראָטאָסעס געצעלט זאָל זיין דער ערשטער, און אַזוי שנעל ווי איר וועט באַגיסען די געצעלטען מיטן בוימעל, נאָך איידער איר וועט זיי אונטערצינדען, זאָלט איר באַפאַלען היראָטאָסעס געצעלט און אַרויסנעמען מרימען.

— ווי וועט אָבער זיין אויב היראָטאָס וועט נישט וועלען בלייבען אין געצעלט און וואַרטען ביז מיר וועלען עס נאַכהער אונטערצינדען — האָט איינער פון די יונגען אַ פרעג געטאָן.

דו גרויסער נאַר! — האָט מענעלאָס זיך צעלאַכט — ווייסטו דען ניט וואָס דו האָסט צו טאָן? אַזוי שנעל ווי דריי פון אייך וועלען אריינקומען צו היראָטאָסען אין געצעלט, זאָל איינער פון אייך אַ נעם טאָן מרים׳ען און צוויי פון אייך זאָלען גלייך אריינרוקען די שווערדלעך אין היראָטאָסעס האַרצען און איהם מאַכען שטיל... נאָכהער וועלען די צוויי ארויסגעהן און מאַכען דעם פייער. ווען היראָטאָס וועט שוין זיין אָפּגעברענט וועט קיינעם נישט איינפאַלען אַז מען האָט איהם פריהער דערשטאָכען....

די יונגען האָבען צוגעשאָקעלט מיט זייערע קעפּ אלס צייכען אַז זיי ווייסען שוין אויף זיכער ווי צו האַנדלען.

מענעלאָס האָט זיי אויך אָנגעזאָגט אַז מרים טאָר גאַרנישט וויסען ווער זיי זיינען און ווער עס האָט זיי אריינגעשיקט צו היראָטאָסען אין געצעלט. זיי דאַרפען נאָר איהר ארויסכאַפּען פון געצעלט און אַנטלויפען מיט איהר ביז דעם טאָל „קדרון" און דאָרטען וועט מענעלאָס פלוצלונג אָנקומען רייטענדיג אויף זיין פערד און ער וועט מכלומרשט פאַרפיהרען מיט זיי א געשלעג אום צוראַטעווען די אידישע מיידעל....

— געדענקט! — האָט מענעלאָס אויסגערופען מיט א געלעכטער — איהר דאַרפט שפּיעלען די ראָלע אַלס אַ באַנדע רויבער פון די בערג . . . איהר זייט באַפאַלען די גריכישע געצעלטען און צוגעכאַפּט דאָס מיידעל אום צו פארקויפען איהר פאר א שקלאַפין, און איך בין מענעלאָס דער כהן פון ירושלים . . . איך וועל אייך אָנבאָטען צו בעצאָלען אויסלייז געלט פאר איהר און איהר וועט נישט וועלען, דאַן וועל איך ארויסציהען מיין שווערד און צוויי פון אייך וועלען אַנטלויפען פאַר שרעק, מיט דעם דריטען, דעם העלד, וועל איך זיך שלאָגען ביז וואַנען ער וועט פאַלען אַ פאַרוואונדעטער און דאַן וועל איך צונעמען דאָס מיידעל און אַנטלויפען מיט איהר... פאַרשטאַנען?

— איך וויל נישט זיין דער דריטער צו ווערען פאַרוואונדעט... — האָט איינער פון די דריי אויסגערופען.

— איך אויך נישט... — האָט דער צווייטער א זאָג געטאָן.

— און דו? — האָט מענעלאָס א פרעג געטאָן מיט א שמייכעל צום דריטען.

אויב איך זאָל עפּעס באַקומען דערפאַר, לוינט זיך, — האָט דער דריי־טער געענטפערט.

— גוט! דו וועסט באַקומען פופציק שקלים — האָט מענעלאָס געענטפערט.

אויב אזוי, ווייל איך עס בעסער! — האָבען די צוויי אַנדערע אויסגע־שריען ביידע מיטאמאָל.

— פאַרפאַלען! דאָס בלייבט שוין פאַר׳ן דריטען — האָט מענעלאָס געענטפערט מיט א שמייכעל.

## קאַפּיטעל 15
# היליאָדאָרוס באַקומט מיסטעריעזע קלעפּ אין בית־המקדש.

שטיל און פינסטער איז יענע נאַכט געווען אין ירושלים. די הערצער פון אַלע אידען זיינען געווען אָנגעפילט מיט גרויס שרעק און מיסטעריעזע געפילען. אלע האָבען געוואוסט אז דער רשע היליאָדאָרוס מיט זיין סוויטע פון גענעראַלען און אָפיצירען געפינען זיך איצט, אָדער ביים כהן גדול אין הויז אָדער זיי זיינען שוין אין בית־המקדש צו באַרויבען די אוצרות.

די שטימונג איז געווען זעהר אַ געדריקטע, יעדער איינער האָט גע־וואונטשען אז היליאָדאָרוס זאָל באַקומען א מפּלה. גאָטס וואונדער זאָל זיך אַנטפּלעקען און זאָלען אלע שונאי ישראל וויסען אז דער אידישער פאָלק האָט ווער עס זאָל זיך אָננעהמען פאַר איהם. אז המן האָט געקענט פאַלען, קען היליאָדאָרוס געוויס פאַלען. אז בלשצר, דער באַבילאָנישער קעניג, האָט געקענט כאַפּען אַ מפּלה, קען דער רשע היליאָדאָרוס געוויס ווערען אַש און בלאָטע אין איין מינוט.

— אוי, זיסער טאַטע אין הימעל! — האָט איינער, אַן עלטערער איד, אויסגערופען זיצענדיג ביי זיך אין הויז איבערגעבויגען איבער׳ן תנ״ך — „שפוך חמתך אל הגוים“, גיס אויס דיין צאָרן אויף די געצענדינער און וויז זיי ״כי לא אלמן ישראל״, אז דאָס אידישע פאָלק איז נישט הפקר. מען קען אונז ניט באַזיגען מיט׳ן שווערד און שפּיז. העלף אונז!

אַט אַזעלכע פּריוואטע תפילות זיינען יענע נאַכט געפּראַוועט געוואָרען אין פילע אידישע הייזער אין ירושלים. אַלעמענס הערצער זיינען געווען פאַרנומען מיט׳ן זעלבען איינציגען באַגעהר אַז היליאָדאָרוס זאָל כאַפּען א מפּלה.

פאַרשטעהט זיך, אז פילע אידישע יונגעלייט האָבען פּרובירט אַרויס־צוגעהן אין גאַס אום צו כאַפּען אַ קוק און הערען עפּעס נייעס: צי איז שוין היליאָדאָרוס געווען ביים כהן גדול? און אויב יאָ, וואָס האָט ער באַשלאָסען? געהט ער טאַקע צום בית־המקדש צי נישט? אָבער ווי עס האָט זיך אַרויס־

געוויזען, האָט מתתיהו החשמונאי שוין אלעס געהאַט באַזאָרגט באַצייטענס. ער האָט אַנגעשטעלט עטליכע הונדערט כהנים און לויים אז זיי זאָלען גוט אַכטונג געבען אויף אלעמען אום עס זאָל ניט קומען צו קיינע גאַסען דעמאָנסטראַציעס. מתתיהו האָט נישט געוואָלט געבען דעם שונא קיין אויסרייד צו בלוט פאַרגיסונג און דעריבער האָט ער באַשטימט זיינע צוויי זיהן יהודה און יונתן אז זיי זאָלען ארומרייטען איבער די גאַסען און אַכטונג געבען אַז די עטליכע הונדערט כהנים, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרען צו היטען די אָרדענונג, זאָלען יענע נאַכט נישט דערלאָזען קיין אידען ארויס־צוקומען אין די גאַסען.

אָבער ווען עס האָט אויסגעבראָכען דער, ווי פון הימעל אראָפּגעשיקטער, פייער אין די געצעלטען נעבען דעם ציטאַדעל, האָבען פיעל אידען זיך גענומען אמפּערען און רייסען צו לויפען אַהין. דאָך האָט יהודה אוספּייעט צו פאַרטרייבען די ערשטע נייגעריגע מענטשען צוריק אין זייערע הייזער.

— היינט איז א „ליל שמורים״ ביי אונז ווייל עס איז אויך א „ליל שמורים״ ביי גאָט! — האָט יהודה אויסגעשריען צו די ערשטע פּאָאר צעהנדליג אידישע לויפערס — געהט אריין צוריק אין אייערע הייזער און גיט ניט דעם שונא קיין אויסרייד פאר וויטערע צרות. אונזער גאָט וואַכט איבער אונז.

פאַרשטעהט זיך, אז פילע היץ־קעפּ, פון דער אידישער יוגענט, האָבען נישט געוואָלט נאָכגעבען, אָבער יהודה האָט באַוויזען אז ער איז באַלעבאָס. די כהנים, מיט זייערע שווערדלאך אונטער די קליידער, האָבען שנעל פאַרטריבען אלעמען צוריק אין די הייזער און עס איז ווידער געוואָרען שטיל.

און פונקט ווי יהודה, מיט דער הילף פון הונדערטע כהנים וועלכע זיינען געווען צושטעלט אין פאַרשידענע גאַסען, האָט אַכטונג געגעבען איבער איין העלפט פון דער שטאָט, אזוי האָט אויך יונתן זיין ברודער ארומגעריטען אויף זיין פערד און געגעבען באפעלען צו די הונדערטע לויים וועלכע זיינען געווען צושטעלט אין די פאַרשידענע גאַסען פון דער צווייטער האַלבער שטאָדט.

פון צייט צו צייט האָבען ביידע ברידער זיך צוזאַמענגעטראָפען און האָבען געכאַפּט א קורצען שמועס צווישען זיך וועגען זייער געמיינשאַפטליכער ארבייט.

— לאַנג לעבען זאָל אונזער פאָטער פאר זיינע ענערגישע טעטיגקייטען — האָט יהודה אויסגערופען מיט גרויס פרייד — ווען ניט אונזער פאָטער וואָלטען מיר נישט געקענט באַקומען די דערלויבעניש ארומצורייטען איצט איבער׳ן שטאָדט.

— יאָ, אלעס פיין און גוט, אָבער ביז ווי לאַנג וועלען מיר גאָר אין־

גאַנצען מוזען בלייבען אָפּהענגיג אָן די גויאישע הערשער מיט זייערע דערלוי־בענישען ? — האָט יונתן אָפּגעזיפצט.

— שוין ! שוין נישט ווייט צו אונזער הילף — האָט יהודה געענטפערט — זאָלסט וויסען, ברודער, אַז וואָס ערגער עס ווערט די לאַגע אַלץ נעהענטער קומען מיר צו דער גאולה. פונקט ווי די לעצטע מינוטען פאַר'ן פריהמאָרגען ליכט, אזוי איז אונזער לאַגע איצט, עס וועט באַלד ווערען שטאַרק ליכטיג.

— הלואי ! — האָט יונתן צוגעגעבען, און ביידע ברידער האָבען ווידער אָפּגעריטען איינער פון צווייטען צו זייערע באַזונדערע פּאָסטענס אויף דער וואַך.

---

ווען הילִיאָדאָרוס מיט זיינע באַגלייטערס, ווי אויך דער כהן גדול מיט מתתיהון און די צוויי אידישע פּאָשטעהערס פון דער סנהדרין, זיינען אָנגעקומען צום טויער פון בית המקדש, האָט הילִיאָדאָרוס געהייסען דעם כהן גדול עפענען דעם טויער.

— איידער איך עפען דעם טויער וויל איך דיר בעטען אז קיינער, אויסער דו און איך, זאָלען ניט וואגען אריינצוגעהן דורכ'ן טויער — האָט דער כהן גדול געבעטען.

— דאָס וועסטו ניט פועל'ן ביי מיר — האָט הילִיאָדאָרוס א געשריי געטאָן. — איך האָב אַ רעכט מיטצונעמען מיט מיר וועמען איך וויל.

— דו זעהסט דאָך אָבער אז אויך מיינע באַגלייטערס פאַרבלייבען דאָ שטעהן, טאָ וואָס זשע האָסטו מורא פאַר מיר ? איך טראָג דאָך נישט קיין געוועהר ביי זיך.

— איך וויל נישט מעהר הערען קיין וואָרט פון דיר ! — האָט הילִיאָדאָרוס אויסגערופען מיט רוגזה — עפען דעם טויער !

דער כהן גדול האָט לאַנגזאַם ארויסגענומען דעם שווערען שליסעל און האָט עס אריינגעשטעקט אין דעם שלאָס פון טויער מורמלענדיג דערביי :

— „פתח שערי שמים לתפלתנו”. אָ, גאָט, עפען פאַר אונז די הימלישע טויערען פאַר אונזער תפלה.

— וואָס מורמעלסטו ? וואָס דויערט עס אַזוי לאַנג ? האָט אפּאָלאָניוס א געשריי געטאָן און האָט האַסטיג אַליין אויפגעשלאָסען דעם טויער און הילִיאָדאָרוס מיט זיין סוויטע האָבען זיך גלייך א שפּאַר געטאָן און אריין אינעווייניג.

מתתיהו מיט די צוויי חכמים ווי אויך דער כהן גדול זיינען געבליבען שטעהן פון דער צווייטער זייט טויער.

— װארום געהסטו נישט מיט אונז? — האָט הילּיאָדאָרוס אַ געשריי געטאָן צום כהן גדול.

— איך האָב דיר שוין דערקלעהרט פריהער, אז נאָר איך און דו װעלען אריינגעהן אינעװייניג אָבער אויב דו נעמסט מיט דיין סוויטע קען איך ניט געהן.

װעל איך דיר צווינגען דערצו — האָט הילּיאָדאָרוס אויסגעשריען מיט א שוים אויף זיינע ליפּען.

— דו קענסט מיך הרג׳ענען אָבער נישט מאַכען צו געהן געגען מיין װילען — האָט דער כהן גדול געענטפערט מיט א פעסטע שטימע.

הילּיאָדאָרוס איז געבליבען שטעהן אין א פאַרלעגענהייט. אמת, ער קען זעהר לייכט הרג׳ענען דעם כהן גדול און אליין געהן מיט די שליסלען צו די אוצרות אָבער דאַן װעט דאָך װערען א צו גרויסער טומעל אין שטאָדט; די אידען װעלען דאָך מאַכען אַן איבערפאַל, און צו דעם איז ער נאָך נישט צוגעגרייט. און דערצו װעט ער סיי װי סיי נישט װיסען װי צו געברויכען די שליסלען פאַר די אוצרות. ניין עס טויג נישט. מען מוז באַװעגען דעם כהן גדול מיט גוטען אז ער זאָל מיטגעהן.

— אויב אזוי װעל איך נאָר מיטנעמען מיין גוטען פריינט אפּאָלאָניוסן מיט זיך — האָט הילּיאָדאָרוס געזומען נאָכגעבען.

— קיינעם נישט! — האָט דער כהן גדול געענטפערט מיט א רוהיגע שטימע.

הילּיאָדאָרוס האָט זיך שטילערהייט איבערגעשמועסט מיט אפּאָלאָ־ניוס׳ן און אין אַ װיילע שפּעטער האָט ער נאָכגעגעבען אויך דאָס.

אפּאָלאָניוס מיט די אַנדערע אָפיצערען זיינען געבליבען שטעהן ביים טויער צוזאַמען מיט מתתיהו׳ן און די צװיי אידישע חכמים. מען האָט פריהער גוט באַזוכט דעם כהן גדול אויב ער האָט ניט ביי זיך קיין באַהאַלטענע געװער און דאַן האָט מען איהם אַריינגעלאָזען דורכ׳ן טויער.

ביידע געגענזייטיגע שונאים, הילּיאָדאָרוס מיט׳ן כהן גדול זיינען פאַר־שװאונדען געװאָרען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט.

װען ביידע זיינען צוגעקומען צום „היכל״ האָט הילּיאָדאָרוס אַ זאָג געטאָן צום כהן גדול:

— האָסטו ליכט? מיר קענען דאָך ניט אַריינגעהן אין דער פינסטער.

— די אידישע ליכט װערט קיינמאָל נישט אויסגעלאָשען — האָט דער כהן גדול געענטפערט.

— עס איז דאָך אָבער פינסטער, מען זעהט דאָך ניט צו מאַכען קיין איין איינציגען שריט — האָט הילי‌אָדאָרוס ווידער געפרעגט.

— באַלד וועסטו זעהן אונזער געטליכע ליכט — האָט דער כהן גדול געענטפערט מיט אַ שמייכעל און האָט שנעל אויפגעשלאָסען די טיר פון ערשטען טייל פון „היכל״.

הילי‌אָדאָרוס איז געבליבען שטעהן אַ פאַרגאַפטער. פאַר זיינע אויגען האָט אַ שיין געטאָן די ליכטיגקייט פון די זיבען ליכט פון דער גאָלדענער מנורה, וועלכע איז געשטאַנען אין דרום זייט פון „היכל״, פונקט אַנטקעגען דעם גאָלדענעם טיש, וועלכער איז געשטאַנען אין צפון זייט און אויף וועלכען עס זיינען געלעגען פראַכטפולע פריש געבאַקענע חלות פון וועלכע עס האָט געשמעקט אַ זעהר אנגענעהמער ריח.

— ווער איז דאָרטען פאַראַן אינוועניג? — האָט הילי‌אָדאָרוס אַ פרעג געטאָן מיט אַ באַהאַלטענעם שרעק.

— דער גאָט פון ישראל רוהט אין דעם בית־המקדש — האָט דער כהן גדול געענטפערט.

הילי‌אָדאָרוס האָט זיך פאַרטראַכט: ווער ווייסט צי מען האָט נישט צוגעגרייט עפּעס אַ פאַסטקע פאַר איהם? מעגליך אַז עס געפינען זיך דאָ פילע אידען וועלכע וואַרטען דאָ אויף איהם. עס האָט איהם שוין פאַר־דראָסען ווארום ער האָט נאָכגעגעבען און ניט מיטגענומען זיינע אָפיצירען מיט זיך.

— ווילסטו נאָך אַלץ אַריינגעהן? האָט דער כהן גדול אַ פרעג געטאָן מיט אַ שטרענגע שטימע.

הילי‌אָדאָרוס האָט לייכט אַ ציטער געטאָן. עפּעס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז נישט דער כהן גדול רעדט עס, נאָר אימיצער אַנדערש פרעגט עס איהם.

— קום מיט מיר! — האָט הילי‌אָדאָרוס געענטפערט מיט שרעק.
דער כהן גדול איז אַריין פאָראויס און נאָך איהם הילי‌אָדאָרוס.

— וואָס איז דאָס? — האָט הילי‌אָדאָרוס אַ שעפּטשע געטאָן צום כהן גדול, אָנצייגענדיג מיט׳ן פינגער אויף דעם גאָלדענעם מזבח.

— אויף דעם מזבח ווערען אויסגערויכערט די הייליגע געווירצען — האָט דער כהן גדול געענטפערט.

— און וואָס איז דאָרטען אונטער׳ן פאָרהאַנג? האָט הילי‌אָדאָרוס ווידער געפרעגט.

— אונטער׳ן פאַרהאַנג געפינט זיך די אָפּטיילונג וואָס רופט זיך „קודש הקדשים״, דאָס „הייליגסטע פון אַלע הייליגע״. דאָס איז דער צימער, וואו עס שטעהט בלויז איין הייליגער ארון אין וועלכען עס ליגען די טאַבלעטס מיט די צעהן געבאָט, וואָס גאָט האָט געגעבען צו משה׳ן אויפ׳ן באַרג סיני.

— קום אַריין מיט מיר דאָרטען — האָט היליאָדאָרוס אַ זאָג געטאָן.

— ניין! — האָט דער כהן גדול אַ געשריי געטאָן און זיין שטימע האָט אָפּגעקלונגען אין דעם פאָדערשטען טייל פון „היכל״ אַזוי ווי אַ לייבען־ברום.

— פאַרוואָס ניט? — האָט היליאָדאָרוס געפרעגט.

— ווייל אַהינצו טאָר קיינער נישט אַריינגעהן! קיינמאָל נישט! אויסער דער כהן גדול נאָר איין טאָג אין יאָהר, אום יום כפור.

היליאָדאָרוס האָט זיך פאַרטראַכט: ווייזט אויס אַז דאָרטען מוזען שטעהן די קאַסטענס מיט גאָלד און זילבער . . . אַהאַ! די אידען ווייסען שוין וואו צו באַהאַלטען זייער פארמעגען . . .

דער לוסט נאָך גאָלד האָט זיך צופלאַקערט אין היליאָדאָרוס׳עס הארץ. אָט שטעהט ער נעבען אַזאַ גרויסען פאַרמעגען וואָס לויט ווי יאַזאָן, מענעלאָס אַפּאָלאָניוס, היראַטאָס און אויך ליסימאַכוס האָבען איהם דערצעהלט, וועט עס קלעקען נישט נאָר צו באַצאָהלען צו די רוימער אַלע צינזען מיט אמאָל, נאָר אויך וועט עס קלעקען צו מאַכען רייך די סירישע מלוכה.

וואָס לענגער היליאָדאָרוס איז געשטאַנען און געקוקט מיט זשעדנע אויגען אויפ׳ן לאַנגען און ברייטען בלויען „פרוכת״, וועלכער האָט אָפּגעצאַמט דעם „קודש הקדשים״ צימער פון דעם פאָדערשטען צימער, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרען זיין באַגעהר אריינצוגעהן אינוועניג.

— נו, וואָס שטעהסטו? — האָט היליאָדאָרוס אויסגערופען.

— נישט נאָר איך וועל אַהינצו ניט אַריינגעהן, נאָר איך ראָט דיר אויך, אַז דו זאָלסט נישט וואַגען אַריינצוגעהן אַהין — האָט דער כהן גדול געענטפערט.

— איך מוז דאָך אָבער ארויסנעהמען די אוצרות פון דאָרטען . . .

— דאָרטען זיינען נישט פאַראַן קיינע אוצרות — האָט דער כהן גדול געענטפערט.

— וואו דען האַלט איהר אייערע אוצרות?

— אין אַנדערע צימערען פון בית המקדש — האָט דער כהן גדול געענטפערט.

— גוט! מיר וועלען באַלד געהן צו יענע צימערען — האָט היליאָדאָרוס

נאָכגעגעבען — נאָר איידער מיר געהען אַרויס פון דאַנען וויל איך אַז דו זאָלסט מיר דערקלעהרען צו וואָס דאַרף מען דאָ ברענען די ליכט אין דער מנורה?

— די זיבען ליכט אין דער מנורה זיינען אין אָנדענקונג פון אונזערע זיבען גרעסטע און הייליגסטע אורעלטערען. די ליכט פון דער מנורה סימבאָליזירען אַלס דער קוואַל פון די געטליכע ליכט פאַר'ן אידישען פאָלק און אויך פאַר דער גאַנצער וועלט. דאָס בוימעל פאַר דער מנורה מוז זיין דאָס בעסטע, ריינסטע, און הייליגסטע פון אלע בוימלען.

— און וואָס עפּעס ליגען דאָ חלות אויפ'ן גאָלדענעם טיש? — האָט היליאָדאָרוס ווידער געפרעגט.

— די חלות ווערען געבאַקען פון ספּעציעלע בעקערס, וועלכע ווייסען ווי אַזוי צו מאַכען, אַז זיי זאָלען נישט פאַרשימעלט ווערען אין פאַרלויף פון אַ גאַנצע וואָך. די חלות ליגען דאָ אַ גאַנצע וואָך און ווען מען ברענגט אַריין די נייע חלות ווערען די אַראָפּגענומען און די כהנים עסען זיי.

— אָבער צו וואָס דאַרפען זיי דאָ ליגען? — האָט היליאָדאָרוס גע־וואָלט וויסען.

— די חלות סימבאָליזירען רייכקייט און הצלחה אין די תבואות — האָט דער כהן גדול געענטפערט.

— גיב מיר מיט כאָטש איין חלה פון דאַנען אַלס אָנדענקונג . . . — האָט היליאָדאָרוס פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן.

— ליידער טאָר איך עס נישט טאָן — האָט דער כהן גדול געענטפערט.

— עס איז נישט דערלויבט אַרויסצונעהמען פון דאַנען קיין שפּייז, קיין געצייג, און קיין זאַך. אַלעס איז דאָ הייליג.

— אויב אַזוי, הייסט עס אַז אייערע געלט־אוצרות זיינען אויך היי־ליג . . . — האָט היליאָדאָרוס זיך צולאַכט און האָט צוגעגעבען: — אָט ווערסטו דאָך באַלד דאַרפען מיר איבערגעבען דאָס גאָלד מיט דעם זילבער, טאָ פאַרוואָס ווילסטו מיר נישט געבען אַזאַ קלייניגקייט?

— איך וועל דיך קיין זאַך נישט געבען מיט מיינע הענט — האָט דער כהן גדול אַ זאָג געטאָן.

— און די אוצרות?

— אויך די אוצרות קענסטו נישט באַקומען פון מיין האַנט — האָט דער כהן גדול אויסגערופען מיט אַ הויכע שטימע — אַלעס באַלאַנגט צום אידישען גאָט, וועלכער זאָגט „לי הכסף ולי הזהב", אַלע גאָלד און זילבער פון דער גאַנצער וועלט איז זיינע, וועמען ער וויל, יענעם גיט ער. מיר

זיינען נאָר זיינע שליחים אָפּצוהיטען דעם גרויסען פארמעגען און צו טאָן דערמיט צדקה. מיר דאַרפען שפּייזען מיטן גאָלד אָרימע יתומים און אלמנות. מיר דאַרפען שטיצען אָרימע חכמים און פרומע אידען, וועלכע קענען נישט טאָן קיין אַרבייט אויסער לערנען און זאָגען תפלות.

— הייסט עס, אַז דו ביזט נאָך אַלץ איינגעשפּאַרט נישט צו דערלויבען צו נעהמען פון די אוצרות? — האָט היליאָדאָרוס אַ פרעג געטאָן.

— איך האָב דיר שוין דערקלערט, אַז מיט מיין ווילען קענסטו נישט באַקומען קיין זאַך, סיידען דו ווילסט איינשטעלען דיין לעבען אין געפאַהר און נעהמען מיט גוואַלד.

— וואָס אַ שטייגער פאַר אַ געפאַהר קען דאָ זיין פאַר מיר? — האָט היליאָדאָרוס אויסגעשאָסען אין אַ הילכיגען געלעכטער.

— די געפאַהר פון גאָט׳ס האַנט — האָט דער כהן גדול שנעל גע־ענטפערט און האָט גלייך צוגעטראָטען צו דער ליכטיגער מנורה און זיך אַוועקגעשטעלט אין אַזאַ פּאָזיציע, אַז היליאָדאָרוס האָט זיך דערשראָקען פאַר איהם.

— וואָס עפּעס האָסטו זיך אַוועקגעשטעלט איצט? — האָט היליאָדאָרוס אַ געשריי געטאָן — עס ווערט דאָך שפּעט! איך דאַרף נאָך געהן מיט דיר אין די אַנדערע צימערען צו די אוצרות.

דער כהן גדול האָט זיך נישט געריהרט פון אָרט, נאָר איז געשטאַנען מיט פאַרמאַכטע אויגען קעגען דער ליכט פון דער מנורה און האָט געמורמעלט אַ שטילע תפלה צו גאָט.

היליאָדאָרוס האָט פּרובירט נאָכאַמאָל מיט זיין געשריי אָבער דער כהן גדול האָט נישט געענטפערט.

האָט היליאָדאָרוס זיך מישב געווען אַז וויבאלד דער כהן גדול שטעהט איצט מיט׳ן פּנים צו דער מנורה, וועט ער, היליאָדאָרוס, דערווייל כאַפּען א קוק אין יענעם צימער הינטער׳ן „פּרוכת״. געוויס מוזען דאָרטען שטעהן קאַסטענס מיט גאָלד.

שטילערהייט איז היליאָדאָרוס צוגעגאַנגען ביז׳ן „פּרוכת״ און האָט לאַנגזאַם אָנגענומען דעם אונטערשטען ברעג און געוואָלט עס אויפהויבען כדי אריינצוגעהן אַהין אָדער אריינצוקוקען, אָבער פּלוצלונג האָט זיך דערהערט א געשריי און דער כהן גדול האָט האַסטיג אומגעווענדעט זיין קאָפּ צו דער זייט פון וואַנען דער געשריי איז געקומען און ער האָט דערזעהן ווי היליאָדאָרוס קייקעלט זיך אויפן באָדען מיט באַנומענע קולות און אַלע זיינע גלידער ציטערען ווי אין קאַנוואולסן . . .

פון אָנפאַנג האָט דער כהן גדול זיך אויך דערשראָקען אָבער ווען עס זיינען פאָריבער עטליכע מאָמענטען און ער האָט דערהערט ווי היליאָדאָרוס שרייט און בעט זיך אז מען זאָל איהם ניט דער׳הרג׳ענען, אז ער וועט שוין נישט וואַגען צו טשעפּען קיין זאַך פון בית־המקדש און אז ער וועט נישט רעדען מעהר קיין שלעכטס אויפן אידישען פאָלק; דאַן האָט דער כהן גדול געעפענט זיינע אויגען און האָט דערזעהן ווי היליאָדאָרוס ליגט, כמעט אַ טויטער, מיט פאַרמאַכטע אויגען און קוים וואָס ער זשיפּעט. אַ געדיכטער שוים האָט באַדעקט זיינע ליפּען און די הענט און פיס זיינען געווען צוזאַמענ־געקאָרטשעט אין איין קנויל.

— גאָט פון ישראל — האָט דער כהן גדול אויסגערופען קניענדיג געגען דעם גאָלדענעם מזבח, וועלכער איז געשטאַנען נעבען דעם „פרוכת" — גרויס איז דיין חסד צו דיין פאָלק וועלכער גלויבט אין דיין כח. דו האָסט איצט באוויזען א נס און דער רשע האָט באַקומען זיין שטראָף. איך בעט דיך, לאז איהם לעבען, כדי דער שונא זאָל נישט זאָגען אז מיר האָבען איהם געטויטעט. זאָל ער צוריק ווערען געזונט און אַליין דערצעהלען די נסים וואָס דו האָסט געטאָן מיט איהם אין זכות פון די אידען.

גלייך נאָכדעם האָט דער כהן גדול זיך צוריקגעשטעלט אויף די פיס און מיט שנעלע טריט איז ער ארויסגעגאַנגען פון „היכל", איבערלאָזענדיג דעם האַלב טויטען הילאָדאָרוס אויפן באָדען נעבען „פרוכת", און איז האָסטיג געלאָפען צום טויער אום אָנצוזאָגען די אָפיצירען אז הילאָדאָרוס האָט גע׳חלש׳ט און מען מוז איהם ארויסטראָגען פון „היכל" אויף אַ טראָג בעט, אָבער ווען דער כהן גדול איז צוגעקומען צום טויער האָט ער געטראָפען בלויז מתתיהון מיט די צוויי חכמים.

— וואָס איז געשעהן? — האָבען די דריי אידישע דעלעגאַטען אויס־געשריהען אין שרעק.

— גאָט׳ס האַנט איז געפאַלען אויף דעם רשע און ער ליגט כמעט אַ טויטער אין „היכל" — האָט דער כהן גדול געענטפערט און האָט ווידער אויסגערופען — וואו זיינען די אָפיצירען?

— מען האָט זיי אָנגעזאָגט וועגען דעם פייער וואָס האָט אויסגעבראָכען אין די געצעלטען נעבען ציטאַדעל זיינען זיי באַלד אַוועקגעלאָפען אַהין — האָט מתתיהו געענטפערט.

— אויב אזוי מוזט איהר מיר העלפען אַרויסטראָגען הילאָדאָרוס׳ן פון „היכל" — האָט דער כהן גדול פאַרלאַנגט.

— ליידער בין איך טמא געוואָרען היינט פאַרנאַכט — האָט מתתיהו

געגנטפערט — איך האָב אומגערן זיך אָנגעריהרט אן א דבר טמא און איך טאָר נישט אריינגעהן אין „היכל“.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער כהן גדול מיט די צוויי אידישע גרעסטע חכמים האָבען ארויסגעבראַכט דעם האַלב טויטען הילִיאָדאָרוס׳ן צום אויסערליכען טויער פון בית המקדש. דערווייל האָט מתתיהו אוספייעט צו רופען עטליכע שטאַרקע אידישע יונגעלייט פון די נאָהענטע הייזער ארום דעם טויער.

ווען הילִיאָדאָרוס איז ארויסגעבראַכט געוואָרען פון טויער האָבען שוין די יונגעלייט געהאַט צוגעגרייט אַ טראָג בעטעל און האָבען איהם באַלד אַוועקגעטראָגען אויף זיין סטאַנציע אין דעם ציטאַדעל.

מתתיהו מיט די צוויי אידישע חכמים זיינען באַלד אוועק יעדערער צו זיך אַהיים און דער כהן גדול איז צוריק אריין אין דער „עזרה“ אָנזאָגענדיג מתתיהון אז ער זאָל אזוי גוט זיין און צושיקען אַהער זיין זוהן יהודה מיט אַן אָפּטיילונג פון כהנים און לויים אום צו באַוואַכען דעם בית־המקדש פאר אַ מעגליכען איבערפאַל פון די צעיושעטע סאָלדאַטען ווען זיי וועלען דערזעהן אַז מען האָט צוריקגעבראַכט דעם האַלב טויטען הילִיאָדאָרוסן אין דעם ציטאדעל.

דער כהן גדול איז באַלד אריין אין איינעם פון די זייטיגע צימערען פון בית־המקדש און האָט זיך צוגעלייגט אויף אַ פּאָר שטונדען צו כאַפּען אַ דרימעל און דערווייל האָט מתתיהו אויסגעפונען זיין זוהן יהודה מיט זיינע מענטשען און ער האָט איהם איבערגעגעבען דעם כהן גדול׳ס אָנזאָג.

יהודה האָט מיטגענומען מיט זיך אַ צוויי הונדערט כהנים און לויים און ער האָט אָפּגעריטען צום טויער פון בית־המקדש.

## קאַפּיטעל 16

# די מהומה אין ירושלים — הילִיאָדאָרוס טוט תשובה

אַזוי שנעל ווי עס איז באַוואוסט געוואָרען די נייעס וועגען הילִיאָדאָ־רוסעס מפלה אין בית המקדש, איז אויסגעבראָכען אַ גרויסער טומעל אין ירושלים. די אָנגעצויגענע, אָדער בעסער געזאָגט, די געצוואונגענע, שטיל־קייט וואָס האָט געהערשט אין שטאָדט ביז נאָך אַ האַלבע נאַכט, צוליעב די שטרענגע אידישע וואַך אונטער דער פיהרערשאַפט פון יהודה און יונתן, איז פּלוצלינג געבראָכען געוואָרען אַזוי שנעל ווי מען האָט דערהערט די טריט פון די הונדערטער כהנים און לויים לויפענדיג צום בית־המקדש.

אַ ציטער האָט דורכגעדרונגען יעדענס האַרץ. מען האָט שוין נישט

געקענט מעהר פארבלייבען רוהיג זיצען אין די הייזער. מענער און פרויען האָבען אָנגעהויבען זיך רייסען צו דער גאַס. טיהרען און פענסטער זיי'נען צופראַלט געוואָרען מיט גרויס אימפעט און גאַנצע מחנות מענטשען האָבען זיך ארויסגעלאָזען אין די גאַסען.

אזוי האָט די לאַגע פון טומעל און געלאָף אָנגעהאַלטען עטליכע שטונדען ביז עס איז אָנגעקומען דער פריהמאָרגען שטערען און די ערשטע שפּראָצונגען פון דער זון־ליכטיגקייט האָבען זיך גענומען באוויזען אין דער מזרח זייט.

דאַמאָלסט האָבען זיך צעעפענט הונדערטער טיהרען פון די אידישע הייזער און מענשען האָבען אָנגעהויבען לויפען אָן אָטעם צום בית־המקדש. אָבער צוקומענדיג צום טויער פון בית־המקדש, האָבען זיי געטראָפען אַ שטאַרקע וואַך פון כהנים און לויים, וועלכע האָבען פאַרצוימט דעם אריינ־גאַנג און קיינעם ניט ארייגעלאָזען.

— וואָס איז געשעהן? — האָבען הונדערטע מיילער פון דער גרויסער מאַסע מענשען אויסגעשריען.

באַלד האָט זיך באוויזען יהודה דער חשמונאי, שטעהענדיג אויפן טויער פון דעם „הר הבית" און מיט אַ פעסטע שטימע האָט ער אויסגעשריען:

— איהר קינדער פון אידישען פאָלק! זינגט הלל צו גאָט! ער האָט אונז באוויזען זיין וואונדער. דער שונא איז אריינגעקומען אין בית־המקדש אָבער ער האָט ניט אוספּייעט אָנצורירען קיין זאַך, ווייל אַזוי שנעל ווי ער איז אריין אין דעם „היכל" האָט ער באקומען די אַפּאָפּלעקציע און איז אנידער־געפאַלען אויפן באָדען אָהן לשון און ווען ניט דער כהן גדול, וועלכער איז געשטאַנען נעבען איהם, וואָלט ער זיכער אויסגעהויכט זיין לעצטען אָטעם־צוג, נאָר דער כהן גדול האָט באַלד ארויסגערופען עטליכע אידישע יונגעלייט און זיי האָבען דעם רשע ארויסגעטראָגען פון „היכל" און איהם אוועקגעפיהרט אויף זיין סטאַנציע אין דער פעסטונג.

— הידד! — האָט די גאַנצע מאַסע מענטשען ארויסגעדונערט אין א הילכיגען געשריי.

יהודה האָט געוואָלט ווייטער רעדען, אָבער אין זעלבען מאָמענט זיינען אָנגעלאָפען א פּאָר סאָלדאַטען אויף זייערע פערד און דער גענעראל אפּאָלאָניוס איז שנעל צוגעריטען צום טויער און האָט אַ געשריי געטאָן:

— וואו איז דער כהן גדול?

— דער כהן גדול האָט זיך צוגעלייגט אויף א קורצען דרימעל אין איינעם פון די זייטיגע צימערען אין בית־המקדש — האָט יהודה געענטפערט.

שנעל וועק איהם אויף און ברענג איהם אַהער! — האָט אפּאָלאָניוס אויסגערופען.

— וועגען וואָס באַדאַרפסטו איהם אזוי נויטיג? — האָט יהודה געוואָלט וויסען.

— דער גענעראל הילִיאָדאָרוס פיהלט זיך זעהר שלעכט. ער פאַר־לאַנגט, אַז דער כהן גדול זאָל שוין צוקומען צו איהם אין דער פעסטונג, וואו ער ליגט איצט — האָט אפּאָלאָניוס געענטפערט.

— זאָל ער פּגר'ן! זאָל ער אויסגעהן! — האָבען די הונדערטע שטימען פון דער מאַסע מענטשען גענומען שרייען אין העברעאיש צו יהודה'ן.

— רוהיג! — האָט יהודה אַ געשריי געטאָן — מיר אידען טאָרען ניט ווינטשען דעם טויט צו א שונא, ווען ער ליגט אויפ'ן טויטען בעט — און גלייך נאָכדעם איז ער אראָפּגעלאָפען פון טויער און איז פארשוואונדען געוואָרען אין דער ווייטער און ברייטער „עזרה״ פון'ם בית־המקדש.

אין אַ צעהן־פופצעהן מינוט שפּעטער האָט זיך באַוויזען דער כהן גדול אין דער באַגלייטונג פון יהודה מיט נאָך עטליכע יונגע כהנים. די מאַסע אידען ארום דעם טויער האָבען באַלד פריי געמאַכט דעם דורכגאַנג און ווען דער כהן גדול איז ארויס פון טויער, האָבען אלע איהם נאָכגעשריהען:

— געבענטשט זאָלסטו זיין פון גאָט, וואָס דיינע תפילות זיינען אָנגע־נומען געוואָרען.

— „בנפול אויבך על תשמח ובהכשלו אל יגל לבך״ — האָט דער כהן גדול געענטפערט מיט אַן ערנסטען פּנים — „ווען דיין שונא פאַלט, זאָלסטו זיך ניט פרעהען און ווען ער ווערט געשטרויכעלט, זאָל דיין הארץ ניט טאַנצען פאר שמחה״ — און גלייך נאָכדעם איז דער כהן גדול אוועק צופוס, אין דער באַגלייטונג פון יהודה'ן מיט די עטליכע כהנים, צו הילִיאָדאָרוס'ן אין דער פעסטונג.

אזוי שנעל ווי דער כהן גדול און זיינע באַגלייטערס זיינען אריינגע־קומען אין צימער וואו הילִיאָדאָרוס איז געלעגען, האָט אפּאָלאָניוס דערלויבט בלויז דעם כהן גדול מיט יהודה'ן אריינצוגעהן אינווייניג. די אַנדערע אידישע באַגלייטערס זיינען געבליבען וואַרטען אין דרויסען.

דער כהן גדול מיט יהודה'ן זיינען אריין צום קראַנקען און האָבען איהם געפונען ליגענדיג מיט האַלב אויסגעלאָשענע אויגען. דער כהן גדול איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צום בעט און האָט א פרעג געטאָן:

— ווי פילסטו זיך איצט, גרויסער גענעראל?

— איך — שלעכט ! — האָט הילִיאָדאָרוס קוים געקענט ארויסשעפּטשען.

דער כהן גדול און יהודה האָבען זיך פאַרטיפט אין זייערע געדאַנקען: ווייזט אויס, אז דער רשע האלט שוין גאָר שלעכט. ווער ווייס וואָס עס וועט נאָך געשעהן מיט די אידען אויב הילִיאָדאָרוס זאָל דאָ שטאַרבען אויפן בעט.

— אויף וואָס באַקלאָגט ער זיך ? — האָט דער כהן גדול א פרעג געטאָן דעם גענעראל אפּאָלאָניוס וועלכער איז אויך געשטאַנען נעבען קראנקענס בעט.

— איך ווייס ניט — האָט אפּאָלאָניוס געצויגען מיט די אקסלען און האָט צוגעגעבען: — מיר האָבען שוין געהאָט ביי איהם עטליכע מיליטערישע רופאים און זיי וויסען אויך ניט וואָס איהם איז געשעהן. ער אליין קאָן ניט רעדען. וואָס אזוינס האָט פּאַסירט מיט איהם אין טעמפּעל ? דו ביסט דאָך געוועזען דער איינציגער באַגלייטער זיינער, דאַרפסטו דאָך וויסען מעהר פון אונז.

— איך ווייס אויך נישט — האָט דער כהן גדול גענומען דערקלעהרען — ווען מיר ביידע זיינען אריינגעקומען אין דער פאָדערשטער אָפּטיילונג פון טעמפּעל האָבען מיר געשמועסט א היבשע ווײַלע, אָבער גאָר פּלוצלינג האָט ער זיך אָ וואָרף געטאָן אויפ׳ן באָדען און האָט אָנגעהויבען שרייען מיט באַנומענע קולות. זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך געקאָרטשעט אָהן אויפ־הער און אָ ווייסער שוים איז ארויס אויף זיינע ליפּען און דאַן, ווען ער איז שטיל געוואָרען, בין איך באַלד ארויסגעלאָפען אין דרויסען און איך האָב אַריינגערופען עטליכע יונגעלייט און זיי האָבען איהם אַוועקגעטראָגען אהער, און פון יענעם מאָמענט אָן ווייסטו דאָך מעהר פון מיר וואָס מיט איהם איז פאָרגעקומען.

אפּאָלאָניוס האָט זיך פארטראַכט און געהויבען מיט די אקסלען. אזוינס האָט נאָך קיינמאָל ניט פּאַסירט. אַזאַ העלדישער מאן ווי הילִיאָדאָרוס, פול באוואָפענט און אָ ריז, זאָל אזוי פּלוצלינג איינפאַלען.

— צוליב וואָס האָסטו מיך גערופען אַהער ? — האָט דער כהן גדול ווידער געפרעגט.

— איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז הילִיאָדאָרוס האָט זיך אויס־געדריקט אז ער וויל דיך זעהן, דעריבער בין איך שנעל געלאָפען נאָך דיר — האָט אפּאָלאָניוס געענטפערט.

— מעגליך אז ער וועט נאָך צוריקבאקומען זיין שפּראך — האָט יהודה זיך אַריינגעמישט.

מעגליך, — האָט אפּאָלאָניוס צוגעגעבען מיט אַ זיפץ — איהר קענט דאָ זיצען אַ ווײלע. איך דארף ארויסגעהען צו מײנע אָפיצירען אויף אַ קורצע ווײלע, דאן וועל איך זיך צוריקקעהרען.

אפּאָלאָניוס איז שנעל ארויסגעגאַנגען פון צימער און האָט אָנגעזאָגט די סאָלדאַטען ביים טיר צו היטען אז די צווײ געסט זאָלען ניט ארויס פון דאַנען ביז ער וועט זיך צוריקקעהרען אַהער.

אזוי שנעל ווי אַפּאָלאָניוס איז ארויס פון צימער האָט היליאָדאָרוס ארויסגעלאָזען אַ טיפען קרעכץ און גלייך נאָכדעם האָט ער אַ וואונק געטאָן צום כהן גדול ער זאָל צוטרעטען נעהענטער צו זיין געלעגער.

דער כהן גדול איז צוגעקומען נאָהענט און היליאָדאָרוס האָט איהם צוגעוואונקען אז ער זאָל זיך אראָפּבויגען מיט'ן אויער צו זיין מויל.

דער כהן גדול האָט אזוי געטאָן און באלד האָט ער דערהערט א שוואַכע שטימע פון היליאָדאָרוס'ן ווי ער מורמעלט ארויס:

— הייליגער מאן! איך בעט דיך אז דו זאָלסט תפלה טאָן צו דיין גאָט אז איך זאָל בלייבען לעבען.

— וואָס איז געשעהן מיט דיר? — האָט דער כהן גדול געפרעגט, אָבער היליאָדאָרוס האָט נישט געקענט ענטפערען מעהר. — ער האָט צוגעמאַכט די אויגען און איז פאַרזונקען אין אַ טיפען שלאָף.

דער כהן גדול האָט אָפּגעטראָטען פון געלעגער און האָט אַ זאָג געטאָן צו יהודה'ן: — איך גלויב, אז דורך דעם רשע וועט גאָט'ס נאָמען פארהייליגט ווערען. ווייזט אויס, אז ער האָט געזעהן עפּעס אַ „מופת" וועלכעס האָט איהם אזוי דערשיטערט און קראַנק געמאַכט.

דערווייל איז אַפּאָלאָניוס צוריק ארייננעקומען אין צימער. דער כהן גדול האָט איהם דערצעהלט אז היליאָדאָרוס האָט נאָר וואָס גערעדט מיט איהם און געבעטען אז ער זאָל תפלה טאָן צום גאָט פון ישראל פאר זיין געזונט.

אפּאָלאָניוס האָט געמאַכט אַ זויערע גרימאַסע, אויסהערענדיג וואָס דער כהן גדול האָט איהם דערצעהלט, אָבער ער האָט נישט געוואָגט צו ענטפערען קיין וואָרט.

אין אַ קורצע ווײלע שפּעטער האָט דער כהן גדול, אין דער באַגלייטונג פון יהודה'ן, זיך אומגעקעהרט צום בית־המקדש. זיי זיינען אָנגעקומען אהין פּונקט דאן ווען אויפ'ן מזבח האָט געברענט דער קרבן־שחרית.

דער כהן גדול האָט באַלד זיך טובל געווען און זיך איבערגעטאָן אין די כהונה קליידער און אַריינגעהענדיג אין „היכל" צום גאָלדענעם מזבח האָט ער דאָרטען תפלה געטאָן אז דער רבונו־של־עולם זאָל באַווייזען אַ

צווייטען וואונדער, און אויסהיילען דעם „איינגעפאַלענעם” רשע היליאָדאָרוס, פונקט אזוי ווי ער האָט באוויזען דעם ערשטען וואונדער ווען ער האָט איהם צעטומעלט און אָפּגעשוואַכט ווען ער איז אַריינגעקומען אין „היכל” מיט זיינע בייזע געדאַנקען.

נאָך דער תפלה האָט דער כהן גדול ניט פאַרבראַכט לאַנג אין בית־המקדש ווייל ער איז געווען זעהר מיעד. ער איז באַלד אַוועק צו זיך אַהיים.

מתתיהו דער חשמונאי האָט שוין געהאַט געוואַרט אויפ׳ן כהן גדול ביי דעם לעצטען צו הויז. ער האָט געוואָלט הערען פון איהם וואָס עס איז געשעהן מיט׳ן רשע.

דער כהן גדול האָט איהם אַלעס דערצעהלט און מתתיהו איז אַוועק פון כהן גדול מיט שטראַהלענדע אויגען פון שמחה.

יענער טאָג איז פאַראיבער רוהיג. אויפ׳ן דריטען טאָג איז דער כהן גדול איבערראַשט געוואָרען ווען היליאָדאָרוס זעלבסט האָט זיך באוויזען אויפ׳ן שוועל פון זיין הויז און מיט אַ שמייכעל אויפ׳ן פנים האָט ער א פרעג געטאָן:

— איז קיינער איצט נישטאָ ביי דיר אין הויז? קען איך רעדען מיט דיר אַליין?

דער כהן גדול האָט איינגעלאַדען דעם אומדערוואַרטעטען גאַסט פאַר אַן אינטימען געשפּרעך און היליאָדאָרוס האָט אָנגעהויבען צו רעדען מיט גרויס אימפּעט:

— זאָלסט וויסען אַז קיינער פון מיינע אָפיצירען, אפילו נישט אפּאָלאָניוס, ווייסען פון מיין איצטיגען וויזיט ביי דיר, ווייל איך וויל נישט אַז זיי זאָלען מיך חושד זיין אין אַ פּלוצלינגדיגע גוטפריינדשאַפט מיט דיר . . . איך בין געקומען דיר דאַנקען פאַר דעם וואָס דו האָסט מיך געראַטעוועט פון אַ זיכערען טויט. ווען נישט דיין תפילה צום אידישען גאָט, וואָלט איך זיכער געשטאָרבען נאָך די שווערע קלעפּ וואָס איך האָב באַקומען פאַרגעסטערען ביינאַכט אין טעמפּעל.

— וועלכע קלעפּ? וועגען וואָס רעדסטו? — האָט דער כהן גדול אַ פרעג געטאָן אין גרויס ערשטוינונג.

— דו דאַרפסט זיך נישט מאַכען אזוי תם׳עוואַטע — האָט היליאָדאָרוס געענטפערט מיט אַ שמייכעל און האָט באַלד צוגעגעבען — דו ביזט דאָך צוזאַמען מיט מיר אַריינגעקומען אין טעמפּעל, האָסטו דאָך געוויס געזעהן דעם רייטער מיט די צוויי יונגען וועלכע האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מיר און האָבען מיך צוקיילט און צובייַלט ביז איך בין געבליבען ליגען כמעט

א טויטער. איך האָב פון שרעק און יסורים פאַרלאָרען מיין שפּראַך און וועט נישט דו, מיט דיין תפילה פון נעכטען, וואָלט איך איצט ניט געווען ביי דיר צו הויז נאָר איך וואָלט שוין געלעגען באַגראָבען אין אַ פינסטערען קבר.

דער כהן גדול האָט אויסגעהערט הילִיאָדאָרוס'עס געשיכטע און ער האָט זיך באַהערשט ניט צו שמייכלען. עס האָט איהם שטאַרק הנאה געטאָן וואָס דער רשע האָט באקומען זיין שטראָף פון דער מיסטעריעזער האַנט פון גאָט און דער עיקר, האָט איהם געפרעהט צו זעהן אז הילִיאָדאָרוס איז געוואָרען אזוי שנעל אַ פאַרענדערטער צו גוטען; זיינע רייד, זיינע אויגען־בליקען, און זיין גאַנצע באַנעהמונג, שיינט צו זיין מיט גרויס רעספּעקט און עהרפורכט צו דעם אידישען גאָט.

דער כהן גדול האָט פונדעסטוועגען געוואָלט הערען פון הילִיאָדאָרוס'עס מויל וואָס אַ שטייגער ער דיינקט וועגען דעם, אזוי געררופענעם, רייטער מיט די צוויי יונגען וואָס בלויז ער אליין האָט זוכה געווען צו זעהען און צו פילען . . .

— דיינקסטו, אז דער רייטער איז געווען אַ מלאך פון אידישען גאָט?

— האָט דער כהן גדול א פרעג געטאָן.

— צי איך דיינק? געוויס איז עס אזוי — האָט הילִיאָדאָרוס שנעל געענטפערט מיט אַ ציטער — דו אַליין האָסטו דאָך מסתמא צוגעגרייט פאַר מיר דעם רייטער . . .

— דו מאַכסט ווידער א טעות — האָט דער כהן גדול געענטפערט מיט שרעק — מיר קענען נאָר תפילה טאָן צו אונזער גאָט און אויב אונזער תפילה ווערט אָנגענומען, דאַן ווערען דורכגעפיהרט די וואונדער אבסאָלוט אָהן אונזער וויסען אָדער אנטיילנעהמונג.

— הייסט עס, אז דו האָסט גאָרנישט געוואוסט פון פריהער וואָס עס וועט פּאַסירען מיט מיר — האָט הילִיאָדאָרוס זיך געוואונדערט.

— נישט נאָר האָב איך נישט געוואוסט נאָר אפילו אויך נישט געזעהן דעם רייטער מיט די יונגען וועגען וועמען דו דערצעהלסט מיר איצט.

— ווי שיקט זיך עס? — איז הילִיאָדאָרוס געוואָרען שטאַרק פאַרוואונדערט — האָסטו דען נישט געזעהן ווי דער רייטער מיט זיין פלאַמפּייערדיגען פערד איז געשפּרונגען אויף מיר און האָט געשריהען צו די יונגען פון זיינע ביידע זייטען: שלאָגט איהם, דער רויבער, וועלכער וויל בארויבען דעם פאַרמעגען פון די הייליגע קינדער פון אברהם יצחק און יעקב.

— ניין! איך האָב קיינעם ניט געזעהן און ניט געהערט אויסער דיר מיט דיינע געשרייען — האָט דער כהן גדול צוריק געענטפערט.

הילִיאָדאָרוס איז געבליבען זיצען ווי אין אָהנמאַכט. די שרעק פון

יענער נאַכט איז נאָך געווען איינגעזאַפּט אין זיינע נערוועז און איצט האָט ער עס ווידער דורכגעלעבט א צווייטען מאָל.

דער כהן גדול האָט באַרוהיגט זיין גאַסט מיט'ן צוזאָג אז אזוי לאנג ווי ער, היליאָדאָרוס, וועט זיך נישט פאַרטשעפּען מעהר מיט'ן אידישען פאָלק, מעג ער זיין זיכער אז דער גאָט פון ישראל וועט איהם מעהר נישט באַשטראָפען.

אין א קורצע ווילע שפּעטער איז היליאָדאָרוס אַוועק פון כהן גדול.

## קאַפּיטעל 17

# דער קעניג איז בייז אויף היליאָדאָרוסען

אין יענעם טאָג, ווען היליאָדאָרוס איז נאָך געלעגען קראַנק אין דעם ציטאדעל, איז דער גענעראל אפּאָלאָניוס ארומגעלאָפען שטאַרק צוטומעלט און האָט געזידעלט און געשאָלטען זיינע אָפיצירען.

— טרוסען, טויגעניכטען! — האָט אפּאָלאָניוס געשריהען צו זיינע אָפיצירען. — וואו זייט איהם געווען נעכטען ביינאַכט ווען דאָס פייער האָט אויסגעבראָכען צווישען די געצעלטען? ווי אַזוי האָט עס גאָר געקענט פּאַסירען אַזאַ אומגליק? ווארום האָט איהר נישט פּרובירט אויסצולעשען דאָס פייער באַלד ביים אָנהויב? ווי איז עס געשעהן אז מיין בעסטער גוטער פריינט, דער אָפיצער הירטאָס, זאָל ווערען א קרבן פון דעם פייער?

די אָפיצערען האָבען געשוויגען מיט א שווערען געמיט. זיי האָבען נישט געהאַט וואָס צו ענטפערען אויף די אומאויפהערליכע געשרייען פון זייער הויפּט גענעראל אפּאָלאָניוס. קיינער פון זיי האָט נישט געהאַט די מינדעסטע אינפאָרמאַציע וועגען דעם פּלוצימדיגען פייער.

זיי האָבען געוואוסט בלויז צו דערצעהלען, אז ווען זיי זיינען אָנגעלאָפען צו די ברענענדיגע געצעלטען, האָט שוין דער פייער געהאַט פאַרצעהרט אַלעס און אז אין עטליכע שטונדען שפּעטער האָבען זיי אויסגעפונען די צעהן פאַרברענטע קערפּערס פון די אָפיצערען און צווישען זיי איז געווען אויך הירטאָס.

אפּאָלאָניוס האָט זיך דערמאָנט אז נאָך איידער דער פייער האָט אויסגעבראָכען האָט הירטאָס געהאַט זיין צוריקגעפונענע געליבטע מאַריאמנע, ביי זיך אין געצעלט. טאָ וואו איז די געליבטע אַהינגעקומען?

קיינער פון די אָפיצערען האָט נישט געקענט געבען קיין ענטפער אויף דער דאָזיגער פראַגע. און אזוי איז אפּאָלאָניוס ארומגעלאָפען א

צעטומעלטער צוויי טעג און ערשט אויפן דריטען טאָג, ווען ער האָט זיך דערוואוסט אז הילִיאָדאָרוס האָט שטילערהייד אָפּגעשטאָטעט א באזוך ביים כהן גדול אין הויז, איז ער געוואָרען שרעקליך אויפגעבראַכט אויף אזא האַנדלונג פון דעם הויפט מיניסטער הילִיאָדאָרוס, אָבער ער האָט פארלויפיג געמוזט מאַכען אַ שוויַיג.

---

עס זיינען שוין פאַריבער עטליכע וואָכען זייט די מיסטעריעזע געשעהעניש מיט הילִיאָדאָרוס׳ן אין בית־המקדש. הילִיאָדאָרוס מיט זיין ארמיי איז שוין געוועז צוריק אין אנטיוכיע. פיעלע אידען אין ירושלים האָבען דערוויַיל אָנגעפיהרט פּליאָטקעס וועגען דעם העלדישען הילִיאָדאָרוס׳ן:
— ער האָט דאָך פארבראַכט עטליכע וואָכען אין דער הויז פון די חשמונאים אין׳ם שטעטעל „מודעין״ און דעריבער איז געדרונגען דערפון אז הילִיאָדאָרוס האָט געוויס זיך געלאָזט מל זיין ווי דער דין איז . . . — האָבען לויזע צינגער געשמועסט צווישען זיך אין די גאַסען פון ירושלים.

פאַרשטעהט זיך, אז עס האָבען זיך געפונען פּראָמינענטע אידען וועלכע האָבען דערקוטשעט דעם כהן גדול, און מתתיהוס זין, אז מען זאָל זיי אויסזאָגען דעם אמת וואָס עס איז פאַרגעקומען מיט׳ן גענעראַל הילִיאָדאָרוס? אָבער אזוי ווי אונטער א שבועה, האָט קיינער פון די דאָזיגע אידישע פיהרער נישט געוואָלט זאָגען קיין וואָרט.

— וואָס איז אייך אזוי נויטיג צו וויסען? — האָט מתתיהו געענטפערט צו פילע פון זיינע אָנפרעגערס — דאַנקען גאָט וואָס דער רשע איז געוואָרען אויס רשע און מיר מעגען האָפען אז פון היינט אָן און וויַיטער וועט דער־הויבען ווערען דער מזל פון אידישען פאָלק.

אָבער אין דערזעלבער צייט וואָס אין ארץ ישראל האָבען זיך די אידען געפרעהט מיט גאָטס וואונדער און ישועה אויף זיי, איז אָבער דעמאָלט פאַרגעקומען א גרויסער טומעל אין אנטיוכיע, אין קעניגס פּאַלאַץ.

סעלעקוס דער קעניג האָט בשום אופן נישט געקענט שלום מאַכען מיט הילִיאָדאָרוס׳ן פאר זיין מיאוסען דורכפאַל אין ירושלים. סטייטש? אזא העלדישער גענעראַל ווי הילִיאָדאָרוס זאָל זיך גאָרנישט שעמען צו דערצעהלען אז דער אידישער גאָט האָט איהם באַזיגט . . .

הילִיאָדאָרוס האָט דערקלעהרט דעם קעניג, אז ער איז זיכער דאָס דער אידישער גאָט איז פיעל שטאַרקער פון דעם גריכישען גאָט צעאוס . . . דערביי איז דער קעניג שוין ארויס פון געדולד און האָט געוואָרענט זיין גוטען פריינט אז אַזאַ אויסדרוק קאָן פיהרען צו זיין טויט . . .

— אויב מיר איז באַשערט דער טויט וועט עס קומען סיי ווי סיי — האָט היליאָדאָרוס געענטפערט מיט אַ טיפער ערנסטקייט — איך קאָן פאָרט נישט פארלייקענען דאָס וואָס איך האָב געזעהען און געפילט.

דער קעניג סעלעקוס וואָלט אפשר געמאַכט אַ שוויג אויף זיין גוטען פריינדס דורכפאל; האָט זיך אָבער אויפגעהויבען א גרויסער טומעל צווישען די מיניסטאָרען און גענעראלען, אז מען טאָר נישט פאַרשווייגען אזא דורכ־פאַל. דער גענעראל ליזיאש האָט געגעבען צו פאַרשטעהן דעם קעניג אז אויב מען וועט נאָכלאָזען די אידען, וועלען זיי גאָר גיך רעוואָלטירען און ארויסיאָגען דאָס גריכישע מיליטער פון זייער לאנד, און קוקענדיג אויף די אידען, וועלען אויך פיעלע אַנדערע קליינע לענדער, וועלכע זיינען איצט אונטערוואָרפען דער סירישער קעניגרייך, פּרובירען זיך צו פאראייניגען און אַראָפּוואָרפען פון זיך דעם סירישען יאָך.

— דו זעהסט דאָך אָבער אז עס איז שוין דאָס צווייטע מאָל ווי מיר פאַלען דורך אין אַזאַ מין אונטערנעמונג — האָט דער קעניג אָפּגעזיפצט — מיין פאָטער איז דערהרג'עט געוואָרען פון די פריסטער אין דעם טעמפּעל אין עילם מעסאָפּאָטאַמיע, און היליאָדאָרוס איז שיער נישט געבליבען טויט אין דעם טעמפּעל אין ירושלים.

— דאָס איז בלויז א פאררעט פון דער חשמונאים פאַמיליע — האָט ליזיאש געענטפערט — איך בין זיכער אז ווען נישט די דאָזיגע פארביסענע פאַטריאָטען פון דעם עגיפּטישען קעניג, דאַן וואָלט היליאָדאָרוס באַקומען די אוצרות.

דער קעניג האָט זיך נישט געקענט אנטשליסען וואָס צו טאָן. זאָל ער באַשטראָפען היליאָדאָרוס'ן אָדער ניט? זאָל ער וואָגען אַ צווייטען מאָל צו שיקען בארויבען דעם בית־המקדש אָדער ניט?

דערווייל האָט ליזיאש געאַרבייט שטילערהייט אז מען זאָל אראָפּזעצען היליאָדאָרוס'ען פון זיין וויכטיגען אמט אלס הויף מיניסטער. אויך דער גענעראל ניקאנאָר, איינער פון די כיטרע יונגען אין אנטיוכיע, און אויך דער גענעראל אפּאָלאָניוס מיט זיין פריינט דער אָפיצער קרעטאָס, האָבען קאָנס־פּירירט געגען היליאָדאָרוסן.

אפּאָלאָניוס האָט געטראָגען א שטאַרקען האַס אויף די חשמונאים. ער האָט געהאַלטען אין איין צורעדען דעם גענעראל ליזיאש אז מען מוז וואָס שנעלער באפאלען ארץ ישראל מיט א גרויסע ארמיי און אויסראָטען די אַלע פאַטריאָטען פון עגיפּטישען קעניג: דעם כהן גדול חוניו, מתתיהו'ן מיט

זיינע פינף זיהן, די צוויי אידישע חכמים יוסי בן יועזר און יוסי בן יוחנן, און פילע אנדערע פריינט זייערע.

ליזיאש האָט אָפּגעמאַכט מיט אַפּאָלאָניוסן אז ער זאָל שיקען רופען די פיהרערס פון די מתיונים נאָך אנטיוכיע אום אָפּצוהאַלטען מיט זיי אַ בעראטונג, און פאר איינוועגס וועלען זיי אליין אויסווירקען ביים קעניג אז ער זאָל שיקען א צווייטען מאָל צו בארויבען דעם בית־המקדש.

ליסימאַכוס, דער ברודער פון מענעלאָס, וועלכער איז געווען אנט־לאָפען פון ירושלים צוליב דעם שרעק טאָמער וועט מען איהם אַרעסטירען פאר׳ן מאָרד פון חנה׳ס מאן, איז שוין געווען אין אנטיוכיע זייט אַ לענגערע צייט און ער האָט נאָך צוגעגעבען מעהר היץ צו די פּלענער פון ליזיאש און אפּאָלאָניוס.

## קאַפּיטעל 18

# דעם בעל־תשובהס פריינדשאַפט צו די אידען

ווען אפּאָלאָניוס, נאָך זייענדיג אין ירושלים, האָט געשיקט רופען צו זיך יאַזאָנ׳ען מיט מענעלאָס׳ען וועגען א שנעלע בעראטונג וואָס צו טאָן נאָך הילִיאָדאָרוס׳עס דורכפאל, האָבען דאן ביידע מתיונים פארדעטער ניט גע־וואוסט וואָס צו ראטען. זיי אליין זיינען אויך געווען שטאַרק צוטומעלט פון דער מיסטעריעזער פּאַסירונג מיט הילִיאָדאָרוס׳ען, דערצו האָט נאָך מענע־לאָס געהאַט אויף זיין געוויסען דעם געמאַכטען פייער צווישען די געצעלטען פון די גריכישע סאָלדאַטען נעבען דעם ציטאדעל.

מענעלאָס האָט טאַקע אויסגעפיהרט זיינס, ער האָט אָנגעשטעלט זיינע יונגען און זיי האָבען צוגעכאַפּט מרים׳ען פון געצעלט און גלייך דערשטאָכען היראָטאָס׳ען און געמאַכט דעם פייער און נאָכדעם ווען מענעלאָס האָט אזוי העלדיש זיך געשלאָגען מיט זיינע אָפּגעמאַכטע רויבערס . . . און ער האָט ארויסגעראַטעוועט מרים׳ען פון זייערע הענט . . . האָט מרים זיך איבער־געגעבען צו איהר, ווי פון הימעל צוגעשיקטען, רעטער, מיט לייב און לעבען.

אָבער איצט, נאָכדעם ווי עס זיינען שוין פאַריבער פילע מאָנאַטען און מענעלאָס האָט זיך שוין גענוג אָנגעזעטיגט מיט זיין בעסטיאלישע ליידענ־שאַפט צו מרים׳ען, האָט ער אָנגעהויבען טראַכטען מיט אַ קלאָרען קאָפּ אז נאָך אַלעמען האָט איהם די ליבע געקאָסט צו טייער. ער האָט דערמאָרדעט היראָטאָס׳ען מיט נאָך אַ צעהנדליג אומשולדיגע גריכישע סאָלדאַטען וועלכע זיינען אומגעקומען אין דעם, פון איהם, צוגעגרייטען פייער.

פאַרשטעהט זיך אז מענעלאָס האָט זיך נישט געקימערט וועגען דעם פאַרברעכען, נאָר ער האָט מורא געהאַט טאָמער וועט מען סוף כל סוף אויסגעפינען זיין פאַרברעכען. ערשטענס, זיינע דריי געדונגענע יונגען וועלכע וויסען פון דעם: צווייטענס, וואו קען מען באַהאַלטען מרים׳ען? ווי לאַנג קען ער איהר האַלטען אויף זיין „גוט" אין „גליל"? זי איז דאָרטען איינזאַם און זי פאַרלאַנגט אז ער זאָל איהר אריבערנעהמען צו זיך אין ירושלים, אויב נישט, וויל זי מעהר נישט האָבען צו טאָן מיט איהם . . .

מענעלאָס האָט אָבער מורא געהאַט צו האַלטען מרים׳ען אין ירושלים. ערשטענס, דער כהן בילגה, מרים׳ס פאָטער, וועט דאָך מאַכען א געוואַלד און מיט איהם וועלען די חשמונאים אויפרודערען די גאַנצע שטאָדט געגען אַזאַ פאַרברעכען, פון צוכאַפּען א אידישע טאָכטער פון — — —

מענעלאָס האָט זיך צולאַכט: פון וועמענס הענט האָט ער טאַקע צו־געכאַפּט מרים׳ן? דוכט זיך אז אויבערפלעכליך וואָלטען מרים׳ס עלטערן איהם באַדאַרפט דאַנקען וואָס ער האָט ארויסגעראַטעוועט זייער טאָכטער פון די הענט פון דעם גריכישען אָפיצער היראָטאָס, אָבער צו דער זעלבער צייט קען דאָך יעדער קינד פאַרשטעהן אַז ער, מענעלאָס, האָט דאָ געשפּילט אַ זעהר כיטרע און עגאָאיסטישע ראָלע, און אויב אזוי וועט דאָך ווערען דער טומעל געגען איהם זעהר גרויס. עס קען נאָך אַנטדעקט ווערען אז ער האָט געמאַכט דעם פייער און דאַן וועט ער האָבען געגען זיך ניט נאָר די פרומע אידען, צוליב זיין זינדיגע ליבע מיט מרים׳ן, נאָר אויך די גריכען, צוליב דעם פייער וואָס ער האָט געמאַכט אויף די געצעלטען וואו עס זיינען אומגעקומען אַ צעהנדליג סאָלדאַטען.

מענעלאָס האָט געזוכט עצות ווי אזוי זיך צו באוואָרענען און אויך ווי אזוי צופרידענצושטעלען זיין, נאָך אַלץ, געליבטע מרים׳ען וועלכע רייסט זיך צו דער שטאָדט.

דעריבער, ווען מענעלאָס האָט פלוצלינג באקומען פון אפּאָלאָניוס׳ען די איינלאַדונג צו קומען נאָך אנטיאָכיע פאר אַ באַראַטונג מיט׳ן גענעראַל לי־זיאש געגען היליאָדאָרוס׳ען, האָט מענעלאָס באשלאָסען אז ער וועט מיטנעהמען מיט זיך זיין ליבע מרים׳ען. ווער ווייס ווי לאַנג ער וועט דאָרטען פאַרברענ־גען? צו וואָס זאָל מרים דערוויל בלייבען אין איהר איינזאמקייט אין „גליל", און טאַקע ער אליין קען דאָך אויך ניט בלייבען איינזאַם אין אנטיאָכיע אָהן זיין געליבטע . . .

מענעלאָס האָט זיך דורכגעשמועסט מיט יאַזאָנ׳ען, וועלכער האָט אויך באקומען די זעלבע איינלאַדונג, און ביידע גוטע ברידער האָבען אָפּגערייזט

נאָך אנטיוכיע. פארשטעהט זיך אז יאַזאָן איז געווען שטארק פאַרוואונדערט ווען ער האָט דערזעהן אַז מרים איז גאָר ביי מענעלאָס׳עס זייט און פאָהרט מיט מיט זיי.

— פון ווען אָן, און פון וואנען, האָסטו אריינגעקראָגען די מציאה? — האָט יאַזאָן א פרעג געטאָן מענעלאָס׳ען שטילערהייט, אזוי שנעל ווי זיי זיינען אָנגעקומען אין „גליל״ צו מרים׳ס וואוינונג.

— דער אידישער גאָט שטראָפט היליאָדאָרוס׳ען מיט איין האַנט און העלפט מענעלאָס׳ען מיט דער צווייטער האַנט — האָט מענעלאָס אָפּגעענטפערט מיט אַ געלעכטער.

— אָבער פאָרט, פון וואנען? — האָט יאַזאָן ניט נאָכגעלאָזען.

— פארשטעהסטו מיך, מרים איז דאָך אריינגעפאלען צו היראָטאָס׳ן אין די הענט... און אזוי ווי היראָטאָס איז נעבאך פארברענט געוואָרען איז מרים געבליבען עלענט און זי איז געקומען צו מיר — האָט מענעלאָס דער־קלעהרט צו יאַזאָנ׳ען.

— הייסט עס אז דו ביזט נעבאָך „גאָט די נשמה שולדיג״ — האָט יאַזאָן אַ זאָג געטאָן מיט אַ ביטרען פּינטעל מיט זיין אויג...

— וואָס מיינסטו? — האָט מענעלאָס אַ פרעג געטאָן מיט שרעק.

— גאָרנישט, סתם אזוי! — האָט יאַזאָן צוגעגעבען מיט אַ שמייכעל.

און זייט דאמאָלסט איז מענעלאָס פארבליבען אין אַ שטענדיגער שרעק טאָמער וועט מען אויסגעפינען פון זיינע נידערטרעכטיגע מעשים וואָס ער האָט אָפּגעטאָן.

יאַזאָן און מענעלאָס זיינען אָנגעקומען אין אַנטיוכיע און האָבען באלד אָנגעהויבען צו פארהאנדלען מיט ליזיאש, גאָרגיאַס, אַפּאָלאָניוס און ניקאנאָר, וועגען מאַכען א סוף צו דעם רעזשים פון די פרומע אידען אין ארץ ישראל.

— שאפט אָפּ דעם סנהדרין, ראָמט אויס די חשמונאים, און מיר מתיונים וועלען אייך צושטעלען געגוג געלט פאר׳ן קעניג — האָבען יאַזאָן און מענעלאָס געראַטען זייערע גריכישע גוטע פריינט די הויפּט גענעראַלען פון דעם קעניג סעלעקוס דער פערטער.

פארשטעהט זיך אַז מתתיהו, דער כהן גדול חוניו, און די צוויי פיהרערס פון די סנהדרין אין ירושלים זיינען אויך נישט געזעסען מיט פארלייגטע הענט. זיי האָבען געוואוסט פון יעדען פּאָליטיש־פאררעטערישען אקט וואָס די מתיונים פיהרען אָן געגען זיי.

מתתיהו האָט שטילערהייט אָראָפּגעשיקט זיין זוהן שמעון נאָך אנטיוכיע

זיך צו באראַטען מיט׳ן נייעם גוטען פריינט היליאָדאָרוס ווי אזוי צו צושטערען די שלעכטע כונות פון די שונאים.

שמעון דער חשמונאי איז געווען פאררעכענט פארן קלוגסטען פון אַלע זיינע ברידער. ער איז געווען אַ טיף דענקענדער מענש און דער־יבער האָט מען איהם אויסגעקליבען אַלס אַ פארטרעטער פון די פרומע אידען צום קעניג.

ווען שמעון איז געקומען אין אנטיוכיע איז ער גלייך פאָרגעשטעלט געוואָרען פאר׳ן קעניג. היליאָדאָרוס האָט נאָך אַלץ געהאַט אַ שטאַרקען איינפלוס אויף סעלעקוס׳ען און ער האָט זיך שטאַרק דערפרעהט מיט אַזאַ טיכטיגען און קלוגען מאן ווי שמעון.

דער קעניג וואָלט זיכער בעאיינפלוסט געוואָרען פון שמעון׳ען ווען צו דער זעלבער צייט וואָלטען די מתיונים פיהרערס, יאַזאָן און מענעלאָס מיט זיין ברודער ליסימאָכוס, זיך נישט געשטעלט דאגעגען.

עס האָט דערגרייכט צו אַ קלימאקס. סעלעקוס האָט פאראָרדערט אַן עפענטליכען פארהער אין זיין פאלאַץ. שמעון דער חשמונאי האָט געזאָלט מאַכען זיין עפענטליכען אויפטריט פאר די מיניסטאָרען און ענטפערען אויף די טענות פון די מתיונים פיהרערס.

דער פארהער איז באשטימט געוואָרען אויף אַ צוויי מאָנאַטען שפּעטער, ווייל צו יענער צייט איז דער קעניג געווען פארנומען מיט אַ מלחמה אין ארמעניע.

היליאָדאָרוס האָט פארלאַנגט אַז צו דעם עפענטליכען פארהער זאָל אויך קומען דער כהן גדול חוניו מיט מתתיהו׳ן. ער האָט דערקלעהרט צו שמעון׳ען די אורזאכע פון זיין פארלאַנג: — דער כהן גדול חוניו מיט זיין פאטריארכאַלישען אויסזעהן וועט מאַכען אַ שטארקע ווירקונג אויפ׳ן קעניג מיט אלע מיניסטאָרען, און דיין טאַטע מתתיהו מוז דאָ קומען און צייגען אלעמען, מיט זיינע לאָגישע רייד, אַז די אידען פארדינען, נישט נאָר אַז מען זאָל זיי לאָזען רוהיג אין זייער אייגענאַרטיגען לעבען נאָר אויך, אז מען זאָל זיי שטיצען מיט וואָס נאָר מעגליך אז זיי זאָלען קענען זיך אנטוויקלען מעהרער און גרעסער.

שמעון האָט איבערגעשיקט היליאָדאָרוס׳עס פאַרלאַנג נאָך ירושלים, אָבער גאָר שנעל האָט ער באקומען דעם ענטפער פון זיין פאָטער:

— „ליבער גאָטספאָרכטיגער זוהן מיינער!

— „דאָס אידישע פאָלק איז איצט אַרומגערינגעלט מיט שונאים פון אינעווייניג און פון דרויסען. יעדערער פון אונזערע פרומע אידען מוז האַלטען

אָפּענע אויגען אויף די מינדעסטע באוועגונג וואָס עס קומט פאָר אין לאַנד. דעריבער, מיין זוהן, איז באשלאָסען געוואָרען צווישען אונז אין ירושלים אַז איך, דיין פאָטער, זאָל פארבלייבען דאָ אין ירושלים און אכטונג געבען אויף אונזערע אינטערעסען אין דער צייט וואָס דער כהן גדול חוניו וועט פערוויילען אין אנטיוכיע.

„יאָ, מיין זוהן, מיר פאָלגען אויס דיין עצה און דער כהן גדול קלייבט זיך שוין אין וועג נאָך אנטיוכיע. זאָל דער גאָט פון ישראל איהם באשיצען אויפן וועג און אייך אלעמען געבען חן אין די אויגען פון דעם קעניג מיט זיינע מיניסטאָרען, און אייערע רייד געגען אונזערע שונאים זאָלען ווערען אָנגענומען און עס זאָל קומען א ישועה אויפן כלל ישראל.״

אין פארלויף פון דער צייט איז אָבער געשעהן אַן איבערקעהרעניש אין אַנטיוכיע: די רוימער, וועלכע האָבען געהאַלטען אנטיוכוס עפּיפאנעס, דער דער אינגערער ברודער פון קעניג סעלעקוס, אַלס געפאַנגענעם משכון פאָר די צינזען וואָס סעלעקוס האָט באדארפט צאָהלען, האָבען אָנגעהויבען צו דריקען סעלעקוס גאָר שטאַרק און ער האָט זיך געפיהלט ווי אַ פארלאָרענער, וואו נעמט מען דאָס געלד פאָר די צינזען.

סעלעקוס האָט געפאָדערט אז ביז דעם עפענטליכען פארהער מוז מען דערווייל ארויסבאַקומען א טייל פון די אוצרות פון בית המקדש.

היליאָדאָרוס האָט זיך געפונען אין אַ זעהר געדריקטער שטימונג. ער האָט פאַרשטאַנען אַז סעלעקוס האָט שוין אָפּגעמאַכט מיט די מתיונים פיהרער אז פונקט דאמאָלסט ווען דער כהן גדול וועט זיין אַוועק פון ירושלים דאן זאָל מען באַפאַלען דעם בית המקדש און איהם בארויבען.

און אין אַ געוויסען טאָג האָט היליאָדאָרוס אויסגעפונען אַז דער גע־נעראל אפּאָלאָניוס האָט שוין אָפּגערייזט נאָך ירושלים מיט אַ היבשע ארמיי דורכצופיהרען דעם שטילען רויב.

היליאָדאָרוס האָט גלייך דערצעהלט שמעון׳ען פון דער געשעהעניש און עס האָט זיך ארויסגעוויזען אז די מתיונים האָבען טאַקע גוט אויסגערעכנט די צייט ווען דער כהן גדול האָט אָפּגערייזט פון ירושלים און צו דער זעלבער צייט האָבען זיי גע׳פּועל׳ט ביים קעניג אַז אפּאָלאָניוס מיט זיין ארמיי זאָל שוין אויך זיין אויפ׳ן וועג נאָך ירושלים.

— מיין פאָטער, האָף איך, וועט געבען אפּאָלאָניוס׳ן אזא ״ברוך הבא״ אַז ער וועט שוין פארזאָגען זיינע קינדס קינדער זיך נישט צו פארטשעפּען מיט׳ן אידישען פאָלק — האָט שמעון געזאָגט.

— מיר ארט ניט וועגען אפּאָלאָניוס׳ן — האָט היליאָדאָרוס געענטפערט מיט אַ זיפץ — מיר שרעקט אָבער דאָס האַרץ אז ווען אפּאָלאָניוס זאָל כאַפּען

אַ מפלה, דאַן וועט דער קעניג ווערען ווילד אויפ'ן אידישען פאָלק און דאַן וועלען מיר גאָר נישט קענען אויסווירקען ביי איהם.

— וואָס זשע ראַטסטו אונז צו טאָן? — האָט שמעון געפרעגט.

היליאָדאָרוס האָט זיך פארטראַכט. ער האָט געפיהלט אז די לאגע איז זעהר קריטיש פאר די פרומע אידען: דער כהן גדול איז איצט אויפ'ן וועג נאָך אנטיוכיע און אפאָלאָניוס איז אויפן וועג נאָך ירושלים. דערצו זיצען דאָ אין אנטיוכיע די הויפט פיהרערס פון די מתיונים וועלכע וועלען שוין זעהן צו שיטען שוועבעל און פעך אויפ'ן כהן גדול ווען ער וועט אָנקומען אַהער.

היליאָדאָרוס האָט אויפגעשווידערט ווען ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אין זיין פאַנטאַזיע וואָס דאָ וועט געשעהען מיט'ן כהן גדול חוניו זיין גוטען פריינט וועלכער האָט איהם געראַטעוועט זיין לעבען ווען ער איז דאמאָלסט שיער נישט געטויטעט געוואָרען אין בית המקדש...

— נו, וואָרום שוויגסטו? — האָט שמעון אָ פרעג געטאָן.

— איך גלויב אז איך וועל מוזען אָנווענדען גאָר ערנסטע מיטלען — האָט היליאָדאָרוס אָפּגעזיפצט.

— צום ביישפּיעל, וואָס דענקסטו צו טאָן? — האָט שמעון געוואָלט וויסען.

היליאָדאָרוס האָט שטילערהייט אריינגערוימט זיין סוד אין שמעון'ס אויער און שמעון האָט זיך אַ צאפּעל געטאָן פון שרעק.

— וואָס רעדסטו? דאָס איז דאָך אַ געפאהר פאר דיין אייגענעם לעבען — האָט שמעון אויסגערופען.

— איך קוק נישט אויף מיין לעבען, אַבי צו ראַטעווען די אידישע לאַגע — האָט היליאָדאָרוס אָפּגעענטפערט אין אַן ערנסטער שטימע. — איך פיהל אז דער אידישער גאָט האָט מיר געשאָנקען מיין לעבען כדי אז איך זאָל עס קענען אָפּפערן פאר'ן וואוילזיין פון די פרומע אידען...

שמעון האָט פּרובירט אָפּצורעדען היליאָדאָרוס'ן פון דעם געפעהרליכען שריט וואָס ער וויל מאכען, אָבער היליאָדאָרוס האָט איהם געגעבען צו פאר־שטעהן אַז די טעג זיינען געצעהלטע. דער כהן גדול קען צו יעדען טאָג אָנ־קומען אהער און דאַן וועט שוין זיין צו שפעט דורכצופיהרען זיין פלאַן.

שמעון האָט זיך געפיהלט זעהר ניט באקוועהם פון דעם פלאַן, אָבער צו דער זעלבער צייט האָט ער געפיהלט אַ גרויסען רעספּעקט צו דעם מאַן וועלכער, ניט נאָר האָט ער זיך אָפּגעהאלטען פון צו באַרויבען דעם בית המקדש, נאָר ער איז נאָך געוואָרען אַן אמת'ער פריינט פון די אמת'ע אידען

אויף אזוי ווייט, אז ער איז ווילִיג צו אָפּפערן איצט זיין אייגענעם לעבער פאר די אידען.

— זיי געזונט! — האָט הילִיאָדאָרוס אויסגערופען צו שמעון׳ען פאַר׳ן אַוועקגעהן — איך וועל זיך שוין מעהר נישט זעהן מיט דיר . . . זאָלסט איבערגעבען דיין פאָטער מיין אויפריכטיגען גרוס צו איהם און צו אלע פרומע אידען אין ארץ ישראל...

שמעון׳ס אויגען זיינען פול געוואָרען מיט טרערען. אָבער הילִיאָדאָרוס האָט איהם א קלאפּ געטאָן אויפ׳ן פּלייצע און א זאָג געטאָן: — מיר איז איצט זעהר גוט אויפ׳ן האַרצען, ווייל איך פיהל אז איך געה טאָן אַ גוטע זאַך. זאָלסט בעטען צום אידישען גאָט פאר מיין נשמה... כאָטש איך בין נישט געוואָרען אָפיציעל קיין איד, אָבער אין האַרצען בין איך אן אמת׳ער איד, זייט דעמאָלסט ווען איך בין געשלאָגען געוואָרען פון דער מיס־טעריעזער האַנט אין בית־המקדש.

— דיין נאָמען וועט אימער פארהייליגט ווערען צווישען די אידען — האָט שמעון אויסגערופען אין גרויס באַגייסטערונג.

הילִיאָדאָרוס האָט אַרומגעכאַפּט שמעון׳ען און האָט זיך צוקושט מיט איהם, און גלייך נאָכדעם איז ער ארויס פון הויז און איז פארשוואונדען געוואָרען פון שמעון׳ס אויגען.

---

קאַפּיטעל 19

# דער קעניג ווערט ערמאָרדעט. — יאזאָן ווערט כהן גדול.

שוין עטליכע טעג ווי די שטאָדט אַנטיוכיע רוישט און טומעלט ווייל דער קעניג סעלעקוס איז טויט. אויף אַזא פּלוצימדיגען טויט האָט קיינער זיך נישט געריכט: ער איז פאַרגיפטעט געוואָרען, און דער מערדער איז נישט קיין אַנדערער נאָר זיין בעסטער פריינט דער הויפט מיניסטער הילִיאָדאָרוס.

פארשטעהט זיך אז הילִיאָדאָרוס איז גלייך ארעסטירט געוואָרען. ער האָט נישט געלייקענט דעם מאָרד. ער האָט דערקלעהרט אז אַנדערש האָט ער נישט געקענט האַנדלען נאָכדעם ווי סעלעקוס האָט ארויסגעוויזען זיין עקשנות געגען דעם גערעכטען פאַרלאַנג פון די פרומע אידען אין ירושלים.

די אַנדערע מיניסטאָרען און גענעראַלען האָבען געוואלט וואָס שנעלער

טויטען דעם מערדער, אָבער גאָר פּלוצלונג האָבען זיי באקומען די נאָכריכט אז אַנטיוכוס עפּיפאנעס, דער אינגערער ברודער פון קעניג סעלעקוס, איז שוין אויפן וועג פון רוים נאָך אנטיוכיע, וואו ער וועט פארנעמען דעם קעניג־ליכען טהראָן.

הילִיאָדאָרוס האָט דעריבער באקומען נאָך עטליכע טעג ציים צום לע־בען ביז וואָנען אנטיוכוס וועט אָנקומען און דאן וועט ער איהם פאר׳משפּטן צום טויט.

דערווייל איז דער כהן גדול חוניו אָנגעקומען אין אַנטיוכיע און שמעון האָט איהם איבערגעגעבען די איינצעלהייטען פון דער לאַגע.

עס האָט נישט געדויערט לאַנג און אנטיוכוס עפּיפאנעס איז אָנגעקומען אין אַנטיוכיע און ער האָט באַלד גענומען ארויסצייגען וואָס ער קען.

צוערשט האָט ער געלאָזט טויטען הילִיאָדאָרוס׳ן, דאַן האָט ער איבער־געגעבען צו די רוימער זיין קליינעם ברודער, דעם פּרינץ דימיטריאוס׳ן, אלס משכון פאר די צינזען וואָס די סירישע מלוכה באַדארף צאָהלען צו רוים.

דער כהן גדול חוניו מיט שמעון׳ען האָבען געזוכט א געלעגענהייט צו ווערען אויפגענומען ביים נייען קעניג אום פאָרצולייגען פאר איהם זייערע קריוודעס, אָבער אנטיוכוס האָט זיי נישט געוואָלט אויפנעמען.

— איך וויל נישט אָנקוקען די פּנים׳ער פון די מענטשען וועלכע גלוי־בען נישט אין אונזער גאָט — האָט אַנטיוכוס אויסגעשריען צו זיינע מיניסטאָרען.

גאָר שנעל האָט אַנטיוכוס אָנגעוואָרפען א פּחד אויף אלעמען. אפילו זיינע אייגענע הויף־לייט האָבען געציטערט פאר די ביסטערע בליקען און די העפצעדיגע רייד פון דעם נייעם קעניג.

— איך וועל אַלע שונאים פון דער סירישער מלוכה אויסראָטען! — האָט אנטיאָכוס געשטורעמט אויף דעם ערשטען צוזאמענקום פון אלע מיניס־טאָרען און גענעראלען פאר א באַראָטונג ביים קעניג אין פּאַלאַץ — איך בין געוועזן פילע יאָהרען אין רוים און דאָרטען האָב איך געלערענט ווי אזוי מען דאַרף האַנדלען מיט שונאים.

דער כהן גדול חוניו און שמעון דער חשמונאי האָבען פארשטאַנען אז זיי האָבען שוין נישט אויף וואָס צו האָפען און זיי האָבען געוואָלט זיך אומ־קעהרען צוריק נאָך ירושלים, אָבער עס איז שוין געוועזן צו שפּעט, ווייל יאַזאָן האָט שוין דערווייל אוספּייעט צו ווערען פאָרגעשטעלט פאר׳ן נייעם קעניג, און מיט זיין גלאַטען צונג און כיטראָסט האָט ער איהם איבערגערעדט אז אזוי שנעל ווי ער, יאַזאָן, וועט ווערען כהן גדול אויפן פּלאַץ פון זיין ברודער

דאַן וועט ער שוין זעהן אז דער גרויסער אוצר פון בית־המקדש זאָל גאָר גיך אריבערגעהן אין די הענט פון דעם נייעם קעניג.

אנטיוכוס האָט גלייך געגעבען א באפעהל אז דער גאסט חוניו דער כהן גדול טאָר נישט ארויספאָהרען פון אַנטיוכיע ווייל יאַזאָן, זיין ברודער, ווערט שוין געשיקט נאָך ירושלים צו פארנעמען דעם כהונה־גדולה אַמט.

שמעון דער חשמונאי האָט זיך אָבער דאָך ארויסגעראטעוועט און איז אָנגעקומען אין ירושלים פונקט דאַן ווען זיין ברודער יונתן האָט געפראַוועט זיין חתונה שמחה מיט דער שעהנער, קלוגער, און גאָטספאָרכטיגע דבורה, וועלכע איז געווען די הויז פארוואלטערין ביי די חשמונאים אין מודעין.

— וואו איז דער כהן גדול חוניו? — האָט מתתיהו אַ פרעג געטאָן זיין זוהן, אזוי שנעל ווי ער איז אָנגעקומען אהיים.

— אַן אומגליק איז געשעהן! — האָט שמעון אויסגערופען — דער כהן גדול איז פאַרהאַלטען געוואָרען אין אַנטיוכיע ווייל זיין ברודער יאזאָן איז באשטימט געוואָרען צו ווערען כהן גדול אויף זיין פלאַץ.

מתתיהו האָט אָפגעוואַרט די ערשטע עטליכע טעג פון זיין זונ׳ס חתונה און דאַן האָט ער אָפגערייזט נאָך ירושלים, מיטנעמענדיג מיט זיך זיינע זיהן יהודה׳ן מיט שמעון׳ען און אין ירושלים האָט מתתיהו פאררופען דעם סנהדרין צו אַן אַסיפה, אום צו באטראַכטען די ניי־געשאַפענע לאַגע.

פילע פון דער סנהדרין האָבען געפאָדערט אז אויב יאזאָן וועט קומען אהער אלס כהן גדול,זאָלען אלע כהנים און לויים ארויסגעהן אין אַן עפענטליכע רעוואָלוציע געגען איהם, אָבער מתתיהו האָט גע׳טענה׳עט, אַז ניט נאָר וועט אַזאַ שריט פיהרען צו ערנסטע צוזאמענשטויסען מיט די גריכישע סאָלדאטען, וועלכע וועלען געוויס שטעהן אויף יאזאָנ׳ס זייט, נאָר אויך וועט עס פיהרען צו אַ פולשטענדיגער רואינירונג פון דער "עבודה" אין בית־המקדש.

— אָבער ווי קענען מיר דערלויבען אַזאַ פאררעטער און מתיון ווי יאזאָן, צו דינען אין אַזאַ הייליגען אַמט אַלס כהן גדול? — האָט דער אלטער אלעזר הצדיק אויסגעשריהען.

— איך האָף צו גאָט, אז דער דאָזיגער רשע וועט לאַנג נישט פאר־בלייבען אויף זיין אמט — האָט מתתיהו געענטפערט.

מען האָט נאָך פיל דיסקוטירט אויף דער דאָזיגער פארזאַמלונג און עס איז פארבליבען אז מען זאָל דערווייל בויגען די קעפ פאר דער נייער גזירה פון דעם נייעם קעניג אנטיוכוס עפיפאנעס.

מתתיהו האָט אָבער שטילערהייט גענומען טאָן גאָר ערנסט. ער האָט געהייסען זיינע זיהן זיך צוגרייטען צו שווערע צייטען . . .

— דער נייער קעניג אנטיוכוס וועט נאָך מאַכען ווייטערע גזירות אויף אידען — האָט מתתיהו דערקלעהרט צו זיינע זיהן — מיר מוזען זיך צוגרייטען באַצייטענס. איך פיהל אז אַ שווארצע כמאַרע האָט באַדעקט די הימלען פון אונזער לאַנד. מען מוז שוין אָנהויבען אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע געגען אונזערע שונאים.

און ווירקליך האָט מתתיהו מיט זיין דורכזיכטיגער אויג פאָראויסגעזעהען אַלעס קלאָהר און דייטליך. ווייל אזוי שנעל ווי דער מתיון יאזאָן איז אָנגעקומען אין ירושלים, מיט אַ היבשער ארמיי פון די גריכען איהם צו באַשיצען אויף זיין נייעם אמט, האָט ער באַלד איינגעפיהרט די גריכישע אָלימפּישע שפּילען אין ירושלים. ער האָט געלאָזט אויסבויען עטליכע גרויסע געביידעס פאר פעכטונגען, טענץ, באָדען, פערד רייטונגען א. א. וו. און פיעלע יונגעלייט און יונגע פרויען, פון די ביז אַהעריגע פרומע שיכטען פון פאָלק, זיינען צוגעצויגען געוואָרען צו די נייע ספּאָרטען. אפילו כהנים האָבען אויך אָנגעהויבען שפּילען און ספּאָרטעווען אויפ׳ן גריכישען שטייגער.

פארשטעהט זיך, אז איצט האָט יאזאָן שוין גישט באַדאַרפט רופען קיין גריכישע גענעראַלען צו באַרויבען דעם בית־המקדש. ער זעלבסט האָט שוין געשלעפּט מיט אַ פולער האַנט פון דעם גרויסען פארמעגען און ער האָט עס געשיקט צום קעניג.

קאַפּיטעל 20

## מרים מיט איהרע נייע געליבטע

זייט מרים, די טאָכטער פון דעם כהן בילגה, מיט איהר געליבטען מענעלאָס זיינען אוועק נאָך אנטיוכיע, איז זי געוואָרען ווי פון־דאָס־ניי אויפגעלעבט. איהר ביז אַהעריגער אומעט און איינזאַמקייט אין דעם „גליל״ פּראָווינץ, וואו מענעלאָס האָט איהר געהאַלטען אָפּגעזונדערט פון אַ מעגליכער „שלעכטע אויג״ . . . און זי איז געווען פאר איהם אן איבערגעגעבענע מעטרעסע, איז פארשוואונדען געוואָרען, און זי האָט זיך איצט אינגאנצען געענדערט. מרים האָט אָנגעהויבען געניסען פון דעם פארשייטען און לוסטיגען גריכישען לעבען אין דער גרויסער שטאָדט אנטיוכיע. זי האָט גאָר קיינמאָל ניט געחלומ׳ט פון אַזאַ גליק... אין ארץ ישראל האָט זי נאָר געהערט זיפצען אויף ״גלות השכינה״, אויף דעם וואָס די הייליגקייט פון גאָט ווערט פארשוועכט אין דער הייליגער לאַנד, אָבער דאָ, אין אנטיוכיע, איז

אלעס אזוי שעהן, רייצענד, פול מיט לעבען און פרעהליכקייט און דער עיקר, דאָ איז נישטאָ אזא זאך ווי ניט טאָרען... אַלעס מעג מען דאָ...

פון אָנפאנג האָט מענעלאָס אויך געהאָט פארגעניגען פון זיין געליבטע. ער האָט געזעהן ווי זי צעבליהט זיך אין איהר פראכטפאָלקייט ווי אַ שעהנע בלום אונטער די לאַשצענדע ווארעמע זונען־שטראהלען און ער האָט זיך געפיהלט שטאָלץ מיט איהר. מענעלאָס האָט זיך ארומגעפיהרט מיט דער בילד־שעהנער מרים'ען איבער אַלע פראָמינענטע הייזער פון די סירישע גע־נעראלען און מיניסטאָרען. ער האָט אָנגעקוואָלען צו הערען די פילע ליב־ווערטער וואָס די סירישע הויכע בעאמטע, סיי מענער און פרויען, האָבען צו־געטיילט צו מרים'ען.

אָבער פלוצלונג, ווי אַ דונער אין מיטען העלען טאָג, האָט מענעלאָס זיך דערוואוסט, אז דער גענעראל גאָרגיאס האָט שוין געוואונען מרים'ס הארץ פאר זיך...

פון אָנפאנג האָט מענעלאָס געדענקט, אז דאָס איז נאָר בלויז א פאַנטאַ־זיע, ווייל ווי שיקט זיך עס, אַז מרים זאָל איהם פארראטען? אָבער גאָר שנעל האָט ער אויסגעפונען אַז לײדער איז עס ריכטיג.

האָט מענעלאָס אָנגעהויבען איינ'טענה'ען מיט מרים'ען וועגען צוריק־פאָהרען אַ היים נאָך ארץ ישראל. אָבער מרים האָט זיך אויסגעלאכט פון דעם דאָזיגען פּלאַן.

— וואָס פעהלט מיר דאָ? — האָט מרים אויסגערופען מיט א פרעה־ליכע שטימע — איך האָב אַלע לוקסוסען, פארעהרערס, פארגעניגענס און...

— און לינקע געליבטע! — האָט מענעלאָס ארויסגעפּלאַצט מיט שטורעם.

— און וואָס ביסטו צו מיר? ניט אַ לינקער געליבטער? — האָט מרים זיך צעלאַכט.

— איך? וואָס הייסט? — האָט מענעלאָס זיך געכאַפּט פאַר'ן קאָפּ — איך האָב דאָך דיר געראטעוועט פון די הענט פון די רויבערס...

— יאָ, אזוי האָב איך געגלויבט, אָבער איצט ווייס איך שוין ווער די רויבערס זיינען געוועזן — האָט מרים אויסגערופען מיט אַ שפּאָטישען געלעכטער.

— וואָס רעדסטו? דו, מרים? ווי קומסטו גאָר צו אַזעלכע רייד געגען מיר? — האָט מענעלאָס זיך צושריהען אויף די הויכע טענער.

— ווייל דו ווילסט מיך צווינגען צוריקצופאָהרען נאָך ארץ ישראל — האָט מרים געענטפערט.

— איך וואָלט עס פיליכט נישט געפאָדערט פון דיר, אָבער איך האָב מורא, אז דו וועסט ווערען אומגעטריי צו מיר — האָט מענעלאָס געענטפערט.

— דאָס קענסטו מיר נישט פארוועהרען, האָט מרים אַ געשריי געטאָן.

מענעלאָס האָט מיטאַמאָל דערפיהלט ווי דאָס בלוט גיט איהם אַ זעץ אין פּנים. זיינע צוויי פויסטען האָבען זיך צוזאַמענגעדריקט אזוי ווי ער וואָלט וועלען מיט איין קלאַפּ דערשלאָגען מרים'ען צום טויט פאַר איהר פרעכען פּאַרראַט געגען איהם. ער זעהט שוין, אַז מרים איז שוין מעהר נישט זיינע אליין, זי האָט שוין אַן אנדער געליבטען.

מענעלאָס האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן און ווי צו האַנדלען. וואָלט עס געווען אין ירושלים, דאן וואָלט ער געקענט איהר בייקומען, אָבער דאָ אין אַנטיוכיע, אין אַ גרויסער פרייער שטאָט מיט אזוי פיעל גריכען, וועלכע זיינען פעהיג אויף די עקעלהאפטסטע זאכען, קען ער ניט זיין קיין העלד געגען דער, פון אַלעמען, באַריהמטער און פארגעטערטער שעהנער מאריאמא . . .

— דענקסטו ניט, אז דו דארפסט זיך אומקעהרען מיט מיר נאָך ארץ ישראל, סיי צוליב דיר אליין אלס אידישע טאָכטער, סיי צוליב מיר אלס דיין ערשטער און אמת'ער ליעבהאָבער און אויך צוליב דיינע עלטערען, וועלכע וועלען געוויס וועלען דיך האָבען נאָהענט נעבען זיך — האָט מענעלאָס פּרובירט מיט גוטען.

— איך קימער זיך נישט וועגען קיינעם אויסער וועגען זיך זעלבסט האָט מרים געענטפערט — מיר איז דאָ בעסער און דאָ וועל איך פארבלייבען.

— און אויב איך וועל צוריקפאָהרען? — האָט מענעלאָס נאָך פּרובירט פרעגען:

פאָהר געזונטערהייט! — האָט מרים איהם געוואונשען מיט אַ שמייכעל.

— און ביי וועמען וועסטו דאָ בלייבען? — האָט מענעלאָס געוואָלט הערען איהר קלאָהרען ענטפער.

— דאָס דארפסטו נישט וויסען — האָט מרים געענטפערט — איך וועל נישט בלייבען אין גאַס.

— אָבער ווייסטו דען נישט אַז אַ מעטרעסע ביי די גריכען קען ניט בלייבען לאנג אויף איהר פּלאַץ? — האָט מענעלאָס אויסגערופען מיט כעס.

— וועל איך דאַן קומען צו דיר — האָט מרים שנעל געענטפערט מיט רוגזה.

— אָבער דאן וועל איך מעהר ניט וועלען אָנקוקען דיין „מצח אשה זונה", דיין הארטנעקיגען אויסגעלאָסענעם חוצפה'דיגען שטערען — האָט מענעלאָס אויסגערופען.

— און פאַרלויפיג וויל איך נישט אָנקוקען דיין פנים! — האָט מרים אַ געשריי געטאָן.

— אויב עס האלט שוין מיט דיר אזוי וויט, מעגסטו שוין זינקען ווייטער אין שמוץ! — האָט מענעלאָס אויסגעשריען און האָט זיך געלאָזען לויפען צום טיר, אָבער פלוצלונג האָט מרים אויסגערופען:

— איידער דו פאָהרסט אוועק פון דאנען זאָלסטו נישט פארגעסען מיט־צונעהמען אויך דיין הייליגען ברודער דעם כהן ליסימאָכוס...

— וואָס אָרט דיר פאר מיין ברודער וואו ער איז? — האָט מענעלאָס צוריקגעשריען מיט כעס.

— איך גלויב אז דו וועסט זיצען רוהיגער אין ירושלים האָבענדיג דיין ברודער נעבען זיך — האָט מרים געענטפערט און זי האָט באלד צוגע־געבען: — דו מוזט עס וויסען אז דיין אייגענער ברודער איז געווען צו מיר נישט ווייניגער ווי דו ביזט געווען צו מיר... איצט וויל איך פטור ווערען פון ביידע שעהנע ברידער מיטאמאָל...

מענעלאָס איז געבליבען שטעהן אָהן לשון. אַ קאַלטער שווייס האָט איהם באגאָסען דעם פנים. אויף אזעלכעס האָט ער זיך נישט געריכט. נאָך נישט גענוג וואָס זי, מרים, האָט איהם אזוי מיאוס פאררעטען, לאָזט זיך גאָר אויס אז זיין אייגענער ברודער ליסימאָכוס, וועמען ער האָט געראטעוועט פון זיכערען טויט דערמיט וואָס ער האָט איהם געהייסען אנטלויפען פון ירושלים כדי דער סנהדרין זאָל איהם נישט טויטען פאר'ן מאָרד פון חנה'ס מאַן, זאָל גאָר וואָגען אזא פארברעכען געגען איהם?

— נו, וואָס שטעהסטו נאָך? — האָט מרים זיך אַ רייץ געטאָן מיט דעם פלוצלונג באטריבט געוואָרענעם מתיון־העלד דעם כהן מענעלאָס.

— איך ווינש דיר דעם טויט! אַ שנעלען ביטערען סוף זאָלסטו האָבען פאר דיין פארראט געגען מיר — האָט מענעלאָס א געשריי געטאָן מיט אַ פלאַם־פייערדיגען פנים פון גרויס רוגזה און האַרצוועהטאָג, און אין נעקסטען אויגענבליק איז ער ארויסגעלאָפען פון הויז.

מרים האָט זיך הילכיג צולאכט און האָט איהם נאָכגעשריען:

— דו וועסט פריהער געטויטעט ווערען פאר'ן מאָרד פון מיין ערשטען אויפריכטיגען געליבטען היראָטאָס'ען...

קאַפּיטעל 21

## צוויי פּאַטריאָטישע שפּיאָנען

אין די באשיידענע פרומע הויז פון דער חשמונאים פאמיליע אין

"מודעין" איז פאַרגעקומען אַ שטילער געשפּרעך צווישען צוויי פרויען. דבורה, די נאָר וואָס פארהייראטע פרוי צו יונתן דעם חשמונאי, האָט זיך דורכגעשמועסט מיט איהר קאמער מיידעל רוחמה'ן.

— איך ווייס נישט אויב מיר האָבען אַ רעכט צו פארלאנגען פון דיר אַזאַ זאך — האָט דבורה אָפּגעזיפצט — דו ביזט דאָך אַ גאָטספארכטיגע אידישע טאָכטער טאָ ווי אזוי קענסטו גאָר טראכטען פון אַזאַ געפעהרליכען שריט?

— איך קען שוין אָבער נישט צוזעהן די צרות פון אונזערע ברידער, די חשמונאים, די חסידים, און פרומע אידען. די גזרות פון דעם רשע קעניג אנטיוכוס זיינען שוין אומדערטרעגליך. איך האָב פיל נאָכגעטראכט וועגען מיין פלאן און איך בין געקומען צום באשלוס אז איך מוז איינשטעלען מיין לעבען פאר'ן אידישען פאָלק. אונזער אמאָליגע אסתר המלכה האָט אויך זיך איבערגעגעבען צום קעניג אחשורוש און דאַדורך געבראַכט אַ ישועה אויף די אידען.

— ווען איך וואָלט דיר נישט געקענט, וואָלט איך האָבען אַ רעכט דיר חושד צו זיין אין שלעכטע געדאנקען — האָט דבורה געענטפערט — אָבער אזוי ווי איך בין זיכער אין דיין פרומקייט און אנשטענדיגקייט דעריבער קען איך בלויז דיר פארעהרען און ווערען באגייסטערט פון דיין הויכען נאַציאָנאלען און רעליגיעזען געפיהל.

— איך טהו עס נישט פאר קיין באלוינונג אָדער פאר כבוד — האָט רוחמה צוגעגעבען — איך טהו עס בלויז ווייל איך וויל זיין אַ מיטהעלפערען צו מיינע ווירדיגע באלעבאטים די חשמונאים אין זייער ענערגישען קאמף געגען די שונאים פון אונזער לאנד און פאָלק.

— אָט וועל איך געהן אריינרופען אהער מיין מאַן און דו וועסט איהם דערקלעהרען וועגען דיין באשלוס — האָט דבורה געזאָגט און האָט זיך אויפ־געהויבען פון שטול.

— ניין, טהו עס נישט! — האָט רוחמה אויסגערופען — איך בעט דיר, דערצעהל נישט קיינעם פון מיין פלאן, ווייל ערשטענס, שעהם איך זיך... און צווייטענס, וויל איך נישט אז אימיצער, אויסער דיר, זאָל גאָר וויסען וואָס איך דענק צו טאָן.

— אָבער סיי ווי סיי וועסטו דאָך מוזען פארלאָזען אונזער הויז און דאַן וועט מען דאָך אָנהויבען פאָרשען און פרעגען וואו דו ביזט אהינגעקומען און דיין סוד וועט ארויסקומען אין דער עפענטליכקייט — האָט דבורה געזאָגט.

— דו וועסט קענען צוטראכטען עפּעס אַ פּאסענדען אויסרייד וועגען מיין פארשווינדען פון הויז — האָט רוחמה געענטפערט.

— אויב דו באשטעהסט דוקא אויף דעם, בין איך וויליג אזוי צו טאָן — האָט דבורה נאָכגעגעבען — איך וועל שוין זעהען אז עס זאָל דיר נישט פעהלען קיין געלט אויף דער אונטערנעהמונג.

— איצט אַז מיר האָבען זיך שוין איינפארשטאַנען וועגען מיר זעלבסט — האָט רוחמה ווידער גענומען רעדען — וויל איך דיר בעטען נאָך עפּעס.

דבורה האָט אַנגעשטעלט איהרע צוויי שעהנע אויגען אויף איהר קאמער מיידעל און האָט אַ זאָג געטאָן:

— קענסט רעדען וואָס דו ווילסט. דו דארפסט גאָר קיין מורא נישט האָבען. איך בין זיכער אַז דו וועסט נישט פארלאַנגען קיין אומגערעכטע זאך.

— איך וואָלט וועלען בעטען אז דו זאָלסט מיר ערלויבען מיטצונעהמען אויך צפניה'ן... — האָט רוחמה לאנגזאם ארויסגערעדט איהר אנגסטליכען פארלאנג.

— צפניה'ן? צפניה'ן? — האָט דבורה איבערגע'חזר'ט עטליכע מאָל דעם דאָזיגען נאָמען און האָט אַנגעקוקט רוחמה'ן מיט פאַרשענדע בליקען — צוליב וואָס דארפסטו איהם? און וואָס עפּעס צפניה'ן און ניט קיין אנדערען פון די פילע הויז־יונגען?

— ווייל צפניה ווייס שוין מיין סוד — האָט רוחמה שטיל ארויסגע־שעפּעשעט.

— ווארום האָסטו איהם דערצעהלט דיין סוד? — האָט דבורה זיך געוואונדערט.

— ווייל איך און צפניה... איך מיין... ער... יאָ...

רוחמה האָט זיך פארהאַקט אין איהרע רייד, עס איז איהר געוועזן שווער ארויסצוזאָגען די נייעס

— וואָס, דו און צפניה? — האָט דבורה א פרעג געטאָן מיט אַ לייכטען שמייכעל, פיהלענדיג וואָס דאָ קומט פאָר.

— ווייל איך און צפניה...מיר זיינען...

רוחמה האָט זיך ווידער פארהאַקט אינמיטען און האָט אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ.

אזוי גאָר? — האָט דבורה אויסגערופען מיט אַ פרעהליכער שטימע — הייסט עס אז דו און צפניה זייט איהר פארליבט איינער אין דער צווייטער?

— יאָ — האָט רוחמה צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— איצט פארשטעה איך שוין — האָט דבורה צוגעגעבען, אָבער אין נעקסטען מאָמענט האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט גרויס פארוואונדערונג און האָט אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר, רוחמה, ווי קומט עס וואָס דו האָסט נישט מורא געהאַט זיך אַנצופאַרטרויען מיט אַזאַ סוד צו דיין חתן? און וואָס זאָגט ער דאַרויף?

— מיין צפניה איז דאָך איינער פון יהודה׳ס געשוואָרענע מיטהעלפער און פונקט ווי זיין באַלעבאָס, אַזוי איז ער אויך ווילינג זיך צו אָפּפערען פאַר אונזער פאָלק און לאַנד — האָט רוחמה געענטפערט.

— אָבער דאָס וואָס דו ווילסט טאָן, איז דאָך געגען דעם רעליגיעזען דין, טאָ ווי אַזוי וועט צפניה גאָר קענען טראַכטען צו הייראַטען מיט דיר שפּעטער, ווען אפילו אַז דו זאָלסט בלייבען לעבען?

— מיין צפניה וועט מיר גלויבען אויפ׳ן וואָרט — האָט רוחמה געענטפערט — אויב איך וועל בלייבען לעבען און ריין פון זינד, וועט מיין צפניה מיר גלויבען און מיר וועלען הייראַטען, און טאָמער חלילה וועל איך זיין אַ באַפלעקטע, דאַן וועט עס זיין אונזער ביידענס אומגליק... קיינער פון אונז וועט נישט הייראַטען מעהר, נישט צווישען זיך און נישט מיט קיין אַנדערען אָדער אַן אַנדערער...

דבורה איז געבליבען זיצען אַ געפּלעפטע. אַזאַ נאָבעלער פּאַטריאָ־טיזם איז דאָך ניט געהערט געוואָרען. צוויי יונגע מענשען: צפניה, אַ העלד־דישער יונגערמאַן מיט חכמה און טאַפּפערקייט, און רוחמה, אַן אויסערגע־וויינליכע פאַרשוין, ביידע זיינען פאַרליעבט איינער אין דער צווייטער, זאָלען זיין ווילינג אויפצוגעבען זייער נאַטירליכע פּריוואַטע ליבע צוליב זייער ליבע צום לאַנד און פאָלק. און נאָך מעהר, דער חתן אַליין, וועלכער, לויט ווי רוחמה זאָגט, איז אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין זיין כלה, זאָל גאָר צושטימען מיטצוגעהן מיט איהר און צוקוקען ווי זי וואַרפט זיך אין פרעמדע אָרעמס מיט׳ן צוועק צו ברענגען אַ ישועה אויף זייער פאָלק.

דבורה׳ס אויגען זיינען פול געוואָרען מיט טרערען. עס האָט איהר פאַרקוועטשט ביים האַרצען וואָס אַזאַ צאַרטע, איידעלע פּאָר, צפניה און רוחמה, גיבען אויף זייער אייגענעם אימפּולסיווען דראַנג צו געניסען פון זייער ליבע, און זיינען ווילינג זיך צו אָפּפערען פאַר׳ן כלל ישראל.

דבורה האָט זיך אויפגעהויבען פון שטול און צוגעהענדיג צו רוחמה׳ן, האָט זי איהר אָפּגעפּרעסט עטליכע וואַרימע קושען און האָט אַרויסגעמורמעלט:

— פון היינט אָן און ווייטער, ביסטו פאַררעכענט אַזוי ווי מיין שוועסטער. איך וועל שוין זעהען ווירקען אַז צפניה זאָל מיטגעהען מיט דיר. יאָ, מיט צפניה׳ן נעבען זיך וועסטו בעסער קענען אַרבייטען פאַר דיין הייליגען צוועק...

קאַפּיטעל 22

# מענעלאָס ווערט כהן גדול — חוני המעגל און די איסיים סעקטע — יקום-איש-צרורות אַרעסטירט זיין אָנקעל.

עטליכע יאָהר זיינען פאַראיבער זינט אַנטיאָכוס עפּיפאַנוס איז גע־וואָרען קעניג איבער סיריע און ארץ ישראל; דאָס זיינען געווען יאָהרען פון אַנגסט און שרעק, פון יסורים און צרות, וועלכע די אידען האָבען געהאַט אויסצושטעהן.

מתתיהו מיט זיינע פינף זיהן האָבען נעבאַך געליטען גייסטיגע שמערצען צוקוקענדיג ווי אנטיאָכוס עפּיפאַנוס באַלעבאַטעוועט איבער די אומגליקליכע פרומע אידען. אין לאַנד איז דעמאָלט פאָרגעקומען א גרויסער כאָאָס: די גריכען פון איין זייט, די מתיונים פון דער אַנדערער זייט, און די גאָר נייע איסיים סעקטע פון דער דריטער זייט.

די גריכען האָבען פאַרשוועכט אַלע הייליגטימער. זיי האָבען, אין נאָמען פון קעניג, געצוואונגען אַלעמען צו אַנערקענען די אַבסאָלוטע הער־שאַפט פון דער געצענדינסט. די גריכישע אָפיצירען האָבען זיך צעשפּרייט מיט זייערע סאָלדאַטען איבער אַלע שטעדט און דערפער און האָבען אויפ־געבויט אַלטאַרען פאר די גריכישע אָפּגעטער אפּאָלאָ און צעאוס. מען האָט געצוואונגען די אידען צו נעמען אנטייל אין דער געצענדינסט און עסען חזיר פלייש וועלכעס פלעגט פריהער געאָפּפערט ווערען אויף די גריכישע אַלטאַרען.

צו דער זעלבער צייט האָבען אויך די מתיונים צעפיהרט זייערע הענט און זיי האָבען גערופען דער אידישער יוגענט זיך אַנצושליסען אין די נייע אָלימפּישע שפּילען, הוליאַנקעס, פערד רייטונג און גימנאַסטיק, די מתיונים האָבען, אזוי צו זאָגען, געהאָלפען די גריכען אויסצומענטשלען זייערע אייגענע ברידער...

עס האָט שוין דערגרייכט אזוי ווייט, אז דער פאררעטער יאָזאָן, דער נייער כהן גדול, האָט זיך נישט געשעהמט צו שיקען אַ ספּעציעלען קרבן לכבוד דעם גריכישען אָפּגאָט, צעאוס, וועלכער איז געאָפּפערט געוואָרען אויפן גריכישען אלטאר און, פארשטעהט זיך אז, יאזאָן האָט ניט מורא געהאַט פאַר זיינע אידישע ברידער.

דערווייל האָט פּאַסירט, אז אַנטיאָכוס איז אַוועק מיט זיין ארמיי נאָך עגיפּטען און האָט פּרובירט צו פאַרכאַפּען אויך דאָס דאָזיגע לאַנד אונטער זיין רעזשים. צוריקגעהענדיג פון עגיפּטען מיט אַ פאַרביטערט האַרץ,

צוליב זיין דורכפאַל, האָט ער אָפּגעשטאָט א באזוך אין ירושלים און ערשט דאַן איז געוואָרען דער טומעל זעהר גרויס. מען האָט דערצעהלט אַנטיאָכוס'ן אַז די אידען פרייען זיך אויף זיין מפּלה אין עגיפּטען. אַנטיאָכוס האָט גלייך געהייסען זיינע גענעראַלען צו באַשטראָפען די אידען.

די גענעראַלען האָבען באַלד געמאַכט א שוידערליכע שחיטה: אריבער טויזענט אידען זיינען אומגעקומען פון די רוצח'ישע הענט און א גרויסע צאָל אידען זיינען צוגענומען געוואָרען אלס געפאַנגענע נאָך אנטיוכיע און צווישען די געפאַנגענע איז אויך געווען דער אַלטער אלעזר הצדיק.

און דאמאַלסט, ווען אנטיאָכוס איז געווען אין ירושלים, האָט מענעלאָס דער מתיון אוספּייעט אויסצואווירקען פאר זיך דעם אמט פון כהונה גדולה אויפן פלאַץ פון דעם מתיון יאזאָן. אנטיאָכוס האָט אויסגעהערט די שעהנע רייד פון דעם כיטרען מענעלאָס, וועלכער האָט איהם צוגעזאָגט אז ווי נאָר ער וועט ווערען כהן גדול וועט ער צאָהלען צום קעניג אַזעלכע צינזען וואָס וועט איהם, דעם קעניג אליין, איבעראַשען..

ווען יאזאָן האָט דערהערט פון דעם שטילען אָפּמאַך צווישען קעניג מיט מענעלאָסען איז ער געוואָרען א פארציטערטער. ער האָט ערשט איינ־געזעהן ווי אמת עס איז דאָס שפּריכוואָרט: „אַז זעהר אָפט האָדעוועט אויס דער מענש זיין אייגענעם שונא". ער אליין האָט אמאָל געלערענט מענעלאָסן ווי צו ווערען א מתיון און איצט קומט דער תלמיד און וואַרפט אראָפּ דעם רבין . . .

יאזאָן האָט געפיהלט, אז מענעלאָס וועט ערשט מאַכען פון בית־המקדש אן אמת'ען חורבן. אָבער וואָס האָט ער געקענט העלפען? עס איז איהם געווען פינסטער און ביטער פון אַלע זייטען. מיט די פרומע אידען איז ער דאָך געווען צעקריגט שוין פון לאַנג צוריק, און מיט די מתיונים איז דאָך מענעלאָס איצט געוואָרען זייער העלד. זיי וועלען איהם געוויס שטיצען מיט זייער גאַנצען כוח און געלט געגען דעם אָפּגעשוואַכטען יאַזאָן.

יאזאָן האָט זיך מישב געווען אז סיי ווי סיי האָט ער שוין ניט קיין האָפנונג צו פארבלייבען אויף זיין אמט אלס כהן גדול און דעריבער וואָלט עס געווען גאָר יושר'דיג אז ער זאָל זיך צוריק איבערבעטען מיט זיין ברודער חוניו, דער אַראָפּגעזעצטער כהן גדול וועלכער זיצט נאָך אַלץ א געפאַנגענער אין אנטיוכיע. מעגליך אז ביידע צוזאַמען וועלען קענען עפּעס אויפטאָן מיטן קעניג געגען מענעלאָסען.

יאזאָן האָט ניט פארלוירען קיין צייט און ער האָט שנעל אָפּגערייזט נאָך אנטיוכיע, צו זיין אומגליקליכען ברודער חוניו.

דערווייל איז מענעלאַס געוואָרען כהן גדול, און זייענדיג ארומגע־רינגעלט מיט א גריכישער ארמיי האָט ער אָנגעהויבען פיהרען מיט א פעסטער האנט. ער האָט געלערענט די גריכישע אַפּיצירען ווי אזוי צו דריקען און שטיקען די פרומע אידען.

גאָר שנעל איז ארויסגעגעבען געוואָרען א גזירה אז קיין איד טאָר מעהר ניט היטען דעם שבת טאָג, טאָר נישט באַשניידען זיין ניי געבאָרענעם זוהן, און טאָר ניט מעהר לערנען די אידישע תורה.

אין ארץ ישראל איז געוואָרען אַ מהומה, א יללה. אידען האָבען אָנגעהויבען פאַסטען און מתפלל זיין צו גאָט אַז די נייע גזירות זאָלען בטל ווערען. אַזעלכע גזירות, וועלכע זיינען געצילעוועט אין דעם סאַמע יסוד פון דאָס אידענטום, וועלען דאָך מיט דער צייט רואינירען דאָס אידישע פאָלק גאָר אין גאַנצען.

די גריכישע אָפּיצירען זיינען ארומגעלאָפען איבער די שטעט און דערפער און האָבען אַכטונג געגעבען, אז דעם קעניגס נייע גזירות זאָלען ווערען פּינקטליך אָפּגעהיט.

דערווייל האָט פּאַסירט, אַז א פרומע אידישע פרוי, וועמעס מאַן איז געשטאָרבען מיט עטליכע וואָכען צוריק, האָט געבוירען אַ זון. די אלמנה איז געווען זעהר אָרעם און ווען זי האָט באַדאַרפט געלעגען ווערען, איז זי ארייג־געקומען געוואָרען ביי אַ שכנה אין הויז און איז איבערגעקומען בשלום.

פאַרשטעהט זיך אז ווען דאָס ניי־געבוירענע קינד איז אַלט געוואָרען אַכט טעג, האָט די קימפּעטאָרען פאַרלאַנגט אַז מ׳זאָל איהר קינד מל זיין. זי איז געווען אַ פרומע אידישע פרוי און איהר פאַרשטאָרבענער מאַן איז געווען א גרויסער למדן און אַ גאָטספאָרכטיגער.

די שכנים האָבען נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. געוויס איז עס איינע פון די גרעסטע מצוות, א קליינינקייט? א ברית מילה! א מצוה, וואָס גאָט האָט אָנגעזאָגט צו אברהם אבינו נאָך איידער יצחק איז געבוירען געוואָרען, אָבער באַלד האָבען זיי צוריק א טראַכט געטאָן: וואָס וועט זיין אויב די גריכישע סאָלדאַטען וועלען זיי כאַפּען דערביי, דאַן וועלען זיי דאָך אלעמען אויס׳הרג׳ענען.

די שכנים האָבען זיך גענומען שושקען איינער מיטן צווייטען ביז וואַנען רבי יוסי בן יועזר, דער נשיא, האָט זיך דערוואוסט, און ער האָט געשיקט זאָגען צו דער אומגליקליכער מוטער אַז זי מעג אָפּלייגען דעם ברית אויף אַ פּאָר מאַנאַטען שפּעטער, אפשר וועט דורך דער צייט געשעהן א נס און די גזרה וועט בטל ווערען.

די פרומע אלמנה האָט אָבער נישט געוואָלט פאָלגען וואָס דער גרויסער רבי האָט איהר געזאָגט, זי איז געווען פול מיט אַמביציע און רעליגיעזען עקסטאַז. זי האָט בלויז אָפּגעוואַרט נאָך אַ וואָך ביז וואַנען זי האָט אליין געקענט ארויסגעהן פון הויז און אויסגעפינען אַן עהרליכען איד וועלכער וועט וועלען טאָן פאר איהר די גרויסע מצוה און מל זיין איהר קינד.

און איינמאָל, שפּעט אין אָווענט, ווען דער הייליגער געטליכער מאַן חוני, וועלכער איז געווען באַקאַנט מיט׳ן נאָמען „חוני המעגל״, איז געזעסען ביי זיך צו הויז אין אַ שטילע גאַס אין ירושלים און געלערענט שטילערהייט, האָט זיך די טיר געעפענט און אַ פרוי איז אַריבער דעם שוועל און האָט אויסגערופען:

— הייליגער רבי, העלף מיר! איך בין אַן אומגליקליכע אלמנה, מיין מאַן איז געשטאָרבען מיט א פּאָר וואָכען צוריק און איך האָב געבוירען צו איהם א זון וועלכער איז שוין אַלט צוויי וואָכען און איך האָב נישט ווער עס זאָל איהם אַריינברענגען אין דעם ברית פון אברהם אבינו מיט גאָט.

„חוני המעגל״ האָט אויסגעהערט די רייד פון דער פרוי און ער האָט אַ פרעג געטאָן:

— ווייסטו, טאָכטער מיינע, פון דער שטרענגער גזירה פון דעם קעניג?

— יאָ, רבי, איך ווייס! — האָט די פרוי געענטפערט און זיך צעוויינט.

— שאַ! דאַרפסט נישט וויינען! — האָט „חוני המעגל״ שנעל פאַר־כאַפּט — דער גאָט פון ישראל וועט נישט דערלאָזען אַז די גזירה זאָל חלילה אָנהאַלטען אויף לאַנג.

— אָבער איך וויל נישט אָפּוואַרטען מיט אַזאַ מצוה — האָט די פרוי אויסגערופען מיט אַ געבעט.

— עס איז דאָך אָבער סכנות נפשות, לעבענס געפאַר — האָט „חוני המעגל״ פּרובירט אויספאָרשען מעהרער.

— רבי! האָט די פרוי אויסגערופען — זייט איהר דען אויך מיט דער זעלבער מיינונג ווי דער נשיא פון דער סנהדרין רבי יוסי בן יועזר?

„חוני המעגל״ האָט אַ שמייכעל געטאָן. ער האָט פאַרשטאַנען אַז מסתמא איז שוין די פרוי געווען ביי רבי יוסי בן יועזר וועגען דעם זעלבען ענין און ער האָט איהר געראָטען אָפּצוּוואַרטען מיט דעם ברית.

— ווער איז געווען דיין מאַן? — האָט „חוני המעגל״ פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן.

— מיין מאַן איז געווען איינער פון די איסיים, זיין נאָמען איז געווען נדב דער זוהן פון אוריה — האָט די אלמנה אויסגעבראָכען אין א געוויין.

— נדב, נדב! — האָט „חוני המעגל" אויסגערופען און האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף זיינע פיס — ווייסטו כאָטש אַז דיין מאַן איז געווען אַ הייליגער צדיק?

— יאָ, רבי, איך ווייס עס — האָט די פרוי ארויסגערעדט. — מיין מאַן איז געשטאָרבען פריהצייטיג צוליב זיין גרויס פרומקייט.

— וואָס מיינסטו דערמיט? האָט „חוני המעגל" געפרעגט.

— גאָר איינפאַך — האָט די פרוי אָפּגעזיפצט — מיין מאַן האָט אַריינ־געטראָטען אין דער איסיים סעקטע וועלכע פּרעדיגט אז די מענער זאָלען פאַרלאָזען זייערע פרויען און קינדער און לעבען אויף טרוקענע ברויט מיט וואַסער מיט די גרינע גראָזען פון די פעלדער און אַז מען זאָל זיין אָפּגעשיידעט פון מענשען און פון אַלע פאַרגעניגענס און מיין מאַן האָט אזוי אָפּגעלעבט אַ פּאָר יאָהר צווישען די אַסקעטישע סעקטע פון די איסיים.

— איז וואָס זשע באַקלאָגסטו זיך איצט אויף דיין פאַרשטאָרבענעם הייליגען מאַן? — האָט „חוני המעגל" געפרעגט.

— מיינע צרות רעדען פון מיר — האָט די פרוי זיך צעוויינט — ווען איך האָב פאַרשווענגערט און מיין מאַן איז אַוועק פון מיר מיטן צוזאָג אַז אימירצעשעם צום ברית וועט ער קומען . . . האָב איך זיך געבעטען ביי איהם אַז ער זאָל מיך ניט איבערלאָזען קיין לעבעדיגע עגונה, אָבער ער האָט מיר ערקלעהרט, אַז לויט די טיפע מיסטעריעזע לעהרע פון די איסיים, טאָר מען ניט מעהר הנאה האָבען פון לעבען נאָר בלויז דאָס וואָס מען מוז מקיים זיין אַ מצוה. מען מוז ערנעהרען דעם קערפּער מיט פּראָסטע שפּייז, מיט פּראָסטע קליידער און שטענדיג האַלטען זיך אָפּגעוויטערט פון די זינדיגע מענשען.

— נו, און דו אַליין האָסטו דען חרטה אויף דיין מאַנ'ס הייליגקייט? — האָט „חוני המעגל" א פרעג געטאָן.

— מעגליך אַז פאַר איהם אַליין איז עס געווען גוט, אָבער מיר האָט ער זעהר געפּלאָגט מיט זיין פרומקייט — האָט די אלמנה געענטפערט — איך האָב געוואָלט אַז ער זאָל פיהרען אַ פאַמיליענלעבען ווי אַלע פרומע אידען די חסידים, וועלכע זיינען אי פרום און אויך גוט צו זייערע פאַמיליעס אָבער ניט ווי די איסיים וועלכע זיינען צופיל עקסטרעם אין זייער פרומקייט.

— שטיל! רעד ניט קיינע זינדיגע רייד אויף די הייליגע איסיים — האָט „חוני המעגל" זיך א בייזער געטאָן — דו דאַרפסט וויסען אז דער עיקר

איז די נשמה און ניט דער קערפּער און דעריבער, וואָס מעהר דער קערפּער ווערט געפּלאָגט אלץ מעהר ווערט די נשמה געלייטערט. נאָר אזוי ווי די מצוה פון האָבען קינדער קען דאָך ניט דורכגעפיהרט ווערען אָהנע צו לאָזען דעם פיזישען קערפּער געניסען פון פאַרגעניגען, דעריבער לאָזען זיך די איסיים פּלאָגען זעהר שטאַרק נאָכדעם ווי זיי מוזען דורכמאַכען דעם דאָזיגען פאַרגעניגען צוליעב דער מצוה . . . אום אז זייערע נשמות זאָלען חלילה ניט ווערען פארפלעקט. אויך דיין מאן האָט מיר אמאָל געזאָגט אַז דער עגמת־נפש וואָס ער האָט פון דיין עלענדקייט גיט איהם גרויס פאַרגעניגען צו זיין גייסט, ווייל דאַדורך ווערט זיין נשמה הייליגער . . . ווייסטו שוין איצט ווי הייליג דיין מאן איז געווען?

— אָבער וואָס האָב איך פון דעם? — האָט די אלמנה אָפּגעזיפצט.

— דו ווערסט איבער 120 יאָהר זיצען נעבען דיין מאן אין גן עדן — האָט „חוני המעגל" געענטפערט.

— איך דאַנק אייך, רבי! פאר אייער ברכה, אָבער וואָס זאָל איך טאָן מיט מיין קינד? מען דאַרף דאָך איהם מל זיין.

„חוני המעגל" האָט אָפּגעוואַרט עטליכע מינוטען און דאן האָט ער א זאָג געטאָן:

— ביסטו צופרידען איינצושטעלען דיין לעבען אין געפאַר?

— יאָ, רבי, — האָט די פרוי געענטפערט אין גרויס עקסטאַז, — איך בין א פרומע אידישע פרוי, וועלכע איז באַרייט צו שטאַרבען „על קידוש השם."

— ווייסטו אָבער, אַז אויך דאָס לעבען פון דעם מוהל וועט זיין אין געפאַר? — האָט „חוני המעגל" ווידער געפרעגט.

— רבי! — האָט די פרוי אויסגערופען — זייט איהר דען נישט ווילינג מקיים צו זיין די גרויסע מצוה?

— איך האָב נאָר געפרעגט, צי דו ווייסט פון דעם געפאַהר — האָט „חוני המעגל" א זאָג געטאָן.

— יאָ, רבי! איך ווייס.

— אויב אזוי, זאָלסטו מאָרגען ברענגען אַהער דיין קינד צו מיר אין הויז און דער גאָט פון ישראל זאָל אונז אַלעמען באַשיצען — האָט „חוני המעגל" באפוילען דער פרוי.

די פרוי איז גלייך נאָכדעם אוועק און אויפן צווייטען פריהמאָרגען איז זי געקומען מיט'ן קינד צו „חוני המעגל".

„חוני המעגל" האָט דערווייל באַזאָרגט א שטילען רוהיגען פּלאַץ וואו

די פרוי מיט׳ן קינד וועלען קענען פארבלייבען עטליכע טעג נאָכ׳ן ברית ביז וואַנען דאָס קינד וועט שוין זיין צוריק געזונט, און ווען די פרוי איז אריינגעקומען צו „חוני המעגל״, האָט זי שוין געטראָפען דאָרטען נאָך צוויי אידען און אַלעס איז שוין געווען צוגעגרייט צום ברית.

— ברוך הבא! — האָט „חוני המעגל״ אויסגערופען אזוי שנעל ווי די פרוי איז אַריינגעקומען מיט׳ן קינד, און גלייך נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבען זאָגען ווייטער די נויטיגע פסוקים פארן ברית.

איין איד האָט אַ וואונק געטאָן צו דער פרוי, אז זי זאָל אַוועקלייגען דאָס קינד אויפן שטול. זי האָט געפאָלגט, דאָן האָט דער איד אויפגעהויבען דאָס קינד און עס צוגעטראָגען צום צווייטען איד, וועלכער איז שוין געזעסען אויף א שטול אלס „סנדק״.

„חוני המעגל״ האָט געמאַכט די ברכה מיט גרויס כונה און מיט טרערען אין די אויגען און גלייך נאָכדעם האָט ער מל געווען דאָס קינד.

ווען דאָס קינד האָט זיך צעוויינט, האָט איינער פון די צוויי אידען געוואָלט איינשטילען דאָס געוויין, אָבער „חוני המעגל״ האָט א מורמעל געטאָן:

— לאָז איהם! פיל[ייכט] וועלען זיינע טרערען צורייסען דעם גזר דין פון הימעל וואָס עס איז נגזר געוואָרען אויף אונז אידען.

מען האָט באלד איבערגעגעבען דאָס קינד צו דער מוטער און מען האָט איהר אַוועקגעפיהרט מיט׳ן קינד אין דער הויז פון איינעם פון די צוויי אידען. עטליכע טעג זיינען פאַריבער און דאָס קינד איז שוין געווען אויסגעהיילט דאָן איז די מוטער צוריקגעגאַנגען צו זיך א היים.

עס איז פאַריבען א וואָך צייט און מיט אַ מאָל זיינען עטליכע גריכישע סאָלדאַטען, אונטער דער פיהרערשאַפט פון משומד אלקימוס דער זוהן פון רבי יוסי בן יועזר׳ס שוועסטער, באַפאַלען דאָס הויז פון דער אומגליקליכער אלמנה מיט איהר נאַר־וואָס גע׳מלט׳ן קינד.

אלקימוס האָט פארלאַנגט פון דער פרוי אז זי זאָל אויסזאָגען וואו, און ווער, איז געווען דער מוהל, אָבער די פרוי האָט געענטפערט מיט שטאָלץ:

— איהר קאָנט טאָן מיט מיר און מיט מיין קינד וואָס איהר ווילט אָבער איך וועל אייך בשום אופן ניט זאָגען ווער עס איז געווען דער מוהל.

— מיר וועלען דיך צווינגען דערצו — האָט אלקימוס דער משומד אויסגעשריגען.

— אַז אַך־און־וועה איז שוין צו אונזער לאַנד און פאָלק אַז אַזעלכע

משומדים, ווי דו, זיינען געווארען די פיהרער ביי אונז — האט די פרוי אויסגעשריהען מיט כעס.

— נעמט איהר מיטן קינד אין פעסטונג! — האט אלקימוס געגעבען זיין באפעהל צו די גריכישע סאלדאטען.

די סאלדאטען האבען א נעם געטאן די פרוי מיט׳ן פיצעל קינד און האבען איהר אוועקגעפיהרט אין פעסטונג און ארעסטירט.

אלקימוס איז דערוויל אוועק צו זיין אנקעל, דער נשיא פון דער סנהדרין, און האט פארלאנגט פון איהם אז ער זאל איהם אויסזאגען דעם אמת אויב ער אליין אדער אימיצער אנדערש, געשיקט דורך איהם, האט באגאנגען דעם פארברעכען און מל געווען דאס קינד פון דער אלמנה.

יוסי בן יועזר האט געענטפערט מיט שטאלץ:

— דו אומפארשעהמטער משומד! וויפיעל צרות האסטו שוין פארשאפט צום אידישען פאלק, ווילסטו נאך וייטער גראבען און נישטערען? פארשאלטען זאלסטו ווערען פון דעם אידישען גאט.

— נעמט איהם! — האט אלקימוס א געשריי געטאן צו זיינע סאלדאטען — ער ווייסט שוין גאר א סך, ער וועט שוין רעדען אונטער צוואנג אין דער פעסטונג.

די סאלדאטען האבען גלייך ארויסגעפיהרט יוסי בן יועזר פון הויז און האבען איהם אנגעהויבען צו פיהרען צו דער פעסטונג.

אין ירושלים איז געווארען א פרישער טומעל. „קינד און קייט" זיינען נאכגעלאפען נאך די סאלדאטען, וועלכע האבען געפיהרט דעם גרעסטען אידישען געלעהרענטן מאן אונטער ארעסט. קיינער האט נישט געוואוסט גענוי אין וואס מען באשולדיגט דעם הייליגען חסיד און כהן, דער נשיא פון דער סנהדרין. נאכמעהר איז געווען דער געשריי ווען מען האט געזעהן אז אלקימוס זעלבסט, דער זוהן פון דעם ארעסטירטענס שוועסטער, האט אזוי ברוטאליש געהאנדעלט געגען זיין אנקעל.

— וואס זאגסטו צו אזא אומגליק? — האט איין איד אויסגעשריען צום צווייטען — „יקום־איש־צרורות" האט שוין נישט געהאט וועמען צו ארעסטירען נאר זיין אייגענעם אנקעל דעם הייליגען גרעסטען חכם פון די אידען.

— ווער? אלקימוס? ימח שמו וזכרו! — האט א דריטער איד זיך אריינגעמישט — וואס וואונדערט איהר זיך אויף איהם? ער איז שוין איינמאל א משומד. וואס טוט ער דען נישט?

— אָבער, סטייטש? זיין אייגענעם אָנקעל? — האָט דער ערשטער איד נישט געקענט נאָכגעבען.

— איין קליינינקייט! — האָט דער דריטער געענטפערט — האָסטו ביי איהם אָן עולה . . . עפּעס רעדסטו ווי דו וואָלסט דאָ געווען אַ גאַסט אין ירושלים. ווייסטו דען נישט, אז מיר האָבען שוין דערלעבט דאָ נאָך ערגערס?

— וואָס אַ שטייגער קען שוין זיין ערגערס? — האָט דער צווייטער איד א פרעג געטאָן.

— נו, און אַז מען האָט פאַרשלאָסען אַלע מקואות און די פרויען קענען נישט אריינגעהן אהין . . . איז ביי דיר גאָרנישט?

טפוי זאָלסטו ווערען! וואָס דיר ליגט נאָך אין זינען — האָט דער ערשטער איד אַ געשריי געטאָן.

— אָויב נישט דיר און נישט מיר, זיינען אָבער פאַראַן פיעלע אַנדערע אידען וואָס די צוגעשלאָסענע מקואות מאַכט זיי פאר אויס מענטשען . . . — האָט דער צווייטער איד איהם צוריק געענטפערט מיט אַ שפּאָטישען געלעכ־טער.

— יאָ, דו האָסט טאַקע רעכט! — האָבען די צוויי אַנדערע אידען צוגעגעבען — מיר האָבען דערלעבט א צייט פון — — —

— פון וואָס? — האָט דער ערשטער א פרעג געטאָן

— פון אַ דריטען חורבן וועלכער איז פיל ערגער ווי דער חורבן פון די עשרת השבטים און דער חורבן פון מלכות יהודה. דעמאָלסט איז געווען א חורבן פון בית־המקדש מיט דער לאַנד, א חורבן פון טויטע מענשען, אָבער איצט איז א חורבן פון אונזער רעליגיע, פון אונזער תורה, אַלס א צוגאָב צו דעם אומפארמיידליכען חורבן פון אונזער לאַנד און בית־המקדש.

— וואו זיינען אהינגעקומען די חשמונאים? — האָט איינער פון די דריי אַ פרעג געטאָן.

— ווייזט אויס אז זיי ארבייטען שטילערהייט, זיי גרייטען עפּעס צו.

— אָבער ביז וואַנען וועלען זיי זיין אויסבאַהאַלטען? — האָט איינער א פרעג געטאָן — אויב זיי טוען יאָ עפּעס פאר'ן לאַנד און פאָלק, באַדאַרפען זיי דאָך ארויסקומען אין דער עפענטליכקייט. אויף וואָס און אויף ווען וואַרטען זיי? דאָס אידישע פאָלק פארבלוטיגט דאָך דערווייל צום טויט. מיר וועלען דאָך באַלד אינגאַנצען אונטערגעהן. שוין נישטאָ מעהר קיין כח אויסצוהאַלטען. אלע בתי מדרשים זיינען צוגעשלאָסען, די מקואות זיינען צוגעמאַכט, שבת לאָזט מען ניט אָפּהיטען, ברית'ן לאָזט מען נישט פראַווען,

די יוגענט פרעסט חזיר פלייש און אַלע ווילע מאַכט מען נייע שחיטות אויף אומשולדיגע פרומע אידען און — — —

— איין גאָט זאָל רחמנות האָבען! — האָבען די צוויי אַנדערע אידען ביידע מיט אַמאָל ארויסגעזיפצט.

## קאַפּיטעל 23

# דער נייער לעגיאָן פון די מאקאבייער.

אין איינע פון די גרויסע מערות (היילען) צווישען די בערג פון יהודה, זיינען געוועזען פארזאַמעלט א גרופּע אידען, און אַ שטילקייט האָט געהערשט צווישען זיי. עס איז געוועזען שטאָק־פינסטער, און קיינער האָט נישט געקענט זעהן דעם צווייטענס געזיכט.

נעבען דעם אריינגאַנג צו דער הייל האָבען זיך ארומגעדרעהט צוויי אָפּגעריסענע בעטלער אויף וועמען מען האָט גאָר ניט געקענט חושד זיין אז זיי זיינען שטילע וועכטער פאר דער הייל.

די שטילקייט אין דער הייל איז איבערגעבראָכען געוואָרען אזוי שנעל ווי עס איז אריינגעקומען א מאן און האָט אויסגערופען:

— „קנא קנאתי לה׳ צבאות"? איך זוך ראָכע פאר גאָט׳ס נאָמען!

די מאַסע מענשען אין דער הייל האָט מיטאַמאָל אָפּגעענטפערט — ברוך בואך! געבענטשט זאָלסטו זיין מיט דיין אָנקומען אַהער!

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און דער גאַסט האָט אָנגעהויבען רעדען צו די פארזאמעלטע:

— ברידער! איך בין געקומען אַהער אייך איבערצוגעבען די פאָלגענדע נאָכריכט: די רשעים האָבען נאָר וואָס ארעסטירט אונזער גרויסען רבי׳ן יוסי בן יועזר ווייל מען באַשולדיגט איהם אז ער האָט מל געוועזען דאָס קינד פון דער פרומער אומגליקליכער אלמנה. די אלמנה זעלבסט מיט׳ן קינד זיינען אויך אַרעסטירט געוואָרען. דאָס אַלעס איז דורכגעפיהרט געוואָרען פון דעם מתיון, רשע, און משומד, יקום־איש־צרורות, אָדער ווי מען רופט איהם, אלקימוס.

צווישען די פאַרזאַמעלטע איז געוואָרען א שטילער גערודער. אייניגע האָבען געוואָלט שטעלען פראַגען צום רעדנער אָבער דער רעדנער האָט אויסגערופען:

— לאָזט מיך ווייטער רעדען! די צייט איז קורץ, איך דאַרף נאָך היינט באַזוכען נאָך עטליכע היילען, עס ווערט שפּעט.

אין הייל איז געוואָרען שטיל און דער גאַסט האָט ווידער אָנגעהויבען צו רעדען:

— דער כהן יאזאָן וועלכער איז אַנטלאָפען נאָך אנטיוכיע, כדי זיך איבערצובעטען מיט זיין ברודער חוניו, האָט גאָר נישט געקענט פועל'ן ווייל זיין ברודער האָט נישט געוואָלט אָנקוקען מעהר זיין טרפ'ענעם פּנים און דעריבער, נישט האָבענדיג וואו זיך אהינצוטאָן, איז ער צוריק אַנטלאָפען פון אנטיוכיע און ער איז פארשוואונדען געוואָרען.

— „הודו לד' כי טוב"! — האָט זיך דערהערט א פליסטערנדער מורמעל פון די צעהנדליגע מיילער פון די פארזאַמעלטע אין דער הייל — „מיר דאַנקען גאָט פאר זיין גרויסען חסד" וואָס די אידען זיינען שוין פטור געוואָרען פון איינעם פון אונזערע שונאים.

— און איצט, ברידער — האָט דער גאַסט רעדנער ווידער פאָרטגעזעצט — איצט האָב איך פאר אייך נאָך גוטע נייעס: מיין זוהן יהודה מיט זיינע צוויי הונדערט העלדען האָבען אין פארלויף פון דער לעצטער וואָך געטויטעט אריבער פופציג גריכישע סאָלדאַטען אין, און ארום, די בערג פון שומרון. מיין צווייטער זוהן שמעון מיט זיינע פופציג העלדען האָבען שוין אוספּייעט צו פאַרברענען עטליכע גרויסע מאגאַזינען מיט געוועהר פון די גריכישע סאָלדאַטען נעבען דעם בארג „תבור". מיין זוהן יהונתן מיט זיינע אכציג העלדען האָבען דערטרונקען זעקס קליינע שיפלאַך פון די גריכען ביים פּאָרט פון עזה און אין יפו. איצט האָב איך דערהאַלטען די נאָכריכט, אז מיין זוהן אלעזר מיט זיינע צוואַנציג מענשען וועלען באַלד אָנקומען אַהער מיט א סך געוועהר וואָס זיי האָבען אָפּגעקויפט פון די עמונים און די אדומים פון צווייטען זייט ירדן. הירקאַנוס, אונזער פריינט, האָט זיי געהאָלפען גאָר א סך אין דעם.

— אָבער וואָס זאָלען מיר דערווייל טאָן? — האָט איינער פון די פארזאַמעלטע אויסגערופען.

— דו, מיין זוהן! האָט דער רעדנער געענטפערט — דו מוזט אָפּ־וואַרטען ביז וואַנען דאָס געוועהר, וואָס אלעזר פיהרט מיט זיך, וועט געבראַכט ווערען אַהער, דאַן וועט איהר אַלע באַקומען געוועהר און איהר וועט קענען אָנהויבען טאָן וויכטיגע ארבייט.

— פאָטער! — האָט דער פרעגער אויסגערופען — ווארום האָט יהודה מיר נישט געלאָזען מיטגעהן מיט איהם, אָדער מיט מיינע אַנדערע ברידער, אנטייל צו נעהמען אין דער הייליגער ארבייט פון פארניכטען דעם שונא? ווארום האָט מען מיר בלויז איבערגעגעבען די דאָזיגע הייל צו זיצען דאָ

מיט מיינע מענשען וועלכע זיינען, ניט ווייניגער ווי איך, ווילליג שוין אָנצו־הויבען עפּעס צו טאָן.

— פאַרגעס נישט מיין טייערער יוחנן — האָט דער גאסט געענטפערט — אז דו ביסט נאָך נישט גענוג צוגעטרייט צו שלאָגען דעם שונא. דו ביסט ערשט דאָס ערשטע מאָל ארויס פון אונזער רוהיגע און שטילע היים. דו מוזט זיך פריהער צוגעוואוינען צו אַ לעבען אין אַ הייל, צו קערפּערליכע פּייניגונג און שרעק כדי אַז דו זאָלסט קענען דערנאָך ארויסטרעטען עפענטליך געגען דעם גרויזאַמען שונא. און פונקט ווי דו, אזוי אויך זיינען דיינע דרייסיג ברידער, די פארזאַמעלטע דאָ אין הייל, נאָך אויך נישט קיינע ערפאהרענע, איהר מוזט זיך פריהער אויסלערנען צו קענען רייטען אויף פערד, צו שיסען מיטן פייל און בויגען, צו פעכטען מיטן שווערד, און דער עיקר, צו קענען באַגעגענען דעם שונא אָהן שרעק.

— מיר קענען, מיר קענען, — האָבען אַלע מיט אַמאָל אויסגעשריגען.

— יאָ, מיינע ברידער! — האָט דער גאַסט געענטפערט — איך גלויב אייך. אייער הארץ איז גוט, איהר באַזיצט אַ שטאַרקען ווילען, אָבער דערצו מוז מען זיין גוט געאיבט, און דעריבער האָט יהודה מיר באפוילען אייך צו לאָזען וויסען אז אזוי שנעל ווי אלעזר מיט זיינע מענשען וועלען ברענגען דאָס געוועהר וועט יהודה צושיקען אהער עטליכע פון זיינע געאיבטע העלדען וועלכע וועלען אייך לערנען ווי צו באנוצען דאָס געוועהר און ווי צו רייטען אויף פערד און דאן וועט ער אייך באַשטימען פאר אַ טייל פון זיין ביי־געשאַפענעם לעגיאָן וועמען ער האָט א נאָמען געגעבען „גדוד המכבים״, (מאַקאַבייער לעגיאָן).

— וואָס באַדייטעט דער נאָמען? — האָט יוחנן א פרעג געטאָן.

— דער נאָמען באַדייטעט שוין גאָר א סך — האָט דער רעדנער געענטפערט — ערשטענס מיינט עס אויף גריכיש „דער האמער לעגיאָן״. דער לעגיאָן וועלכער וועט אי״ה דינען אלס אַ האַמער וועלכער וועט צו־קלאַפּען דעם שונא; און צווייטענס איז דאָס וואָרט „מכבי״ זעהר א הייליגער וואָרט אין אונזער העברעאישער שפּראַך. דאָס וואָרט „מכבי״ איז אויפ־געשטעלט פון די פיר ערשטע בוכשטאַבען פון די ווערטער „מי כמוך באלים ה׳״, ווער נאָך צווישען אלע געטער פון דער וועלט איז אזוי שטאַרק און מעכטיג ווי דער גאָט פון ישראל? איצט פארשטעהט איהר שוין די וויכטיג־קייט פון אַזאַ וואָרט וועלכער אנטהאַלט אין זיך דעם רוף צו יעדען פרומען און העלדישען רעליגיעז־נאַציאָנאַלען איד אז ער זאָל זיך אָנשליסען אָן דעם „גדוד המכבי״.

— מיר פאַרשטעהען — האָבען אלע מיטאַמאָל אויסגערופען.

— איצט מיינע ברידער! — האָט דער גאַסט פאַרענדיגט — וועל איך געהן צו אונזערע אנדערע אָפּטיילונגען. איך וועל אויך זעהן אַז מאָרגען זאָלט איהר באַקומען די נויטיגע שפּייז פאַר אייך.

— מיר האָבען נאָך גענוג פון די פאָריגע שפּייז — האָבען עטליכע פון די פאַרזאַמעלטע אויסגערופען.

— ניין, ברידער! עס טויג נישט, — האָט דער גאַסט געענטפערט — אויב איהר וועט אזוי קאַרגען מיט שפּייז וועט איהר ווערען אָפּגעשוואַכט. איהר דאַרפט עסען און טרינקען וואָס מעהר אום צו קענען אריינגענומען ווערען אין דעם „גדוד המכבי״. מיין זוהן יהודה פרעגט מיר אַלע מאָל אויב די נייע העלדען וויסען ווי צו עסען . . . איהר פאַרשטעהט וואָס דאָס מיינט? ער וויל אז נישט נאָר זאָלט איהר קענען שיסען און פעכטען נאָר אויך קענען עסען, ווייל אָהן אַ שטאַרקען און קרעפטיגען קערפּער קען מען נישט פיהרען קיין מלחמה. איהר מוזט עסען פון אַלע סאָרטען שפּייז נישט בלויז ברויט און וואַסער.

— פּילייכט זאָלען מיר גאָר אָנהויבען עסען מאַצעפּאַנעס?״ — האָט איינער פון די פאַרזאַמעלטע אויסגערופען אין א געלעכטער.

— לאַך נישט, ברודער! — האָט דער רעדנער אויסגערופען — מאַצע־פּאַנעס איז גאָר נישט קיין געזונטער עסען, ווייל נישט די שפּייז וואָס דער מענש מאַכט עס מיט זיינע אייגענע הענט איז דער עיקר, נאָר די שפּייז וואָס גאָט גיט אונז דורך דער ערד. למשל ווייץ, קאָרן, וואַסער, מילך, פּרוכט, גרינצייג, פליישׁ, א. א. וו., אָט די שפּייז זיינען די וויכטיגסטע און די געזונטסטע, דע־ריבער זאָלט איהר נישט קאַרגען.

דער גאַסט האָט באלד איבערגענומען אַ ליסטע פון די שפּייזען וועלכע די חברה האָט נאָך ביי זיך און ער איז אוועק מיט׳ן צוזאָג צוצושיקען מאָרגען פרישע שפּייז.

— לעבען זאָל מתתיהו דער חשמונאי! — האָבען אַלע מיטאַמאָל אויס־געשריגען ווען דער גאַסט איז ארויס פון הייל — דו, יוחנן, ביזט דער גליק־ליכסטער זוהן מיט אַזאַ העלדישען און קלוגען פאָטער און מיט אַזעלכע העלד־ישע ברידער ווי יהודה, יונתן, שמעון און אלעזר.

— און איך אליין? — האָט יוחנן א פרעג געטאָן מיט אַ געלעכטער.

— מיט דער צייט וועסטו אויך זיך אויסהאַמערען פאַר אַ העלד — האָט איינער פון די פאַרזאַמעלטע אָפּגעענטפערט און האָט גלייך צוגעגעבען: — זעהר גוט, מכבי! מכבי! אַ האַמער, יאָ, דער וואָרט מכבי געפעהלט מיר.

פלוצים איז איינער פון די צוויי וועכטער אריינגעלאָפען אין הייל און האָט אַ געשריי געטאָן.

— עס געהען אהער א צעהן גריכישע סאָלדאַטען!

— ווייזט אויס אז מען האָט אונז אויסגעשפּיאָנעוועט — האָט יוחנן אויסגערופען.

— און אויב יאָ, איז וואָס? — האָט איינער פון די דרייסיג אָפּגעענט־פערט — מיר זיינען דאָ דרייסיג מאַן געגען צעהן, וואָרום זאָלען מיר נישט ווייזען אז מיר קענען אויך עפּעס אויפטאָן פאַר אונזער לאַנד.

— זייט איהר אלע וויליג? — האָט יוחנן אויסגערופען.

— יאָ! — האָט אַ ברום געטאָן די דרייסיג מענערישע שטימע.

— אויב אַזוי — האָט יוחנן אַ געשריי געטאָן צום וועכטער — געה שוין ארויס צו דיין חבר און באַהאַלט זיך אונטער א פעלזען שטיין. פאַרגעס נישט אַז פון היינט אָן און ווייטער זאָל יעדערער פון אונז זיך לאָזען דערקע־נען צו זיינע חברים מיט׳ן פאַסיר־וואָרט „מכבי״ כדי אז מיר זאָלען וויסען אין דער פינסטערניש ווער איז ווער.

דער וועכטער איז באַלד ארויס פון הייל און האָט אַ וואונק געטאָן צום צווייטען וועכטער אַז מען דאַרף זיך אָפּטראָגען אין אַ זייט.

ביידע וועכטער זיינען באַלד פארשוואונדען געוואָרען אונטער א גרויסען פעלז.

## קאַפּיטעל 24

# רוחמה ראַטעוועט דער אלמנה מיט׳ן קינד — צפניה טויטעט קרעטאָס׳ן.

עטליכע וואָכען זיינען שוין פאַריבער זייט מען האָט אַרעסטירט די אומגליקליכע אלמנה מיט איהר קליין קינד. דורך דער צייט האָבען די גריכישע אָפּיצירען פּרובירט אויסצופּרעסען פון איהר ווער עס איז געווען דער מוהל וואָס האָט געוואַגט צו פאַרשוועכען דעם געבאָט פון דעם קעניג אַנטיאָכוס עפּיפאַנוס וועלכער האָט פאַרזאָגט ביט צו וואַגען צו היטען שבת, פּראַווען ברית׳ן, לערנען תורה און נאָך אַזעלכע וויכטיגע אידישע מצוות.

די פרוי האָט פאַרשטאַנען אַז עס האַלט שמאָל מיט איהר, אָבער וואָס אַ טאָג מעהרער, זיצענדיג אין געפענגעניש, איז זי געוואָרען אלץ שטאַרקער און פעסטער אין איהר רעליגיעזען געפיהל. עס האָט איהר נישט געקימערט וועגען איהר אייגענעם טויט, זי האָט נאָר געזוכט מיטלען ווי אַזוי צו

ראַטעוועז איהר כשר'ן אומשולדיגען קליין קינד וועלכער איז אַ זוהן פון איהר הייליגען הימלישען מאַן נדב בן אוריה.

— גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב! — האָט די אומגליקליכע מאַמע שטילערהייט תפילה געטאָן זיצענדיג אין געפענגעניש — העלף מיין קינד וועלכער איז געוויס ריין פון זינד. העלף איהם געראַטעוועט צו ווערען פון שונא'ס רוצחישע הענט. טו עס אין זכות פון זיין הייליגען פאָטער וועלכער האָט דיר געדינט געטריי ביי זיין לעבען אויף דער זינדיגער וועלט. ראַטעווע מיין קינד פון טויט און זאָלען אַלע זעהן אַז עס איז דאָ א לעבעדיגער גאָט אויף דער וועלט, וועלכער נעמט זיך אָן די קריוודע פון אלמנות און יתומים און — — —

פלוצלינג האָט זיך די טיר פון געפענגעניש געעפענט און אַ יונגע פרוי איז אריינגעקומען.

די אלמנה האָט אויסגעגלאָצט איהרע אויגען אויף דעם אונער־וואַרטעטען גאַסט און זי האָט שנעל צוגעדריקט איהר קליין קינד צום ברוסט מיט גרויס שרעק אזוי ווי זי וואָלט מורא האָבען אז מען איז געקומען צו צונעהמען דאָס קינד פון איהר.

— שרעק זיך נישט, גאָטספאָרכטיגע פרוי! — האָט די יונגע וויזי־טאָרען א מורמעל געטאָן צו דער, צום טויט, דערשראָקענער אלמנה, — איך בין אַ אידישע טאָכטער, איך בין געקומען דיר העלפען.

די אלמנה האָט אָפּגעכאַפּט א פרייען אָטעם און האָט א זאָג געטאָן:

— איין גאָט אין הימעל קען מיר העלפען! ווער ביזטו? און ווי אַזוי האָט מען דיר צוגעלאָזט אַהער?

— איך בין איינע פון די דינסטען ביי די חשמונאים, מיין נאָמען איז רוחמה, מיין געליבטער איז דער אָפּיצער קרעטאָס . . . איך האָב געפועלט ביי איהם אַז מען זאָל מיך לאָזען אריינקומען אַהער . . .

די אלמנה האָט ניט געגלויבט איהרע אויערען, איז עס א חלום אָדער אויף דער וואָהר!

— וואָס איז דאָס פאר אַ קינד וואָס דו טראָגסט מיט זיך? — האָט די אלמנה א פרעג געטאָן.

— דאָס איז אַ טויטעס קינד וואָס איך האָב אָפּגעקויפט ביי אַ גריכישע פאַמיליע ערשט מיט אַ פּאָר שטונדען צוריק, איך האָב באַצאָהלט דערפאַר גאַנצע הונדערט שקלים.

די אלמנה איז געבליבען שטעהן א צעטומעלטע. וואָס וויל די יונגע פרוי פון איהר? וואָס טראָגט זי מיט זיך אַ טויטען קינד, צוליב וואָס?

זי האָט געוואָלט אָנהויבען שטעלען פראַגען אָבער די יונגע רוחמה האָט אַ זאָג געטאָן:

— פרעג מיך מעהר גאָרנישט, איך וויל אז דו זאָלסט מיר שוין איבערגעבען דיין לעבעדיגען קינד און נעהם צו פון מיר דעם טויטען קינד וועלכער איז שוין גע׳מל׳ט געוואָרען נאָכ׳ן טויט ווען איך האָב איהם אָפגעקויפט פון זיינע אָרעמע גריכישע עלטערען. זאָלסט מאַכען א געוואַלד, ווען איך וועל שוין זיין אַוועק פון דיר, אַז דיין קינד איז פלוצלינג געשטאָרבען און אזוי ארום וועט מען צונעהמען דעם טויטען קינד פון דיר און דיין אמת׳ער קינד וועט בלייבען לעבען ביי די חשמונאים אין הויז.

— אָבער איך קען דאָך דיר נישט — האָט די אלמנה אויסגעדריקט איהר צווייפעל אין דעם מאָדנעם פּלאַן.

— איך וועל דיר געבען אַ צייכען וועסטו מיר גלויבען אז איך מיין עס אויפריכטיג. דער בעסטער צייכען וועט זיין, אז איך וועל דיר זאָגען, אַז רבי „חוני המעגל״ איז געווען דער מוהל פון דיין לעבעדיגען קינד און אז דיין קינד׳ס נאָמען איז נדב בן נדב און . . .

— גענוג! גענוג! — האָט די אלמנה ארויסגעשעפּטשעט מיט פרייד

— איך גלויב דיר, יאָ, מיין גאָט האָט אויסגעהערט מיין תפילה און ער האָט דיר געשיקט אַהער צו ראַטעווען מיין קינד.

רוחמה האָט שנעל איבערגעגעבען דעם טויטען קינד צו דער אלמנה און זי האָט צוגענומען פון איהר דעם לעבעדיגען קינד און איז שנעל ארויס־געלאָפען פון דער געפענגעניש.

---

אין דער זעלבער נאַכט איז געזעסען דער גריכישער אָפיצער קרעטאָס אין זיין צימער און נעבען איהם איז געזעסען די בילד־שעהנע רוחמה און האָט אָנגעפילט פאר איהם איין בעכער וויין נאָכ׳ן צווייטען.

— צום טייוועל מיט דער פארפלוכטער פרומער אלמנה! — האָט קרעטאָס אויסגערופען א שכור׳ער — טאָמער האָב איך געהאָט האָפענונג אז דו, מיין טייערינקע, וועסט ארויסבאַקומען פון איהר דעם אמת ווער עס איז געווען דער מוהל פון איהר קינד, איז מיין האָפענונג איצט צערונען געוואָרען גאָר אין גאַנצען . . .

— וואָס איז געשעהען? — האָט רוחמה זיך געמאַכט תמ׳עוואַטע.

— זי האָט שוין נישט מעהר איהר קינד — האָט דער שכורער אָפיצער אויסגערופען און האָט בשעת מעשה פארוואָרפען זיינע הענט איבער דער אלבאַסטער־ווייסער האלז פון זיין אידישע געליבטע רוחמה׳ן.

— וואָס מיינסטו, זי האָט שוין נישט מעהר איהר קינד? — האָט רוחמה נאָכאַלץ זיך געמאַכט ווי זי וואָלט זיין איבעראַשט פון די נייעס.

— איהר קינד איז פלוצלינג געשטאָרבען און מען האָט שוין דעם טויטען קינד באַערדיגט אויפ׳ן פעלד צווישען גריכישע קברים.

— אויב אזוי איז עס נאָך בעסער פאר דיר — האָט רוחמה געענטפערט מיט אַ כיטרען שמייכעל — דו ביזט דערווײלע פריי געוואָרען פון אומ־זיסטיגע ארבייט צוצוגרייטען א תליה פאר׳ן קינד . . .

— איך וועל דיר זאָגען דעם אמת — האָט דער שכור׳ער קרעטאָס געענטפערט און האָט צוגעדריקט זיין געליבטע צו זיין האַרצען — ווען איך זאָל וועלען קען איך איצט פריי לאָזען אויך דער אלמנה, ווייל די באוויזע, פאר וועלכע זי איז אַרעסטירט געוואָרען, זיינען שוין מעהר נישטאָ.

— אויב דו ווילסט אַז איך זאָל דיר דאַנקען דערפאַר, טו איך עס שוין — האָט רוחמה ארומגעכאַפט דעם שכור׳ן קרעטאָס און האָט איהם א קוש געטאָן אויפ׳ן שטערען.

— דאָס, זעהסטו, איז שוין עפעס אַנדערש — האָט קרעטאָס זיך פאַסמאַקעוועט — אויב דו מיינסט עס טאַקע ערנסט, וועל איך דיר צופרידען־שטעלען אָבער דערפאַר מוזטו מיר צוזאָגען דאָס וואָס דו האָסט מיר נאָך ביז היינט נישט נאָכגעגעבען . . .

— דו טו פריהער אָפּ דיין פליכט דאַן וועלען מיר שמועסען וועגען דיין נאַרישען פארלאַנג — האָט רוחמה אַ זאָג געטאָן מיט אַ שטיפערישען געלעכטער און האָט דערווײלע א קיצעל געטאָן קרעטאָס׳ען אין דער לינקער זייט.

— ניין, איך געטרוי דיר ניט מעהר אויפ׳ן וואָרט — האָט קרעטאָס ארויסגעבלאַקעט מיט׳ן צונג און אין זיינע שיכורע אויגען האָט זיך אָנגע־צונדען אַ ליידענשאַפטליכער פייער.

רוחמה האָט זיך דערפיהלט אונזיכער מיט׳ן שכור׳ען קרעטאָס און איהרע געדאַנקען האָבען אָנגעהויבען צו פונקציאָנירען זעהר האַסטיג. זי האָט באַשלאָסען אז גראַדע איצט, ווען קרעטאָס איז „לוט שיכור״, איז עס די בעסטע צייט אויסצוּוואוירקען ביי איהם אז ער זאָל שוין באַפרייען דער אומגליקליכער אלמנה. רוחמה האָט דעריבער א זאָג געטאָן:

— אויב דו געטרויסט מיר נישט אויפ׳ן וואָרט וועל איך דיך איבער־צייגען אז אפּאָלאָניוס דיין גענעראל וועט מיר יאָ געטרויען אויפ׳ן וואָרט...

— וואָס? — האָט קרעטאָס אויסגעשריהען — דו ביסט באַקאַנט מיט אפּאָלאָניוס׳ען? זייט ווען?

— נאָך אידער איך האָב זיך באַקאַנט מיט דיר... — האָט רוחמה געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

— מיט דעם אָפּגעלעבטען פערד? — האָט קרעטאָס זיך צעלאַכט.

— אָט דעריבער טאַקע האָב איך איהם פארלאָזען און איך בין אריבער אין דיינע אָרעמס — האָט רוחמה צוריקגעענטפערט און זי האָט באַלד צוגעגעבען: — אָבער אַז דו באַליידיגסט מיך, וועל איך דיר ווייזען אז אַפּאָלאָניוס וועט טאָן מיין פארלאַנג אָן באַדינגונגען.

— און דו מיינסט טאַקע אז איך האָב עס געמיינט ערנסט? — האָט קרעטאָס גענומען דרעהען צוריק מיט'ן צונג.

— איך האָב גענוג אורזאַכען צו דיינקען אזוי — האָט רוחמה געענטפערט מיט א רחמנות שטימע — וויל זייט מיר זיינען באַקאַנט געוואָרען האָסטו מיר נאָך נישט צופרידענגעשטעלט מיט קיין זאַך און דו האלסט נאָר אין איין מאַטערען מיר מיט דיינע עגאָאיסטישע ליידענשאַפטליכע פארלאַנגען...

רוחמה האָט גלייך נאָכדעם זיך צעוויינט... און בשעת מעשה האָט זי געכאַפּט א זייטיגען בליק אויף קרעטאָס'ען אום צו זעהן ווי אזוי איהר מ'כלומר'שטער געוויין וועט ווירקען אויף איהם.

— הער אויף! — האָט קרעטאָס זיך גענומען בעטען ביי דער וויינענ־דיגער רוחמהן —הער אויף צו וויינען! גוט, איך גיב דיר צו אז ביז איצט האָסטו נאָך נישט געהאַט ביי מיר קיין ריכטיגע לוקסוריעזע פארגע־ניגענס ווייל צוליב די פארפלוכטע אידישע חסידים איז מיר דער קאָפּ אזוי פארדרעהט אז איך ווייס נישט וואו איך בין אין דער וועלט; אָבער פון היינט אָן און ווייטער, זאָג איך דיר צו אז איך וועל דיר געבען וואָס נאָר דו וועסט בעטען ביי מיר, אָבער מיט'ן באדינג אז דו זאָלסט אויס־וויכען פון אַפּאָלאָניוס'ען...

— גוט! — האָט רוחמה מ'כלומר'שט נאָכגעגעבען — דו ווייסט דאָך אז נאָך אלעמען האָב איך דאָך ניט קיינע פריינט דאָ, אויסער דיר איינעם. מיין הויט ציטערט אויף מיר ווען איך גיב זיך אַ דערמאָן וואָס די פרומע אידען וועלען טאָן צו מיר אויב איך וועל צוריק אריינפאַלען אין זייערע הענט נאָכדעם ווי איך בין אַנטלאָפען פון זיי מיט זייער רעליגיאָן און איך בין אריינגעפאַלען צו דיר אין די אָרעמס...

— דארפסט גאָר קיין מורא נישט האָבען — האָט קרעטאָס גענומען גלעטען איבער רוחמהס קאָפּ און האַלז און אין זיין שטימע האָט זיך געפיהלט אַ ליידענשאַפטליכער ציטער — גאָר שנעל וועלען מיר אויסראָטען אַלע פרומע אידען צוזאַמען מיט די פארביסענע געפעהרליכע חשמונאים פאַמיליע

און דאַן וועלען מירביידע קענען לעבען פראנק און פריי ווי צוויי זיסינקע טייבעלעך . . .

— ווי האַלט עס אָבער — האָט רוחמה אַ פרעג געטאָן און האָט זיך צוגערוקט נאָך נעהענטער צום שכור׳ען קרעטאָס וועלכער האָט שוין קוים געקענט האַלטען גלייך דעם קאָפּ אויף זיך.

— ווי עס האַלט? פרעגסטו! — האָט קרעטאָס גענומען מורמלען מיט אַ הייזעריגער שטימע — עס האַלט שוין אז אָט אָט און ניקאַנאָר, דער גרויסער גענעראַל פון אַנטיוכיע, וועט דאָ באלד אָנקומען מיט א גרויסע ארמיי און ער וועט אַלעמען דערטרינקען אין בלוט.

רוחמה האָט אַ לייכטען ציטער געטאָן און ווען קרעטאָס וואָלט בשעת מעשה נישט געווען אזוי שטאַרק באַטרונקען, וואָלט ער זיכער דערפילט אין רוחמהס ציטער דעם גרויסען שפּיאָנאזש פּארראט וואָס זיין הארצענס־געליבטע שעהנהייט פיהרט דאָ אָן קעגען איהם און קעגען דער גאַנצער סירישער מלוכה.

— אויב אזוי, מיין טייערער, האָב איך מורא אז דו וועסט אויך דאַרפען געהן אין ניקאַנאָרס ארמיי צו פיהרען די שלאַכט געגען די אידען — האָט רוחמה ווידער גענומען פאַרשען.

— נו, געוויס! — האָט קרעטאָס צוגעגעבען — מיר אָפיצערען מוזען דאָך צושטעהן צו דער ארמיי ווען נאָר מען גיט אונז אַ באַפעהל.

— און טאָמער וועסטו דער׳הרג׳עט ווערען? וואו און ביי וועמען וועל איך בלייבען? . . . — האָט רוחמה אָנגעהויבען וויינען . . .

— איך, דער׳הרג׳עט ווערען? — האָט קרעטאָס זיך צעלאַכט — אָ, ניין! אויב אימיצער פון אונזערע אָפיצערען אָדער גענעראַלען וועט מוזען פאַלען טויט וועט עס זיין פריהער אפּאלאָניוס ווייל ער איז אַ הונט אין מענשען געשטאַלט . . .

— וואָס האָסטו צו אַפּאַלאָניוס׳ען? — האָט רוחמה געפרעגט.

— איך זעה שוין אַז דו ווילסט וויסען אלעס — האָט קרעטאָס גענומען רעדען מיט אַ מידער צונג — גוט! איך וועל דיר דערצעהלען.

— אַפּאַלאָניוס האָט אָפּגעריסען דער שעהנער מאַריאמא פון איהר געליבטען מענעלאָס׳ען ווען זיי זיינען געווען אין אנטיוכיע. צוערשט האָט ער זיך אליין געגנוג אָנגעזעטיגט מיט מאַריאמאַ׳ן און נאָכהער האָט ער איהר אוועקגעשיקט צום גענעראַל גאָרגיאַס.

— אָבער וואָס זשע האָט עס צו טאָן מיט דיר? — האָט רוחמה ווייטער געצויגען קרעטאָס׳ען פאַר׳ן צונג.

— שוין גאָר אַ סך — האָט קרעטאָס אויסגערופען מיט אַ פּאָר־שטיקטען ברום — אזוי ווי מענעלאָס איז מיינער אַן אַלטער גוטער פריינט, האָט ער מיך געבעטען, נאָך זייענדיג אין אַנטיוכיע, אַז איך זאָל ארויסראַטעווען זיין געליבטע מאריאמאַ'ן פון די הענט פון אפּאָלאָניוס. אָבער ווי נאָר איך האָט פּרובירט עפּעס טאָן אין דעם, האָט אַפּאָלאָניוס מיך געסטראַשעט אַז ער וועט מיך פאַר'מסר'ען פאַר'ן קעניג אַז איך האָב געהאַט אַ האַנט אין דעם גרויסען אומגליק וואָס האָט פּאַסירט עטליכע יאָהר צוריק ווען עס זיינען פאַרברענט געוואָרען אַ צעהנדליג סאָלדאַטען אין זייערע געצעלטען און צווישען די טויטע איז אויך געווען דער באוואוסטער אָפיצער היראַטאָס, דער ערשטער געליבטער פון מאַריאמאַן.

— איך פאַרשטעה נישט ווי אַזוי קומסטו צו שטעהן אונטער אַזאַ ווילדען פאַרדאַכט ? און ווי אַזוי קומט דאָ מענעלאָס צו ווערען פאַרדעכטיגט אין דעם ? — האָט רוחמה געפרעגט.

— מענעלאָס איז אַ נאַר ! — האָט קרעטאָס געענטפערט — דער טייוועל ווייסט איהם צו וואָס ער האָט עס גאָר דערצעהלט צו זיין געליבטע מאַריאמאַ'ן אַז ער זעלבסט האָט אַנגעשטעלט עטליכע יונגען וועלכע האָבען פריהער געטויטעט היראַטאָס'ען, זיין קאָנקורענט אין דער ליבע מיט מאַריאַמאַ'ן, און נאָכהער האָט ער געמאַכט דעם פייער.

— אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיט דיר ? — האָט רוחמה געוואָלט ווייסען.

— דו הערסט דאָך ! — האָט קרעטאָס געענטפערט — אפּאָלאָניוס האָט זיך דערוואוסט פון מענעלאָס'עס פאַרברעכען און אזוי ווי ער האָט געזעהען אַז איך לייג איין וועלטען צו טאָן אַ טובה מיין גוטען פריינט מענעלאָס'ען און איהם צוריקברענגען זיין געליבטע פון אפּאָלאָניוס'עס הענט, דעריבער האָט אַפּאָלאָניוס מיר געסטראַשעט אַז ער וועט מיך פאַר'מסר'ען אַז איך האָב געהאַט אַ האַנט אין יענעם פייער . . .

— און אין אמת'ען ווייסטו גאָרנישט פון וואָס צו זאָגען ? — האָט רוחמה פּרובירט אַ שמייכעל טאָן.

— וואָס ? דו גלויבסט מיר נישט ? — האָט קרעטאָס אויסגערופען.

— חלילה ! — האָט רוחמה זיך פאַרכאַפּט — איך גלויב דיר אַז דו ביזט אומשולדיג. אָבער זאָג מיר מיין טייערער ווי אזוי האָסטו גאָר געקענט פּרובירען פאַרהאַנדלען מיט מאַריאמאַ'ן אַז זי זאָל פאַרלאָזען אפּאָלאָניוס'ען און געהען צוריק צו מענעלאָס'ען ? . . .

— ווייל איך האָב דאָך איהר געקענט — האָט קרעטאָס נישט ווילענדיג זיך ארויסגעכאַפּט.

— און איצט קענסטו מיר, און מאָרגען וועסטו קענען א צווייטער און אַ דריטער מיידעל . . . — האָט רוחמה שנעל ארויסגערעדט מיט אַ געמאַכטען פאַרוואורף . . .

— צום טייוועל מיט מיין צונג — האָט קרעטאָס זיך אַ הויב געטאָן פון זיין האַלב ליגענדע פּאָזיציע נעבען טיש — איך ווייס שוין גאָרנישט וואָס איך האָב דיר געזאָגט? ווער געקענט? וואָס געקענט? איך קען נאָר בלויז איין געטין אין מענשען־געשטאַלט און דאָס ביסטו מיין טייערע.

רוחמה האָט געפיהלט אז פאר היינטיגען אָוונט האָט זי שוין גענוג אינפאָרמאַציע ארויסבאַקומען און געוויס וואָרט אויף איהר, צפניה, ניט ווייט פון דעם ציטאַדעל. זי האָט אָבער געוואָלט אַז די אומגליקליכע אלמנה זאָל נאָך היינט ביינאַכט באפרייט ווערען, דעריבער האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— איך זעה אז דו ביסט מיד, קרעטאָס, דו דאַרפסט זיך אויסרוהען. דעריבער וויל איך דיר בעטען אז דו זאָלסט שוין שיקען עטליכע פון דיינע סאָלדאַטען מיט אַ באַפעהל צום אויפזועהער פון געפענגעניש אַז ער זאָל שוין באפרייען די אלמנה.

— וואָס עפּעס יאָגסטו מיך אזוי־פיל? איך האָב צייט צו וואַרטען ביז מאָרגען — האָט קרעטאָס קוים ארויסגערעדט מיט זיין מידער צונג און בשעת מעשה האָט ער האַסטיג א ציה געטאָן צו זיך דער אידעלער רוחמה׳ן און ער האָט איהר שיער נישט דערשטיקט מיט זיינע בעסטיאַלישע קושען.

רוחמה האָט זיך קוים איינגעהאַלטען נישט צו דערשטיקען דעם שכור׳ן קרעטאָס׳ען מיט איהרע הענט, א פייער פון נקמה האָט געברענט אין איהר הארץ. נאָר מיט אַ לייכטען שטיפערישען שפּרונג איז זי צוריקגעשפּרונגען פון קרעטאָס׳עס אייזערנע הענט און האָט א זאָג געטאָן:

— אויב דו ווילסט מיך האָבען היינטיגע נאַכט אין דיין צימער מוזטו פריהער באַפרייען דער אלמנה.

דערהערענדיג אזא ענטפער, איז קרעטאָס געוואָרען משוגע פון שמחה. ער האָט האַסטיג זיך אַ זעץ געטאָן אויפ׳ן שטול און אָפּווישענדיג דעם שוויס פון שטערען האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— זאָג וואָס דו ווילסט! טו וואָס דו ווילסט! נאָר מאַך עס שנעל . . .

— גיב מיר עטליכע פון דיינע סאָלדאַטען מיט אַ באַפעהל צום אויפזעהער פון געפענגעניש אז די אלמנה זאָל שוין באַפרייט ווערען — האָט רוחמה אויסגערופען.

קרעטאָס האָט באַלד אריינגערופען עטליכע סאָלדאַטען און ער האָט זיי געהייסען געהן מיט רוחמה׳ן און אויספאָלגען אַלעס וואָס זי וועט זיי הייסען.

ווען רוחמה מיט די סאָלדאַטען זיינען ארויס פון קרעטאָס׳עס צימער האָט זיך שטילערהייט א שאר געטאָן די געשטאַלט פון א אָפּגעריסענעם גריך נעבען דער טיר. די סאָלדאַטען האָבען גאָר נישט באַמערקט, אָבער רוחמה האָט שנעל א זאָג געטאָן צו די סאָלדאַטען:

— איך גלויב אז אייער אָפּיצער קרעטאָס איז זעהר שטאַרק באַטרונקען איצט. איהר וועט מיר אנטשולדיגען פאַר אַ ווילע, איך מוז צוריק אריינ־לויפען און זעהן אויב קרעטאָס טרינקט נישט ווידער — און דאָס זאָגענדיג האָט רוחמה געלאָזט שטעהן די עטליכע סאָלדאַטען אין דרויסען און צו־לויפענדיג צום טיר האָט זי אַ שעפּשע געטאָן צום אָפּגעריסענעם גריך: — צפניה! גוט האָסטו געטאָן וואָס דו ביסט אָנגעקומען, איך געה איצט באַפרייען דער אלמנה. אויב דו ווילסט וואַרט מיך אָפּ דאָ נאָך אַ האַלבער נאַכט ווען איך וועל צוריק קומען צו קרעטאָס׳ען, דאן וועסטו קענען מיטהעלפען זעהר פיעל . . .

— דו דאַרפסט נישט קומען צוריק. — האָט צפניה געענטפערט געה דייך וועג און באַפריי די אלמנה און איך וועל דיר שוין באַפרייען פון דעם אָפּיצער קרעטאָס. קיינער איז דאָ איצט נישטאָ אויסער איך און קרעטאָס, אין א פּופצעהן מינוט שפּעטער וועל איך שוין זיין פון צווייטען זייט ציטאַדעל מיט גוטע נייעס פאַר דיר.

— וואָס מיינסטו? — האָט רוחמה געפרעגט.

— רעד נישט קיין סך נאָר לאָמיר פּטור ווערען פון אַ בעסטיאַלישען גריך וואָס שנעלער — האָט צפניה געענטפערט און האָט לייכט אַ שטופּ געטאָן רוחמה׳ן זיך אומצוקערען צו די סאָלדאַטען איידער זיי ווערען פאַר־דעכטיגט אויף איהר.

רוחמה האָט נאָר אוספּייעט אויסצורופען — זאָל אונזער גאָט דיר העלפען! — און איז האַסטיג צוריקגעלאָפען צו די סאָלדאַטען.

קאַפּיטעל 25

## מענעלאָס לויפט נאָך אַנטיאָכיע. — דער אומגליק מיט׳ן כהן גדול. — ליסימאָכוס באַקומט זיין שטראָף.

אין דער זעלבער צייט וואָס אין ארץ ישראל האָבען געבושעוועט די אונאויפהערליכע גזרות געגען די אידען, און די פינף זין פון מתתיהו דער

חשמונאי האָבען שטילערהייט געלאָזט פיהלען זייערע שווערע קלעפּ אויף די גריכישע סאָלדאַטען אין לאַנד דורך אָפּטע אַטאַקעס אויף קלענערע גרופּעס סאָלדאַטען וועלכע זיינען באַפאַלען געוואָרען פון די חשמונאים העלדען מיט זייערע לעגיאָנערען אויף די וויטע צעשפּרייטע וועגען צווישען די בערג און טאָלען, וועלדער און פעלדער פון לאַנד, דעמאָלסט איז אויך געשעהן א פאַרברעכערישע אַטאַקע איבער דעם כהן־גדול „חוניו דער דריטער״ וועל־כער איז נאָך אלץ געזעסען אין אַנטיוכיע אלס אַ געפאַנגענער.

מענעלאָס, דער נייער כהן־גדול, וועלכער האָט באַקומען דעם אַמט פאַר זיין צוזאָג צום קעניג אַנטיאָכוס אז ער וועט איהם דערפאַר צאָהלען גרויסע צינזען, האָט זיך פלוצלונג דערוואוסט אז אין אנטיוכיע טומעלט זיך וועגען איהם. זיין געוועזענע געליבטע מרים, די טאָכטער פון דעם כהן בילגה, וועלכע האָט שוין גענוג זיך אָנגעזינדיגט אין איהר גרויס פאַרשייטקייט, סיי ווען זי איז נאָך געווען אין זיין רשות און איבערהויפּט זייט ער האָט איהר געמוזט פאַרלאָזען נאָכדעם ווי זי האָט איהם פּשוט פאַריאָגט פון זיך צוליב איהר נייע ליבע מיט׳ן גענעראל גאָרגיאַס, האָט ווייזט אויס געמסרט אויף איהם, מענעלאָסען, אז דאָס פייער נעבען דעם ציטאַדעל אין ירושלים, וואָס האָט דאַמאָלסט אַוועקגערויבט דאָס לעבען פון א צעהנדליג גריכישע סאָלדאַטען, איז געמאַכט געוואָרען דורך מענעלאָסעס הענט.

מענעלאָס האָט געפונען פאַר נויטיג אליין אָפּצופאָהרען נאָך אַנטיוכיע און פּרובירען צו פאַרשטיקען דעם געפעהרליכען חשד אויף איהם איידער עס ווערט צו שפּעט. מענעלאָס האָט געדופעט אויף זיין שטאָלצען אמט אלס כהן־גדול. געוויס וועט ער קענען זיך רעכטפערטיגען פאַרן קעניג אז ער ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגען, און דער קעניג וועט דאָך זיכער ניט וועלען זיך איינרייסען מיט אַזאַ טייערען כהן־גדול וועלכער שיט מיט גאָלד צו דער סירישער קאָסע.

מענעלאָס האָט אָבער מורא געהאַט איבערצולאָזען זיין אַמט אין ירושלים אָהן אַ שטעל־פאַרטרעטער, ווייל ווי נאָר ער וועט אָפּפאָהרען נאָך אַנטיוכיע קענען די חשמונאים פאַרכאַפּען דעם כהונה גדולה אמט. מענעלאָס האָט ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה נאָר זיך צוריק איבערצובעטען מיט זיין ברודער ליסימאָכוס, מיט וועמען ער האָט זיך געהאַט צוקריגט נאָך דעמאָלסט ווען מרים האָט איהם אויסגעזאָגט דעם סוד אז נישט נאָר האָט זי גאָרגיאַסן אלס איהר נייעם געליבטען נאָר אויך אז ליסימאָכוס זעלבסט האָט גענוג נחת געקליבען פון איהר, מרים׳ען, די געליבטע פון זיין אייגענעם ברודער.

מענעלאָס האָט מוחל געווען זיין ברודער די זינדיגע ליבע מיט זיין

געוועזענער מרים׳ן און ער האָט איהם באַשטימט צו פארנעמען דעם אמט פון כהונה־גדולה אין בית־המקדש דורך דער צייט וואָס ער, מענעלאָס, וועט זיין פארררייזט.

פאַרשטעהט זיך, אז די אידען אין ירושלים זיינען שוין געווען אזוי שטאַרק דערשלאָגען און דערשראָקען פון די גריכישע ביטערע גזרות אויף זיי, אַז זיי האָבען זיך מעהר נישט געקענט העלפען געגען די פרעכע מעשים וואָס דער מתיון כהן־גדול מענעלאָס טהוט אָפּ געגען זיין פאָלק, לאַנד, רעליגיאָן און גאָט. מענעלאָס האָט אַנגעשטעלט א צוויי הונדערט גריכישע סאָלדאַטען מיט זייערע אָפיצערען אז זיי זאָלען אַכטונג געבען אויף זיין ברודער ליסימאָכוס אין זיין כהונה־גדולה ארבייט ביז ער, מענעלאָס, וועט צוריק קומען.

ווען מענעלאָס איז אָנגעקומען אין אַנטיוכיע האָט ער צוערשט אויפּ־געזוכט זיין אַמאָליגע געליבטע מרים׳ן און געמאַכט שלום מיט איר.

— איך בין נישט געקומען צו דיר מיט מיינע אמאָליגע קריוודעס — האָט מענעלאָס ערקלעהרט צו מרים׳ן — פאַרפאַלען! אויב דו ליבסט מיך נישט, קען איך דיר ניט צווינגען געגען דיין ווילען, אָבער איך וויל דיר בעטען אז דו זאָלסט מיר העלפען זיך ריינצוואַשען פאַרן קעניג פון דעם בלבול וואָס מען האָט פארשפּרייט אויף מיר.

— און דו אליין, זאָגסט נאָך־אלץ אז דאָס איז א בלויזער בלבול? — האָט מרים געפרעגט מיט אַ גרימצאָרן.

— אַזוי לאנג ווי עס איז נישטאָ קיין באַווייזע געגען מיר, איז עס א בלבול — האָט מענעלאָס געענטפערט.

מרים האָט געוואוסט ווי ווייט דער, אזוי גערופענער, בלבול איז נעבאַך אַן אמת, אָבער אזוי ווי עס האָט נאָך פאַרט געטליהעט אין איהר האַרצען א וואַרימער פונק ליבע צו איהם, דעריבער האָט זי איהם צוגעזאָגט צו העלפען זיך ריינצוואַשען.

מרים האָט איהם געראָטען מיט וועמען זיך דורכצושמועסען איידער ער ווערט אויפגענומען פאר אן אודיענץ ביים קעניג. מענעלאָס האָט אויסגעפאָלגט איהר עצה און גאָר גיך איז ער אויפגענומען געוואָרען ביים קעניג און מיט זיין גלאַטען צונג און כיטראַסט האָט ער, אזוי האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, זיך ריינגעוואַשען.

פאַרשטעהט זיך אַז ווען ניט די שווערע שטיקער גאָלד וואָס מענעלאָס האָט איבערגעגעבען אלס א מתנה צום קעניג, וואָלט מענעלאָס ניט אזוי שנעל דורכגעפיהרט זיין ריינוואַשונג.

ווען מענעלאָס האָט שוין אָפּגעכאַפּט אַביסעל דעם אָטעם פון זיין ערשטער שרעק האָט ער דאַן באזוכט דעם באַטריבטען כהן־גדול חוניו אין זיין גלות היים אין אַנטיוכיע. דער וויזיט איז געווען כמעט א געצוואונגענער, ווייל עטליכע גריכישע הויפט גענעראַלען האָבען עס פאַרלאַנגט פון איהם. זייער מאָטיוו איז געווען אַז אויב מענעלאָס וועט אוספייען צו מאַכען שלום מיט דעם פאָריגען כהן־גדול, דאַן וועט דער קעניג קענען צוריקשיקען דעם פאָריגען כהן־גדול נאָך ירושלים און אזוי ארום זיך איינקויפען אין לאַסקע ביי די פרומע אידען וועלכע זיינען נאָך אלץ פארביטערט געגען דעם אומבאַ־רעכטיגטען גלות פון זייער באַליבטען געוועזענעם כהן־גדול.

מענעלאָס האָט דאריבער פארשטאַנען אז דאָס איז דער ווילען פון קעניג און אז ער מוז עס אויספאָלגען, נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג.

אָבער ווי דערצאָרענט איז מענעלאָס געוואָרען ווען ער האָט באזוכט דעם כהן־גדול אין זיין אָרימער וואוינונג אין אַנטיוכיע און אַנשטאָט א שלום, איז דער ריס געוואָרען נאָך גרעסער. דער כהן־גדול האָט אַ זאָג געטאָן צו איהם:

— דאָס אידישע פאָלק האָט שוין געהאַט פיעלע המנס אויף זיך אָבער דער רבונו־של־עולם האָט זיי אַלע מאָל ארויסגעראַטעוועט, און דעריבער האָף איך אַז אויך איצט, ווען דער חלף ליגט שוין אויפן האלז, וועט קומען א שנעלע ישועה, אָבער אַזעלכע רשעים ווי דו מיט דיינע מתיונים וועלען אימער פאַרבלייבען „לדראון" עולם, אַ שאַנד־פלעק אויף אייביג.

— אָבער איך בין דאָך ניט שולדיג וואָס דער קעניג האָט מיך אויס־געקליבען אלס כהן־גדול אויף דיין ברודערס פלאַץ — האָט מענעלאָס פרובירט מיט זיין כיטראָסט.

— ניט שולדיג? — האָט חוניו זיך צעלאַכט מיט גרימצאָרן — דער מלאך המות זאָגט אויך אַז ער איז ניט שולדיג אין דעם טויט פון מענשען ווייל ער איז דאָך דער שליח פון גאָט ברוך־הוא. אין אמת'ן, אָבער, ביזטו נאָך ערגער ווי דער מלאך המות, ווייל דיך האָט ניט געשיקט דער גאָט פון ישראל צו פאַרשאַפען צרות די אידען, דו ביזט א רשע און א צורר ישראל, צוליב דיין אייגענעם אַפּעטיט צום שמד און רשעות. זאָג מיר נאַר, דו פאַר־רעטער! — האָט חוניו אַ געשריי געטאָן אויף מענעלאָסן — וויפיל אידישע שווער פארהאָרעוועטע געלטער האָסטו שוין אָוועקגעגעבען צו אונזער קעניג?

— דיין ברודער יאזאָן האָט דאָך אויך געגעבען געלט צום קעניג — האָט מענעלאָס נאָכאַמאָל פרובירט מיט גוטען.

— אויב מיין ברודער האָט געזינדיגט קענסטו אָבער דאַמיט זיך ניט

רעכטפערטיגען — האָט חוניו אויסגערופען — מיין ברודער האָט שוין באַקומען זיין שטראָף. ער האָט געמוזט אַנטלויפען. די שווערע האַנט פון גאָט איז געפאַלען אויף איהם נאָכדעם ווי ער איז געוועזען ביי מיר דאָ צו הויז און האָט אויסגעפונען אז איך בין איהם ניט מוחל זיינע זינד געגען כלל ישראל. אָבער דו, דו האָסט שוין גאָר אין גאַנצען רואינירט אונזער הייליגסטען פלאץ, דעם בית־המקדש. דו האָסט, ניט נאָר ערלויבט נאָר אויך, ערמוטיגט די גריכען איינצופיהרען אין דער אידישער לאַנד די געצענדיסט אויפ׳ן ברייטסטען מאַסשטאַב. דו האָסט דערלאָזען צו בלוט־פאַרגיסונג פון פילע טויזענטער אידישע פרומע לייט. דו האָסט דערלאָזען אז דער קעניג זאָל ארויסגעבען אַזעלכע שוידערליכע פינסטערע און הימלשרייענדע „גזרות רעות״. אויס מיט׳ן שבת, אויס מיט מצות מילה, אויס מיט תורה לערנען, און וויפיל פרומע אידען לעבען איצט אָפּגעזונדערט, אָפּגעריסען און צעטיילט, פון זייערע אנשטענדיגע גאָטספאַרכטיגע פרויען ווייל אַלע מקואות זיינען צוגעשלאָסען געוואָרען פאר׳ן רעליגיעזען געברויך . . . וויפיל ממזרים וועלען נאָך גע־בוירען ווערען ביי אידען צוליב אָט דיזער גזירה. וועה איז אונז וואָס מיר האָבען דערלעבט. דער איד אין זיין אייגענער לאַנד זאָל אזוי מערדערליך געפייניגט ווערען! מיר, אידען, מוזען זיין אַ הייליג און זויבערס פאָלק. מיר מוזען היטען די געזעצען וואָס מיר האָבען אָנגענומען אויפ׳ן בארג סיני. אונזערע קינדער מוזען זיין זויבערע פון ערשטען מאָמענט וואָס זייערע על־טערען פאַראייניגען זיך, און איצט איז געשעהן אזא אומגליק אין אונזער לאַנד!

— ווייזט אויס אז אַנשטאָט צו ווערען רוהיגער און נאָכגעביגער אין דיין גלות, ביזטו גאָר געוואָרען נאָך מעהר פאַרביטערט און טראָציק — האָט מענעלאָס ארויסגערעדט זיינע געצעהלטע ווערטער מיט אַ שעלמישען שמייכעל.

— דאָס איז, ווייל ערשט דאָ אין מיין גלות בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז איך האָב נאָך ווינציג אויפגעטאָן פאר׳ן כלל ישראל ווען איך בין נאָך געווען אין ירושלים — האָט חוניו געענטפערט — איצט זעה איך איין מיין פעהלער אז איך האָב צו שוואַך געהאַנדעלט מיט די אידישע פושעים און דעריבער זיינען זיי געוואָרען אזוי פרעך און האָבען געבראַכט צו דער איצטיגער קאַטאַסטראָפע. הלואי וואָלט איך געפאָלגט מיין גוטען פריינט מתתיהו דער חשמונאי, ווען ער האָט מיר אימער געראָטען צו האַנדלען שטרענג, דאַן וואָלט עס ניט געקומען צו דער איצטיגער שטופע. אָבער איך האָף צו גאָט אַז די חשמונאים וועלען באַווייזען דאָס וואָס איך האָב

פאַרפעהלט, זיי וועלען נעהמען ראַכע פון אַלע אינערליכע און אויסערליכע שונאים פון אונזער פאָלק.

— הייסט עס, אַז זיצענדיג דאָ אין אַנטיוכיע פיהרסטו גאָר אָן דיין אַגיטאַציע געגען דעם סירישען קעניג? — האָט מענלעאָס א פרעג געטאָן.

— אויב דו דענקסט מיך צו פאַרמסר'ן פאַר'ן קעניג, קענסטו עס טאָן — האָט חוניו שנעל געענטפערט — איך האָב קיין מורא ניט פאַרן טויט. איך פיהל אַז מיינע טעג זיינען געצעהלטע. די נבואה פון דעם הייליגען מאַן אנטיגנוס־איש־סוכו וואָס ער האָט אַמאָל נביאות געזאָגט אַז מיין סוף וועט זיין אַ שלעכטער, וועט וואהרשיינליך מקוים ווערען. איך בין גרייט צו שטאַרבען מיט א קללה אויף מיינע ליפען צו אַלע שונאי ישראל, אָבער אויך מיט'ן פולען גלויבען אַז די חשמונאים וועלען נעהמען די שווערדען אין זייערע הענט און זיי וועלען אויסראָטען אַלע פושעים.

מענעלאָס האָט איינגעזעהן אַז ער האָט שוין ניט אויף וואָס צו האָפען וועגען אַ שלום מיט חוניו דעם פאַריגען כהן־גדול. ער איז אַוועק פון איהם א פאַרביטערטער פול מיט רוגזה.

עטליכע טעג האָט מענעלאָס זיך „געשלאָגען מיט דער דעה" ווי צו האַנדלען מיט'ן נאָך־אַלץ פאַרביסענעם שונא חוניו, דער געוועזענער כהן־גדול. מענעלאָס האָט ניט געוואָלט אָפּפאָהרען פון אַנטיוכיע איידער ער ווערט פאַרטיג מיט חוניו'ן... ער האָט זיך ארומגעזעהן אַז ער האָט שוין צופיל שונאים אָן חוניו'ן און דעריבער מוז ער זיך באַוואָרענען אַז דאָ אין אַנטיוכיע זאָל איהם חוניו ניט שטעהן ווי אַ ביין אין האַלז.

ניט טראַכטענדיג פיעל, האָט מענעלאָס זיך איינגעהאַנדעלט אַ גוטען פריינט אויף וועמען ער האָט זיך געקענט פאַרלאָזען. דאָס איז געווען אַ גריכישער מיליטערישער מאַן מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס, וועלכער האָט איינגעוויליגט צו טויטען דעם באַטריבטען חוניו פאַר דער סומע פון דריי הונדערט שקלים.

עס זיינען פאַריבער עטליכע טעג און איינמאָל, שפּעט ביינאַכט, איז דער גריכישער מיליטאַריסט געקומען צו מענעלאָס'ען אויף זיין סטאַנציע און האָט איהם איבערגעגעבען די נייעס אַז חוניו איז שוין טויט . . .

— ביזטו זיכער אז קיינער וועט דיר ניט פאַרדעכטיגען? — האָט מענעלאָס געוואָלט וויסען.

— זיכער! — האָט דער גריך צוגעגעבען.

מענעלאָס האָט איהם געהייסען קומען אויף מאָרגען און דאַן וועט ער איהם אָפּצאָהלען די גאַנצע סומע געלט.

דערווייל איז געוואָרען אַ טומעל אין אַנטיוכיע. דער קעניג האָט זיך דערוואוסט אז מען האָט געפונען דעם כהן־גדול „חוניו דעם דריטען" אַ דערמאָרדעטען ביי זיך צו הויז, און ער האָט געגעבען אַ וואונק צו זיינע הויפּ־לייט אַז מען זאָל ניט דערלאָזען צו קיין גרויסען טומעל ווייל דער קעניג האָט פאַרשטאַנען אז מענעלאָס מוז האָבען אַ האַנט אין דעם . . . און אזוי ווי מענעלאָס קען געבען גאָלד וויפיל נאָר ער וועט פאָדערען פון איהם, דעריבער לוינט זיך פאַר איהם צו לעבען בשלום מיט מענעלאָס׳ען.

דער קעניג האָט געוואָלט קומען מענעלאָס׳ען צו הילף און איהם מאַכען פיהלען גוט נאָכ׳ן נייעם מאָרד וואָס ער איז באַגאַנגען . . . דעריבער האָט ער פאַראָרדערט אַ ספּעציעלען יום טוב פאַר׳ן אזוי גערופענעם גאסט, דער כהן־גדול מענעלאָס פון ירושלים, וועלכער פאַרברענגט איצט אין אַנטיוכיע זיין מ׳כלומר׳שטע וואקאַציע . . .

דער נאַרישער מענעלאָס האָט טאַקע געגלויבט אַז אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס איז עס איהם אַזאַ טייערער גוטער פריינט . . . און פאַרוואָס טאַקע נישט? ווינציג גאָלד האָט ער איהם דורך דער צייט איבערגעגעבען?

איז מענעלאָס פאַרבליבען נאָך עטליכע וואָכען אין אַנטיוכיע און עס האָט שוין געהאַלטען דערביי אַז ער זאָל צוריק געווינען די ליבע פון זיין אַמאָליגער מרים׳ען וועלכע האָט אָנגעהויבען זיך צו באַקלאָגען פאַר איהם אַז דער גענעראַל גארגיאס איז איהר שוין צוגעגעסען געוואָרען . . . אָבער גאָר פּלוצלונג האָט מענעלאָס זיך דערוואוסט אַז די אידען אין ירושלים האָבען דער׳הרג׳עט זיין ברודער ליסימאָכוס.

מענעלאָס איז שנעל צוריקגעלאָפען נאָך ירושלים און האָט דאָרטען אויסגעפונען אָט וואָס:

— אזוי שנעל ווי די אידען האָבען זיך דערוואוסט אַז ער, מענעלאָס, האָט געדונגען אַ מערדער וועלכער האָט געטויטעט זייער געוועזענעם כהן־גדול חוניו אין אַנטיוכיע, האָבען זיי באַלד געטויטעט זיין שטעל פאַרטרעטער, זיין אייגענעם מערדערישען ברודער, ליסימאָכוס.

פאַרשטעהט זיך, אַז מענעלאָס האָט געמאַכט אַ געוואַלד און גלייך געלאָזט וויסען דעם קעניג וועגען דעם מאָרד איבער זיין ברודער, און דער קעניג האָט, לפנים וועגען, באַפוילען צו באַשטראָפען די שולדיגע.

## קאַפּיטעל 26
# די פאַרזאַמלונג אין מודעין.

אין אַ שטילע הויז אין דער שטעדטעל מודעין איז פאָרגעקומען אַ

געהיימע פאַרזאַמלונג. עס זיינען געווען פאַרזאַמעלט בלויז עטליכע פראָ־מינענטע אידישע פיהרערס. דאָס האָט מתתיהו דער חשמונאי צוזאַמענ־גערופען די דרינגענדע פאַרזאַמלונג אויף וועלכער עס זיינען באַהאַנדעלט געוואָרען גאַר וויכטיגע פּראָבלעמען.

די פאַרזאַמעלטע זיינען געווען: מתתיהו, זיין זוהן יהודה, די צוויי פיהרערס פון דער סנהדרין, די חכמים יוסי בן יועזר, און יוסי בן יוחנן, און נאָך איניגע גאַר חשוב׳ע אידען. ספּעציעל איז דאָ געווען אַ גאַר געהויבענער גאַסט אויף וועמען אַלע פאַרזאַמעלטע האָבען געקוקט מיט גרויס דרך־ארץ סיי צוליב זיין גרויסער פרומקייט און דער עיקר, וואָס זיין אַנוועזענהייט איז געווען ביי אַלעמען א וואונדער: סטייטש? „חוני המעגל" דער אָפּגעזונדער־טער פון אַלעמען וועלכער מישט זיך נישט אין קיינע פּאָליטישע ענינים, ווי אזוי האָט מען איהם געקענט באַוועגען צו קומען צו דער פאַרזאַמלונג? קיינער האָט אָבער נישט געוואַגט צו פרעגען; אזוי לאַנג ווי דער הויפּט־פיהרער פון דער פאַרזאַמלונג, מתתיהו דער חשמונאי, האָט נאָך נישט דערצעהלט, באַדאַרף מען אָפּוואַרטען.

ארום דער הויז, וואו די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען, זיינען ארומגע־גאַנגען עטליכע יונגע לייט און געהאַלטען וואך.

ווען מתתיהו האָט עטליכע מאָל איבערגעבליקט איבער די פאַרזאַמעלטע, האָט ער זיך דאַן אויפגעשטעלט און מיט לאַנגזאַמע געצעהלטע ווערטער האָט ער אָנגעהויבען רעדען:

— „רבותי! מיר ווייסען נישט וואָס מאָרגען קאָן טרעפען. מיר זאָגען יעדען טאָג די ווערטער: „בידך אפקיד רוחי", „אין דיין האַנט, גאָט, געבען מיר איבער אונזערע נשמות צו היטען." ווער ווייסט אויב מיר וועלען נאָך דערלעבען צו אַ צווייטע פאַרזאַמלונג און אויב יאָ, אונטער וועלכע אומשטענדען? דעריבער האָב איך באַשלאָסען אז אונזער היינטיגע פאַר־זאַמלונג זאָל באַשליסען אויף אַלע מעגליכע פאָרשלאַגען וואָס מיר וועלען ארויסברענגען.

— „איך וויל אייך איבערגעבען פריהער די וויכטיגסטע געשעהענישען אין לאַנד און נאָכהער וועט יעדערער פון אונז, ארויסזאָגען זיין מיינונג יאָ, אָדער ניין, און מיר וועלען באַשליסען, אָדער צוריקווייזען, א מיינונג לויט׳ן דין תורה „אחרי רבים להטות" „די מעהרהייט געווינט".

דאביי האָט מתתיהו אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און האָט ווידער אָנגעהויבען רעדען:

— „דער משומד־מתיון יאַזאָן, וועלכער איז אַנטלאָפען צוליב מענע־

לאָס׳ען, זוכט ווידער זיך אַריינצוכאַפּען אין ירושלים און פּאַריאָגען מענע־לאָס׳ען. דער אָפּיצער קרעטאָס וועמען מען האָט געפונען א טויטען אין זיין צימער איז געטויטעט געוואָרען פון אַ אידישען פרומען יונגענמאַן וועמענס נאָמען איך וויל האַלטען בסוד ווייל איך קען איהם צו גוט און איך ווייס אז דער העלדישער יונגערמאַן וועט ווייטער אָנגעהן מיט זיין הייליגע ארבייט פון אויסראָטען אונזערע שונאים. די אלמנה וועלכע איז באַפרייט געוואָרען פון תפיסה, צוליב דעם אומגעזעצליכען ברית מילה איבער איהר קינד, איז געראַטעוועט געוואָרען פון אַ אידישע פרומע טאָכטער וועלכע אַרבייט צו־זאַמען מיט יענעם אידישען יונגענמאַן וועלכער האָט געטויטעט קרעטאָס׳ען. אונזער ווירדיגער נשיא פון דער סנהדרין, רבי יוסי בן יועזר וועלכער זיצט דאָ, ווייסט ווער די פרוי איז, ווייל אזוי ווי זי האָט באפרייט דער אלמנה אזוי אויך האָט זי באַפרייט אונזער נשיא וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרען דורך זיין שוועסטער׳ס זוהן דער משומד אלקימוס אָדער ווי ער איז באַקאַנט מיט׳ן נאָמען יקום־איש־צרורות.

צווישען די פאַרזאַמעלטע איז געוואָרען א שטילער גערודער: ווער איז עס דער יונגערמאַן און די יונגע פרוי וועלכע האָבען באַוויזען אַזאַ העלדישקייט? אָבער מתתיהו האָט נישט דערלאָזען די זייטיגע איבער־רייסונגען אין זיינע רייד. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— „מיט דער צייט וועט איהר אַלע וויסען ווער איז ווער. און איצט וויל איך אָנזאָגען די טרויעריגע בשורה אז דער רשע מענעלאָס האָט געלאָזט טויטען אונזער באַליבטען כהן־גדול חוניו דעם דריטען און צוליב דעם האָבען אונזערע אידען געטויטעט זיין ברודער ליסימאַכוס.“

עס האָט זיך דערהערט די שטימע פון רבי יוסי בן יועזר אויסרופענדיג:

— דער רשע ליסימאַכוס האָט פאַרדינט דעם טויט זייט ער האָט דערמאָרדעט די צוויי אומשולדיגע פרומע אידען, פון וועלכע, איינער איז געוועזן דער מאַן פון חנה מיט איהרע זיבען קינדער. נאָר אזוי ווי ער האָט דעמאָלט מורא געהאַט פאר׳ן משפט פון דער סנהדרין איז ער אַנטלאָפען נאָך אנטיוכיע אָבער זייט זיין ברודער מענעלאָס איז געוואָרען כהן־גדול האָט ער שוין קיין מורא נישט געהאַט צו קומען צוריק און דעריבער איז זיין איצטיגער טויט די שטראָף פון גאָט פאר זיינע פאַריגע מאָרדען.

— כן יאבדו! זאָלען אַלע רשעים ווערען אויסגעראָטען — האָבען אַלע פאַרזאַמעלטע אויסגערופען.

— און איצט, ברידער! — האָט מתתיהו ווידער אָנגעהויבען רעדען — איצט, האָבען מיר זיך דערוואוסט אַז אנטיאָכוס עפּיפאַנוס האָט שוין ארויס־

געשיקט א גרויסע אַרמיי אונטער דער פיהרערשאַפט פון דעם כיטרען גענעראל ניקאנאָר צו מאַכען גרויסע שחיטות אויף די אידען אין אונזער לאַנד. עס איז דעריבער זעהר דרינגענד אַז מיר זאָלען ארויסגעהען עפענטליך קעגען דעם שונא. מיר טאָרען זיך נישט פארלאָזען אויף קיינע נסים. מיר מוזען זיך אָנגורטען מיט׳ן שווערד און שלאָגען אונזערע שלעגער. פאר דעם צוועק האָבען מיינע פינף, גאָט געבענטשטע, זיהן זיך צוגעגרייט באַציייטענס מיט געוועהר און שפייז, אָבער עס איז נויטיג צו פאַרגרעסערען דעם אידישען לעגיאָן, און וועגען דעם וועל איך בעטען מיין זוהן יהודה אַז ער זאָל איצט רעדען צו אייך און דערקלעהרען זיינע מיליטערישע פּלענער.

אַלע פארזאַמעלטע האָבען געוואָרפען זייערע בליקען צו דעם העלדישען יהודה׳ן. יהודה האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט אָנגעהויבען צו רעדען:

— חשוב׳ע גדולי ישראל! — איך גלויב אז מיין ליבען פאָטער׳ס רייד צו אייך, האָבען געוויס אייך איבערצייגט אַז די שטימע פון גאָט פון ישראל רעדט פון זיין מויל. מיינע רייד צו אייך זיינען דעריבער בלויז אַ צוגאָב צו מיין פאָטער׳ס רייד. אונזער לאַגע איז האָפענונגספול בלויז דאַן אויב מיר וועלען אין זינען האָבען אונזערע אמאָליגע אידישע העלדען ווי יהושע, דבורה, גדעון, יפתח, שמשון, דוד און שלמה. מיר מוזען צייגען דעם שונא אַז כאָטש דאָס אידישע פאָלק קען טאַקע דולדען זעהר אַ סך נגישות אָבער ניט ווען מען ריהרט אָן זיין נשמה, זיין רעליגיאָן, נאַציאָן, און לאַנד. מיר האָבען געוואַרט ביז איצט טאָמער וועט זיך די לאַגע פארבעסערען אָבער איצט איז שוין קיין צווייפעל נישטאָ אז אַנטיאָכוס עפּיפאנוס וויל רואינירען דאָס אידישע פאָלק. ער וויל פאַרניכטען זיין תורה און צושטערען אַלע זיינע הייליגטימער. גאָט האָט מיר געגעבען מוט צו אָרגאַניזירען עטליכע הונדערט געקליבענע אידישע העלדען אונטער׳ן נאָמען „גדוד המכבים״ און מיר זיינען גרייט זיך צו אָפּפערען „על קידוש השם״, עס איז אָבער ווינשענסווערט אַז מיר זאָלען פארגרעסערען אונזער לעגיאָן ווייל די גריכיש־סירישע ארמיי אונטער דער פיהרערשאַפט פון גענעראל ניקאנאָר איז זעהר גרויס און מיר מוזען אומבאַדינגט ארויסגעהן אַנטקעגען דעם שונא כאָטש מיט עטליכע טויזענט סאָלדאַטען.

— „ווער פון אייך איז דען געגען מיין בארעכטיגטען פארלאַנג? — האָט יהודה אויסגערופען.

יאָ! דו ביזט גערעכט! — האָבען אַלע מיטאַמאָל אָפּגעענטפערט.

— אויב אַזוי — האָט יהודה ווידער אויסגערופען — פארלאַנג איך פון אונזער ווירדיגען צדיק הדור, רבי חוני המעגל, אז אויך ער זאָל צושטעהן

צו אונזער „מלחמת מצוה״, היילִיגע שלאַכט, און אויסווירקען אויף זיינע מענשען פון דער איסיים סעקטע אז זיי זאָלען אויך צושטעהן צו אונזער „גדוד המכבים״.

— די איסיים זיינען קודש קדשים׳דיגע אידען — האָט חוני המעגל אָפּגעענטפערט — זיי מישען זיך נישט אין קיינע פּאָליטישע ענינים, זיי זיינען וואלד־מענשען, האַלבע מלאכים, אויסגעדאַרטע, אויסגעמאַטערטע, שוואַכע און קרענקליכע. זיי אינטערעסירט נישט דער לעבען, זיי זיינען פארטיפט בלויז אין הימלישע ענינים, מען קען זיי נישט צווינגען.

— אָט דאָס טאַקע איז דער אומגליק! — האָט מתתיהו אויסגערופען מיט אימפעט — ווער האָט זיי געגעבען דאָס רעכט צו מאַכען אייגענע אויס־טייטשונגען צו אונזער תורה און צום לעבען אין אַלגעמיין? שטעהט דען נישט געשריבען אין אונזער תורה „וחי בהם״? אז די תורה איז געגעבען גע־וואָרען אַלס מיטעל צו פארשעהנערען, פארבעסערען, און פאַרזיכערען אונזער ערדישען לעבען און נישט בלויז זיך צו פייניגען און שטאַרבען פאר דער צייט.

— און וואָס ווִעסטו טאָן מיט׳ן פּסוק „אדם כי ימות באהל״, וואָס לויט אונזער מיינונג מיינט עס, אז דער איד מוז זיך אָפּפערען ביז׳ן טויט פאר דער הייליגקייט פון דער תורה — האָט חוני המעגל אָפּגעענטפערט מיט אַ פראַגע.

— דאָס מיינט בלויז אז דער איד מוז זיך אָפּפערען פאר דער תורה ווען זי, די תורה, שטעהט אין געפאהר פון אונטערגאַנג, אָבער ווען מען איז פריי אָפּצוהיטען די תורה מוז מען אויך אָפּהיטען דעם פיזישען קערפער — האָט יוסי בן יועזר געענטפערט.

— אויסער דעם, — האָט מתתיהו צוגעגעבען — שטעהט דאָך אין דער תורה „ובחרת בחיים״ דו זאָלסט אויסדערוועהלען אין לעבען אָבער נישט אין טויט.

דער פּסוק „ ובחרת בחיים״ מיינט וועגען הימלישען נשמה׳דיגען לעבען — האָט חוני המעגל געענטפערט לאַנגזאַם.

— אויב אַזוי — האָט יוסי בן יוחנן אַ זאָג געטאָן — טאָ וואָרום האָט גאָט גאָר אינגאַנצען באַשאַפען דעם פיזישען קערפער פון מענשען?

— די פראַגע איז אונז אונמעגליך צו פארענטפערען — האָט חוני המעגל געענטפערט — מיר שטערבליכע מענשען קענען נישט פארשטעהן די אורזאַכע פון דער גאַנצער וועלט באַשאַפונג.

— אָבער די איסיים ווילען ארויסצייגען אז זיי פאַרשטעהען די אורזאך פון טויט — האָט מתתיהו אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכעל.

— געוויס! — האָט חוני המעגל געענטפערט — די אורזאך פון טויט

איז דער ערדישער לעבען, ווען נישט דאָס לעבען וואָלט קיין טויט נישט געווען . . .

אַלע פאַרזאַמעלטע האָבען אַ שמייכעל געטאָן און יהודה האָט אויס־גערופען:

— לויט ווי איך זעה איז מען צו ווייט אָוועק פון אונזער איצטיגען ענין. מיר מוזען איינמאָל פאַר אַלע מאָל באַקומען די הילף פון אַלע אונזערע פרומע ברידער און די איסיים טאָרען זיך ניט אויסשליסען פון כלל ישראל.

— זיי שליסען זיך אָבער אויס פון כלל מענשען! — האָט מתתיהו אויסגערופען מיט אַ גרימצאָרען.

— און איך האָב מורא — האָט יוסי בן יועזר צוגעגעבען — אַז אויב די איסיים וועלען זיך ניט אַ קעהר טאָן צוריק צום נאָרמאַלען לעבען, דאַן וועט זייער סעקטע פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ נייע אָפּגעזונדערטע סעקטע פון וועלכער דאָס אידישע פאָלק וועט נאָכהער זעהר פיעל ליידען . . .

— יאָ! — האָט יוסי בן יוחנן אויסגערופען — דאָס איז דאָך אַ סעקטע פון נזירים און נזירים זיינען קיינמאָל ניט געווען שטאַרק באַליבט ביי אונז אידען. אַ סימן האָבען מיר, אַז די תורה האָט אָנגעזאָגט, אַז יעדער נזיר מוז ברענגען אַ קרבן נאָכדעם ווי זיין נזירות־צייט איז פאַריבער. דער קרבן מוז פאַרגעבען אויף די נזירות ווייל דאָס איז אַ זינד . . .

— פון מיינעטוועגען בין איך מסכים מיט אייך — האָט חוני המעגל געענטפערט — אָבער ווער ווייס אויב די איסיים וועלען מסכים זיין צום דאָזיגען פאַרלאַנג.

—איך וועל אַפּעלירען צו זיי! — האָט יהודה אויסגערופען מיט שמחה — איך וויל בלויז אַז דער ווירדיגער חוני המעגל זאָל מיר צוזאַמענברענגען מיט די הויפּט פיהרערס פון דער סעקטע און דאַן וועל איך רעדען צו זיי.

חוני המעגל האָט צוגעזאָגט און גלייך נאָכדעם האָט די פאַרזאַמלונג אַרומגערעדט נאָך וויכטיגע פּראָבלעמען און איינציגווייז האָבען זיי פאַר־לאָזען די הויז.

## קאַפּיטעל 27

# דער פאַלשער קלאַנג וועגען אַנטיאָכוסעס טויט. חנה מיט איהרע זיבען זיהן.

אין דער צייט וואָס די חשמונאים האָבען זיך געגרייט צו באַגעגענען דעם שונא אין אַן אָפענעם קאַמף, איז דעמאָלסט דער גענעראל ניקאַנאָר מיט

זיין ארמיי געגאַנגען נאָך ארץ ישראל. אָבער כאָטש אלע אידען האָבען שוין געוואוסט אז ניקאנאָר מיט זיין ארמיי קומען אָן אין לאַנד, דאָך האָט בלויז ניקאַנאָר זעלבסט געוואוסט דעם אמת, אַז ער האָט גאָרניט אין זינען צו באַפאַלען איצט די אידען. זיין מיסיע איז געווען בלויז דורכצוגעהן ארץ ישראל און דערגרייכען צו דעם עגיפּטישען גרעניץ וואו עס האָט שוין געוואַרט אויף איהם דער גענעראַל גאָרגיאס מיט זיין ארמיי.

דער ביטרער קעניג אַנטיאָכוס עפּיפאנוס האָט אומישנע ארויסגע־שיקט זיינע צוויי הויפּט גענעראַלען, גאָרגיאס׳ען מיט ניקאנאָר׳ען, אין צוויי באזונדערע אָפּטיילונגען וועלכע זאָלען זיך צוזאַמענטרעפען אויפ׳ן עגיפּטי־שען גרעניץ און דאַן וועט ער זעלבסט, צוזאַמען מיט׳ן פעלדמאַרשאל ליזיאַש, אויך אָנקומען אַהין און זיי וועלען פּלוצלונג באַפאַלען עגיפּטען.

אַנטיאָכוס האָט ניט פאַרגעסען זיין ערשטען דורכפאַל, ווען ער איז באַפאַלען עגיפּטען, דעריבער האָט ער זיך גוט צוגעגרייט צום צווייטען מאָל אַז די אַטאַקע זאָל איהם געלינגען.

אין אייניגע טעג נאָכדעם, האָבען די אידען אין ארץ ישראל פרייער אָפּגעאָטעמט. זיי האָבען שוין געוואוסט, אַז דער גענעראַל ניקאנאָר מיט זיין ארמיי האָט אויסגעמיטען ירושלים און איז אַוועק צום דרום־זייט נאָך עגיפּטען.

עס זיינען פאַריבער עטליכע וואָכען און מען האָט אָנגעהויבען שמועסען אין ירושלים אַז אַנטיאָכוס עפּיפאנוס איז דער׳הרג׳עט געוואָרען אין דער מלחמה אין עגיפּטען.

אין ירושלים איז געוואָרען ששון ושמחה. פרומע אידען האָבען אָנגע־הויבען זאָגען הלל און דאַנקען גאָט וואָס ער האָט שוין דער׳הרג׳עט דעם צורר היהודים אנטיאָכוס עפּיפאַנוס.

ווען די דאָזיגע שמחה האָט אויסגעבראָכען אין ירושלים האָט פּלוצלונג זיך באַוויזען דער פאָריגער כהן־גדול יאזאָן מיט עטליכע הונדערט געשוואוירענע מתיונים אויף זיין זייט און ער האָט געוואָלט טויטען זיין שונא מענעלאָס׳ען דעם איצטיגען כהן־גדול

מענעלאָס איז געוואָרען אזוי שטאַרק דערשראָקען אז ער האָט ניט געוואוסט צו וועמען זיך צו ווענדען נאָך הילף. די פרומע אידען ווילען דאָך איהם געוויס ניט האָבען דאָ, און אפילו די מתיונים זיינען פּלוצלונג, פילע פון זיי, אריבער אויף יאזאָנ׳ס זייט.

מענעלאָס האָט ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה און ער איז אַנטלאָפען

פון ירושלים און האָט זיך אויסבאַהאַלטען אין אַ פעסטונג אונטער אַ שטרענגע וואַך פון די גריכישע סאָלדאַטען.

דערווייל האָט יאזאָן מיט זיינע העלפערס אוספעיעט אויסצו׳הרג׳ענען פילע לינקע מתיונים פון מענעלאַס׳עס גוואַרדיע.

יאזאָן האָט גלייך נאָכדעם געוואָלט מאַכען שלום מיט די פרומע אידען אום זיך צו באַפעסטיגען אויף זיין צוריק־געוואונענעם כהונה־גדולה אמט אָבער די חשמונאים האָבען ניט דערלאָזען.

— אזוי ווי דו, רשע, האָסט פאַריאָגט א צווייטען רשע, מענעלאַס׳ען, פון ירושלים, אזוי וועלען מיר אויך דיר פאַריאָגען פון דאַנען — האָט מתתיהו געשיקט זאָגען דעם ניי־אַלטען כהן־גדול יאזאָנ׳ען.

האָט יאזאָן דערזעהן אז צרות וועלען איהם שוין ניט פעהלען, איז ער געוואָרען שטאַרק פאַרביטערט און ער האָט צוגעשיקט שטילע שליחים צום קעניג אַנטיאָכוס אין עגיפּטען וועלכע האָבען איהם איבערגעגעבען אַז די אידען אין ארץ ישראל מאַכען הוליאַנקעס, ווייל זיי גלויבען, אַז דער קעניג איז שוין טויט.

ווען אַנטיאָכוס האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרען שרעקליך דערצאָרנט און האָט גליך געגעבען אַ באַפעהל צו זיין ארמיי אַריינצומאַר־שירען אין ירושלים. ער וואָלט עס פיליכט געווען אָפּגעלייגט אויף אַ שפּעטערע צייט, אָבער אזוי ווי זיין מלחמה מיט עגיפּטען איז ווידער געווען אַ דורכפאַל צוליב רוים, וועלכע האָט דעמאָלסט ניט געוואָלט דערלאָזען אַז אַנטיאָכוס זאָל איינשלינגען עגיפּטען, און רוים האָט איהם באַפוילען שוין צו ציהען צוריק, דעריבער האָט אַנטיאָכוס געוואָלט אויסלאָזען זיין גאַנצען בעס אויף די אידען.

און אין עטליכע טעג נאָכדעם איז אַנטיאָכוס זעלבסט מיט זיין ארמיי אָנגעקומען אין ירושלים און ער האָט אָנגעהויבען ווייזען וואָס ער קען. צוערשט האָט ער אויסגעשלאָכטעט אריבער פופצען הונדערט אידען אין ירושלים זעלבסט און ארום צוויי טויזענט אידען אין אַנדערע שטעדט. נאָכדעם האָט ער געהייסען צו צעשטערען דעם מזבח אין בית־המקדש און אויפבויען אויפ׳ן זעלבען פלאַץ א נייען מזבח פאַר׳ן גריכישען אָפּגאָט צעאוס.

די מהומה איז געוואָרען שרעקליך. דער נייער מתיון כהן־גדול יאזאָן האָט געמוזט ווידער אַנטלויפען פון ירושלים און מענעלאַס איז צוריקגעקומען צו זיין כהונה־גדולה אַמט. אָבער אז אַך־און־וועה איז שוין געווען צו אזא סאָרט כהונה־גדולה ווי מענעלאַס האָט געקענט פראַווען. קיינע קרבנות צום אידישען גאָט זיינען שוין מעהר ניט געבראַכט געוואָרען. מענעלאַס האָט געמוזט דערלויבען אנטיאָכוס׳ען ארויסצונעהמען אלע אוצרות גאָלד און

זילבער פון בית־המקדש. ער האָט געמוזט דינען אלס כהן־גדול פאר׳ן שונא, וועלכער האָט פארכאַפּט דעם בית־המקדש אין זיינע הענט און עס פארוואַנדעלט אין אן אבסאָלוטען טעמפּעל פאר׳ן געצענדינסט.

נאָר דאָס אַלעס איז נאָך ניט געווען דאָס ערגסטע וואָס אַנטיאָכוס האָט געטאָן. דער רשע האָט זיך פארלייגט מיט׳ן גאַנצען אימפּעט אויסצו־ראָטען איינמאָל פאר אַלע מאָל די אידישע רעליגיאָן, תורה, נאַציאָן און געדעכעניס. ער האָט באַלד ארויסגעגעבען אַ באַפעהל, אַז אַלע פאַריגע גזרות מוזען פון דאָס ניי אָפּגעפרישט ווערען און שטרענג אויסגעפיהרט ווערען.

די סיריש־גריכישע אָפיצערען און סאָלדאַטען האָבען אָנגעהויבען שלעפּען פרומע אידען, מענער און פרויען, און אפילו יונגע קינדער, צו פייערען די געצענדינסט יום־טובים מיט קרבנות פאַר די גריכישע אָפּגעטער אויפ׳ן נייעם מזבח אין דעם פארשוועכטען בית־המקדש. די גריכען האָבען געצוואונ־גען די פרומע אידען צו עסען די חזיר־פלייש, וועלכעס פלעגט פריהער געבראָטען ווערען אויפ׳ן מזבח. פארשטעהט זיך, אַז הונדערטע פרומע מענער און פרויען האָבען ארויסגעוויזען אַ גרויסען ווידערשטאַנד און די סאָלדאַטען האָבען זיי געטויטעט.

מענעלאָס זעלבסט, האָט שוין אויך ניט געקענט דולדען די שווידער־ליכע רשעות פון אנטיאָכוס׳ען, אָבער ער האָט זיך ניט געקענט העלפען. האָט ער דען ניט אַליין איבערגעגעבען צום טייוועל די מאַכט אין זיינע הענט?

אָבער דער קלימאַקס פון אַנטיאָכוס׳עס רשעות האָט דערגרייכט דאַן ווען אין אַ געוויסען טאָג האָבען זיינע אָפיצערען געבראַכט פאַר איהם אַ יונגע אידישע פרוי מיט אַ קליין קינד אויפ׳ן האַנט און האָבען איהם דערצעהלט אַז די פרוי האָט מיט עטליכע טעג צוריק געלאָזט מל זיין איהר קינד.

— הענגט איהר צוזאַמען מיט׳ן קינד! — האָט אַנטיאָכוס אַ געשריי געטאָן, און אין זלעבען טאָג איז דורכגעפיהרט געוואָרען דער דאָזיגער שוי־דערליכער מאָרד.

אזוי האָט די לאַגע אַנגעהאַלטען עטליכע וואָכען און אַנטיאָכוס האָט שוין גענומען זיך קלייבען אין וועג אריין צוריק נאָך אַנטיאָכיע. פּלוצלינג האָט מען געבראַכט פאר איהם אַ פרוי מיט איהרע זיבען קינדער, אין עלטער פון 10 ביז עטליכע און צוואַנציג יאָהר.

די אָפיצערען האָבען דערצעהלט אַז די פרוי, וועלכע הייסט חנה און וואוינט אין רמה נעבען ירושלים, האָט שטילע פאַרקעהרונגען מיט די חשמונאים רעוואָלוציאָנערען און אַז זי, ווי אויך איהרע קינדער, זיינען געפעהרליכע אַגיטאַטאָרס געגען דער סירישער מלוכה.

אַנטיאָכוס האָט געהייסען אַריינברייגגען חנה'ן צו איהם אין צימער. דער באַפעהל איז באַלד דורכגעפיהרט געוואָרען.

— וואָרום ביזטו א פאַררעטערין געגען מיר? — האָט אַנטיאָכוס אויסגעשריען.

— ווייל ניט נאָר ביזטו א פאַרשוועכער פון דעם הייליגען גאָט'ס תורה נאָר אויך אן אומדאַנקבארער טייוועל אין מענשען־געשטאַלט — האָט חנה אויסגעשריען ווי אַ צערייצטע טיגערין — מיין גאָטזעליגער מאַן איז אמאָל געווען אַ סאָלדאַט אין דעם אידישען לעגיאָן וועלכער איז געגאַנגען מיט דיין טאַטענ'ס ארמיי נאָך עגיפּטען צו העלפען איהם דעראָבערען אונזער לאַנד פון עגיפּטישען קעניג און דיין טאַטע „אַנטיאָכוס דער דריטער" האָט געוואונען די מלחמה, ווייל אונזערע איבערגעגעבענע אידישע סאָלדאַטען האָבען אזוי געוואָלט און זיי האָבען איהם געהאָלפען ווייל דיין טאַטע איז געווען אַ גוטער קעניג צו אונז. מיין מאַן איז צוריקגעקומען פון דער מלחמה אַ שווער פאַרוואונדעטער, אָהן אַ האַנט, און איך מיט מיינע זיבען קליינע קינדער האָבען זיך געגוג אַנגעפלאָגט אויף אַ לעבען צו מאַכען. איז דעמאָלסט האָסטו ניט נאָר ניט זינען געהאָט צו קומען צו הילף די אַלע פאַראומגליקטע פאַמיליעס, וועמענס מענער סאָלדאַטען האָבען געהאָלפען צו געווינען אונזער לאַנד פאַר דיין טאַטען, נאָר דו האָסט נאָך געשיקט ראַבירען אויך דאָס ביסעל הילף וואָס איך, און פילע אַנדערע אומגליקליכע פאַמיליעס, פלעגען באַקומען פון דעם צדקה־פאָנד פון בית־המקדש.

— אויסער דעם האָט דער מתיון רשע ליסימאָכוס זיך דערלויבט צו טויטען מיין אומגליקליכען מאַן גאָר אָהן אַ פאַרוואָס און דו, רשע! האָסט נאָך געוואָגט אָנצושטעלען ליסימאָכוסעס ברודער, דעם מתיון מענעלאָס, אלס כהן־גדול אין בית־המקדש. און ווען ליסימאָכוס איז דער'הרג'עט געוואָרען, אויס ראַכע פאַר'ן אומשולדיגען טויט פון אונזער באַליבטען כהן־גדול חוניו דער דריטער, וואָס מענעלאָס האָט איהם דער'הרג'עט אין אַנטיאָכיע, דאַן האָסטו נאָך דערלויבט אז דיינע היגע סאָלדאַטען זאָלען דערפאַר אויסשלאָכטען צעהנדליגע אומשולדיגע פרומע אידען.

די גאַנצע צייט וואָס חנה האָט גערעדט מיט א שוים אויף איהרע ליפּען האָט אנטיאָכוס ניט פאַרפעהלט צו הערען קיין איינציגען וואָרט. ער האָט שוין איינגעזעהען אז די דאָזיגע חנה איז אַ געפעהרליכע קעמפערין פאַר'ן אידישען פאָלק. אַ העלישער פייער האָט זיך אָנגעצונדען אין אַנטיאָכוס'עס האַרץ. אויף אַזאַ חוצפה פון אַ אידישע פרוי האָט ער זיך גאָרניט געריכט.

— דו פאַרדינסט דעם טויט פאַר דיינע רייד געגען מיר! — האָט

אַנטיאָכוס אויסגעשריען מיט רוגזה און האָט באלד צוגעגעבען — איין זאַך קען דיר ראַטעווען פון טויט, אויב דו און דיינע זיבען קינדער וועלען גלייך אויפ׳ן אָרט, און פאר מיינע אויגען, אָננעהמען דעם גריכישען גלויבען, דאַן וועל איך דיר אָפצאָהלען מיט פיעל גוטעס פאר דיינע ביז אַהעריגע צרות.

— פון דיר גוטעס? — האָט חנה צוריקגעשריהען מיט אַ ביטערען געלעכטער! — אָה! ניין! שוין בעסער צו באַקומען פון דיר צרות, וועלכע זיינען אַ טייל פון דיין פארפעסטעטע נשמה, איידער גוטעס וועלכעס דו אליין ווייסט ניט דעם אינהאַלט פון אַזאַ וואָרט.

— אָבער ערגער ווי דער טויט קען דאָך שוין ניט זיין — האָט אַנטיאָכוס צוריקגעזאָגט — אויב איך וועל דיר טויטען וועסטו דאָך געוויס פארלירען יעדע האָפנונג אויף גוטעס.

— מיין טויט פון די הענט פון אַזאַ רשע, ווי דו ביזט, וועט זיין פאר מיר א שמחה, ווייל דאדורך וועל איך זוכה זיין צו אַ גלאָררייכען גייסטיגען לעבען אויף יענער וועלט — האָט חנה געענטפערט.

אַנטיאָכוס האָט זיך צעלאַכט און האָט אַ זאָג געטאָן:

— ווער האָט עס דיר דערצעהלט פון אַ יענער וועלט? דו גרויסער נאר!

— ווייל ווען עס וואָלט ניט געווען אַ יענע וועלט מיט א נשמה׳דיגען אייביגען לעבען, וואָלט ניט געקענט עקזיסטירען קיין ערדישער לעבען מיט אַ טויט דאָ אויף דיזער וועלט וועלכע איז אין אמת׳ען בלויז אַ דורכגאַנגס פלאַץ פאר דער נשמה צו איהר אייביגען רוה־פלאַץ נאָכ׳ן טויט.

— הייסט עס אז דו וועסט נאָך פּראָפּיטירען פון דעם טויט... — האָט אנטיאָכוס זיך צעלאכט.

— אויב דו וועסט מיר טויטען וועט מיין בלוט פאלען אויף דיין קאָפּ און איך וועל שטאַרבען אויף "קדוש השם" — האָט חנה געענטפערט.

— און וועגען דיינע זיבען קינדער טראַכסטו גאָרניט? — האָט אַנטיאָכוס א פרעג געטאָן.

איך בין זיכער אז מיינע זיבען פרומע קינדער וועלען אויך בעסער אויסקלייבען א הייליגען אידישען מאַרטירער טויט איידער א העסליכען שמוציגען גריכישען לעבען — האָט חנה שנעל געענטפערט.

— אָט ווען מיר באַלד זעהן — האָט אַנטיאָכוס א זאָג געטאָן און האָט געהייסען אריינפיהרען חנה׳ס עלטסטען זוהן, א בחור פון עטליכע און צוואַנציג יאָהר.

— ווייסטו אז דיין מאמע איז משוגע געוואָרען און זי דענקט אז דו

באַדאַרפסט גיכער שטאַרבען איידער לעבען אלס א געטרייער גריכישער גע־נעראל ? — האָט אנטיאָכוס א זאָג געטאָן צום זוהן אזוי שנעל ווי מען האָט איהם אריינגעפיהרט פאר איהם.

— אויב ביי אזאַ טיראַנישען קעניג, ווי דו ביזט, איז מיין מוטערס פאַרלאַנג פאַררעכענט פאר א משוגעת, איז עס אָבער ביי אונז אידען פאר־רעכענט פאר א גייסטיגע קלאַרקייט — האָט דער זוהן שנעל געענטפערט מיט שטאָלץ און צוגעוואָרפען א ליבליכען שמייכעל צו זיין מוטער וועלכע איז גע־שטאַנען אָן א זייט אונטער אַ וואַך פון עטליכע סאָלדאַטען.

— פיהרט איהם ארויס פון דאַנען ! — האָט אַנטיאָכוס א געשריי געטאָן — ער האָט שוין פארדינט דעם טויט מיט זיין חוצפה׳דיגען ענטפער.

גלייך נאָכדעם האָט אנטיאָכוס געהייסען אריינברענגען דעם צווייטען זוהן און ער האָט א זאָג געטאָן צו איהם.

— עס איז באשלאָסען געוואָרען אז אזוי שנעל ווי דו וועסט אָננעמען דעם גריכישען גלויבען, וועל איך דיר מיטנעמען נאָך אַנטיוכיע און טאָן מיט דיר פיעל גוטעס ווייל דו געפעהלסט מיר פאר א בראַוועז יונגערמאַן...

— אויב איך בין ווירקליך א בראַוועז יונגערמאַן, וועלכער באדארף געפעהלען ווערען, דאַן האָף איך אז איך וועל געפינען חן אין די אויגען פון גאָט פון ישראל וועלכער קען טאָן מיט מיר פיעל מעהר גוטעס איידער אזא שטערבליכער רשע ווי דו קען טאָן מיט מיר — האָט דער צווייטער זוהן געענטפערט.

— א טויט אויף איהם ! — האָט אַנטיאָכוס אויסגעשריען — פיהרט איהם ארויס !

גלייך נאָכדעם האָט מען, אויף דעם קעניגס באפעהל, אריינגעבראַכט די אַנדערע פינף קינדער פון חנה׳ן און אַנטיאָכוס האָט פּרובירט פועלן ביי זיי, מיט גוטען און מיט בייזען, אז זיי זאָלען נאָכגעבען און זיך שמד׳ן, אויב ניט, וועט ער זיי אלעמען טויטען. אָבער אלע ברידער האָבען געענטפערט אזעלכע טראָציג־שפּאָטישע ענטפערס פון וועלכע אַנטיאָכוס איז געוואָרען שרעקליך דערצאָרענט און ער האָט באפוילען אלעמען ארויסצופיהרען פון זיין אויפנאַמצימער אויסער דעם קלענסטען, דעם צעהן יאָהריגען קינד אויף וועמען דער רשע האָט באַקומען עטוואָס מיטלייד.

קום צו נעהענטער צו מיר — האָט אַנטיאָכוס צוגערופען דעם צעהן יעהריגען אינגעל צו זיך — דו דאַרפסט קיין מורא ניט האָבען. איך וועל דיר ניט טאָן קיין שלעכטעס.

— מיין רבי האָט געלערענט מיט מיר דעם פסוק פון דער תורה וואו

עס שטעהט אז משה רבנו האָט אָנגעזאָגט די אידען, אז זיי זאָלען ניט צוקומען נאָהענט צו די געצעלטען פון די אידישע רשעים דתן ואבירם וועלכע האָבען געהאָלפען קורח׳ן אין זיין בייזוויליגען קריג געגען משה׳ן. דערפון איז געדרונגען אַז אַ פרומער איד טאָר ניט שטעהן אין די פיער איילען פון אַ רשע און דעריבער קען איך ניט צוגעהן נעהענטער צו דיר...

אַנטיאָכוס איז געוואָרען שטאַרק צוטומעלט פון דעם קינדס ענטפער און ער האָט א פרעג געטאָן:

— זאָג מיר, פון וואַנען קענסטו אזוי גוט די גריכישע שפּראַך.

— ווייל מיין פאָטער, וועלכער איז געוועזן אמאָל א סאָלדאָט אין דער סיריש־גריכישער ארמיי, האָט גוט געקענט גריכיש און ער האָט מיר געלערענט.

— און אויב דו וועסט פאָהרען מיט דיין מאַמען נאָך אַנטיאָכיע און דו וועסט זעהן די שעהנע שטאָדט און האָבען פיעלע פאַרגעניגענס וועסטו דאָר־טען זיך אויסלערנען נאָך מעהר די גריכישע שפּראַך און דו וועסט ווערען אַ געלערענטער מאַן און געניסען פיעל גוטעס.

— ניט מיין מאַמע וויל פאָהרען נאָך אַנטיאָכיע און ניט איך וויל פאָהרען

— האָט דאָס קינד געענטפערט — מיר זיינען צופרידען צו פארבלייבען אין ירושלים ווייל מיר זיינען אידען און ארץ ישראל איז אונזער לאַנד.

— דו ביזט דאָך אָבער אזוי אָרעם — האָט אנטיאָכוס פּרובירט ווידער פרעגען — זעה ווי מאָגער דו ביזט, הויט און ביינער, וואָלסטו דען ניט וועלען האָבען בעסערע שפּייז און א פריילעכערע היים מיט פיעל פאַרגעניגענס.

— בעסערע שפייז איז געוויס גוט, אָבער עס ווענדעט זיך דורך וועלכע מיטלען מען באַקומט די בעסערע שפייז — האָט דאָס קינד גע־ענטפערט.

אַנטיאָכוס איז געבליבען זיצען א געפּלעפּטער. אזא שנעלען, פול באַדייטענדען, ענטפער פון אַ יונגען קינד האָט ער נאָך קיינמאָל ניט גע־הערט. ער האָט גלייך אַ פרעג געטאָן:

ווי וואָלט זיין ווען איך וואָלט וועלען טאָן מיט דיר פיעל גוטעס אזוי שנעל ווי דו זאָלסט נאָר בלויז איינמאָל זיך בוקען פאר׳ן גרויסען גאָט צעאוס?

— אין דער אידישער תורה שטעהט געשריבען אז אַ איד טאָר זיך ניט בוקען צו קיין אָפּגאָט — האָט דאָס צעהן יאָהריגעס קינד געענטפערט.

— אָבער איך, אלס קעניג, הייס דיר טאָן אזוי — האָט אַנטיאָכוס פּרובירט איבערשרעקען דעם קינד.

— געצענדינסט איז אַ גרויסע זינד און קיינער קען מיר ניט צווינגען דערצו — האָט דאָס קינד געענטפערט.

—אויב דו וועסט מיר ניט פאָלגען וועל איך הייסען דיך טויטען? — האָט אַנטיאָכוס אַ געשריי געטאָן.

— אויב מיין מאַמע וועט מיר הייסען דיר פאָלגען, וועל איך טאָן אזוי — האָט דאָס קינד ארויסגעמורמעלט מיט גרויס שרעק.

אַנטיאָכוס האָט א וואונק געטאָן צו אייניגע פון די אָפיצערען, אז מען זאָל אריינברייננגען חנה׳ן, די מוטער פון קינד.

אזוי שנעל ווי מען האָט אַריינגעבראַכט חנה׳ן האָט אַנטיאָכוס אויסגע־רופען:

— זאָלסט וויסען, דו ווידערשפעניגע פרוי, אַז דיין איגגסטער זוהן איז וויליג צו פאָלגען מיין פאַרלאַנג ווייל ער וויל בלייבען לעבען, נאָר ער וויל פריהער הערען פון דיר אז דו ערלויבסט איהם זיך צו בוקען פאר׳ן גאָט צעאוס.

חנה האָט צוגעוואָרפען אַ מיטליידענדען בליק צו איהר קינד און זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— אויב דער קעניג וועט מיר ערלויבען צו רעדען מיט מיין קינד אונטער פיער אויגען וועל איך פיליכט איהם קענען באַוועגען דיר צו פאָלגען . . .

— דו בעסער זאָג איהם שוין אז ער זאָל מיר פאָלגען. דו דאַרפסט ניט רעדען מיט איהם אונטער פיער אויגען — האָט דער קעניג אויסגערופען מיט צאָרן.

חנה האָט זיך אַ קעהר געטאָן צו איהר קינד און האָט א זאָג געטאָן:

— קינד מיינס! איך בין זעהר אַנטוישט אין דיר אז דו זאָלסט גאָר האָבען אַ צווייפעל אז איך וועל דיר דערלויבען צו באַגעהן אזא גרויסע זינד פון געצענדינסט.

— מאַמע! איך האָב ניט געמיינט דאָס וואָס דו דענקסט וועגען מיר — האָט דאָס קינד אויסגערופען מיט אַ געוויין — איך האָב נאָר געוואָלט אז מען זאָל מיר דערווייל ארויסלאָזען פון דאַנען און מיר וועלען קענען אַנטלויפען . . .

אַנטיאָכוס מיט זיינע אָפיצערען האָבען זיך צעלאַכט אויפ׳ן קינדס רייד, און חנה האָט דערווייל גערעדט צו איהר קינד:

— ניין, מיין זוהן! מיר קענען ניט אַנטלויפען פון די הענט פון די דאָזיגע רשעים, ווייל אונזער גאָט וויל אזוי. האַלט זיך פעסט ביי דיין גלויבען פונקט אזוי ווי דיינע זעקס ברידער.

— אָט וועסטו זעהן וואָס מיט דיינע קינדער וועט געשעהן! —

האָט אַנטיאָכוס אויסגערופען מיט צאָרן — איך זעה שוין אַז אַנשטאָט צו ראַטעווען דיין לעצטען איינגסטען קינד ביזטו נאָך־אַלץ מעהר איינגעשפּאַרט אין דיין נאַרישען קאָפּ. אויב אזוי וועל איך דיר ווייזען וואָס איך וועל טאָן מיט דיינע ווידערשפּעניגע קינדער.

אַנטיאָכוס האָט שטילערהייט זיך דורכגעשמועסט מיט זיין הויפּט אָפיצער און נאָכדעם האָט מען אַרויסגעפיהרט חנה'ן מיט איהר קליין קינד.

די יונגע קינדער זיינען געפּייניגט געוואָרען מיט די שוידערליכסטע שטראָפען. מען האָט אָפּגעהאַקט זייערע פיס און הענט, ארויסגעריסען די צינגער פון די מיילער, אויסגעשטאָכען די אויגען, זיי געהאַלטען אויף הייסע פייערפאַנען, אָבער יעדער פון די זיבען קדושים האָט אויסגעהויכט זיין אָטעם מיטן באַוואוסטזיין אז ער שטאַרבט „על קדוש השם". אויך די מוטער חנה איז אומגעקומען מיט אַ שוידערליכען טויט. מען האָט איהר פריהער זעהר פיעל געפּייניגט און דאן האָט מען איהר געהאַנגען אויף די האָר פון קאָפּ און אין פאַרלויף פון צוויי טעג נאָכאַנאַנד איז זי געהאַנגען אין איהר גסיסה צושטאַנד אָהן אַ טראָפּען וואַסער אין מויל, ביז וואַנען די גרויזאַמע גריכען האָבען איהר צוריק אַראָפּגענומען פון דער תליה און איהר אָפּגעמינטערט מיט אַ ביסעל שפּייז אום צו קענען נאָכדעם ווידער אָנהויבען איהר צו פּייניגען.

אָבער חנה האָט שוין מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען די שרעקליכע יסורים, און אין איהר גרויסער פאַרצווייפלונג האָט זי זיך ארויסגעריסען פון די גריכישע הענט און איז שנעל ארויפגעלאָפען אויף אַ דערבייאיגען הויכען דאַך פון אַ הויז און, אויסרופענדיג דעם פסוק פון „אם הבנים שמחה", האָט זי זיך אַראָפּגעוואָרפען פון דעם דאַך און זי איז מאָמענטאַליש געבליבען ליגען טויט.

אַ האַלב יאָהר איז פאַריבער זייט דער רשע קעניג אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס האָט געמאַכט זיין שוידערליכען איבערפאַל איבער די אידען אין ארץ ישראל. ער האָט דעמאָלט אומגעבראַכט טויזענטער אידען דורכן שווערד.

זייט דעמאָלסט האָט אַנטיאָכוס אָנגעוואָרפען גרויס שרעק אויף די אידען. יעדערער האָט געפיהלט אַז אָט אָט און די גריכישע טיראַנען וועלן איהם אומברענגען. קיינע אורזאַכען פאַר אַן אַרעסט האָבען די סאָלדאַטען נישט באַדאַרפט אָנגעבען. עס איז געווען גענוג בלויז דער מינדעסטער פאַרדאַכט אויף אימיצען אז ער היט אָפּ שטילערהייט די אידישע תורה.

פאַרשטעהט זיך, אז אין אזא קאַטאַסטראָפאַלען צושטאַנד האָבען פיעלע אידען פון יונגען דור, וועלכע האָבען זיך נאָך געהאַלטען געטריי צו

דער אידישער אמונה ביז דאַן, זיך אָפּגעריסען פון זייער טראַדיציאָנאַלען גלויבען און זיי זיינען אַריבער צו די מתיונים. דער טויט איז געשטאַנען פאַר אַלעמענס אויגען. די גריכען פון איין זייט און די מתיונים פון דער צווייטער זייט האָבען געפּאַנגען גענוג אידישע נשמות צום שמד.

אַזוי האָט אָנגעהאַלטען די לאַגע ביז אַ האַלב יאָהר נאָכדעם ווי אַנטיאָכוס עפּיפאַנוס האָט זיך צוריק אומגעקעהרט נאָך אַנטיוכיע. קיינער האָט ניט געגלויבט אז עס וועט אַמאָל געשעהן עפּעס א נס. עס איז געווען אַ צייט פון שטאַרקסטען פעסימיזם ביי די אידען.

און אַלס א צוגאָב צו דער טרויעריגער לאַגע אין ארץ ישראל איז אויך אָנגעקומען די נייעס אז אַנטיאָכוס עפּיפאנוס האָט געטויטעט דעם געטליכען מאַן אלעזר הצדיק וועמען מען האָט געהאַלטען געפאַנגען אין אַנטיוכיע זייט עטליכע יאָהר צוריק ווען אַנטיאָכוס האָט געמאַכט זיין ערשטען איבערפאַל איבער ירושלים ווען ער איז געקומען צוריק פון זיין ערשטער מלחמה מיט עגיפּטען.

אלעזר הצדיק איז שוין געווען זעהר אַלט און אַנטיאָכוס האָט געוואָלט נישט אַנדערש נאָר אַז ער, דער גרייז גרויער אידישער צדיק, זאָל דינען אַלס אביישפּיל פון שמד צום גאַנצען אידישען פאָלק.

אַנטיאָכוס האָט פאַרלאַנגט פון אלעזר הצדיק זיך צו שמד׳ען און פאַרשטעהט זיך אַז וויפיעל אַנטיאָכוס מיט זיינע מיניסטאָרען האָבען נישט פּרובירט צו ווירקען אויף אלעזר׳ן, האָט עס אָבער קיין ווירקונג נישט געמאַכט. אלעזר איז געבליבען פעסט אין זיין אמונה און דעריבער האָט אַנטיאָכוס באַפוילען און מען האָט איהם געטויטעט.

ווען די ידיעה האָט דערגרייכט צו די אידען אין ארץ ישראל האָט אויסגעבראָכען א גרויסער טרויער. אלעזר הצדיק איז געווען זעהר שטאַרק באַליבט ביי אַלעמען און דעריבער האָבען פיעלע יונגע מתיונים זיך גע־נומען אָפּרייסען פון זייערע פיהרערס און האָבען זיך איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען צו דעם נייען שטילען אָרגאַניזירטען „גדוד המכבים״ אונטער דער קאָמאַנדע פון יהודה החשמונאי.

## קאַפּיטעל 28

# צפניה און רוחמה פירן דורך אַ געניאַלן פּלאַן

אין אַ קליין הייזקע אין אַ שטילער געסעל אין אַנטיוכיע זיינען געזעסען צפניה און רוחמה און האָבען געפיהרט אַ שמועס צווישען זיך:

— וואָס וועט זיין די ענדע? — האָט צפניה אַ פרעג געטאָן — מיר געפינען זיך שוין דאָ עטליכע מאָנאַטען און פאַרלויפיג האָבען מיר נאָך גאָרנישט אויפגעטאָן.

— מען טאָר ניט כאַפּען — האָט רוחמה געענטפערט — מיר איז פיעל ערגער פאר דיר און פונדעסטוועגען האָב איך יאָ געדולד צו וואַרטען.

— אָבער ביז ווען וועלען מיר דאָ זיצען? אַט האָב איך היינט געהאַט דאָ אַ גאַסט, ער איז ספּעציעל געשיקט געוואָרען אַהער אום אויסצוגעפינען ביי וואָס מיר האַלטען דאָ.

ווער איז ער, דער גאַסט? — האָט רוחמה געוואָלט וויסען.

— וואָס הייסט ווער? מנחם איז געשיקט געוואָרען אַהער. אונזער באַלעבאָס מתתיהו האָט עס איהם געשיקט אום איבערצונעמען פון אונז וועלכע עס איז וויכטיגע נייעס.

— אַזוי גאָר? — האָט רוחמה געענטפערט און האָט גלייך צוגעגעבען — ווייזט אויס אַז אונזער באַלעבאָס איז זעהר דרינגלעך צו וויסען פון אונז.

— רוחמה? — דו מוזט עפּעס טאָן — האָט צפניה אַ זאָג געטאָן.

— צפניה! דו מוזט אויך עפּעס טאָן. — האָט רוחמה געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

— וואָס קען איך טאָן, אז פאַרלויפיג האָב איך נאָך נישט געהאַט קיין געלעגענהייט צוצוקומען צום גענעראַל גאָרגיאַס — האָט צפניה אָפּ־געזיפצט.

— און וואָס האָב איך געקענט אויפטאָן אז פאַרלויפיג האָט נאָך מיין גיפט נישט געמאַכט די געהעריגעווירקונג אויפן רשע — האָט רוחמה צוריק געענטפערט.

— ווען איך וואָלט געווען אויף דיין פּלאַץ וואָלט איך מיט אַמאָל אַריינגעטאָן אַ גרויסע פּאָרציע גיפט אין זיין וויין און א סוף זאָל עס נעמען — האָט צפניה געענטפערט.

— און וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען דער רשע פארזוכט דעם שטאַרק פארגיפטעטען וויין און וויל מעהר נישט טרינקען פון דעם? . . . וואָס, אַ שטייגער דענקסטו, וואָלט דעמאָלט פּאַסירט?

צפניה האָט אָפּגעזיפצט און ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען. ער זעהט דאָך טאַקע אז זיין געליבטע רוחמה האָט רעכט. אויב זי זאָל אריינ־טאָן צופיעל פון דעם גיפט אין דעם בעכער וויין פון דעם קעניג, צו וועמען זי האָט באַקומען צוטריט מיט איהר כלומר'שטער ליבע צו איהם, דאַן

וועט ער, ניט נאָר זיך גלייך כאַפּען אַז מען וויל איהם פאַרגיפטען נאָר ער וועט אויך, שנעל אויסגעפינען אַז רוחמה איז גאָר אין דער אמת'ן אַ שפּיאָן און דאַן וועט ער איהר לאָזען טויטען און פון זייערעביידענס פּלענער וועט גאָרנישט ווערען.

— איך קאָן אָבער פאָרט נישט פאַרשטעהן, וואָרום דער גיפט ווירקט נישט אויף איהם? — האָט צפניה ווידער געפרעגט.

— דאָס גראַדע איז ניט ווי דו מיינסט — האָט רוחמה געענטפערט — דער גיפט האָט שוין יאָ געמאַכט אַ ווירקונג אויף איהם, נאָר ניט אויף אזוי פיעל אַז ער זאָל פאַלען טויט. איך באַמערק שוין אויף איהם די סימנים פון קראַנקהייט. ער לאָזט זיך באַהאַנדלען פון רופאים אָבער קיינער פון זיי ווייס ניט וואָס מיט איהם איז געשעהן. ער האַלט אין איין שרייען אַז ער ליידעט פון בויך וועהטאָג, פון קאָפּ־וועהטאָג און אַז דאָס האַרץ ווערט איהם וואָס אַמאָל שוואַכער און שוואַכער. ווייזט אויס אַז מיין גיפט ווירקט שוין גאָר גוט אויף איהם, נאָר ניט מיט אַ שנעלען טויט.

— איך וועל דיר זאָגען דעם אמת — האָט צפניה באַמערקט — מיר דוכט זיך, אַז אַזאַ לאַנגזאַמער טויט איז נאָך פיעל בעסער פאַר דעם רשע. ער האָט פאַרדינט אַז שטיקער זאָלען פאַלען פון זיין קערפּער פאַר די אַלע רציחות וואָס ער איז באַגאַנגען געגען אונזער פאָלק. זאָל ער זיך גוט אָנפּלאָגען און אָנליידען יסורים איידער ער שטאַרבט.

— טאָ פאַרוואָס זשע האָסטו טענות צו מיר, וואָרום איך מאַך איהם ניט פאַרטיג מיט אַמאָל? — האָט רוחמה געפרעגט.

— עס איז מיר נישט גוט אויפ'ן האַרצען, דעריבער רעד איך אזוי — האָט צפניה געענטפערט.

— אייגענטליך האָסטו אויך ניט אויף וואָס זיך צו באַקלאָגען — האָט רוחמה גענומען טרייסטען איהר געליבטען — פאַרגעס נישט וואָס דו האָסט שוין אויפגעטאָן דורך דער צייט זייט מיר ביידע זיינען אַוועק פון דער חשמונאים הויז; דאָס ערשטע האָסטו געטויטעט דעם אָפּיצער קרעטאָס פונקט דעמאָלט ווען ער האָט זיך געריכט אז איך וועל איהם צופרידענשטעלען אין זיין בעסטיאַלישער תאווה . . . נאָכדעם האָסטו געטויטעט די צוויי גריכישע סאָלדאַטען וועלכע זיינען באַפאַלען אַ יונגע אידישע מיידעל אין דעם דאָרף נעבען יריחו און צום סוף האָסטו אָפּגעטאָן אַ גאָר גרויסע ארבייט ווען דו האָסט זיך דערוואוסט וואוהין דער משומד יאזאָן איז אַנטלאָפען, נאָכדעם ווי מענעלאָס האָט זיך צוריק אומגעקעהרט צום בית המקדש

ווען אַנטיאָכוס מיט זיין ארמיי זיינען מיט אַ האַלב יאָהר צוריק באַפאַלען ירושלים.

— יאָ מיט יאזאָנען האָב איך געהאַט אַ שווערע שטיקעל אַרבייט — האָט צפניה צוגעגעבען — ער האָט זיך ארויסגעגליטשט פון מיינע הענט צוויי מאָל, אָבער צום סוף האָב איך איהם געכאַפּט.

— ווי אזוי האָסטו טאַקע געקענט איהם כאַפּען צום דריטען מאָל? — האָט רוחמה געוואָלט הערען די געשיכטע נאָך אַמאָל מיט אַלע איינצעל־הייטען . . .

— דו ווייסט דאָך — האָט צפניה אָנגעהויבען צו דערצעהלען — אַז ווען מיר האָבען איהם געפונען צום ערשטען מאָל אין יריחו, האָט ער זיך אַרויסגעדרעהט פון מיינע הענט ווייל ער האָט מיך דערקענט אלס א איד. נו, האָב איך איהם נאכגעשפּיאָנירט ביז׳ן באַרג כרמל און דאָרטען האָט ער מיך ווידער דערקענט און ער האָט געמאַכט פליטה איבער דעם „עמק יזרעאל״, און אריבערגעהענדיג דעם ירדן, איז ער אַנטלאָפען נאָך . . . טרעף וואוהין!

— וואוהין? — האָט רוחמה געוואָלט וויסען וואָס שנעלער.

— גלייך צום טיגער אין מויל אריין — האָט צפניה זיך צעלאַכט.

רוחמה האָט אָבער נאָכאַלץ ניט געוואוסט וואוהין? אָבער זי האָט אָפּגעוואַרט צו הערען צפניה׳ס געשיכטע אָהן צו שטעלען פראַגען.

— יאזאָן איז אריינגעפאַלען אין דעם ריכטיגען נעץ — האָט צפניה נאָכאַלץ זיך געהאַלטען פארביידע זייטען פון גרויס געלעכטער — ער איז אַנטלאָפען צו דעם שעהנעם און רייכען פאלאץ פון הירקאַנוס׳ן.

— וועלכער הירקאַנוס — האָט רוחמה געפרעגט.

— האָסטו דען קיינמאָל ניט געהערט די געשיכטע ביי די חשמונאים צו הויז? — האָט צפניה זיך געוואונדערט.

— עפּעס קלינגט מיר דער נאָמען זעהר באַקאַנט אָבער איך געדענק שוין ניט גענוי — האָט רוחמה צוגעגעבען.

— האָסטו דען ניט געהערט פון דעם אמאָליגען יוסף־בן־טוביה, דער רייכער שטייערען־זאַמלער פון אונזער פאָלק פארן עגיפּטישען קעניג? ווער געדענקט עס נישט די געשיכטע? אָט דער דאָזיגער רייכער איד יוסף־בן־טוביה איז געוועזן אַן אָנקעל פון דעם כהן גדול חוניו און אזוי ווי ער האָט זיך געהאַט פאַרליבט אין אַן עגיפּטישע טענצערין און עס האָט שוין געהאַלטען נאָהענט דערביי אז ער זאָל חתונה האָבען מיט איהר, האָט זיינער אַן עלטערער ברודער זיך מישב געוועזן און איהם אונטערגעשיקט זיין טאָכטער פאר־שטעלטערהייט און ווען יוסף האָט געשטילט זיין ערשטע תאווה מיט זיין

געליבטער, מיינענדיג אַז דאָס איז זי די עגיפּטישע טענצערין, האָט ער ערשט דאַן אויסגעפונען אַז דאָס איז גאָר געווען זיין ברודער׳ס טאָכטער. פאַרשטעהט זיך אַז יוסף איז געוואָרען שטאַרק געריהרט פון זיין ברודער׳ס גוטפריינדשאַפט צו איהם דורך דעם וואָס ער האָט געאָפּפערט זיין אייגענע טאָכטער פאַר׳ן וואוילזיין פון איהם, יוסף׳ן, אַז ער זאָל ניט ווערען בלאַמירט פאַר זיין אומאָראַלישען אַקט מיט דער עגיפּטישער טענצערין. יוסף האָט גלייך גע־הייראַט מיט זיין ברודער׳ס טאָכטער וועלכע איז ווירקליך געווען א גרויסע פאַרשוין און זי האָט איהם געבאָרען א זוהן וועמען ער האָט אַ נאָמען געגעבען הירקאַנוס.

— אַ, איצט הויב איך שוין אָן זיך צו דערמאָנען די גאַנצע געשיכטע — האָט רוחמה אויסגערופען — דאָס איז דער זעלבער הירקאַנוס, וועלכער האָט גע׳ירשנ׳ט דאָס גרויסע פאַרמעגען פון זיין פאָטער.

— יאָ! דאָס איז ער — האָט צפניה צוגעגעבען — יוסף־בן־טוביה האָט געהאַט נאָך עטליכע עלטערע זיהן פון זיינע צוויי פריהערדיגע פרויען אָבער פאַר׳ן טויט האָט ער אָפּגעשריבען זיין גאַנצען פאַרמעגען צום אינגס־טען זוהן הירקאַנוס, וועמען ער האָט געליבט מעהר פון יענע זיהן. אַזוי לאַנג אָבער ווי יענע עלטערע זיהן האָבען געשוויגען, האָט הירקאַנוס פאַר־ברויכט פילע געלטער פון זיין ירושה פאַר צדקה־זאַכען צווישען די אידען, אָבער ווען זיינע ברידער האָבען זיך אָפּגע׳שמד׳ט אַלס מתיונים און האָבען אָנגעהויבען סטראַשען זייער אינגסטען פרומען ברודער הירקאַנוס׳ן אַז אויב ער וועט זיי ניט אָפּגעבען כאָטש אַ העלפט פון זיין גרויסער ירושה וועלען זיי איהם טויטען, דאַן האָט הירקאַנוס איבערגעגעבען זיין גרויסען פאַרמעגען צום כהן גדול חוניו, וועלכער האָט עס געהאַלטען פאַר איהם אין דעם אוצר פון בית המקדש, און הירקאַנוס זעלבסט האָט נעבאַך געמוזט אַנטלויפען פון ירושלים. ער איז אריבער דעם ירדן און האָט זיך באַזעצט אין דעם קליינעם פּאַלאַץ וואָס איז איהם נאָך פאַרבליבען פון זיין ירושה.

— הייסט עס אַז יאָזאָן האָט פאַרבלאָנדזשעט צו הירקאַנוס׳עס אין פּאַלאַץ — האָט רוחמה א פרעג געטאָן מיט אַ געלעכטער.

— יאָ! — האָט צפניה געענטפערט — יאָזאָן האָט גאַרניט געוואוסט אַז דאָס איז הירקאַנוס׳עס וואוינונגס־פּאַלאַץ און אַזוי שנעל ווי ער איז אָנגעקומען אַהין האָט ער זיך פאָרגעשטעלט אַלס א רייכער סוחר פון דרום אראַביע. אָבער דער אַלטער הירקאַנוס האָט איהם דערקענט לויט די סימנים וואָס ער האָט געהאַט וועגען איהם פון זיינע פאַרבינדעטע גוטע פריינט, די חשמונאים, און ווען איך בין אָנגעקומען אַהין שפּעט ביינאַכט און זיך נאָכגע־

פרעגט אויף מיין, צום צווייטען־מאָל, אַנטלאָפענעם יאזאַנ׳ען, האָט מיר דער אַלטער הירקאָנוס ניט געוואָלט אויסזאָגען גליַיך אַז ער איז ביי איהם צו הויז. ערשט דעמאָלסט ווען איך האָב איהם איבערציַיגט אַז איך בין אייגער פון די דינער פון דער חשמונאים פאַמיליע, דאַן האָט הירקאָנוס אויסגערופען מיט פרייד:

— דער גאָט פון ישראל האָט דיר געשיקט צו מיר אין דער ריכטיגער צייט! זאָלסט וויסען, אַז דער דאָזיגער יאַזאָן האָט פארדינט דעם טויט שוין לאנג צוריק. ער האָט „געצאַפּט דאָס בלוט" פון זיין עלטערען ברודער דעם כהן־גדול חוניו דער דריטער. ער האָט אָפּגע׳שמד׳ט טויזענטער אידישע יונגעלייט. ער האָט געהאָלפען די גריכען אויסראַבירען די אוצרות פון בית־המקדש. ער איז געוועזן אַ שפּיאָן ביי דער גריכיש־סירישער מלוכה און פאַר־ראַטען אונזער פאָלק, און איצט, אַז דער מתיון מענעלאָס האָט איהם צום צווייטען מאָל פארטריבען פון זיין כהונה־גדולה אמט איז ער עס געקומען אַהער פארשטעלטערהייט אלס אַן אראבישער סוחר. ער דערקענט מיך ניט ווייל עס זיינען שוין מעהר ווי פוצעהן יאָהר זייט איך בין אַנטלאָפען פון ירושלים צוליב מיינע ברידער.

— פאַשטעהט זיך אז איך האָב ניט געוואָלט פארלירען קיין צייט און נאָך אין דער זעלבער נאַכט ווען יאזאָן, דער אזוי גערופענער אראבישער סוחר, איז שוין געשלאָפען גאַנץ געשמאַק אין דעם פּאַלאַץ, בין איך אַהין אריינגעפיהרט געוואָרען אין דער באַגלייטונג פון הירקאָנוס׳ען מיט נאָך צוויי פון זיינע באַדינטע און איך האָב אויפגעוועקט דעם „געהויבענעם" סוחר און אַ זאָג געטאָן צו איהם אין דער אראבישער שפּראַך:

— וואָס מאַכסטו מיין פריינט? . . .

יאזאָן האָט אויסגעגלאָצט א פּאָר ווילדע אויגען. עטליכע סעקונדען האָט ער מיך גוט באַטראַכט און דאַן האָט ער אַ זאָג געטאָן צו הירקאָנוס׳ען:

— איך קען ניט דעם דאָזיגען מאַן וועלכער רופט מיך אָן אַלס זיין פריינט . . .

— אויב אזוי ביזטו ניט קיין אראבישער סוחר — האָט הירקאָנוס געענטפערט — ווייל דער דאָזיגער מאַן איז אַן עכטער אראבער און ער קען אַלע אראבישע סוחרים . . .

יאזאָן האָט מיר נאָכאַמאָל גוט באַטראַכט און מיטאַמאָל האָט ער אויס־געשריען:

— אָה! מען האָט מיך פארראַטען! וואו בין איך דאָ אַריינגעפאַלען?

— דו ביזט אַריינגעפאַלען אין די ריכטיגע הענט . . . — האָט הירקאָנוס

אָפּגעענטפערט מיט אַ ביטערען שמייכעל און ער האָט גלייך א וואונק געטאָן צו זיינע צוויי דינער, אַז זיי זאָלען אַ נעהם טאָן יאזאָנען און איהם ארויספיהרען צום באַשטימטען פּלאַץ.

— וואוהין פיהרט איהר מיך? — האָט יאַזאָן אויסגעבראָכען אין אַ יאָמערליכע שטימע.

— מען פיהרט דיך מקיים צו זיין דעם פּסוק פון תהלים: „בור כרה ויחפרהו ויפול בשחת יפעל" — האָט הירקאָנוס געענטפערט, — דו נידער־טרעכטיגער משומד און פאַררעטער פון אידישען פאָלק, האָסט געגוג צרות געבראַכט אויף אונזער פאָלק. דו האָסט כסדר געגראָבען א גרוב געגען דיין אייגענעם הייליגען ברודער חוניו דעם כהן־גדול, וועלכער איז צוליב דיר נעבאך אומגעקומען פון אַ רוצחישע האנט אין אַנטיוכיע, דעריבער מוזטו איצט אויסגראָבען דיין אייגענעם גרוב אין וועלכען דו וועסט באַערדיגט ווערען מיט אַ „קבורת חמור", אַן אייזעלשע באַגרעבעניש.

— האָט מיטלייד מיט מיר! — האָט יאזאָן זיך געגומען בעטען, — איך בין שוין גענוג געשטראָפט געוואָרען דאדורך וואָס מענעלאָס האָט מיך פאַרטריבען פון בית־המקדש. נאָך אַלעמען האָב איך דאָך געטראָגען אויף זיך דעם „חושן־ואפוד", די הייליגע כהונה־קליידער, עטליכע יאָהר ווען איך בין געוועזען כהן־גדול.

— דו האָסט פאַראומרייניגט די הייליגע קליידער! — האָט הירקאָנוס אויסגעשריען. — דו האָסט דערלויבט צו ברענגען קרבנות צום אָפּגאָט אפּאָלאָ און צום אָפּגאָט צעאוס. דו טאָרסט ניט דערמאָנען מעהר מיט דיינע טריפה מתיונישע ליפען, דעם נאָמען פון די הייליגע קליידער.

— ווילט איהר מיר ניט ערלויבען כאָטש אָנצושרייבען א צוואה פאר מיין טויט? — האָט יאזאָן זיך געבעטען רחמים.

— איך גיב דיר פופצעהן מינוט צייט צום שרייבען — האָט הירקאָנוס געענטפערט און האָט גלייך באפוילען איינעם פון זיינע דינער אַריינצוברייגען אַ פּאַרמעט מיט טינט און פעדער.

— אזוי שנעל ווי די שרייב־געצייג איז אַריינגעבראַכט געוואָרען האָט יאזאָן אָנגעשריבען די צוואה פון וועלכער איך האָב דאָ ביי זיך אַ קאָפּיע.

צפניה האָט ארויסגענומען אַ פּאַרמעט פון קעשענע און האָט אָנגע־הויבען לייענען די קאָפּיע פון יאזאָנ׳ס צוואה:

— „איך, יאזאָן, דער געוועזענער כהן־גדול, דער ברודער פון געוועזע־נעם כהן־גדול חוניו דער דריטער, שרייב די דאָזיגע צוואה פאר מיין טויט:

— „איך וויל אז אַלע אידען פון אַלע שיכטען פון פאָלק זאָלען וויסען

אז אין די לעצטע מינוטען פון מיין לעבען טהו איך חרטה האָבען אויף מיינע זינד וואָס איך בין באַגאַנגען אין מיין לעבען געגען דעם גאָט פון ישראל, געגען דער אידישער תורה, רעליגיאָן, און פאָלק.

— „איך בין זיך מודה אַז איך האָב געהאַנדעלט זעהר גרויזאַם געגען מיין אייגענעם ברודער און געגען פיעלע אַנדערע פון מיינע אידישע ברידער.

—„איך האָב באמת חרטה וואָס איך האָב געלאָזט באַרויבען די אוצרות פון בית־המקדש און וואָס איך האָב געבראַכט דערצו אז, מיין איצטיגער שונא, מענעלאָס זאָל פארכאַפּען דעם אַמט פון כהונה גדולה. זאָל דער גאָט פון ישראל איהם באַצאָהלען ווי עס קומט איהם און זאָלען אַלע רשעים ווערען אויסגעריסען מיט׳ן וואָרצעל פון אונזער הייליגער לאנד.

— „איך בעט רחמים, אז דער גאָט פון ישראל זאָל אויפנעהמען מיין ביז אַהעריגע זינדיגע נשמה, מיט חסד אונטער די פליגלען פון דער שכינה, ווייל איך געה צום טויט מיט דער האָפנונג אז „תהא מיתתי כפרתי״, מיין טויט זאָל זיין פאר מיר א כפרה און אַ פאַרגעבונג אויף מיינע זינד.

— „דאָס זיינען די ווערטער פון מיר

„יאזאָן, כהן־גדול בירושלים.״

רוחמה האָט אויסגעהערט די ווערטער פון יאזאָנ׳ס צוואה און טרערען האָבען זיך געשטעלט אין איהרע אויגען. צפניה האָט עס באַמערקט און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— לויט ווי איך זעה וואָלסטו געוועזן וויליג צו שענקען יאזאָנ׳ען דאָס לעבען נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעשריבען אַזאַ צוואה.

רוחמה האָט גאָרניט געענטפערט דערויף. לויט׳ן פרויען־אינסטינקט האָט זי געפיהלט א מיטלייד מיט׳ן בעל־תשובה, אָבער לויט׳ן שכל האָט זי פאַרשטאַנען, אַז יאזאָן האָט ניט געטאָרט ווערען פריי, ווייל זיינע „מעשים תעתועים״ זיינען געוועזן אומפארצייהליך.

דערווייל האָט צפניה ווידער גענומען דערצעהלען:

— ווען יאזאָן איז פארטיג געוואָרען מיטן שרייבען האָבען מיר איהם אַרויסגעפיהרט אויפ׳ן ברייטען פעלד. דאָרטען האָט הירקאָנוס דערלאַנגט יאזאָנ׳ען א גראָב־אייזען און איהם געהייסען פארענדיגען דעם, שוין־כמעט, פארטיגען גרוב וואָס זיינע דינער האָבען שוין געהאַט אויסגעגראָבען.

— אויב דו ווילסט אַז גאָט זאָל דיר פאַרגעבען דיינע זינד, מוזטו אליין אויסגראָבען עטליכע שטיקער ערד אין דעם גרוב אין וועלכען דו וועסט באלד געפינען דיין אייביגע רוה — האָט הירקאָנוס באפוילען יאזאָנ׳ען.

— שרעקליך! גרויזאם! — האָט רוחמה אויסגערופען און האָט האַסטיג

פאַרדעקט איהר געזיכט מיטביידע הענט אזוי ווי זי וואָלט ערשט געשטאַנען פאַר דעם געשעהענעם פאַקט. — ווי אזוי, האָט איהר עס געקענט טאָן אזא זאַך און מוטשען א מענשען, אז ער זאָל נאָך אליין גראָבען זיין אייגענעם קבר?

— אויך איך האָב דעמאָלסט זיך געוואונדערט אויף דעם אַלטען הירר־קאַנוס׳ן — האָט צפניה צוגעגעבען — אָבער לויט ווי ער האָט מיר שפּעטער דערצעהלט, האָט ער געהאַט רעכט. הירקאַנוס האָט געוואָלט פאַרשאַפען יאזאַנ׳ען וואָס מעהר עגמת־נפש, שרעק, און געוויסענביסע, אום אז ער זאָל דורכמאַכען אָן אמת׳ען „הרהור תשובה״, אויפריכטיגע געפיהלען פון חרטה אויף זיינע זינד, און דאריבער האָט הירקאַנוס, אלס א פרומער איד, געוואָלט אז יאזאָן זאָל האָבען וואָס מעהר יסורים כדי דאָס זאָל זיין פאַר איהם אַן אָפּקומעניש אויף דער דאָזיגער וועלט און ער זאָל ניט דאַרפען ליידען אזוי פיעל אויף יענער וועלט . . .

— האָט ער טאַקע אליין געגראָבען זיין קבר? — האָט רוחמה געוואָלט וויסען.

— יאָ! — האָט צפניה געענטפערט — ניט נאָר האָט ער געגראָבען זיין קבר נאָר ער האָט נאָך פאַרלאַנגט אז ווען מען וועט איהם טויטען זאָלען מיר נאָכהער דורכפיהרען אויף איהם די אַלע „פיער סאָרטען טויטען״ לויט׳ן אידישען דין.

— און וואָס איז געשעהען נאָכדעם?

— גענוג פאַר דיר די אַלע איינצעלהייטען ביז איצט — האָט צפניה געענטפערט. — צו וואָס דאַרפסטו עס אזוי נויטיג וויסען ווי זיין טויט איז צוגעגאַנגען? דער עיקר איז אז דו ווייסט שוין אַז ער איז טויט.

רוחמה האָט אָפּגעזיפצט און האָט ארויסגעמורמעלט:

— נאָך אַלעמען איז ער געוואָרען א ריכטיגער בעל־תשובה פאַר׳ן טויט. אַ שאָד וואָס ער איז נעבאַך אומגעקומען אויף אַזאַ גרויזאַמען אופן.

— גענוג שוין צו רעדען וועגען יאזאָנ׳ען — האָט צפניה א זאָג געטאָן — ער האָט טאַקע תשובה געטאָן, אָבער מיר ערדישע מענשען קענען ניט, און טאָרען ניט, האַנדלען לויט די בלויזע געפיהלען פון א בעל־תשובה וועלכער האָט אין זיין לעבען פאַראומגליקט אזוי פיעל מענשען און געבראַכט אזוי פיעל צרות אויף דעם אידישען פאָלק. זיינע זינד האָט ער ניט געקענט צוריק גוט מאַכען מיט בלויזע תשובה־געפיהלען. לויט׳ן אידישען דין פון „ובערת הרע מקרבך״, „דו זאָלסט אויסראָטען די שלעכטע פון צווישען דיר״, איז איהם געקומען דער טויט, און אויב גאָט האָט ווירקליך אָנגענומען

זיין תשובה וועט ער דערפאר געניסען „עולם הבא“. אָבער ניט קיין „עולם הזה“.

רוחמה האָט געוואָלט עפּעס זאָגען אָבער פּלוצלונג האָט זיך די טיר געעפענט און מנחם איז אַריינגעקומען.

— שלום! — האָט רוחמה אויסגערופען, אזוי שנעל ווי מנחם איז אַריינגעקומען, — מיין צפניה האָט מיר נאָר וואָס אָנגעזאָגט אז דו ביסט געקומען אין אַנטיוכיע. וואָס הערט זיך צו הויז ביי די חשמונאים? וואָס מאַכט דבורה, יונתנ׳ס פרוי, און די גאַנצע פאַמיליע?

— שלום איז צו אַלעמען — האָט מנחם געענטפערט. — די חשמונאים־פאַמיליע איז שטאַרק באַזאָרגט וועגען אייך ביידען. זיי האָבען מיך געשיקט אַהער אויסצוגעפינען וועגען אייערע אויפטואונגען צו גונסטען אונזער היילי־גע מיסיע פון באַפרייען אונזער פאָלק פון די טיראַנישע הערשער פון די גריכען.

עס איז באַלד פארפיהרט געוואָרען אַ שמועס. צפניה האָט איבער־געגעבען מנחמ׳ען ווי אזוי ער זעלבסט מאַנעווורירט די גאַנצע צייט צו באַ־קומען צוטריט צום גענעראל גאָרגיאַס וועלכער איז איינער פון די הויפּט־גענעראַלען ביים קעניג און איז א גרויסער שונא ישראל. צפניה האָט זיך באַקלאָגט אז פארלויפיג איז איהם נאָך ניט געלונגען צו־צוקומען צו גאָר־גיאַס׳ען אָבער ער האָפט אז גאָר שנעל וועט ער זיך אַ נעם טאָן צו איהם און דאַן וועט ער איהם טויטען און זוכען נייע קרבנות צווישען די גריכישע גענעראַלען.

אויך רוחמה האָט איבערגעגעבען מנחמ׳ען וואָס זי האָט שוין אויס־פּעיעט אויפצוטאָן, אז כאָטש דער קעניג אנטיאָכוס איז נאָך פאָרלויפיג ניט געשטאָרבען, אָבער ער איז שוין ניט ווייט פון טויט. ער קרענקט אָן אויפהער און ער איז געוואָרען נערוועז, ווייל די קליינע פאַרציעס גיפט, וואָס זי האָט שוין אריינגעטאָן אין זיינע ווינען און אַנדערע געטראַנקען, האָבען שוין געמאַכט פון איהם א „שברי כלי“ און ער ליידעט שרעקליכע יסורים.

— אָבער וואָס דענקט איהר ביידע, וועט זיין דער סוף פון דעם? — האָט מנחם געוואָלט וויסען גענוי.

— ווען גאָרגיאַס וועט פאַלען טויט דורך מיין שווערד און אַנטיאָכוס וועט פאַלען טויט דורך רוחמה׳ס׳ גיפט — האָט צפניה געענטפערט — דאַן וועלן מיר אויך טויטען דער פארפלוכטער מרים׳ען, די אידישע מרשעת און פאררעטערין וועלכע געפינט זיך דאָ, און מיר וועלען צוריק קומען נאָך ארץ ישראל.

— און אויסער דעם ווייסט איהר גאַרניט מעהר קיינע פּאָליטישע נייעס? — האָט מנחם געפרעגט. — פיליכט האָט איהר עפּעס וויכטיגעס פאַר מיר איבערצוגעבען צו די חשמונאים וועלכע קוקען אויס אויף אייערע אינפאָרמאַציעס.

— יאָ! גוט וואָס דו האָסט מיר דערמאָנט — האָט רוחמה אויס־געררופען — נעכטען האָב איך זיך דערוואוסט פון ויניזילאָס׳ען, אז גאַר גיך וועט דער קעניג שיקען אַ באַפעהל צום גענעראל אפּאָלאָניוס, וועלכער זיצט איצט אין שומרון פּראָווינץ, אז ער זאָל ארייננמאַרשירען מיט זיין ספּעציעלער ארמיי אין מודיעין און אויסראָטען די גאַנצע חשמונאים פאַמיליע.

— ניט דערלעבען וועט ער דאָס צו טאָן — האָט מנחם געענטפערט.

— ערשטענס, זיינען אלע פינף זיהן פון אונזער באַלעבאָס צעשפּרייט מיט זייערע באַזונדערע אפּטיילונגען פון דעם „גדוד המכבים" איבער פארשידענע בערג און טאָלען אין דער לאַנד. זיי זיינען אויסבאַהאַלטען אין היילען אָדער אין די געדיכטע וועלדער און מאַכען אָפטע איבערפאַלען איבער די קלענערע גריכישע גאַרניזאָנען וועלכע מאַרשירען דורך אין יענע פלעצער. צווייטענס, געפינט זיך אַ ספּעציעלע וואַך פון אַריבער הונדערט יונגע העלדען ארום דער שטעדטעל מודיעין וועמען יהודה האָט בעאויפטראגט צו היטען זיין אַלטען פאָטער מיט דעם גאַנצען הויז־געזינט.

— אָבער אויב אפּאָלאָניוס וועט קומען אַהין מיט א גרויסע ארמיי, וואָס וועט דאן העלפען די קליינע וואַך פון הונדערט העלדען? — האָט צפניה געפרעגט.

— אויב אזוי ווייסטו נאָך גאַרניט וואָס די חשמונאים האָבען שוין אויפגעטאָן — האָט מנחם געענטפערט און האָט גלייך גענומען דערצעהלען:

— פאַר׳ן לעצטען האַלבען יאָהר האָט יהודה אוספּעיעט אריינצוקריגען אין זיין נייעם „גדוד המכבים" אַריבער פיער טויזענט אידישע יונגעלייט. זיי ווערען גוט מיליטאַריזירט מיט די בעסטע געוועהר, וויל זיין ברודער אלעזר האָט אויפגעקויפט פיעל געוועהר פון די אדומים און אראבער פון צווייטען זייט ירדן. דערצו האָט יהודה אוספּעיעט צו בעאיינפלוסען עטליכע הונדערט אידען, פון דער איסיים־סעקטע, אז זיי זאָלען ווערען ספּעציעלע שומרים אין ירושלים און אומגעגענט. ער האָט זיי געגעבען שווערדלאַך און ער האָט זיי אויסגעלערענט ווי זיך צו באַנוצען מיט זיי. פרעג שוין גאַרניט וואָס עס טוט זיך איצט צווישען די דאָזיגע איסיים־אידען. דוכט זיך אז זיי קענען קיין צוויי ניט צעהלען און טאָקע פון וואַנען זאָלען זיי קענען? מ׳שטיינס געזאָגט וואָס פאַר אַ לעבען זיי האָבען געפיהרט ביז איצט, זיי

זיינען געווען אויסגעהונגערטע, אויסגעמאָגערטע, שוואַך און קראַנק, אָבער איצט זיינען זיי געוואָרען ווי פון דאָס ניי אויפגעלעבט. ווייזט אויס אַז אונזער באַלעבאָס מתתיהו החשמונאי האָט עס געווירקט אויף זייער פיהרער רבי חוני המעגל אז זיי זאָלען צושטעהן צו דעם „גדוד המכבים". ווען דו וואָלסט איצט אַריינגעקומען אין ירושלים וואָלסטו שטוינען צו זעהן ווי אזוי פיעלע אידען, מיט בערד און פאות, פלאָנטערען זיך צווישען די פיעלע גריכישע סאָלדאַטען און אונטער זייערע לאַנגע קליידער זיינען באַהאַלטען שווערדלאַך. יעדערער פון זיי געהט ארום מיט „אָפענע אויגען" און ווי נאָר עס ווערט א טומעל, וואַקסען זיי אויס ווי פון אונטער דער ערד און אין גרויסען טומעל שטעכען זיי אַריין אַ שווערדעל אין אַ גריכישען סאָלדאַט אָדער אין עטליכע סאָלדאַטען און, שאַ, שטיל, קיינער ווייס ניט פון וואַנען און דורך וועמען די סאָלדאַטען זיינען געפאַלען טויט...

— און וואָס טוט יהודה זעלבסט? — האָט רוחמה געוואָלט וויסען.

— גענוי ווייס איך ניט וואו ער פיהרט זיך ארום מיט זיינע מענשען — האָט מנחם געענטפערט — נאָר איך פארשטעה אז ער ראַמט אויס גענוג גריכישע רשעים. איך האָב געהערט אז אונטערן בארג „תבור", נעבען דעם טייך קישון, האָט ער אויסגעשלאַכטעט, מיט דריי וואָכען צוריק, אַריבער פופציג גריכישע סאָלדאַטען. אויך זיין ברודער יונתן מיט זיינע מענשען האָבען פארברענט צוויי גרויסע געווער מאַגאַזינען אין יפו'ער פאָרט און שמעון מיט זיינע מענשען טראָגען זיך ארום איבער דער גאַנצער לענג פון ירדן און שטיקען אויס צעהנדליגער גריכישע סאָלדאַטען.

— און וואָס טוען די אַנדערע צוויי ברידער אלעזר און יוחנן? — האָט צפניה געפרעגט.

— אלעזר מיט זיינע מענשען האַלטען אין איין שלעפען וואָס מעהר געווער, שפייז, פערד און פיעלע אַנדערע נויטיגע זאכען, און יוחנן איז באַשטימט געוואָרען צו שטעהן מיט זיינע מענשען אויף דער וואַך אין מודעין און פון צייט צו צייט לויפט ער צו אין ירושלים און נעמט אַ רעפּאָרט פון דעם, אזוי גערופענעם, „איסיים גדוד" וועלכער איז בלויז אין ירושלים.

— הורראַ! — האָט רוחמה אויסגערופען — לעבען זאָלען די חשמונאים. זיי וועלען מיט גאָט'ס הילף אויסמאַטערען די גריכען און גאָר גיך וועלען מיר באַזיגען דעם שונא און צוריק געווינען אונזער אומאָפּהענגיגקייט אלס א פרייע נאַציאָן.

— דו ווייסט וואָס מיר איז איינגעפאַלען? — האָט צפניה א זאָג געטאָן — איך וואָלט זיך וועטען אז דו, רוחמה, וואָלסט געקענט פועלן ביי דעם

רשע אַנטיאָכוס אז ער זאָל דיר איבערגעבען א טייל פון זיין ארמיי כדי אז דו זאָלסט קענען פיהרען די סאָלדאַטען צום ריכטיגען פלאַץ וואו יהודה געפינט זיך מיט זיין גדוד און איהם פארניכטען.

אַלע דריי האָבען זיך צעלאַכט און רוחמה האָט אַ זאָג געטאָן:

— כ׳לעבען נישט קיין שלעכטער פּלאַן.

— ווייסט וואָס, צפניה? לאָמיר טאַקע שוין פּרובירען אויספלאַנעווען אונזער שפּיאָנאַזש אין א ריכטיג סצענירטער פאָרמע. דו צפניה וועסט איצט שפּיעלען די ראָלע אלס דער קעניג אַנטיאָכוס עפּיפאנוס און איך בין דאָך דיין געליבטע. איך וועל שוין מאַכען די ערשטע פּראָבע ווי אזוי איך וועל האַנדלען מיטן קעניג. איך וועל דראַמאַטיזירען מיינע אַרגומענטען און דו, אַנטיאָכוס הרשע . . . וועסט מיר ענטפערען דיינע נאַרישע ארגומענטען, און לאָמיר זעהן ווי עס וועט געהן.

אין נעקסטען מאָמענט האָט רוחמה אָנגעהויבען שפּילען איהר פּראָבע ראָלע: זי האָט פארוואָרפעןביידע הענט איבער צפניה׳ס האלז און זיך זעצענדיג אויף זיינע קניה האָט זי איהם ארייגעקוקט אין זיינע האַלב שכורע אויגען. פארשטעהט זיך אַז צפניה אליין האָט פארשטאַנען זיך צו מאַכען שיכור, און דערוויל האָט רוחמה אָנגעהויבען צו רעדען מיט אַ ליבלעכען ציטער אין איהר שטימע:

— דו ווייסט מיין ליבער העלדישער קעניג! . . . ווען איך קוק אויף דיר פיהל איך אז דו וואָלסט געקענט באַזיגען די גאַנצע וועלט. אזא העלדישער קעניג ווי דו, טאָר ניט פאַרנאַכלעסיגען קיין איין געלעגענהייט . . . שיק דיינע ארמייען און זאָלען זיי דעראָבערען פאר דיר לענדער און נאַציאָנען. איך וויל זיין שטאָלץ מיט דיר, מיין געליבטער.

— אָבער, ווי קען מיר איצט ליגען אין זינען נייע מלחמות אז איך בין אזוי שטאַרק קראַנק — האָט דער מכלומרשטער קעניג געענטפערט זיין געליבטער רוחמה׳ן און ער האָט אָפּגעפרעסט אַ היציגען קוש אויף איהרע שוואַרצע לאָקענס.

— דו דאַרפסט ניט געהן מיט דיין ארמיי — האָט רוחמה געענטפערט — דו בעסער בלייב דאָ אין אַנטיוכיע און לאָמיר ביידע געניסען פון אונזער ליבע. דיינע גענעראַלען וועלען שוין פיהרען דער ארמיי און שאַפען פאר דיר רוהם און כבוד.

— מיינע גענעראַלען „טויגען אויף כפרות" . . . — האָט צפניה, אלס קעניג, זיך ארויסגעכאַפּט מיט דעם באַוואוסטען ווערטעל און ער האָט באַלד צוגעגעבען: — זעהסטו מיין טייערינקע, ווען איך וואָלט געהאַט כאָטש איין

גענעראל וועלכער זאָל זיין אזוי געשיקט און טאפפער ווי די פארפלוכטע חשמונאים, דאן וואָלט איך געקענט זיך פאַרמעסטען געגען א גאַנצער וועלט מיט מיינע ארמייען.

— איך האָב אן עצה פאר דיר — האָט רוחמה אויסגערופען — פאר־וואָס זאָלסטו ניט קענען אונטערקויפען די חשמונאים מיט א גרויסע סומע געלט און דאן וועסטו קענען אלעמען באַזיגען.

— דו רעדסט ווי אַ נאַר — האָט דער מכלומרשטער קעניג געענטפערט — ווייסטו דען ניט אז די חשמונאים גלוסטען ניט נאָך קיין געלט? זיי זיינען פארביסענע פּאַטריאָטען פאר זייער לאַנד און איך בין זיכער אז קיין זאך וועט זיי ניט קענען באַוועגען צו ווערען צוריק גוטע פריינט מיט מיר.

— איך האָב אָבער א גוטע עצה דערצו — האָט רוחמה צוריק געענט־פערט — אויב דו, מיין טייערער קעניג, וואָלסט מיר ערלויבען אליין מיט־צוגעהן מיט אן ארמיי נאָך ארץ ישראל דאן וואָלט איך שוין וויסען ווי אזוי צו פארשיכורן דעם העלדישען פיהרער פון די חשמונאים און גאַר שנעל וואָלט איך איהם געבראַכט אַ געפאַנגענעם אין דיינע הענט.

— דיר דוכט זיך נאַר אזוי — האָט צפניה, אלס קעניג, געענטפערט מיט אַ געלעכטער — דער פיהרער פון די חשמונאים איז צופיעל כיטרע פאר דיר, ער איז אַ געפעהרליכער מענש.

— וואָס אַ שטייגער האָסטו געזעהן געפעהרליכקייט פון איהם? — האָט רוחמה נאָכ־אלץ פּרובירט מאַכען איהרע איינווענדונגען.

— דו זיצט דאָ אין אַנטיוכיע ווייסטו ניט וואָס עס טוט זיך אין דער אידישער לאַנד — האָט דער אזוי גערופענער קעניג געענטפערט — דער פיהרער פון די חשמונאים האָט שוין אוספייעט צונויפצושטעלען עטליכע טויזענט סאָלדאַטען מיט ריכטיגע געוועהר און זיי טוען אָן צרות מיינע סאָל־דאַטען. זיי באַפאַלען קלענערע אפטיילונגען פון מיין דאַרטיגער ארמיי און שלאַכטען זיי אויס ווען נאַר עס מאַכט זיך די געלעגענהייט.

— און דו מאַכסט זיך נאָכ־אלץ ווי דו וואָלסט געווען אַ לעמעשקע, א שרעקעדיגער האָז געגען זיי, סטייטש? — האָט רוחמה אויסגערופען מיט א כלומרשטען פארוואורף — קענסטו דען ניט, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, ארייג־שיקען אן ארמיי און אויסשלאַכטען אלע חשמונאים מיט זייערע העלדען?

דער כלומרשטער קעניג האָט זיך פארטראַכט פאר אַ היבשע ווילע און רוחמה האָט דאַן אַ זאָג געטאָן:

— איצט מיין טייערער צפניה וועל איך דיר ענטפערען וואָס דער חכם

קעניג . . . וועט זאָגען: „געה טייערע און וויז וואָס דו קענסט אויפטאָן מיט די חשמונאים.“

— און וואָס זיינען טאַקע דיינע פּלענער — האָט מנחם אַ פרעג געטאָן:

— מיינע פּלענער זיינען אָט וואָס: — האָט רוחמה געענטפערט מיט אַן ערנסטע שטימע: — אזוי שנעל ווי איך וועל באַקומען די ערלויבעניש מיטצוגעהן מיט אַן ארמיי נאָך ארץ ישראל, וועל איך זיי שוין פיהרען דירעקט ביז די בערג פון יהודה פּראָווינץ. איך וועל דערקלעהרען צום קעניג אז איך בין זיכער אז יהודה דער חשמונאי מיט זיינע עטליכע טויזענט אויס־געהונגערטע יונגען זיינען באַהאַלטען צווישען די בערג, און דערווײלע וועט יהודה ווירקליך קענען ארומרינגלען די גאַנצע ארמיי און מאַכען א סוף צו אַלעמען.

— מיט וואָס ביזטו עס אזוי זיכער אז יהודה וועט קענען זיך געגענ־שטעלען א גרויסע ארמיי צווישען די בערג? — האָט צפניה א פרעג געטאָן.

— ערשטענס ווייסען מיר דאָך אז יהודה איז אומבאַזיגבאַר אויף בערג. ער איז אַן אויסערגעוויינליכער רייטער און ער איז גוט באַהאַוונט אין יעדען באַרג פון דער לאַנד. און צווייטענס, וועל איך שוין זעהן אז די ארמיי געגען יהודה׳ן זאָל ניט זיין מעהר ווי א פינף טויזענט סאָלדאַטען און דו, מנחם, וועסט טאַקע איבערגעבען יהודה׳ן מיין פּלאַן און איהם אָנזאָגען אַז ער מוז זיין גרייט מיט אַ פיער־פינף טויזענט העלדען צווישען די „יודעאישע בערג“ וואוהין איך וועל פיהרען די גריכישע האָזען גלייך צו איהם אין האַנט אריין . . .

— און וואָס זאָל איך טאָן? — האָט צפניה א פרעג געטאָן.

— דו, מיין טייערער, קענסט ווערען מיינער א נייער ברודער . . . און פאַרשטעהט זיך אז ווען איך וועל דיר פאַרשטעלען פארן קעניג ,אלס מיין ברודער וועלכער איז נאָר וואָס אָנגעקומען צו מיר פון גריכענלאַנד פאר א וויזיט, דאַן וועט מיר אָנקומען זעהר לייכט אז דער קעניג זאָל דיר מאַכען פאר אַ גענעראל. . . . און איך וועל שוין זעהן אז דו, מיין נייער גענעראַל ברודער, זאָלסט טאַקע מיטגעהן מיט מיר צוזאַמען, פיהרענדיג אונזערע גריכישע בהמות גלייך צו דער שחיטה . . .

אַלע דריי האָבען זיך צעלאַכט אויף א היבשע ווילע, עס האָט זיי שטאַרק הנאה געטאָן פון רוחמהס פּלענער.

## קאפיטעל 29

# גענעראל צעפאנאס פיהרט אן ארמיי נאך ארץ ישראל.

עס איז געווען שפעט ביינאכט ווען אין דער שטעדטעל מודעין האט צוגעריטען א רייטער צו דער הויז פון דעם אלטען מתתיהו החשמונאי.

אלע אין הויז זיינען שוין געשלאפען אויסער דער אלטער העלדישער מתתיהו איז נאך געווען וואכזאם און ער האט גלייך באמערקט, דורך דער עטוואס אפענער טיר, ווער דער רייטער איז.

מתתיהו האט אפגעווארט עטליכע סעקונדען ביז דער רייטער איז צוגעקומען צום טיר און האט געוואלט אנקלאפען, דאן האט מתתיהו שנעל אויפגעעפענט די טיר און האט א זאג געטאן:

— קום אריין מנחם!

מנחם איז באלד אריינגעגאנגען און ער האט איבערגעגעבען צו זיין באלעבאס דאס פאלגענדע:

— איך קום איצט פון אנטיוכיע. צפניה און רוחמה האבען טייערע פלענער. נאר איידער איך גיב איבער זייערע פלענער פאר דער צוקונפט וויל איך איבערגעבען וואס זיי האבען שוין אוספייעט ביז איצט.

מנחם האט שווער אפגעאטעמט פון מיעדקייט און מתתיהו האט דער־וויל אריינגערופען איינעם פון זיינע דינערס און ער האט איהם באפוילען אריינצוברענגען פאר מנחמ'ען עפעס צוצובייסען און ווען דער דינער איז ארויס פון צימער האט מתתיהו א זאג געטאן:

— דו ביסט זעהר מיעד, מנחם! זאג מיר ווען האסטו ארויסגעריטען פון אנטיוכיע?

— נעכטען פארטאג — האט מנחם געענטפערט.

— וואס רעדסטו! — האט מתתיהו זיך געכאפט פארן קאפ — אין קארגע צוויי מעת־לעת האסטו געמאכט אזא וויטע רייזע?

— יא, באלעבאס! — האט מנחם געענטפערט — עפעס פיהל איך אז א נס איז געשעהן מיט מיר. איך האב געמוזט האבען „קפיצת־הדרך", וועג פארקירצונג, דורך א נס פון הימעל.

— אזוי ווייזט עס אויס — האט מתתיהו צוגעגעבען אין גרויס פאר־וואונדערונג — עס איז מיר שוין גארניט קיין וואונדער וואס דו ביסט אזוי שטארק ערשעפט און אויסגעמאטערט.

— איך וועל נאָך מוזען היינט באַנאַכט ווייטער רייטען צו אייער זוהן יהודה — האָט מנחם געענטפערט.

— וואָס איז געשעהן? האָט מתתיהו אַ פרעג געטאָן מיט שרעק.

— קיין בייזעס חלילה — האָט מנחם געענטפערט.

דערווייל האָט דער דינער אריינגעבראַכט א געשמאַקען טרונק מיט אַ צובייס און מתתיהו האָט באַשטאַנען דערויף אז מנחם זאָל ניט רעדען אַ וואָרט איידער ער וועט פריהער איבערכאַפּען דאָס האַרץ מיט די שפּייז.

מנחם האָט געמוזט פאָלגען דעם פאַרלאַנג פון זיין באַלעבאָס און נאָכ־דעם, ווי ער האָט זיך דערפרישט מיטן געטראַנק און מיט די שפּייז, האָט מנחם איבערגעגעבען אין קורצען די וויכטיגע נייעס:

— צפניה האָט נאָכגעיאָגט דעם מתיון יאזאָן אזש ביזן אַנדערען זייט ירדן און ער האָט איהם געטויטעט דאָרטען. דאָס איז אַ קאָפּיע פון יאזאָנס צוואה וואָס ער האָט אָנגעשריבען פאר זיין טויט — און דאָס זאָגענדיג האָט מנחם איבערגעגעבען דעם פּאַרמעט פון יאזאָנס צוואה וואָס צפניה האָט עס איהם געגעבען.

— גאָט צו דאנקען, וואָס מיר זיינען פּטור געוואָרען פון א שונא ישראל — האָט מתתיהו אויסגערופען מיט שמחה.

— צפניה האָט אויך געטויטעט צוויי גריכישע סאָלדאַטען וועלכע האָבען געוואָלט אַטאַקירען אַ אידישע טאָכטער — האָט מנחם ווייטער גענומען דערצעהלען — און איצט האָט שוין רוחמה אוספּייעט צו פאַרגיפטען דעם רשע אַנטיאָכוסן. אמת טאקע, ער לעבט נאָך, אָבער דער לאַנגזאַמער גיפט האָט שוין געמאַכט פון איהם מעהר טויט ווי לעבעדיג, מיר האַלטען שוין מיט איהם גאָר נאָהענט צו זיין סוף.

— צו וואָס זיצען זיי נאָך דאָרטען אין אַנטיוכיע? — האָט מתתיהו א פרעג געטאָן.

— צפניה איז שוין געוואָרען א גענעראל — האָט מנחם געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

— וואָס? אַ גענעראל זאָגסטו? — האָט מתתיהו אויסגערופען אין גרויס ערשטוינונג.

מנחם האָט באלד דערצעהלט ווי אזוי רוחמה, די געליבטע פון אַנטיאָכוסן, האָט פאַרגעשטעלט צפניהן אלס איהר ברודער און אַנטיאָכוס האָט געוואָלט צוליב־טאָן רוחמה׳ן און ער האָט געמאכט צפניה׳ן פאר א גענעראל, און גאָר גיך וועט צפניה, דער גענעראל, אָנקומען אַהער מיט א גריכישע ארמיי אין די „יודעאישע בערג״ צו פיהרען א מלחמה מיט יהודה׳ן.

ביסטו ביים קלאָהרען פאַרשטאַנד? — האָט מתתיהו א פרעג געטאָן אויסגלאָצענדיג זיינע צוויי פינקעלדיגע אויגען אויף מנחם׳ן.

מנחם האָט זיך ניט געקענט באַהערשען און ער האָט אויסגעבראָכען אין אַ געלעכטער אָבער גאָר שנעל האָט ער זיך פאַרשעהמט פאַר זיין באַלע־באָס און ער האָט געענטפערט.

— שרעקט זיך ניט באַלעבאָס! דער גענעראַל צפניה וועט שוין ריכטיג פיהרען זיין ארמיי אין יהודהס הענט אריין . . . אויך רוחמה קומט צוריק מיט דער ארמיי, ווייל אזוי האָט זי צוגעזאָגט דעם קעניג, אז זי וועט שוין זעהן אריינצוקריגען אייער זוהן יהודהן אין איהרע הענט . . .

— איצט הויב איך שוין אָן צו פאַרשטעהן דעם קונציגען פּלאַן — האָט מתתיהו אויסגערופען מיט פריילליכע אויגען — זאָג מיר נאָר, מנחם, אונטער וועלכע נעמען שפּילען רוחמה מיט צפניהן זייערע געשיקטע ראָלען?

— רוחמה איז אַן אמת׳ע מאַצעדאָניער שעהנהייט און צפניה איז אויך א גריכישער רייטער — האָט מנחם געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

מתתיהו האָט זיך צעלאַכט און האָט אַ זאָג געטאָן:

— גאָט׳ס ברכה זאָל רוהען אויף זיי ביידען, זיי זיינען אמת׳ע העלדען. יאָ, עס קומט מיין שנור דבורה׳ן א גרויסען דאַנק פאַר איהר ערשטען גוטען געדאַנק, אז רוחמה מיט צפניהן וועלען קענען אויפטאָן זעהר פיעל.

— אָבער אויסער די נייעס האָב איך נאָך וויכטיגע נייעס — האָט מנחם ווידער גענומען ריידען: — ווען איך האָב היינט בייטאָג דורכגעריטען שומרון האָט איך אויסגעפונען אז דער גענעראַל אפּאָלאָניוס קלייבט זיך צו מאַכען אַן איבערפאַל איבער מודעין.

— זעהסטו דאָס איז שוין גאָר וויכטיגע נייעס — האָט מתתיהו צוגעגע־בען מיט א באַזאָרגטקייט אין זיין שטימע — גראָדע נעכטען האָט מיין זוהן יהודה אָפּגעצויגען פופציג מאַן, פון די שטענדיגע הונדערט, וואָס זיינען דאָ געשטאַנען אלס א וואַך אין מודעין.

— דעריבער וויל איך עס איצט שנעל אָפּרייטען צו אייער זוהן און איהם אָנזאָגען וועגען אַלעס — האָט מנחם צוגעגעבען.

— יאָ, דו מוזט טאַקע לויפען איהם אָנזאָגען, אָבער דו ביזט דאָך אזוי מיעד.

— עס מאַכט נישט אויס, אין א 3־4 שעה וועל איך אָניאָגען צום „הר הכרמל״ — האָט מנחם געענטפערט.

— נייך מנחם, — האָט מתתיהו א זאָג געטאָן — יהודה געפינט זיך איצט נעבען דער שטאָט צור.

— טאָ וואָס־זשע טוט מען איצט? — האָט מנחם געפרעגט מיט אַנגסט אין זיין שטימע.

— בארוהיג זיך! זיי נישט אזוי דערשראָקען. דו געה בעסער אריין אין דיין צימער און לייג זיך שלאָפען. דו דאַרפסט זיך אויסרוהען נאָך אַזאַ לאַנגער רייזע. איך וועל שוין ארויסשיקען צוויי פון מיינע דינערס, זיי זאָלען רופען מיינע צוויי זיהן, שמעונען מיט יוחנן, וועלכע געפינען זיך ניט ווייט פון דאַנען.

מנחם האָט נישט געקענט האַנדלען אַנדערש און ער איז ארויס־געגאַנגען צו זיך אין צימער.

מתתיהו האָט גלייך געשיקט רופען זיינע צוויי זיהן און ארום פאר־טאָג, זיינען זיי ביידע געקומען צום פאָטער וועלכער האָט זיי איבערגעגעבען די וויכטיגע נייעס וואָס מנחם האָט איהם געבראַכט.

שמעון און יוחנן האָבען באלד באַשלאָסען ווי צו האַנדלען. זיי האָבען אַרויסגעשיקט שליחים צו יהודה'ן, יונתנ'ען און צו אלעזר'ן, און מען האָט זיי געמאָלדען פון די לעצטע נייעס.

### קאַפּיטעל 30

## מרים אַנטלויפט פון דער פאַסטקע

זייט מרים די משומדת, די טאָכטער פון כהן בילגה, האָט זיך געזעהען מיט מענעלאָס'ען צום צווייטען מאָל ווען מענעלאָס איז געקומען נאָך אַנטיוכיע, און זי האָט איהם געהאָלפען זיך ריינצוואַשען פון דעם בלבול וואָס מען האָט ארויפגעוואָרפען אויף איהם אז ער האָט אַמאָל פאראורזאַכט דעם פייער צווישען די גריכישע סאָלדאַטען נעבען דעם ציטאַדעל אין ירושלים, האָט מרים געפיהלט אז זי מוז צוריק שליסען פריינדשאַפט מיט מענעלאָס'ן

אמת טאַקע, דער גענעראל גאָרגיאַס האָט איהר געגעבען פון אלדאָס־גוטס דורך דער גאַנצער צייט וואָס זי איז געווען זיין מעטרעסע אָבער דאָך האָט איהם געפעהלט דער ליידענשאַפטליכער רייץ וואָס אַזאַ יונגע פולבלוטיגע שעהנהייט ווי מרים האָט געקענט פאָדערען פון אַ געליבטען.

מרים האָט זיך אַרומגעזעהן אז גאָרגיאַס איז שוין צו אלט פאר איהר. אויסערליך קען ער נאָך פאַראַדירען אלס קאַוואַליער און ליבהאָבער פון שעהנע פרויען אָבער אין זיינע אינטימע באַציהונגען איז ער שוין אַן אויסגעשפּילטער . . .

מרים האָט באַצייטענס גענומען זיך ארומקוקען וואו זי האַלט אין

דער וועלט. ווען נישט די פּאָליטישע אומרוהען אין ארץ ישראל וואָלט זי שוין פון לאַנג צוריק אַנטלאָפען פון אַנטיוכיע און געקומען צוריק צו איהר פּאַריגען געליבטען מענעלאָס, וועלכער איז ווידער געוואָרען כהן גדול, אָבער אין אַזאַ טומעלדיגער צייט אין ירושלים איז עס אי אַ ריזיקע פאר איהר לעבען און אויך א צווייפעל אויב מענעלאָס וועט וועלען שליסען מיט איהר א שלום.

האָט מרים באַשלאָסען אז זי וועט נאָך אָפּוואַרטען דאָ אין אַנטיוכיע ביז עס וועט קומען אַ גינסטיגע צייט פאר איהר צוריק צופאָהרען נאָך ירושלים. דערוויל האָט זי זיך באַקאַנט מיט אַ יונגען אָפיצער, אַ העלדישער גריך, וועלכער האָט איהר פאר׳כשופ׳ט מיט׳ן ערשטען בליק אויף איהם.

מרים האָט זיך אזוי שטאַרק פארליבט אין דעם יונגען אָפיצער אז ווען עס איז פאַראיבער אַ גאַר קורצע צייט און דער קעניג האָט איהם באַשטימט צו געהן מיט אן ארמיי נאָך ארץ ישראל, האָט מרים פארלאַנגט אז ער זאָל איהר אויך מיטנעהמען.

פון אָנפאַנג האָט דער אָפיצער, וועמעס נאָמען איז געווען אַפּעלעס, נישט געוואָלט נאָכגעבען, אָבער אז מרים איז צעגשטאַנען צו איהר געליבטען, האָט ער איהר נאָכגעגעבען.

און אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען, ווען די גריכישע ארמיי, פון זיבען טויזענט סאָלדאַטען, האָט ארויסמאַרשירט פון אַנטיוכיע נאָך ארץ ישראל, איז אויך מרים געזעסען אין אַ פאַרפּוצטע קאַרעטע געשפּאַנט צו דריי פערד און איז נאָכגעפאָהרען די ארמיי.

דער אָפיצער אַפּעלעס, מרים׳ס געליבטער, האָט נישט געקענט פאָהרען אין דער קאַרעטע צוזאַמען מיט זיין געליבטער וויל עס האָט דאָך נישט געפּאַסט פאר דער ארמיי אז ווען אַלע רייטען אויף פערד, אָדער געהען צופוס, זאָל דער אָפיצער גאַר זיצען מיט זיין געליבטער אין אַ קאַרעטע. איבערהויפּט האָט אַפּעלעס זיך געשעהמט פאר זיין גענעראל צעפאַנאָס מיט זיין שוועסטער, די געליבטע פון קעניג, וועלכע רייטען אויף פערד.

דער ערשטער טאָג איז פאַריבער און די ארמיי האָט דערגרייכט די „לבנון בערג״. דער גענעראל צעפאַנאָס האָט געגעבען אַ באַפעהל, אז מען זאָל אויפשטעלען די געצעלטען אום איבערצונעכטיגען דאָ די נאַכט.

עס איז באלד געוואָרען אַ גערודער צווישען די סאָלדאַטען, יעדערער איז געוואָרען באַשעפטיגט מיט אַרבייט, און אין פאַרלויף פון א שעה־צוויי איז דער גאַנצער לאַגער שוין געווען אין אָרדענונג. צעפאַנאָס האָט ארויס־געגעבען אַ צווייטען באַפעהל אז קיינער פון די סאָלדאַטען און אָפיצערען טאָרען

נישט פראָווען קיינע הוליאַנקעס נאָר געהן שלאָפען באַצייטענס אום זיך אויס־צורוהען פון דעם שווערען טאָג און קלייבען כחות אויפ׳ן צווייטען טאָג.

ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפען אין זייערע געצעלטען האָט דער גענע־ראַל צעפּאַנאָס געפיהרט אַ געשפּרעך מיט זיין, אַזוי געררופענער, שוועסטער:

— נו, וואָס זאָגסטו, רוחמה, צו אונזער גליק? הא?...

— דו גיב בעסער אַכטונג אויף אַפּעלעסעס געליבטע וועלכע פאָהרט איהם נאָך... — האָט רוחמה געענטפערט.

— איך שרעק זיך זעהר טאָמער וועט זי מיך דערזעהען און גלייך דער־קענען אז איך בין דער אמאָליגער צפניה וועלכער האָט איהר אַמאָל גוט געהיט ביי די חשמונאים אין הויז ווען יהודה האָט איהר געהאַלטען אלס געפאַנגענע אין מודעין... — האָט צפניה, אָדער דער איצטיגער פאַר־שטעלטער גענעראַל צעפּאַנאָס, באַמערקט.

— מיר מוזען וואָס שנעלער דערגרייכען דעם גרעניץ פון ארץ ישראל און געבען צו וויסען צו יהודה׳ן אז מיר קומען אַן כדי ער זאָל זיין צוגעגרייט באַצייטענס — האָט רוחמה געענטפערט.

— געוויס האָט שוין מנחם אלעס איבערגעגעבען — האָט צפניה געזאָגט.

— אָבער מיר מוזען פריהער פּטור ווערען פון דעם אָפיצער אַפּעלעס מיט מרים׳ן — האָט רוחמה באַמערקט — ווייל טאָמער וועט מרים אונז דער־קענען דאַן וועט ווערען אַ גרויסער טומעל און מיר וועלען געטויטעט ווערען.

— איך האָב אַן עצה — האָט צפניה אויסגערופען מיט גרויס שמחה

— פאַרוואָס זאָל איך ניט אָוועקשיקען אפּעלעס׳ען פאָראויס מיט א צוויי הונדערט סאָלדאַטען און אזוי ארום וועלען מיר געווינען אויף אַלע פראָנטען מיטאַמאָל.

— איך פאַרשטעהע דיך ניט וואָס דו מיינסט — האָט רוחמה געפרעגט.

— טאָ הער זשע אויס — האָט צפניה גענומען דערקלעהרען צו זיין געליבטער פרומער רוחמה׳ן: — מיין פּלאַן איז: פאַנאַדערצוטיילען די ארמיי פון זיבען טויזענט מאַן אין עטליכע באַזונדערע טיילען כדי אז די חשמונאים ברידער, וועלכע זיינען געוויס שוין גרייט אַנטקעגען אונז, זאָלען נישט האָבען קיין שוועריגקייטען צו מאַכען א חורבן פון דער גאַנצער ארמיי. דעריבער וועל איך נאָך היינט ביינאַכט ארויסשיקען אַפּעלעס׳ען מיט צוויי הונדערט מאַן. איך וועל איהם הייסען באַפאַלען דאָס שטעדטעל מודעין און אזוי ווי איך בין זיכער אַז אונזער באַלעבאָס מתתיהו וויס שוין פון דעם, איז ער געוויס שוין גרייט מיט עטליכע הונדערט העלדען און אזוי ארום וועלען

מיר פטור ווערען פון אַפּיצער אַפּעלעס מיט צוויי הונדערט סאָלדאַטען און מיר ווען ניט דארפען מורא האָבען אז מרים וועט אונז ארויסגעבען, ווייל אזוי שנעל ווי אַפּעלעס וועט שוין ניט זיין נעבען איהר וועל איך איהר לאָזען טויטען גלייך אויפ׳ן אָרט.

— אָבער ווי וועט זיין, אויב אַפּעלעס וועט ווען מיטנעהמען מרים׳ן מיט זיך גלייך איצט? — האָט רוחמה געפרעגט.

— איך וועל איהם ניט דערלאָזען. איך וועל איהם געבען צו פאַרשטעהן אז זיין געליבטע וועט זיין זיכערער אין אונזער לאַגער איידער מיט איהם אין מודעין — האָט צפניה געענטפערט.

— איך צווייפעל אויב די משומדת וועט עס ווען נאָכגעבען — האָט רוחמה אויסגעדריקט איהר מיינונג.

— אויב אזוי האָב איך אן אנדער פּלאַן — האָט צפניה א זאָג געטאָן — איך וועל זעהן אויסמאַרקירען אַז אַפּעלעס זאָל ניט האָבען קיין צייט צו לויפען צו זיין געליבטע איצט שפּעט ביינאַכט צו נעמען אבשיד פון איהר.

— דאָס, זעהסטו, איז מיר שוין בעסער געפעלען — האָט רוחמה גע־ענטפערט.

צפניה איז באַלד ארויס פון זיין געצעלט און האָט אויפגעוועקט עטליכע אונטער־אָפיצערען און זיי פאַראָרדערט שנעל צונויפצושטעלען צוויי הונדערט סאָלדאַטען פאַרטיג אין וועג אריין.

— ווער וועט געהן מיט אונז און וואוהין? — האָט איינער פון די אונטער־אָפיצערען געוואָלט וויסען.

— דאָס וועסטו שוין וויסען שפּעטער — האָט דער גענעראל צעפּאנאָס אָ זאָג געטאָן.

אין אַ האַלבע שעה שפּעטער זיינען שוין געשטאַנען צוויי הונדערט סאָלדאַטען מיט דריי אונטער־אָפיצערען פאַרטיג צו געהן אין וועג.

דער גענעראל צעפּאנאָס האָט גלייך געשיקט אויפוועקען דעם הויפּט אָפּיצער אַפּעלעס און ווען ער איז אַריינגעקומען צום גענעראל אין געצעלט האָט דער גענעראל אויסגערופען מיט אַ געמאַכטע שרעק אין זיין שטימע.

— אַפּעלעס! עס איז געשעהען עטוואָס אויסערגעוויינליכעס. ערשט מיט א שעה צוריק האָב איך דערהאַלטען די נייעס, דורך אַ אידישען שפּיאָן, אז די חשמונאים פאַמיליע קלייבט זיך ארויסצוגעהן געגען אונז מיט א גרויסע ארמיי. די פינף זיהן פון דעם אַלטען חשמונאי זיינען געקומען פאַר אַ בעראַטונג צו זייער פאַטער אין דער שטעדטעל מודעין. זייערע יונגען האָבען זיי אַפּגעשטעלט אין פאַרשידענע צעוואָרפענע פלעצער. דעריבער

מוזטו ווי אַמשנעלסטען אַפּרייטען מיט צוויי הונדערט סאָלדאַטען און באַפּאַלען דאָס שטעדטעל מודעין. דו פאַרשטעהסט דאָך ווי וויכטיג עס איז פאר אונז אז מיר זאָלען נעמען געפאַנגען די פינף חשמונאים ברידער, וועלכע זיינען די הויפט פיהרער פון דער אידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג געגען אונזער קעניג.

— איז וואָס עפּעס שוין איצט אין מיטען דער נאַכט ? — האָט אַפּעלעס געוואָלט וויסען.

— ווייל יעדע מינוט איז וויכטיג פאר אונז — האָט דער גענעראל געענטפערט — מיין פּלאַן איז: אז דו וועסט אָנקומען אין מודעין מאָרגען פאַרנאַכט אָדער גאָר שפּעט ביינאַכט, און דאַן בין איך זיכער אז דו וועסט נאָך טרעפען דאָרטען די פינף ברידער ביי זייער פאָטער אין הויז. איך מיט דער גאַנצער ארמיי וועלען ערשט אָנקומען אַהין אין וואָסערע דריי, פיער טעג שפּעטער, ווייל מיט די פוסגעהענדיגע סאָלדאַטען קען מען ניט לויפען אַזוי שנעל ווי מיט דיינע צוויי הונדערט רייטערס.

— פאַרפאַלען ! אַז מען מוז לויפען אזוי שנעל וועל איך געוויס מוזען טאָן אזוי — האָט אַפּעלעס ארויסגעמורמעלט און זיך געקראַצט אין דער פאַטעלניצע מיט אַ פאַרשלאָפענעם געניץ.

— שנעל ! זעץ זיך שוין אויף דיין פערד און רייט — האָט דער גענעראל אויסגערופען.

— איך מוז אָבער צולויפען צום געצעלט פון מיין מאַריאַמען און איהר אָנזאָגען וועגען מיין פּלוצימדיגען אַפּרייטען פון דאַנען — האָט אַפּעלעס אַ זאָג געטאָן און האָט שוין געוואָלט נעמען לויפען צו זיין געליבטע.

— דו זעץ זיך אויף דיין פערד און מאַרשיר ארויס מיט דיינע סאָל־דאַטען ווי אַמשנעלסטען — האָט דער גענעראל אויסגערופען — וועגען דיין מאַריאַמאַן זאָלסטו גאָרניט איבערקלערען, מען וועט איהר שוין אַלעס ער־קלערען. מיר וועלען איהר ברענגען צו דיר אין מודעין, אָדער אין ירושלים, אין א פּאָר טעג שפּעטער.

אפּעלעס האָט איינגעזעהן, אז דער גענעראל צעפּאַנאָס האָט טאַקע רעכט. וואָס האָט ער מורא צו האָבען וועגען זיין געליבטע ? ער האָט זיך שנעל פאַראַפּשיידעט פון גענעראל און אין צעהן מינוטען שפּעטער איז שוין די גאַנצע קאָמפּאַניע פון צוויי הונדערט סאָלדאַטען, אונטער דער קאָמאַנדע פון אַפּיצער אַפּעלעס, געוועזן אין פולען גאַלאָפּ איבער די „לבנון בערג״, רייטענ־דיג „פייל אויס בויגען״ צו דרום זייט נאָך ארץ ישראל.

אזוי שנעל ווי אַפּעלעס האָט אַפּגעריטען פון לאַגער האָט צפניה באַ־

פוילען א צווייטען אָפּיצער, אז ער זאָל אויך אָפּרייטען מיט פינף הונדערט סאָלדאַטען נאָך יריחו. ער האָט געפונען א גוטען אויסרייד פאר איהם אז די חשמונאים געפינען זיך איצט ארום יריחו און מען מוז זיי ארומריגגלען פון אַלע זייטען.

ווען די צווייטע קאָמפּאַניע האָט אָפּגערייטען, און עס האָט שוין גענומען שפּראָצען אויף טאָג, האָט צפניה באזוכט זיין געליבטע רוחמהן אין איהר געצעלט און ער האָט איהר געטראָפען נאָך וואַכזאַם. ער האָט איהר אָנגעזאָגט אז אָפּעלעס איז שוין ניטאָ אין לאַגער און אויך אַז נאָך פינף הונדערט סאָלדאַטען האָט ער שוין אָפּגעשיקט נאָך יריחו.

— בראַוואָ צפניה! — האָט רוחמה אויסגערופען — איצט קענען מיר זיך נעמען צו דער משומדת מרימן און איהר טויטען גלייך דאָ אויפן אָרט.

— עס איז שוין אָבער גוט ליכטיג איצט און די סאָלדאַטען וועלען, אַ ליאַדע מינוט, באקומען זייער פריהמאָרגען סיגנאַל אויפצושטעהן פון זייער שלאָף — האָט צפניה באַמערקט. — איך דענק אז מיר קענען איהר לאָזען לעבען נאָך אַ טאָג ביז דער קומענדער נאַכט ווען מיר וועלען זיך אָפּשטעלען צום צווייטען מאָל ארום דער שטאָט צידון.

רוחמה האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען דערויף. לאָגיש איז צפניה טאַקע גערעכט, אָבער עפּעס אן אומבאוואוסטזיניגער געפיהל האָט איהר געזאָגט אז מרים קען דערוויילע זיך ארויסדרייען פון זייערע הענט.

— נו, וואָס קלערסטו אזוי פיעל? — האָט צפניה א פרעג געטאָן.

רוחמה האָט געוואָלט עפּעס ענטפערען אָבער אין זעלבען מאָמענט האָט זיך דערהערט דער טרומייטערען פון די אונטער אָפּיצערען און דער גאַנצער לאַגער האָט אָנגעהויבען זשומען און טומלען פון די שנעל אויפּוואַכענדע סאָלדאַטען וועלכע האָבען אין גרויס שנעלקייט אָנגעהויבען פאַנאַנ־דערצונעמען די געצעלטען און פּאַקען די פּעק אויף די פערד.

— איך מוז שנעל לויפען צו מיין געצעלט — האָט צפניה ארויס־געמורמעלט — א שעהן פּנים קען איך האָבען אויב אימיצער פון די אָפּיצערען וועט מיר ניט טרעפען אין מיין געצעלט און ניט וויסען וואָס, און ווי, צו קאָמאַנדעווען מיט דער ארמיי.

צפניה איז שנעל ארויסגעלאָפען פון זיין געליבטערס געצעלט און ווען ער איז צוגעלאָפען צו זיין אייגענעם געצעלט האָט ער שוין געטראָפען עטליכע אָפּיצערען לויפענדיג אַנטקעגען איהם און איינער פון זיי האָט אויסגערופען:

— אָה גרויסער גענעראַל צעפאַנאָס! מיר זיינען שוין געווען אין גרויס שרעק ווען מיר האָבען דיר ניט געטראָפען אין דיין געצעלט.

— איז שוין אַלעס גרייט צום מאַרש — האָט צפניה א פרעג געטאָן.

— יאָ, האָבען די עטליכע אָפיצערען אָפּגעענטפערט, אָבער מיר ווייסען ניט וואו עס איז אַהינגעקומען די קאַרעטע מיט אַפּעלעסעס געליבטע, זי איז ניטאָ אין געצעלט.

— וואָס ? — האָט דער גענעראַל אויסגעשריען — מאַריאַמא איז ניטאָ ?

— ניין מיין האַר — האָט איינער פון די אָפיצערען געזאָגט — איך בין געווען דער ערשטער צו לויפען צו איהר געצעלט אזוי שנעל ווי מען האָט געגעבען דעם ערשטען סיגנאַל, אָבער ווען איך בין אָנגעקומען אהין האָב איך איהר שוין ניט געטראָפען. איך האָב נאָר אוספּייעט צו כאַפּען א בליק פון דערווייטען און איך האָב געזעהן ווי די קאַרעטע לויפט מיט גרויס אימפּעט אראָפּ די בערג פון „לבנון“ צו דרום זייט.

— אָה! די פאַררעטערין! — האָט דער גענעראַל אויסגעשריהען — זי האָט אונז פאַראַטען. זי איז אַנטלאָפען צו די אידען אָנצוזאָגען פון אונזער קומען . . .

די עטליכע אָפיצערען האָבען נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען אויף אַזאַ מאָדנעם צופאַל. אויך דער גענעראַל זעלבסט האָט בשעת מעשה אָ טראַכט געטאָן : געוויס האָט די משומדת דערשפּירט וואָס מען פּלאַנעוועט געגען איהר. אָבער וואוהין האָט זי געקענט אַנטלויפען ?

— שנעל יאָגט איהר נאָך און ברענגט איהר צוריק טויט אָדער לעבעדיג ! — האָט צפניה, אָדער גענעראַל צעפּאַנאָס, אָ געשריי געטאָן.

— און וואָס זאָל זיין מיט דער ארמיי — האָט אָ צווייטער אָפיצער אָ פרעג געטאָן.

— די ארמיי זאָל אויך מאַרשירען, ווייל די נאָכיאָגערס נאָך דער פאַררעטערין וועלען דאָך סיי ווי סיי לויפען פאָראויס אויפן זעלבען וועג צו דרום זייט.

אין עטליכע מינוט שפּעטער האָט זיך ארויסגעלאָזען דער אָפיצער מיט נאָך צעהן רייטערס נאָך דער אַנטלאָפענער מרימען און גלייך נאָכדעם האָט די גאַנצע ארמיי אָנגעהויבען מאַרשירען אראָפּ די בערג פון „לבנון“.

קאַפּיטעל 31

## אַפּאָלאָניוס לויפט שנעל נאָך ירושלים.

שפּעט ביינאַכט איז געזעסען דער גענעראַל אַפּאָלאָניוס אין זיין צימער

אין דער שעהנער רעגירונגס הויז אין שומרון און האָט נאָך קאָנפערירט מיט איינִיגע פון זיינע אָפיצערען.

— זייט די לעצטע פּאָר יאָהר וואָס איך בין באַשטימט געוואָרען אלס גובערנאַטאָר פון דער אידישער לאַנד — האָט אַפּאָלאָניוס אָנגעהויבען רעדען — האָט איך נישט געהאַט אזוי פיעל זאָרג ווי איך האָב איצט. איך האָב געדענקט אז נאָכדעם ווי אונזער קעניג אַנטיאָכוס עפּיפאנעס האָט געמאַכט צוויי מאָל גרויסע איבערפאַלען איבער דער לאַנד און ער האָט באַוויזען די פארפלוכטע אידען זיין שטאַרקע האַנט, וועלען די אידען זיך איינשטילען; אָבער לויט ווי עס ווייזט אויס וועלען מיר מוזען פון דאָס ניי אָנהויבען גאָר ערנסטע שלאַכטען מיט זיי ווייל, לויט די באַריכטען וואָס איך באַקום, ווערען די חשמונאים צו שטאַרק חוצפה׳דיג געגען אונז. זיי האַלטען אין איין פאַרגרעסערען זייערען לעגיאָנען פון טאָג צו טאָג. מיר טאָרען ניט וואַרטען ביז וואַנען די אידען־רעוואָלוציאָנערען וועלען ווערען צו שטאַרק. איך האָב באַשלאָסען ארייצומאַרשירען מיט אונזער לאָקאַלער ארמיי, פון צוואַנציג טויזענט מאַן, אין ירושלים און מאַכען א סוף צו אלע רעוואָ־לוציאָנערען.

— פיליכט וואָלטען מיר אָפּוואַרטען ביז דער נייער גענעראל צעפּאַ־נאָס, מיט זיין ארמיי פון זיבען טויזענט מאַן, וועלען פריהער אָנקומען אַהער — האָט איינער פון די אָפיצערען פּרובירט אָפּווענדען.

— ווער וויים ווען דער דאָזיגער, צו מיר אומבאַקאַנטער, גענעראל וועט אָנקומען אַהער — האָט אפּאָלאָניוס געענטפערט — עפּעס קומט עס מיר פּאָר זייער פארדעכטיגט וואָס דער קעניג האָט ניט געשיקט קיינעם פון די אַלטע גוט באַוואוסטע גענעראַלען, א שטייגער: ליזיאש, ניקאנאָר, אָדער גאָרגיאָס. פון וואַנען האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעזוכט אין אַנטיוכיע אַ גענעראל מיט׳ן נאָמען צעפּאנאָס?

— און איך האָב געהערט אז דער גענעראל צעפּאנאָס שטאַמט פון גריכענלאַנד און זיין שוועסטער איז דעם קעניג׳ס נייע מעטרעסע . . . — האָט אַ צווייטער אָפיצער זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

אַפּאָלאָניוס האָט געוואָלט עפּעס ענטפערען דערויף, אָבער פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער קלאַפּען פון דער צווייטער זייט טיר.

— ווער קען עס זיין? — האָט איינער פון די אָפיצערען א מורמעל געטאָן.

— ווער דאָס זאָל נישט זיין באַדאַרף מען עפענען די טיר און זעהן

די פערזאָן — האָט אַפּאָלאָניוס אַ זאָג געטאָן און ער האָט באַלד אַ וואונק געטאָן צו איינעם פון די אָפּיצערען צו עפענען די טיר.

דער אָפּיצער איז צוגעגאַנגען מיט האַסטיגע טריט און האָט אויפ־געעפענט די טיר. א פרויען געשטאַלט מיט א צוגעדעקטען פּנים האָט האַסטיג אַריינגעשלייכט אין צימער און האָט אויסגערופען:

— אָה, אַפּאָלאָניוס! ראַטעווע! מיר זיינען אַלע פאַראַטען געוואָרען!

אַפּאָלאָניוס און די עטליכע אָפּיצערען זיינען שטאַרק דערשראָקען געוואָרען, דערהערענדיג אזא אויסרוף און ניט וויסענדיג ווער די דאָזיגע פרוי איז.

ווען אין צימער איז געוואָרען שטיל האָט די פרוי לאַנגזאַם אויפ־געהויבען דעם שלייער פון איהר פּנים און איז געבליבען שטעהען א טויט בלאַסע פאר אַפּאָלאָניוס׳ן.

— ביים גאָט אַפּאָלאָ! — האָט אַפּאָלאָניוס אויסגעשריגען אין גרויס צוטומלונג און האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט ביים האַרצען — דו? ביזטו דאָס מאַריאַמאַ? ווי קומסטו אַהער? שנעלער רעד! דערצעהל! וואָס איז געשעהן?

— איך בעט דיר זעהר, פרעג מיר נישט קיין סך — האָט די פרוי צוריקגעענטפערט — מיר זיינען אַלע פאַרראַטען געוואָרען און דו מוזט ווי אַמשנעלסטען ארויסגעהן מיט דיין גאַנצע ארמיי אום צו ראַטעווען די ארמיי וועלכע ווערט געפיהרט דורכ׳ן גענעראַל צעפּאנאַס.

— איך פאַרשטעה נאָך אַלץ נישט וואָס דו מיינסט — האָט אַפּאָלאָניוס אויסגערופען — וועמען זאָל איך ראַטעווען, וועלכע ארמיי, וואו און ווען, און פון וואַנען קומסטו איצט?

— צעפּאנאַס איז דער נייער גענעראַל וועמען אונזער קעניג האָט אָנ־פאַרטרויט אַן ארמיי פון זיבען טויזענט מאַן מיט אַ הונדערט אָפּיצערען און פיעל מעהר אונטער־אָפּיצערען. אויך מיין געליבטער, דער אָפּיצער אַפּעלעס איז געשיקט געוואָרען צוזאַמען מיט דער ארמיי, אָבער ווייסטו ווער עס איז דער גענעראַל צעפּאנאַס? — און דאביי האָט מאַריאַמאַ, אָדער די באוואוס־טע אידישע משומדת, מרים, זיך צעשריהען מיט גרויס רוגזה און כעס — דאָס איז דער קנעכט צפניה פון דער חשמונאים פאַמיליע! . . . יאָ, אָט דער צפניה האָט אונטערגעשיקט איינע פון די דינסטען ביי די חשמונאים, זי הייסט רוחמה, צו ווערען דעם קעניגס מעטרעסע און אזוי ארום האָט זי אויסגעווירקט ביים קעניג אז מען זאָל צפניה׳ן מאַכען פאר א גענעראַל און

ביידע פיהרען עס איצט אן ארמיי פון זיבען טויזענט מאן אויסצושלאָכטען זיי דורך דעם אידישען לעגיאָן.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ און ווי אזוי קומסטו דאָ אַהער אזוי פלוצלונג? — האָט אַפּאָלאָניוס נאָך אלץ נישט פארשטאַנען גענוי וואָס דאָ קומט פאָר.

מרים האָט איהם איבערגעגעבען אין קורצען אז אַפּעלעס איז איהר בייער געליבטער און אז אַפּעלעס איז געשיקט געוואָרען מיט'ן כלומרשטן גענעראל צעפאַנאָס צו באפאלען די חשמונאים, און אז זי, מרים, איז מיטגע־פאָהרען מיט איהר געליבטען אַפּעלעס'ן. אָבער נעכטען ביינאַכט האָט זי שטילערהייט נאָכגעשפּיאָנירט דעם גענעראל צעפאַנאָס ארום זיין געצעלט און זי האָט געהערט זיין געשפּרעך וואָס ער האָט געפיהרט מיט זיין מכלומרשטער שוועסטער רוחמה . . . אויך האָט זי געזעהן אז דער גענע־ראַל האָט שנעל ארויסגעשיקט איהר געליבטען אַפּעלעס מיט צוויי הונדערט סאָלדאַטען, וואוהין? דאָס ווייסט זי נישט, נאָר אזוי ווי זי האָט דערקענט דעם גענעראל צעפאַנאָס מיט זיין שוועסטער אז דאָס זיינען גאָר דער קנעכט מיט דער דינסט, צפניה און רוחמה, פון די חשמונאים פאַמיליע, דעריבער איז זי שנעל אַנטלאָפען פון לאַגער גלייך אַהער.

— פון וואַנען קענסטו די צוויי באַדינערס פון די חשמונאים? — האָט אַפּאָלאָניוס אויסגערופען מיט שטורעם.

— פאַרגעס נישט אז מיט יאָהרען צוריק בין איך געהאַלטען געוואָרען אלס א געפאַנגענע ביי די חשמונאים צו הויז — האָט מרים געענטפערט מיט גאַל אין איהר שטימע.

די עטליכע אָפיצערען האָבען זיך דורכגעוואָרפען מיט באַדייטונגספולע בליקען און אַפּאָלאָניוס האָט ווידער א פרעג געטאָן:

— ווי אזוי און פון וואַנען קומסטו איצט? וואו איז די ארמיי?

— נעכטען ביינאַכט בין איך אַנטלאָפען אין מיין קאַרעטע פון דעם מיליטערישען לאַגער אויף די „לבנון בערג.” מיין אַפּעלעס מיט צוויי הונדערט סאָלדאַטען האָט דער פאררעטער אַוועקגעשיקט ערגעץ וואו איך ווייס נישט, אויך האָט ער אַוועקגעשיקט נאָך עטליכע אָפיצערען מיט פינף הונדערט מאַן אין אַן אַנדער פּלאַץ און אזוי ווי איך האָב דערקענט דעם פאררעטער מיט דער פאררעטערין, בין איך שנעל אַנטלאָפען און דאָס בין איך שנעל געקומען צו דיר אז דו זאָלסט שוין איצט נעמען עפּעס טאָן.

אַפּאָלאָניוס האָט זיך פאַרטראַכט. אין צימער האָט געהערשט אַ גע־דריקטע שטימונג. יעדערער האָט געפיהלט אז דאָ איז פאַרגעקומען איינער

פון די געוואַגסטע שפּיאָנאַזש אַקטען. אזוינס איז נאָך נישט געהערט געוואָרען אז די אידישע רעוואָלוציאָנערען זאָלען אָנשפּאַרען אַזש צום קעניג זעלבסט און איהם פאַרדרייהען אַ קאָפּ מיט אַ ליבע און מיט אַזאַ פּאַרנעם צו שיקען אַן ארמיי אונטער דער קאָמאַנדע פון אַ רעוואָלוציאָנערען העלד מיט אַ העלדין . . .

— מיר מאַרשירען! — האָט אפּאָלאָניוס אַ געשריי געטאָן אויפשפּרינ־גענדיג פון זיין שטול.

— וואוהין? — האָט איינער פון די אָפיצערען א פרעג געטאָן.

— די ערשטע זאַך מוזען מיר פאַרכאַפּען די הויפּט שטאָדט ירושלים

— האָט אַפּאָלאָניוס געענטפערט — מיר מוזען אויסראָטען אַלע אידען פון ירושלים, מיר וועלען צעשטערען און צעברעכען דעם אידישען טעמפּעל, מיר וועלען זיך אויך אַ וואָרף טאָן אויף די שטעדט נעבען ירושלים. מיר מוזען, איינמאָל פאַר אַלע מאָל, זיך אָפּרעכענען מיט די אידען, איבערהויפּט מיט די חשמונאים, פאר זייערע רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייטען.

— אָבער וואָס טוט מען מיט דער ארמיי אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם פאַרעטערישען גענעראל צעפּאַנאָס — האָט איינער פון די אָפיצערען געפרעגט.

— יענע זיבען טויזענט סאָלדאָטען זיינען שוין נעבאָך פארלאָרענע . . .

— האָט אַפּאָלאָניוס אָפּגעזיפצט — ווער ווייסט אין וועלכע נאָרעס דער חשמונאי קנעכט־גענעראל, האָט זיי שוין אריינגעשלעפּט אום זיי אויסצו־שלאַכטען. און כאָטש מיר טהוט וועה דאָס האַרץ אויף אונזערע בראַווע גריכישע סאָלדאָטען דאָך אָבער פרייה איך זיך וואָס אונזער קעניג ועט ליידען זעהר פיעל שאַנדע און געוויסענביסע אויף זיין נאַרישקייט וואָס ער האָט זיך אָנפאַרטרויט מיט אַן ארמיי צו אַן אומבאַקאַנטען מענטש. זאָל ער וויסען אז מען האָט איהם גענאַרט און אַלע וועלען לאַכען פון איהם . . .

— איך געה מיט דיר נאָך ירושלים — האָט מרים אויסגערופען.

— גוט — האָט אַפּאָלאָניוס צוגעגעבען — נאָך אַלעמען ביזטו דאָך געווען אמאָל מיינע א גוטע פריינדין . . . ווען נישט דער פארפלוכטער קרעטאָס, ווען מען האָט נאָכהער געטויטעט אין ירושלים דורך א רעוואָ־לוציאָנערע האַנט, וואָלסטו נישט אַוועק פון מיר צו גאָרגיאָס׳ן...

די אָפיצערען האָבען אַ שמייכעל געטאָן און אַפּאָלאָניוס האָט גלייך געגעבען אַ באַפעל אז ביז צווי טעג צייט זאָלען זיי צוזאַמענרופען די אַלע צעוואָרפענע סאָלדאָטען פון לאַנד נאָך שומרון און פון שומרון וועט מען ארוס־מאַרשירען נאָך ירושלים.

שפעט ביינאַכט זיינען די אַפּיצערען אַוועק פון אַפּאָלאָניוסן. מרים איז פאַרבליבען מיט איהר אַמאָליגען גוטען פריינט . . .

## קאַפּיטעל 32

# די שלאַכט אין מודעין

נאָך דעם ווי דער אָפיצער אַפּעלעס מיט זיינע צוויי הונדערט רייטענדע סאָלדאַטען זיינען שנעל אַפּגעריטען פון דעם מיליטערישען לאַגער אויף די לבנון בערג נאָך ארץ ישראל, זיינען זיי אָנגעקומען אויף דער צווייטער נאָך א האַלבער נאַכט אין דער שטעדטעל מודעין און האָבען איהר ארומ־גערינגעלט פון אַלע זייטען.

אַפּעלעס איז געווען זיכער אז זיין גענעראַל׳ס פּלאַן איז וואונדער־באר . . . ער וועט דאָ אַפּוואַרטען ביז׳ן פריה־מאָרגען און דאַן וועט ער אָנהויבען צו מאַכען דעם איבערפאַל איבער די חשמונאים וועלכע, לויט ווי זיין גענעראַל צעפּאַנאָס האָט איהם פארזיכערט, געפינען זיך דאָ פאר א באַראַטונג.

ווען עס איז געוואָרען ליכטיג האָט אפעלעס מיטגענומען מיט זיך א פּאָר צעהנדליג סאָלדאַטען און האָט ארויפגעריטען אויפן שפּיציגען בארג צו דער שטעדטעל מודעין.

אָבער ווי עס האָט דעמאָלסט אויסגעוויזען האָט שוין מתתיהו גע־וואוסט פון דעם איבערפאַל נאָך מיט א טאָג פריהער, ווייל מנחם מיט צוויי דינערס פון דער חשמונאים פאַמיליע זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך און פלעגען באקומען עטליכע מאָל אין טאָג נייע באַריכטען פון די פאַרשטעלטע שפּיאָנען וועלכע יהודה, יונתן, שמעון, אלעזר און יוחנן, פלעגען צושיקען צו זייער פּאָטער.

און פּונקט אין יענעם טאָג, איידער אַפּעלעס מיט זיינע סאָלדאַטען האָבען באַלאַגערט דעם באַרג מודעין, איז אָנגעקומען אָ שנעלער קוריער פון יהודה׳ן צו זיין פּאָטער מיט׳ן אָנזאָג אז צפניה מיט רוחמה׳ן געהען שוין מיט זייער ארמיי צו די „יודאישע״בערג און אויך אז אַפּעלעס מיט א פּאָר הונדערט סאָלדאַטען האָבען שוין דורכגעריטען דעם ברעג ים און פאַרנעמען זיך צו מודעין.

דער העלדישער יהודה האָט גלייך געשיקט זיין ברודער יונתן מיט טויזענט גדודניקעס צו יפו, אום אָפּצושניידען דעם וועג פאר צפניה׳ס אר־מיי, וועלכע וועט וואהרשיינליך געהן צו די „יודאישע״ בערג דורך יפו

אום אויסצומיידען די לאָקאַלע גרויסע ארמיי פון אַפּאָלאָניוס׳ן, וועלכע שטעהט אין שומרון פּראָווינץ. אויסער דעם האָט יהודה פאַרשטאַנען אז צפניה וועט געוויס נאָך פאַנאַדערטיילען זיין ארמיי אין פיעל קלענערע טיילען אום צו מאַכען פאר איהם, יהודה׳ן, לייכטער צו קענען זיך שטעלען אַנטקעגען דער הויפּט ארמיי אין די „יודעאישע״ בערג.

יהודה האָט געוואוסט אז צפניה האָט שוין אַוועקגעשיקט, אויסער אַפּעלעס׳ן מיט עטליכע הונדערט סאָלדאַטען נאָך מודעין און פינף הונדערט סאָלדאַטען נאָך יריחו, אויך אַ היבשען טייל פון זיינע סאָלדאַטען ארום יפו׳ער פאָרט. ווייל צפניה ווייסט דאָך אז דאָרטען געפינט זיך יונתן מיט זיינע מענטשען.

ווען יהודה האָט געשיקט זיין קוריער צו זיין פאָטער, מיט׳ן אַנזאָג, אז אלעזר מיט פינף הונדערט אידישע יונגעלייט זאָלען שטיין באַהאַלטען ארום מודעין ווען אַפּעלעס וועט דאָרט אָנקומען, האָט ער אויך געהייסען זיין קוריער שנעל אָפּרייטען פון מודעין נאָך יריחו און מעלדען זיין ברודער שמעון מיט זיינע זיבען הונדערט מענטשען אז זי זאָלען וואָס שנעלער פארטיג ווערען מיט די פינף הונדערט גריכישע סאָלדאַטען וואָס צפניה האָט אַהין אַוועק־געשיקט און אז ער זאָל גלייך קומען איהם, יהודה׳ן, צו הילף צווישען די „יודעאישע״ בערג וואו ער וועט מוזען פיהרען אַ שלאַכט מיט דעם גרעסטען טייל פון צפניה׳ס ארמיי.

און אזוי איז עס געשעהען. יהודה האָט אַלעס אויסגערעכענט פּינקטליך. אויף אַלע פראָנטען איז געשטאַנען דער שטאַרקער „גדוד המכבי״ גרייט צו געבען דעם ערשטען אידישען קלאַפּ אויף די קעפּ פון די טיראַנישע גריכיש־סירישע סאָלדאַטען.

ווען אַפּעלעס מיט זיינע סאָלדאַטען זיינען איבערגעפאַלען דאָס שטעדטעל מודעין האָט מתתיהו צוערשט אויפגענומען דעם גריכישען אָפיצער מיט אַ געמאַכטע פריינדליכקייט. ער האָט זיך צעשמועסט מיט איהם וועגען זיין צוועק פון זיין באזוך און אַפּעלעס האָט פארלאַנגט אז מתתיהו זאָל איהם אַרויסגעבען זיינע פינף באַהאַלטענע זיהן . . .

פארשטעהט זיך, אז מתתיהו האָט איהם ערלויבט צו זוכען אין דער גאַנצער שטעדטעל אָבער ווען אַפּעלעס האָט געזעהען, אז מען האָט איהם אויסגעלאַכט איז ער געוואָרען אַן אַנגעצונדענער מיט כעס און ער האָט אויסגעשריהען:

— אויב אזוי, בין איך געקומען אַהער צו באַקעהרען אלע אידען צום גריכישען גלויבען — און דאָס זאָגענדיג האָט אַפּעלעס געהייסען זיינע

סאָלדאַטען אויפשטעלען אַן אלטאר אין מיטען שטעדטעל און ער האָט פארלאַנגט אז מתתיהו זעלבסט זאָל זיין דער ערשטער מקריב צו זיין א קרבן צום גריכישען גאָט צעאוס.

מתתיהו האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און האָט אַ זאָג געטאָן:

— דו ביזט דאָך אַן אָפיצער פון אַנטיוכיע, מסתמא האָסטו געהערט וואָס עס האָט אמאָל פּאַסירט מיט׳ן גרויסען מיניסטער הילּיאָדאָרוס ווען ער איז געקומען אין דעם בית־המקדש, טאָ ווי אזוי האָסטו גאָר קיין מורא נישט אַז דער אידישער גאָט וועט זיך אָפרעכענען אויך מיט דיר פאר אַזאַ פאַרברעכען געגען אונז אידען?

אָט די רייד פון מתתיהו׳ן האָבען נאָך מעהר אויפגערייצט דעם גרי־כישען נאַרישען אָפעלעס און ער האָט אויסגעשריהען צו דער מאַסע אידען, וועלכע זיינען געשטאַנען געצוואונגענערהייט ארום דעם גריכישען נייעם מזבח, אז אויב קיינער פון אייך וועט נישט אויספאָלגען מיין באפעהל שוין מקריב צו זיין אָט די שעפּס אויפ׳ן מזבח פאר׳ן גרויסען גאָט צעאוס דאַן וועלען מיינע סאָלדאַטען אייך אַלעמען אויסשלאַכטען אין פארלויף פון עט־ליכע געצעהלטע שטונדען.

צווישען דער מאַסע אידען איז געוואָרען א יללה, יעדערער האָט גע־פילט אז דער חלף ליגט איהם שוין אויפ׳ן האלז. וואָלט זיך עס געהאַנדעלט וועגען עפּעס אַן אַנדער זינד וואָלטען פילע פון זיי שוין נאָכגעגעבען אבי זיך צו ראַטעווען פון א זיכערען טויט, אָבער אַזאַ זינד ווי געצענדינסט איז דאָך איינע פון די דריי שטרענגסטע זינד אויף וועלכע די אידישע תורה זאָגט אָן „יהרג ואל יעבור“ בעסער זיך לאָזען טויטען און ניט צו זינדיגען די זינד. דערצו האָט קיינער פון די אידען נישט געוואוסט וואָס די חשמונאים דיינקען צו טאָן. די אַלע מיליטערישע באוועגונגען פון דעם „גדוד המכבי“ זיינען אָנגעגאַנגען שטילערהייט אז אפילו די אידען אין מודעין האָבען נישט גע־וואוסט געגוי ווי שטאַרק אָדער שוואַך דער „גדוד“ איז.

פלוצלונג האָט איינער פון דער מאַסע אידען זיך ארויסגעריסען איבער־געוואַלט און צולויפענדיג צום אָפיצער אַפעלעס האָט ער אויסגערופען:

— גיב מיר דיין שווערד וועל איך קוילענען דעם קרבן פאר׳ן גאָט צעאוס! איך קען שוין מעהר נישט גלויבען אין דעם אידישען גאָט וועלכער האָט פאַרוואָרפען פון זיך זיין אויסדערוועהלט פאָלק ישראל. ווען דער אידישער גאָט וואָלט טאַקע געקענט העלפען וואָלטען מיר נישט באַדאַרפט זיין אזוי פארשקלאַפט צו אַנדערע פעלקער . . .

— נתניה! וואָס טוסטו? ווער איז מיר! — האָט זיך דערהערט א

קוויטש פון אַ פרויען־שטימע וועלכע איז באַלד אַנידערגעפאַלען אין חלשות.

צווישען דער מאַסע איז געוואָרען אַ שטאַרקער טומעל. אייניגע פרוי־ען האָבען גענומען מינטערען די גע׳חלש׳טע פרומע יונגע פרוי פון דעם משוגע־געוואָרענעם נתניה׳ן וועלכער האָט זיך ארויסגעשטעלט פאַר אַ משומד. פיעל מענער האָבען גענומען שרייען: טויטעט איהם! צערייסט איהם אויף שטיקער, אַזאַ מסית ומדיח! דער איינציגער וואָס האָט זיך געהאַלטען רוהיג איז געווען דער גרייז־גרויער מתתיהו דער חשמונאי, ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— נתניה! טהו תשובה! דו ביזט נישט ביים קלאָהרען פאַרשטאַנד. לאָז ניט אז דיין נאָמען זאָל בלייבען צו שאַנד און צו שפּאָט ביים אידישען פאָלק. דו ביזט אַלעמאָל געווען אַ פרומער איד, ווארום זאָלסטו איצט מיט איינמאָל פאַרלירען אַלעס צוליב אַזאַ קלייניגקייט? דו פאַרלירסט „חיי עולם הבא״ צוליב א „חיי שעה.״

— איך וויל נישט שטאַרבען דורכ׳ן שווערד! — האָט דער צעיור־שעטער נתניה אָפּגעענטפערט.

— אויב מיר אַלע וועלען שטאַרבען דורכ׳ן שונא׳ס שווערד ווארום זאָלסטו וועלען זיין אַן אויסנאַהם, און אויב גאָט וועט אונז העלפען און מיר וועלען בייקומען דעם שונא, וועסטו דאָך אויך לעבען בלייבען — האָט מתתיהו צוריקגעענטפערט.

— איך וויל זיך ניט פאַרלאָזען מעהר אויף קיין נסים — האָט נתניה אויסגעשריהען און האָט גלייך אַ שפרונג געטאָן צום אלטאר און האָט מיט איין קלאַפּ מיט׳ן שווערד אַראָפּגעהאַקט דעם קאָפּ פון דעם קרבן פאַר׳ן אָפּגאָט צעאוס.

די גריכישע סאָלדאַטען האָבען ארויסגעלאָזט אַ היליכיגען בראַוואָ־געשריי און די מאַסע אידען איז געבליבען שטעהן ווי פאַרשטיינערט.

— „ובערת הרע מקרבך!״ — האָט מתתיהו אַ געשריי געטאָן — איצט איז געקומען די צייט אויסצוראָטען דאָס שלעכטע פון צווישען דעם אידי־שען פאָלק — און בליצשנעל האָט מתתיהו זיך אַ לאָז געטאָן צום משומד נתניה׳ן און נאָך איידער דער לעצטער האָט צייט געהאַט עפּעס ארויסצורעדען, האָט מתתיהו שוין געהאַט ארייגעשטאָכען זיין שפּיציגען שווערדעל אין דעם משומד׳ס רוקען, אזוי אז דער שפּיץ פון שווערדעל האָט אַדורכגעזעצט נתניה׳ס ברוסט און ארויסגעשפּאַרט פון צווייטען זייט.

נתניה איז אַנידערגעפאַלען מיט אַ טיפען קרעכץ נעבען דעם געצענ־דינערישען אַלטאַר און צווישען די גריכישע סאָלדאַטען האָט אויסגעבראָכען אַ ווילדער געשריי.

— אַ טויט צו דעם אַלטען רעוואָלוציאָנער! — האָט דער אַפּיצער אַפּעלעס אַ געשריי געטאָן און אין נעקסטען מאָמענט האָט ער זיך א לאָז געטאָן צום צווייטען זייט פון אלטאַר וואו מתתיהו איז געשטאַנען.

אָבער אין דעמזעלביגען מאָמענט איז געשעהן עטוואָס וואָס האָט אַלעמען צעטומעלט: נאָך איידער אַפּעלעס האָט אויספייעט צוצולויפען צו מתתיהו׳ן, האָט זיך דערהערט דער געשריי פון אַ דריי הונדערט מענשליכע שטימעס, וועלכעס איז געקומען פון די אידישע יונגע העלדען פון „גדוד המכבי״ אונטער דער פיהרערשאַפט פון דעם חשמונאי זוהן אלעזר.

דער „גדוד המכבי״ האָט אזוי האַסטיג ארומגערינגעלט די צוויי הונדערט סאָלדאַטען מיט אַזאַ אימפּעט, אַז אַפּעלעס איז געבליבען שטעהן אַ צעמישטער און אין די געצעהלטע מאָמענטען האָט מתתיהו א כאַפּ געטאָן אַ שווערדעל פון אַ אידישען יונגענמאַן פון צווישען דער מאַסע אידען און ווי א צערייצטער טיגער האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַפּעלעס׳ן

דער שלאַנקער און יונגער אַפּעלעס וואָלט זיכער זיך געקענט ארויס־דרעהען פון מתתיהו׳ס הענט, ווייל נאָך אלעמען איז דאָך מתתיהו שוין געווען אַ זקן, אָבער מתתיהו׳ס שווערער קערפּער איבער אַפּעלעס׳ן האָט גע־מאַכט דעם לעצטען אונמעגליך צו באַקומען די אויבערהאַנט און אין די נעקסטע עטליכע מינוטען פון א פאַרצווייפעלטער ראַנגלעניש אויף לעבען און טויט, האָט מתתיהו אויספייעט אַריינצושטעכען זיין שווערדעל אין אַפּעלעסעס בויך.

דערווייל האָבען די צוויי הונדערט סאָלדאַטען ארום דעם באַרג זיך גענומען פאַרטיידיגען געגען די פּלוצימדיגע, ווי פון אונטער דער ערד, אַנגעלאָפענע העלדען פון „גדוד המכבי״.

עס איז געוואָרען אַ געשריי, א געפּילדער פון אַלע זייטען. אַ טייל פון „גדוד המכבי״ זיינען שוין געווען אויפ׳ן באַרג צווישען דער מאַסע אידען און צווישען די פּאָר צעהנדליג סאָלדאַטען וועלכע זיינען ארויפגעקומען אַהער מיט אַפּעלעס׳ן, און אַ גרעסערער טייל פון זיי האָבען דערווייל גענומען פעכטען מיט די אַריבער הונדערט און פופציג סאָלדאַטען פון אונטער׳ן באַרג.

אלעזר זעלבסט, דער פיהרער פון גדוד, איז גלייך אַנגעלאָפען אויף זיין גאַלאָפּירענדען פערד נעבען זיין פאָטער וועלכער איז געזעסען האַלב פאַר׳חלש׳ט אויף אַ שטיין און האָט שווער געאָטעמט פון זיין גרויסע אָנ־שטרענגונג סיי מיט דעם מאָרד איבער דעם משומד נתניה׳ן און איבער־הויפּט מיט דעם אָפּיצער אַפּעלעס.

— ווי פילסטו, טאַטע! — האָט אלעזר אויסגערופען — געשטאַרקט

זאָלסטו ווערען פון אידישען גאָט ווי דו האָסט איצט גשטאַרקט די הערצער פון אונזערע ברידער אידען — און אין נעקסטען מאָמענט האָט ער זיך אַ קערעווע געטאָן צו דער צושראָקענער מאַסע אידען און האָט אויסגעשריהען:

— אידען! ברידער! היינט האָט מיין פאָטער אייך באַוויזען וואָס מען קאָן אויפטאָן מיט אַ געטליכער גבורה. שטעהט נישט ליידיג, נעמט אייערע שווערדען און קומט מיט מיר. לאָמיר נישט ארויסלאָזען קיין איינציגען סאָלדאַט פון שונא קיין לעבעדיגען.

— לעבען זאָלען די חשמונאים! — האָט מיטאַמאָל אַ דונער געטאָן די פרעהליכע שטימע פון די מאַסען אידען און אין עטליכע מינוטען שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבען אַ קאַמף פון אַלע זייטען. די פרויען און קינדער האָט מען שנעל צוגעפיהרט צום שטיין וואו מתתיהו איז נאָך אלץ געזעסען א פארשמאַכטער, און די מענער האָבען אָנגעהויבען שפּרינגען ווי טייוואָלים אין זייער רציחה־טאַנץ ארום די גריכישע סאָלדאַטען וועמען זיי האָבען געשטאָכען און געשניטען. דער געשריי פון די פארוואונדעטע און דאָס קרעכצען פון די גוסס'דיגע סאָלדאַטען, ווי אויך פון די אידען, האָט פארהילכט די לופט.

דריי שעה נאָכאַנאַנד האָט געהערשט דער שוידערליכער ספּעקטאַקעל פון טויט און פארניכטונג און מיטאַמאָל איז שטיל געוואָרען.

אלעזר, דער פיהרער, איז ארומגעלאָפען הין־אַהער איבער'ן בארג אויס־רופענדיג: — מיר האָבען געזיגט! דער שונא איז פאַרניכטעט! אויסער עטליכע אַנטלאָפענע סאָלדאַטען, נאָך וועלכע אונזערע צעהן העלדען יאָגען זיך שוין נאָך, זיינען אלע איבעריגע געטויטעט געוואָרען.

די צעיושעטע מאַסען אידען זיינען געבליבען שטעהן מיט צוריסענע קליידער און פארוואונדעטע אברים. פון איינעם האָט זיך געגאָסען בלוט פון א האַנט אָדער פון א פוס און פון צווייטען האָט זיך באַוויזען עטליכע אויסגעזעצטע ציינער פון מויל און פילע פון זיי זיינען געווען מיט אויסגעפליקטע בערד און צובייזלטע קעפּ.

מען האָט אָנגעהויבען שרייען און רופען איינער דעם צווייטען, פרויען האָבען גערופען די נעמען פון זייערע מענער, און מאַמעס און טאַטעס האָבען אויסגעשריען מיט אַלע כחות די נעמען פון זייערע זיהן.

דערווייל האָט דער אַלטער מתתיהו זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס און האָט אויסגערופען:

— ברידער און שוועסטער! איך בעט אייך! מאַכט ניט אַזאַ טומעל, אַלעס וועט באלד קומען אין אָרדנונג. מיין זוהן אלעזר מיט זיינע העלדען

וועלען איבערקוקען אלע טויטע און פארוואונדעטע און ער וועט אייך אי־בערגעבען אַ באַריכט פון אַלעמען.

עס איז געוואָרען שטיל. יעדערער האָט זיך אויסגעשטעלט אין אַ גלייכע ליניע און אלעזר'ס העלדען האָבען אויסגעפרעגט, מיט אַ סדר, פון יעדען איינעם וועך פון זיין פאַמיליע פעהלט איהם פאר די אויגען. דאַן האָבען די העלדען אויסגערופען די נעמען פון די פעלענדע און יעדערער האָט אָפּגעענטפערט און איז צוגעשטעלט געוואָרען צו זיין משפחה.

צו דער ענדע האָט זיך ארויסגעוויזען אז עס פעהלען בלויז צעהן אידען. אלעזר האָט גלייך געגעבען אַ באַפעהל און מען האָט אָנגעהויבען זוכען צווישען די פארוואונדעטע איבער'ן גאנצען בארג.

ערשט אין עטליכע שטונדען שפּעטער האָט מען ארויפגעבראַכט זעקס טויטע אידען און פיר לייכט פארוואונדעטע.

— מיר האָבען אומגעבראַכט פון שונא צוויי הונדערט סאָלדאַטען פאר'ן פּרייז פון בלויז זעקס „קדושים" פון אונזערע ברידער! — האָט אלעזר אויסגערופען.

די גאַנצע מאַסע אידען האָט ארויסגעשאַלט מיט א יובל געשריי „הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו", לויבט גאָט וועלכער איז גוט צו אונז און זיין גנאָד וועט זיין מיט אונז אויף אימער.

מען האָט באַלד אַוועקגעטראָגען די פיר פארוואונדעטע אידען אין אַ נאָהענטע הויז און עטליכע אידען וועלכע האָבען געוואוסט ווי אומצוגעהען מיט קראַנקע זיינען פארבליבען מיט זייערע פארוואונדעטע ברידער זיי צו היילען.

די זעקס טויטע אידען האָט מען נאָך אין זעלבען טאָג געבראַכט צו קבורה מיט א זעהר איינדרוקספולע לויה־פּראָצעסיע.

ערשט שפּעט אין אָוונט האָט אלעזר באַקומען די נאַכריכט פון זיין ברודער יהודה'ן, אז ער זאָל אָפּשטעלען בלויז הונדערט פון זיין „גדוד" אין מודעין אונטער מנחם'ס קאָמאַנדע און ער אליין זאָל שוין ארויסקומען צו איהם צווישען די „יודעאישע" בערג מיט די איבעריגע צוויי הונדערט העלדען.

יהודה'ס שליח האָט איבערגעגעבען צו מתתיהו'ן א גרוס פון זיין זוהן, אַז ער, יהודה, ליגט איצט פאַרשטעקט מיט זיינע פינף און צוואַנציג הונדערט העלדען צווישען די „יודעאישע" בערג און זיי דערוואַרטען צפניה'ס ארמיי יעדע מינוט, און אזוי ווי צפניה מאַרשירט מיט קאַרגע זעקס טויזענט סאָלדאַטען, דעריבער וויל יהודה זיך צוגרייטען מיט אַ גרעסערען „גדוד"

און אלעזר מוז שוין אַרויסקומען צו איהם כאַטש מיט צוויי הונדערט לייט.

— און וואו איז יונתן און שמעון? — האָט אלעזר געפרעגט דעם שליח.

— יונתן האָט שוין אָפּגעשניטען אריבער טויזענט סאָלדאַטען פון צפניה׳ס ארמיי אויף זייער וועג פון ים־ברעג און וואָס דאָרט קומט פאָר ווייסען מיר נאָך ניט. שמעון האלט איצט אַ פאַרביטערטע שלאַכט נעבען יריחו מיט די פינף הונדערט סאָלדאַטען וואָס צפניה האָט אַוועקגעשיקט אַהין.

— אויב אזוי, האָט אלעזר א זאָג געטאָן צום שליח — מוזען מיר שוין ארויסרופען יוחנן פון ירושלים ווייל מיינע עטלעכע הונדערט העלדען וועלען ניט זיין גענוג. יוחנן איז איצט אין ירושלים מיט אַריבער פינף הונדערט פון די איסיים סעקטע. זיי קענען גוט צוניץ קומען אין אונזער שלאַכט צווישען די בערג.

— איך קען אָבער אַהין ניט רייטען איצט — האָט דער שליח געענטפערט — ווייל יהודה האָט מיר אָנגעזאָגט, אז פון דאַנען זאָל איך שנעל אַפּרייטען צו יהונתן׳ען נאָך יפו און זעהן אויסגעפינען ווי די לאַגע האַלט דאָרטען.

— אויב אזוי וועל איך אָפּרייטען נאָך ירושלים צו מיין ברודער — האָט אלעזר געענטפערט.

אין א קורצע ווילע שפּעטער זיינעןביידע, אלעזר דער חשמונאי און יהודה׳ס שליח, שוין געווען אין זייער פולען גאלאָפּ, יעדערער פון זיי אויף זיין באַזונדערען וועג. אלעזר האָט פריהער באַשטימט מנחמ׳ן אלס פיהרער איבער די הונדערט אידישע העלדען וועלכע זאָלען פאַרבלייבען אלס וואך איבער מודעין און צוויי הונדערט פופציג העלדען האָט ער אָפּגעשיקט אונטער דער קאָמאַנדע פון זיינעם א גוטען פריינט, צו זיין ברודער יהודה אין די „יודעאישע“ בערג.

ווען אלעזר איז אָנגעקומען אין ירושלים האָט ער געטראָפען זיין ברודער יוחנן אין אַ שטאַרק צושראָקענעם צושטאַנד. אַלע אין שטאָדט האָבען שוין געוואוסט אז מאָרגען־איבערמאָרגען וועט דער גענעראל אַפּאָלאָניוס אָנקומען אַהער מיט צוואַנציג טויזענט סאָלדאַטען.

— וויפיעל העלדען האָסטו איצט מיט זיך? — האָט אלעזר א פרעג געטאָן זיין ברודער.

— איך ווייס אליין ניט גענוי — האָט יוחנן געענטפערט — ווייל עס ווענדעט זיך ווי די אידען דאָ וועלען אָפּענטפערען אויף אונזער רוף.

אלעזר האָט ניט פארלאָרען קיין צייט. ער האָט גלייך ארויסגעשיקט עטליכע אויסרופערס איבערן שטאָדט און אין א צווייִ שטונדען שפּעטער האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט צענדליגע טויזענטע אידען אויף א גרויסען פעלד אונטער דער שטאָט.

אלעזר, זיצענדיג אויף זיין פערד, האָט אויסגעשריען צו דער גרויסער מאַסע:

— ברידער! מיר מוזען האַנדלען שנעל. מיר האָבען איצט צו פיהרען אַ שלאַכט אויף עטליכע פראָנטען מיט אמאָל. מיינע דריי ברידער יהודה, יונתן און שמעון פיהרען איצט זייערע שלאַכטען מיטן שונא אויף דריי באזונדערע פראָנטען וועלכע איך קען אייך ניט ארויסגעבען איצט זייערע פלעצער צוליב דעם שפּיאָנאזש פון די מתיונים . . .

— מיר מוזען שנעל האָבען כאָטש א טויזענט העלדען פאר מיין ברודער יהודה׳ס גדוד, נאָר אזוי ווי עס האלט דערביי אז אפּאָלאָניוס זאָל באפאלען אויך ירושלים, דעריבער גיב איך אייך איבער די ברירה: ווער פון אייך עס וויל מיטגעהן מיט מיר צו מיין ברודער יהודה׳ס פראָנט זאָל זיך שוין אריינשטעלען אין דער ליניע נעבען מיר, און ווער עס וויל פארבלייבען אין מיין ברודער יוחנן׳ס גדוד צו באַשיצען ירושלים זאָל זיך שוין שטעלען אין דער ליניע נעבען מיין ברודער.

— מיר קענען נישט באַשיצען ירושלים קעגען צוואַנציג טויזענט סאָל־דאַטען פון אַפּאָלאָניוס׳ן — האָבען זיך דערהערט געשרייען פון אַלע זייטען פון דער גרויסער מאַסע אידען, און גלייך נאָכדעם האָבען זיך אויסגעשטעלט ביי א טויזענט יונגעלייט נעבען אלעזר׳ן.

— וואָס וועט איהר אַלע טאָן? — האָט אלעזר אויסגערופען צו די פּיעלע אַנדערע יונגעלייט וועלכע זיינען דערווייל נאָך געשטאַנען צווישען דער גרויסער מאַסע אידען.

— מיר גלויבען ניט אַז מיר וועלן קענען באַזיגען דעם שונא — האָט איינער פון דער מאַסע אויסגעשריען — גענוג בלוט איז שוין פאַרגאָסען געוואָרען אין אונזער לאַנד, מיר מוזען זיך אונטערגעבען און אזוי ארום ראַטעווען אונזערע לעבענס.

— אַ מתיון! א משומד! א פאררעטער פון אידישען פאָלק! — האָט זיך דערהערט דער ווילדער געשריי פון דער מאַסע מענשען געגען דעם רעדנער.

— טויטעט איהם! צורייסט איהם אויף שטיקער! ער וויל אָפּשוואכען די הערצער פון אונזער יוגענט — האָבען אַנדערע געשריהען.

— ברידער! — האָט אלעזר ארויסגעדונערט מיט זיין שטימע — איך זעה שוין אז ירושלים וועט פאַלען. מיט אַזעלכע שרעקעדיגע און פאַר־רעטערישע מתיונים, ווי איהר האָט דאָ צווישען זיך, וועט אפּאָלאָניוס מאַכען ווי איהם וועט געפעלען. איך וואָרען אייך צום לעצטען מאָל: ווער עס וויל צושטעהן צו מיין „גדוד" זאָל זיך שוין שטעלען נעבען מיר און ווער עס וויל פארבלייבען אין ירושלים און פאלען פון שונא'ס שווערד זאָל זיך שטעלען נעבען יענעם מתיון, ווייל מיין ברודער יוחנן, ווען איך האָב געדענקט אָפּצושטעלען מיטן גדוד, וועט אויך מיטגעהן מיט מיר צו אונזער ברודער יהודה'ס גדוד, ווייל ירושלים איז צו שוואַך אין גייסט זיך געגענ־צושטעלען די ארמיי פון צוואַנציג טויזענט סאָלדאַטען פון אפּאָלאָניוסן. מיר מוזען פריהער זיגען געגען דעם ערשטען אויסערליכען שונא און נאָכהער וועלען מיר זעהן וואָס מיר האָבען צו טאָן ווייטער . . .

עס האָט ניט געדויערט לאנג און אלעזר מיט זיין ברודער יוחנן האָבען ארויסגעמאַרשירט פון ירושלים מיט א גדוד פון אכצעהן הונדערט יונגעלייט.

— מיר מוזען באקומען פערד פאַר אַלעמען — האָט אלעזר א זאָג געטאָן צו זיין ברודער — מיט אַזאַ לאַנגזאַמען געהן וועלען מיר חלילה פאַר־שפּעטיגען די צייט.

— וואו קענען מיר באקומען אזוי פיעל פערד מיטאַמאָל — האָט יוחנן געפרעגט.

אלעזר האָט זיך פארטראַכט פאַר אַ היבשע ווײלע און דאן האָט ער אַ זאָג געטאָן: — איך וואָלט דיר ראַטען מיטצונעמען א 20—30 לייטע פון דער מאַסע מענשען וועלכע רייטען דאָ אויף פערד און פאָהר־צו מיט זיי נאָך מודעין; דאָרטען וועסטו שוין באקומען גענוג פערד, סיי די פערד וואָס מיר האָבען אָפּגעקויפט ביי די אדומים און סיי די פערד פון די סאָלדאַטען ווען מיר האָבען נעכטען אויסגעשלאָכטעט אין מודעין. פארגעס ניט מיטצונעהמען גענוג שווערדען און שפּיזען. אונזער שוועגערין דבורה האָט די אויפזיכט איבער דאָס געוועהר און אויך איבער דאָס שפּייז.

— און וואוהין זאָל איך נאָכהער קומען, צו דיר אָדער צו יהודה'ן? — האָט יוחנן געפרעגט.

— צו יהודה'ן — האָט אלעזר געענטפערט און ער האָט באַלד צו־געגעבען: — דו זאָלסט אָבער זיך גוט היטען ווען דו וועסט ארייגרייטען צווישען די בערג, ווייל מען קען ניט וויסען דורך וועלכען זייט צפניה'ס סאָלדאַטען וועלן אָנקומען. געדענק אז דו וועסט פיהרען מיט זיך, ניט

נאָר דיינע 30 לעבעדיגע נפשות נאָר אויף פיעל פערד, געפעקט מיט שפייז און אמוניציע, וועלכע זענען פונקט אזוי וויכטיג פאר אונז אין איצטיגען מאָמענט אָזוי ווי לעבעדיגע העלדען.

אלעזר האָט איבערגעגעבען זיין ברודער יוחנן געגוי די פּאָזיציע וואו יהודה׳ס גדוד געפינט זיך צווישען די בערג און גלייך נאָכדעם האָט יוחנן אָפּגעריטען נאָך מודעין מיטנעמענדיג מיט זיך דרייסיג רייטערס פון די נייע העלדען, און אלעזר מיט זיינע אריבער 17 הונדערט מענשען האָבען פּאָרטגעזעצט זייער לאַנגזאַמען מארש ווייטער.

קאַפּיטעל 33

## יהודה האָט נחת פון גענעראל צעפּאַנאָס — די שחיטה אין בית המקדש — דער פּאָטער שעכט זיין טאָכטער — יואש דער העלד.

צווישען די שטעדט אשתאל און צרעה, וועלכע ליגען ביים אָנהויב פון די „הרי יהודה״, די באַוואוסטע „יודעאישע בערג,״ אין א גלייכער ליניע פון ירושלים צו מעריב זייט, איז פאָרגעקומען א גרויסער גערודער: עטליכע העלדישע פיהרערס אונטער די קאָמאַנדע פון יהודה דער חשמונאי זיינען דורכגעפלויגען, רייטענדיג אויף זייערע פלינקע פערד, צווישען די פאַרשידענע פּאָזיציעס פון דעם „גדוד המכבי״ וועלכער איז געווען איינגעטיילט צו עטליכע הונדערט מאַן אין יעדען באַזונדערען פּלאַץ צווישען די בערג.

יהודה זעלבסט, מיט א צעהן הויפּט העלדען, זיינען געשטאַנען מיט זייערע פערד, אויף אַ שפּיציגען פעלז נעבען דעם ארויסגאַנג פון די בערג ניט ווייט פון דער שטאָדט גזר (געזער) און האָבען אויסגעקוקט דאָס אָנקומען פון צפניה׳ס ארמיי.

— איך בין כמעט זיכער אז צפניה וועט פיהרען זיינע בהמות דורך דעם ים ברעג גלייך צו אונז אין די בערג — האָט יהודה באַמערקט צו זיינע צעהן הויפּטלינגע — אונזער קלוגער צפניה ווייס אז עס איז אַ ריזיקע פאַר איהם דורכצומאַרשירען פון דעם כרמל בארג איבער שומרון און שכם, ווייל דער גענעראל אַפּאָלאָניוס וועלכער געפינט זיך אין שומרון, וואָלט זיכער ארויסגעקומען אַנטקעגען איהם און וועלענדיג זיך ערקונדיגען וואָס דאָ קומט פאָר, וואָלט אפּאָלאָניוס געוואָרען פאַרדעכטיגט און ער וואָלט אָנהויבען מאַכען גרויסע שוועריגקייטען. מיר וואונדערט אָבער ווארום צפניה איז נאָך נישטאָ.

— מעגליך אז ער איז שוין אַטאַקירט געוואָרען דורך יהונתנ׳ס גדוד ביי יפו — האָט איינער פון די צעהן הויפּט העלדען ארויסגעזאָגט זיין מיי־נונג.

— איך גלויב עס קוים! — האָט יהודה געענטפערט — ערשטענס האָט ער דאך שוין געשיקט אהין א טויזענט סאָלדאַטען ווען ער איז נאָך געווען מיט זיין ארמיי אויף די לבנון בערג; צווייטענס, ווארום זאָל ער האָבען געענדערט זיין פּלאַן, לויט ווי ער זעלבסט האָט מיר שוין געמאָלדען באַצייטענס, אז ער וועט אַנקומען דורך דער ליניע פון די שטעדט גמזו, גזר, צרעה, און אשתאל? און דריטענס, ווי קען מיין ברודער יונתן זיך שטעלען אַנטקעגען אזא גרויסע ארמיי פון אַ זעקס טויזענט מאן?

— פיליכט וואָלט געווען ראטזאַם אז מיר זאָלען צושיקען א קוריער אַ קוק טאָן וואס עס הערט זיך ביי יונתנ׳ן אין יפו? — האָט אַ צווייטער העלד א פרעג געטאָן.

— דאָס האָב איך שוין געטאָן — האָט יהודה געענטפערט — נעכטען האָב איך ארויסגעשיקט א קוריער נאָך מודעין צו רופען אַהער מיין ברודער אלעזר מיט זיינע מענשען און אויך צו זעהן וואס עס קומט פאַר ארום יפו מיט מיין ברודער יונתן.

— מיר דוכט אז מען קומט! — האָט דער צופה (אויסקוקער) אויסגע־שריען.

יהודה מיט זיינע צעהן העלדען האָבען אַנגעשטרענגט זייערע אויגען צו דעם ווייטען שוואַרצען פינטעל וואָס האָט זיך באוואויגען אויף די פלאַכערע בערג פון צפון זייט פון גזר. יעדערער פון די דאָזיגע עלף העלדען האָט געשוויגען און מיט צאַפּלדיגע הערצער האָבען זיי נאָכגעפאָלגט מיט זייערע בליקען די שוואַרץ־פינטעלדיגע באוועגונג אויף די בערג פון דער ווייטענס.

— מיר דוכט אז מיר מאַכען אַלע א טעות! — האָט יהודה אויסגערופען מיט אַ שמייכעל — דאָס איז ניט קיין גריכישער מארש . . . ניין! צופיעל אומבאריטענע פערד זעה איך דאָרטען...

אַלע האָבען אָפּגעוואָרט וואָסערע צעהן־פופצעהן מינוטען און מיט־אַמאָל האָט יהודה אויסגערופען:

— אָה! א גליק איז אונז געשעהן. דאָס איז גאָר מיין ברודער יוחנן מיט . . .

יהודה האָט זיך פארהאָקט אין זיינע רייד צוליב זיין גרויס פארוואונדע־רונג באַטראַכטענדיג פון דער ווייטען זיין ברודער יוחנן רייטענדיג פאָראויס,

מיט נאָך א דרייסיג העלדען, און נאָך זיי לויפען נאָך עטליכע הונדערט אונ־באַריטענדע פערד מיט פיעל געפעק אויף זייערע רוקענס

— וואָס איז דאָרטען? — האָט איינער פון די העלדען אויסגערופען אין אַ געלעכטער — צו וואָס פיהרט יוחנן פערד מיט פעק? ווייס ער דען ניט אז מיר דאַרפען בלויז העלדען אָבער ניט קיינע פערד?

די גאַנצע קאָמפּאַניע איז געשטאַנען מיט פארגאַפטע אויגען און זיך געוואונדערט אויף דער מאָדנער פערדישער ארמיי וואָס יוחנן פיהרט, אָבער אזוי שנעל ווי יוחנן האָט דערגרייכט צו זיין ברודער יהודה מיט זיינע צעהן העלדען, האָבען אלע באַלד אויסגעפונען די וויכטיגקייט פון דער נייער פערדישער ארמיי מיט די פעק. יוחנן האָט זיי דערצעהלט אז ער פיהרט עס די פערד מיט די פארפּאַקטע געוועהר פאר דעם נייען גדוד פון אַכצעהן הונדערט מאַן וואָס אלעזר האָט שוין צונויפגענומען אין ירושלים און ער פיהרט זיי איצט צו זייער צענטראַלער ארמיי אין די „יודעאישע בערג".

— זעהר גוט אויסגערעכענט! — האָט יהודה אויסגערופען מיט שמחה — פאר אכצעהן הונדערט נייע גדודניקעס דאַרף מען טאַקע האָבען פערד מיט געוועהר.

באַלד נאָכדעם האָט יוחנן איבערגעגעבען די נייעס אז זיין פאָטער און ברודער האָבען שוין א תל געמאַכט פון די צוויי הונדערט גריכען וואָס צפניה האָט געהאַט צוגעשיקט נאָך מודעין, און דער עיקר וועגען דעם טויט פון דעם אָפּיצער אַפּעלעס מיט דעם אידישען משומד נתניה ועמען מתתיהו זעלבסט האָט געטויטעט.

— מיט גאָטס הילף וועלען מיר היינט־מאָרגען אויסראָטען די גאַנצע ארמיי פון צפניהן — האָט יהודה צוגעגעבען. מיר האָבען איצט פולע פיער טויזענט מיט פינף הונדערט מאקאבייער געגען די קאָרגע זעקס טויזענט בהמות וואָס צפניה פירט אָהער.

עס איז באַלד באַשלאָסען געוואָרען ווי צו האַנדלען מיט די נייע אַכט־צעהן הונדערט גדודניקעס וועלכע זיינען נאָך אונערפאהרענע, און יהודה האָט אָפּגעשיקט יוחנן מיט די פערד און געוועהר צו דער שטאָט אבן־העזר, אַנזאָ־גענדיג איהם אז ער זאָל דאָרטען אָפּשטעלען די פערד מיט די געוועהר ביי דעם לאָקאַלען מאקאבייער העלד און דאַן זאָל ער ארויסרייטען אַנטקעגען אלעזר'ן און איהם העלפען ברענגען, און פאַנאַנדערטיילען, די אַכטצעהן הונ־דערט גדודניקעס אין דריי באַזונדערע פונקטען צווישען די בערג וואו עס שטעהען שוין גרייט די פיעלע העלדישע גדודים מיט זייערע פיהרערס.

יוחנן האָט אַלעס דורכגעפירט לויט יהודה'ס ראַט, און ארום פאַרנאַכט

איז יוחנן מיט נאָך עטליכע רייטערס, ארויסגעקומען אַנטקעגען זיין ברודער אלעזר מיט זיינע אַכצעהן הונדערט לייטע.

— אלץ הייסט אַ קריכען! — האָט יוחנן באַמערקט צו זיין ברודער אזוי שנעל ווי ער האָט איהם דערגרייכט ביים אַנהויב פון די בערג.

— פאַרגעס ניט ברודער, אז די דאָזיגע ארמיי געהט צו פוס איבער די בערג און דעריבער קענען מיר ניט לויפען אזוי ווי די האָסט עס שוין אוספייעט מיט דיין גאלאָפּ פון ירושלים נאָך מודעין און פון מודעין נאָך די בערג און איצט ביזטו שוין דאָ צוריק נעבען מיר, האָט אלעזר געעטפערט.

גליך נאָכדעם האָט יוחנן איבערגעגעבען זיין ברודער וועגען יהודה׳ס באפעהל אז מען זאָל פאַנאַנדערשיקען די אַכטצעהן הונדערט לייט אין דריי באַזונדערע פלעצער, און אלעזר מיט זיבען הונדערט לייט האָבען אַוועק־געמאַרשירט ווייטער צו מעריב זייט.

יוחנן מיט זיינע באַגלייטערס האָבען אויך מיטגענומען יעדערער פון זיי צו קלענערע גרופעס פון די נייע גדודניקעס און האָבען אַוועקמאַרשירט צו זייערע באַשטימטע פלעצער.

---

עס איז שוין געווען נאָך אַ האַלבער נאַכט און אין דעם לאַגער פון די מאקאבייער העלדען צווישען די שטעט צרעה און אשתאל איז געווען שטיל. די אידישע העלדען זיינען געלעגען אויסגעשפרייט אויף די, פון טוי, פייכטע גראָזען און געשלאָפען.

פּלוצלינג איז אָנגעלאָפען א גאלאָפּירענדער רייטער פון מעריב זייט און צולויפענדיג צום פּלאַץ וואו עס איז געזעסען דער הויפּט פיהרער פון לאַגער, האָט ער אויסגערופען אין א קורצער פראַזע:

— יואש! שנעל שיק ארויס פופציג פלינקע רייטערס נאָך גזר! יהודה וועט מיט זיי אַנטלויפען נאָך יבנה. אויך שיק ארויס טויזענט מאן נאָך די בערג ארום תמנה! פאַרשטאַנען?

— יאָ! — האָט יואש געענטפערט אויפשפרינגענדיג אויף די פיס — איך ווייס שוין פון דעם פּלאַן.

אין די נעקסטע צעהן מינוטען האָבען זיך ארויסגעלאָזען די צוויי גרופעס גדודניקעס פון יואש׳ס לאַגער: איין גרופע פון פופציג רייטערט נאָך גזר און אַ צווייטע גרופע פון טויזענט מאן נאָך די בערג ארום תמנה.

אין דער זעלבער צייט ווען יואש האָט דורכגעפירט די קאָמאַנדע פון יהודה׳ן איז יהודה זעלבסט געשטאַנען מיט זיינע צעהן העלדישע אדיוטאַנטען נעבען דער שטאָדט גזר און האָבען געפיהרט אַ געשפרעך צווישען זיך:

— אויף אזא גליק האב איך זיך גארניט געריכט — האט יהודה א זאג געטאן צו זיינע אדיוטאנטען — איך מוז צוגעבען אז אונזער באליבטער צפניה איז טאקע א געבוירענער טאלאנטפולער גענעראל. ניט אומזיסט האט איהם דער קעניג אנטיאכוס עפיפאנעס אנפארטרויט אן ארמיי פון זיבען טויזענט גריכישע סאלדאטען . . .

די צעהן אדיוטאנטען האבען זיך צולאכט פון יהודה׳ס כמעט אויפ־ריכטיג־געמיינטען וויץ. אט זעהן זיי דאך טאקע ווי קונציג צפניה, דער אזוי גערופענער גענעראל צעפאנאס, האט שוין צושפליטערט זיין זיבען טויזענטיגע ארמיי אין עטליכע באזונדערע טיילען, טויזענט מאן האט ער אוועקגעשיקט נאך יפו אז זיי זאלען אויסגעשלאכטעט ווערען דורך יונתנ׳ען מיט זיין גדוד; צוויי הונדערט מאן מיטן אפיצער אפעלעס האט ער אוועק־געשיקט נאך מודעין וואו מתתיהו מיט זיינע מענשען האבען זיי שוין פערטיג געמאכט; און פון די רעשטע פינף טויזענט דריי הונדערט סאלדאטען האט ער צוטיילט אויף צוויי טיילען, פופצעהן הונדערט נאך תמנה און אכט און דרייסיג הונדערט פיהרט ער מיט זיך נאך גזר אריינצופאלען אין יהודה׳ס הענט.

יהודה מיט זיינע מענשען האבען געריבען זייערע הענט פון גרויס שמחה און דערוייל זענען אנגעלאפען די פופציג פלינקע רייטערס, וואס יואש האט ארויסגעשיקט, און יהודה האט זיי אין קורצען ערקלערט ווי צו האנדלען אין דעם מאמענט ווען די ערשטע גריכישע סאלדאטען וועלען אנקומען.

עס האט ניט געדויערט לאנג און אזוי שנעל ווי די ערשטע גריכישע טרופען האבען זיך באוויזען פון דעם וויטען האריזאנט האט יהודה א געשריי געטאן צו איינעם פון זיינע מענשען:

— עזריה! שנעל לויף צום פיהרער יהויריב אין אילון און הייס איהם ארויסמארשירען מיט זיינע דרייצעהן הונדערט גדודניקעס צו צפונית־מערבית זייט און ארומרינגלען די גריכען פון הינטען. איך וועל דערוייל מכלומרשט אנטלויפען מיט מיינע מענשען נאך יבנה אום אפצוציהען די גריכען נאכצו־לויפען נאך מיר. יואש מיט זיין גרויסען גדוד וועלען דערוייל צייט האבען אנצוקומען נאך גזר פונקט אין צייט.

— עס איז דאך אבער א ריזיקע פאר דיר צו אנטלויפען נאך יבנה מיט בלויז ניין און פופציג העלדען — האט עזריה א זאג געטאן.

— ניין! — האט יהודה געענטפערט — צפניה וועט פארשטעהן ניט צו לאזען צופיעל פון זיין ארמיי נאכצויאגען נאך מיר.

עזריה האָט האַסטיג אָ קירעווע געטאָן זיין פערד און האָט אַוועק־גאַלאָפּירט „פייל אויס בויגען."

— איצט ברידער! — האָט יהודה אויסגערופען צו זיינע 59 מענשען — לאָמיר געהן אַנטקעגען די גריכען. פאַרגעסט ניט אונזער פּלאַן: „עטליכע פון אייך זאָלען אַנטלויפען באַזונדער און די רעשטע מיט מיר צוזאַמען, אום אַז עס זאָל אויסזעהן ווי מיר וואָלטען געוואָרען צושראָקען . . .

באַלד דארויף האָט יהודה, אין דער באַגלייטונג פון זיינע 59 העלדען, אָנגעהויבען צו רייטען אַנטקעגען די גריכען אזוי ווי זיי וואָלטען גאָרניט וויסען ווער עס קומט אַן געגען זיי.

---

אין דערזעלבער צייט ווען יהודה, יוחנן און אלעזר, מיט זייערע צאָהל־רייכע העלדען זיינען געווען גרייט צו פאַרניכטען די גריכישע ארמיי צווישען די „יודעאישע" בערג, און יונתן איז געווען פאַרנומען אין דער שלאַכט מיט די טויזענט גריכען וועלכע צפניה האָט צוגעשיקט נאָך יפו, און אויך שמעון איז געווען פאַרנומען אין דער שלאַכט מיט די פינף הונדערט צוגעשיקטע גריכען נאָך יריחו, דאַמאַלסט האָט דער גריכישער גענעראַל, דער צורר היהודים אַפּאָלאָניוס, אַריינמאַרשירט מיט זיינע 20 טויזענט סאָלדאַטען אין ירושלים און ער האָט געמאַכט א חורבן פון דער שטאָדט, טויטענדיג פילע הונדערטע אידען און אויך האָט ער זיך געוואָרפען מיט אַ ווילדע רציחה אויפ'ן בית־המקדש, און זיינע צעיושעטע סאָלדאַטען האָבען אָנגעהויבען האַקען אידישע קעפּ אויף דער גרויסער פּראַכטפולער „עזרה" (דער אויס־געפלאַסטערטער פּלאַץ פון ארום דעם גרויסען טעמפּעל).

אַפּאָלאָניוס האָט שוין געוואוסט פון דער משומדת מרים, וועלכע איז אַנטלאָפען פון גענעראַל צעפּאַנאַסעס ארמיי פון די „לבנון" בערג און איז געקומען מיט אַ געוואַלד צו אַפּאָלאָניוס'ן אין שכם אז מען האָט אַפּגענאַרט דעם קעניג מיט א פאַלשען גענעראַל און מיט אַ פאַלשע געליבטע און אז די זיבען טויזענדיגע ארמיי איז שוין א פאַרלאָרענע. אַפּאָלאָניוס האָט באַלד באַשלאָסען צו נעהמען ראַכע פון די חשמונאים און פריהער פאַרכאַפּען ירושלים און איהר רואינירען.

אַפּאָלאָניוס האָט שנעל צונויפגעזאַמעלט זיין גאַנצען גאַרניזאָן פון שכם און שומרון און פון אַנדערע שטעדט און דערפער און ער האָט זיך געוואָר־פען מיט אַ בעסטיאַלישע רציחה אויף ירושלים. מרים די משומדת איז מיטגעגאַנגען מיט אַפּאָלאָניוס'ען און ווען די ווילדע גריכען האָבען געש־לאַכטעט די אידען אויפ'ן „הר הבית" און אַפּאָלאָניוס איז ארומגעלאָפען

היך־אַהער מיט געשרייען צו זיינע אָפּיצערען און סאָלדאַטען אַז זיי זאָלען ניט זשאַלעווען צו מאָרדען און צושטערען אלעס און אַלעמען וואָס קומט זיי אונטער די הענט, דעמאָלסט האָט מרים צוגעקוקט אויף דעם ווילדען ספּעקטאַקעל מיט פרעהליכע אויגען און מיט אַ געפיהל פון נקמה.

היבשע עטליכע שטונדען האָט געדויערט די שוידערליכע שחיטה אויפ׳ן סאַמע הייליגסטען פּלאַץ. די גריכען האָבען געשניטען אידישע העלזער, געשטאָכען מיט שפּיזען און געהאַקט מיט די שווערדען אַזוי ווי פולשטענדיגע טייוואָלים־משוגעים און די געוואַלדען און געשרייען פון די קרבנות איז געווען „הימעל־עפען זיך״.

דערווייל האָט אַפּאָלאָניוס זיך ארויפגעכאַפּט אויף דעם גרויסען „מזבח״ אין דער „עזרה״ און פון דאָרטען האָט ער פונדאַסניי אָנגעהויבען צו געבען זיינע קאָמאַנדעס צו די גריכישע רוצחים. צוזאַמען מיט אַפּאָלאָניוס׳ן איז אויך מרים געשטאַנען אויפ׳ן „מזבח״ און האָט אָנגעקוואָלען פון דער שחיטה אויף איהרע פאַרהאַסטע אידישע ברידער. מרים האָט צוגעטופּעט מיט איהרע פיס אויפ׳ן „מזבח״ און האָט געשריען מיט אַ שפּאָטישען געלעכטער:

— לוקוס, לוקוס! ביז וואַנען דיינקסטו נאָך צו פאַרשלינגען אַזוי פיעל בלוט פון די קרבנות וואָס די נאַרישע אידען אָפּפערען צו דיר? דו, מזבח, ביזט דער גרעסטער לוקוס (וואָלף) אין דער וועלט וועלכער ווערט קיינמאָל ניט זאַט פון בלוט, אָבער פון היינט אָן און ווייטער וועסטו שוין מעהר ניט האָבען קיינע קרבנות מיט בלוט ווייל די אידען וועלען פאַרניכטעט ווערען.

און אין דער זעלבער צייט ווען די שחיטה איז אָנגעגאַנגען אויף דער „עזרה״ זיינען געשטאַנען עטליכע עלטערע אידען באַהאַלטען אין אַ ווינקעל און געציטערט און געפּלאָטערט פון גרויס שרעק. זיי האָבען מורא געהאַט צו שרייען אָדער ארויסצוקומען פון זייער באַהעלטעניש. אָבער אַזוי שנעל ווי זיי האָבען דערזעהן דער צעיושעטער מרים׳ן און זיי האָבען געהערט איהר פרעכען געלעכטער און ווידערשפּעניגע רייד געגען גאָט און געגען זיין פאָלק, האָט איינער פון זיי זיך אַ כאַפּ געטאָן מיטביידע הענט ביים האַרצען און האָט אויסגעשריען מיט אַ ביטערען געוויין:

— מרים! וועה איז מיר! דו, מיין טאָכטער, זאָלסט וואַגען אַזא פאַרברעכען?

די אַנדערע עטליכע זקנים האָבען זיך דערשראָקען פון דעם זקן׳ס אויס־געשריי און זיי האָבען געוואָלט פאַרשטיקען דעם זקן׳ס מויל אום ניט צו ווערען ענטדעקט אין זייער באַהעלטעניש. אָבער דער אַלטער האָט געשריען

מיט אַלע כחות: — לאָזט מיך ארויסשרייען מיין וועהטאָג! לאָזט מיך צוקומען צו דעם אויסוואורף, די משומדת, וועלכע האָט רואינירט מיין לעבען!

און נאָך איידער די זקנים האָבען אוספעיעט צו אַנטלויפען, האָבען עטליכע גריכישע אָפיצערען זיי דערזעהן און מען האָט זיי ארויסגעשלעפט פון זייער באַהאַלטענעם ווינקעל און אָנגעהויבען צו שלאָגען.

דער אַלטער פאָטער האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו שרייען: — מרים! מרים! לאָזט מיך צו צו איהר! זי איז אמאָל געווען מיין טאָכטער! לאָזט מיר!

אפאָלאָניוס, דערהערענדיג די געשרייען פון דעם אלטען איד, האָט באלד געהייסען די אָפיצערען צוצופיהרען דעם אלטען נעבען דעם "מזבח" און ער האָט אַ פרעג געטאָן מרים׳ען:

— וויסטו ווער דער דאָזיגער אלטער מאן איז?

— דאָס איז איינער פון די שטאָדט משוגעים... — האָט מרים גע־ענטפערט מיט אַ הילכיגען שפאָטישען געלעכטער.

— איך? איך בין דאָך דיין טאַטע! — האָט דער אלטער אויסגעשריען מיט אַ קוואל טרערען — וויניג דיר די צרות וואָס דו האָסט געבראכט אויף מיר מיט דיין גאָטזעליגער מאמע׳ן וועלכע איז געשטאָרבען פון צרות צוליב דיין אפיקורסות, שמד, און זנות, ווילסטו נאָך אויך איצט פארלייקענען אז דו ביזט מיין טאָכטער?

— משוגענער! וואָס רעדסטו? — האָט מרים אַ געשריי געטאָן — איך האָב ניט קיין טאַטען און קיין מאמען און איך קען דיך ניט!

— איך בין טאַקע אַ משוגענער אז איך האָב דיך ניט געטויטעט באלד נאָך דעם ווי דו ביזט געבוירען געוואָרען — האָט דער אלטער בילגה דער כהן אויסגעשריהען מיט א וויטהענדע שטימע און יעדעס גליעד פון זיין קערפער האָט געציטערט ווי אין קאָנוואולסיעס.

— אַוועק פון דאַנען, משוגענער כהן! — האָט מרים אַ געשריי געטאָן.

— אויב שוין יאָ אַ משוגענער, וועל איך דיר ווייזען וואָס אַ משוגענער קען טאָן — האָט דער אַלטער בילגה אויסגערופען מיט א צופלאַמטען פנים און אין נעקסטען אויגענבליק האָט ער א שפרונג געטאָן אויפ׳ן "מזבח" און איידער וואָס, ווען, האָט ער ארויסגעכאַפּט זיין שאַרפען חלף פון בוזים און אַ פיהר געטאָן מיט א פלינקען טיעפען שניט איבער מרים׳ס האַלז.

מרים האָט זיך א צאַפּעל געטאָן און געוואַלט אָנהויבען שרייען און לוי־פען אָבער מעהר ווי צוויי שפּאַן האָט זי נישט געקענט מאַכען. זי איז באַלד א נידערגעפאַלען מיט׳ן קאָפּ אויפן „מזבח" און האָט אָנגעהויבען צו כאָרכלען.

דאָס בלוט פון איהר האַלז האָט אָנגעהויבען צו שטראָמען איבער'ן וואַנט פון מזבח און איהרע צוויי אויסגעלאָשענע אויגען האָבען זיך געפינטעלט און געצאַפּעלט אַנטקעגען די גרויסע מאַסע מענשען.

און אין די זעלבע פּאָר סעקונדען, וואָס דער אמאָליגער זעהר חשוב'ער כהן בילגה און איצטיגער שרעקליך־ענטוישטער און ווילד־געוואָרענער טאָ־טע, האָט דורכגעפיהרט זיין שוידערליכע ראַכע און שטראָף איבער זיין בת יחידה מרים, די משומדת, האָט אפּאָלאָניוס דורכגעפיהרט זיין ראַכע אַקט איבער דעם אַלטען טאַטען. בילגה האָט שוין ניט אוספּייעט אראָפּצולויפען צוריק פון „מזבח" נאָר ער איז באַלד דערשטאָכען געוואָרען פון די שפּיזען פון עטליכע גריכישע אָפיצירען וועלכע האָבען אויף אפּאָלאָניוס'ס געשריי, שנעל ערמאָרדעט דעם אַלטען, אזוי געררופענעם, משוגענעם בילגה.

דער טומעל אין דער "עזרה" איז נאָכמעהר פאַרשטאַרקט געוואָרען. אפּאָלאָניוס האָט געהאַלטען אין איין געוואַלדעווען:

— לאָזט ניט ארויס קיין איין לעבעדיגען איד! מערדערט, שלאַכטעט, טויטעט אלעמען!

און אין פאַרלויף פון עטליכע שעה איז די "עזרה" פאַרוואַנדעלט גע־וואָרען אין א פולשטענדיגען שלאַכט פּלאַץ. טייכען בלוט האָבען זיך געגאָסען איבער דעם ווייסען אויסגעפּלאַסטערטען באָדען. די געשרייהען און יללות פון די פאַרוואונדעטע און די גסיסה זיפצען און קרעכצען פון די שטאַרבענדע האָבען זיך געהערט ווייט און ברייט ארום דעם גאַנצען „הר הבית".

ווער ווייס ווי לאַנג די דאָזיגע שחיטה וואָלט אָנגעהאַלטען ווען נישט דער פלוצימדיגער אויסגעשריי פון אייניגע אנטלויפענדע גריכישע אָפיצערען ווען זיי האָבען אויסגעשריהען:

— די חשמונאים! די חשמונאים רינגלען אונז ארום!

אפּאָלאָניוס איז געוואָרען שטאַרק צוטומעלט און ער האָט זיך אַ יאָג געטאָן ארויסצולויפען פון דער „עזרה" שרייענדיג צו זיינע סאָלדאַטען:

— שנעלער, צו דער „אקרא" פעסטונג! שליסט צו די טויערען פון דער פעסטונג!

און אין געציילטע עטליכע מינוטען זיינען די פיעלע טויזענטע גריכען פאַרשוואונדען געוואָרען פון דער „עזרה" און גלייך נאָכדעם איז אָנגעלאָפען שמעון דער חשמונאי מיט זיין גדוד פון אַכט הונדערט מאַן.

— ראַטעוועט! מיר שטאַרבען! גאָט האָט אייך געבראַכט אַהער!

— האָבען צעהנדליגע שווער פאַרוואונדעטע אידען אָנגעהויבען צו קלאָגען און וויינען אזוי שנעל ווי זיי האָבען דערזעהן שמעון'ען מיט זיינע מענשען.

שמעון האָט ניט באַדאַרפט פרעגען קיינע פראַגעס. די שוידערליכע סצענע וועלכע האָט זיך אַנטפלעקט פאַר זיינע אויגען האָט איהם שוין אלעס ערקלעהרט. עס זיינען געלעגען הונדערטע טויטע אידען מיט פארגלאָצטע אָפענע אויגען און פון זייערע קערפערס האָבען גערונען ליניעס פון בלוט. פיעלע פון זיי זיינען געלעגען מיט צושפּאָלטענע קעפּ און צוריסענע בייכער פון וועלכע עס האָט געזעצט א געדיכטע פּאַרע ווי א רויך, און פיעלע טויטע קערפּערס זיינען געוועזען אָהן הענט און אָהן פיס.

די צאָהל פון די טויטע איז געוועזען זעהר גרויס אָבער די יללות פון די פארוואונדעטע האָבען געמאַכט די סצענע אויסקוקען נאָכמעהר שוידערליך. די זיפצען און קרעכצען האָבען פשוט פארטויבט די אויערען.

— גאָט פון ישראל! — האָט שמעון אויסגערופען מיט אַ צופלאָמטען פּנים פון שרעק און אַנגסט — זאָג דו אליין ביז ווען נאָך וועסטו קענען צוקוקען און שווייגען אויף אַזעלכע צרות און יסורים?

— איצט איז ניט די צייט צו טרויערען נאָר צו טאָן — האָט איינער פון שמעונ׳ס אדיוטאַנטען באַמערקט.

— וואָס קענען מיר איצט דאָ אויפטאָהן מיט אונזערע אַכט הונדערט לייטע? — האָט שמעון געענטפערט מיט א זיפץ און ער האָט באַלד צוגע־געבען: — ווייזט אויס אז גאָט גלעטיגט מיט איין האַנט און שטראָפט מיט דער צווייטער האַנט. אָט האָבען מיר נאָר וואָס אויסגעשלאָכטעט די פינף הונדערט גריכען וואָס צפניה האָט אונז צוגעשיקט אין יריחו און איצט, וועלענ־דיג וואָס גיכער דערגרייכען צו אונזערע גדודים צווישען די „יודעאישע״ בערג אום ארויסצוהעלפען זיי אין זייער גרויסע שלאַכט געגען דעם גרעסערען טייל פון צפניה׳ס ארמיי, האָבען מיר גאָר אָנגעטראָפען אזא מהומה דאָ אין ירושלים, זייענדיג אויף אונזער וועג פון יריחו נאָך די „הרי יהודה״.

— דו זעהסט דאָך אז אפּאָלאָניוס האָט זיך דערשראָקען פאַר אונז און ער איז אַנטלאָפען מיט זיין ארמיי צו דער „אקרא״ פעסטונג — האָט דער אדיוטאַנט באַמערקט.

— ער איז אַנטלאָפען ווייל ער דיינקט אז מיר האָבען מיט זיך א גרויסען גדוד, אָבער ווען ער וועט אויסגעפינען אז מיר זיינען בלויז אַכט הונדערט מאַן, וועט ער צוריק ארויסקומען — האָט שמעון געענטפערט — מיר טאָרען דאָ ניט פאַרבלייבען לייגגער, ווייל סיי ווי קענען מיר דאָ גאָרניט אויפטאָן געגען א צוואַנציג טויזענטדיגע מאַסע פון די גריכען.

— אויב אזוי דאַרפען מיר שוין ווייטער גאלאָפּירען צו יהודה׳ס גדוד און איהם העלפען — האָט דער אדיוטאַנט אָפּגעזיפצט.

— ניין! ניט צו יהודה׳ן — האָט שמעון געענטפערט מיט פארקריצטע צייהן פון כעס — מיר מוזען נעהמען ראַכע פון אפּאָלאָניוס׳ן פאר דער אידישער שחיטה דאָ אין ירושלים.

— ווי אזוי? — האָבען די עטליכע אַדיוטאַנטען א פרעג געטאָן.

— מיר וועלען שוין שאַפען א נייען פּראָנט געגען אפּאָלאָניוסעס ארמיי — האָט שמעון געענטפערט און ער האָט באַלד צוגעגעבען: — אפּאָלאָניוס וועט דאָך זיכער וועלען זיך צוריקקעהרען נאָך שומרון, דעריבער דארפען מיר שוין אָפּרייטען נאָך דער שטאָט „בית־חורון" וועלכע איז צווישען די שטעדט ירושלים און מודעין, און מיר וועלען אינפאָרמירען יהודה׳ן אז ער זאָל צושיקען א טייל פון זיין גדוד צו פארשטעלען די אַנדערע וועגען פון „רמה" און „בית־אל" און דאן וועלען מיר קענען אַריינכאַפּען אפּאָלאָניוסעס ארמיי אין אַ פאַסטקע.

— אָבער וואָס טוט מען מיט די פאַרוואונדעטע און ערמאָרדעטע אידען פון דאַנען? — האָט איינער פון די אַדיוטאַנטען ווידער געפרעגט.

— מיר וועלען דאָ אָפּשטעלען א הונדערט מאן פון אונזער גדוד אז זיי זאָלען דאָ מאַכען אָרדנונג און מיט די אַנדערע זיבען הונדערט וועלען מיר שוין אָפּרייטען נאָך „בית־חורון" — האָט שמעון געענטפערט.

באַלד נאָכדעם האָט שמעון אָפּגעשטעלט הונדערט גדודניקעס אין ירושלים און ער מיט די רעשטע זיבען הונדערט האָבען אוועקגאַלאָפּירט נאָך „בית־חורון".

---

ווען יהודה מיט זיינע 59 העלדישע רייטערס האָבען אָנגעהויבען רייטען אַנטקעגען די ערשטע גרופּעס גריכען פון צפניה׳ס ארמיי האָט רוחמה, די געליבטע פון דעם, אזוי גערופענעם, גענעראַל צעפאַנאָס, באַלד דערקענט פון דער וויטענס די אָנקומענדע רייטערס און זי האָט שטילערהייט א מורמעל געטאָן צו צפניה׳ן:

— דו זעהסט, צפניה? אָט קומט דאָ יהודה מיט בלויז עטליכע און פופציג מאן, וואָס קען עס באַדייטען? ווייסט ער דען נישט אונזער פּלאַן אז מיר ווילען אריינפיהרען אונזערע בהמות צווישען די געדיכטע בערג? וואָס עפּעס האָט ער זיך צוגעאיילט און ארויסגעקומען אזוי ווייט אוועק פון די בערג?

— מיר מוזען זעהן ווי ער וועט האַנדלען — האָט צפניה געענטפערט — מעגליך אז יהודה וויל דאמיט אונז אָנמערקען וואָס מיר האָבען צו טאָן.

— איך דיינק אז יהודה וויל אז מיר זאָלען איהם פּרובירען נאָכיאָגען — האָט רוחמה א זאָג געטאָן.

— מעגליך אז דו האָסט רעכט. אָט וועל איך הייסען א פופציג סאָלדאַטען זיך א יאָג טאָן נאָך איהם, וועלען מיר זעהן וואָס ער מיינט צו טאָן.

באַלד דאַרויף האָט צפניה באַפוילען איינעם פון די אָפיצערען מיט־צונעהמען פופציג סאָלדאַטען און נאָכיאָגען די אַנטקעגען־אַנקומענדיגע אידי־שע רעוואָלוציאָנערען.

דער אָפיצער האָט שנעל א יאָג געטאָן זיינע סאָלדאַטען אַנטקעגען יהודה׳ן מיט זיינע באַגלייטערס.

— שפטיה! זבדי! שנעלער לויפט נאָך אילון און זאָגט יהויריב׳ן אז ער זאָל נאָכשיקען נאָך מיר נאָך יבנה צוויי הונדערט מאַן — האָט יהודה אויסגערופען צו צוויי פון זיינע העלדען און גלייך נאָכדעם האָט ער א געשריי געטאָן צו די איבעריגע העלדען:

— שנעלער פאַרקירעוועט צוריק! לאָמיר אָנהויבען אי־זער געלאָף נאָך יבנה. צפניה פאַרשטעהט מיין פּלאַן.

די גאַנצע קאָמפּאַניע האָט שנעל זיך פאַרקירעוועט אויף צוריק און אָנגעהויבען לויפען אזוי ווי זיי וואָלטען באמת זיך דערשראָקען פאַר די גריכישע נאָכיאָגערס.

פאַרשטעהט זיך אז דער גריכישער אָפיצער האָט באַקומען מעהר מוטה, זעהענדיג ווי דער קליינער הייפעל אידישע רייטערס זיינען אזוי שטאַרק צושראָקען און זיי אַנטלויפען, און ער האָט אַ געשריי געטאָן צו זיינע סאָלדאַטען אז מען זאָל ווי אַמשנעלסטען אָניאָגען די אַנטלויפענדע.

ווען צפניה האָט באַמערקט פון דער ווייטען אז יהודה האָט אַוועק־געשיקט צוויי פון זיינע מענטשען נאָך א באַזונדערען וועג און ער אליין מיט די עטליכע און פופציג רייטערס לויפען צוריק, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען אז יהודה האָט א פּלאַן פון וועלען אָפּנאַרען דעם שונא.

צפניה האָט אַ זאָג געטאָן צו רוחמה׳ן:

— דו ווייסט, רוחמה? מיר מוזען פּרובירען צו קומען אין באַריהרונג מיט אימיצען פון יהודה׳ס מענטשען אום אויסצוגעפינען גענוי וואָס זיינע פּלענער זיינען. פיליכט וואָלט איינער פון אונזביידע געקענט זיך ארויסכאַפּען פון דער ארמיי און איבערגעהן צום גדוד פון יהודה׳ן?

— דו צפניה, טאָרסט עס ניט טאָן — האָט רוחמה געענטפערט — דערוויל ביסטו נאָך דער גענעראַל צעפּאַנאָס און דו מוזט אריינפיהרען דיין

אַרמיי צווישען דעם אינערליכען טייל פון די בערג. אויב דו ווילסט וועל איך מיטנעמען אַ הונדערט סאָלדאַטען און אָנהויבען נאָכיאָגען נאָך יהודה׳ן . . . איך וועל שוין זעהן אז דער אָפיצער מיט זיינע הונדערט מאַן זאָלען טאַקע בישט קענען טאָן קיין שלעכטס צו יהודה׳ן מיט זיינע עטליכע און פופציג מאַן.

צפניה האָט באַלד אויסגעקליבען אַ הונדערט רייטערס און ער האָט אָנגעזאָגט רוחמה׳ן ווי צו האַנדלען אין פאל אז זי וועט פיהלען א געפאַהר פון איהרע אייגענע סאָלדאַטען, און גלייך נאָכדעם האָט רוחמה, מיט איהר קליינעם לעגיאָן, אויך אָפגעריטען אויפן זעלבען וועג נאָך יבנה.

צפניה האָט באַלד באַפוילען זיין גאַנצע ארמיי צו מאַרשירען ווייטער. זיי האָבען אָנגעהויבען אריינצוגעהן צווישען די געדיכטע בערג וועלכע פאַנגען זיך אָן פון מזרח זייט פון „גזר״.

די ארמיי האָט אזוי מאַרשירט עטליכע שטונדען און מיט אמאָל האָט זיך באַוויזען א רייטער גאַלאָפירענדיג אַנטקעגען די גריכישע ארמיי און האַלטענדיג א גריכישע פאַן הויך פלאַטערענדיג איבער׳ן קאָפּ.

צפניה האָט אָנגעשטריינגט די אויגען און מיט אמאָל האָט ער אויס־גערופען צו זיינע נאָהענט־רייטענדיגע אָפיצערען:

— מיין שוועסטער קומט צוריק! זי מוז האָבען גוטע נייעס.

צפניה האָט אָפגעשטעלט דעם מאַרש, און אין עטליכע מינוטען שפּעטער איז רוחמה שוין געשטאַנען נעבען צפניהן און זי האָט אויסגערופען מיט אַ פריילּיכע שטימע:

— מיר האָבען שוין געזיגט! . . . אונזערע צוויי הונדערט העלדען האָבען שוין אויסגעשלאָכטעט דעם גרעסטען חשמונאי העלד יהודה׳ן מיט זיינע מענשען . . . איך האָב זיי געהייסען רייטען נאָך תמנה, ווייל דאָרטען שטעהען א טויזענט אידישע רעוואָלוציאָנערען . . . און איך בין געקומען אָהער אָנזאָגען אז מיר דאַרפען צושיקען נאָך טויזענט סאָלדאַטען נאָך תמנה און טויזענט נאָך אילון און מיט די איבעריגע וועלען מיר מאַרשירען נאָך צרעה און אשתאל . . .

— בראַוואָ! מיין ליבע שוועסטער! — האָט דער גענעראַל צפאַנאַס אויסגערופען מיט אַ שאַלמישען שמייכעל — דו וועסט זיכער באַקומען אַ מעדאַל פון אונזער גרויסען קעניג אַנטיוכוס . . .

צפניה האָט שנעל ארויסגעשיקט די צוויי טויזענט סאָלדאַטען אויף די צוויי באַזונדערע וועגען: איינע נאָך תמנה, וואו עס האָט שוין געוואַרט אויף זיי דער גדוד פון יואש׳ן, און א צווייטע נאָך אילון, וואו עס האָט שוין געוואַרט אויף זיי יהויריב׳ס גדוד, און גלייך נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבען

מאַרשירען מיט די איבעריגע צוויי טויזענט סאָלדאַטען נאָך צרעה און אשתאָל וואו דער העלד יואש זעלבסט, מיט זיינע פערצען הונדערט פאַרבליבענע העלדען, האָבען זיי דערוואַרטעט.

רייטענדיג לאַנגזאַם צווישען די בערג האָט צפניה צייט געהאַט זיך צו ערקונדיגען פון רוחמה'ן געננוי וואָס זי האָט אוספייעט אויסצוגעפינען:

— די צוויי הונדערט נאָך יבנה זיינען שוין פאַרטיג . . . — האָט רוחמה אריינגעשושקעט צפניה'ן אין אויער — א גליק איז געשעהן וואָס יהודה זעלבסט איז דאָרטען געווען צווישען די אידישע העלדען, האָט ער מיך גלייך דערקענט און געראַטעוועט פון א זיכערען טויט . . . ער האָט מיר געהייסען דיר איבערצוגעבען אז דו זאָלסט צוטיילען די ארמיי נאָך תמנה, אילון, און צרעה־אשתאל . . . און אזוי ארום בין איך איצט ווידער נעבען דיר און אָט געהען מיר צום לעצטען אַקט, מיר האָבען שוין געזיגט . . .

— דו ביזט אַ העלדין — האָט צפניה שטילערהייט אַ מורמעל געטאָן — מיר וועלען זיכער באַלד אריינפאַלען אין די הענט פון אונזער שונא . . . און — — —

— און לעבען גליקליך — האָט רוחמה שנעל פאַרכאַפּט מיט א געלעכ־טער.

— אפּאַלאַ! צעאוס! העלף! ראַטעווע אונז פון טויט! — האָט פלוצלינג אויסגעבראָכען אַ ווילדער געשריי פון די צעשראָקענע צוויי טויזענט גריכישע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען פלוצלינג דערזעהען ווי אַ מאַסע אידישע רייטער האָבען זיך אַ לאָז געטאָן באַרג אַראָפּ פון אַלע זייטען.

— אָט איז דער פיהרער יואש זעלבסט — האָט רוחמה אריינגעשושקעט צו צפניה'ן אין אויער, אָנצייגענדיג איהם מיט'ן האַנט אויף אַ פלינקען העלדישען רייטער וועלכער איז געפלויגען „פייל אויס בויגען" פון צפון זייט פון דעם באַרג און נאָך איהם האָבען גאַלאָפּירט עטליכע הונדערט רייטערס מיט די בלויזע שווערדען אין זייערע הענט און מיט אַ קלינגענדיגען געשריי האָבען די העלדען אויסגעשריען: לה' הישועה! גאָט וועט אונז העלפען!

צפניה האָט שנעל ארויסגעכאַפּט א ווייסען פאַהן פון זיין בוזעם און אויפהויבענדיג דעם פאַהן הויך איבער'ן קאָפּ האָט ער אויסגעשריען צו זיינע סאָלדאַטען:

— מיר מוזען פריהער אָפּנאַרען די חשמונאים מיט אַ מכלומרשטען שלום און ווען זיי וועלען שוין זיין נעבען אונז וועלען מיר וויסען וואָס צו טאָן מיט זיי . . .

— ניין! מיר מוזען שוין אָנהויבען די שלאַכט — האָט איינער פון צפניה׳ס אָפיצערען אויסגערופען.

— אַט האָסטו שוין דעם אָנפאַנג פון דער שלאַכט! — האָט צפניה שנעל געענטפערט, און מיט איין מאַך מיט זיין האַנט האָט ער אריינגערוקט זיין שווערד אין דעם אָפיצערס ברוסט.

דער אָפיצער האָט מיט אַ קרעכץ זיך אַראָפּגעגליטשט פון זיין פערד און איז געבליבען ליגען א טויטער אויף דער ערד. אלע ארומיגע אָפיצערען, ווי אויך די נאָהענטע סאָלדאַטען, זיינען געבליבען שטעהן פאַרציטערטע און צעטומעלטע פון גרויס שרעק.

דערווייל האָבען די העלדען פון יואש׳ס גדוד דערגרייכט צום, אזוי גערופענעם, גענעראַל צעפּאַנאָס און יואש האָט אויסגערופען מיט אַ שעל־מישען שמייכעל:

— לויט ווי איך זעה, ביזטו וויליג צו מאַכען שלום מיט אונז... אָבער מיר קענען נישט שליסען קיין שלום סיידען מיר וועלען פריהער בעמען געפאַנגען דיך מיט דיינע הויפּט אָפיצערען...

— צו וואָס דאַרפט איהר אונז נעהמען געפאַנגען? — האָט צפניה פּרובירט פרעגען.

— ווייל מיר מוזען אַרויסבאַקומען פון דיר אַלע פּלענער פון דיין אַרמיי וואָס דו האָסט געבראַכט אַהער — האָט יואש געענטפערט מיט אַ געלעכטער.

— איך וועל נישט דערלאָזען אזא סקאַנדאַל! — האָט רוחמה אויסגע־שריען מיט אַ געמאַכטען כעס.

— ווער איז די דאָזיגע פרוי? — האָט יואש מ׳כלומר׳שט אַ פרעג געטאָן.

— דאָס איז מיין שוועסטער, די געליבטע פון קעניג אַנטיוכוס — האָט צפניה געענטפערט מיט אַ געמאַכטען שטאָלץ...

— אויב אַזוי וועל איך נעמען געפאַנגען אויך דיין שוועסטער — האָט יואש אַ זאָג געטאָן און גלייך נאָכדעם האָט ער באפוילען אז פופציג אידישע העלדען זאָלען אָפּפיהרען דעם גענעראַל צעפּאַנאָס, זיין שוועסטער, מיט די צעהן הויפּט אָפיצירען, נאָך דעם פּלאַץ „אבן העזר“.

צפניה האָט מ׳כלומר׳שט פרובירט פּראָטעסטירען אויף זיין נייער מערכה... אָבער יואש האָט מעהר נישט געוואָלט הערען קיין רייד פון איהם...

אזוי שנעל ווי מ׳האָט אַוועקגעפיהרט צפניה׳ן מיט רוחמה׳ן מיט די

צעהן אָפיצערען, האָט יואש געגעבען אַ קאָמאַנדע אז די צוויי טויזענט גריכישע סאָלדאַטען זאָלען, יעדער פון זיי, אויסטאָן די געוועהר פון זיך.

צווישען די סאָלדאַטען האָט אויסגעבראָכען אַ געשריי, זיי האָבען אָנגעהויבען שרייען אז מען האָט זיי אומישנע אָהער פאַרנאַרט, אָבער די אידישע העלדען האָבען נישט דערלאָזען צו קיין ווילדע אויסברוכען נאָר זיי האָבען צוגעאיילט די אנטוואָפנונג און אין אַ שעה צייט זיינען שוין אַלע גריכען געווען אַנטוואָפּענט.

יואש האָט זיך דערוויל דורכגעשמועסט שטילערהייט מיט צוויי הויפט העלדען פון זיין גדוד און ער האָט זיי באַאויפטראָגט שוין אָפצורייטען נאָך תמנה און זעהן אז די פאַרבליבענע לעבעדיגע גריכען זאָלען שוין געבראַכט ווערען נאָך „אבן־העזר” וואו מען וועט שוין טרעפען דאָרט יהודה׳ן און דאָן וועט מען באַשליסען וואָס צו טאָן.

די צוויי פיהרער האָבען באלד אָפגעריטען נאָך תמנה און יואש מיט זיינע העלדען האָבען אָנגעהויבען פיהרען די אנטוואָפענטע געפאַנגענע צוויי טויזענט גריכישע סאָלדאַטען נאָך „אבן־העזר”.

## קאַפּיטעל 34

# יהודה׳ס פּינקטליכע פּלענער

ווען יהודה מיט זיינע 57 העלדען זיינען אַנטלאָפען נאָך יבנה, האָבען זיי אויפ׳ן וועג שוין אָנגעטראָפען די דריי הונדערט צוגעשיקטע העלדען וואָס יואש האָט שנעל אַרויסגעשיקט אַהין לויט׳ן אָפגעמאַכטען פּלאַן.

יהודה האָט געזען אז בלויז איין גריכישער אָפיצער מיט זיינע פופציג סאָלדאַטען יאָגען זיך נאָך איהם, האָט ער דעריבער געגעבען א קאָמאַנדע, און די דריי הונדערט פון „גדוד המכבי” האָבען שנעל אַרומגערינגעלט די גריכען און אין אַ קורצער ווילע איז קיין זכר נישט געבליבען פון זיי, אָבער ווען די אידישע העלדען האָבען זיך אַרומגעקוקט און דערזעהן אַז פרישע הונדערט גריכישע סאָלדאַטען, מיט א פּרוי אַלס פיהרערן (דאָס איז געווען רוחמה) יאָגען זיך אַנטקעגען זיי, האָבען זיי געוואָלט אַטאַקירען דעם נייעם לעגיאָן, און זיכער וואָלט רוחמה אויך פאַרלאָרען איהר לעבען, אָבער דער פלינקער יהודה האָט באַלד דערקענט דער פרומער רוחמה׳ן, די דינסט פון דער חשמונאים פאַמיליע אין מודעין, און ער האָט געגעבען א באַפעל אַרויס־צוראַטעווען רוחמה׳ן. רוחמה איז קונציג אַרויסגעראַטעוועט געוואָרען און

ווען זי איז צוגעפיהרט געוואָרען צו יהודה׳ן, האָט דער העלדישער פיהרער אַ זאָג געטאָן:

— שלום! דו, רוחמה, וועסט זיכער פאַרדינען דעם גרעסטען רוהם און כבוד ביי דעם אידישען פאָלק פאר דיינע העלדישע אויפטוהונגען צו גונסטען אונזער פאָלק.

דערווייל האָבען די אידישע העלדען אויסגעראָטען אויך די דאָזיגע הונדערט סאָלדאַטען, און יהודה האָט געראַטען רוחמה׳ן צוריקצורייטען צו איהר, אַזוי גערופענעם, ברודער גענעראל צעפאַנאָס און איהם הייסען פיהרען זיין ארמיי נאָך די פלעצער וואָס דער לייענער ווייס שוין פון דעם פאַריגען קאַפּיטעל.

ווען רוחמה האָט זיך צוריקגעקעהרט, האָט יהודה שנעל אָפּגעריטען נאָך תמנה אום צו העלפען די דאָרטיגע העלדען פון יואש׳ס גדוד אין זייער שלאַכט מיט די טויזענט סאָלדאַטען.

אין תמנה איז די שלאַכט צוגעגאַנגען שווער, ווייל אויסער די אַכט הונדערט העלדען פון יואש׳ס גדוד, האָבען די אידען נישט געקענט באַקומען מעהר הילף, און דעריבער האָט יוחנן, וועלכער איז געווען דאָרטען מיטן גדוד, געמוזט אָנווענדען פאַרשידענע מיטלען אום ניט ארויסצולאָזען די טויזענט גריכישע סאָלדאַטען פון זיינע הענט ביז וואַנען עס וועט אָנקומען הילף, אָבער אזוי שנעל ווי יהודה מיט זיינע אַריבער דריי הונדערט העלדען זיינען אָנגעקומען נאָך תמנה, איז די שלאַכט צעפלאַקערט געוואָרען מיט גרויס אימפעט, ווייל די טויזענט גריכישע סאָלדאַטען מיט זייערע אָפיצערען האָבען אָנגעמאַכט פּיעל צרות צווישען דעם „גדוד המכבי״ און עס האָט שוין געהאַלטען דערביי אַז די אידען וועלען מוזען אויפגעבען זייער פאָזיציע, אָבער יהודה האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיט אַזאַ אימפעט, אז אפילו זיינע גאַר נאָהענטע העלדען האָבען איהם באַוואונדערט און עס האָט געדויערט בלויז עטליכע שטונדען און דער זיג איז אַריבער אויף דער אידישער זייט.

אַריבער אַכט הונדערט גריכען זיינען געפאַלען טויט און די רעשטע צוויי הונדערט, פיעל פון זיי פאַרוואונדעטע, האָט מען אַנטוואָפענט און גענומען געפאַנגען. פון די אידען זיינען געפאַלען בלויז ביי אַ הונדערט טויטע.

די שטימונג איז געוואָרען זייער געדריקט. אָבער יהודה האָט באַלד דערפיהלט די וויכטיגקייט פון מאָמענט, אז מען טאָר נישט דערלאָזען צו קיין יאוש און פעסימיסטישע געפיהלען אין די הערצער פון זיינע העלדען. און כאָטש דאָס האַרץ האָט איהם שטאַרק וועה געטאָן אויפן היבשען פאַרלוסט פון דעם „גדוד המכבי״, דאָך האָט ער געמוזט עפעס טאָן אויפן „הייסען

מאָמענט" אום אַריינצוברייננען אַ פרישקייט און דערמונטערונג אין אַלעמענס הערצער. און דעריבער האָט יהודה אויסגערופען:

— ברידער! מיר טאָרען נישט קלאָגען צופיעל אויפן טויט פון אונזערע העלדען, ווייל מיט זייער טויט האָבען זיי געבראַכט אַ זיג איבער אונזער שונא. אונזערע ברידער, וועלכע זיינען געפאַלען מיטן שווערד אין זייערע הענט, וועלען דינען אלס אַ ביישפיל פאר אונז אַלעמען אז מיר טאָרען נישט אויפגעבען אונזער „מלחמת מצוה", אונזער הייליגע שלאַכט, געגען דעם שונא וועלכער וויל אונז באַרויבען פון אַלעס. שטאַרקט זיך! איהר קינדער פון פאָלק ישראל! זאָל אונזער היינטיגער זיג נישט פאַרוואַנדעלט ווערען אין קיין טרויער. אונזערע געפאַלענע העלדען זאָלען שוין אָפּגעפיהרט ווערען נאָך „מודעין" און געבראַכט ווערען צו קבורה, און מיר, לעבעדיגע, מוזען ווייטער אָנגעהן מיט אונזער פליכט פאר אונזער גאָט, פאָלק, און לאַנד.

אַלע העלדען, אויסהערענדיג יהודה׳ס ווערטער, האָבען ווי פונדאַסניי אויפגעלעבט. גאָר שנעל האָט מען צענויפגעקליבען די טויטע קערפּערס פון די אידישע העלדען און מען האָט זיי אָפּגעשיקט אונטער א וואַך פון עטליכע צעהנדליג רייטערס נאָך „מודעין".

יהודה מיטן גדוד האָבען מיטגענומען די צוויי הונדערט גריכישע געפאַנגענע און זיי האָבען אָפּגעריטען נאָך „אבן־העזר".

אָנקומענדיג אין „אבן־העזר", האָט יהודה שוין געטראָפען יואשן מיט די צוויי טוזיענט גריכישע געפאַנגענע. אויך האָט יהודה זיך צום ערשטען מאָל באַגריסט מיט צפניהן, וועלכער צוזאַמען מיט רוחמה׳ן, זיינען זיי ביידע גענומען געוואָרען אַלס געפאַנגענע דורך יואשן.

— פון היינט אָן און ווייטער ועסטו, צפניה, זיין דער אידישער גענעראל פון אונזער „גדוד המכבי" — האָט יהודה דערקלעהרט מיט פייערליכקייט.

יואש האָט געפרעגט יהודהן וואָס צו טאָן מיט די געפאַנגענע און יהודה האָט זיך געוואָלט נעמען צייט צו באַטראַכטען ווי צו האַנדלען, אָבער אין זעלבען טאָג איז אָנגעקומען א שליח פון שמעונען וועלכער האָט איהם באַנאַכריכטעט וועגען דעם נייעם חורבן וואָס אַפּאָלאָניוס האָט אָנגעמאַכט אין ירושלים און אַז שמעון מיט זיין גדוד האָבען זיך אַרויסגעלאָזט נאָך „בית־חורון" ערשטענס, אָפּצוהאַלטען אַ מעגליכען מארש פון אַפּאָלאָניוסן נאָך „מודעין" און צווייטענס, וויל שמעון אַרומרינגלען אפּאָלאָניוסעס ארמיי ווען זיי וועלען זיך אומקעהרען פון ירושלים נאָך שומרון.

די דאָזיגע נייעס האָט אַריינגעבראַכט אַן ענדערונג אין יהודה׳ס פאָר־אויסבאַשטימטע פלענער און עס איז בעשלאָסען געוואָרען אַט וואָס:

— צפניה, יהודה, יוחנן, מיט צוויי טויזענט העלדען זאָלען שוין אָפּ־רייטען נאָך „בית־חורון״ צו שמעונען וועלכער געפינט זיך שוין דאָרטען מיט זיינע זיעבען הונדערט העלדען. אלעזר מיט פינף הונדערט מאן זאָל אָפּ־רייטען נאָך ירושלים און פרובירען איבערשרעקען אפּאָלאָניוס׳ן מיט זיין ארמיי אז זיי זאָלען אָנהויבען צו אַנטלויפען צוריק.

אין דער זעלבער צייט האָט יהודה אַרויסגעשיקט אַ שנעלען קוריער צו זיין ברודער יונתן, וועלכער איז שוין געווען פארטיג מיט די אריבער טויזענט אויסגעשלאָכטעטע גריכען וואָס צפניה האָט איהם צוגעשיקט נאָך יפו, און יהודה האָט איהם באפוילען אז ער זאָל שוין אָפּרייטען מיט זיינע פופצעהן הונדערט העלדען נאָך „מצפה״ און אזוי ארום פארצוימען אַפּאָ־לאָניוסעס ארמיי ווען זי וועט לויפען צוריק פון ירושלים נאָך שומרון.

דער פלאַן איז געווען גוט אויסגערעכענט: אלעזר מיט זיינע פינף הונדערט העלדען וועלען אָנהויבען אטאַקירען דעם שונא אָנקומענדיג פון די בערג פון דרום זייט פון ירושלים, יונתן מיט זיינע פופצעהן הונדערט העלדען וועלען דערווייל שטעהן צעשפּרייט צווישען די שטעדט „מצפה״, „גבעון״, „רמה״, „מכמש״, „בית אל״, אלע פון צפון זייט פון ירושלים. אַפּאָלאָניוס וועט געוויס זיך געפינען אין אַ פּאַסטקע און ער וועט זיין געצוואונגען צו מאַכען אן אָפּווענדונג צו מערב זייט, דאן וועט ער באַגעגענען דעם פיהרער יהויריב׳ן מיט זיינע דרייצעהן הונדערט העלדען אין „אילון״ און די הויפּט ארמיי פון יהודה׳ן מיט צפניה׳ן, ארום צוויי טויזענט מאַן שטאַרק, אין „בית־חורון״.

יואש האָט אָבער פארלאַנגט פון יהודהן אז ער זאָל איהם לאָזען פריי פון אקטועלע פעכטונגען ווייל ער האָט געוואָלט ארומרייטען אין די נאָהענטע שטעדט און אויפקלייבען נאָך אידישע העלדען.

— פאַרגעס נישט, יהודה — האָט יואש געזאָגט — אפּאָלאָניוס האָט מיט זיך צוואַנציג טויזענט סאָלדאַטען און מיר האָבען, ארום און ארום, בלויז פינף טויזענט דריי הונדערט, דעריבער מוזען מיר ווי אַמשנעלסטען צונויפ־קלייבען וואָס מעהר גדוד׳ניקעס.

— פאַרגעס נישט אָבער אז פון די צוואַנציג טויזענט פון אפּאָלאָניוס׳ן שטעהען איבער פינף טויזענט אין דער פעסטונג „אקרא״ — האָט יהודה באַטאָנט — איך בין זיכער אז די אַרמיי פון פעסטונג וועט זיך נישט קענען ריהרען פון אָרט ווייל איך האָב שוין באוואָרענט אז מנחם פון „מודעין״ מיט טויזענט העלדען פון דער איסיים סעקטע זאָלען באַלאַגערען דעם „אקרא״ פעסטונג און נישט ארויסלאָזען קיין לעבעדיגען גריך פון דאָרטען.

— און ווען מען האָסטו אָפּגעשטעלט אלס א וואַך אין „מודעין״ — האָט צפניה אַ פרעג געטאָן.

דערווײַלע איז מײַן פאָטער דאָרטען — האָט יהודה געענטפערט — ער האָט צונויפגעקליבען עטליכע הונדערט באַלעבאַטים און זיי שטעהען דאָרטען אלס א וואַך.

— אויב מען וועט מיר ערלויבען וועל איך שוין אָפּרייטען נאָך „מודעין״ און איבערנעמען די אויפזיכט אויף יענער וואַך — האָט רוחמה א זאָג געטאָן.

— גוט! — האָט יהודה געענטפערט — קענסט שוין אָפּרייטען אהין מיט א צעהן העלדען.

— אָבער וואָס טוט מען מיט די אריבער צוויי טויזענט געפאַנגענע גריכישע סאָלדאַטען וואָס מיר האָבען דאָ? — האָט צפניה געפרעגט.

יהודה האָט זיך פארטראַכט פאר א היבשע ווײַלע און דאַן האָט ער זיך אָפּגערופען: — עס טוט מיר לייד וואָס מיר מוזען האַנדלען אזוי גרויזאַם געגען געפאַנגענע, אָבער מיר קענען זיך בעסער נישט העלפען. ווען מיר וואָלטען איצט נישט באַדאַרפט אַרויסגעהן געגען אזא ארמיי ווי אַפּאָלאָניוסעס וואָלטען מיר פיללייכט אַנדערש געהאַנדעלט מיט די געפאַנגענע, אָבער איצט מוזען מיר ווי אַמשנעלסטען זיך באַפרייען פון דער לאַסט.

יהודה האָט אָפּגעשטעלט עטליכע הונדערט העלדען אונטער עזריה׳ס אויפזיכט אין „אבן־העזר״ און ער האָט איהם אָנגעזאָגט אז אין פארלויף פון איין טאָג זאָלען זייַנע מענטשען אויסגראָבען גענוג גריבער און דאַן טויטען די גאַנצע ארמיי געפאַנגענע און זיי ארייַנוואַרפען אין די גריבער ארום „אבן־העזר״ און נאַכהער זאָלען זיי שנעל אָפּרייטען צו איהם אין „בית־חורון״.

גלייך נאָכדעם האָבען אלע העלדען אָנגעהויבען ארויסמאַרשירען פון צווישען די בערג, יעדער גדוד נאָך זיין באַשטימטער פּאָזיציע. עזריה מיט פיער הונדערט העלדען האָבען זיך אַ נעם געטאָן צו זייער ארבייט:

די אַריבער צוויי טויזענט גריכישע געפאַנגענע סאָלדאַטען האָבען שוין פאַרשטאַנען וואָס די גריבער באַדייטען. זיי האָבען געפיהלט אז זייער סוף איז נאָהענט, אָבער וואָס האָבען זיי זיך געקענט העלפען? זייערע הענט זיינען געווען געבונדענע און זייער געוועהר איז שוין געווען צוגענומען פון זיי נאָך פון א טאָג צוריק.

עזריה מיט זיינע העלדען האָבען פאַרטיג געמאַכט די פיעלע גריבער און דאַן האָט זיך אָנגעהויבען די שוידערליכע שחיטה: מען האָט געשניטען די העלזער פון די סאָלדאַטען און זיי גלייך געוואָרפען אין די גריבער. יעדער

פולער גרוב מיט טויטע, איז באַלד פאַרשאָטען געוואָרען מיט שטיינער און זאַמד.

שפּעט אין אָוועגט איז די ארבייט געווען פאַריבער, עס איז שוין נישט געווען קיין איינציגער סאָלדאָט און דער נאָר־וואָס פאַרפולטער בית־עלמין איז מאָנומענטירט געוואָרען מיט איין גרויסע מצבה מיט׳ן העברעאישען אויפשריפט: „עד כה עזרנו ה׳״ — „ביז אַהער האָט גאָט אונז געהאָלפען״.

עזריה האָט גלייך געגעבען א קאָמאַנדע צו זיינע פיער הונדערט אויס־געמאַטערטע העלדען און אין פארלויף פון אַ האַלבע שטונדע זיינען שוין אַלע געזעסען גרייט אויף זייערע פערד און עזריה האָט א געשריי געטאָן: קדימה צעוד! פאָרווערטס מאַרש!

דער גדוד האָט זיך שנעל א לאָז געטאָן אין פולען גאַלאָפּ צו צפון זייט נאָך דער שטאָדט „בית־חורון״.

קאַפּיטעל 35

# יהודה זיעגט אויף אַלע פראָנטען
# אַפּאָלאָניוסעס סוף.

שוין צוויי טעג ווי אַפּאָלאָניוס מיט זיין צעהן־טויזענטיגע ארמיי דרייען זיך ארום צווישען די שטעדט „צופים״ און „קרית־ענבים״, אָדער מיט׳ן אלטען נאָמען „קרית־יערים״. אַפּאָלאָניוס פיהלט אז מען האָט איהם אַריינגעכאַפּט אין א פּאַסטקע. אויף אַזאַ געוואַגטען שפּיל האָט ער זיך גאָרנישט געריכט, אַז די חשמונאים וועלען זיך א וואָרף טאָן מיט אַזאַ אימפּעט געגען איהם. דוכט זיך אז זיי האָבען נאָר וואָס געהאַט אַ געפעהרליכע שלאַכט אויפן מערב פראָנט מיט דער ארמיי פון דעם פאררעטערישען גענעראַל צעפּאַנאָס. אָבער וואָס איז דאָ פאַראַן צו טראַכטען פיעל? יענע ארמיי איז שוין מעהר נישטאָ; אַנטיוכוס עפּיפאנעס האָט מקריב געווען זיעבען טויזענט סאָלדאַטען און ער וועט געוויס האָבען צו געדענקען זיין נאַרישקייט, אָבער איצט, וואָס טוט מען איצט?

אַפּאָלאָניוס האָט פּרובירט ארויסשיקען אויסקוקערס אויף אַלע זייטען, אפשר וועלען זיי אויסגעפינען א פרייען דורכגאַנג נאָך שומרון, אָבער די אויסקוקערס האָבען זיך אומגעקעהרט מיט׳ן רעפּאָרט אז אלעזר מיט זיינע מענטשען שטעהען צו דרום זייט פון „קרית־יערים״, מנחם מיט זיינע מענטשען באַלאַגערען דעם „אקרא״ פעסטונג אין ירושלים, יונתן שטעהט מיט א גרויסען גדוד צעשפּרייט איבער מצפה, גבעון, רמה און מכמש.

— טאָ וואו ריהרט מען זיך? — האָט אפּאָלאָניוס אויסגעשריען אין גרויס פארצווייפלונג.

— פיליכט זאָלען מיר מאַרשירען צו מערב זייט נאָך אילון? האָט איינער פון אפּאָלאָניוסעס אָפיצערן פרובירט פרעגען.

— ערשטענס, איז עס א צו ווייטער אומוועג פאר אונז — האָט אפּאָלאָניוס געענטפערט — און צווייטענס, ווער ווייס אויב די פארפלוכטע חשמונאים האָבען נישט דאָרטען אויך אַ באַנדע העלדען.

— מיר האָבען דאָך אָבער קיין אַנדער אויסוועג — האָט דער אָפיצער באטאָנט.

— פארפאַלען! מיר מוזען פרובירען — האָט אפּאָלאָניוס צוגעגעבען, און באלד נאָכדעם האָט אפּאָלאָניוסעס ארמיי אָנגעהויבען מאַרשירען נאָך אילון. אָבער אין א פּאָר שעה נאָכדעם האָט אפּאָלאָניוס דערזעהן די גרויסע מאַסע אידישע העלדען שטייענדיג אויף די בערג ארום „אילון" און א טויט־שרעק איז איהם באַפאַלען.

— זיי זיינען פול אומעטום! — האָט דער צוטומעלטער אפּאָלאָניוס אויסגערופען — שנעלער נאָך צפון זייט צו „בית־חורון!"

אָבער ווי דערשטוינט איז אפּאָלאָניוס געוואָרען ווען, אינמיטען וועג צווישען „אילון" און „בית־חורון", האָט ער דערזעהן א ריזיגע ארמיי פון די מכבים ארויסקומענדיג אַנטקעגען איהם פון „בית־חורון". ער האָט געוואָלט לויפען צוריק נאָך „אילון", האָט ער אָבער דערזעהן אז אַ צווייטער גדוד פאַרשפּאַרט איהם דעם וועג אויף צוריק.

— שנעלער! נאָך „גזר"! — האָט אפּאָלאָניוס אויסגעשריען און די גאַנצע ארמיי האָט אָנגעהויבען צו לויפען צו מערב זייט, אָבער גאָר שנעל האָט זיך באוויזען א ריזיגע ארמיי רייטענדיג פון „גזר" פּונקט אַנטקעגען אפּאָלאָניוס'ן; דאָס איז געווען אַ שפּאַגעל נייער גדוד פון אידישע העלדען, א מיש־מאַש פון יונגע און עלטערע מענשען, וועמען דער העלדישער פיהרער יואש האָט אוספייעט צענויפצוזאַמלען אין מעריב זייט און וועלענדיג זיך פאראייניגען מיט יהודה'ס גדוד אין „בית־חורון" האָבען זיי אָנגעהויבען מאַרשירען פון „גזר" צו מזרחית־צפונית זייט.

— מיר זיינען פארלוירען — האָבען די עטליכע נאָהענטע אָפיצערען אויסגעשריען צו אַפּאָלאָניוס'ן.

— צוריק נאָך „בית־חורון" — האָט אפּאָלאָניוס אַ געשריי געטאָן.

— אָבער זעה נאָר וואָס פאר א גדוד עס שווייבעלט און גריבעלט דאָרטען אין „בית־חורון" — האָבען די אָפיצערען אויסגערופען אין גרויס שרעק.

— בעסער אין „בית־חורון" איידער דאָ אויף די שפּיציגע בערג — האָט אפּאָלאָניוס שנעל געענטפערט, און ער האָט גלייך געגעבען א קאָמאַנדע צו מארשירען נאָך „בית־חורון".

נישט מעהר ווי א שעה האָט אפּאָלאָניוס'עס ארמיי אָפּגעריטען צוריק נאָך „בית־חורון" און מיטאַמאָל האָט זיך באוויזען יהודה מיט זיין אַריבער צוויי־טויזענטדיגע ארמיי פון העלדען.

— צום געוועהר! איהר פייגלינגע, שרעקענדיגע האָזען! — האָט אפּאָ־לאָניוס געגומען שטורמען מיט אַלע כחות צו זיינע סאָלדאַטען.

אין פארלויף פון געצעהלטע מינוטען איז שוין די שלאַכט געווען אין פולער באַוועגונג. די גריכען האָבען פּרובירט אָנווענדען אלע כחות צוריקצושטויסען די פארביטערטע אָנגרייפערס און אייניגע מאָל האָט עס אויס־געוויזען אז זיי וועלען זיגען וויל נאָך אַלעמען זיינען זיי געווען דריי געגען איינעם פון יהודה'ס העלדען, אָבער זיי האָבען זיך באלד ארומגעזעהען אז די אידען קריגען־צו פרישע כחות. נייע גדוד־ניקעס שטראָמען־צו פון אַלע זייטען: יונתן מיט אָ טויזענט מאן זיינען אָנגעלאָפען פון מזרח זייט, יואש מיט א גרויסע צאָהל פון מערב זייט און יהויריב מיט זיינע דרייצעהן הונ־דערט פון דרום זייט.

די גריכען זיינען געוואָרען ווילד און צושראָקען, און מיט שוידערליכע געשרייען פון פארצווייפלונג האָבען זיי אָנגעהויבען צו פּאַכען מיט זייערע שווערדען אויף אַלע זייטען נישט קוקענדיג וועמען זיי טרעפען. עס זיינען געפאַלען טויזענטער גריכען פון די שווערדען פון זייערע אייגענע קאַמעראַדען.

אין דער גרויסער בורענישע אויפ'ן שלאַכטפעלד האָט יהודה א כאַפּ געטאָן מיט זיך א פינף העלדישע גדוד'ניקעס און זיי האָבען זיך אַ לאָז געטאָן דירעקט צום גענעראל אפּאָלאָניוס.

אפּאָלאָניוס האָט דערזעהען אז יהודה צילעוועט מיט זיין שווערד און שפּיז גלייך אויף איהם, האָט ער אָ געשריי געטאָן צו עטליכע פון זיינע אָפיצערען אז זיי זאָלען איהם קומען צו הילף, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט וויל אין זעלבען מאָמענט האָט יהודה שוין געהאַט אָ וואָרף געטאָן זיין שפּיז אויף אפּאָלאָניוס'ען און דער שפּיז האָט איהם געטראָפען גלייך אין ברוסט און ער איז אראָפּגעפאַלען פון פערד א שווער פאַרוואונדעטער.

יהודה האָט האַסטיג אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין פערד און צולויפענדיג צום האַלב טויטען אפּאָלאָניוס'ען, האָט ער מיט איין קלאַפּ פון זיין שווערד אַראָפּגעהאַקט אפּאָלאָניוסעס קאָפּ, און ארויסכאַפּענדיג אפּאָלאָניוסעס שווערד פון זיין האנט, האָט יהודה אויסגעשריען צו זיינע העלדען

— אָט איז די שווערד פון דעם שונא וועלכער האָט געוואָלט אומ־ברענגען די אידען! מיט דעם דאָזיגען שווערד וועלען מיר אומברענגען אלע שונאים!

דערווייל האָט די שלאַכט אָנגעהויבען צו ווערען שוואַכער און שוואַכער. די גריכען האָבען דערזעהן אז זייער הויפּט־גענעראל אפּאָלאָניוס איז שוין טויט זיינען זיי געוואָרען שטאַרק צעשראָקען און זיי האָבען כמעט ווי אויפגעהערט צו פעכטען.

— שעכט! לאָזט נישט ארויס קיין איין לעבעדיגען! דער גאָט פון ישראל הייסט אונז נעהמען ראָכע פון שונא ביז׳ן לעצטען טראָפּען בלוט — האָט יהודה געשריהען.

דעם גאַנצען טאָג האָט מען נאָך אָנגעפיהרט די שלאַכט און אין אָווענט האָט צפניה ארויסגעגעבען דעם אויסרוף אז מען זאָל אָפּשטעלען די שלאַכט.

אין לאַגער איז געוואָרען שטיל, אַלע אידישע העלדען האָבען זיך אויס־געשטעלט אין זייערע שורות און די אָנפיהרער האָבען אָנגעהויבען איבערצו־קוקען די לעבעדיגע העלדען אום צו וויסען וועלכע עס פעהלען.

יהויריב האָט צוגעבראַכט צו יהודה׳ן זיין רעפּאָרט פון זיין גדוד אז עס פעהלען אכציג מאַן. יונתן פון זיין גדוד, אז עס פעהלען פערציג מאַן. שמעון פון זיין גדוד, אז עס פעהלען הונדערט מאַן. צפניה זעלבסט פון זיין גרויסען גדוד, אז עס פעהלען צוויי הונדערט מאַן, אַ טאָטאַלער חשבון פון 420 מאַן.

— צופיעל בלוט האָבען מיר פארלאָרען — האָט יהודה א מורמעל געטאָן.

— פארגעס נישט אָבער וויפיל מיר האָבען אויסגעקוילעט פון דעם שונא — האָט יונתן איהם געוואָלט טרייסטען — מיר האָבען אויסגעקוילעט צעהן טויזענט דריי הונדערט גריכען בלויז פון אפּאָלאָניוס׳עס ארמיי און זיבען טויזענט פון צפניה׳ס ארמיי.

— פארגעס אָבער נישט אז ביי דער שלאַכט פון צפניה׳ס ארמיי האָבען מיר אויך פארלוירען אַריבער הונדערט פופציג אידען — האָט יהודה אָפּ־געזיפצט.

קיינער האָט נישט געוואָגט צו ענטפערען מעהר, די שטימונג איז געווען א געדריקטע, די שמחה פון דעם דאָפּעלטען גרויסען זיג איבער די צוויי גריכישע ארמייען איז פארטונקעלט געוואָרען צוליב דעם גרויסען פאר־לוסט פון אזוי פיעל אידישע העלדען.

יהודה האָט געהייסען ארומזוכען צווישען די טויזענטער הרוגים אפשר

זיינען נאָך פאַראַן געפאַלענע אידען וועלכע לעבען נאָך און מען קען זיי אָפּראַטעווען.

די גאַנצע נאַכט זיינען ארומגעגאַנגען עטליכע הונדערט העלדען מיט פייערען אין די הענט און האָבען געניזשטערט און געזוכט אויפ׳ן גרויסען צעוואָרפענעם שלאַכטפעלד.

ווען עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען האָט מען שוין געהאַט צונויפ־געבראַכט עטליכע און פופציג פארוואונדעטע אידישע העלדען. מען האָט גלייך אויפגעשטעלט ספּעציעלע געצעלטען און מען האָט דאָרטען אריינ־געטראָגען די פארוואונדעטע.

עטליכע רופאים, וועלכע זיינען געווען אין לאַגער, האָבען זיך שנעל אַ נעם געטאָן צו די פארוואונדעטע.

אויפ׳ן צווייטען טאָג, איז פלוצלינג אָנגעקומען א שליח פון „מודעין" און האָט איבערגעגעבען יהודה׳ן אז זיין פאָטער מתתיהו פארלאַנגט אז אַלע זיינע זיהן זאָלען שוין קומען צו איהם אהיים.

— וואָס איז געשעהען? — האָט יהודה א פרעג געטאָן מיט שרעק, אָבער דער שליח האָט, ווייזט אויס, נישט געוואָלט אויסזאָגען דעם אמת פון זיין מיסיע. ער האָט זיך ארויסגעדרעהט מיט פארשידענע תירוצים אז אַלעס איז אין אָרדנונג נאָר מתתיהו פארלאַנגט אז זיינע פינף זיהן זאָלען שוין קומען צו איהם.

יהודה האָט באַלד פאַראָרדענט זיין גדוד צו מאַרשירען נאָך דער „אקרא" פעסטונג און ער צוזאַמען מיט זיינע פיער ברידער, יונתן, שמעון, יוחנן און אלעזר, האָבען שנעל אָפּגעריטען נאָך „מודעין".

קאַפּיטעל 36

## דער טויט פון מתתיהו. — די האַרצרייסענדע הספדים.

אין דער ליבליך־פרומער היים פון מתתיהו דער חשמונאי אין „מודעין" איז איצט אַ זעהר געדריקטע שטימונג. די אטמאָספערע איז אָנגעזאָפּט מיט גרויס אומעט און באזאָרגטקייט. מתתיהו הכהן, דער הויפט פון דער חשמונאים פאַמיליע, ליגט קראַנק און לויט ווי די רופאים זאָגען האלט ער זעהר שמאָל.

די הויז־מענשען געהען ארום אויף די שפּיץ פינגער מיט פאַר־זאָרגטע פנים׳ער. דבורה, די פרוי פון יונתן די שנור פון מתתיהו,

טוט אַלעס מעגליכעס צו פארלענגערען איהר שווער זיין לעבען. אויך רוחמה, די העלדישע דינסט וועלכע האָט אזוי פיעל אויפגעטאָן פאר׳ן אידישען פאָלק און איז נאָר־וואָס צוריקגעקומען צו די חשמונאים אהיים אַנצופיהרען מיט דעם אידישען שוץ־לעגיאָן אין „מודעין“, איז זעהר באזאָרגט וועגען דעם צושטאַנד פון איהר ווירדיגען באלעבאָס.

מתתיהו זעלבסט ליגט אין בעט מיט אַ פרעהליכען פנים און מיט א ליבליכען שמייכעל אויף זיינע ליפען. ער ווייסט אַז זיינע טעג זיינען געצעהלטע ווייל דאָס הארץ ווערט איהם שוואַכער פון שעה צו שעה, אָבער ער האָט בישט קיין טענות צו קיינעם. גאָט צו דאַנקען פאר זיינע ביז אַהעריגע יאָהרען. ער איז דאָך שוין אריבער די זיבעציגער, טאָ וואָס נאָך קען ער פארלאַנגען פון דעם רבונו־של־עולם.

מתתיהו איז געלעגען אין זיין צימער און האָט געהערט דעם לייכטען גערויש פון דער צווייטער זייט טיר; יאָ, זיינע פינף טייערע זיהן זיינען שוין געקומען. זיי האָבען איבערגעלאָזען זייערע גדודים און געקומען אויף זיין רוף.

דבורה איז אַריינגעקומען אין צימער און צוגעהענדיג צום קראַנקען האָט זי א זאָג געטאָן:

— שווער, אייערע זיהן זיינען נאָר וואָס אָנגעקומען, זאָל איך זיי שוין אַריינלאָזען אַהער?

— שיק זיי אריין — האָט מתתיהו געענטפערט.

די פינף זיהן זיינען באַלד אַריינגעקומען און מתתיהו האָט זיי ארויס־געוויזען אַ מונטערען שמייכעל.

זייט ווען ביזטו קראַנק, פאָטער? — האָט יהודה, דער ערשטער, א פרעג געטאָן.

— זייט די לעצטע פאָר טעג — האָט מתתיהו געענטפערט און ער האָט באַלד צוגעגעבען — מיין אנשטרענגונג איבער דעם משומד נתניה׳ן און איבער דעם אַפּיצער אפּעלעס, וועמען איך האָב געטויטעט, האָט מיר זעהר שטאַרק אָפּגעשוואַכט דאָס האַרץ.

— דו באַדאַרפס זיך גוט אויסרוהען וועסטו ווערען געזונט — האָט שמעון צוגעגעבען.

— ניין, מיינע קינדער! — האָט מתתיהו געענטפערט מיט אַ שוואַכע שטימע — איך בין נישט געגאַרט אין זיך און דעריבער האָב איך עס איצט געשיקט נאָך אייך. איך וויל מקיים זיין דעם פסוק פון „למען אשר יצוה את בניו“, „יעדער איד מוז אָנזאָגען זיינע קינדער ווי זיך אויפצופיהרען אין

לעבען". אידער איך געה אוועק פון דער וועלט וויל איך מיט אייך רעדען וועגען אונזערע אידישע אינטערעסען.

יהודה האט געוואלט עפעס זאגען אבער אין דעם זעלבען מאמענט האט זיך געעפענט די טיר און עס איז אריינגעקומען יוסי בן יועזר דער נשיא פון דער סנהדרין אין ירושלים.

די פינף זיהן האבען גלייך פארשטאנען אז מסתמא האט זייער פאטער געשיקט רופען אויך דעם נשיא.

מתתיהו האט גלייך אויסגערופען מיט זיין שוואכער שטימע — ברוך הבא רבי יוסי!

דער נשיא איז צוגעגאנגען צום קראנקען'ס בעט און ער האט א זאג געטאן:

— מתתיהו! ביי ועמען לאזטו אונז איבער אין אזא קריטישער צייט?

די פינף זיהן זיינען געווארען שטארק אויפגערעגט אויפן נשיא פאר זיין אומעטישען אויסדרוק צום קראנקען, אבער מתתיהו האט שנעל א זאג געטאן:

— קינדער! איך דארף נישט פארדריסען אויפן נשיא, ער פארשטעהט מיין לאגע פונקט אזוי גוט ווי איהר, נאר אין דער צייט וואס איהר באהאלט אייער אויסדרוק, גיט ער עס ארויס מינדליך. — און גלייך נאכדעם האט מתתיהו אנגעהויבען צו רעדען מיט א לאנגזאמע אבער באדייטענספולע שטי־מע:

— איך האב געשיקט נאך דיר רבי יוסי, אום דיר צו בעטען אז דו זאלסט שטענדיג שטעהן אין א פעסטען בונד מיט מיינע זיהן אין זייער „מלחמת־מצוה", „הייליגע שלאכט" געגען דעם שונא. אויך וויל איך אויסדריקען מיין וואונש אז, יהושע בן פרחיה און נתאי הארבלי, דיינע צוויי טייערע תלמידים זאלען ווערען די צוויי פארשטעהערס פון דער סנהדרין נאכדעם ווי דו און דיין חבר יוסי בן יוחנן וועלען געהן בדרך כל הארץ. ווען איהר וועט אויסלעבען אייערע יאהרען, זאלען די דאזיגע צוויי תלמידים ווערען די אידי־שע פארשטעהערס, ווייל איך האב אויסגעפונען אז זיי זיינען זעהר פרומע און געלערענטע יונגעלייט.

מתתיהו האט זיך אפגערוהט א ווילע און נאכהער האט ער ווידער אנגע־הויבען צו רעדען:

— דו, מיין זוהן יהודה, האסט זיך ארויסגעוויזען צו זיין א זעהר פעהי־גער מלחמה העלד און דעריבער וויל איך אז פון היינט אן און ווייטער זאלסטו זיין דער הויפט פיהרער און פאליטישער־מיליטערישער פארשטעהער פון אונ־

זער פאָלק. דיינע ברידער וועלען געוויס נישט טראָגען קיין קנאה אויף דיר ווייל זייער חלק אין די הייליגע מלחמות פאר אונזער תורה, פאָלק, און לאַנד, וועט אויך זיין זעהר גרויס.

און דאן האָט דער קראנקער מתתיהו אָנגעהויבען רעדען מיט פאַטאָס.

—איהר זאָלט וויסען, קינדער! אז נישט וועגען געלט און פארמעגען זאג איך אייך אָן פאר מיין טויט, כאָטש מיר האָבען ברוך השם א היבשען פאר־מעגען. איך בין זיכער אז איהר וועט וויסען ווי צו האַנדלען דערמיט אָהן מיין צואה. איהר זייט שטענדיג געווען גוט־הערציג און אזוי וועט איהר פארבלייבען. איהר וועט ניט זשאַלעווען צו שטיצען די אָרעמע לייט. אויסער די נויטיגע תרומות און מעשרות (צוויי פון הונדערט און צעהן פון הונדערט) וואָס אונזער הייליגע תורה פאַרפליכטעט יעדען איד אָפצוגעבען, וועט איהר געוויס אויך געבען פיעל אַנדערע נדבות פאר דעם וואוילזיין פון אונזערע אָרימע ברידער.

— מיין הויפט באַגעהר איז אָבער אייך אָנצוזאָגען ווי זיך אויפצופיהרען אין גייסטיגען לעבען. איהר דאַרפט וויסען אז די הויפט יסודות פון אידענטום זיינען: ליבע, אמונה, און בטחון אין גאָט. ליבע צו איהם, ווייל יעדער איד איז א טהייל פון דער גאָטהייט זעלבסט, און מיר מוזען ליבען גאָט נישט ווינציגער ווי מיר ליבען זיך זעלבסט. גלויבען אין גאָט אז ער איז אַן אַלמעכטיגער פיהרער איבער אלעמען און אלעס און אז ער האַלט זיין אויפזיכט איבער דעם איינצעלנעם מענש פונקט ווי איבער די וועלט אלס א גאנצע. און דאן קומט בטחון, איהר מוזט האָבען צוטריי אין דעם גאָט פון ישראל אז ער איז אַ „שומר הברית והחסד״, ער געדענקט גוט דעם בונד וואָס ער האָט געמאַכט מיט אונזערע אור־עלטערען אז ער וועט שטענדיג האַלטען וואַך איבער אונז אז מיר זאָלען חלילה נישט ווערען פארטיליגט פון אונזערע שונאים, און מיט די דאָזיגע דריי הויפט יסודות פון אונזער רעליגיע וועט איהר באַגליקען אין אייערע אונטערנעמונגען.

— וואָס אנבעלאנגט אייערע מלחמות מיט'ן איצטיגען שונא, ווינש איך אייך — — —

דאַביי האָט מתתיהו אויפגעהויבען זיינע צוויי הענט און די פינף זיהן האָבען אראָפגעבויגען זייערע קעפ און מתתיהו האָט אָנגעהויבען זאָגען דעם פסוק פון ״ברכת כהנים״: ״זאָל גאָט אייך בענטשען און אָפּהיטען; זאָל גאָט מאַכען שיינען זיין פנים צו אייך און ער זאָל אייך געבען לייטזעליגקייט; זאָל גאָט האַלטען אויפגעהויבען זיינע בליקען צו אייך און ער זאָל אייך געבען פריעדען״.

מתתיהו׳ס שטימע האָט אויפגעהערט און די פינף זיהן האָבען שנעל אויפגעהויבען די קעפּ און א בליק געטאָן אויף זייער פאָטער. טרערען האָבען זיך באוויזען אין זייערע אויגען. דער געזיכט פון זייער פאָטער האָט אָנגעהויבען ווערען טונקעל און זיינע אויגען האָבען זיך גענומען צומאַכען לאַנגזאַם.

שמעון האָט אָנגעהויבען וויינען אָבער רבי יוסי בן יועזר האָט איהם גלייך אָפּגעשטעלט מיט דער באמערקונג:

— שמעון! דיין פאָטער האָט פאַרענדיגט מיט׳ן וואָרט "פרידען", טאָר־סטו נישט וויינען איצט.

אין צימער איז געוואָרען שטיל. די טיר האָט זיך געעפענט לאַנגזאַם און דבורה מיט רוחמה׳ן האָבען געוואָלט אריינקומען אָבער רבי יוסי האָט זיי א וואונק געטאָן צו בלייבען אינדרויסען און גלייך נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צום בעט און האָט א זאָג געטאָן צו די פינף זיהן:

— אונזער תורה פאַרבאָט דעם כהן זיך מטמא צו זיין מיט׳ן קערפּער פון א טויטען אָבער אַנדערש איז עס מיט אונזער "גדול הדור", דער הייליגער מתתיהו. כאָטש מיר זיינען אלע כהנים דאָך וועלען מיר איצט פאַרבלייבען ביז די לעצטע מאָמענטען פון דעם לעבען פון דעם "רכב ישראל ופרשיו", "דער רייטוואָגען און רייטער פון דעם אידישען פאָלק" אויף וועמען מיר אלע האָבען זיך געקענט אָנשפּארען, לערנען פון איהם, און שעפּען באגייסטערונג און קדושה פון זיין דערהויבענער נשמה.

גלייך נאָכדעם האָט יוסי בן יועזר אָנגעהויבען זאָגען דעם פּסוק: "ה׳ הוא אלוקים" זיבען מאָל, און נאָכדעם דעם פּסוק: „שמע ישראל". די פינף זיהן האָבען נאָכגעזאָגט די צוויי פּסוקים שטילערהייט און ווען יוסי בן יועזר האָט צום דריטען מאָל פאַרענדיגט דעם „שמע ישראל" האָט מתתיהו אויסגע־הויכט זיין לעצטען אָטעם־צוג.

יוסי בן יועזר האָט גלייך איבערגעדעקט דעם געזיכט פון טויטען און ער האָט אויסגערופען מיט טרערען אין די אויגען:

— "אבד חסיד מן הארץ"! "עס איז פאַרלוירען געגאַנגען א פרומער איד פון דער וועלט" — און גלייך נאָכדעם האָט ער געמאַכט די ברכה: „ברוך דיין האמת".

די פינף זיהן האָבען אויסגעבראָכען אין א געוויין.

נאָך אין זעלבען טאָג איז פאָרגעקומען די גרויסע לויה פון מתתיהו הכהן דער הויפּט פון דער חשמונאים פאַמיליע. טויזענטער אידען, פון אלע נאָהענטע שטעדט און דערפער ארום מודיעין, זיינען געקומען אָפּצוגעבען כבוד

צו דעם הייליגען מאַן און העלדישען נאַציאָנאַלען איד מתתיהו וועלכער האָט אויפגעטאָן אזוי פיל גוטס פאַר׳ן אידישען פאָלק.

אַלע מיטגלידער פון דער סנהדרין אין ירושלים, אויך רבי חוני המעגל, און פיעלע פון די איסיים זיינען נאָכגעגאַנגען מיט געבויגענע קעפ נאָכן ארון פון נפטר.

די צוויי פיהרער פון דער סנהדרין: רבי יוסי בן יועזר און רבי יוסי בן יוחנן, האָבען געהאַלטען שטאַרקע איינדרוקספולע הספדים. זיי האָבען פאַרגלייכט מתתיהו׳ן צו משה רבנו, און יהודה׳ן זיין זוהן, צו יהושע בן נון.

— פערציג יאָהר האָט משה רבנו געפיהרט די אידען אין דעם גרויסען מדבר — האָט רבי יוסי בן יועזר אויסגעשריען — און פערציג יאָהר פון אַנגסט און שוועריגקייטען האָט אויך אונזער הייליגער פיהרער מתתיהו דורכגעמאַכט זייט די ערשטע מלחמות מיט דער עגיפּטישער מלוכה. אונזער לאַנד האָט געהאַט אין מתתיהו׳ן אַ פיהרער, וועלכער איז שטענדיג געשטאַנען אויף דער וואַך ביז היינטיגען טאָג. ער האָט באַפעסטיגט פון־דאָס־ניי דער סנהדרין אין ירושלים. ער האָט שטענדיג געהערט די שטימע פון גאָט רעדענדיג צו איהם און ער האָט, ניט נאָר אליין געטאָן פאַר זיינע ברידער נאָך אויך האָט ער בעאיינפלוסט אַנדערע צו טאָן גוטעס פאַרן כלל ישראל.

ווען מען האָט אַראָפּגעלאָזען דעם נפטר אין קבר, האָט רבי יוסי בן יועזר אויסגעשריהען:

— מתתיהו אחינו! ברודער אונזערער! דו קומסט איצט צו דיין איי־ביגער רוה! פאַרגעס נישט ביי וואָס פאַר אַ שפל המדרגה דו האָסט אונז אָפּגעשטעלט! מיר זיינען געבליבען עלענד, דערשעפּט פון כוחות, פאַר־שמאַכטע און צעטומעלטע. געדענק, מתתיהו! אַז דו זאָלסט זיין אַ מליץ יושר, אַ גוטער בעטער פאַר אונז פאַר׳ן כסא הכבוד צום גאָט פון ישראל אַז מיר זאָלען ווערן אויפגעריכט.

די גרויסע מאַסע מענטשען האָט אויסגעבראָכען אין אַ געוויין און באַלד נאָכדעם האָט זיך דערהערט די שטילע שטימע פון דעם געטליכען מאַן רבי חוני המעגל ווען ער האָט אָנגעהויבען זיין הספד:

— פרידה אחת היתה בינינו! אַ שטאַרקער העלד און אַ הייליגער מאַן איז געווען צווישען אונז. מיר האָבען זיך געפיהלט ווי קינדער אונטער׳ן שוץ פון זייער פאָטער, וועה איז אונז אַז מיר זיינען געבליבען ווי יתומים. אונזער פאַסטוך איז אַוועק פון אונז און די בייזע וועלף, די שונאים, ווילען אונז פאַרצוקען, ווער וועט אונז אָפּהיטען? וואו וועלען מיר געפינען אַ

אַנדער „אורים ותומים״ וועלכער וועט קאָנען באַלייכטען אונזער וועג און אונז ראַטען וואָס צו טאָן? „גלה כבוד מישראל״! עס איז אָפּגעטאָן געוואָרען דער שטאָלץ פון אידישען פאָלק דורך דעם טויט פון אַזאַ צדיק הדור.

די יללות פון גרויסען פובליקום האָבען זיך געהערט ווייט און ברייט איבער גאַנץ מודעין. די פינף זיהן פון נפטר זיינען די גאַנצע צייט געשטאַנען נעבען דעם אָפענעם קבר און האָבען געקלאָגט אָהן אויפהער. אָבער אַזוי שנעל ווי מען האָט אָנגעהויבען צו פאַרשיטען דעם קבר האָבען די פינף זיהן פלוצלינג זיך אַ וואָרף געטאָן אויפ׳ן האַלב פאַרשאָטענעם קבר און פאַלענדיג מיט זייערע פּנים׳ער צו דער ערד האָבען זיי אָנגעהויבען ברומען מיט פאַרשטיקטע שטימען:

— טאַטע! טאַטע!

די מאַסע מענטשען פון אַרום איז געבליבען ווי פאַרשטיינערט צוקוקענדיג ווי די פינף גרעסטע גבורים פון אידישען פאָלק ליגען אויסגעצויגען איבער זייער פאָטערס קבר און מורמלען מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע דאָס איינציגע וואָרט „טאַטע״.

דאָס האָט געדויערט בלויז עטליכע מינוטען און באַלד נאָכדעם האָט רבי יוסי בן יועזר אַ וואונק געטאָן צו איניגע אידען און זיי האָבען לאַנגזאַם געהאָלפען די פינף האַלב פאַר׳חלש׳טע זיהן זיך אויפצושטעלען אויף זייערע פיס, און דער קבר איז באַלד פאַרשאָטען געוואָרען.

גלייך נאָכדעם האָט מען געזאָגט אַ ספּעציעלע תפלה נעבען קבר און די גרויסע מאַסע מענטשען האָט אָנגעהויבען צו געהן צוריק.

## קאַפּיטעל 37

# ניקאַנאָר און גאָרגיאַס געגען יהודה׳ן

אין דער שטאָדט אַנטיוכיע קומען פאָר גרויסע עקסצעסען: די גריכען זיינען שטאַרק אויפגערעגט אויף די אומדערהערטע מפּלות וואָס די אידען אין ארץ ישראל האָבען געבראַכט אויף די סירישע אַרמייען, איבערהויפּט זיינען אַלע אויפגעבראַכט אויפ׳ן קעניג אַנטיאָכוס עפּיפאַנאָס וואָרום ער האָט אַנפאַרטרויט די זיבען טויזענט סאָלדאַטען צו אַזאַ פאַלשען אידישען שפּיאָן אונטער׳ן נאָמען גענעראַל צעפּאַנאָס.

אין אַלע עפענטליכע פאַרזאַמלונגס־פּלעצער אין אַנטיוכיע האָבען די גריכען געלאָכט און געטרויערט צוזאַמען אויפ׳ן נאַרישען קאָפּ פון זייער קעניג אַז ער האָט זיך געלאָזט פאַרפיהרען פון עפּעס אַ נייע אָנגעקומענע געליבטע

וועלכע, ווייזט אויס, האָט עס איהם פאַרגיפטעט זיין קערפּער אויף אַ לאַנג־זאַמען אופן און נאָכהער האָט זי אויסגעווירקט אַז איהר מכלומרשטער ברודער זאָל ווערען אַ גענעראַל און אַזוי אַרום האָבען זיי אַוועקגעפיהרט זיעבען טויזענט גריכישע סאָלדאַטען צו אַ זיכערער שחיטה אין ארץ ישראל.

דער קעניג זעלבסט פיהלט זעהר שטאַרק זיין דורכפאַל. ער געהט אַרום אַ דערשלאָגענער און קען זיך קיין עצה נישט געבען. וואָלט ער נישט געווען אַזוי קראַנק צוליעב דעם גיפט מיט וועלכעס דער אויסוואורף, די פאַלשע געליבטע זיינע, האָט איהם פאַרגיפטעט... דאַן וואָלט ער שוין געוואוסט וואָס ער האָט צו טאָן; ער וואָלט אַליין געפיהרט אַן אַרמיי נאָך ארץ ישראל און ער וואָלט אויסגעשאָכטען אַלע אידען ביז דעם לעצטען. ער וואָלט פאַרברענט, צעבראָכען, און צושטערט, אַלע שטעדט און דערפער. ער וואָלט געמאַכט אַזאַ חורבן אַז עס וואָלט נישט פאַרבליבען קיין זכר פון די אידען. אָבער אַנטיוכוס פיהלט זיך זעהר שוואַך און קראַנק, די געליבטע זיינע האָט איהם רואינירט זיין געזונט, ער פיהלט אַז אָט אָט און ער וועט באַלד גאָר נישט קענען אַרומגעהן אויף די פיס, ווייל זיינע גלידער ווערען מיט יעדען טאָג אַלץ שווערער און שוואַכער, און אויסער די שטענדיגע האַרצקלאַפּונג איז איהם די בלוט פאַרגיפטעט און זיינע וועהטאָגען זיינען אומערטרעגליך.

— איהר מוזט נעמען ראַכע פון די אידען — האָט אַנטיאָכוס איינגע־טענה׳ט מיט זיינע גענעראַלען ניקאַנאָר און גאָרגיאַס, וועלכע זיינען געקומען באַזוכען דעם קראַנקען קעניג.

— סיידען מיר זאָלען געהן אַהין מיט אַ גרויסע אַרמיי — האָט ניקאַנאָר געענטפערט.

—טהוט ווי איהר פאַרשטעהט, אָבי איהר זאָלט באַזיגען די חשמונאים און אויסראָטען אַלע אידען — האָט דער קעניג אָפּגעזיפצט

— איך גלויב אַז איצט וועט אונז אָנקומען פיעל לייכטער — האָט גאָרגיאַס צוגעגעבען — ווייל דער אַלטער חשמונאי איז שוין טויט.

— פאַרגעס אָבער נישט אַז דער הויפּט פיהרער פון די חשמונאים איז דאָך יהודה, וועמען די אידען רופען מיט׳ן נאָמען „מכבי״, און דער דאָזיגער יהודה איז אַן אויסערגעוויינליכער העלד — האָט ניקאַנאָר אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג.

— מיר מוזען אָבער אָנווענדען אַלע מיטלען און באַזיגען די דאָזיגע העלדען — האָט דער קעניג אַ זאָג געטאָן, און עס איז באַשלאָסען געוואָרען אַז אַזוי ווי ירושלים איז שוין אונטער׳ן קאָנטראָל פון אַ פינף טויזענט גריכישע

סאָלדאַטען, דעריבער וועט עס זיין לייכטער צו פיהרען די שלאַכט מיט די חשמונאים.

גאָר שנעל זיינען די צוויי גענעראַלען ניקאַנאָר און גאָרגיאס אָפּגע־פאָהרען פון אַנטיוכיע מיט אַן אַרמיי פון פערציג טויזענט פוסגעהענדע סאָל־דאַטען און זיבען טויזענט ספּעציעלע רייטענדע העלדען.

צוזאַמען מיט דער דאָזיגער אַרמיי זיינען מיטגעגאַנגען עטליכע הונ־דערט רייכע לייט פון די גריכישע „גוטבאַזיצערס", וועלכע זיינען געווען זיכער מיט אַ זיג איבער די אידען און דעריבער האָבען זיי מיטגענומען מיט זיך אַ סך געלט צו קענען אויפקויפען וואָס מעהר אידישע שקלאַפען וועלכע וועט לען געוויס ווערען געפאַנגען אין די הענט פון די גריכען.

ווען יהודה־המכבי איז געוואויר געוואָרען וועגן דער נייער גריכישער עקספּעדיציע אונטער דער פיהרערשאַפט פון די צוויי גענעראַלען ניקאַנאָר און גאָרגיאס, האָט ער שנעל פאַררופען אַ פאָלקס פאַרזאַמלונג אין דער שטאָדט מצפה. אין דער דאָזיגער שטאָדט האָט מען דורכגעפיהרט ספּעציעלע תפלות צום גאָט פון ישראל אַז ער זאָל זיי באַשיצען פון דעם גרויסען שונא אין דער פאָרם פון 47 טויזענט סאָלדאַטען.

פאַרשטעהט זיך, אַז יהודה האָט ארויסגעגעבען אַן אויפרוף צו די אידען אַז מען זאָל זיך אַנשליסען אין גרויסע מאַסען אין דעם „גדוד המכבים" און באַלד האָבען גענומען שטראָמען פיעלע אידישע יונגעלייט צו דעם אידישען גדוד.

יהודה האָט אָבער שנעל אויסגעפונען אַז די נייע אידישע רעקרוטען זיינען נישט אַלע פון זיי פאַסענד צו פיהרען אַן עפענטליכע שלאַכט. פיעלע פון זיי זיינען געווען פיזיש שוואַך און אַ סך אַנדערע, גייסטיג שוואַך אין דעם נאַציאָנאַלען באַגריף. דעריבער האָט יהודה אַרויסגעגעבען אַן אויפרוף:

— ווער עס פיהלט אין האַרצען עטוואָס שרעק אָדער צווייפעל אין אונזער זיג איבער'ן שונא, זאָל געהן צוריק אַהיים!

דער דאָזיגער אויסוואַהל האָט געווירקט און פיעלע טויזענטער יונגע־לייט האָבען זיך צוריקגעצויגען. עס זיינען אָבער פאַרבליבען מיט יהודה'ן זעקס טויזענט גדוד'ניקעס וועלכע זיינען געווען אויסערגעוויינליך באַגייס־טערט פאַר זייער אידעאַל.

— דענקסטו יהודה, אַז מיט זעקס טויזענט קענען מיר אַרויס געגען אַן אַרמיי פון 47 טויזענט גריכען? — האָט יונתן אַ פרעג געטאָן.

— נייך, ברודער! האָט יהודה געענטפערט — זעקס טויזענט אידען זיינען גענוג אַז דער גאָט פון ישראל זאָל דורך זיי קענען באַווייזען וואונדער, ווייל אויב חלילה אונזער גאָט וועט אונז ניט וועלען העלפען דאַן וועלען מיר ניט קענען מצליח זיין זאָגאַר מיט צעהן מאָל אַזוי פיעל העלדען.

יהודה האָט באַלד אַרויסגעשיקט עטליכע געקליבענע העלדען אַלס שפּיאָנען, וועלכע זאָלען זיך אַריינכאַפּען אין דער גריכישער אַרמיי, אַזוי שנעל ווי זי וועט דערגרייכען דעם גרעניץ פון ארץ ישראל, און זיי זאָלען אויסגעפינען געניוי די פּלענער פון די צוויי גענעראַלען.

---

שוין באַלד אַ וואָך ווי יהודה׳ס עטליכע שפּיאָנען זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרען אַנטקעגען דעם שונא און פאַרלויפיג ניט מען זעהט און ניט מען הערט עפּעס פון זיי.

יהודה מיט זיין גדוד זיצען אין מצפּה און פּלאַנעווען ווי און וואָס צו טאָן. זאָלען זיי אַלע צוזאַמען פאַרבלייבען אין מצפּה אָדער געהן אויף אַן אַנדער פּלאַץ און אפשר גאָר פאַנאַנדערטיילען זייערע זעקס טויזענט העלדען אין קלענערע גרופּעס אויף פאַרשידענע פּאָזיציעס?

די נייעס אַז די גריכישע אַרמיי איז שוין אַרויס פון אַנטיוכיע אויפ׳ן וועג קיין ארץ ישראל, האָט יהודה שוין געוואוסט פון פריהער און דעריבער טאַקע האָט ער זיך צוגעאיילט און אַרויסגעשיקט עטליכע פלינקע העלדען אַלס שפּיאָנען, און צום סוף איז אַלעס שטיל. וואו זיינען אַהינגעקומען זיינע מענשען? און ווארום איז נאָך די ארמיי ניט אָנגעקומען?

אָבער פּונקט דעמאָלסט ווען יהודה האָט געהאַלטען אַ געשפּרעך מיט צפניה׳ן, (דער אַמאָליגער גענעראַל צעפּאַנאַס און דער געוועזענער יונג ביי דער חשמונאים פאַמיליע, און וועלכער האָט אַרויסגעוויזען אַזוי פיעל העלדיש־קייט און איז איצט געוואָרען די צווייטע האַנט צו יהודה׳ן), דאַן האָט זיך באַוויזען אַ גריך צווישען די ערשטע רייען פון די „צופים״, אויסקוקערס פון „גדוד המכבי״ ארום מצפּה.

די וועכטער האָבען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט ניט געקענט וויסען ווער דער גריך איז און דעריבער האָט מען איהם גלייך געפאַנגען, אָבער ווען דער עלטסטער פון די וועכטער איז צוגעקומען צום גריך האָט ער איהם גלייך דערקענט און האָט אויסגערופען:

— שפטיה! פון וואַנען קומסטו? וואו ביזטו געוועזען אַזוי לאַנג? מיר קוקען דאָך אויס מיט אומגעדולד אויף דיר מיט די אַנדערע חברים.

— וואו איז יהודה? — האט דער גריך א פרעג געטאן — פיהר מיך שוין אוועק צו איהם.

אין א קורצער ווילע שפעטער איז שוין דער גריכיזירטער שפטיה גע־שטאנען פאר יהודה׳ן און ער האט איהם דערצעהלט פאלגענדעס:

— ווען איך און זבדי זיינען אנגעקומען צו די לבנון בערג האבען מיר שוין געטראפען דעם שונא׳ס לאגער דארטען. זבדי איז באלד אוועק־געלאפען צום גענעראל ניקאנאר און האט נעבאך אנגעהויבען קלאגען פאר איהם אז די אידען האבען אויסגע׳הרג׳עט זיין גאנצע פאמיליע... און ער אליין איז קוים אנטלאפען מיט׳ן לעבען און דאס לויפט ער איצט נאך אנטיוכיע....

— דער גענעראל ניקאנאר האט איהם גענומען אויספרעגען אויב ער ווייסט עפעס פון די מיליטערישע באוועגונגען פון די חשמונאים און, פאר־שטעהט זיך, אז זבדי האט איהם דערצעהלט אז די חשמונאים האבען איצט אן ארמיי פון איבער דרייסיג טויזענט העלדען...

יהודה האט זיך צולאכט אויפ׳ן קלוגען איינפאל פון זבדי׳ן און דערווייל האט שפטיה ווייטער דערצעהלט:

— ווען ניקאנאר האט עס דערהערט איז ער געווארען א פארציטער־טער. ער האט שוין ניט אפגעלאזען דעם נעבעכדיגען עכטען גריך זבדי׳ן... נאר ער האט איהם געבעטען איהם צו דערצעהלען וואס מעהר איינצעלהייטען וועגען די חשמונאים.

— פארשטעהט זיך אז זבדי האט נישט געזשאלעוועט צו דערצעהלען און באלד נאכדעם האט ניקאנאר געבעטען זבדי׳ן ער זאל בעסער פארבלייבען מיט איהם און ניט געהן נאך אנטיוכיע. ער האט איהם צוגעזאגט א גוטען פארדינסט אבי ער זאל פארבלייבען אין דער ארמיי און דינען אלס א וועג ווייזער וויל ער, ניקאנאר, זעהט דאך אז דער גריך איז גוט באקאנט מיט אלע וועגען און מיט די חשמונאים רעוואלוציאנערען...

— זבדי האט זיך אפילו פרובירט קווענקלען אויפ׳ן אנבאט אבער צום סוף האט ער צוגעשטימט.

— צוויי טעג האט זבדי פארבראכט אין ניקאנאר׳ס געצעלט און ער האט בייגעוואוינט די געשפרעכען צווישען ניקאנאר׳ן מיט גארגיאס׳ן. זיי האבען באשלאסען אז מען מוז צוטיילען די דרייסיג טויזענטיגע ארמיי פון די חשמונאים אויף צוויי פראנטען... ניקאנאר מיט זיין ארמיי וועט אנקומען פון צפונית־מערבית צו „מצפה" און צו דער זעלבער צייט וועט גארגיאס מיט א האלבער ארמיי אנקומען פון מזרח זייט פון „מצפה" און אזוי ארום וועט

מען צווינגען די חשמונאים אַרמיי צו ווערן פאַנאַנדערגעטיילט אויף צוויי פראָנטען . . .

— זאָג מיר, שפטיה, — האָט צפניה אַ פרעג געטאָן — ווי אַזוי ביזטו אַריינגעקומען אין שונא׳ס לאַגער? האָסטו אויך דערצעהלט אַ געשיכטע אַז די חשמונאים האָבען אויסגע׳הרג׳עט דיין פאַמיליע? . . .

— ניין! — האָט שפטיה געענטפערט — דאָס וואָלט שוין געווען צו־פיעל פאַרדעכטיגט . . . איך האָב זיך אַרומגעדרעהט אַרום דעם לאַגער אַלס אַ שטומער בעטלער מיט אַ האַרפע אין מיין האַנט און די אָפיצירען האָבען מיר צוגעוואָרפען עטליכע מטבעות פאַר מיין שפילען פאַר זיי און אַזוי אַרום האָב איך געהאַט אַ געלעגענהייט צו כאַפּען אַ געהיימען שמועס מיט זבדי׳ן . . . און בין עס איצט געקומען אהער איבערצוגעבען די וויכטיגע אינפאָרמאַציע.

— אויב אַזוי ווערסטו באַלד מוזען זיך אומקעהרען צוריק מיט דיין האַרפע צום שונא׳ס לאַגער און וויטער שפילען פאַר זיי . . . — האָט יהודה צוגעגעבען.

— וואו זיינען אַהינגעקומען חפני און יואש? — האָט צפניה אַ פרעג געטאָן.

— וועגען זיי ווייס איך גאָר ניט — האָט שפטיה געענטפערט — פּי־לייכט האָבען זיי עפּעס וויכטיגעס און זיי וועלען נאָך קומען אַהער.

שפטיה האָט זיך אָפּגעזעגענט מיט יהודה׳ן און ער האָט אַוועקמאַרשירט צום גריכישען לאַגער.

יהודה האָט זיך דערוויל צוגעלייגט שלאָפען. ער האָט שוין געוואוסט פון דעם צוטיילונגס־פּלאַן פון די צוויי גריכישע גענעראַלען, און וויבאַלד זייער אַרמיי רוהט נאָך דערוויל ביי די לבנון בערג איז נאָך פאַראַן צייט און מען קען זיך אויסרוהען.

---

אין דער שטאָדט שילה, אין איינע פון די אָרעמסטע אידישע הייזער, איז פאָרגעקומען אַ שטילער טומעל צווישען עטליכע אידישע העלדען. דער באַלעבאָס פון הויז איז געזעסען רוהיג אויף זיין שטוהל און האָט אויסגעהערט דעם פאַרביטערטען געשפּרעך צווישען דריי אידישע מענער, אַלע פון זיי, געסט ביי איהם צו הויז:

— זאָלסט געדענקען, אבינועם! — האָט איינער פון די דריי געסט אויסגערופען צום באַלעבאָס פון הויז — אַז דו מוזט האַלטען אָפּגעשלאָסען דעם דאָזיגען מיאוס׳ן פאַררעטער אלקימוס׳ן ביז וואַנען מיר וועלען צוריק־קומען און איהם אָפּנעהמען פון דיר.

— אָבער וואָרום האָט איהר איהם ניט געטויטעט נאָך אידער איהר האָט איהם געבראַכט אַהער? — האָט דער באַלעבאָס געפּרעגט.

— דאָס איז צוליעב זיין אָנקעל, אונזער באַליבטען רבי יוסי בן יועזר, וועלכער האָט אונז געבעטען דערוויל ניט צו פאַרגיסען קיין אידיש בלוט ביז וואַנען מיר וועלען שוין האָבען באַזיגט דעם שונא — האָט איינער פון די צוויי חברים־געסט געענטפערט.

— אַ מפּלה ווערט איהר האָבען, ניט קיין זיעג — האָט דער געפאַנגענער אלקימוס ארויסגעברומט מיט צאָרן, — איהר לומפּען ווערט נאָך טייער באַצאָהלען פאַר אייער חוצפה וואַגענדיג מיך צו פאַנגען אין מיטען וועג און ברייגנען אַהער.

— דאָס וועלען מיר שוין זעהן שפּעטער, דו נידערטרעכטיגער משומד! — האָט דער צווייטער גאַסט געענטפערט און האָט גלייך צוגעגעבען — ווען ניט צוליב'ן כבוד פון דיין אָנקעל יוסי בן יועזר, וואָלסטו איצט שוין געווען אַ טויטער, ווייל ווען מיר האָבען דיך געכאַפּט רייטענדיג אַנטקעגען דער גריכישער אַרמיי מיט אונזערע מיליטערישע סודות האָסטו פאַרדינט אַ שנעלען טויט, נאָר דיין אָנקעל דער חסיד און נשיא פון די סנהדרין האָט אונז געבעטען דערוויל דיך צו פאַרשפּאָרען אַ לעבעדיגען.

דער משומד אלקימוס האָט צונויפגעדריקט זיינע צוויי פויסטען ווי ער וואָלט וועלען זיך כאַפּען שלאָגען מיט זיינע צוויי פאַנגערס אָבער די צוויי גדוד'ניקעס שפּיאָנען, אונזערע באַקאַנטע יואש און חפני, האָבען זיך צולאַכט און יואש האָט אַ זאָג געטאָן:

— געדענק, אבינועם! זאָלסט גוט אַכטונג געבען אויף דעם משומד ווייל ער קען אונז פאַרשאַפען פיל צרות אויב איהם זאָל געלינגען צו אנט־לויפען פון דאַנען.

— מעגסט זיך פאַרלאָזען אויף מיר — האָט אבינועם דער באַלעבאָס געענטפערט — איך וועל איהם שוין געבען גוטע קעסט אַז ער זאָל מיך האָבען צו געדענקען.

יואש און חפני האָבען באַלד נאָכדעם פאַרלאָזען אבינועם'ס הויז און ווען זיי זיינען שוין געווען אין דרויסען האָט יואש צוגערופען איינעם פון זיינע מענשען און האָט איהם געהייסען שנעל אָפּרייטען צו יהודה'ן נאָך מצפה און איהם איבערגעבען אָט וואָס:

— אלקימוס דער משומד איז שוין אַ געפאַנגענער אין אבינועם'ס הויז

אין שילה. מיר האָבען איהם געכאַפּט אויפ׳ן וועג ווען ער איז געלאָפען צום גריכישען לאַגער אום אויסצוזאָגען אונזערע מיליטערישע פּלענער.

— פון שילה וועלען מיר אַפּריטען נאָך עכו און צידון און מיר וועלען פּרובירען פאַרגיפטען די ברונעמער אין די צוויי שטעדט כדי אַז ווען די גרי־כישע אַרמיי וועט אַדורכגעהן יענע צוויי שטעדט וועלען זיי טרינקען די דאָרטיגע וואַסערען און פאַרגיפטעט ווערען . . .

דער שליח האָט זיך שנעל אַ לאָז געטאָן אין פולען גאַלאָפּ פון שילה נאָך מצפה, און יואש, חפני, מיט זייערע עטליכע אַרויסהעלפערס, האָבען האַס־טיג אָפּגעריטען צו צפון זייט צו די שטעדט עכו און צידון.

עס זיינען פאַריבער עטליכע טעג און מיט־אַמאָל האָט יהודה באַקומען די נאַכריכט פון יואש׳ן אַז אַריבער דריי טויזענט גריכען פון ניקאַנאָר׳ס אַרמיי זיינען געפאַלען טויט פון דעם גיפט וואָס זיי האָבען אַריינגעטאָן אין די ברוני־מער אין עכו און צידון.

יואש האָט איהם געמאָלדען אַז ניקאַנאָר געהט מיט בלויז צוואַנציג טויזענט מאַן, און אַז גאָרגיאַס מיט די אַנדערע פיר און צוואַנציג טויזענט מאַן האָבען זיך פאַרנומען צו אַ מזרח פראָנט. וואַהרשיינליך וויל ער אַרומ־רינגלען דעם „גדוד המכבים״ פון ביידע זייטען.

צו דער זעלבער צייט האָט יהודה באַקומען די נאַכריכט פון שפטיה׳ן אַז ניקאַנאָר וועט אָנקומען מיט זיין אַרמיי דורך דער שטאָדט עמאַאָס און דעריבער איז עס ראַטזאַם אַז יהודה זאָל ניט וואַרטען אין מצפה ביז וואַנען ביידע גרי־כישע אַרמייען, פון ניקאַנאָר און גאָרגיאַס, וועלען אָנקומען צו גלייכער צייט פון ביידע זייטען, נאָר אַז יהודה זאָל אַרויס באַגעגענען ניקאַנאָר׳ן אין עמאַאָס און דערווייל וועט ער האָבען צו פיהרען שלאַכט מיט ניקאַנאָר׳ן אַליין.

יהודה האָט איינגעזעהן אַז זיינע העלדישע שפּיאָנען זיינען גערעכט. ער האָט שנעל אויסגעמושטירט זיינע זעקס טויזענט העלדען און האָט גע־האַלטען פאַר זיי אַ קורצע אָבער שטאַרק באַגייסטערטע רעדע:

— ברידער! — האָט יהודה אַרויסגעדונערט מיט זיין לייבען שטימע זיצענדיג אויף זיין ווייסען פערד — געדענקט אַז מיר זיינען בלויז איינער געגען אַכט פון אונזער שונא׳ס אַרמיי, מיר האָבען אָבער מיט זיך דעם „צור ישראל״, דעם שטאַרקען גאָט פון ישראל וועלכער האָט שוין געזאָגט לאַנג צוריק אין אונזער תורה אַז: „ניט וויל מיר, אידען, זיינען אַ גרעסערע צאָהל פון די אַנדערע פעלקער דעריבער האָט גאָט אונז אויסדערוועהלט פאַר זיין געליבט פאָלק נאָר אין געגענטייל, ווייל מיר זיינען דער קלענסטער צווישען

אַלע פעלקער״, און דעריבער וויל גאָט ווייזען זיינע וואונדער מיט אַ קליינע צאָהל העלדען געגען אַ גרויסע צאָהל פון דעם שונא.

— געדענקט וואָס גאָט האָט געטאָן מיט די פיעלע מצרים אויפ׳ן ים סוף ווען זיי האָבען זיך נאָכגעיאָגט נאָך אונזערע אור־עלטערען זיי צו כאַפּען און ברענגען צוריק נאָך מצרים. פאַרגעסט ניט ווי קונציג אונזער דבורה הנביאה האָט באַזיגט דעם גרויסען שונא סיסרא, און גדעון דער גבור־חיל האָט מיט בלויזע דריי הונדערט העלדען באַזיגט אַזוי פיעל מדינים.

— ווען איהר געהט איצט געגען דעם שונא זאָל יעדערער פון אייך זיך פאָרשטעלען אַז ער איז ניט בלויז איינער געגען אַכט גריכען נאָר אַזוי ווי ער וואָלט געוועז צעהן אַנטקעגען איינעם פון שונא.

— איהר געהט איצט שלאָגען אַ שונא וועלכער וויל אייך מאַכען ניט בלויז פאַר שקלאַפען נאָך אויך פאַר ערגער ווי הפקר׳דיגע חיות. אויב חלילה איהר ווערט שוואך ביי זיך אין האַרצען, דאַן זיינען מיר אַלע פאַרלוירען אויף אייביג. אויב איהר באַזיגט דעם שונא דאַן וועלען מיר מאַכען אַ נייע היס־טאָריע, מיר וועלען צוריק אָפּנעהמען ירושלים, מיר וועלען צוריק אויסריי־ניגען די שמוץ פון אונזער פאַרשוועכטען בית־המקדש און מיר וועלען ווערען אַ זעלבסטשטענדיג פאָלק אין אונזער אייגען לאַנד.

— זאָל גאָט אייך געבען כח און מוט צו שלאָגען דעם שונא! „לה׳ הישועה!״

— הידד! חזק ונתחזק! — האָט אַ דונער געטאָן די זעקס טויזענט־דיגע שטימע פון „גדוד המכבי״ — מיר זיינען פול מיט בטחון, מיר וועלען זיך שטאַרקען אין אונזער קאַמף פאַר אונזער תורה, פאָלק און לאַנד.

עטליכע פאַראויסרייטענדיגע העלדען האָבען שוין צוגעטראָגען די טרומפּייטען צו זייערע מיילער און האָבען געוואָלט אַרויסגעבען דעם סיגנאַל צום מאַרש, אָבער אין זעלבען מאָמענט איז אָנגעלאָפען אַ רייטער, און קוים קענענדיג כאַפּען דעם אָטעם פון גרויס אימפּעט, האָט ער אויסגעשריגען:

— גדוד עזרה מעבר לירדן! מיר האָבען אַ נייעם הילפס־לעגיאָן פון דעם צווייטען זייט ירדן!

יהודה האָט באַלד איבערגענומען די נייעס אַז יואש האָט שוין באַוויזען צו קומען אין פאַרבינדונג מיט דעם אַלטען הירקאַנוס׳ן פון „אראק־אל־עמיר״ אויפ׳ן צווייטען זייט ירדן און דאָס האָט דער אַלטער הירקאנוס מנדב געווען צעהן טויזענט טאַלענטעס גאָלד צו דינגען נאָך הילף פון די נעבאַטים וועלכע זיינען ניט קיין בעסערע פריינט צו די גריכען ווי די אידען זיינען . . .

— וויפיל האָט ער דאָרטען ? און ווען וועלען זיי אָנקומען אַהער ? — האָט יהודה געפרעגט ביי׳ם שליח.

— איך ווייס נישט געניי, אָבער ער האָט דאָרט אַן „עם רב כחול אשר על שפת הים״, „אַ מאַסע העלדען אַזוי ווי די זאַמד ביים ברעג פון ים״ — האָט דער שליח שנעל געענטפערט מיט פינקלענדיגע אויגען פון גרויס שמחה.

— צפניה ! דו בלייב דאָ איבער און ווען יואש מיט זיין גדוד וועלען אָנקומען וועסטו דאַן, אָדער מיר קומען צו הילף קעגען ניקאַנאָר׳ן אין עמאַאָס אָדער דו וועסט דערווייל שוין באַדאַרפען זיך שטעלען אין שלאַכט געגען גאָר־גיאַס׳ן וועלכער וועט דאָ מסתמא אָנקומען פון מזרח זייט. — האָט יהודה באַ־פוילען זיין גוטען פריינט צפניה׳ן.

צפניה האָט זיך אַפגעשטעלט מיט עטליכע הונדערט העלדען אַרום מצפה און יהודה מיט זיין אַרמיי האָט אַרויסמאַרשירט נאָך מערב זייט.

---

## קאַפיטעל 38

# יהודה׳ס נצחונות. — דער נס פון חנוכה. — מנוח דער אומגליקליכער פאָטער.

עס זיינען שוין אַריבער עטליכע טעג און אויף די צעוואָרפענע בערג און טאָלען פון שומרון און גליל קומט פאָר אַ שרעקליכער געיעג : די העלדען פון גדוד המכבי און דער לעגיאָן פון די נעבאַטים יאָגען זיך נאָך די אַנטלויפענדע גריכישע סאָלדאַטען פון די צוויי גריכישע גענעראַלען.

אויף אַזאַ וויסטע מפלה האָבען זיך די גריכען גאָרנישט געריכט. יהודה מיט זיינע קאָרגע זעקס טויזענט העלדען האָט געמאַכט אַ חורבן פון ניקאַנאָר׳ס אַרמיי ביי דער שטאָדט עמאַאָס און ווען גאָרגיאַס מיט זיין אַרמיי איז אָנגעקומען נעבען מצפה, פון צווייטען זייט, האָט ער זיך דערזעהן אין אַ פאַסטקע פון אַלע זייטען : צפניה מיט עטליכע הונדערט העלדען האָבען שוין געהאַט אָפגעשניטען דעם וועג נאָך צפון און יואש מיט דריי טויזענט נעבאַטים האָבען אָנגעהויבען צו שליידערען די פיילען פון מזרח זייט און מיט אַמאָל איז אָנגעלאָפען יהודה מיט נאָך פיר טויזענט העלדען פון מערב זייט און זיי האָבען אָנגעהויבען האַקען קעפּ מיט זייערע שאַרפע שווערדען.

גאָרגיאַס איז געבליבען אַ צעטומעלטער. וואו איז אַהינגעקומען ני־קאַנאָר ? זיי האָבען דאָך אָפגעמאַכט צו באַפאַלען די מכבים אין מצפה פון ביידע זייטען מיטאַמאָל, טאָ וואָס איז געוואָרען מיט ניקאַנאָר׳ן ?

און אין יענעם גרויסען טומעל איז דערווייל גאָרגיאַס זעלבסט אנט־לאָפען און מיט איהם היפשע עטליכע טויזענט מאַן.

פאַרשטעהט זיך, אַז יהודה, צפניה, יואש, יונתן, שמעון, און נאָך פיעלע פיהרערס פון דעם „גדוד המכבי״ האָבען דאַמאָלס קיין צייט ניט געהאַט צו באַטראַכטען די לאַגע מיט אַ רוהיגען קאָפּ. זיי האָבען געוואוסט בלויז איין זאַך, נאָכצויאָגען דעם שונא און טויטען וואָס מעהר.

עטליכע טעג איז פאַרגעקומען די דאָזיגע יאָגעניש און ווען דאָס איז געווען געענדיגט האָט זיך אַרויסגעוויזען אַט־וואָס:

אַריבער דרייסיג טויזענט גריכען זיינען געפאַלען טויט און ביי אַ פערצעהן טויזענט זיינען צוריק אַנטלאָפען איבער׳ן גרעניץ נאָך אַנטיוכיע. די מכבים האָבען אַריינגעכאַפּט פופצעהן טויזענט גוטע פערד און גאָר אַ סך געוועהר. אויסער דעם האָבען די מכבים צוגענומען דעם גרויסען פאַרמעגען אין געלט וואָס די עטליכע הונדערט גריכישע שקלאַפען־הענדלער האָבען געהאַט ביי זיך ווען זיי זיינען מיטגעגאַנגען מיט דער גריכישער אַרמיי מיט דער זיכערהייט אַז די אידען וועלען באַזיגט ווערען און דאַן וועלען זיי, די שקלאַפען־הענדלער, קענען קויפען טויזענטער אידישע שקלאַפען . . .

יהודה האָט באַלד פאַראָרדענט אַ ספּעציעלען יום־טוב נאָך דעם דאָזיגען זיג. אַלע אידען האָבען זיך צענויפגעקליבען אין מצפה און עס איז געפּראַוועט געוואָרען אַ גרויסאַרטיגער יום־טוב.

די צוויי פאַרשטעהער פון דער סנהדרין, רבי יוסי בן יועזר און רבי יוסי בן יוחנן, זיינען אויך געקומען צו פייערען דעם יום־טוב מיט וואַרעמע באַגריסונגען צו יהודה׳ן מיט זיינע העלדען.

אייניגע פון די פיהרער האָבען געראַטען אַז מען זאָל שוין אַריינמאַר־שירען אין ירושלים און פאַרניכטען דעם דאָרטיגען גריכישען גאַרניזאָן און צוריק אָפּנעמען די שטאָדט אָבער יהודה האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג אַז פאַרלויפיג טאָר מען נאָך נישט פּרובירען מיט אַ נייע מלחמה אין ירושלים וויל מען מוז זיך שוין נעמען גרייטען צו אַ נייער שלאַכט מיט אַן אַרמיי פון אַנטיוכיע.

און יהודה האָט געהאַט רעכט; וויל אַזוי שנעל ווי די צוויי גענעראַלען ניקאַנאָר און גאָרגיאַס זיינען קוים אַנטלאָפען מיט זייער לעבען צוריק נאָך אַנטיוכיע, האָבען זיי דאָרטען געמאַכט אַזאַ געוואַלד אַז דער קעניג אַנטיאָכוס האָט געמוזט נאָכגעבען אויף אַ נייער מיליטערישער עקספּעדיציע אונטער דער פיהרערשאַפט פון דעם הויפּט גענעראַל ליזיאַש.

דער דאָזיגער ליזיאַש האָט מיטגענומען מיט זיך אַן אַרמיי פון פינף און זעכציג טויזענט מאַן און האָט געשוואוירען ביים גאָט צעאוס אַז ער וועט נישט איבערלאָזען קיין איינציגען איד אין ארץ ישראל.

אין דער צייט וואָס ליזיאש האָט צענויפגעזאַמעלט זיין גרויסע אַרמיי און האָט אָפּגעריטען נאָך ארץ ישראל, האָט יהודה אוספּייעט צוצוציהען צו זיין גדוד נאָך פילע טויזענטער העלדען און ווען ליזיאש איז אָנגעקומען נעבען דער שטאָדט בית צור האָט דער אידישער גדוד זיך געוואָרפען אויף די גריכען מיט אַזאַ אימפּעט אַז ליזיאַש האָט גלייך פון אָנפאַנג איינגעזעהן אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט איבערמענטשען פון אויסערגעוועהנליכען כאַראַקטער.

ליזיאַש האָט קוים געקענט ראַטעווען אַ קליינעם צאָהל פון זיין אַרמיי און איז אַנטלאָפען צוריק נאָך אַנטיאָכיע.

ערשט דאַן האָט יהודה באַשלאָסען זיך אַ נעם־צו־טאָן צו דער דער־אָבערונג פון ירושלים.

גאָר לייכט האָבען די מכבים איבערגענומען צוריק די הייליגע שטאָדט ירושלים אויסער דער „אקרא״ פעסטונג אין וועלכען עס איז נאָך אַלץ פאַר־בליבען אַ שטאַרקער גריכישער גאַרניזאָן אָבער וועלכער איז אַרומגערינגעלט געוואָרען פון יהודה׳ס העלדען אין אַ שטאַרקע באַלאַגערונג.

און פּונקט דעם פינף און צוואַנציגסטען טאָג אין אידישען מאָנאַט כסלו אין דעם יאָהר 165 פאַר דער קריסטליכער צייט רעכענונג האָט יהודה, אין דער שפּיץ פון זיינע פילע העלדען, אַריינמאַרשירט אויף דער „עזרה״ פון בית המקדש און עס האָט אויסגעבראָכען אַ געוויין דערזעהענדיג וואָס די גריכען האָבען געמאַכט פון דעם הייליגען פּלאַץ.

אין פאַרלויף פון די דריי יאָהר צייט וואָס די גריכען האָבען געדייסטע־וועט אין דעם בית־המקדש האָבען זיי צעבראָכען דעם מזבח און ראַבירט פילע הייליגע כלים. אויפ׳ן פּלאַץ פון הייליגען מזבח האָבען זיי אויפגע־שטעלט אַן אַלטאַר פאַר׳ן אָפּגאָט צעאוס מיט געצענדינערישע בילדער.

דער געוויין פון די אידען איז באַלד איינגעשטילט געוואָרען ווען יהודה המכבי האָט אויסגערופען:

— נישט מיט געוויין און קלאָג וועלען מיר צוריק אויפבויען דאָס וואָס דער שונא האָט רואינירט. מיר מוזען זיך שוין נעמען צו דער אַרבייט פון אויסרייניגונג און צוריק־בויאונג.

די גרויסע מאַסע אידען האָט זיך אַ נעהם געטאָן צו דער אַרבייט: מען האָט צעבראָכען און צעשטערט אַלע אָפּגעטער, צעהאַקט דעם אַלטאַר און גלייך אויפגעבויט אַ נייעם מזבח, אויך האָט מען אויסגעגאָסען נייע כלים פון

גאָלד און זילבער אַנשטאט די צוגערויבטע אָדער טמא געוואָרענע כלים דורך די גריכישע הענט.

גלייך נאָכדעם האָט מען געפּראַוועט אַ חנוכת הבית. די באַנייאונג פון דער הייליגער פונקציע אין דעם אויסגערייניקטען בית־המקדש. מען האָט מקריב געווען קרבנות צו גאָט און מען האָט געזונגען הלל.

און דאַמאָלס איז געשעהן דער גרויסער נס פון חנוכה: ווען עס איז געקומען די פראַגע פון בוימעל פאַר דער מנורה, וואָס מען האָט באַדאַרפט אָנצינדען, האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז עס איז נישטאָ קיין הייליגער „שמן זית זך כתית למאור", ריינעם כשר'ן בוימעל פאַר דער מנורה לויט דעם דין פון דער תורה, ווייל די אַלע בוימלען וועלכע מען האָט געקענט קריגען צו דער האַנט זיינען געווען טמא, נישט ריין, צוליב דעם וואָס די גריכען האָבען זיי געהאַלטען אין זייערע הענט, און אום צו מאַכען פרישען בוימעל פאַר דער מנורה, לויט'ן דין פון דער תורה, האָט באַדאַרפט דויערען עטליכע טעג.

יהודה איז אָבער געווען שטאַרק דערפאַר אַז מען מוז שוין אָנצינדען די ליכט פון דער מנורה און דעריבער האָט מען אָנגעהויבען זוכען און נישטערן טאָמער וועט מען פאָרט געפינען אַ ביסעל כשר'ע בוימעל.

פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ פריילינכער אויסגעשריי פון פיעלע אידען אַז איינער פון די זוכערס האָט געפונען כשר'ע בוימעל און באַלד האָט זיך באַוויזען אַן עלטערער איד וועלכער איז צוגעקומען נאָהענט צו יהודה'ן און האַלטענדיג אַ פאַרמאַכטען קריגעל אין האַנט האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— דעם דאָזיגען פאַרמאַכטען קריגעל האָב איך געפונען אין אַ ווינקעל פון דעם „היכל" נישט ווייט פון דער מנורה, און ווי עס ווייזט אויס האָבען די גריכען דאָס נישט אָנגערירט ווייל מען קען זעהן פון דעם העברעאישען אויפ־שריפט אויף דעם אַז דאָ געפינט זיך „שמן זית זך כתית למאור", ריינע כשר'ע בוימעל פאַר דער מנורה.

יהודה האָט שנעל אַ כאַפּ געטאָן דעם קריגעל בוימעל און וואַרפענדיג אַ בליק אויפן אויפשריפט האָט ער אויסגערופען מיט גרויס שמחה:

— דאָס איז דאָך די שריפט מיט'ן זיגעל פון אונזער הייליגען כהן גדול חוניו עליו השלום! יאָ! אַ גליק איז אונז געשעהן מיט דעם דאָזיגען בוימעל.

באַלד איז צוגעקומען רבי יוסי בן יועזר און באַטראַכטענדיג דעם פאַר־חתמ'טן קריגעל בוימעל האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איז טאַקע כשר'ע בוימעל פאַר דער מנורה אָבער עס איז

ווינציג ווייל לויט די גרויס פון קריגעל וועט די בוימעל זיין גענוג בלויז פאַר איין נאַכט.

— וועלען מיר דערווייל אַנצינדען היינטיגע נאַכט — האָט יהודה גע־ענטפערט — און אויף די ווייטערע נעכט וועלען מיר פּרובירען שאַפען פרישען בוימעל.

גלייך נאַכדעם איז באַשלאָסען געוואָרען איינצוטיילען דעם כבוד פון אַנצינדען די מנורה די ערשטע נאַכט, צו עטליכע פיהרערס. צו ערשט האָט מען צוגערופען דעם איד וועלכער האָט געפונען דעם קריגעל בוימעל און רבי יוסי בן יועזר האָט איהם אַ פרעג געטאָן:

— ווי איז דיין נאָמען?

— מיין נאָמען איז מנוח און איך קום פון בית־לחם יהודה — האָט דער איד געענטפערט.

מנוח? פון בית־לחם? — האָט יהודה אויסגערופען אין פאַרוואונדערונג און האָט גלייך צוגעגעבען — זאָג מיר, איך בעט דיר, האָסטו נישט אַ טאָכטער מיט'ן נאָמען שולמית?

— יאָ, דאָס בין איך — האָט דער איד געענטפערט מיט אַ זיפץ — מיין טאָכטער איז נעבעך שטאַרק קראַנק.

— דיין טאָכטער וועט אם ירצה השם ווערען געזונט — האָט רבי יוסי אַ זאָג געטאָן נישט וויסענדיג אפילו וועגען וואָס יהודה מיט דעם דאָזיגען מנוח רעדען צווישען זיך.

— רבי! — האָט יהודה אויסגערופען צום נשיא פון דער סנהדרין — רבי! ווינשט דעם אומגליקליכען פאָטער אַז זיין טאָכטער, די בילד שעהנע שולמית, זאָל צוריק ווערען געזונט.

— אויב עס איז אַ פראַגע פון מתפלל זיין פאַר איהר, וועל איך געוויס ניט זשאַלעווען דאָס צו טאָן — האָט רבי יוסי געענטפערט און ער האָט גלייך צוגעגעבען — אָבער דערווייל מוז מען דאָך שוין אַנצינדען די מנורה.

מען האָט גלייך מכבד געווען דעם עלענדען איד מנוח אַריינצוטראָגען דעם קריגעל בוימעל אין „היכל" און דאָרטען האָט רבי יוסי בן יועזר אויס־גערופען:

— איצט! ווערסטו העלדישער גאָט־געזאַלבטער פיהרער פון ישראל און כהן, יהודה המכבי, אַנגיסען די בוימעל אין די זיבען רעהרען פון דער מנורה.

— איך דאַנק דיר, הייליגער רבי פאַר'ן כבוד וואָס דו טוסט מיר אָן — האָט יהודה געענטפערט — אָבער איך וויל נישט צונעמען דעם גאַנצען

כבוד פאַר מיר אַליין, איך וויל אַז מיינע פיער ברידער זאָלען אויך אַנטייל נעמען אין דער דאָזיגער מצוה.

אין עטליכע מינוטען האָבען די פינף חשמונאים ברידער אַנגעגאָסען פינף פון די מנורה רעהרען, יעדערער פון זיי צו איין רעהר, אויך האָט מען מכבד געווען רבי חוני המעגל מיט רבי יוסי בן יוחנן יעדען פון זיי אַ רעהר.

ווען די דאָזיגע צערעמאָניע איז געווען געענדיגט זיינען אַלע געבליבען שטעהן אין אַ הייליגער מיסטעריעזער שטילקייט. מען האָט באַדאַרפט אויס־קלייבען אַ כהן גדול וועלכער זאָל איצט אָנצינדען די מנורה, ווייל אין דער תורה שטעהט אַז גאָט האָט געהייסען בלויז אהרן דעם כהן גדול אָנצוצינדען די מנורה און אַזוי ווי דער בית־המקדש האָט דאָך נישט געהאַט קיין אמת'ן ווירדיגען כהן גדול פאַר היפשע עטליכע יאָהר זייט חוניו דער דריטער, (וועל־כער איז פריהער געפאַנגען געוואָרען אין אַנטיוכיע און דערנאָך דערמאָרדעט געוואָרען דורך דער האַנט פון דעם פאַלשען כהן גדול מענעלאָס) דעריבער איז געווען אַ פראַגע ווער זאָל איצט אָנצינדען די מנורה.

יהודה האָט פאַרשטאַנען אַז פאָרלויפיג באַדאַרף מען מכבד זיין מיט דער דאָזיגער מצוה צו רבי יוסי בן יועזר זעלבסט. ערשטענס, איז ער דאָך אַ כהן און דערצו רופט מען איהם דער חסיד שבכהונה, דער פרומסטער צווישען אַלע כהנים, און צווייטענס איז ער דאָך דער נשיא פון דער סנהדרין און אַ גרויסער געלערענטער מאַן.

— רבי יוסי בן יועזר! — האָט יהודה אויסגערופען — די מצוה פון „בהעלותך את הנרות", פון אָנצינדען די ליכט אין דער מנורה, באַלאַנגט איצט צו דיר.

רבי יוסי בן יועזר האָט נישט געענטפערט אַזוי גיך אויפן אויסרוף פון יהודה'ן, עס איז געווען קענטיג אַז ביט קוקענדיק אויפן גרויסען כבוד וואָס מען טוט איהם אָן, פיהלט ער אָבער ביי זיך אַז ער טאָר עס נישט טאָן.

— פאַר וואָס וואַרטסטו מיט דער מצוה, — האָט יהודה געפרעגט.

— איך ווייס נישט אויב עס וועט זיין לרצון פאַר גאָט אַז איך זאָל אָנ־צינדען די מנורה — האָט רבי יוסי בן יועזר געענטפערט מיט אַ שטילען זיפץ, און ער האָט גלייך צוגעגעבען: — איך האָב אַ פגם אין מיין משפחה, מיין שוועסטערס זוהן אלקימוס איז דאָך אַ משומד און מיט אַזאַ פלעק אין מיין פאַמיליע ווייס איך נישט אויב גאָט וואָלט זיין צופרידען אַז איך זאָל דורכ־פיהרען אַזאַ הייליגע מצוה.

צווישען די פאַרזאַמעלטע אידען אין „היכל" איז געוואָרען אַ שושקעריי.

אויף אזא ערנסטע עניוות האָבען זיי זיך נישט געגלויבט; יהודה האָט אָבער באַלד צוריק געענטפערט:

— אלקימוס איז שוין איצט אין אונזערע הענט, מיר האַלטען איהם געפאַנגען אין שילה אין דער הויז פון אבינועם און אויב ער וועט נישט טאָן קיין תשובה וועלען מיר איהם טויטען. דעריבער טאַרסטו, רבי יוסי בן יועזר, מעהר נישט טראַכטען פון קיין פלעק אין דיין פאַמיליע, איבערהויפּט ווען דו ביזט דער נשיא פון דער סנהדרין און מיר אַלע קלייבען דיך אויס פאַר דער דאָזיגער מצוה.

— „קול המון כקול שדי" — האָט אַ פליסטער געטאָן דער שטילער ברום פון אַלע פאַרזאַמעלטע אידען אין „היכל" — „די שטימע פון פאָלק איז פונקט אַזוי וויכטיג ווי די שטימע פון גאָט". מיר אַלע זיינען וויליג אַז אונזער גרעסטער רבי יוסי בן יועזר זאָל דינען איצט אַלס כהן גדול און אָנצינדען די מנורה.

רבי יוסי בן יועזר האָט אַ בליק געטאָן צו אַלעמען מיט אַ פריינטליכען שמייכעל און גלייך נאָכדעם האָט ער אָנגעצונדען די זיבען רעהרען פון דער מנורה מורמלענדיג דאַביי אַ שטילע תפלה.

אויפ'ן צווייטען טאָג איז געפּראַוועט געוואָרען אַ חנוכה יום טוב וואָס די מנורה האָט געלויכטען מיט כשר'ע בוימעל די פאָריגע נאַכט.

ווען עס איז געקומען די צווייטע נאַכט האָט רבי יוסי בן יועזר פאַר־טרויט דעם סוד צו יהודה'ן אַז די בוימעל אין די זיבען רעהרען איז געבליבען נישט געמינערט נאָכדעם ווי עס האָט געברענט די פאָריגע נאַכט.

יהודה איז געוואָרען שטאַרק באַגייסטערט פון אַזאַ נס. ס'טייטשט, ווי קען עס זיין? דער קריגעל בוימעל וואָס מנוח האָט געפונען איז דאָך איב־גאַנצען אויסגעליידיגט געוואָרען און די זיבען רעהרען פון דער מנורה, נאָך אין דער ערשטער נאַכט, טאָ ווי שיקט זיך עס אַז די רעהרען זאָלען זיין פול אויך אויף דער צווייטער נאַכט?

— מיר מוזען דערגעהן פון מנוח'ן אין וואָס זיין גרויסער זכות באַ־שטעהט אַז צוליעב איהם האָט גאָט באַוויזען אַזאַ נס — האָט רבי יוסי בן יועזר באַמערקט צו יהודה'ן.

שטילערהייט האָט מען גערופען מנוח'ן און רבי יוסי בן יועזר האָט איהם געפרעגט:

— זאָג מיר, מנוח, וואָס אַזוינס האָסטו אויפגעטאָן אין דיין לעבען, עפּעס גאָר וויכטיגעס, וואָס צוליב דעם האָט גאָט געשיקט אַ מזל ברכה אין דעם בוימעל וואָס דו האָסט געפונען?

מנוח איז געשטאַנען אַ צעטומעלטער און נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט נאָר אַרויסגעמורמעלט עטליכע ווערטער — איך בין אַ פּשוט׳ער גאָטספאַרכטיגער איד און גאָט האָט מיר געשענקט אַ גוטע, קלוגע, און שעהנע טאָכטער וועלכע איז מיין גאַנצער טרייסט אין לעבען, אָבער זייט די לעצטע פּאָר יאָהר איז זי זעהר קראַנק און איך האָב שוין פּרובירט מיט פילע רופאים אָבער קיין זאַך העלפט נישט. איך האָב שוין אויך באַזוכט מיט איהר די גרויסע רופאים אין גלעד, אויפ׳ן צווייטען זייט ירדן, אָבער קיינער ווייסט נישט ווי איהר צו קורירען.

מנוח האָט זיך שטאַרק צעוויינט און רבי יוסי בן יועזר האָט אָנגעהויבען צו באַרוהיגען דעם אומגליקליכען פאָטער:

— וויין נישט, מנוח, „ישועות ה׳ כהרף עין״, אַז גאָט וועט וועלען וועט דיין טאָכטער ווערען געזונט גאָר שנעל; זאָג מיר אין וואָס באַשטעהט דיין טאָכטערס קרענק.

— מיין טאָכטער האָט אויפגעהערט צו עסען און טרינקען און זי רעדט קיין אַנדער זאַך אויסער צוויי ווערטער: „ברונים, קאָץ״ — האָט מנוח אָפּ־געזיפצט.

רבי יוסי האָט געהויבען די אַקסלען פון גרויס וואונדער נישט באַגריי־פענדיג וואָס די דאָזיגע צוויי ווערטער באַדייטען.

— רבי, זייט מתפלל פאַר׳ן געזונט פון מיין איינציגע טאָכטער — האָט מנוח זיך אָנגעהויבען בעטען מיט טרערען אין די אויגען.

— גאָט וועט העלפען! זי וועט אם ירצה השם קומען צוריק צום שכל און ווערען געזונט — האָט רבי יוסי געענטפערט מיט אַן ערנסט.

מנוח איז אַרויסגעגאַנגען און רבי יוסי האָט אַ זאָג געטאָן צו יהודה׳ן:

— מיר וועלען פּרובירען אָנצינדען די מנורה אויך היינטיגע נאַכט מיט׳ן זעלבען בוימעל פון נעכטען.

אָבער ווי דערשטוינט איז רבי יוסי בן יועזר געוואָרען אויפ׳ן דריטען טאָג דערזעהענדיג אַז דער זעלבער בוימעל איז נאָך־אַלץ פאַרבליבען גאַנץ אַזוי ווי נאָר־וואָס אַריינגעגאָסען אין די רעהרען.

דער מיסטעריעזער סוד איז באַקאַנט געוואָרען צום פאָלק און איבעראַל האָט מען אָנגעהויבען צו דעבאַטירען אין וועמענס זכות גאָט באַווייזט אַזאַ נס. אייניגע האָבען גע׳טענה׳עט אַז דאָס איז צוליב דעם פרומען מנוח פון בית־לחם וועלכער גיט אַ סך צדקה; אַנדערע האָבען געזאָגט אַז דאָס איז אין זכות פון יהודה המכבי וועלכער האָט „מקדש השם״ געווען, פאַרהייליגט גאָט׳ס נאָמען, אין דער וועלט דורך די העלדישע מלחמות און דורך דעם זיג איבער די גריי־

כען: אָבער פיעלע אידען האָבען זיך געהאַלטען פעסט אַז דאָס איז אין זכות פון דעם „חסיד שבכהונה" צוליב דעם הייליגען רבי יוסי בן יועזר.

דערוויל זיינען אָנגעקומען כהנים מיט פאַרטיג־געמאַכטע בוימלען און האָבען דאָס אָנגעבאָטען פאַר דער מנורה, אָבער ווי ערשטוינט זיינען אַלע גע־וואָרען ווען יהודה המכבי האָט עפענטליך דערקלעהרט צום דריטען טאָג אַז די ערשטע בוימעל איז נאָך־אַלץ נישט געמינערט געוואָרען.

און אַזוי האָט עס פּאַסירט אַז די בוימעל, געננג פאַר איין נאַכט, האָט געברענט אַן אויפהער גאַנצע אַכט טעג. פאַרשטעהט זיך אַז יעדען טאָג, פון די דאָזיגע אַכט טעג, זיינען געפּראַוועט געוואָרען ספּעציעלע תפלות מיט קרבנות לכבוד דעם גרויסען זיעג איבער די גריכען און אויך לכבוד דעם נס פון די בוימעל וועלכעס האָט געברענט גאַנצע אַכט טעג נאָכאַנאַנד.

און זייט יענעם חנוכת בית־המקדש און דעם נס פון די בוימעל, איז באַשטימט געוואָרען דעם אַכט־טאָגיגער „חנוכה" יום־טוב אַלס אַ דין און אַ מצווה פאַר'ן אידישען פאָלק אויף אַלע קומענדע דורות.

## קאַפּיטעל 39

# די טראַגעדיע צווישען אבשלום, אביגיל, און שולמית

אין איינער פון די שעהנסטע הייזער אין ירושלים איז צו יענער צייט פאָרגעקומען אַ גרויסער טרויער און אַ געוויין: די שעהנע יונגע פרוי אבי־גיל איז געלעגען צו בעט און אַרום איהר זיינען געשטאַנען צוויי דינסטען און זיי האָבען אָנגעווענדעט אַלע מיטלען צו באַרוהיגען זייער באַלעבאָסטע אין איהר גרויסען אומגליק.

— ווי וועלען מיר עס קענען דערצעהלען צום באַלעבאָס ווען ער וועט קומען אהיים? — האָט איין דינסט אַ זאָג געטאָן צו דער צווייטער — באַרעכען נאָר אַז דאָס איז שוין דאָס צווייטע קינד וואָס קומט־אום אַזוי טראַ־גיש. דאָס ערשטע קינד איז אַריינגעפאַלען אין דעם ברונעם וואַסער און ביז מען האָט עס אַרויסגעצויגען איז עס שוין געווען טויט; און איצט, אַ! אַזאַ בראָך! מיר זיינען דאָך געווען מיט'ן צווייטען קינד צוזאַמען די גאַנצע צייט, נאָר בלויז אויף עטליכע מינוטען בין איך אַרויסגעלאָפען פון הויז און ווען איך האָב זיך צוריק אומגעקעהרט איז שוין דאָס קינד געווען אַ דערשטיקטער צום טויט, די קאַץ האָט עס דערשטיקט מיט איהרע נעגעל און מיר איז אָנגע־קומען זעהר שווער ביז וואַנען איך האָב געקענט אָפּרייסען דער קאַץ פון קינד.

— עפּעס מוז דאָ זיין אַ שטראָף פון גאָט איבער דער דאָזיגער פאַמיליע — האָט די צווייטע דינסט געענטפערט.

— פאַרוואָס קומט זיי אַזאַ שטראָף? — האָט די ערשטע דינסט געפרעגט — מיר ווייסען דאָך אַז זייט די לעצטע פיער יאָהר וואָס זיי זיינען פאַרהייראַט, און מיר זיינען אָנגעשטעלט ביי זיי אין הויז, פיהרען זיי זיך אויף פרום און גוט צו גאָט און צו לייט.

— מיר קענען נישט פאַרשטעהן גאָט'ס וועגען — האָט די צווייטע דינסט אַ זאָג געטאָן מיט אַ פרומער מינע.

— וואו בין איך? אָ! מיין קאָפּ! — האָט זיך דערהערט דער אויסגעשריי פון דער פאַר'חלש'טער יונגער באַלעבאָסטע אביגיל אַזוי שנעל ווי זי האָט אויפגעעפענט איהרע אויגען און האָט זיך דערזעהן ליגענדיג אין בעט און די דינסטען אַרום איהר..

— שטאַרקט זיך, באַלעבאָסטע! גאָט וועט העלפען, פון היינט אָן און ווייטער וועט איהר שוין מעהר נישט וויסען פון קיין צער — האָט איין דינסט געענטפערט.

— אַוואו איז מיין אבשלום? — האָט אביגיל אויסגערופען מיט אַ געוויין — מיין אומגליקליכער מאַן וועט באַלד קומען אַהיים. אָ! וואָס טוט מען? ווי דערצעהלט מען איהם וועגען דעם דאָזיגען אומגליק? ער האָט נאָך נישט פאַרגעסען דעם ערשטען אומגליק און איצט, אַזאַ בראָך, אַזאַ קלאָג, שוין דאָס צווייטע קינד איז געטויטעט געוואָרען דורך אַ מיסטעריעזער האַנט.

דער טאָג איז אַריבער אין געוויין און אין קרעכצען צווישען אביגיל'ן מיט איהרע צוויי דינסטען. ווען עס איז געוואָרען נאַכט און דער באַלעבאָס אבשלום איז געקומען אַהיים האָט זיך ערשט אָנגעהויבען דאָס געוויין פון דאָס ניי. די אומגליקליכע מוטער האָט דערצעהלט איהר מאַן פון זייער שותּפותּדיגען אומגליק אַז דאָס קינד איז דערשטיקט געוואָרען דורך אַ קאַץ.

פאַרשטעהט זיך אַז יענע נאַכט האָבען ביידע יונגע עלטערען פון דעם קינד פאַרבראַכט אין יללות, מען האָט גלייך געשיקט רופען אַ מאַן פון דער „חברה קדישא" אַז ער זאָל קומען צונעהמען דאָס טויטע קינד מקבר צו זיין.

צוויי טעג זיינען אַדורך און דאַן האָט אַבשלום באַמערקט אַז זיין פרוי איז, נישט נאָר פאַרטרויערט אויפ'ן אומגליק נאָר אויך זעהר שטאַרק אָנגעכמורעט געגען איהם ,אבשלום'ען.

— זאָג מיר, מיין טייערע אַביגיל, — האָט אַבשלום פּרובירט צו באַרוהיגען זיין פרוי — פאַרוואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי בייז? האָב איך דען

ווייניג צער פון דעם טראַגישען טויט פון אונזער קינד? פאַרוואָס זאָלסטו נאָך מיר פאַרשאַפען מעהר עגמת־נפש מיט דיין בייזען בליק אויף מיר?

— ווייל איך פיהל אַז גאָט האָט אונז געשטראָפט צוליב דיר . . . — האָט אביגיל אויסגעבראָכען אין אַ פרישען געוויין.

— צוליב מיר? — האָט אבשלום זיך אַ כאַפּ געטאָן אין גרויס שרעק — וואָס אַזוינס האָב איך געטאָן אַז גאָט זאָל מיך שטראָפען מיט אַזאַ שטראָף?

— אויב דו האָסט נישט געזינדיגט געגען גאָט, האָסטו מסתמא געזינ־דיגט געגען מענשען — האָט אַביגיל געענטפערט.

אבשלום האָט אויסגעגלאָצט זיינע פאַרוואונדערטע אויגען געגען זיין פרוי נישט קענענדיג באַגרייפען וואָס זי מיינט דערמיט. דוכט זיך אַז ער האָט קיינמאָל נישט אַנגעריהרט קיין מענשען צום שלעכטען. ער פלעגט שטענדיג טאָן טובות צו אַלעמען. ער איז געוועזן אַ געהאָרכזאַמער זוהן צו זיינע עלטערען און נאָכהער ווען ער האָט זיך אַרויסגעלאָזען פון זיין פאָטער׳ס הויז אין ירושלים כדי צו מאַכען אַ לאַנגען „טיול“, אַ שפּאַציר, איבער די שטעדט און דערפער פון ארץ ישראל, האָט ער דעמאָלט אויך געטאָן פיעל גוטס צו פיעל אידען אין פאַרשיידענע פלעצער.

אבשלום איז געזעסען און געטראַכט. ער האָט גענומען זוכען און נישטערן אין זיינע געדאנקען וועלכען עס איז אינצידענט וואָס זאָל קענען אויסגעטייטשט ווערען אַלס אַ זינד אום צו באַרעכטיגען גאָט׳ס שטראָף אויף איהם. דערוויל האָט אביגיל ווייטער גערעדט צו איהר מאַן:

— זוך אבשלום! פּרוביר זיך צו דערמאָנען, אפשר האָסטו פאָרט עפּעס געטאָן אַזוינס וואָס גאָט איז אומצופרידען דערמיט. דו זעהסט דאָך אַז דאָס איז שוין דער צווייטער אומגליק אונזערער. דאָס ערשטע קינד איז דערטרונקען געוואָרען אין דעם ברונעם און איצט איז אונזער צווייטער קינד דערשטיקט געוואָרען דורך אַ קאַץ. דאָס איז דאָך נישט קיין צופאַל, עפּעס מוז דאָ זיין די השגחה פון גאָט . . .

לאַנגזאַם האָט אבשלום׳ס געזיכט אָנגעהויבען צו ווערען טונקעל. פון זיינע אויגען האָט אַ שפּאַר געטאָן אַ זודיגער טרער און זיין קערפער האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן אין גרויס שרעק. יאָ, ער האָט זיך דערמאָנט — — —

אביגיל, וועלכע האָט די גאַנצע צייט פון געשפּרעך נישט אַראָפּגענומען איהרע בליקען פון איהר מאַן, האָט גלייך דערפיהלט אַז איהר מאַן האָט זיך שוין דערמאָנט אָן די גרויסע זינד. זי האָט אָנגעהויבען בעטען מיט געוויין און תחנונים אַז אבשלום זאָל גאָרנישט באַהאַלטען פאַר איהר נאָר אַז ער זאָל איהר אויסזאָגען דעם אמת; זי וועט איהם אַלעס מוחל זיין אבי ער זאָל אויס־

רעדען פאַר איהר זיין זינד און דאַן וועלען זייביידע בעטען ביי גאָט אַז ער זאָל זיי פאַרגעבען און מעהר נישט שטראָפען.

אבשלום האָט איינגעזעהן אַז זיין ליבע פּרוי מיינט עס ערנסט. זי איז דאָך טאַקע אַ „גוטע נשמה", אַ פרומע, און מיט אַלע גוטע אייגענשאַפטען, טאָ ווי אזוי וועט ער דען קענען באַהאַלטען פון איהר דעם סוד וואָס ער האָט זיך איצט דערמאָנט?

אבשלום האָט שווער אָפּגעזיפצט און ער האָט אָנגעהויבען צו דער־צעהלען:

— דו ווייסט דאָך מיין טייערע אַז מיין ליבע צו דיר איז שטראָקער פון אייזען, קיין זאַך אין דער וועלט קען נישט צעשטערען אונזער ליבע. זייט איך האָב דיך דערזעהן צום ערשטען מאָל מיט פיער יאָהר צוריק, ווען דו ביזט געווען צווישען פיעלע הונדערטע מיידלאך אין די וויינגערטנער אין ירושלים, האָב איך גלייך דערפיהלט אַז נאָר אין דיר וועל איך געפינען גליק, און אַזוי איז עס געשעהן: מיר האָבען פאַרבראַכט פיער יאָהר אין ליבע און גליק און ווען נישט די צוויי אומגליקען, פון דעם טראַגישען טויט פון אונזערע צוויי קינדער, וואָלטען מיר קיינמאָל נישט געקומען דאַרויף אַז איך זאָל זיך איצט דערמאָנען אָן דעם פאַרברעכען וואָס איך בין אַמאָל באַגאַנגען נאָך איידער איך האָב דיך דערזעהן צום ערשטען מאָל.

אביגיל האָט אינסטינקטיוו זיך אַ צאַפּעל געטאָן: ווער ווייסט וואָס פאַר אַ פאַרברעכען אבשלום איז אַמאָל באַגאַנגען. איהרע פאַרטרערטע אויגען זיינען געווען געווענדעט צו איהר מאַן און איהר געזיכט האָט אויסגעדריקט אַ טיפען שרעק און אַנגסט.

אבשלום האָט גלייך אָנגעהויבען צו דערצעהלען:

— דאָס איז געשעהען מיט קאַרגע פינף יאָהר צוריק, ווען איך בין געגאַנגען צוריק פון מיין לאַנגען „טיול" איבער׳ן לאַנד; אין אַ הייסען זומער־דיגען טאָג ביך איך פאַרבייגעגאַנגען אַ ליידיגען פעלד נעבען בית־לחם, די זון האָט דאַמאָלסט געברענט זעהר שטאַרק און איך האָב געזוכט ערגעץ אַ ביסעל וואַסער צום טרינקען. מיטאַמאָל האָב איך באַמערקט אַ ברונעם צווישען די געדיכטע קוסטעס פון אַ דערבייאיגען וועלדעל און איך בין שנעל צוגעלאָפען אַהין און געוואָלט נעהמען די שטריק מיט׳ן עמער אָנצושעפּען וואַסער. פּלוצלינג האָב איך דערהערט אַ פרויען שטימע אַרויסשרייענדיג פון דעם ברונעם: „האָט רחמנות אויף מיר, ראַטעוועט מיר"! פון אָנפאַנג האָב איך זיך דערשראָקען, עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט אַז דאָס איז די שטימע פון

לילית׳ן . . . אָדער פון אַן אַנדער סאָרט שד (טייוועל), אָבער אַזוי שנעל ווי די זעלבע שטימע האָט מיר געענטפערט נאָכאַמאָל, דערמאָנענדיג דעם נאָמען פון גאָט, האָב איך פאַרשטאַנען אַז דאָס קען נישט זיין קיין שד נאָר אַ פרוי, אַ מענשנקינד. איך האָב באַלד צוזאַמענגעפלאָכטען די שטריק און אַראָפּ־לאָזענדיג איין זייט פון דער שטריק אין ברונעם האָב איך אַריינגעשריגען אהין: „באַפעסטיג זיך מיט׳ן שטריק און דאַן וועל איך דיך אַרויסציהען״, און אין די נעקסטע עטליכע מינוטען האָב איך שוין געהאָט אַרויסגעצויגען דער יונגער און שעהנער שולמית׳ן, די טאָכטער פון מנוח׳ן פון בית־לחם. שולמית איז מיר געפאַלען אויפ׳ן האַלז מיט גרויס געוויין פון שמחה וואָס איך האָב איהר געראַטעוועט, און — — —

אבשלום האָט זיך אָפּגעשטעלט און אביגיל האָט באַמערקט אַז זיינע אויגען קוקען אַראָפּ צום באָדען אַזוי ווי ער וואָלט זיך שעהמען צו דערצעה־לען ווייטער, דעריבער האָט אביגיל געמאַכט אַ באַמערקונג:

— נאָר דעם אמת, אבשלום! דו האָסט איהר פאַרגוואַלטיגט? . . .

— וועה איז מיר וואָס איך הער — האָט אַבשלום אויסגערופען מיט אַ ציטער — פאַר אַזוי פאַרדאַרבען האַלטסטו מיר?

— אנטשולדיג מיר מיין ליבער אבשלום — האָט אַביגיל פאַרכאַפּט — איך קלעהר: וואָס אַ שטייגער פאַר אַ זינד האָסטו באַגאַנגען? ווי באַלד אז דו האָסט געראַטעוועט דער מיידעל פון טויט איז דאָך דאָס אַ גרויסע מצוה, טאָ וואָס־זשע דערצעהלסטו עס מיר אַלס אַ זינד?

— פאַרשטעהסטו מיר — האָט אבשלום אָנגעהויבען רעדען ווייטער מיט גרויס שוועריגקייט, נישט ווויסענדיג ווי אַזוי זיך אַרויסצוגעבען געגנוי מיט זיין זינד — איך האָב חלילה קיין שלעכטס ניט געטאָן צו שולמית׳ן אָבער.

— אָבער וואָס? — איז אביגיל שוין געוואָרען אַ פאַרציטערטע.

— איך האָב איהר צוגעזאָגט צו הייראַטען — האָט אבשלום אַרויסגע־פּלאַצט האַסטיג.

— איז דאָס אַלעס? — האָט אביגיל אַ פרעג געטאָן מיט אַ לייכטען שמייכעל.

— נו, געוויס! איך האָב געשוואוירען אַז איך וועל קומען צו איהר פאָטער פאַרלאַנגען זיין צושטימונג פאַר אונזער הייראַט — האָט אבשלום צו־געגעבען מיט אַ זיפץ.

אביגיל האָט זיך פאַרטראַכט פאַר אַ היפּשער ווילע, עפּעס איז איהר די געשיכטע פאַרגעקומען נישט קלאָר גענוג, און זי האָט אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר, אבשלום, דו האָסט טאַקע דאַמאָלסט זיך פאַרליבט אין שולמית׳ן ?

— יאָ ! — האָט אבשלום געענטפערט.

— טאָ פאַרוואָס־זשע ביזטו ניט געגאַנגען מיט איהר צו איהר פאָ־טער ? און וואָס עפּעס האָסטו באַדאַרפט שווערען צו איהר ?

— ווייל איהר פאָטער, לויט ווי זי האָט מיר דאַמאָלסט געזאָגט, איז גע־ווען אין ירושלים און אַזוי ווי איך האָב געוואָלט זיין זיכער מיט איהר און זי האָט געוואָלט זיין זיכער מיט מיר, דעריבער האָבען מירביידע געשוואוירען אַז קיינער פון אונז וועט נישט פאַרראַטען דעם צווייטען נאָר אַזוי שנעל ווי מנוח, איהר פאָטער, וועט קומען צוריק אַהיים אין בית־לחם, וועל איך קומען אַהין און פאַרלאַנגען זיין צושטימונג.

— איצט הויב איך שוין אָן צו פאַרשטעהן — האָט אביגיל אַרויסגע־מורמעלט און איז געבליבען זיצען אַזוי ווי אין אַהנמאַכט.

אבשלום איז געפאַלען אויף זיין פרוי׳ס האַלז מיט אַ פאַרשטיקטען געוויין :

— אַנטשולדיג מיר, מיין טייערע, איך האָב געהאַט פאַרגעסען אָן מיין דאַמאָלסדיגער שבועה צו שולמית׳ן און אַזוי שנעל ווי עס איז אַריבער אַ האַלב יאָהר, און איך האָב דיך דערזעהן, האָב איך זיך פאַרליבט אין דיר און מיר האָבען געהייראַט. און בין איך דען נישט געווען צו דיר געטריי און איבער־געגעבען ?

— יאָ, אַלעס ריכטיג — האָט אביגיל אָפגעזיפצט — אָבער דיין שבועה צו יענער שולמית׳ן, וועה איז מיר, אַ קליינינקייט אַ שבועה ? מסתמא האָסטו נאָך געשוואוירען ביים נאָמען פון גאָט . . .

— יאָ — האָט אבשלום צוגעגעבען מיט אַ זיפץ.

— אָבער דאָך קען איך נישט פאַרשטעהן פאַרוואָס גאָט האָט אונז געשטראָפט מיט אַזעלכע אויסטערלישע קאַטאַסטראָפעס ? — האָט אביגיל איבערגעפרעגט.

אבשלום האָט זיך צעכליפּעט און האָט אויסגערופען :

— גאָט און זיין משפט איז גערעכט ! ער צאָהלט מדה כנגד מדה — פונקט ווי איך האָב געבראָכען מיין שבועה, וועלכע איז געמאַכט געוואָרען פאַר צוויי עדות, אַזוי האָט ער איצט געשיקט דיזעלבע עדות מיר צו באַ־שטראָפען.

— וואָס ? צוויי עדות זאָגסטו ? — האָט אביגיל אויסגערופען אַ פאַר־ציטערטע — וועלכע עדות, ווען, וואו ?

— ווען איך און שולמית האָבען זיך איינער דער צווייטער צוגעשוואוי־רען, איז דאַמאָלס פאַרבייגעלאָפען אַ קאַץ און שולמית האָט אַ זאָג געטאָן: אָט די דאָזיגע קאַץ מיט׳ן ברונעם וואַסער, וועלכע זיינען נעבען אונז, זאָלען זיין אונזערע צוויי עדות אויף אונזער געמיינשאַפטליכע שבועה.

— אַ! — האָט אביגיל אויסגעשריהען מיט אַ געוויין — איצט זעה איך שוין מיין אומגליק, דו האָסט געבראָכען דיין הייליגע שבועה און גאָט האָט גענומען נקמה פון אונז דורך די צוויי שטומע עדות: אונזער ערשטער קינד איז דערטרונקען געוואָרען אין ברונעם און אונזער צווייטער קינד איז דער־שטיקט געוואָרען דורך דער קאַץ . . . מערדער! דיינע אייגענע קינדער האָס־טו דערמאָרדערט! שבועה־ברעכער! אָפּנאַרער! דו האָסט פאַרפיהרט יענע מיידעל און אויך מיך פאַראומגליקט! דו האָסט — — —

— אביגיל! וואָס רעדסטו? האָב מיטלייד מיט מיר — האָט אבשלום גענומען בעטען זיין פרוי — וואָרום זאָלסטו נאָך שיטען זאַלץ אויף מיינע וואונדען? ווייסטו דען נישט אַז איך בין דיר שטענדיג געווען געטריי? פאַרוואָס זאָלסטו מיר נישט וועלען אַרויסהעלפען איצט מיט אַ פריינדליכען וואָרט?

— דו האָסט געהאַנדעלט ווי אַ פאַררעטער, ווי אַן עגאָאיסט! — האָט אביגיל אויסגעשריהען מיט רוגזה — דו האָסט געבראָכען דיין שבועה און דערמיט האָסטו געזינדיגט געגען גאָט און צעבראָכען דאָס האַרץ פון יענער אומשולדיגער מיידעל וועלכע האָט דיך געליבט און ווער ווייס אויב זי איז נישט געגאַנגען פון דער וועלט צוליב גרויס עגמת־נפש.

— אביגיל! איך בעט דיך, רעד נישט אַזוי גרויזאַם — האָט אבשלום זיך געבעטען ביי זיין פרוי — איך וועל טאָן אַלעס אין דער וועלט אַבי גוט צו מאַכען מיין אמאָליגען פאַרברעכען. איך וועל אויפזוכען שולמית׳ן און איהר בעטען אנטשולדיגונג. איך וועל איהר געבען געלט אַלס פאַרגיטיגונג אבי זי זאָל מיר מוחל זיין.

— און ווי וועט זיין אויב דיין שולמית וועט דיר נישט וועלען מוחל זיין? — האָט אביגיל אַ פרעג געטאָן מיט אַ צאַרנדיגען שמייכעל.

— זי וועט מוזען מיר מוחל זיין — האָט אבשלום שנעל פאַרכאַפּט מיט שרעק — איך וועל איהר דערצעהלען דעם אמת אַז איך בין שוין אַ פאַר־הייראַטער און אַז איך האָב שוין געהאַט צוויי קינדער, און אַז מיר האָט געטראָפען דער דאָפּעלטער אומגליק.

— אויב אַזוי — האָט אביגיל זיך צעלאַכט מיט אַ ביטערען געלעכטער

— אויב אַזוי, זעה איך שוין אַז דו ווייסט גאָרנישט וואָס ליבע מיינט. דיר

דוכט זיך אז בלויז מיט דיינע רייד וועסטו ווירקען אויף שולמית׳ן, אז זי זאָל דיר מוחל זיין. דו דאַרפסט אָבער וויסען, אַז אויב שולמית ליבט דיך נאָך, דאַן וועלען דיינע אַלע רייד ניט העלפען. ווייל אמת׳ע ליבע איז שטאַרקער פון אַלעס. דער גרויסער חכם שלמה המלך האָט שוין אַמאָל געזאָגט אַין זיין ספר „שיר השירים״ אַז: „מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה ונהרות לא ישטפוה״, אַפילו „אַ סך וואַסערען קענען נישט אויסלעשען דאָס פייער פון ליבע און קיינע טייכען קענען איהר נישט פאַרפלייצען״. איבערהויפּט וועט שולמית זיך פילען שטאַרק אַנגעקינדיגט מיט איהר ליבע צו דיר ווייל דער זעלבער שלמה המלך באַנוצט זיך אין זיין ספר, וועגען ליבע, מיט׳ן זעלבען נאָמען ווי דיין שולמית. ער רופט דאַרטען אויס: „שובי, שובי, השולמית!״ נו, וואָס וועסטו איצט זאָגען דאַרויף?

— הייסט עס אַז דו מיינסט מיך צו טרייבען צוריק צו יענע שולמית׳ן?

— האָט אבשלום אָפּגעזיפצט.

— קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ פאַר אונז — האָט אביגיל שנעל געענטפערט.

— זאָל דאָס הייסען, אַז דו ליבסט מיך נישט מעהר? — האָט אבשלום באַמערקט מיט גרויס ערגערניש.

— שוויג! דו נאַרישער ליבהאָבער — האָט אביגיל אַ געשריי געטאָן

— ווי קענסטו אַרויסרעדען אַזאַ וואָרט פון דיין מויל? וועגען ליבע ווייס איך בעסער פון דיר אָבער צו דער זעלבער צייט פיהל איך אַז מיין ליבע צו דיר איז אויפ׳ן חשבון פון דער צעבראָכענער האַרץ פון יענער מיידעל וועלכע איז מעהר באַרעכטיגט צו דיר ווייל זי איז געוועזן די ערשטע און דו האָסט איהר צוגעשוואוירען.

— און אויב שולמית איז שוין גאָר פאַרהייראַט, וואָס וועסטו דאַמאָלסט זאָגען? — האָט אבשלום נאָך־אַלץ פּרובירט צו באַרוהיגען זיין פרוי.

— דאַן וועסטו קענען קומען צוריק צו מיר — האָט אביגיל געענטפערט און האָט זיך צעוויינט.

---

שוין עטליכע טעג ווי דער פרומער מנוח אין בית־לחם פיהלט זיך שטאַרק מונטער. ער לויבט און דאַנקט דעם באַשעפער פון דער וועלט פאַר׳ן גרויסען חסד וואָס ער האָט געטאָן מיט איהם: זיין איין איינציגע געראָטענע טאָכטער שולמית איז צוריק געוואָרען געזונט, עפּעס אַ נס איז געשעהן מיט איהר.

— „גדולים מעשי אלוקינו!״ — האָט מנוח געהאַלטען אין איין מור־

מלען צו זיך זעלבסט — „גרויס זיינען גאָט׳ס וואונדער און אויפטוהונגען״. אָט זעהט ער דאָך בעשיינפערלעך אַז נאָכדעם ווי זיין טאָכטער איז געווען קראַנק געגויע פינף יאָהר און זי האָט נישט געוואָלט עסען און טרינקען ווי עס באַדאַרף צו זיין און זי האָט נישט גערעדט צו קיינעם אויסער מיט איהר משוגע׳נעם אויסדרוק פון „ברונעם, קאָץ״, איז איצט אַזוי פּלוצלינג אויפגע־ריכט געוואָרען. עפּעס אַ יונגערמאַן פון ירושלים, וועלכער וויל נישט אויס־זאָגען זיין נאָמען ווער ער איז, האָט אַזוי שנעל געראַטעוועט זיין טאָכטער . . .

מנוח איז געזעסען אין זיין הויז אין אַ שעהנעם נאָכמיטאָג און גע־פּיהרט אַן ערנסטען געשפּרעך מיט זיין, צוריק געזונט געוואָרענע, טאָכטער:

— זאָג מיר, שולמית, ווער איז עס דער יונגערמאַן מיט וועמען דו געהסט איצט אַרום? — האָט דער פאָטער געוואָלט וויסען — איך וויל איהם באַדאַנקען פאַר זיין שנעלע הילף וואָס ער האָט געבראַכט צו דיר . . .

— מיט דער צייט וועסטו אַלעס וויסען, פאָטער — האָט שולמית גע־ענטפערט מיט אַ שמייכעל.

— הייסט עס אַז דו ביזט שוין פאַרליבט אין איהם? . . . — האָט דער פאָטער אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכעל און האָט באַלד צוגעגעבען: — ער האָט טאַקע די ווערדע אַז מען זאָל איהם ליבען . . . באַרעכען נאָר וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאַר דיין געזונט . . . און טאַקע מיך זעלבסט האָט ער אויך דערפרישט מיט אַ נייעם מוט . . .

— אָ, פאָטער! איך בין איצט די גליקליכסטע אין דער וועלט — האָט שולמית אויסגערופען מיט שמחה און איז געפאַלען אויף איהר פאָטער׳ס האַלז מיט אַ שטילען געוויין פון גרויס באַגייסטערונג.

— אָבער פאַרוואָס וויל קיינער פון אייךביידען מיר נישט אויסזאָגען ווי ער הייסט? — האָט דער פאָטער נישט געוואָלט נאָכלאָזען . . .

— אויב דו ביזט שוין יאָ אַזוי שטאַרק צודרינגליך וועל איך נאָך היינט בעטען מיין געליבטען אַז ער זאָל דיר אויסזאָגען זיין נאָמען — האָט שולמית נאָכגעגעבען.

און אין יענעם אָוונט, ווען שולמית איז ווידער אויסגעגאַנגען פאַר אַ שפּאַציר מיט איהר געפונענעם אבשלום׳ען, האָט שולמית דערצעהלט אבשלום׳ען איהר פאָטער׳ס פאַרלאַנג אַז מען זאָל איהם אויסזאָגען דעם נאָמען פון דעם דאָזיגען פּלוצלינג ערשינענעם יונגענמאַן אין וועמען זיין טאָכטער איז פאַרליבט.

אבשלום׳ס געזיכט האָט זיך פאַרכמורעט. עס איז איהם געווען זעהר שווער אויפ׳ן האַרצען. ווי זאָל ער איצט האַנדלען? ווי אַזוי קען ער דער־

צעהלן שולמית׳ן אַז ער איז שוין אַ פאַרהייראַטער ? זי ווייס נעבאך גאַר נישט פון זיין פאַרראַט געגען איהר אין פאַרלויף פון די פיער יאָהר זייט ער האָט געהייראַטעט מיט אביגיל׳ן ; שולמית מיינט נאָך־אַלץ אז איהר געליבטער אבשלום איז געוועזן אַוועק פון איהר אַזאַ לאַנגע צייט צוליב אַנדערע אורזאַכען, ווייל אַזוי האָט אבשלום זעלבסט אַרויסגעגעבען פאַר איהר ווען ער האָט איהר באַזוכט צום צווייטען און צום דריטען מאָל, אָבער איצט, ווי באַלד אַז שולמית־עס פאָטער וועט זיך דערוויסען דעם נאָמען, און געוויס קען ער אויך זיינע עלטערען די חשוב׳ע כהנים אין ירושלים, דאַן וועט ער באַלד אויסגעפינען אז ער האָט גאַר א פרוי און דאָן, איז נישט נאָר וועט דער פאָטער איהם פאַר־דאַמען פאַר זיין פרעכהייט געגען זיין פרומער טאָכטער שולמית, נאָר אויך וועט שולמית זעלבסט חלילה שטאַרק ליידען דערפון, זי קען חלילה צוריק אַריינפאַלען אין איהר משוגעת.

— נו, וואָס טראַכסטו אַזוי פיעל ? — האָט שולמית איהם געפרעגט מיט אַ זיסע געפילפולע שטימע.

— איך ווייס אַליין נישט וואָס צו ענטפערען — האָט אבשלום אָפּגע־זיפצט.

— אויב דו ביזט אַזוי שטאַרק שעהמעוודיג וועל איך אויסזאָגען מיין פאָטער דיין נאָמען — האָט שולמית פּרובירט מיט אַ געלעכטער.

— ניין ! טו עס נישט, נאָך נישט איצט — האָט אבשלום שנעל פאַר־כאַפּט מיט שרעק.

שולמית האָט זיך פאַרטראַכט פאַר אַ היפשער ווײלע און נאָכהער האָט זי אַ זאָג געטאָן :

— איך בעט דיר, אבשלום, זאָג מיר דעם אמת ! וואָס פרעסט דיר אויפ׳ן האַרץ ? פאַרוואָס ביזטו עפּעס אַזוי צושראָקען ווען מיר שמועסען ווע־גען דער אַנטדעקונג פון אונזער ליבע צו מיין פאָטער ? געדענקסטו דעמאָלסט ווען דו האָסט מיך אַרויסגעצויגען פון ברונעם און דו האָסט געוואָלט שוין לויפען מיט מיר אַהיים צו מיין פאָטער און איהם בעטען זיין צושטימונג צו אונזער הייראַט, נאָר גראָד איז מיין פאָטער דאַמאָלסט נישט געוועזן אין דער היים ; אָבער איצט, נאָכדעם ווי דו האָסט מיר פאַרשאַפט אַזוי פיעל צרות, גאַנצע פיער יאָהר נאָכאַנאַנד ביזטו געוועזן פאַרשוואונדען פון מיר, מוזטו דאָך געוויס קומען צו מיין פאָטער מיט דיין ביטע, סיידען אויב דו ליבסט מיך נישט . . .

אָ, ניין ! נישט דאָס ! האָט אבשלום שנעל פאַרכאַפּט — מיין ליבע צו

דיר איז נישט געמינערט געוואָרען אויף אַ האָר נאָר איך קען נאָך דערוויל נישט רעדען מיט דיין פּאָטער אַזאַ ערנסטען געשפּרעך. ?

און מיט מיר זעלבסט ? — האָט שולמית אַ פרעג געטאָן מיט אַ ביסעל פאַרדאַכט.

— צו וואָס זאָלסטו זיך איינשפּאַרען אַזוי שטאַרק — האָט אבשלום געענטפערט — פאַרגעס נישט אַז דו דאַרפסט זיך נאָך גוט דערהאָלען פון דיין קראַנקהייט. עס איז ערשט עטליכע טעג זייט דו ביזט צוריקגעקומען צו דיין געזונט טאָ פאַרוואָס זאָלסטו וועלען יאָגען אַזוי האַסטיג ?

— מיין קראַנקהייט איז געווען צוליב מיין שטאַרקע בענקשאַפט נאָך דיר — האָט שולמית געענטפערט — אָבער אַזוי שנעל ווי איך האָב דיך דערזעהן צום ערשטען מאָל, מיט אַ וואָך צוריק, בין איך באַלד געזונט געוואָרען און איצט פיהל איך אַז איך בין נאָך געזינטער פון דיר . . . ווייל איך בין פריילעך און מונטער, רעדעוודיג און טעטיג, אָבער דו, אבשלום, דוכט מיר אַז דו ביזט נישט ביים גאַנצען געזונט ווייל דו שווייגסט, דו ביסט פאַרזאָרגט און פאַרכמורעט . . .

אבשלום האָט אַרומגעכאַפּט זיין שולמית און האָט איהר צוגעדריקט צום האַרצען שעפּשענדיג דערביי אַ פּאָר שטילע ווערטער :

— מיין טייערע געליבטע ! עפען מיין האַרץ און לייען דאָרט אַרויס אַלעס . . . איך בין צו שוואַך צו רעדען . . .

— זאָג מיר, מיין טייערער, דערצעהל מיר אַלעס, איך וועל האָבען מיטלייד מיט דיר. דו ווייסט דאָך אַז ווען אַ פרוי ליבט אַ מאַן דאַן קען זי אַלעס אָפּפערען פאַר זיינעט וועגען אפילו איהר אייגענעם גליק . . .

— עס איז נישט ריכטיג — האָט אבשלום זיך אַרויסגעכאַפּט, און ער האָט שוין חרטה געהאַט אויף זיין וואָרט.

שולמית האָט ווי איינגעגראָבען איהרע צוויי גרויסע שוואַרצע אויגען אין אבשלום׳ס געזיכט און זי האָט לאַנגזאַם אַ פרעג געטאָן :

— פון וואַנען ווייסטו עס אַזוי זיכער וועגען די ליבע פון אַ פרוי ?

— איך בעט דיר, שולמית, מוטשע מיך נישט מיט צופיעל פראַגען — האָט אבשלום זיך געבעטען.

שולמית האָט שוין מעהר נישט גערעדט וועגען דעם. די צוויי פאַרליבטע האָבען נאָך שפּאַצירט אַ היפּשע ווילע ביז שפּעט אין אָווענט און דאַן האָט אבשלום צוריק געפיהרט שולמית׳ן אַהיים און ער האָט אָפּגעמאַכט מיט איהר זיך צו טרעפען נאָכאַמאָל אויפן צווייטען טאָג.

אבשלום האָט שוין געהאַלטען ביים אָוועקגעהן פון דער הויז וואו

שולמית האָט געוואוינט און שולמית האָט אויסגערפען צו איהם: — געדענק, אבשלום! מאָרגען וועסטו מוזען רעדען קלאָהרע ווערטער און אַלעס אויסזאָגען.

— און מיטאמאָל, האָט זיך אָן עפּען געטאָן די אויסערליכע טיהר פון הויז און מנוח איז אַרויסגעקומען אין דרויסען און האָט אויסגערופען:

— אבשלום! קום אַריין! קומטביידע אַריין אין הויז! אַ גאַסט וואַרט אויף אייך ביידען . . .

דערהערענדיג אַזעלכע ווערטער האָט אבשלום דערפיהלט ווי אַ דונער פון הימעל וואָלט איהם געטראָפען. כאָטש ער האָט נישט געוואוסט ווער דער גאַסט איז, אָבער אינסטינקטיוו האָט ער דערפיהלט אַז אָט־אָט און די סצענע וועט ווערען אויפגעשפּילט. ער הערט דאָך שוין אַז מנוח ווייסט זיין נאָמען, פון וואַנען און ווי אַזוי? מסתמא איז דער גאַסט אַזעלכער וואָס רעדט קלאָהרע ווערטער.

## קאַפּיטעל 40

# אביגיל׳ס פּסיכישע ערשיטערונג. — שולמית קען זיך קיין עצה ניט געבען. — דער טראַגישער גט.

זייט אביגיל האָט געהאט איהר ערנסטען געשפּרעך מיט איהר מאַן אבשלום, אַז דער אומגליק וואָס גאָט האָט געבראַכט אויף זיי דורכ׳ן טויט פון זייערע צוויי קינדער איז צוליב דעם וואָס אבשלום האָט געבראָכען זיין האַרבע שבועה צו יענער מיידעל פון בית־לחם, האָט אביגיל שוין ניט געלאָזען איהר מאַן רוהען. זי האָט איהם, מיט געוואַלט, אַרויסגעטריבען פון הויז מיט׳ן אָנזאָג: געה שוין צו יענער מיידעל און געפין־אויס אויב זי איז שוין פאַר־הייראַט אָדער נישט. אויב נישט, מוזטו מיר גט׳ן און הייראַטען מיט איהר... ווייל דו זעסט דאָך אַז גאָט וויל אַזוי. ער האָט אונז אַזוי שטאַרק באַשטראָפט און דאָס איז אַ סימן אַז דו מוזט האַלטען דיין שבועה . . .

אבשלום האָט פּרובירט באַרוהיגען זיין פרוי און איהר איבעררעדען אַז ער וועט טאָן אַלעס אין דער וועלט אַבי נישט זיך צו שיידען פון איהר, אבי־גיל׳ן, אָבער אביגיל האָט איהם דערקלעהרט מיט גרויס געוויין אַז:

— די ליבע פון אַ פרוי טאָר נישט פאַרשוועכט ווערען. איהרע גע־פיהלען זיינען היילינע, און אויב דו, אבשלום, האָסט דאַמאָלסט אַרויסגערעדט אַזאַ האַרבע שבועה מוזטו עס מקיים זיין. אָבער איך טאָר נישט זיין ענג־האַרציג און בויען ווייטער מיין הײם, און גליקליכען פאַמיליען־לעבען, אויפן

אומגליק פון יענער מידעל וועלכע האָט געוואונען דיין האַרץ צום ערשטען מאָל . . .

אבשלום איז געוואָרען שטאַרק געריהרט פון זיין פרוי׳ס ווערטער, דאַרף ער דען האָבען אַ בעסערען צייכען אַז אביגיל ליבט איהם מיט׳ן גאַנצען האַרץ? און דאָך איז זי אַזוי שטאַרק מיטפיהלענד מיט׳ן אומגליק פון יענער מיידעל אַז עס איז רעכט ביי איהר זיך זעלבסט צו אָפּפערען צוליב דעם וואויל־זיין פון שולמית׳ן.

אבשלום האָט פּרובירט געבען אָנצוהערעניש צו אביגיל׳ן אַז ער וועט פּרובירען אָנבאָטען יענער מיידעל צו ווערען זיין קעבס־ווייב, און אַזוי אַרום וועט אביגיל זיין צופרידען און אויך שולמית, אָבער אביגיל איז נישט געווען איינשטימיג דערויף.

— נישט פאַר דיר, אבשלום, איז גוט צו האַלטען אַ קעבס־ווייב, נישט פאַר מיר, און געוויס נישט פאַר שולמית׳ן, ווען אפילו אַז זי זאָל שוין צו־שטימען דערצו — האָט אביגיל דערקלעהרט צו איהר מאַן.

— אָבער לויט נאָך דיינע רייד קומט דאָך אויס אַז דו ווילסט גאָר אַ גט פון מיר — האָט אבשלום געפרעגט מיט טרערען אין די אויגען און ער האָט באַלד צוגעגעבען — ווייסטו דען ניט וואָס אונזערע גרויסע חכמים זאָגען? „אַז דער יעניגער וועלכער גט אָפּ זיין ערשטע פרוי וויינט דערויף אפילו דער מזבח״, טאָ פאַרוואָס זאָלסטו מיר וועלען פּלאָגען אַזוי פיעל? דיר אַלס גע׳גט׳ע וועט זיין נישט גוט און אויך מיר וועט דאָס האַרץ וועה טאָן.

אביגיל האָט אָבער זיך געהאַלטען ביי איהר באַשלוס אַז: די אמת׳ע ערשטע געליבטע איז שולמית, מסתמא איז זי געווען זיך באַשערטע, און דע־ריבער טאָר זי נישט צוריקהאַלטען איהר מאַן פון שולמית׳ן . . .

אבשלום האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה נאָר ער האָט געמוזט פאַלגען זיין פרוי און אָפּרייזען נאָך בית־לחם אויפצוזוכען זיין אַמאָליגע שולמית׳ן. אביגיל האָט איהם אָנגעזאָגט אַז אויב שולמית איז נאָך נישט פאַרהייראַט מוז ער אָנווענדען אַלע מיטלען צוריקצושליסען אַ בונד מיט איהר און אָפּפרישען די אַלטע ליבע.

— געדענק אבשלום! האָט אביגיל אויסגערופען צו איהר מאַן ווען ער האָט שוין געהאַלטען ביים אַוועקגעהן פון הויז — ווען אַפילו שולמית זאָל דיך איצט נישט מעהר געפעלען, מוזטו אויך הייראַטען מיט איהר, ווייל ווי באַלד אַז זי איז דיר געפעלען געוואָרען מיט וואָסערע פינף יאָהר צוריק איז עס אַ צייכען אַז זי איז דאַמאָלסט געווען אַ שעהנע, נאָר אויב זי איז איצט

בישט מעהר אַזוי שעהן איז עס געוויס צוליב איהר טרויער נאָך דיר . . .
דעריבער איז עס אינגאַנצען דיין שולד און דו מוזט עס גוט מאַכען . . . .

אבשלום האָט געפיהלט זעהר פּאַסקודנע אויפ׳ן האַרצען. ער האָט זיך שטאַרק צעוויינט. אויך אביגיל האָט מיטגעוויינט, און דאָך — — — ביים געזעגענען זיך האָט ער געוואָלט קושען זיין פרוי אָבער זי האָט מיט טרערען אין די אויגען זיך געבעטען ביי איהם: — טו עס נישט, מען טאָר נישט. מיר האָבען שוין אָפּגעמאַכט אויף אַ גט . . . אַזוי שנעל ווי דו וועסט אויסגעפינען שולמית׳ן און איהר וועט באַשטימען אייער חתונה דאַן וועסטו קומען אין ירושלים און מיר פריהער געבען אַ גט . . .

אבשלום איז אַוועק פון הויז און אביגיל האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפ׳ן בעט און האָט אָפּגעקלאָגט היבשע עטליכע שעה ביז וואַנען איהר מוטער איז אַריינגעקומען צו איהר אין צימער און האָט אַ פרעג געטאָן:

— וויפיעל איז דער שיעור צו קלאָגען, האַ? דו ביזט נאָך יונג וועסטו נאָך אם ירצה השם האָבען אַנדערע קינדערלאך. נו, גענוג! גענוג שוין אַזוי פיעל צו וויינען . . .

— מאַמע! — האָט אביגיל אויסגערופען מיט אַ כליפּ — מאַמע! דו ווייסט גאָר נישט מיין אומגליק, איך וועל עס נישט אַריבערטראָגען.

— נישקשה, נישקשה מיין טאָכטער, דו ביזט נאָך יונג, מיינסטו אַז עס איז שוין „רחמנא לצלן" אויס מיט׳ן לעבען. הלואי זאָל עס נישט טרעפען ווי עס טרעפט. אַ קינד שטאַרבט, איז עס געוויס אַ וועהטאָג אין האַרצען אָבער מען טאָר זיך נישט דער׳הרג׳ענען גאָר אינגאַנצען; אַזוי לאַנג ווי דער בוים בלייבט איז דאָ אַ האָפנונג אויף פרישע פרוכט . . .

— נייך, מאַמע! — האָט אביגיל ווידער אויסגערופען — נישט דאָס איז אַלעס אויף וואָס איך קלאָג אַזוי פיעל. מיין נייער אומגליק איז פיעל ערגער ווי די פאַריגע צוויי אומגליקען פון מיינע צוויי קינדער.

— וועה איז מיר! וואָס איז געשעהן? — האָט די מוטער פאַרבראָכען מיט די הענט.

אביגיל האָט מיט גרויס געוויין דערצעהלט איהר מוטער וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישען איהר מיט אבשלום׳ען און די מוטער האָט פּלוצלינג אויסגערופען:

איך וואָלט קענען שווערען אַז דאָס איז דער זעלבער מנוח! יאָ, דיין טאַטע האָט מיר היינט דערצעהלט וואָס עס טומעלט זיך אין שטאָדט אַז ווען מען האָט געזוכט כשר׳ע בוימעל פאַר דער מנורה, ווען מען האָט די לעצטע

וואָך באַנייט דעם בית־המקדש, האָט אַ געוויסער איד מיט׳ן נאָמען מנוח פון בית־לחם אויסגעפונען אַ פּאָר׳חתמ׳עטן קריגעל בוימעל פאַר דער מנורה און ערשט נאָכדעם, ווען דער נס איז געשעהן און די בוימעל האָט געברענט אַ גאַנצע וואָך, האָט אונזער הייליגער רבי יוסי בן יועזר זיך אויסגעדריקט אַז דאָס איז אין זכות פון דעם פרומען איד מנוח פון בית־לחם און ער האָט איהם געבענשט אַז זיין קראַנקע טאָכטער זאָל ווערען געזונט.

— אין וואָס באַשטעהט איהר קראַנקהייט? — האָט אַביגיל האַסטיג אַ פרעג געטאָן איהר מוטער פיהלענדיג אַז זי האָט איהר איצט אַנטדעקט אַ גאַר גרויסען סוד.

— עפּעס אַ משוגעת פלאָגט איהר — האָט די מוטער געענטפערט — לויט ווי דיין טאַטע האָט געהערט פון איינעם פון די כהנים, וועלכער איז גע־שטאַנען דערביי ווען רבי יוסי האָט געשמועסט מיט מנוח׳ן, האָט דער לעצ־טער איהם געזאָגט אַז זיין טאָכטער האַלט אין איין שרייען „ברונעם קאַץ".

— מאַמע! איך חלש! — האָט אביגיל אַ געשריי געטאָן און איז פּלוצלינג צוריקגעפאַלען אויפ׳ן בעט מיט פאַרמאַכטע אויגען . . .

— געוואַלד! ראַטעוועט מיין טאָכטער! געוואַלד! — — — האָט די מוטער אָנגעהויבען שרייען מיט אַלע כחות און זי האָט גענומען טאַרקען און רייסען איהר טאָכטער אַז זי זאָל עפענען די אויגען.

ביידע דינסטען זיינען אַריינגעלאָפען אין צימער און אין די נעקסטע עטליכע מינוט איז פאַרגעקומען אַ גרויסע מהומה צווישען די דריי פרויען. די דינסטען האָבען אויספּרובירט אַלע מיטלען: אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. די מוטער איז דערוויילן אַרויסגעלאָפען אין גאַס און האָט געמאַכט אַ גוואַלד און עס זיינען אָנגעלאָפען אַ פולע הויז מיט פרויען און אויך עטליכע מענער רופאים און מען האָט קוים אָפּגעראַטעוועט דער פאַר׳חלש׳טער אויף אַזוי פיעל אַז זי האָט בלויז געעפענט די אויגען און באַלד נאָכדעם צוריק זיי צוגעמאַכט.

די רופאים האָבען דערקלעהרט אַז אַביגיל האָט באַקומען אַ „שבץ", אַ האַרץ־אַטאַקע, און מען קען נאָך נישט וויסען ווי אַזוי דאָס וועט זיך אַנט־וויקלען, זי מוז האָבען פולשטענדיגע רוה אין בעט.

ווען די מוטער האָט דערזעהן דעם נייעם אומגליק האָט זי גליך געשיקט רופען איהר מאַן, אביגיל׳ס פאָטער, און זי האָט איהם דערצעהלט די געשיכטע וואָס אביגיל האָט איהר געהאָט דערצעהלט וועגען אבשלום׳ען.

דער פאָטער איז געוואָרען אַ פאַרציטערטער און ער האָט אויסגערופען:

— וואו איז עס געהערט געוואָרען אַז — — — רבונו של עולם! וואָס

טוט זיך דאָ? איז אבשלום אַליין אַנטלאָפֿען פֿון הויז, אָדער האָט אביגיל איהם אַרויסגעיאָגט?

— ווי די זאַך זאָל נישט זיין — האָט די מוטער צוגעגעבען — קען מען איצט מיט אביגיל'ן גאָר נישט רעדען וועגען אבשלום'ען. מיין עצה איז אַז דו זאָלסט שוין צופֿאָהרען אין בית־לחם ווייל ווי באלד אַז מיר ווייסען דאָך שוין אַז דאָס איז ער, אבשלום, אַוועק אַהין צו מנוח'ס טאָכטער, דאַרפֿסטו פּועל'ן ביי איהם אַז ער זאָל שוין קומען אַהיים. אפשר וועט אבשלום'ס צו־ריקקומען ווירקען אויף אונזער טאָכטער צום גוטען און זי וועט ווערען געזונט.

אביגיל'ס פֿאָטער האָט געפֿאָלגט און אויפֿ'ן פֿערטען טאָג איז ער אָפּ־געפֿאָהרען נאָך בית־לחם. ער האָט געפֿונען מנוח'ס הויז און אַריינקומענדיג אַהין, האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט אַלס דער יעניגער וועלכער קען מנוח'ן זעהר גוט זייט פֿון לעצטע וואָך ווען עס איז געשעהן דער נס מיט די בוימעל אין דער מנורה.

מנוח האָט אויפֿגענומען דעם גאַסט מיט גרויס פֿריינטליכקייט אוןביידע האָבען זיך צעשמועסט. דער גאַסט האָט דערצעהלט פֿון זיין טאָכטער'ס אומ־גליק און מנוח האָט דערצעהלט פֿון זיין טאָכטער'ס פּלוצימדיגען גליק אַז זי איז צוריק געוואָרען געזונט.

— ווי אַזוי? — האָט דער גאַסט געוואָלט וויסען.

מנוח האָט איהם דערצעהלט אין קורצע ווערטער אַז עס איז פּלוצ־לונג געקומען אַ יונגערמאַן, ועמען ער קען נישט, און אַזוי שנעל ווי זיין טאָכטער האָט אַ קוק געטאָן אויף איהם האָט זי זיך גלייך געוואָרפֿען אין זיינע אָרעמס און זי האָט נאָר איינמאָל דערמאָנט איהר משוגע'נעם שפּרוך פֿון „ברונעם־קאַץ", און זייט די עטליכע טעג וואָס דער יונגערמאַן איז נעבען איהר איז זי אינגאַנצען געזונט געוואָרען, אַ נייע הויט איז אויף איהר אַרויפֿגעצויגען געוואָרען. זי איז לוסטיג און פֿרעהלאַך, זי עסט און טרינקט און זי געהט אַרום שפּאַצירען מיט'ן יונגענמאַן.

— זאָג מיר, מנוח — האָט דער באַטריבטער פֿאָטער גענומען אויס־פֿאָרשען — ווייסטו נישט דעם נאָמען פֿון דעם יונגענמאַן?

— איך האָב דיר שוין דערקלעהרט אַז איך ווייס נישט — האָט מנוח געענטפֿערט.

דער פֿאָטער האָט אָפּגעזיפֿצט. ער האָט דאָך שוין געוואוסט אַז דאָס איז זיין איידעם אבשלום, ווייל זיין טאָכטער האָט דאָך אַליין דערצעהלט צו איהר מוטער איידער זי האָט גע'חלש'ט, נאָר איצט האָט ער געוואָלט אַז מנוח

אַליין זאָל אַרויספיהרען אויף אַ געשפּרעך וואָס איהם, דעם פאָטער פון אביגיל׳ן, דריקט אַזוי שטאַרק.

— איך זעה שוין אַז צווישען דיין טאָכטער מיט איהר יונגערמאַן קומט דאָ פאַר אַ ליבע — האָט אביגיל׳ס פאָטער גענומען רעדען מיט פאַרזיכטיגע ווערטער — דעריבער וואָלט איך וועלען דיר זאָגען ווער דער יונגערמאַן איז . . .

— אַזוי גאָר ? — האָט מנוח זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט גרויס אימפּעט — טאָ וואָס־זשע פרעגסטו מיר, אדרבא זאָג, לאָמיר הערען

— דער יונגערמאַן איז אבשלום, אַ זוהן פון אַ חשוב׳ע פאַמיליע כהנים פון ירושלים — האָט דער גאַסט געענטפערט.

— געבענטשט זאָל זיין גאָט און געבענטשט זאָל זיין דער הייליגער חסיד שבכהונה רבי יוסי בן יועזר, וועלכער האָט מיר געבענטשט אַז מיין טאָכטער זאָל שנעל געזונט ווערען — האָט מנוח אויסגערופען מיט גרויס שמחה.

— ווייסטו אָבער אַז אבשלום איז אויך מיין איידעם ? . . . — האָט דער גאַסט אַרויסגעבראַכט זיינע ווערטער מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם.

— וואָס ! אבשלום דיין איידעם ? — האָט מנוח זיך אַ הויב געטאָן פון שטול מיט אַ בלאַסען פּנים.

— שרעק זיך נישט — האָט דער גאַסט צוגעגעבען — ער איז אַ פיינער יונגערמאַן, עס איז נישט זיין שולד נאָר גאָט׳ס ווילען איז אַזוי.

מנוח איז געבליבען שטעהן אַ צעמישטער, וואָס הערט ער דאָ ? דער שווער זעלבסט ווייסט שוין, ווייזט אויס, פון זיין איידעמ׳ס ליבע צו זיין טאָכטער און דאָך ריהמט ער איהם און פאַרטיידיגט איהם.

מנוח האָט די גאַנצע צייט אויסגעהערט דעם גאַסט׳ס רייד מיט אַ פאַר־כמורעטען פּנים. עס איז איהם געוועזן שלעכט אַזוי און ביטער אַזוי : אַוועק־לאָזען אבשלום׳ען פון זיין טאָכטער ? ווער ווייסט אויב שולמית וועט עס קענען אַריבערטראָגען. זי האָט פיער יאָהר צייט געהאַלטען אין איין שרייען „ברונעם־קאַץ" און איז ערשט פונדאַסניי אויפגעריכט געוואָרען, טאָ ווי וועט זיין אויב אבשלום זאָל ווידער פאַרשווינדען פון איהר, און ווער ווייסט אויף ווי לאַנג ? און פון דער צווייטער זייט האָט מנוח מיטגעפיהלט דאָס פאַרבי־טערטע האַרץ פון זיין גאַסט : אַ קלייניגקייט ? זיין טאָכטער ליגט איצט קראַנק און מעגליך אַז אבשלום׳ס צוריקקומען צו איהר, וועט איהר מאַכען גע־זונט, ווי קאָן ער גאָר זיין דאַגעגען ?

עס איז פאַבליבען צווישען די צוויי באַזאָרגטע פאַטערס אַז זיי זאָלען איבערלאָזען די פראַגע, ווי צו האַנדלען, צו אבשלום׳ן מיט שולמית׳ן.

— זיי וועלען באַלד קומען צוריק פון זייער שפּאַציר — האָט מנוח ערקלעהרט דעם גאַסט — וועל איך איינלאַדען אבשלום׳ען אין הויז און דאַן וועלען מיר מוזען באַשפּרעכען אַלעס קלאָר, טאַקע אין דער געגענוואַרט פון מיין טאָכטער, זי מוז דאָך אויך וויסען פון אַלעם . . .

און פונקט יענעם אָוונט, ווען אבשלום האָט זיך אומגעקעהרט מיט שולמית׳ן פון זייער שפּאַציר, און שולמית האָט מיט אַ שמייכעל געוואָרענט איהר געליבטען אַז מאָרגען וועט ער מוזען איהר דערצעהלען וואָס עס פרעסט איהם אויפ׳ן האַרצען און אויך זיך פאָרשטעלען פאַר איהר פאָטער מיט זיין נאָמען, דאַן האָט מנוח פּלוצלונג זיך באַוויזען אין דער אָפענער טיר און ער האָט איינגעלאַדען אַבשלום׳ען אין הויז זיך צו זעהן מיט אַ גאַסט . . .

אבשלום האָט דערפיהלט, אַז עפּעס וויכטיגעס קומט דאָ פאָר און ער, מיט שולמית׳ן, זיינען אַריין אין הויז.

אַזוי שנעל ווי דער גאַסט האָט דערזעהן אבשלום׳ען האָט ער אויסגע־רופען:

— אבשלום! עס טוט מיר לייד וואָס איך האָב געמוזט דערקלעהרען צו מנוח׳ן אונזער סוד, אָבער איך האָב זיך נישט געקענט העלפען, ווייל אביגיל איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרען און דאָס בין איך געקומען אַהער דיך צו בעטען אַז דו זאָלסט זיך אומקעהרען מיט מיר נאָך ירושלים, אפשר וועט אביגיל דיך דערזעהן און זי וועט אָנהויבען פיהלען בעסער.

אבשלום איז געבליבען שטעהן אין גרויס פאַרלעגענהייט. אויך שולמית, וועלכע האָט נאָך פאַרלויפיג גאַרנישט געוואוסט פון דער גרויסער טראַגעדיע, איז געבליבען שטעהן אַ צעטומעלטע און זי האָט אַ פרעג געטאָן:

— ווער איז עס אביגיל?

— טאָכטער מיינע! — האָט מנוח זיך געווענדעט צו שולמית׳ן מיט אַ רחמנות־שטימע — איך בעט דיך אַז דו זאָלסט אויסהערען די געשיכטע מיט רוהיגע נערווען ווייל אַנדערש קען עס נישט זיין. איך וויל דיר אָבער פאַרזיכערען, גלייך ביים אָנפאַנג, אַז אבשלום איז גאַרנישט שולדיג, ער האָט שוין גענוג געליטען, און איצט זאָל אַבשלום דערצעהלען און מיר אַלע וועלען אויסהערען.

אבשלום האָט זיך צוויינט און שולמית איז צוגעלאָפען צו איהם און מיט אַ ציטער אין איהר שטימע האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— איך בעט דיך, אבשלום, דערצעהל אַלעס! זיי נישט אַזוי פאַר־צווייפעלט. כאָשט איך ווייס נאָך נישט אין וואָס דער סוד באַשטעהט, דאָך וויל איך דיר פאַרזיכערען אַז וואָס עס זאָל נישט געשעהן פאַרבלייב איך דיינע אויף אימער . . .

אבשלום האָט זיך באַרוהיגט און ער האָט איבערדערצעהלט, ספּעציעל פאַר שולמית׳ן, זיין גאַנצע פיער יאָהריגע געשיכטע פון זייט ער האָט גע־הייראָטעט מיט אביגיל׳ן ביז דעם איצטיגען טאָג.

שולמית האָט אַלעס אויסגעהערט מיט אַ רוהיגען געמיט און צום סוף האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— קום, אבשלום! לאָמיר שוין אָפּרייזען מיט דיין שוועסטער נאָך ירושלים. דיין קראַנקע פרוי נויטיגט זיך איצט אין דיר . . . איך וועל זיין צו איהר ווי אַ געטרייע שוועסטער ווייל מיר ביידע ליבען דאָך די זעלבע פּערזאָן . . .

די דריי מענער האָבען זיך איבערגעוואָרפען מיט געגענזייטיגע בליקען. קיינער פון זיי האָט נישט געוואָגט אָפּצורעדען שולמית׳ן פון איהר אָנבאָט. מנוח האָט מורא געהאָט זיך צו שטעלען דאַגעגען, טאָמער חלילה וועט עס ווירקען שלעכט אויף זיין טאָכטערס נערוועז; אויך אבשלום האָט נישט געוואָלט זיך שיידען פון שולמית׳ן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך צוריק דערפרישט אין זיין ליבע צו איהר, איבערהויפּט האָט דאָך זיין אייגענע פרוי איהם גע־טריבען אהער.

אויפ׳ן צווייטען פריהמאָרגען זיינען אַלע דריי אָפּגעפאָהרען נאָך ירושלים, אָבער ווי דערשטוינט זיינען אַלע געוואָרען ווען אביגיל, וועלכע האָט זיך שוין געפיהלט עטוואָס לייכטער אין איהר הארץ אַטאַקע, דערהערענ־דיג פון איהר מוטער, אַז אבשלום מיט שולמית׳ן זיינען נאָר וואָס אָנגעקומען אַהער, האָט זי, אביגיל, גלייך באַפוילען אַז אבשלום זאָל נישט וואַגען אריינ־צוקומען צו איהר אין צימער, נאָר בלויז שולמית׳ן מעג מען יאָ צולאָזען צו איהר...

וויפיעל די מוטער, ווי אויך דער פאַטער, האָבען זיך נישט געבעטען ביי זייער טאָכטער, אַז זי זאָל נישט זיין אַזוי גרויזאַם צו איהם ליבען מאַן, האָט אָבער אביגיל געהאַט איין טענה: — גאָט וויל נישט אַז אבשלום זאָל באַלאַנגען צו מיר, ער באַלאַנגט צו שולמית׳ן...

פאַרפאַלען! אבשלום האָט געמוזט פאַרבלייבען אָפּגעזונדערט, אָבער צו דער זעלבער צייט איז שולמית אויפגענומען געוואָרען פון איהר געליבטענ׳ס פרוי מיט גרויס ליבע און רעספּעקט. אביגיל האָט איהר דערקלערט אַז

אבשלום איז אן אידעלער יונגערמאן און אז זי, שולמית, וועט זיין גליקליך מיט איהם . . .

פון אָנפאנג האָט שולמית נישט פארשטאנען ווי איז עס מעגליך אז אן אייגענע פרוי זאָל נאָך וועלען ווערען די שדכנ׳טע פאר איהר מאן . . . אָבער ביסלעכווייז האָט שולמית אָנגעהויבען צו פארשטעהן אביגיל׳ס פסיכאָלאָגיע וועלכע איז געווען פעסט באגרינדעט אויף א שטארקען רעליגיעזען געפיהל.

שולמית האָט געפיהלט אבשלום׳ס הארץ אז, כאָטש ער ליבט איהר, שולמית׳ן, זעהר שטאָרק, דאך איז ער שטארק צעבראָכען פון דעם פלוצימדיגען ריס צווישען איהם מיט זיין פרוי. שולמית האָט ניט געוואוסט ווי צו האנדלען? זי האָט פרובירט דערקלעהרען אביגיל׳ן אז זי איז וויליג אויפצוגעבען אבשלום׳ען פאר איהר, אביגיל׳ס, וואוילזיין, ווייל נאָך אלעמען איז זי דאך זיין פרוי און זי האָט שוין געהאט מיט איהם צוויי קינדער, אָבער אביגיל האָט נישט געוואָלט הערען פון קיינע קאָמפראָמיסען.

— אבשלום באלאנגט צו דיר — האָט אביגיל געענטפערט אויף אלע פאָרשלאגען — דער ברונעם מיט דער קאץ . . . דער טויט פון מיינע צוויי אומשולדיגע קינדער, און די הארבע שבועה, וואָס איהרביידע האָט זיך געגעבען איינער צו דער צווייטער, האָט אייך פאראייניגט נאָך איידער אבשלום האָט געהייראַטעט מיט מיר.

דערוויל זיינען אריבער א פּאָר וואָכען, און אביגיל איז אויפגעשטאנען פון איהר קראנקהייט און זי האָט פארלאנגט, אז אבשלום זאָל איהר געבען א גט, אום ער זאָל קענען, וואָס פריהער, הייראַטען מיט שולמית׳ן.

ביי דער גט־צערעמאָניע איז פּאָרגעקומען א פרישע דראמאטישע סצענע: איידער אבשלום האָט באדארפט איבערגעבען דעם גט אין אביגיל׳ס הענט, האָט אביגיל געבעטען דערלויבעניש פון שולמית׳ן אז זי, אביגיל, זאָל מעגען פארבלייבען מיט אבשלום׳ען אויף צעהן מינוטען צייט אָפּגעזונדערט אין א צימער.

פארשטעהט זיך אז שולמית האָט צוליב געטאָן אביגיל׳ן. נאָך אלעמען איז זי דאך נאָך זיין געזעצליכע פרוי.

אביגיל איז אריינגעפיהרט געוואָרען אין א צימער און נאָכדעם איז אבשלום אריינגעקומען אהין און אביגיל האָט א זאָג געטאָן צו איהר מאן:

— אבשלום! איידער מיר ווערען געזעצליך פאנאנדערגעשיידעט, פארלאנג איך פון דיר א שבועה אז דו וועסט דורכפיהרען די גט־צערעמאָניע ביז׳ן לעצטען אַקט אונטער אלע אומשטענדען, נישט קוקענדיג וואָס עס זאָל נישט פּאַסירען מיט מיר ביז דער לעצטער מינוט.

אבשלום האָט אָנגעקוקט זיין פרוי מיט גרויס פארוואונדערונג, נישט פארשטעהענדיג וואָס זי מיינט מיט איהרע רייד, אָבער אביגיל האָט איהם דערקלערט נאָכאַמאָל דאָס זעלבע און זי איז צוגעשטאַנען צו איהם אז ער מוז איהר צו־שווערען אז ער וועט ניט מאַכען קיין שטערונג אין דעם גט אונטער קיינע אומשטענדען.

אבשלום האָט צוגעשוואוירען און דאַן האָט אביגיל א זאָג געטאָן:

— זאָלסט וויסען אבשלום! אז כאָטש איך האָב געהאַנדעלט געגען דיר זעהר גרויזאם מיט מיין צוזאָגען דיר זיך צו פאַראייניגען מיט שולמית׳ן, און דו קענסט דענקען אז דאָס איז וויל איך האָב דיך נישט ליב גענוג, דאָך וויל איך דיר פארזיכערען אז מיין ליבע צו דיר איז פיעל שטאַרקער ווי דו קענסט זיך פאָרשטעלען. איך וועל דיר איבערצייגען דעם אמת פון מיינע ווערטער מיט א פאַקט וואָס עס וועט באלד געשעהן... נאָר איידער איך וועל דיר איבערצייגען דעם פאקט וויל איך דיר דערמאָנען נאָכאַמאָל דיין שבועה וואָס דו האָסט מיר געגעבען אז קיין אָפהאַלט וועט נישט געמאַכט ווערען אין דער דורכפיהרונג פון דעם גט, ווייל איך וויל טאַקע אז דער מזבח זאָל פארגיסען טרערען אויף אונזער צעשיידונג . . . לויט ווי דו אליין האָסט מיר דערקלערט וואָס אונזערע חכמים זאָגען. איך וועל באלד דורכפיהרען דעם פאקט און דאַן וועלען מירביידע ארויסקומען צו די דייניִם אין צווייטען צימער און דו וועסט מיר איבערגעבען דעם גט אין די הענט . . .

— וואָס רעדסטו? וואָס מיינסטו צו טאָן? — האָט אבשלום גענומען שטעלען פראַגען אין גרויס שרעק נישט באגרייפענדיג וואָס אביגיל רעדט און וואָס זי מיינט צו טאָן.

— קוק און שוויג! — האָט אביגיל געענטפערט מיט א צעפלאַמטען פנים. און דאָס זאָגענדיג האָט זי אַרויסגענומען אַ פאַרמאַכטען פלעשעל פון איהר בוזים און זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— דו זעהסט די דאָזיגע פלעשעל מיט׳ן וואסער אינעווייניג? דאָס איז נישט קיין וואסער נאָר גיפט. דאָס איז דער זעלבער סאָרט גיפט וואָס מען האָט אַמאָל געגעבען דעם גרויסען גריכישען פילאָזאָף סאָקראַטעס׳ן צו טרינקען. דער דאָזיגער גיפט ווירקט אָן שמערצען צום קערפער. איך וועל עס איצט אויסטרינקען און גליִיך נאָכדעם וועלען מיר ארויסגעהן צו די דייניִם און דו וועסט מיר געבען דעם גט און ערשט שפעטער, ווען איך וועל שוין קומען אהיים צו מיינע עלטערען, וועט דער גיפט ווירקען אויף מיר אָהן שמערצען, און דו וועסט קענען געהן מיט שולמית׳ן צוריק צו דיין היים. . . צו

דער זעלבער היים וואו מיר האָבען פארבראכט צוזאַמען פיער יאָהר צייט און גענאָסען פון אונזער ליבע און — — —

— אביגיל! האָב מיטלייד מיט מיר! טו עס נישט! גיב מיר אהער די פלעשעל גיפט! דו ביזט דאָך אַ אידישע טאָכטער! איך זאָג דיר צו אַז איך וועל צוריק וואוינען מיט דיר — האָט אבשלום גענומען בעטען רחמים ביי אביגילן׳.

— ניין! מיין ליבער אבשלום! עס איז נישט דיין שולד! גאָט הייסט מיר אזוי האנדלען!... שולמית איז דיינע און איך באלאנג צום קבר... — האָט אביגיל גענומען סאָפען און זי האָט האסטיג אויסגעטרונקען דעם גיפט פון פלעשעל און גלייך נאָכדעם האָט זי אַ ציה געטאָן אבשלום׳ען פאר׳ן האנט און זי איז ארויסגעקומען מיט איהם צו די דיינים וועלכע האָבען באלד דורכ־געפיהרט דעם גט.

אבשלום איז געווען אזוי צוטומעלט און פארקלעהמט ביים הארצען, אז ער האָט נישט געוואוסט וואָס עס טוט זיך מיט איהם, ער האָט אלעס געטאָן וואָס מען האָט איהם געהייסען.

אזוי שנעל ווי אביגיל האָט באקומען דעם גט איז זי ארויסגעלאָפען פון דיינ׳ס הויז און אבשלום מיט שולמית׳ן זיינען איהר נאָכגעלאָפען ביז דער הויז פון אביגיל׳ס עלטערן. קיינער, אויסער אבשלום און אביגיל, האָבען נישט געוואוסט די אורזאַך פון דער דאָזיגער נאָכלויפעניש.

קאַפּיטעל 41

# אנטיאכוסעס טויט. — דער אומגליק מיט אלעזר החשמונאי. — ליזיאש שליסט שלום מיט יהודה׳ן.

אין דער שטאָדט אנטיוכיע איז אַ גרויסער טומעל, דער קעניג אנטיאָכוס עפיפאנוס האלט בייט שטארבען. דער לאנגזאמער גיפט מיט וואָס רוחמה, די דינסט ביי דער חשמונאים פאַמיליע און די געוועזענע געליבטע פון קעניג... האָט איהם פארגיפטעט נאָך מיט אַ צוויי יאָהר צוריק, האָט געווירקט. אנטיאָ־כוס האָט די גאנצע צייט זיך געפיהלט קראנק ניט וויסענדיג פון וואָס און פון ווען? די רופאים האָבען שוין נאכהער יאָ אויסגעפונען אז ער איז פארגיפטעט, אָבער עס איז שוין געווען צו שפעט איהם אויסצוהיילען.

אנטיאָכוס׳עס קערפער איז געוואָרען צעפוילט ביסלעכווייז. די פליש האָט געפוילט אין איהם און די הויט האָט זיך לאַנגזאַם אפגעשיילט. עס האָט דערגרייכט אויף אזוי וויט אז אפילו די רופאים האָבען געווייכט פון דעם

קראַנקען, נישט קענענדיג אויסהאַלטען דעם שלעכטען גערוך פון זיין צעפויל־טען קערפּער.

און דאַמאָלסט, אין יענע טרויעריגע מאָמענטען ווען אַנטיאָכוס איז גע־לעגען צו בעט און דער שלעכטער גערוך אַרום איהם האָט פאַרטריבען אַלע הויז־מענשען, האָט אַנטיאָכוס שטילערהייט אין הארצען חרטה באַקומען אויף די פילע רשעות און אכזריות וואָס ער האָט אָנגעטאָן צום אידישען פאָלק. ער האָט דורכגעבלעטערט אין זיינע געדאַנקען אַלע זיינע גרויזאַמע גזירות געגען די אידען: ער האָט געהייסען הרג׳ענען דעם גרויסען צדיק אלעזר, ער האָט געהאַלטען געפאַנגען דעם כהן־גדול חוניו, דעם דריטען, און ווען מענעלאַס האָט איהם נאָכהער געטויטעט אין אַנטיוכיע, האָט ער, אַנטיאָכוס, נישט באַש־טראָפט דעם מערדער.

אַנטיאָכוס דערמאָנט זיך אָן די שוידערליכע בלוטיגע פּאָגראָמען וואָס ער האָט געמאַכט אין ארץ ישראל, און איצט זעהט ער שוין אויפריכטיג אַז דער אידישער גאָט באַשטראָפט איהם פאַר אַלעס... יאָ, דער קלוגער הילי־אָדאָרוס, וועלכער האָט זיך אַמאָל אַרויסגעלאָזען אויף זיין רויב־עקספּעדיציע צו באַרויבען דעם טעמפּעל אין ירושלים, האָט טאַקע גערעכט געהאַט ווען ער איז צוריקגעקומען נאָך אַנטיוכיע און ער האָט ערקלעהרט צום פאַריגען קעניג סעלעקוס אַז מען טאָר נישט טשעפּען די אידען. סעלעקוס איז דאַמאָלסט געוועזען גענאַרט אין זיך און דאַריבער האָט היליאָדאָרוס איהם געטויטעט.

— אָ! ווי נאַריש איך בין דאַמאָלסט געוועזען — האָט אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס אָפּגעזיפצט אויף זיין קראַנקען בעט — אַנשטאָט וואָס איך וואָלט דאַמאָלסט, ווען איך בין אַרויף אויפ׳ן קעניגליכען טראָן גלייך נאָך מיין ברודער סעלע־קוס׳עס טויט, באַדאַרפט שענקען היליאָדאָרוס׳ען זיין לעבען, האָב איך גאָר איהם פאַר׳משפט צום טויט.

—אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס האָט אַ מורמעל געטאָן צו זיך אַליין:

— איך האָב זיך געהייסען רופען מיט׳ן ביינאָמען "עפּיפאַנעס", וועלכעס מיינט: שעהן, דערהויבען, באַריהמט, אָבער נישט אומזיסט רופען מיך די אידען מיט׳ן נאָמען „עפּימאַנעס" וועלכעס מיינט: רשע, אכזר, נידערטרעכטיגער... זיי זיינען טאַקע גערעכט, און איצט מעגען זיי טאַנצען פון גרויס שמחה אויף מיין אומגליק וואָס מיין קערפּער צעפאַלט אין שטיקער, דער גערוך מאַכט מיך צו שאַנד און צו שפּאָט ביי אַלעמען, און קיינער וויל ניט צוקומען צו מיר... אָ! אַפּאָלאָ! צעאוס! וואו זיינט איהר? פאַרוואָס העלפט איהר מיר נישט? ליזיאַש ליזיאַש!

אַנטיאָכוס האָט זיך צעשריהען מיט אַלע כחות ביז וואַנען איינער פון

זיינע דינער איז ארייגעלאָפען צו איהם אין צימער און צוהאלטענדיג זיינע באַזלעכער, מיט זיינע הענט, האָט ער קוים אַ פרעג געטאָן:

— וואָס וויל דער קעניג?

— שיק מיר ארייז דעם גענעראל ליזיאש — האָט אנטיאָכוס אַ געשריי געטאָן.

אין אַ היבשע ווילע שפעטער איז ליזיאש אַריינגעקומען אין צימער פון קראנקען קעניג און ער האָט אויך געהאלטען צוגעמאכט זיינע נאָזלעכער צו־ליב׳ן שלעכטען גערוך פון קעניג׳ס צעפוילטען קערפער.

— ליזיאָש! — האָט דער קעניג אַ זאָג געטאָן מיט גרויס אָנשטרענגונג — איך זעה אז דיר איז שווער איינצושטעהן דאָ אין צימער... מיר איז שוין אויך נמאס געוואָרען צו ליידען אזוי פיעל... איך פארלאנג פון דיר אז דו זאָלסט אַכטונג געבען אויף מיין זוהן דעם פּרינץ אנטיאָכוס עאָפּאָטער, וועלכער איז נאָך יונג, זאָלסט זעהען אז גלייך נאָך מיין טויט זאָל ער ווערען געקרוינט אַלס קעניג און דו וועסט רעגירען אין זיין נאָמען ביז ער וועט ווערען פול־יעהריג. געדענק אַז מיין ברודער דימיטריאוס איז אַ כיטרער יונג, אויב ער וועט וועלען פארכאפּען דעם טראָן זאָלסטו עס נישט דערלאָזען.

— יאָ! איך ווייס שוין אלעס! — האָט ליזיאש קוים ארויסגערעדט און האָט האַסטיג זיך אַ לאָז געטאָן צום טיר אום ארויסצולויפען אין דרויסען אויף די פרישע לופט און אָפּכאפּען דעם אָטעם, אָבער דער קעניג האָט אויסגערופען:

— וואַרט אַ ווײלע! איך האָב אַ בקשה צו דיר.

— אנטשולדיג מיר! — איך קען נישט מעהר שטעהן דאָ!... —האָט ליזיאש געענטפערט און ער איז שנעל ארויסגעלאָפען פון קעניגס צימער.

עס זיינען אריבער עטליכע טעג און אנטיאָכוס עפּיפאנעס איז געשטאָר־בען. קיינער פון זיין פאַמיליע האָט נישט געקענט שטעהן ביי׳ם בעט, אפילו נישט אין דעם לעצטען מאָמענט, ווען דער צעפוילטער קעניג איז אויסגעגאנגען.

אזוי שנעל ווי איינער פון די דינערס האָט אָנגעזאָגט די בשורה אַז דער קעניג איז טויט, האָט מען גלייך פאראָרדענט עטליכע רופאים אז זיי זאָלען שנעל אויסרייניגען דעם פּאַלאַץ, און ספּעציעל דעם טויטען׳ס צימער, פון די שעדליכע גערוכען.

דעם פארשטאָרבענעם קעניג האָט מען אויף שנעל באגראָבען אָהן וועלכע עס איז צערעמאָניעס, ווייל די רופאים האָבען פארוועהרט זיך נישט צוצוריהרען צו זיין צעפוילטען קערפער וועלכער האָט נאָכ׳ן טויט נאָך מעהר זיך געלאָזט פיהלען מיט׳ן שלעכטען גערוך.

ליזיאש, דער הויפּט מיניסטער און פעלדמארשאל, האָט געהאנדעלט

שנעל און ער האָט באלד פאררופען אלע מיניסטאָרען און גענעראלען צו אַ ספעציעלער זיצונג און דאָרטען האָט מען פראָקלאמירט דעם יונגען פרינץ אנטיאָכוס עאפּאַטער אלס קעניג און ליזיאש מיט נאָך צווי מיניסטאָרען זיינען באשטימט געוואָרען אלס אַפּיעקונס איבער׳ן יונגען קעניג.

איניגע מאָנאַטען נאָכדעם האָט ליזיאש צונויפגענומען אַ פרישע ארמיי פון הונדערט טויזענט פוסגעהענדע סאָלדאַטען און עטליכע און דרייסיג ספּע־ציעלע עלעפאנטס וועלכע זיינען געווען גוט געאיבט צו פיהרען מלחמה.

מיט דער ריזיגער ארמיי, און מיט דעם יונגען בייעם קעניג אנטיוכוס עאָפּאַטער אין דער שפּיץ, האָט ליזיאש ארויסמארשירט פון אנטיוכיע נאָך ארץ ישראל.

ליזיאש האָט פּרובירט באַפאלען דעם רעוואָלוציאָנערען ״גדוד המכבי״ גאָר פלוצלונג און דעריבער האָט ער אויסגעמיטען דעם געוויינליכען וועג איבער׳ן גליל, שומרון, און יהודה, נאָר ער איז געגאנגען מיט זיין ארמיי איבער דער צווייטער זייט ירדן ביז דעם עקסטרעמען דרום זייט פון ים המלח און פון דאָרטען האָט זיך די ארמיי פארנומען צו חברון, וועלענדיג אָנקומען נאָך ירושלים פון דרום זייט, אָבער יהודה המכבי, וועלכער האָט געהאָט גוט גע־איבטע העלדען אויפ׳ן שפּיאָנאזש געביט, האָט שנעל דערפאהרען פור ליזיאש׳־עס פּלענער און נישט ווארטענדיג ביז די גריכישע ארמיי וועט אָנקומען ביז ירושלים, האָט יהודה ארויסמארשירט קעגען דעם שונא מיט זיין גדוד פון אריבער צעהן טויזענט געקליבענע העלדען.

ליזיאש האָט זיך גאָר ניט גערוכט אויף אַזאַ האַסטיגען ״קבלת פנים״, אָבער ער האָט דאָך געמוזט ענטפערן אויפ׳ן פלוצימדיגען אָנפאל פון דעם „גדוד המכבים״ פונקט אינמיטען וועג צווישען חברון און ירושלים אין דער שטאָדט בית־צור.

די שלאכט האָט זיך צופלאקערט זעהר שטארק און עס האָט זיך גע־גאָסען טייכען בלוט פוןביידע קעמפענדע צדדים.

אין יענער שלאכט האָט פאסירט אַ גרויסער אומגליק: דער העלדישער אלעזר החשמונאי, יהודה׳ס ברודער, האָט זיך פארלייגט צו טויטען דעם יונגען סיריש־גריכישען קעניג אנטיוכוס עאָפּאַטער וועלכער האָט געריטען אויף איינעם פון די גרויסע עלעפאנטען.

ווען אלעזר וואָלט צייט געהאַט זיך גוט צוצוקוקען צו דעם רייטער אויפ׳ן עלעפאנט וואָלט ער זיכער דערפאהרען אַז דאָס איז ניט דער קעניג נאָר איינער פון די יונגע אָפיצירען, אָבער אין גרויסען טומעל און געפילדער האָט אלעזר געמאכט דעם ביטערען טעות און ער האָט זיך דורכגעבראָכען צווישען

די פיעלע סירישע סאָלדאַטען און צוקומענדיג נאָהענט צום עלעפאנט האָט ער צוערשט אריינגעשטאָכען זיין לאנגען שפּיז אין עלעפאנט׳ס קערפּער און גלייך נאָכדעם האָט ער געוואָלט ארויפשפּרינגען צום קעניג און איהם דער־שטעכען מיט׳ן שווערד, ליידער איז עס שוין געווען צו שפּעט, ווייל אזוי שנעל ווי דער לאנגער שפּיז האָט דורכגעלעכערט דעם עלעפאנט האָט זיך די אומ־געלומפּערטע ריזיגע חיה אראָפּגעלייגט מיט אַ האסטיגען קלאַפּ אויפ׳ן באָדען און אלעזר איז צוגעדריקט געוואָרען אונטער׳ן עלעפאנט.

פארשטעהט זיך אז אין יענע טומעלדיגע שעה׳ן האָט קיינער נישט גע־וואוסט פון דעם גרויסען אומגליק מיט אלעזר׳ן, די שלאכט איז אָנגעגאנגען מיט׳ן גרעסטען אימפּעט און פארביסענקייט פוןביידע צדדים, ביז וואנען יהודה האָט איינגעזעהען אַז ער וועט נישט קענען ווייטער באזיגען דעם שונא אויפ׳ן פרייען פעלד און ער האָט גלייך געגעבען אַ באַפעהל: "לסגת אחור"! צוריק־ציהען צו ירושלים.

קומענדיג צוריק אין ירושלים, האָבען יהודה מיט זיינע העלדען אוס־פּעיעט זיך צו באפעסטיגען אין די ציונ׳ער טויערען און ווען ליזיאש מיט זיין ארמיי איז אָנגעקומען אהין האָט ער גלייך פאראָרדענט אַ פולשטענדיגע באַלאַ־גערונג ארום ציון און ארום דעם "הר הבית".

עטליכע וואָכען האָט אָנגעהאלטען די באלאגערונג. די אידישע העלדען האָבען נישט געקענט ארויסקומען צום שונא ווערלכער האָט נאָך אלץ געהאַט צעהן קעגען איינעם און די גריכישע ארמיי האָט נישט געקענט שטורמען די שטארק באפעסטיגטע מויערען פון ציון.

די לאגע איז אָבער געווען פיעל קריטישער פאר די אידען איידער פאר די גריכען. די אידען האָבען נישט געקענט אריינברייגען קיין פרישע שפּיז צו זיך, און צום אומגליק איז דאמאָלסט געווען דאָס יאָהר פון "שמיטה" וואָס לויט׳ן דין פון דער תורה טאָר מען נישט בעארבייטען די ארץ ישראל׳דיגע ערד יעדען זיבעטען יאָהר, און פארשטעהט זיך, אז די אידען האָבען אָנגעהויבען פיהלען אַ שטארקען מאַנגעל אין שפּייז. עס האָט זיך דעמאָלט ארויסגעדוכט אַז די גאנצע אידישע האָפענונג פון, די ביז־אהעריגע, נצחונות איבער׳ן שונא וועלען מיט אמאָל פארוואנדעלט ווערען אין אַ גרויסער נידערלאגע און מען וועט מוזען, אָדער זיך אונטערגעבען צו די גריכען אָדער אויסשטאַרבען פון הונגער.

אָבער גאָר גיך האָט די לאַגע זיך געענדערט צום גוטען פאר די אידען. ווייל אזוי שנעל ווי ליזיאש האָט מיטגענומען דעם יונגען קעניג מיט זיין ארמיי

און איז אָפּגעפאָהרען נאָך ארץ ישראל צו פיהרען מלחמה מיט די מכבים, איז פלוצלונג אָנגעקומען א גאסט אין אנטיוכיע:

די רוימער האָבען אָנגעוואונקען צו דעם פרינץ דימיטריוס, דער ברודער פון פארשטאָרבענעם קעניג אנטיאָכוס עפּיפאנעס, אז ער זאָל שנעל פארכאפּען דעם קעניגליכען טראָן אין אנטיוכיע, אויף זיין ברודער׳ס פּלאַץ, אין דער צייט וואָס ליזיאש מיט׳ן יונגען קעניג זיינען פארריזט מיט אַ גרויסע ארמיי אין ארץ ישראל.

פארשטעהט זיך אז דימיטריאוס האָט זיך ניט געלאָזען בעטען לאנג און ער איז אָנגעקומען אין אנטיוכיע און האָט אָנגעהויבען צוצוציהען צו זיך וואָס מעהר גוטע פריינט און סימפּאטיזירערס.

עס זיינען אָבער דעמאָלסט געווען פיעלע גריכען אין אנטיוכיע וועלכע האָבען ניט געוואָלט דימיטריאוס׳ען אלס קעניג. די לאָיאלע גריכען פון דעם יונגען קעניג האָבען גלייך אוועקגעשיקט זייערע קוריערען נאָך ארץ ישראל און האָבען אינפאָרמירט צו ליזיאש׳ן וועגען דעם נייעם טומעל אין אנטיוכיע, און ווען ליזיאש האָט דערהערט אַז דימיטריאוס איז דאָ אין אנטיוכיע און אז ער וויל פארכאפּען דעם טראָן, האָט ער זיך שטארק דערשראָקען. ער האָט באשלאָסען אז ער מוז שוין זיך אומקעהרען נאָך אנטיוכיע מיט זיין גאנצער ארמיי אום צו פארהיטען די פארכאַפּונג פון טראָן דורך דימיטריאוס׳ן.

דעמאָלסט האָט ליזיאש נישט געהאַט קיין אנדער ברירה: ער האָט געמוזט שליסען א שלום מיט יהודה המכבי. פארשטעהט זיך אז יהודה האָט געוואוסט ווי אויסצונוצען די גוטע געלעגענהייט און ער האָט אויסגעפיהרט אז ארץ ישראל זאָל באקומען דעם סטאטוס פון אַ פרייע לאנד אין אלע אינערליכע ענינים. ליזיאש האָט זיך פּרובירט דינגען אָבער יהודה האָט ניט נאָכגעגעבען נאָר בלויז אז די פעסטונגען פון דעם "הר הבית" זאָל מען צוואוואַרפען.

דער שלום איז געשלאָסען געוואָרען און ליזיאש מיט זיין ארמיי האָט שנעל אָפּגערייזט נאָך אנטיוכיע און אזוי ארום זיינען די אידען ווידער געוואָרען אַ פרייע נאַציאָן אין זייער אייגען לאנד. בלויז אין אויסערליכע פּאָליטישע ענינים האָט ארץ ישראל באדארפט זיין אונטערוואָרפען דער סירישער מלוכה, אָבער אין אַלע אינערליכע אנגעלעגענהייטען זיינען די אידען געוואָרען זעלבסטשטענדיג.

## קאַפּיטעל 42

# אביגיל שרייט אז זי איז שוין טויט. — דער סוד פון די גיפט.

ווען אבשלום מיט שולמית'ן זיינען נאָכגעלאָפען דער אָפּגע'גט'ער אביגיל'ן צו דער הויז פון איהרע עלטערען נאָכדעם ווי אביגיל האָט שטילער־הייט, בלויז אין דער אנוועזענהייט פון איהר מאַן אבשלום, אויסגעטרונקען דעם גיפט און גלייך נאָכדעם האָט זי באקומען דעם גט און איז אנטלאָפען א היים, דאן האָט אביגיל זעלבסט נאָך ניט געוואוסט פון דעם גרויסען סוד וואָס עס איז געווען פארבונדען מיט'ן גיפט. אביגיל איז געווען זיכער אַז אָט און דער גיפט וועט אָנהויבען ווירקען אויף איהר; אויך אבשלום איז געווען שטאַרק צעטומעלט און דערשראָקען פון די אויסטערלישע ווילדע האנדלונג פון זיין פרוי, אָבער אביגיל האָט עס געמאַכט אזוי שנעל, אז ער האָט גאָר קיין צייט ניט געהאַט איהר אָפּצוהאַלטען דערפון, און ווען זי האָט שוין געהאַט אויס־געטרונקען דעם גיפט האָט אבשלום, אויך דאמאָלסט נישט געקענט מאַכען קיין טומעל צוליב דער שבועה וואָס ער האָט איהר געמוזט געבען אז ער וועט נישט שטערען אין דער דורכפיהרונג פון דעם גט.

אָבער איצט, ווען אביגיל האָט שוין געהאַט באקומען דעם גט און איז באלד אנטלאָפען צו איהרע עלטערען אהיים, האָט אבשלום געמאַכט אַ געוואלד אַז מען זאָל פּרובירען ראַטעווען זיין אָפּגע'גט'ע פרוי אביגיל.

שולמית, וועלכע איז געווען באַפריינדעט מיט אביגיל'ן זייט די לעצטע פּאָר וואָכען, ווען זי איז געקומען פון בית לחם צו דער קראַנקער אביגיל'ן, איז אויך נאָכגעלאָפען אביגיל'ן. און כאָטש שולמית האָט נישט געוואוסט גענוי וועגען וואָס די לויפעניש קומט פאָר, דאָך האָט זי פארשטאַנען אז עפּעס האָט עס צו טאָן מיט'ן שטילען אָפּגעזונדערטען געשפּרעך וואָס עס איז פאָר־געקומען צווישען איהר געליבטען אבשלום'ען מיט זיין פרוי עטליכע מינוט פאַר'ן גט.

— ווער איז מיר! — וואָס איז געשעהען? — האָט אביגיל'ס מוטער אויסגעשריען מיט גרויס שרעק אזוי שנעל ווי איהר טאָכטער איז אריינגע־לאָפען אין הויז און האָט זיך א וואָרף געטאָן מיט אַ ווילדען געלעכטער אויפ'ן בעט און גלייך נאָכדעם זיינען אריינגעלאָפען אבשלום מיט שולמית'ן און אבשלום האָט אַ געשריי געטאָן:

זי האָט געטרונקען גיפט! . . .

— טאָכטער, מיינע! — האָט די מוטער אויסגעשריען מיט אַ יאָמער

— זאָג מיר וואָס איז געשעהן ? ווי קומט צו דיר גיפט, פון וואַנען ? ווער האָט עס דיר געגעבען ?

דערהערענדיג אזעלכע ווערטער, האָט שולמית אַ שמייכעל געטאָן צו זיך זעלבסט. זי האָט זיך איצט דערמאָנט וואָס עס איז געשעהען צווישען איהר מיט אביגיל'ן איניגע טעג צוריק ווען זיי ביידע האָבען געהאַט צווישען זיך אַ גאַר ערנסטען געשפּרעך און באלד נאָכדעם האָט אביגיל זיך באריהמט פאר איהר אז זי האָט שוין געמאַכט איהר באַשלוס פון זעלבסטמאָרד און זי האָט איהר געוויזען דעם פלעשעל גיפט וואָס זי האָט ביי זיך.

איצט האָט שולמית שוין פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. דאָס האָט אביגיל מסתמא אויסגעטרונקען די פלעשעל גיפט נאָך איידער זי האָט צו־גענומען דעם גט פון אבשלום'ען.

דערווייל איז אַנגעלאָפען אבשלום מיט אַ רופא און מען האָט אָנגעהויבען טאָן ארום דער פארגיפטעטער אביגיל'ן.

שולמית האָט אָפּגערופען איהר געליבטען אבשלום'ען אין אַ זייט און שטילערהייט אַ זאָג געטאָן צו איהם:

— זיי נישט אזוי צעטראָגען, אבשלום! קיין בייזעס וועט נישט געשעהען מיט אביגיל'ן, זי וועט בלייבען לעבען...

— וואָס מיינסטו? — האָט אבשלום צוריק געפרעגט אין גרויס פאר־וואונדערונג — דו זעהסט דאָך אַז זי איז פארגיפטעט.

— דאָס איז געווען בלויז וואסער, נישט קיין גיפט — האָט שולמית געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

אבשלום האָט געוואָלט אָנהויבען שטעלען פראַגעס צו שולמית'ן אָבער אין זעלבען מאָמענט האָט דער רופא צוגערופען די גאַנצע הויז־געזינט צו דער מכלומרשט־פאַרגיפטעטער אביגיל'ן און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— לויט נאָך דער צייט און לויט די סימנים, פאַרשטעה איך אַז די קראַנקע האָט גאַרנישט געטרונקען קיין גיפט, דאָ איז פאַרגעקומען אַ מיס־פאַרשטענדעניש. אַלעס קען מעגליך זיין אָבער זיכער נישט קיין גיפט.

— וואָס? — האָט אביגיל אויסגעשריגען מיט אַ געלעכטער און זי האָט זיך אַ הויב געטאָן פון בעט — אַט וועט איהר באַלד זעהן אַז איך האָב אויסגעפיהרט מיין נקמה . . . — און דאָס זאָגענדיג האָט זי גענומען אַרומ־שפּרייזען מיט שנעלע טריט איבער'ן צימער מורמלענדיג דערביי:

— יאָ, איך האָב פאַרגעסען אַז מען מוז אַרומגעהן אויף די פיס אַזוי לאַנג ביז וואַנען דער גיפט הויבט אָן צו ווירקען אויף אַלע גלידער. נאָך אַ שעה אָדער צוויי און איהר וועט אַלע זעהן אַז איך האָב רעכט . . .

אביגיל׳ס עלטערען און אויך אבשלום, האָבען זיך איבערגעוואָרפען מיט דערשראָקענע בליקען נישט באַגרייפענדיג וואָס אביגיל מיינט מיט איהרע רייד. דער רופא האָט פּרובירט שטעלען פראַגען צו דער משוגע־געוואָרענער אביגיל׳ן אָבער זי האָט איהם גאָרנישט געענטפערט. איין איינציגע פּערזאָן, און דאָס איז געווען שולמית, האָט זיך קוים איינגעהאַלטען פון געלעכטער . . .

עס איז אַריבער אַ שעה אין גרויס טרויער און פאַרצווייפלונג. אביגיל׳ס עלטערען זיינען די גאַנצע צייט געשטאַנען און געציטערט מיט אַלע גלידער פון גרויס שרעק נישט וויסענדיג וואָס צו טאָן. זייער טאַכטער לויפט אַרום איבער׳ן צימער מיט אַ ביטערען געלעכטער אַז אָט־אָט און זי וועט שטאַרבען, און דער רופא האַלט אין איין שרייען אַז דאָ איז אַ פּראָבלעם פון אמת׳ער משוגעת . . .

פלוצלונג האָט אביגיל זיך אַ וואָרף געטאָן אויפ׳ן בעט און האָט אָנגעהויבען שווער צו אָטעמען און האָט אויסגערופען:

— שלום, צו אייך אַלעמען! איך ווער שוין פּטור פון דער זינדיגער וועלט. איך זעה די צוויי הייליגע נשמות פון מיינע צוויי קינדערלאך . . . שלום, צו דיר פאָטער און צו דיר מוטער. שלום צו דיר אבשלום! זאָלסט געדענקען אַז איך האָב דיך שטענדיג געליבט. שלום, צו דיר שולמית! איך ווינטש דיר גליק מיט׳ן מערדער פון מיינע צוויי קינדער . . .

אביגיל האָט זיך שטאַרק צעלאַכט און האָט גלייך נאָכדעם פּרובירט אויסציהען איהרע פיס און הענט און צומאַכען די אויגען, אָבער אין נעקס־טען מאָמענט האָט זי אַ געשריי געטאָן:

— אבשלום!

אבשלום איז האַסטיג צוגעלאָפען צום בעט אָבער אביגיל האָט באַלד ווידער אַ געשריי געטאָן:

— נישט דיך האָב איך גערופען נאָר שולמית׳ן.

שולמית איז צוגעגאַנגען צום בעט און אביגיל האָט אַ זאָג געטאָן:

— גיב מיר אַ טרונק וואַסער איידער איך שטאַרב . . .

— גיט איהר וואָס נאָר זי וויל . . . זי וועט נישט שטאַרבען, זי איז רחמנא לצלן געריהרט פון זינען — האָט דער רופא שנעל אַ זאָג געטאָן.

אביגיל׳ס עלטערען זיינען געשטאַנען און געוויינט, אויך אבשלום איז געווען שטאַרק צערודערט. דערווייל האָט שולמית אַריינגעבראַכט אַ קריגעל וואַסער און האָט געוואָלט אונטערהויבען אביגיל׳ס קאָפּ פון קישען אום איהר צו פאַרלייכטערען דאָס טרינקען פון קריגעל, אָבער אַביגיל האָט ווידער אַ געשריי געטאָן:

— וואָס מיינסטו אַז איך שטאַרב שוין? דערווייל בין איך נאָך לע־בעדיג און פונקט אַזוי שטאַרק ווי דו . . . — און דאָס זאָגענדיג האָט זי זיך האַסטיג אַ זעץ געטאָן אויפ׳ן בעט און האָט אויסגעטרונקען דעם קריגעל וואַסער . . .

— קינד מיינס — איז די מוטער צוגעגאַנגען מיט אַ געבעט צו איהר טאָכטער — פאַרוואָס שרעקסטו אונז אַזוי פיל? דו זעהסט דאָך אַז דער רופא זאָגט אַז דו ביזט געזונט טאָ פאַרוואָס זשע ליגסטו אין בעט?

— ווייל איך דאַרף שטאַרבען — האָט אביגיל שנעל געענטפערט — איך וואָלט שוין געשטאַרבען לאַנג צוריק נאָר איך מוז נאָך באַוואָרענען איי־ניגע זאַכען . . .

— איך דענק אַז דו ביזט שוין געשטאַרבען . . . — האָט דער רופא אויסגערופען מיט אַ געמאַכטער ערנסטקייט אין זיין שטימע און ער האָט בשעת מעשה אַ וואונק געטאָן צו אַלעמען אַרום בעט אַז זיי זאָלען אַרויסגעהן פון צימער.

ווען די עלטערען, אבשלום, שולמית, און אויך דער רופא, זיינען שוין געווען אין דרויסען, האָט דער רופא אַ פרעג געטאָן:

— זייט ווען האָט זי באַקומען דעם משוגעת אַנפאַל, און ביי וועלכען אינצידענט?

קיינער האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען אָבער שולמית האָט אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איז געשעהן מיט עטליכע טעג צוריק: איך און אביגיל האָבען געפיהרט אַן ערנסטען געשפרעך. איך האָב פאַרלאַנגט אַז אביגיל זאָל פאַר־געבען איהר מאַנ׳ס סוד און איך וועל איהם מוחל זיין אויף זיין שבועה צו מיר. איך האָב געגעבען צו פאַרשטעהן צו אביגיל׳ן אַז איך וויל נישט בויען מיין היים אויפ׳ן חורבן פון איהר אייגענעם פאַמיליען־לעבען, אָבער אביגיל האָט זיך איינגעשפאַרט אַז איך טאָר אַזוי נישט האַנדלען. זי איז זיכער אַז זי איז נישט די באַשערטע פון אבשלום׳ען און דעריבער האָט גאָט צוגענומען איהרע צוויי אומשולדיגע קינדער.

— וויפיל איך האָב נישט איינגעטענה׳עט מיט אביגיל׳ן אַז זי זאָל זיך נישט גט׳ן מיר איהר מאַן צוליב מיר, האָט זי אָבער נישט געוואָלט נאָכגעבען. און מיט אמאָל האָט זי מיר באַוויזען אַ פלעשעל גיפט און זי האָט אַ זאָג געטאָן צו מיר: דו זעהסט, שולמית! אָט דאָס איז דער זעלבער סאָרט גיפט מיט וואָס מען האָט אַמאָל פאַרגיפטעט דעם גרעסטען גריכישען פילאָזאָף סאָקראַ־טעס׳ן. דאָס איז אַ גיפט וואָס שמערצט נישט, נאָר עס מאַכט שווער אַלע

גלידער ביז וואַנען דער גיפט דערגרייכט אונטער'ן האַרצען און אין איין מינוט ווערט מען פאַרטיג . . .

— איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקען פון איהרע רייד און פון איהר זעלבסטמאָרד־געדאַנקען. דעריבער האָב איך נאָכשפּיאָנירט וואו זי האָט באַהאַלטען די גיפט און נעכטען ביינאַכט האָב איך זיך אַריינגעגנב'עט אין איהר צימער און אויסגעליידיגט די אמת'ע גיפט און אָנגעפילט דאָס פלעשעל מיט וואַסער . . .

— געבענטשט זאָלסטו זיין צו גאָט! — האָבען ביידע, פאָטער און מוטער אַרויסגעשעפּטשעט — דו האָסט געראַטעוועט אונזער טאָכטער פון אַ זיכערען טויט.

— איהר הערט דאָך אָבער אַז זי איז שוין געשטאָרבען . . . — האָט דער רופא אַ זאָג געטאָן מיט אַ לייכטען שמייכעל.

אבשלום האָט אָפּגעזיפצט און צוגעגעבען:

— איך האָב מורא אַז זי איז געריהרט פון זינען.

— אויב אַזוי איז דער גט קיין גט נישט — האָט דער פאָטער אויסגערופען מיט שמחה.

עס ווענדעט זיך ווי אייער טאָכטער דענקט — האָט דער קלוגער רופא אַריינגעזאָגט — אויב אייער טאָכטער האַלט זיך פאַר געשטאָרבען איז דער גט קיין גט נישט, ווייל דאָס איבערצייגט אַז זי איז נישט געווען ביי'ם פולען זינען אַזוי שנעל ווי זי האָט אויסגעטרונקען דעם מכלומרשטען גיפט. נאַר אויב זי וועט זאָגען אַז זי פיהלט זיך פריש און געזונט דאַן איז דער גט גוט . . .

אבשלום האָט דערווייל זיך דערמאָנט אָן זיין אייגענער לאַגע, אַז איי־גענטליך איז ער דאָך שוין איצט אַ פרעמדער דאָ אין הויז און עס פּאַסט גאַר נישט אַז ער זאָל דאָ שטעהן מיט זיין אַלט־נייע געליבטע שולמית.

אבשלום האָט באַדאַנקט דעם רופא פאַר זיין באַמיהונג פאַר דער קראַנקער און ער האָט אַ וואונק געטאָן צו שולמית'ן און ביידע צוזאַמען זיינען באַלד אַרויסגעגאַנגען פון הויז.

## קאַפּיטעל 43

# אבשלום דער שדכן פון זיין פרוי. — דימיטריוס פאַרכאַפּט דעם טראָהן. — ליזיאש מיט'ן קעניג ווערען ערמאָרדעט. — אלקימוס ווערט כהן־גדול.

אין איינעם פון די שטילע הייזער אין ירושלים זיינען געזעסען צוויי

יונגעלייט, גוטע פריינט, און האָבען געפיהרט אַן ערנסטען געשפּרעך צווישען זיך:

— מיר גלויבט זיך נאָך אַלץ נישט אַז אביגיל זאָל עס מיינען ערנסט — האָט איינער פון די צוויי באַקאַנט מיט אַן ערנסטע שטימע.

— זאָג איך דיר, מנחם, אַז זי מיינט עס יאָ ערנסט — האָט דער צווייטער געענטפערט, און ער האָט גלייך צוגעגעבען: — דו דאַרפסט דאָך פאַרשטעהן אַז קיינער, אויסער מיר, קען נישט אַזוי גוט אורטיילען וועגען אביגיל׳ס נשמה, כאַראַקטער, געפיהלען, און געדאַנקען, ווי איך קען. דו ווייסט דאָך אַז איך בין געווען פאַרהייראַטעט צו איהר גאַנצע פיער יאָהר און מיר האָבען געהאַט צוויי קינדערלאַך טאָ וואָס זשע דאַרפסטו נאָך קלאָהרען אַזוי פיעל וועגען דעם גלענצענדען שידוך מיט אביגיל׳ן?

— הייסט עס טאַקע אַז דו, אבשלום, ווילסט איצט זיין דער שדכן צווישען מיר, דיין גוטען פריינט, מיט אביגיל׳ן דיין אָפּגעג׳גט׳ע פרוי? — האָט מנחם אַ שמייכעל געטאָן.

— גלויב מיר, מנחם! — האָט אבשלום אָפּגעזיפצט — אַז ווען איך וואָלט נישט געווען קיין כהן וואָלט איך שוין געזוכט מיטלען איבערצורעדען מיין אביגיל׳ן אַז זי זאָל צוריק שטעלען חופּה מיט מיר, אָבער איך טאָר נישט, ווייל איך בין אַ כהן.

— אויב אַזוי טאָ וואָס זשע ווילסטו אַז איך זאָל הייראַטען מיט דיין נאָכאַלץ געליבטע אביגיל׳ן? — האָט מנחם געפרעגט.

— אויב אַזוי פאַרשטעהסטו גאָרנישט די פּסיכאָלאָגיע פון אַן אמת׳ן געליבטען — האָט אבשלום צוגעגעבען — אָט טאַקע דערפאַר, ווייל איך ליב אביגיל׳ן און איך אַליין קען איהר נישט הייראַטען צוריק, דערפאַר וויל איך אַז זי זאָל אָנקומען צו דיר, וועל איך כאָטש וויסען אַז זי איז אויף גוטע הענט...

מנחם האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ היבשע ווײלע און דאַן האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר דעם אמת, אבשלום, איז אביגיל נישט געווען געריהרט פון געדאַנקען מיט אַ פּאָר מאָנאַטען צוריק באַלד נאָכ׳ן גט?

— יאָ, אָבער נישט ווי די פאַלשע צינגער פון רכילות טרייבער האָבען אויסגעטראַכט אויך איהר — האָט אבשלום געענטפערט — אמת, זי האָט דאַמאָלסט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצען פון אונזער צעשיידונג און האָט געוואָלט באַגעהן זעלבסטמאָרד אָבער גאָט צו דאַנקען וואָס מיין שולמית האָט איהר געראַטעוועט. דאַן איז זי געווען שטאַרק נערוועז, דענקענדיג אַז

זי האָט שוין אויסגעטרונקען דעם גיפט און דער טויט דערוואַרטעט איהר, אָבער זייט די לעצטע פאַר וואָכען האָב איך, און אויך שולמית, גערעדט מיט איהר קלאָרע ווערטער אז אַזוי לאַנג ווי זי, אביגיל, וועט נישט געפינען איהר צווייטען באַשערטען און הייראַטען, וועל איך נישט הייראַטען מיט מיין שולמית׳ן ווענען זי, אביגיל זעלבסט, האָט מיר פשוט געצוואונגען צוריק צו־נעהמען.

— הייסט עס, אַז דו ביזט גאָר ניט אַזוי שטאַרק באַגייסטערט פאַר שולמית׳ן ?

— דו מאַכסט אַ טעות — האָט אבשלום געענטפערט — שולמית איז מיר איינגעבאַקען אין האַרצען נאָך פון פינף יאָהר צוריק, נאָר גראָד האָט זיך געמאַכט אַז איך האָב געהייראַטעט מיט אביגיל׳ן און אביגיל איז מיר אויך געוועזען ליב און טייער און ווען נישט דער אומגליק אונזערער פון אונזערע צוויי קינדער וואָלט אביגיל מיר נישט אַרויפגעבראַכט אויף׳ן געדאַנקען זיך צו גריבלען אין מיין פאַרגאַנגענהייט און איך וואָלט זיך נישט דערמאָנט אָן שולמית׳ן און דאַן וואָלט נישט געקומען צו דער גאַנצער טראַגעדיע. אָבער איצט, איז שולמית מיר ליב און טייער פונקט ווי דאַמאָלס ווען איך האָב איהר דערזעהן צום ערשטען מאָל ביים ברונעם וואַסער נעבען בית לחם, אָבער נישט איך און נישט שולמית, ווילען הייראַטען איידער אביגיל וועט הייראַטען.

— ביזטו זיכער אז אביגיל וויל מיר הייראַטען ? אפשר מאַכט זי אַ טעות און זי מיינט גאָר צפניה׳ן, מיין חבר — האָט מנחם פרובירט געהן אויף אַן אייזערנעם בריק.

— זי מאַכט נישט קיין טעות — האָט אבשלום געענטפערט — אביגיל ווייסט אַז צפניה האָט שוין אַ געליבטע מיט׳ן נאָמען רוחמה. זי ווייסט פון דער גאַנצער געשיכטע אַז צפניה מיט רוחמה׳ן זיינען געוועזען געמיינשאַפטליך פאַרבונדען אין זייער שפּיאָנאַזש־אַרבייט פאַר די חשמונאים.

—אויב אַזוי — האָט מנחם אַ זאָג געטאָן — קענסטו אַראַנזשירען מיין ערשטען אָפיציעלען וויזיט ביי אַביגיל׳ן אין הויז . . .

אבשלום האָט אָפּגערעדט מיט זיין גוטען פריינט ווען ער וועט מאַכען זיין ערשטען וויזיט ביי אביגיל׳ן, און ביידע גוטע פריינט האָבען זיך פאַר־אָפּשיידעט.

---

זייט ליזיאַש האָט געמאַכט שלום מיט יהודה המכבי און ער האָט זיך שנעל אומגעקעהרט נאָך אַנטיוכיע, האָט ער קיין נחת נישט געקליבען. אַזוי שנעל ווי ער איז צוריקגעקומען מיט זיין אַרמיי נאָך אַנטיוכיע האָבען זיך

אַנגעהויבען גרויסע מהומות צווישען די צוויי געגענזעצטע פּאַרטייען. דער יונגער קעניג אנטיוכוס עאַפּאַטער מיט ליזיאַש'ן און אַ היבשער טייל פון דער אַרמיי זיינען געווען קעגען דעם פּרינץ דימיטריאוס, אָבער דימיטריאוס האָט געהאַט מיט זיך כמעט אַלע גענעראַלען און מיניסטאָרען אויף זיין זייט וועלכע האָבען געוואָלט אַז ער, דימיטריאוס, זאָל פאַרנעהמען דעם קעניגליכען טראָן פון זיין פאַרשטאָרבענעם ברודער קעניג אַנטיוכוס עפּיפאַנעס.

פאַרשטעהט זיך אַז די דאָזיגע פּאָליטישע צאַנקערייען זיינען געווען פון גרויס וויכטיגקייט פאַר די אידען אין ארץ ישראל. יהודה האָט זיכער נישט געוואָלט אַז דימיטריאוס זאָל זיגען, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען אַז די־מיטריאוס וועט געוויס נישט וועלען אנערקענען דעם שלום־בונד וואָס ליזיאַש האָט געשלאָסען מיט די אידען.

אַזוי האָט די לאַגע אַנגעהאַלטען אַ היבשע צייט און מיטאַמאָל איז אָנ־געקומען די נייעס פון אנטיוכיע אז דימיטריוס האָט באזיגט זיין שונא לי־זיאַש'ן דורך אַן עפענטליכען מאָרד איבער ליזיאַש'ן צוזאַמען מיט'ן יונגען קעניג אנטיוכוס עאַפּאַטער.

אַזוי שנעל ווי די מתיונים האָבען דערהערט אַז דימיטריאוס האָט פאַר־כאַפּט דעם טראָן האָבען זיי באַלד אַוועקגעשיקט זייער פאַרשטעהער דעם מתיון כהן אלקימוס'ן, אָדער ווי מען האָט איהם גערופען יקום איש צרורות, נאָך אַנטיוכיע.

דער דאָזיגער כיטרער מתיון, וועלכער איז אַנטלאָפען פון זיין געפאַנגשאַפט אין אבינועם'ס הויז, האָט אויסגעווירקט ביים נייעם קעניג דעם אמט פון כהונה גדולה אויפ'ן פּלאַץ פון דעם מתיון מענעלאָס, וועלכער איז שוין געווען אַראָפּגעזעצט פון זיין אַמט נאָך ווען אַנטיאָכוס עפּי־פאַנעס האָט געלעבט, זייט די חשמונאים האָבען צוריק אָפּגענומען ירושלים און אויסגערייניגט דעם בית־המקדש פון די גריכישע געצענדינסט.

צו דער זעלבער צייט וואָס דער נייער קעניג דימיטריאוס האָט באַ־שטימט אַלקימוס'ן אַלס כהן גדול, האָט ער אויך אַרויסגעגעבען אַ פּראָקלאַ־מאַציע צוריקציהענדיג אַלע קאָנצעסיעס און פּריווילעגיעס וואָס ליזיאַש האָט געגעבען צו די אידען אין דעם שלום־בונד וואָס ער האָט געהאַט געשלאָסען מיט יהודה המכבי, און די אידען אין ירושלים זיינען געוואָרען שטאַרק אָב־טוישט און אויפגעבראַכט אויפ'ן נייעם קעניג און דעריבער, ווען אלקימוס איז אַנגעקומען נאָך ירושלים מיטן נייעם טיטול אַלס כהן־גדול, האָבען די מכבים איהם נישט אַריינגעלאָזען אין שטאָדט.

אַלקימוס האָט גלייך געמאָלדען צום קעניג וועגען דעם אידישען ווידערשטאַנד קעגען איהם און דער קעניג האָט באַלד אַרויסגעשיקט דעם גענעראַל באַקכידעס מיט אַן אַרמיי צו העלפען דעם נייעם כהן גדול אַז ער זאָל קענען אַריינקומען אין ירושלים.

אַלקימוס האָט דערווייל אָנגעווענדעט זיין גאַנצען כיטראַסט און ער האָט געוואונען אויף זיין זייט פיעלע פון די פרומע אידען וועלכע האָבען גע־גלויבט וואָס אלקימוס האָט זיי צוגעזאָגט אַז ער וועט אָנפירען זיין כהונה־גדולה אמט אין דעם עכטען אָרטאָדאָקסישען גייסט.

— נאָכאַלעמען פאַרגעסט נישט אַז אַלקימוס איז דאָך דער זוהן פון רבי יוסי בן יועזר׳ס שוועסטער — האָבען פיעלע פון די פרומע אידען גע־טענה׳ט, — ווי שיקט זיך עס אַז ער זאָל חלילה פאַרשוועכען דעם הייליגען אַמט.

— ער איז דאָך אָבער אַ מתיון, אַ משומד — האָבען אַנדערע פּראָטעס־טירט — געדענקט איהר דען נישט ווי ער האָט דאַמאָלסט, אין דער צייט פון די ביטערע גזרות פון אַנטיאָכוס׳ן, אַרעסטירט זיין אייגענעם אָנקעל דעם נשיא פון דער סנהדרין, און ווען ניט צפניה מיט רוחמה׳ן, וועלכע האָבען אַזוי קונציג דער׳הרג׳עט דעם דאַמאָלסדיגען אָפּיצער קרעטאָס׳ן און אַרויס־געראַטעוועט די אָרימע אלמנה מיט איהר גע׳מל׳טען קינד, האָבען אויך דאַ־מאָלסט אַרויסגעראַטעוועט רבי יוסי בן יועזר, און ווען ניט זיי, וואָלט אלקימוס זיכער געוועזען לאָזען אומברענגען זיין אָנקעל, טאָ ווי אַזוי קענען מיר איצט דערלאָזען אַז דער דאָזיגער פאַלשער יונג און משומד זאָל אַריינקומען אין בית־המקדש אַלס כהן גדול ?

— אַ בעל תשובה מוז מען מקרב זיין — האָבען די נאאיווע פרומע אידען צוריק געענטפערט, — וויבאַלד אַז אלקימוס זאָגט־צו אַז ער וועט זיך אויפפיהרען ווי עס פּאַסט פאַר אַ כהן־גדול לויט׳ן אידישען דין, מוז מען אים געבען די געלעגענהייט דאָס צו באַווייזען.

און אַלקימוס האָט אויסגעפירט : מען האָט איהם אַריינגעלאָזען אין ירושלים, און האָבענדיג מיט זיך דעם גענעראַל באַקכידעס מיט זיין אַרמיי, האָט אלקימוס ניט געוואַרט לאַנג נאָר ער האָט גלייך באַוויזען זיין שטאַרקע האַנט. צו ערשט האָט ער אַרעסטירט און געטויטעט זעכציג פּראָמינענטע פרומע אידען און נאָכהער האָט ער גענומען אַריינברענגען אין בית־המקדש נייע כהנים אַלע פון דער מתיונים סעקטע.

יהודה המכבי האָט זיך אַרומגעזעהן אַז פרישע צרות הויבען זיך אָן

פאַר׳ן אידישען פאָלק, האָט ער שנעל אָנגעהויבען צו רעאָרגאַניזירען זיין „גדוד המכבים״ צו זיין גרייט אויף ווייטערע מלחמות.

אלקימוס האָט פאַרשטאַנען יהודה׳ס פלענער און ער האָט זיך צוגע־איילט און געלאָזט וויסען דעם קעניג אַז ער טאָר ניט וואַרטען ביז די מכבים וועלען זיך באַפעסטיגען צו־שטאַרק נאָר אַז ער זאָל שיקען אַן אַרמיי אויסצו־ראָטען אַלע רעוואָלוציאָנען.

דער קעניג דימיטריאוס האָט געפאָלגט און ער האָט באַלד אַרויסגע־שיקט דעם גענעראַל ניקאַנאָר מיט אַ ריזיגע אַרמיי נאָך ארץ ישראל מיטן אָנזאָג אַז ער זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל מאַכען אַ סוף צו אַלע רעוואָלוציאָ־נערען און אויך רואינירען דעם בית המקדש.

קאַפּיטעל 44

# ניקאַנאָר׳ס טויט. — מענעלאָס באַגעהט זעלבסטמאָרד. — יהודה פאַלט דורך באַקכידעס.

שוין עטליכע מאָנאַטען זייט עס איז געפּראַוועט געוואָרען דער יום־טוב פון דריי גליקליכע חתונות מיטאָמאָל. די דאָזיגע דריי חתונות זיינען געפּראַוועט געוואָרען אין דער הויז פון דער חשמונאים פאַמיליע אין דער שטעדטעל מודעין, ווייל אַזוי האָט דבורה, די פרוי פון יונתן החשמונאי, פאַר־לאַנגט.

צפניה מיט רוחמה׳ן זיינען געפיהרט געוואָרען צו דער חופּה אין דער באַגלייטונג פון יונתן מיט דבורה׳ן, די באַלעבאַטים פון דעם דאָזיגען גליק־ליכען פּאָר, וועלכע האָבען אויפגעטאָן אַזוי פיעל פאַר׳ן אידישען פאָלק. נאָך זיי, איז געפיהרט געוואָרען צו דער חופּה מנחם מיט דער גרושה אביגיל. יהודה המכבי מיט אביגיל׳ס עלטערען האָבען באַגלייט דעם דאָזיגען פּאָר צו דער חופּה. און צום סוף איז געפיהרט געוואָרען אבשלום מיט זיין אלט־בייע געליבטע שולמית אונטער דער באַגלייטונג פון אבשלום׳ס עלטערען און שולמית׳עס פאָטער מנוח פון בית־לחם. די דאָזיגע דרייפאַכע חופּה איז דורכגעפיהרט געוואָרען מיט גרויס צערעמאָניע. רבי יוסי בן יועזר מיט נאָך אייניגע גדולי ישראל זענען געווען די מסדרי־קדושין פון די דריי גליק־ליכע פּאָרלאַך און אַלע האָבען זיך משמח געווען זעהר פיעל.

אביגיל האָט עפענטליך דערקלערט פאַר אַלעמען אַז זי איז מוחל איהר געוועזענעם מאַן אבשלום פאַר די שמערצען וואָס זי האָט געליטען צוליב אים זייט ער אליין האָט זיך מודה געווען אין דער אַמאָליגער שבועה צו שולמית׳ן.

שולמית האָט דערציילט פאַר אַלעמען ווי אַזוי זי האָט אויספּייעט אומצובייטען דעם אמת׳ן גיפט פון פלעשעל אויף פּראָסטע וואַסער און דאָדורך האָט זי געראַטעוועט אביגיל׳ן פון אַ זיכערען טויט.

רבי יוסי בן יועזר האָט ביי דעם דאָזיגען חתונה מאַלצייט געמאַכט אַ פאָרשלאָג אַז מנחם און אביגיל, די פאַרהייראַטע גליקליכע פּאָר, זאָלען נעמען צו זיך דעם יונגען קינד נדב בן נדב וועלכער האָט זיך די גאַנצע צייט געהאָדעוועט ביי דער חשמונאים פאַמיליע זייט רוחמה האָט איהם צוגענומען פון זיין מוטער׳ס הענט אין אַ פעסטונג, פאַרבייטענדיג אים אויף אַ טויטען גריכישען קינד.

— נדב׳ס מוטער איז נעבעך געשטאָרבען מיט אַ יאָהר צוריק — האָט רבי יוסי געזאָגט — דעריבער איז עס אַ גרויסע מצוה אַז דער דאָזיגער קליינער קינד נדב בן נדב, דורך וועמען עס איז געשעהן אַזאַ גרויסער נס וואָס חוני המעגל זיין מוהל איז ניט אַריינגעפאַלען אין די גריכישע הענט און אויך זיין מוטער איז געראַטעוועט געוואָרען פון די גריכישע הענט און אויך מיט מיר זעלבסט האָט גאָט געטאָן אַ חסד און איך בין באַפרייט געוואָרען פון דעם אַרעסט וואָס אלקימוס האָט מיר דאַן אַרעסטירט, און אַזוי ווי אביגיל האָט נעבעך פאַרלאָרען איהרע צוויי קינדער וואָס זי האָט געבוירען צו אבשלום׳ען, דעריבער זאָל זי איצט אַריינגעמען דעם דאָזיגען יתום צו איהר אין הויז און איהם ערציהען אַלס איהר אייגען קינד, און דערפאַר וועט גאָט איהר בענשען מיט נאָך לעבעדיגע ערלעכע קינדער פון איהר איצטיגען מאַן מנחם.

אבשלום און שולמית, אויך צפניה און רוחמה, האָבען אויסגעקוקט טאָמער וועט מנחם אָדער אביגיל ניט מסכים זיין צו דעם דאָזיגען פארלאנג דאַן וועלען זיי זיך אָנבאָטען צוצונעמען דעם דאָזיגען יתום. אָבער אַזוי שנעל ווי רבי יוסי בן יועזר האָט געמאַכט דעם דאָזיגען פאָרשלאָג, האָבען ביידע, סיי מנחם און סיי אביגיל, באַלד זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם און אין צוויי טעג שפּעטער האָבען זיי מיטגענומען דעם קליינעם נדב בן נדב און זיי זיינען אָפּגעפאָהרען צו זיך אהיים אין ירושלים אין דער הויז פון אַביגיל׳ס עלטערען.

אבשלום מיט זיין פרוי שולמית זיינען אויך אָפּגעפאָהרען צו זייער היים אין ירושלים. צפניה מיט זיין פרוי רוחמה זיינען פאַרבליבען אין מודעין ווייל דבורה, יונתנ׳ס פרוי, האָט זיך ניט געוואָלט שיידען מיט רוחמה׳ן וועמען זי האָט געליבט און געשעצט.

און פּונקט נאָך דער חתונה צערעמאָניע איז אָנגעקומען די נייעס צו

יהודה המכבי אַז דער קעניג האָט אַרויסגעשיקט דעם גענעראַל ניקאַנאָר מיט אַ גרויסע אַרמיי נאָך ארץ ישראל.

יהודה האָט באַלד פאַראָרדענט זיינע דריי ברידער יונתן, יוחנן, און שמעון אַז זיי זאָלען שוין אַרויסגעהן מיט זייערע גדודים אויף די נויטיגע פּאָזיציעס און ער זעלבסט מיט עטליכע אנדערע פיהרערס האָבען זיך אַרויס־געלאָזט מיט זייער גדוד צו דער שטעדטעל „חדשה“.

אייניגע טעג זיינען אַריבער און ניקאַנאָר מיט זיין ריזיגע אַרמיי איז אָנ־געקומען נעבען דער שטעדטעל „חדשה“ און עס האָט זיך צעפלאַקערט די שלאַכט צווישען די גריכען און די מכבים.

וואָלט דער גענעראַל ניקאַנאָר געהאַט צו טאָן מיט יהודה׳ס גדוד אַליין וואָלט ער זיכער געזיגט, ווייל די גריכען זיינען געווען צעהן קעגען איינעם פון יהודה׳ס גדוד, אָבער גאָר פלוצלונג האָט ניקאַנאָר זיך דערזעהן אַרומגע־רינגעלט פון אַלע זייטען, דאָס זיינען געווען די גדודים פון יונתן, יוחנן, שמעון און נאָך אייניגע פיהרערס פון די מכבים וועלכע זיינען געווען אויסגעשטעלט אין זייערע צעשפּרייטע פּאָזיציעס אַזוי אַז די גריכען זיינען אַריינגעכאַפּט גע־וואָרען אין אַ פּאַסטקע.

און אין יענער שלאַכט האָט יהודה זיך פּאַרלייגט אויף ניקאַנאָר׳ן און האָט איהם געטויטעט. יהודה האָט שנעל אָפּגעשניטען ניקאַנאָר׳ס קאָפּ מיט זיין רעכטע האַנט און ער האָט עס נאָכהער אַרויפגעשטעלט אויפ׳ן הויפּט־טויער פון ירושלים אַלס אַ צייכען פון גאָט׳ס הילף וואָס ער האָט געגעבען צו די אידען בייצוקומען דעם דאָזיגען רשע ניקאַנאָר וועלכער האָט שטענדיג געטראָגען אַ פאַרסענעם קאָפּ און אַן אויפגעהויבענע האַנט קעגען דעם אי־דישען פאָלק.

און זייט דאַמאָלסט איז פאַר פילע יאָהרען נאָכדעם געפייערט געוואָרען ביי די אידען אַ ספּעציעלער יום־טוב מיט׳ן נאָמען „יום ניקאַנאָר“, דער טאָג פון ניקאַנאָר׳ס טויט, וועלכעס האָט פאַסירט ערב פּורים.

גלייך נאָך דעם דאָזיגען זיג האָבען די מכבים אַריינמאַרשירט אין ירושלים און געוואָלט טויטען דעם כהן־גדול, דעם משומד אלקימוס׳ן, אָבער אַלקימוס האָט זיך באַצייטענס אָפּגעטראָגען און ער איז אַנטלאָפען נאָך אַנטיוכיע.

דערווייל האָט דער פאַריגער כהן־גדול, דער מתיון מענעלאָס וועלכער איז די גאַנצע צייט געווען אויסבאַהאַלטען צווישען דעם גריכישען גאַרניזאָן אין דער פעסטונג „אקרא“, זיך דערשראָקען פון דעם נייעם זיג פון די מכבים ווייל אין גרויסען טומעל פון דער שלאַכט, צווישען יהודה׳ן מיט

ניקאנאָרס אַרמיי, זיינען אַנגעלאָפּען פּיעלע גריכישע סאָלדאַטען צו דער „אקרא" פעסטונג און מיט גרויסע געשרייען און געפּילדער האָבען זיי פּאַר־לאַנגט פון זייערע ברידער פון דעם גריכישען גאַרניזאָן אַז מען זאָל שוין מאַ־כען אַ שחיטה אויף אַלע אידען.

מענעלאָס, וועלכער האָט זיך דעמאָלט געפונען אין פעסטונג, האָט מורא געהאַט טאָמער וועט מען איהם טויטען ווייל ער איז דאָך אויך פאַר־רעכענט אַלס אַ איד צווישען די גריכען, און פון גרויס שרעק איז ער געוואָרען שטאַרק צוטומעלט און ער איז ארויסגעלאָפען אויפ'ן טויער פון פעסטונג און מיט איין שפּרונג איז ער באַלד געווען אונטען. דער הויכער פאַל פון פעסטונג, און דערצו איז ער אַריינגעפאַלען אין אַ טיפער גרוב פון זאַמד און אַשעס, האָט איהם געבראַכט אַ שנעלען טויט, און אַזוי אַרום זיינען די אידען פטור געוואָרען פון נאָך אַ משומד און פאַררעטער פון אידישען פאָלק. אין מענעלאס'עס טויט האָבען די אידען געזעהן אַ צייכען פון גאָט אַז ער באַצאָהלט דעם ריכטיגען שטראָף צו אַלע משומדים.

דערוויל איז אלקימוס געקומען צו לויפען צום קעניג דימיטריאוס אין אַנטיוכיע און ער האָט זיך באַקלאָגט פאַר איהם אַז ניקאַנאָר, וועלכער איז דער'הרג'עט געוואָרען אין דער שלאַכט, איז אין אמת'ן אַליין שולדיג געווען ווייל ער האָט זיך צו לאַנג געקליבען מיט זיין אַרמיי און דערמיט האָט ער געגעבען אַ געלעגענהייט צו די מכבים זיך צוצוגרייטען צו דער שלאַכט. אָבער איצט, אַזוי ווי די מכבים זיינען שוין אויסגעמאַטערט, איז ער, אלקימוס, זיכער אַז אויב דער קעניג וועט שנעל אַריינשיקען אַ צווייטע אַרמיי, וועט מען קענען מאַכען אַ סוף צו אַלע רעוואָלוציאָנערען.

דער קעניג האָט איינגעזעהן אַז אלקימוס האָט רעכט, און ער האָט באַפוילען אַז דער גענעראַל באַקכידעס, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער גובערנאַטאָר פון ארץ ישראל, זאָל שוין אָנהויבען אַ נייע מלחמה מיט די מכבים.

באַקכידעס איז שנעל אָנגעקומען מיט אַן אַרמיי פון עטליכע און צוואַנציג טויזענט מאַן. יהודה המכבי האָט זיך גאַרנישט געריכט אויף אַזאַ שנעלער מלחמה און דעריבער האָט ער קוים אויספעיעט צונויפצורופען וואַ־סערע דריי טויזענט מאַן פון זיין גדוד.

די דאָזיגע דריי טויזענט אידישע העלדען האָבען זיך אויך שטאַרק דערשראָקען פאַר'ן פלוצימדיגען רוף אָבער דאָך האָבען זיי איינגעשטימט זיך צו שטעלען קעגען דעם שונא, אָבער אלקימוס האָט אויספעיעט, דורך דער פאַרמיטלונג פון זיינע אָנהענגער די מתיונים, אָפּצורעדען פּיעלע פון יהודה'ס

גדוד אַז זיי זאָלען נישט איינשטעלען זייערע לעבענס אין אַ זיכערע מפּלה פון באַקכידעס׳עס גרויסע אַרמיי.

יהודה האָט זיך אַרומגעזעהן אַז פון די דריי טויזענט גדוד׳ניקעס זיינען פאַרבליבען בלויז אַכט הונדערט מיט איהם. עס איז איהם געווען זעהר שלעכט אויפ׳ן האַרצען, אָבער דער חשמונאי העלד האָט זיך פאַרט נישט אונטערגע־געבען. ער האָט אַדרעסירט צו זיין קליינעם גדוד מיט די דאָזיגע פייערדיגע ווערטער:

— איהר זאָלט וויסען, ברידער! אַז פון אַלע צרות וואָס מיר האָבען געליטען ביז איצט פון אונזער אויסערליכען שונא איז די גרעסטע צרה אונזערע דער פאַרראַט פון אונזערע אייגענע ברידער. די מתיונים האָבען אוספּעיעט אַוועקצורייסען פון אונז אַלע העלדען און מיר זיינען געבליבען מיט בלויז אַכט הונדערט מאַן. מיר קענען נישט געהן אין שלאַכט מיט פריי־ליכע הערצער, אָבער מיר טאָרען נישט ווייזען אַז מיר גיבען זיך אונטער. מיר מוזען דינען אַלס סימבאָל פאַר די שפּעטערע דורות פון אידישען פאָלק, אַז מיר, געטרייע אידען, זיינען געווען גרייט אויף אַ טויט פאַר „קדוש השם". מיר מוזען ווייזען דער וועלט וואָס עס מיינט נאַציאָנאַלע העלדישקייט.

— אונזער לעבען דאַרף ניט באַטראַכט ווערען אַלס אַ פּריוואַטע פּריי־ווילעגיע. מיר מוזען שטאַרבען ווי העלדען און נישט בלייבען לעבען אַלס שקלאַפען צום גריכישען פאָלק. געדענקט, ברידער! די איצטיגע מלחמה וועט מאַכען אַ פּרייען וועג פאַר אונזערע אידישע העלדען אין די שפּעטערע דורות. מיר טאָרען נישט אַרויסלאָזען אונזער געוועהר פון אונזערע הענט ביז׳ן לעצטען אָטעמצוג, און זאָל דער גאָט פון ישראל טאָן מיט אונז לויט זיין ווילען.

— מיר געהען אַלע! — האָט אַ דונער געטאָן די שטימע פון די אַכט הונדערט העלדען.

אין פאַרלויף פון עטליכע טעג זיינען די העלדען פון גדוד המכבי שוין געווען אַרומגערינגעלט פון דער ריזיגער גריכישער אַרמיי אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל באַקכידעס.

די אידען האָבען זיך געוואָרפען מיט דעם גרעסטען אימפּעט אויף די גריכען; זיי האָבען אויסגעשלאַכטעט אַריבער דריי טויזענט גריכען, אָבער דאָך האָבען זיי ניט געקענט בייקומען דעם שונא. פון די אַכט הונדערט מכבים האָבען אָנגעהויבען פאַלען פיעלע טויטע.

אַ גאַנצען טאָג האָבען יהודה מיט זיינע מענשען אָנגעהאַלטען זייער פּאָזיציע אָבער ווען עס איז אָנגעקומען די נאַכט און פון די אַכט הונדערט

אידישע העלדען זיינען בלויז געבליבען דריי הונדערט, דאַן האָט יהודה אַ געשריי געטאָן צו דעם לעצטען קליינעם גדוד, וואָס איז נאָך פאַרבליבען ביים לעבען.

— מיר קענען נישט אַנטלויפען פון שלאַכטפעלד, ווייל דער מלאך המות לויערט אויף אונז פון אַלע זייטען. מיר מוזען געהן צום טויט מיט טאַפּפערקייט און מיטן באַוואוסטזיין אַז מיר האָבען אָפּגעהאַלטען אַ גרויסען זיג פאַר אונזער פאָלק. נישט נאָר, איז אַ פיזישער כח באַרעכטיגט צום נאָמען גבורה און שטאַרקייט נאָר הויפּטזעכליך, דער גייסטיגער כח וואָס מיר וועלען איצט אַרויסווייזען וועט בלייבען אויף אייביג אַלס אַ הייליגער אנדענק. שטאַרקט זיך און שלאָגט דעם שונא ביזן לעצטען מאָמענט. און גלייך נאָכדעם האָט יהודה זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די גריכען מיט אַן אויסער־געוויינליכען אימפעט. ער איז געשפּרונגען מיט זיין פערד איבער די גריכען און ער האָט געפאָכעט מיט זיין שווערד אויף רעכטס און לינקס.

באַקכידעס מיט זיינע הויפּט אָפיצירען זיינען געוואָרען שטאַרק צעטומעלטע. זייט זיי לעבען האָבען זיי נאָך אַזאַ גבורה ניט געזעהן. יהודה׳ס געזיכט האָט געפלאַמט ווי מיט אַ העלישען פייער און פון זיינע אויגען האָבען געשאָסען פייערדיגע פונקען פון כעס און רציחה.

באַקכידעס האָט דערווייל געכאַפּט אַ קורצען שמועס מיט זיינע נאָהענטע אָפיציערען און עס איז געבליבען ביי זיי אַז זיי זאָלען פריהער לאָזען דעם אידישען העלד טויטען נאָך אַ צענדליג גריכען ביז וואַנען ער וועט ווערען שטאַרק אָפּגעשוואַכט און דאַן וועלען זיי זיך אַ וואָרף טאָן אויף אים.

דערווייל האָט יהודה באַמערקט אַז פון די דריי הונדערט גדודניקעס פעהלען שוין פון זיי אַריבער הונדערט און די גריכען זיינען נאָך אַלץ אַ ריזיגע מאַסע, פון אַריבער 20 טויזענט מאַן.

— „לך ה׳ הצדקה ולנו בושת הפנים!“ — האָט יהודה אויסגעשריגען מיט גרויס וואויטה, — „דו, גאָט, ביסט גערעכט און מיר בלייבען איצט מיט פארשעהמטע פּנים׳ער“. זאָל זיין ווי דו, גאָט, וועסט מאַכען. איך וועל נישט אויפגעבען מיין שווערד ביז׳ן לעצטען מאָמענט! — און דאָס אויסשרייענדיג, האָט יהודה אַ דריק געטאָן זיין פערד און דאָס פערד האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף זיינע הינטערשטע פיס און געוואָלט מאַכען אַ הויכען ווייטען שפּרונג גלייך אויף באַקכידעסן, אָבער אומגליקליכערווייזע האָט יהודה גלייך דער־פיהלט אַז ער גליטשט זיך אַראָפּ פון פערד. ער האָט שוין נישט געקענט כאַפּען דעם גלייכגעוויכט און ער איז געבליבען ליגען אונטער זיין פערד.

אין זעלבען מאָמענט זיינען צוגעלאָפען באַקכידעס מיט אַ צענדליג

אַפּיציערען און האָבען געוואָלט דערשטעכען יהודה׳ן, וועלכער איז געלעגען אויפ׳ן באָדען, אָבער ניט אזוי לייכט איז זיי אָנגעקומען דאָס דורכצופיהרען, ווייל יהודה׳ס פערד האָט, וויזט אויס, געפיהלט די געפאַהר פאַר זיין באַלע־באָס און ער האָט זיך געדרייט און געשפּרונגען אויף אַלע זייטען ניט דער־לאָזענדיג קיינעם צוצוקומען נאָהענט צו יהודה׳ן.

דאָס האָט געדויערט א היפּשע ווײַלע אָבער צום סוף איז געלונגען די עטליכע אָפּיציערען אַריינצושטעכען עטליכע שפּיזען אין יהודה׳ס ברוסט.

## קאַפּיטעל 45

# די לויה און הספדים נאָך יהודה׳ן. — דער איבערפאַל אויף מודעין. — יונתן מיט זיינע ברידער אַנטלויפען.

צוויי טעג זיינען אַריבער און אין גאַנץ ארץ ישראל האָט געהערשט אַ גרויסער טרויער. טויזענטער אידען, מענער און פרויען, גרויס און קליין, האָבען זיך געצויגען איבער אַלע וועגען, געהענדיג מיט געבויגענע קעפּ, פון גרויס צער, נאָך מודעין.

אין מודעין איז דעמאָלט פאַרגעקומען אַ האַרצרייסענדער קלאָג און געוויין: יונתן, שמעון און יוחנן מיט זייערע פאַמיליעס, דינער און דינסטען, זיינען געשטאַנען אַרום דעם ארון פון זייער באַליבטען העלדישען ברודער יהודה המכבי און האָבען ביטערליך געוויינט.

די לויה פּראָצעסיע האָט זיך אָנגעהויבען ריהרען פון דער חשמונאים הויז צום בית הקברות. די גאַנצע חשמונאים פאַמיליע איז געגאַנגען מיט אַש אויף די קעפּ און פילע אידישע חכמים זיינען געגאַנגען פאָראויס און האָבען געזאָגט תהלים.

ווען מען איז אָנגעקומען אויפן „בית עלמין״ האָט יונתן געהייסען זיך אָפּשטעלען און ער האָט אויסגעשריען מיט גרויס געוויין געמישט מיט רוגזה.

— טייערער ברודער יהודה! דו ביזט געפאַלען אין שלאַכט, ניט ווייל דו ביזט געווען שוואַך, נאָר ווייל אונזערע פאַררעטערישע ברידער האָבען דיר איבערגעלאָזען כמעט אַליין. דיינע ביז אַהעריגע גבורות האָבען איבערצייגט אַז דיין גייסט איז געווען אייזען שטאַרק, און דיינע הענט זיינען געווען ווי שטאָל, אָבער די גיפט פון כפירה און פאַרראַט צווישען די משומדים פון ישראל האָט געבראַכט דערצו אַז איצטיגען מאָל זאָלסטו בלייבען עלענד און

איינזאַם. פאַרפלוכט זאָלען ווערען אַלע משומדים וועלכע האָבען גורם גע־ווען דעם טויט פון אונזער העלד און פיהרער פון ישראל.

— „יהודה! אתה יודוך אחיך!“ אלע דיינע ברידער און אמת׳ע פריינט וועלען אימער דיר לויבען פאַר דיינע גרויסע פאַרדינסטען אין פאַרלויף פון די פינף יאָהר וואָס דו ביזט געווען אונזער פיהרער און רעטער. מיט דיין איצטיגען טויט האָסטו אַריינגעבראַכט אַ נייע באַגייסטערונג אין אונזערע הערצער. פיער טויזענט גריכען האָסטו אומגעבראַכט מיט בלויז דיינע אַכט הונדערט העלדען, אָבער צעהנדליגע מאָל אַזוי פיעל וועלען מיר אומ־ברענגען אין דער נאָהענטער צוקונפט ווייל דיין העלדישער גייסט וועט אימער שוועבען איבער אונז.

יונתן האָט זיך פאַרקייכט אין אַ געוויין און האָט מעהר ניט געקענט רעדען. באַלד האָט זיך אַוועקגעשטעלט צפניה און ער האָט אויסגערופען:

— „כנפול בני עולה נפלת!“ דו, יהודה, דער פרינץ פון אידישען פאָלק, ביזט פלוצלינג געפאַלען אַזוי ווי איינער פון די נידעריגע שיכטען פון פאָלק! ווייל די מתיונים האָבען אונז פאַרראַטען. אָבער — האָט צפניה אויס־געשריען — מיר וועלען קיינמאָל ניט פאַרגעסען צו נעמען ראַכע פון אונזערע שונאים פאַר דיין פאַרגאָסענע בלוט. „עוד זה יוצא וזה בא“ אין דער צייט וואָס דו, יהודה, געהסט אוועק פון אונז, האָבען מיר שוין א צווייטען אויף דיין פלאַץ. דיין ברודער יונתן וועט איבערנעמען די פיהרערשאַפט פון אונזער פאָלק און לאַנד. מיר טאָרען ניט פאַרפעהלען קיין איין שטונדע נאָר שוין זיך שטעלען אין פולען אָרדער צו דער הייליגער ארבייט פאַר אונזער פאָלק און לאַנד.

נאָך צפניה׳ן האָבען גערעדט אנדערע אידישע פיהרערס. יעדערער האָט באַטאָנט דעם גרויסען פאַרראַט פון די מתיונים ביי דער לעצטער מלחמה, ווען זיי האָבען אָפּגעצויגען טויזענטער העלדען פון גדוד המכבי און איבער־געלאָזען יהודה׳ן מיט בלויז אַכט הונדערט מאַן.

נאָך דעם האָט זיך אוועקגעשטעלט רבי יהושע בן פרחיה, דער תלמיד פון רבי יוסי בן יועזר, און ער האָט אויסגעשריהען:

— „גור אריה יהודה יזנק מן הבשן!“ — דו, יהודה, ביזט געגליכען צו א יונגען שטאַרקען לייב וועלכער — און דאָ האָט דער ווירדיגער רבי יהושע געגעבען זיין אייגענע באַגייסטערטע אויסטייטשונג צום פסוק — „זאָגאַר נאָך דיין פיזישען טויט, וועסטו נאָך אַלץ ארויסקומען פון צווישען די קאָסמישע הימלען מיט דיין כח און גבורה און מיטגעהן מיט דיינע אידישע ברידער אין אלע אונזערע ווייטערע מלחמות קעגען שונא“.

— „יהודה׳ס קערפּער איז טויט, אָבער זיין גייסט לעבט! דער גייסטיגער יהודה וועט קיינמאָל ניט אָפּשטאַרבען פון דעם פאָלק ישראל! די נשמות פון די חשמונאים זיינען געוועזן און וועלען אימער פאַרבלייבען די ליכטיגע שטראַהלען פאַר׳ן אידישען פאָלק. מיר אידען וועלען קיינמאָל ניט קענען גענוג אָפּשאַצען די דערהאבענע מעשים וואָס די חשמונאים האָבען געטאָן פאַר אונזער פאָלק און וואָס זיי וועלען נאָך טאָן״.

— „יהודה ווערט איצט געלייגט צווישען די פרישע קברים פון זיין הייליגען פאָטער מתתיהו און זיין העלדישען ברודער אלעזר. מיר קוקען איצט אויף דעם „חוט המשולש״, אויפ׳ן דרייפאַכיגען בונד, פון פאָטער און צוויי זיהן וועלכע האָבען געלעבט פאַר׳ן אידישען פאָלק און זיינען געשטאָרבען על קדוש השם. אָט די דריי גדולי ישראל וועלען זיכער זיך מיהען פאַר׳ן כסא הכבוד אַז זייערע אַנדערע ברידער, זאָל זיי זיין צו לאַנגע יאָהרען, זאָלען קענען פאָרטזעצען די הייליגע אַרבייט פאַר׳ן אידישען פאָלק״ . . .

אַ הייליגער ציטער האָט דורכגעשטראָמט אין אַלעמענס הערצער אויס־הערענדיג די ריהרענדע ווערטער פון רבי יהושע בן פרחיה. פיעלע חשוב׳ע אידען האָבען שטילערהייט געכאַפּט אַ שמועס צווישען זיך:

— ניט אומזיסט האָט דער גאָטזעליגער מתתיהו החשמונאי געהאָט אָנ־געזאָגט פאַר זיין טויט, מיט עטליכע יאָהר צוריק, אַז רבי יהושע בן פרחיה זאָל פאַרנעהמען דעם אָמט פון נשיאות פון דער סנהדרין נאָכ׳ן טויט פון זיין רבי׳ן רבי יוסי בן יועזר — האָט איין איד אַ זאָג געטאָן צום צווייטען — יאָ, רבי יהושע בן פרחיה מיט זיין חבר רבי נתאי הארבלי זיינען גאָר וואָזשנע חכמים. דו זעהסט דעם געטליכען פונק פון זיינע אויגען? ער רעדט מיט אַזאַ פאַטאָס און פעסטקייט פונקט ווי ער וואָלט שוין זיין דער נשיא און פיהרער.

דערווייל האָט רבי יהושע בן פרחיה פאַרענדיגט זיין הספד און צווישען דעם גרויסען „עולם״ האָט געהערשט אַ טיפע שטילקייט.

פּלוצלונג האָט זיך באַוויזען די הויכע דאַרע פיגור פון דעם גרייז־גרויען רבי חוני המעגל, וועלכער איז אַרויסגעקומען פון צווישען די געדיכטע מאַסע מענשען און מיט לאַנגזאַמע טריט איז ער צוגעגאַנגען צום האלב פאַר־שאָטענעם קבר און ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— „שמש בגבעון דום וירח בעמק אילון!״ — און גלייך נאָכדעם האָט ער געגעבען זיין אייגענע מיסטישע אויסטייטשונג צום פסוק: — דו זון פון דעם הויכען באַרג מודעין, ביזט שטום געוואָרען מיט עטליכע יאָהר צוריק. דו מתתיהו הכהן, וועלכער איז געגליכען געוואָרען צו דער העל־

שיינענדער זון, ביזט פלוצלונג אוועק פון אונז, און איצט דיין זוהן יהודה, וועלכער איז געגליכען צו דער לבנה, איז אויך אומגעקומען אין דעם „עמק אילון“ — אין דעם סאַמע מיטען און טיפקייט פון זיין קראַפט און גבורה . . .

— „יאַ, מיינע ברידער! — האָט רבי חוני המעגל א געשריי געטאָן — דער „עמק אילון“ איז ניט בלויז אַ נאָמען פון אַ פּלאַץ נאָר אויך אַ סימבאָל פון שטאַרקע, טיפע און געטליכע גבורה. יהודה המכבי דער סימבאָלישער „אילון“, דער קראַפט און שטאָלץ פון אידישען פאָלק, איז אומגעקומען צוליב דעם, ווייל „בעמק אילון“, ווייל דער גבור איז אָפּגענאַרט געוואָרען דורך די נידעריגע פאַררעטערישע מתיונים וועלכע זיינען געגליכען צום דעם סימ־באָלישען עמק, טאָל און שפלות“.

— „אָבער! — האָט רבי חוני המעגל ווייטער געשריהען — כאָטש די מתיונים האָבען איצט געזיגט איבער אונז, פונדעסטוועגען האָף איך אַז מיר וועלען זיך נאָך צוריק אומקעהרען צו זיי און זיי אָפּצאָהלען זייער שטראָף. זיי זיינען מערדער און זיי פאַרדינען דעם טויט פאַר די טויזענטער פרומע אידען וועמען זיי האָבען דירעקט און אומדירעקט אומגעבראַכט, און — — — —

רבי חוני המעגל האָט שוין ניט אויספּעיעט צו פאַרענדיגען זיין הספד, ווייל פלוצלונג האָט מען אָנגעהויבען שרייען פון אַלע זייטען:

— גריכען! מתיונים! מערדער לויפען אַהער!

עס איז געוואָרען אַ טומעל, אַ געשריי, און יעדער האָט גענומען אַנט־לויפען וואו נאָר די אויגען האָבען איהם געצייגט. מען האָט אין גרויס איי־לעניש צוגעשאָטען דעם קבר און אַלע זיינען זיך צולאָפען אין באזונדערע זייטען.

— צפניה! שמעון! שנעל צו מכמש און בית־אל! — האָט יונתן אַ געשריי געטאָן.

— וואו איז יוחנן? — האָט שמעון אויסגעשריען.

— יוחנן איז זיכער אַנטלאָפען צום ירדן — האָט יונתן געענטפערט — מיר האָבען געהאַט אָפּגעמאַכט, נאָך פון פריהער, אַז אויב עפּעס וועט פּאַסירען און עס וועט קומען צו אַן איבערפאַל, זאָל יוחנן גלייך אַנטלויפען צו זיינע פופציג העלדען נעבען ירדן.

אין די נעקסטע עטליכע מינוט האָט יונתן שוין געהאַט אָנגעזאָגט זיין פרוי דבורה, וועלכע איז אויך געווען אויפ׳ן „בית עלמין“, וואָס זי האָט צו טאָן צו הויז וועגען די פאַרבאָרגענע געוועהר און שפּייז וואָס די מכבים האָבען דורך דער גאַנצער צייט געהאַט צוגעגרייט, און זיך אַרויפזעצענדיג אויפ׳ן

פערד װאָס מען האָט שנעל צוגעבראַכט צו איהם, האָט יונתן אויסגעשריען צו צפניה'ן און שמעונ'ען.

— שנעל רייט אָפּ צו אייערע צװיי גדודים נאָך מכמש און בית אל און ברענגט זיי ארויס צום ירדן. איך װעל זיך געפינען ניט װײט פון יריחו. מיר מוזען איצט אָנװענדען פּאָליטישען טאַקט קעגען דעם שונא װײל אונזער מיליטערישער פיהרער איז נישטאָ מעהר...

יונתן האָט האַסטיק אָ קירעװע געטאָן דעם פערד און איז פייל אויס בויגען אראָפּגעריטען פון דעם באַרג מודיין און איז פאַרשװאונדען געװאָרען. נאָך איהם האָבען אויך שמעון און צפניה זיך אַרויסגעלאָזען אויף זייערע גאַלאָפּירענדע פערד צו זייערע צװיי גדודים.

דערװייל זיינען אָנגעלאָפען עטליכע הונדערט גריכישע סאָלדאַטען מיט זייערע אָפיצירען און האָבען נאָך פאַרכאַפּט אַ פּאָר הונדערט עלטערע אידען נעבען „בית עלמין".

— װאו זיינען די חשמונאים רעװאָלוציאָנערען? — האָט דער הויפּט-אָפיציר אַ געשריי געטאָן.

אַ שרעק איז אָלעמען באַפאַלען. קיינער האָט ניט געװאָגט צו ענט-פערען קיין װאָרט.

דער אָפיציר האָט געהייסען זיינע סאָלדאַטען צו פאַנאַנדערטרייבען די מאַסע אידען און באַלד איז געװאָרען אַ טומעל און אַ געשריי פון אַלע זייטען. די רייטענדע סאָלדאַטען האָבען נאָכגעיאָגט די אַנטלויפענדע מענער און פרויען מיט װילדע געשרייען און פרעכע געלעכטערס. זייערע פערד זיינען געשפּרונגען אויף די שװאַכע עלטערע אידען און פילע פון זיי זיינען געפאַלען פאַרװאונדעטע צום באָדען.

דער טומעל האָט אָנגעהאַלטען ביי אַ האַלבער שטונדע. װען עס איז שטיל געװאָרען זיינען עטליכע אָפיצירען מיט אַ צװאַנציג סאָלדאַטען באַפאַ-לען די הויז פון די חשמונאים און האָבען געפאָדערט אז מען זאָל שוין ארויס-געבען די דריי פאַרבליבענע חשמונאים ברידער: יונתן, שמעון און יוחנן.

— זיי זיינען נישטאָ צו הויז — האָט דבורה געענטפערט מיט שרעק.

— װאו זיינען זיי אַנטלאָפען? — האָט דער הויפּט אָפיציר אויסגעשריען מיט רוגזה.

— איך װייס ניט — האָט דבורה געענטפערט.

דער אָפיציר װאָלט זיכער געהאַנדעלט גראָב קעגען דער פרוי פון איי-נעם פון די חשמונאים-ברידער, נאָר ער האָט זיך פאַרט געשראָקען, עפּעס

צופיל אידען געפינען זיך איצט דאָ אין מודעין און ווער ווייס אויב מען האָט שוין ניט צוגעגרייט עפּעס אַ פרישע פּאַסטקע פאַר איהם.

ניט פרעגענדיג מעהר קיינע פראַגעס האָט דער אָפיציר געגעבען אַ קאָמאַנדע צו זיינע עטליכע הונדערט סאָלדאַטען צוריקצוריטען, און אין אַ קורצער ווילע שפּעטער האָבען אַלע אידען, סיי די איינוואוינער פון מודעין און סיי די פילע געסט פון אַנדערע שטעדט און דערפער וועלכע זיינען געקומען צו דער לויה פון יהודה המכבי, אָפּגעאָטעמט פרייער ווען די גריכישע סאָלדאַטען האָבען צוריק אָפּגעריטען פון מודעין.

— דאַנקען גאָט וואָס מיר האָבען איצטיגען מאָל גוט אָפּגעשניטען מיט די גריכען — האָט איין איד א זאָג געטאָן צום צווייטען.

— אַז אָך און אַז וועה צו אַזאַ שמחה — האָט דער צווייטער איד געענטפערט מיט אַ זיפץ — גוטע צייטען האָבען מיר דערלעבט אַז מיר זאָלען קיינמאָל נישט זיין זיכער פון פלוצימדיגע איבערפאַלען.

— ווער ווייסט וואָס עס וועט נאָך געשעהן מיט אונז — האָט אַ דריטער איד זיך אַריינגעמישט אין געשפּרעך — כל זמן דער אַלטער מתתיהו האָט געלעבט האָבען מיר געהאַט א גלענצענדען העלד און פּאָליטיקער פאַר'ן אידישען פאָלק, און נאָך זיין טויט איז נאָך כאָטש פאַרבליבען דער גרויסער מיליטערישער פיהרער יהודה המכבי, אָבער איצט, איין גאָט ווייסט וואָס אונז דערוואַרט נאָך.

— מען זאָגט אַז יונתן איז פונקט אַזאַ פּאָליטיקער ווי זיין פאָטער — האָט דער ערשטער איד אַ זאָג געטאָן.

— ווער ווייסט? — האָט דער צווייטער אָפּגעזיפצט — אויב ער איז אַ פּאָליטיקער ווייסען מיר נאָך נישט, אָבער אַז ער איז גאָר נישט קיין גרויסער מיליטערישער פיהרער, דאָס ווייסען מיר שוין יאָ.

— און איך בין זיכער — האָט דער דריטער אויסגערופען — אַז יונתן, מיט זיינע קלוגע פּאָליטישע האַנדלונגען, וועט אויסווירקען פאַר אונז פילע ישועות.

— הלואי! הלואי זאָל עס טאַקע אַזוי געשעהן — האָבען די אַנדערע צוויי אידען אויסגערופען.

## קאַפּיטעל 46.

# יונתן פאַרהאַנדעלט מיטביידע צדדים פאַר שלום. — הירקאנוס און יוחנן ווערען ערמאָרדעט. — יונתן ערמוטיגט אלעקסאנדער׳ן.

אין דער שטאָדט ראָדעס האָט געוואוינט א מאַן מיט׳ן נאָמען אלעקסאַנ־דער באַלאַס. ער איז געווען א מאַן אָן א ריכטיגען יחוס. ער אליין האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט׳ן טיטול פּרינץ ווייל לויט זיין דערקלעהרונג צו פילע גוטע פריינט, איז ער געווען אַ זוהן פון דעם פאַרשטאָרבענעם קעניג אַנטיאָ־כוס עפּיפאנעס פון אַ לינקער ליבע . . . אָבער קיינער האָט איהם נישט געוואָלט גלויבען אויף׳ן וואָרט.

פאַרשטעהט זיך אַז ווען אַלעקסאַנדער באַלאס וואָלט געווען שטאַרק זיכער מיט זיין פּרינצליכען טיטול, וואָלט ער שוין לאַנג צוריק פּרובירט איבערצונעמען דעם קעניגליכען טראָן אין אַנטיאָכיע; אָבער אַזוי ווי ער איז אַליין געווען אין צווייפעל וועגען די עכטקייט און זיכערקייט פון זיין אָפּשטאַם, דעריבער האָט ער מורא געהאַט זיך אַרויסצושטעלען אַלס אַ רעוואָלוציאָנער פון דעם נייעם קעניג דימיטריאוס וועלכער האָט זיך ארויסגעוויזען אלס אַ געפעהרליכער דעמאַגאָג און טיראַן.

איז דעריבער אַלעקסאַנדער באַלאַס אָפּגעזעסען היבשע עטליכע יאָהר אין ראָדעס אָהן וועלכע עס איז פּרינצליכע אַקטיוויטעטען. עס האָט איהם געצויגען זעהר שטאַרק צום טראָן אין אַנטיאָכיע אָבער ער האָט געמוזט וואַרטען אויף אַ גוטע געלעגענהייט.

און מיט אַמאָל, זיינען אָנגעקומען אין ראָדעס צוויי אידען און ווען דער פּרינץ האָט זיי אויפגענומען האָט ער אויסגעפונען פון זיי אַט וואָס:

אזוי ווי יונתן דער חשמונאי קען נאָך אלץ נישט צוריקקומען מיט זיינע העלדען נאָך ירושלים ווייל באַקכידעס מיט זיינע סאָלדאַטען האַלטען דאָרטען וואַך און דער מתיון כהן־גדול אלקימוס איז אויך אין ירושלים, דע־ריבער וואָלט יונתן וועלען שליסען אַ בונד פון פריינטשאַפט מיט דעם פּרינץ אום אַז זיי ביידע זאָלען זיך קענען געבען קעגענזייטיגע הילף פאַר דער טובה פון ביידען . . .

— הייסט עס אז איהר, אידען, ווילט מיר העלפען צו באקומען דעם סירישען טראָן? — האָט אַלעקסאַנדער באַלאַס אויסגערופען מיט גרויס שמחה.

— געוויס! — האָבען ביידע געסט געענטפערט, און זיי האָבען גלייך צוגעגעבען — דו דאַרפסט נישט פאַרגעסען אַז דו ביזט דער איינציגער פאַר־

טריבענער זוהן פון אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס וועלכער מוז איצט צוריק באַקומען דעם קעניגליכען טראָן . . .

אַלעקסאַנדער באַלאַס איז געוואָרען אויפגעלעבט. ווייזט אויס אַז די אידען טראַכטען גאָר נישט אַנדערש נאָר אַז ער איז טאַקע אַ זוהן פון אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס און אויב אַזוי האָט ער דאָך שוין אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזען. ער האָט דאָך געהערט פון די גרויסע העלדישקייטען וואָס די אידען האָבען אַרויסגעצייגט אין זייערע פילע מלחמות מיט דער סירישער מלוכה, און איצט, אויב די אידען וועלען שטעהן אויף זיין זייט וועט ער קאָנען צופיהרען די הענט און שוין אָנהויבען טאָן וועגען זיין שטענדיגען וואונש צו ווערען קעניג אין אַנטיאָכיע.

— זאָגט מיר, וויפיעל סאָלדאַטען קענען די אידען מיר צושטעלען ווען איך זאָל דארפען אריינמאַרשירען אין אַנטיאָכיע און אַראָפּזעצען דימיטרי־אוס׳ן פון טראָן — האָט אַלעקסאַנדער געוואָלט וויסען אויף זיכער.

— עס איז גאָרניט נויטיג קיין אַרמיי — האָבען ביידע אידישע געסט געענטפערט מיט אַ שמייכעל אויף דעם פּרינץ׳ס נאַאיוויטעט — מיר וועלען שאַפען פאַר דיר אַ פּאַרטיי אין אַנטיאָכיע זעלבסט און דו וועסט פּלוצלונג אַנקומען אַהין און דאַן וועט אַלעס צוגעהן אין אָרדענונג.

— אָבער ווי איז עס מעגליך דורכצופיהרען אַזאַ זאַך אָהן מיליטער?

— האָט אַלעקסאַנדער באלאס פּאָרט געוואָלט פאַרשטעהן

— אויב אלעס צווישען אונז זאָל געשלאָסען ווערען צופרידענשטעלענד

— האָבען די צוויי געסט גענומען דערקלעהרען — דאַן וועלען מיר שוין זעהען אַז די אַרמיי אין אַנטיאָכיע זאָל איבערגעהן אויף דיין זייט און מיר זעלבסט וועלען דיר צושיקען עטליכע הונדערט אָפיצירען פון די בעסטע מיליטערישע כחות וואָס מיר פאַרמאָגען און דאַן וועסטו קאָנען אָנקומען מיט דיין אייגענער לייב־גוואַרדיע אין אַנטיאָכיע און גלייך איבערנעמען די אַרמיי אין דיינע הענט און דאָס איבעריגע וועט שוין קומען אַליין

אַלעקסאַנדער באַלאַס האָט זיך געריבען די הענט פון גרויס פאַרגע־ניגען. אָט־אָט און ער וועט שוין זיצען אויפ׳ן קעניגליכען טראָן אין אַנטיאָ־כיע. וואָס דען? איז ער דען נישט באַרעכטיגט דערצו? און ווי עס ווייזט אויס זיינען די אידען גאָר גרויסע „בריות״ דורכצופיהרען פאַר איהם דאָס געשעפט פאַר — — —

און דאָ האָט זיך דער שטאָלצער פּרינץ געכאַפּט, פאַר וואָס טאַקע זאָלען די אידען פּלוצלינג ווערען מיט איהם אַזעלכע גוטע פריינט? וואָס אַ שטייגער פאַרלאַנגען זיי פון איהם פאַר זייער הילף?

אַלעקסאַנדער באַלאַס האָט באַלד אַ פרעג געטאָן:

— און וואָס זיינען אייערע באַדינגונגען פאַר אייערע פריינטליכע לייס־טונגען.

— אונזערע קאָנדיציעס זיינען איינפאַכע — האָבען די צוויי געסט גע־ענטפערט. — מיר האָבען שוין צופיל געליטען פון די פאָריגע קעניגע. צופיל בלוט איז פאַרגאָסען געוואָרען אין אונזער לאנד. דעריבער ווילען מיר איצט לעבען בשלום מיט דער סירישער מלוכה. אָבער אַזוי ווי דימיטרוס וויל ניט נאָכגעבען אונזערע קאָנדיציעס דעריבער האָפען מיר אַז דו וועסט זיכער דאָס טאָן פאַר אונז.

— און וואָס זיינען אייערע פארלאַנגען? — האָט אַלעקסאַנדער באַ־לאַס געפרעגט.

— מיר פאַרלאַנגען אַבסאָלוטע פרייהייט אין אונזער אייגענעם אינער־ליכען לעבען אין אונזער לאנד — האָבען די צוויי אידישע געסט געענטפערט, און גלייך צוגעגעבען: — מיר זיינען וויליג צו צאָהלען יושר׳דיגע צינזען צו דער סירישער מלוכה און אויך שטעהן פאָליטיש אונטער איהר שוץ, אָבער עקאָנאָמיש ווילען מיר זיין אונזערע אייגענע באַלעבאַטים.

— נו, און דימיטריוס וויל עס נישט נאָכגעבען? — האָט אלעקסאנדער באלאס זיך געוואונדערט.

— דערווייל וויל ער ניט — האָבען די געסט געענטפערט.

— וואָס מיינט איר מיט׳ן וואָרט „דערווייל״? — האָט אַלעקסאַנדער געפרעגט.

— מיר מיינען אַז דימיטריוס האָט נאָך פאַרלויפיג ניט צוגעשטימט, אָבער מעגליך אַז מיט דער צייט וועט ער יאָ צושטימען.

אַלעקסאַנדער באלאס האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן, הייסט עס אז די אידען געהען אויף צוויי פראָנטען מיט אַמאָל. די דאָזיגע צוויי דעלעגאַטען זיינען געקומען צו איהם און אין דער זעלבער צייט מוזען זיין אַנדערע דעלעגאַטען ביי דימיטריוס׳ן, און ווער ווייסט אויב דימיטריוס האָט שוין ניט נאָכגעגעבען צו יענע אידישע דעלעגאַטען אין דער צייט וואָס די דאָזיגע צוויי געפינען זיך דאָ ביי אים, און אויב אַזוי, מוז מען טאַקע וואָס שנעלער שליסען דעם בונד מיט די אידען, אום אַז זיי זאָלען אויפהערען צו פאַרהאַנדלען מיט דימיטריוס׳ן.

אַלעקסאַנדער באלאס האָט האַסטיג אַ זאָג געטאָן:

— לויט ווי איך הער פון אייך, זייט איהר זעהר שטאַרק געקריוודעט געוואָרען פון דימיטריוס׳ן, כאָטש אייערע פאָדערונגען זיינען באַרעכטיגטע.

איך בין אין פולער סימפאַטיע מיט אייך, און איך בין וויליג צו שליסען אַ בונד מיט אייך אויף די דאָזיגע קעגענזייטיגע קאָנדיציעס.

— אויב אַזוי וועלען מיר גלייך צוריק פאָהרען צו אונזער פירער יונתן און אים איבערגעבען דיין ענטפער — האָבען די אידען געענטפערט מיט שמחה.

— מיר קאָנען דערווייל שליסען דעם בונד — האָט אלעקסאַנדער באַ־לאַס באַטאָנט. — צו וואָס דאַרפען מיר פאַרלירען אומזיסטיגע צייט ביז איר וועט פאָהרען אַהין און צוריק?

— ליידער קענען מיר ניט שליסען דעם אָפּמאַך אָהן דער פולער צושטימונג פון אונזער פירער — האָבען די 2 דעלעגאַטען געענטפערט.

— אויב אַזוי וועל איך וואַרטען אויף אייער צוריקקומען — האָט אַלעק־סאַנדער געמוזט נאָכגעבען.

באלד נאָכדעם זיינען די צוויי געסט אָפּגעפאָהרען פון ראָדעס.

---

ווען יונתן מיט זיין ברודער שמעון און זייער געוועזענער דינער צפניה, האָבען האַסטיג געמוזט אַנטלויפען גלייך נאָך דער לויה פון זייער ברודער יהודה המכבי, איז יונתן שנעל אַנטלאָפען צו יריחו. ער האָט דאָרט געהאַט אַ בעהאַלטענעם גדוד פון אַ טויזענט מאַן. שמעון איז אַנטלאָפען נאָך מכמש, וואו ער האָט געהאַט אַ גדוד פון פינף הונדערט מאַן און צפניה איז געלאָפען נאָך בית אל, וואו ער האָט געהאַט אַ גדוד פון אַכט הונדערט מאַן.

נאָך אין זעלבען טאָג האָט יונתן זיך דערוואוסט אַז דער גענעראַל באַקכידעס האָט אַרויסגעשיקט אַ היבשע צאָהל סאָלדאַטען אויפצוזוכען אים, יונתנ׳ען, און אים ברענגען נאָך ירושלים. עס איז אים געוואָרען זעהר פּאַסקודנע אויפ׳ן האַרצען. וואָס טוט מען איצט? וואוהין לויפט מען און ווי אַזוי? זאָל ער אַנטלויפען, טאָ וואָס וועט זיין גדוד זאָגען דערצו? זאָל ער בלייבען מיט׳ן גדוד און פּרובירען זיך קעגענשטעלען די גריכישע סאָלדאַטען? ווער ווייסט וויפיל סאָלדאַטען באַקכידעס האָט אַרויסגעשיקט קעגען אים?

יונתן האָט באַשלאָסען איבערצוגעבען זיינע געפילען צו זיין גאַנצען גדוד און ווי זיי אַלע וועלען באַשליסען אַזוי וועט ער האַנדלען. נאָך אַלעמען זיינען דאָך די טויזענט העלדען פון זיין גדוד אויך ריזיקירט מיט זייערע לעבענס פונקט ווי ער פערזענליך.

יונתן האָט פאַררופען זיין גדוד צו אַ שנעלע באַראַטונג און ער האָט דערקלערט אין קורצע ווערטער פון דער נייער־אַלטער, און אימער דויערנדער, סכנה וואָס עס לויערט איבער זיי.

— מיר געהען מיט דיר וואוהין דו וועסט אונז פירען — האָט דער גאַנצער גדוד געענטפערט.

יונתן האָט גלייך געגעבען אַ באַפעהל אַריבערצוגייען דעם ירדן צו מזרח זייט. — דאָרטען וועלען מיר דערוויילע זיין זיכער אויף אַ שטיקעל צייט ביז וואַנען מיר וועלען קענען באַטראַכטען מיט רוהיגע קעפּ, וואָס מיר האָבען ווייטער צו טאָן — האָט יונתן דערקלערט צו זיינע מענשען.

— און וואָס וועט זיין מיט דיינע צוויי ברידער יוחנן און שמעון און מיט צפניה'ן און מיט זייערע גדודים? — האָט דער העלד יואש געוואָלט וויסען.

— מיין ברודער שמעון מיט צפניה'ן וועלען מסתמא זיך אויסבאַהאַלטען מיט זייערע גדודים אין די בערג פון גליל — האָט יונתן געענטפערט און ער האָט גלייך צוגעגעבען — כאָטש איך האָב מיט זיי אָפּגעמאַכט אַז זיי זאָלען קומען אַהער צו מיר, האָב איך אָבער געענדערט מיין באַשלוס און איך האָב שוין אַרויסגעשיקט צוויי שליחים צו זיי מיט'ן אָנזאָג אַז זיי זאָלען בעסער אָפּרייזען נאָכ'ן גליל, ווייל עס וועט זיין צופיל פאַרדעכטיגט אַז אַלע אונזערע גדודים זאָלען צוזאַמען אריבער דעם ירדן ווייל די נעבאטים, די שונאים פון די גריכען, זיינען אויך ניט קיין פריינט פון די אידען און דעריבער איז בעסער אַז מיר זאָלען ניט אריבער דעם ירדן צו זיי, אין אַ גרויסע מאַסע.

— און וואו איז דיין ברודער יוחנן? — האָט יואש ווידער געפרעגט.

— ליידער ווייס איך ניט וואוהין ער איז אַנטלאָפען — האָט יונתן געענטפערט — מיר האָבען געהאַט אָפּגערעדט אַז ער זאָל אויך אַנטלויפען איבער'ן ירדן, אָבער אין לעצטען מאָמענט איז ער פאַרשוואונדען געוואָרען פון מיר און איך ווייס ניט וואוהין ער איז אַנטלאָפען. פיליכט וועלען מיר איהם טרעפען מיט זיינע פופציג מענשען אויפ'ן צווייטען זייט ירדן.

אַלעמענס הערצער זיינען געווען אָנגעפילט מיט זאָרג און קומער: וואָס וועט איצט ווערען פון זיי? וואָס וועלען זיי טאָן אויפ'ן צווייטען זייט ירדן? ווען וועלען זיי קענען זיך צוריקקערען, און וואָס וועט טאַקע ווערען פון זייער נאַציאָנאַלען באַגעהר וועגען צוריק דעראָבערען ארץ ישראל?

יונתן האָט געפילט דעם טיפען טרויער אין די הערצער פון זיין גדוד, און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— ברידער! איך בעט אייך זעהר ניט צו ווערען פעסימיסטיש. אמת, מיר האָבען געליטען אַ גרויסע נידערלאַגע; אונזער העלדישער פירער, מיין ברודער יהודה, איז געפאַלען און דער שונא האָט באַקומען די אויבערהאַנט און עס דוכט זיך אויס אַז אַלעס איז פאַרלאָרען; אָבער מיט גאָט'ס הילף

וועלען מיר צוריק זיגען. איך וועל אַנווענדען מיינע פּאָליטישע פעהיגקייטען וועלכע וועלען אונז ברענגען גינסטיגע רעזולטאַטען. איך קען אָבער ניט באַשליסען איצט אויפ'ן מאָמענט וואָס צו טאָן. מיר מוזען פריער זיך אַרויס־ראַטעווען פון דאַנען און אַריבער דעם ירדן, אויפ'ן צווייטען זייט וועלען מיר קענען באַטראַכטען וואָס צו טאָן.

און אַזוי איז עס געשעהן: נאָך אין דער זעלבער נאַכט איז יונתן מיט זיין גדוד אַריבער דעם ירדן. יונתן מיט עטליכע פיהרערס פון זיין גדוד זיינען באַלד אַוועק צום קליינעם פּאַלאַץ פון דעם אַלטען הירקאנוס'ן, אָבער ווי דערשיטערט זיינען זיי געוואָרען ווען זיי האָבען געטראָפען אין פּאַלאַץ בלויז איין אַלטען דינער, מיט פיעלע וואונדען אויף זיין קערפּער, וועלכער האָט מיט גרויס שוועריגקייטען זיי דערציילט וואָס דאָ איז געשעהן נעכטיגען טאָג:

— מיין באַלעבאָס דער אַלטער הירקאנוס, האָט נעכטען אויפגענומען א גאַסט פון ירושלים, דאָס איז געווען איינער פון די פינף חשמונאים ברידער, וועלכער איז געקומען אַהער מיט פופציג מענשען אום זיך צו ראַטעווען פון די גריכישע נאָכיאָגערס, פאַרשטעהט זיך אַז הירקאנוס האָט אויפגענומען דעם גאַסט זעהר פריינטליך, אָבער עס זיינען ניט פאַראיבער מעהר ווי עטליכע שטונדען און פלוצלונג זיינען אָנגעלאָפען אַריבער הונדערט נעבאַטים און האָבען גאָר אָן אַ פאַרוואָס אָנגעהויבען צו מאָרדען אַלעמען. איך האָב אַליין צוגעזעהן מיט מיינע אויגען ווי די נעבאַטים מערדער האָבען דערשטאָכען מיין באַלעבאָס הירקאנוס'ן מיט זיין גאַסט דעם חשמונאי און — — —

דערביי האָט יונתן ארויסגעלאָזען א פאַרצווייפעלטען געשריי:

— גאָט פון ישראל! וואָס האָסטו געהאַט צו מיין אומשולדיגען ברודער יוחנן?

יואש מיט די עטליכע אַנדערע פירערס וועלכע זיינען געשטאַנען דאַביי האָבען אַ וואונק געטאָן צום אַלטען דינער אַז ער זאָל שוין מעהר ניט דער־ציילען וואָס עס איז דאָ פאָרגעקומען. זיי האָבען שוין פאַרשטאַנען אַז דער דערמאָרדעטער גאַסט פון די חשמונאים ברידער, פון וועמען דער אַלטער דינער דערציילט, איז זיכער געווען יוחנן, וועלכער איז נעכטען אַנטלאָפען פון מודעין גלייך נאָך דער לויה פון זיין ברודער יהודה.

יונתן האָט זיך ניט געקענט באַרוהיגען. אַזאַ אומגליק און אַזוי פלוצ־לונג. ערשט מיט א קורצע צייט צוריק איז געפאַלען אלעזר אונטער'ן עלע־פאַנט און מיט דריי טעג צוריק איז געפאַלען יהודה דורך באַקכידעסעס שווערד און ערשט נעכטען איז געווען זיין לויה, און יוחנן איז נעבעך אַנט־

לאָפּען פון איין שונא, די גריכען, און איז באַלד אַריינגעפאַלען אין די רוצח׳יי־שע הענט פון די נעבאַטים.

די עטליכע פירערס פון גדוד האָבען ניט געהאַט קיין טרייסט ווערטער פאַר דעם באַטריבטען און שאָקירטען יונתן. זיי האָבען איהם צוריק אַוועק־געפיהרט צום געצעלט צווישען דעם גדוד און האָבען אָנגעווענדעט אַלע מיטלען אים צו דערמונטערען.

עס זיינען פאַריבער עטליכע טעג און יונתן האָט צוריק אויפגעוואַכט פון זיין טיפען טרויער. די זודיגע בלוטען פון דער חשמונאים פאַמיליע האָבען ווידער אָנגעהויבען זידען און קאָכען אין דעם קלוגען און טיפזיניגען יונתנ׳ען.

יונתן האָט זיך דורכגעשמועסט מיט זיינע עטליכע הויפּט־העלדען און עס איז באַשלאָסען געוואָרען אַז מען מוז אָנווענדען פּאָליטישע מיטלען, ווייל ביז מען וועט קענען צונויפזאַמלען אַ פרישען גדוד פון אַ צעהן טויזענט מאַן וועט עס דויערען לאַנג, און דערצו זיצט דער משומד אלקימוס, אַלס כהן־גדול אין ירושלים, און ער וועט זיכער ניט דערלאָזען קיין נייע באַוועגונג אויפ׳ן מיליטערישען געביט.

יונתן האָט אַרויסגעשיקט צוויי שליחים נאָך ראָדעס, אַז זיי זאָלען אויפהעצען דעם, אזוי גערופענעם, פּרינץ אַלעקסאַנדער באלאס צו ווערען פאַרכאַפּען דעם טראָן פון סיריע און צו דער זעלבער צייט האָט יונתן אָנגעע־שריבען א בריעף צום קעניג דימיטריאוס און ער האָט עס איבערגעשיקט מיט דריי פעהיגע שליחים נאָך אַנטיאָכיע, און דאָס איז דער אינהאַלט פון דעם בריף וואָס יונתן האָט געשיקט צום קעניג דימיטריאוס:

„צו דיר גרויסער קעניג דימיטריאוס!"

„געוויס ווייסטו שוין אז דער אידישער פאָלק האָט פארלאָרען זיין הויפּט־פיהרער יהודה המכבי, ער איז געפאַלען דורכ׳ן שווערד פון דיין גע־נעראַל באַקכידעס. זאָלסט אָבער וויסען, אַז דער טויט פון יהודה׳ן איז גע־קומען אַלס רעזולטאַט וואָס די מתיונים אידען האָבען געמאַכט אַ פאַרשווערונג געגען דיר . . . זיי האָבען געשלאָסען א בונד מיט דעם פּרינץ אַלעקסאַנדער באלאס, וועלכער האָט באַקומען אַ צוזאָג פון זיי, אַז זיי וועלען איהם העלפען צו פאַרכאַפּען דיין טראָן. און דעריבער האָבען די מתיונים געוואָלט נעהמען ראַכע פון מיין ברודער יהודה, וועלכער איז געווען קעגען זייערע פלענער.

„איצט שרייב איך צו דיר דעם בריף מיט׳ן אָנבאָט: אויב דו וועסט צופרידענשטעלען דעם פאַרלאַנג פון די פרומע אידען, וועמעס פאַרשטעהער עס שרייבט דעם בריף, דאַן וועלען מיר דיר בלייבען געטריי און מיר וועלען ניט

דערלאָזען אַז די מתיונים זאָלען געבען וועלכע עס איז שטיצע צו דיין שונא, דעם פּרינץ אַלעקסאַנדער באַלאַס. אויב אָבער דו וועסט אונז אַנטזאגען אונזער פאַרלאַנג דאַן וועלען מיר זיך ניט מישען אין דיינע סכסוכים מיט׳ן פּרינץ.

„מעגסט אויך וויסען, אַז די מתיונים, האָבען שוין אַ שטילע אַרמיי, וועלכע באַפאַלען די גריכישע סאָלדאַטען צווישען די בערג און טאָלען און שלאַכטען זיי אויס . . . דיין גוטער פריינט אלקימוס, וועמען דו האָסט גע־מאַכט פאַר כהן־גדול, פּלאַנעוועט אויך צו־צושטעהן אויף דער זייט פון דיינע שונאים . . .

„אויב דו וועסט האַנדלען שנעל קענסטו נאָך ראַטעווען דיין טראָן . . . מיר, פרומע אידען, האָבען טאַקע געליטען זעהר פיל צרות פון דיין רעזשים, אָבער דאָך ווילען מיר בעסער שטעהן אונטער׳ן רעזשים פון דעם ביז אַהע־ריגען קעניג וועמען מיר קענען שוין, איידער אונטער׳ן רעזשים פון אַן אונ־באַוואוסטען נייעם קעניג.

„מיינע דריי דעלעגאַטען וועלען קענען שליסען מיט דיר א פולשטענ־דיגען בונד, אויב זיי וועלען זיין צופרידען מיט די קאָנדיציעס לויט ווי מיר האָבען זיי מונדליך אָנגעזאָגט.

„איך גלויב אַז דו וועסט פאַרשטעהן די וויכטיגקייט פון מאָמענט און דו וועסט האַנדלען שנעל.

„דאָס זיינען די רייד פון יונתן בן מתתיהו הכהן,

פון דער חשמונאים פאַמיליע”.

ווען יונתן האָט איבערגעלעזען דעם בריף פאר די עטליכע הויפּט־פּיה־רערס פון זיין גדוד האָט יואש אַ פרעג געטאָן: — סטייטש? מיטביידע געגענזעצטע צדדים מיט איינמאָל? איינס פון די צוויי: אָדער מיר פּרו־בירען מיט דימיטריאוס׳ן, אָדער מיט אַלעקסאַנדער באַלאַס. מיר קענען דאָך ניט פאַרהאַנדלען מיטביידען מיטאַמאָל. און ווי וועט זיין אויב ביידע מיט־אַמאָל וועלען שליסען אַ בונד מיט אונז? מיט וועמען וועלען מיר געהן?

יונתן האָט אַ שמייכעל געטאָן און געענטפערט:

— זאָלסט וויסען, יואש! אַז בלויז איין קעניג וועט בלייבען אויפ׳ן טראָן אין אַנטיאָכיע און דעריבער מוזען מיר זיך באַוואָרענען מיט ביידע צדדים אום מיר זאָלען נאָכהער קענען בלייבען מיט איינעם פון זיי . . . צו דימיטריאוס׳ן שיק איך אַ בריף, ווייל פאַרלויפיג זיצט ער אויפ׳ן טראָן, אָבער צו אַלעקסאנדער באלאס האָב איך געשיקט צוויי שליחים אָן אַ בריף ווייל איך בין זיכער אַז ער וועט זיגען . . .

יואש איז געוואָרען נאָך מעהר צעטומעלט. עפּעס איז איהם פאַרגע־

קומען יונתנ׳ס רייד ווי פון אַ משוגע׳נעם. אָבער יונתן האָט איהם ווייטער דערקלעהרט:

— אַלעקסאַנדער באלאס איז אַ פּלאַטשיגער מענש. ער פאַרשטעהט ניט קיין בריף. דערצו איז ער אָבער אַ גרויסער אוואַנטוריסט. ביי דער מינדעסטער געלעגענהייט, ווען מיר זאָלען איהם געבען הילף, וועט ער זיך אַריינכאַפּען אין אַנטיאָכיע און מיר מוזען טאַקע זעהן אַז ער זאָל זיגען . . .

— אויב אַזוי — האָט יואש אַ פרעג געטאָן — טאָ צו וואָס זאָלען מיר גאָר אין גאַנצען פאַרהאַנדלען מיט דימיטריאוס׳ן?

— ווייל מיר מוזען פריהער באַקומען די פרייהייט צו קענען אַריינקומען אין ירושלים — האָט יונתן געענטפערט מיט אַ שמייכעל און ער האָט באַלד צוגעגעבען — אָט די פרייע באַוועגונג איז נויטיג פאַר אונז אום אַז מיר זאָלען קענען באַקומען מיליטערישע און פינאַנציעלע הילף פאַר אַלעקסאַנדער באַלאַס. אָבער אַזוי ווי די פרייע באַוועגונג פאַר אונז מוז קומען, פאַרלויפיג, פון דימיטריאוס׳ן, דעריבער שרייב איך צו איהם אָט דעם בריף און איך בין זיכער אַז ווען אונזערע דריי שליחים וועלען פאַרלייגען פאַר איהם אונזער קליינעם אומבאַדייטענדען פאַרלאַנג, אַז מיר ווילען בלויז אַ פרייע באַוועגונג אין אונזער לאַנד, וועט דימיטריאוס געוויס נאָכגעבען און דאַן וועלען מיר קענען אויסשטעלען אונזערע פולע פאָדערונגען צו אַלעקסאַנדער באַלאס . . .

— אָבער וואָס וועט זיין אויב די מתיונים וועלען זיך דערוויסען פון דעם אינהאַלט פון דעם בריף? — האָט יואש ווידער געפרעגט.

— ערשטענס, וועט דימיטריוס זיכער אויסבאַהאַלטען דעם סוד פון זיי און צווייטענס, אויב אפילו זיי וועלען זיך יאָ דערוויסען, וועלען זיי אונז האַל־טען פאַר שונאים . . . נו איז וואָס? מיר זיינען דאָך סיי ווי סיי אַלטע שונאים צו די מתיונים.

— זיי קאָנען אונז אָבער פאַר׳מסר׳ען פאַר דימיטריאוס׳ן, אַז די גע־שיכטע איז פונקט פאַרקעהרט . . . — האָט יואש אַלץ געהאַט אויסצוזעצען.

— מאַכסטו אַ טעות אין דער פּאָליטישער לאַגע — האָט יונתן געענט־פערט — זאָלסט וויסען אַז דימיטריאוס קען שוין נישט שלאָפען קיין נאַכט צוליב דעם שטילען טומעל וועגען דעם פּרינץ אַלעקסאַנדער באלאס. ער פילט אַז זיינע טעג זיינען געציילטע ווייל פיעלע פון די גענעראַלען זיינען אויפ׳ן זייט פון אלעקסאַנדער באלאס און דעריבער וועט איהם נישט ליגען אין זינען אויסצוהערען קיינע טענות פון די מתיונים, איבערהויפּט האָב איך שוין באַוואָרענט אַז אונזערע דריי דעלעגאַטען זאָלען פאַרלאַנגען פון איהם

אַז ער זאָל שוין שיקען אַ באַפעל צו טויטען אַלקימוס׳ן, און דאַמיט וועלען מיר זיין געזיכערט אַז די מתיונים וועלען שטומען . . .

— ווי וועט אָבער זיין אויב אלעקסאַנדער באלאס וועט זיגען און ער וועט אויסגעפינען פון דעם דאָזיגען בריף צו דימיטריאוס׳ן? — האָט יואש נאָכאַלץ נישט געוואָלט נאָכגעבען.

דער דאָזיגער בריף וועט קומען צוריק אין מיינע הענט — האָט יונתן געענטפערט מיט אַ שמייכעל — דו דאַרפסט וויסען אַז דעריבער שיק איך, אין דער דעלעגאַציע צו דימיטריוס׳ן, דעם פלינקען זבדי׳ן. ער וועט שוין באַקומען דעם דאָזיגען בריף צוריק נאָכדעם ווי דימיטריוס וועט איהם האָבען דורכגעלעזען . . .

— סיידען אַזוי — האָט יואש צוגעגעבען מיט אַ שמייכעל . . .

באַלד נאָכדעם זיינען ביידע דעלעגאַציעס אָפּגעריטען אויף זייערע צוויי באַזונדערע וועגען. צוויי מענטשען זיינען אַוועק נאָך דער שטאָדט ראָדעס צו אַלעקסאַנדער באלאס, וועגען וועמען דער לייענער וויס שוין פון פאַריגען קאַפּיטעל, און דריי האָבען אָפּגעריטען נאָך אַנטיאָכיע צום קעניג דימיטריוס פיהרענדיג מיט זיך יונתן׳ס בריף.

און נאָך אין זעלבען טאָג האָט יונתן אָפּגעשיקט אונטער אַ שטילע וואַך דעם פאַרמאַכטען ארון פון זיין טויטען ברודער יוחנן אַז מען זאָל איהם מקבר זיין אין מודעין נעבען די קברים פון זיין פאָטער און צוויי ברידער. יונתן האָט אָנגעזאָגט די עטליכע רייטער, וועלכע האָבען זיך אָנגעטאָן אין גריכישע קליידער, אַז מען זאָל נישט מאַכען קיינע צערעמאָניעס ביי דער לויה פון זיין טראַגיש־אומגעקומענעם ברודער יוחנן נאָר עס זאָל אַלעס געמאַכט ווערען אויפ׳ן שטילסטען אופן אום אַז די מתיונים זאָלען זיך נישט דערוויסען פון דעם און זיי זאָלען נישט אָנשיקען די גריכען אַ צווייטען מאָל אַזוי ווי זיי האָבען געטאָן ביי דער לויה פון יהודה׳ן.

קאַפּיטעל 47

## דרייסיג אידען פאַר׳משפט צום טויט. — יונתן׳ס ראַכע פון זיין ברודער׳ס מערדער.

ווען די עטליכע אָפּיצירען מיט די עטליכע הונדערט סאָלדאַטען זיינען באַפאַלען די גרויסע מאַסע אידען ביי דער לויה פון יהודה׳ן אין מודעין, און נאָכדעם ווי זיי האָבען אַלעמען צעטריבען און פּרובירט געפינען די אַנדערע דריי חשמונאים ברידער, האָבען זיי זיך צוריק אומגעקעהרט נאָך ירושלים מיט ליידיגע הענט.

ווען אלקימוס, דער מתיון כהן־גדול, האָט זיך דערוואוסט אַז די חשמו־נאים ברידער האָבען זיך ארויסגעדרייט פון די גריכישע הענט, האָט עס איהם שטאַרק פאַרדראָסען. ער האָט געוואָלט, איינמאָל פאַר אַלע מאָל, פּטור ווערען פון די חשמונאים ברידער און דאַן וועט ער קענען רוהיג אָנגעהן מיט זיין כהונה גדולה.

אלקימוס איז באלד אוועקגעלאָפען צום גענעראל באַקכידעס און האָט איהם איבערגעשראָקען אַז אויב ער וועט נישט קלאַפּען דעם אייזען כל־זמן עס איז נאָך הייס . . . וועט ער נאָכהער שוין גאַר נישט קענען אויפטאָן.

— דער אַלטער מתתיהו איז טויט, איין זוהן אלעזר איז געפאַלען טויט אונטערן עלעפאַנט, דער צווייטער זוהן יהודה איז שוין אויך געפאַלען דורך דיין האַנט, דעריבער מוזטו ווי אַמשנעלסטען פּטור ווערען פון די אַנדערע דריי דריבער — האָט אלקימוס גערעדט מיט אַן איבערצייגענדען טאָן אין זיין שטי־מע.

— זיי זיינען אָבער פאַרשוואונדען געוואָרען — האָט באַקכידעס גע־ענטפערט — טאָ וואו זאָל איך זיי איצט זוכען ?

— איך וואָלט דיר ראַטען אַז דו זאָלסט אַרעסטירען אַ פּאָר צעהנדליג פון די הויפּט פיהרערס פון די פרומע אידען און דאַן בין איך זיכער אַז פון גרויס שרעק וועלען זיי שוין אַרויסגעבען די פּלעצער וואו די דריי חשמונאים ברידער באַהאַלטען זיך אויס — האָט אלקימוס, דער פאַלשער יונג, געראָטען.

באַקכידעס האָט זיך אַרומגעזעהן אַז די דאָזיגע עצה קען זיכער נישט שאַדען. וואָרום טאָקע זאָל ער שאַנעווען די אידען אין דער צייט וואָס אַלקימוס זעלבסט, דער כהן־גדול, הייסט איהם האַנדלען אַזוי.

האָט באַקכידעס, אויפ׳ן צווייטען טאָג, געגעבען אַ באַפעהל צו אַרעס־טירען דריי צעהנדליג אידען פון די חשוב׳סטע לייט אין ארץ ישראל. צווישען די אַרעסטירטע איז אויך געווען רבי יוסי בן יועזר דער נשיא פון דער סנהדרין.

אַלקימוס זעלבסט איז געקומען באַזוכען זיין אָנקעל רבי יוסי בן יועזר אין דער טורמע. ער האָט געוואָלט איהם שווער מאַכען דאָס האַרץ מיט אויס־געטראַכטע ליגענס אום אַרויסצובאַקומען פון איהם וועלכע עס איז אינפאָר־מאַציע וועגער די דריי פאַרשוואונדענע חשמונאים ברידער.

— וויסטו, מיין ליבער אָנקעל ? — האָט אלקימוס אַ זאָג געטאָן מיט אַ שלעמישען שמייכעל צו רבי יוסי בן יועזר — אַז די תליה דיך אויפצוהענגען איז שוין פאַרטיג. צו וואָס זאָלסטו נאָך זיין איינגעשפּאַרט און נישט וועלען אויסזאָגען וואו די חשמונאים ברידער זיינען אויסבאַהאַלטען ?

רבי יוסי בן יועזר האָט גאָרניט געענטפערט נאָר ער האָט אָפּגעקערט זיין פּנים פון דעם נידערטרעכטיגען מתיון רשע.

אַלקימוס איז געוואָרען אָן אָנגעצונדענער פון גרויס רוגזה און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— אויב אַזוי! אויב דו לאַכסט מיר אויס, וועסטו שוין זעהן וואָס יקום־איש־צרורות קען אויפטאָן . . . — און גלייך נאָכדעם איז אַלקימוס ארויסגעלאָפען פון טורמע און איז שנעל אוועק צום גענעראל באַקכידעס און האָט איהם דערצעהלט אַט וואָס:

— זאָלסט וויסען, באַקכידעס, אַז רבי יוסי בן יועזר איז אַ געפעהרליכער שפּיאָן און פאַררעטער פון אונזער קעניג. ער וויס וואו די חשמונאים באַהאַלטען זיך, נאָר ער שטומט. ער לאַכט זיך אויס פון אַלע סטראַשונקעס, און לויט ווי איך האָב געהערט שטעהט ער אין אַ נאָהענטער פאַרבינדונג מיט די חשמונאים ברידער און זיי אַלע צוזאַמען פּלאַנעווען אַרויפצוזעצען דעם ממזר אלעקסאַנדער באלאס אויפ׳ן גריכישען טראָן . . .

— הייסט עס אַז זיי זיינען אמת׳ע פאַרביסענע רעוואָלוציאָנערען, ווייסטו כאָטש וואָס דאָס מיינט פאַר מיר? — האָט באַקכידעס אַ זאָג געטאָן.

— געוויס ווייס איך — האָט אַלקימוס שנעל געענטפערט — דאָס מיינט אַז אַזוי שנעל ווי אלעקסאַנדער באלאס וועט אויפשטייגען אויפ׳ן טראָן דאַן וועלען מיר ביידע זיין די ערשטע קרבנות . . . די חשמונאים מיט מיין אָנקעל רבי יוסי בן יועזר וועלען צוערשט טויטען מיר מיט דיר און נאָכדעם וועלען זיי צעפיהרען די הענט איבער פיעלע אַנדערע פון מיינע מתיונים מענשען און פון דיינע אָפיצירען . . .

— אויב אַזוי מוז איך שוין אַפּרייזען נאָך אַנטיאָכיע און אינפאָרמירען דעם קעניג דימיטריוס וועגען דעם פאַרראַט — האָט באַקכידעס א זאָג געטאָן.

— דו קענסט אַפּרייזען — האָט אַלקימוס געענטפערט און האָט גלייך צוגעגעבען — אָבער איידער דו פאָהרסט אָפּ פון ירושלים וואָלט איך דיר ראַטען אַז דו זאָלסט פריהער לאָזען טויטען די הויפּט פאַררעטער, אַט די אַלע וועלכע זיצען איצט אונטער אַרעסט . . .

— איך האָב דאָך אָבער נישט קיין דערלויבעניש פון קעניג דאָס דורכצופיהרען — האָט באַקכידעס געענטפערט.

— אויף אַזעלכע פאַררעטער באַדאַרפסטו נישט האָבען קיין ספּעציעלע דערלויבעניש — האָט אַלקימוס געענטפערט — פאַרגעס ניט אַז זיי זיינען אַלע רעוואָלוציאָנערען און דער קעניג וועט דיר נאָך דאַנקען פאַר דיין שנעלע האַנדלונג . . .

באקכידעס האָט זיך ארומגעזעהן אז אלקימוס פארשטייט גאנץ גוט די לאַגע. און דעריבער האָט ער באַשלאָסען דורכצופיהרען דעם שנעלען טויט־משפט איבער אַלע אַרעסטירטע אום ער זאָל וואָס שנעלער קענען אָפּרייזען נאָך אַנטיוכיע צום קעניג.

---

אין דעם לאַגער פון יונתן׳ס גדוד המכבים, אויפ׳ן צווייטען זייט ירדן, איז פאָרגעקומען א גרויסע שמחה: די גדוד׳ניקעס האָבען געטאַנצט פון גרויס באגייסטערונג וואָס זייער פיהרער יונתן האָט אוספייעט, אין פארלויף פון צוויי וואָכען, אויפצוטאָן אזוי פיעל.

צו־ערשט זיינען אָנגעקומען די צוויי דעלעגאַטען פון ראָדעס און האָבען געבראַכט די גוטע נייעס, אַז אַלעקסאַנדער באלאס איז, נישט נאָר ווילינג נאָר אויך, שטאַרק באַגייסטערט צו שליסען א בונד מיט די חשמונאים.

די צוויי דעלעגאַטען האָבען באַלד צוריק אָפּגערייזט נאָך ראדעס מיט אינסטרוקציעס פון יונתן׳ען ווי אַזוי צו שליסען דעם בונד, און גלייך אין זעלבען טאָג האָבען זיך צוריק אומגעקערט אויך די אנדערע דריי דעלעגאַטען פון אַנטיאָכיע און האָבען איבערגעגעבען צו יונתן׳ען אַז דער קעניג דימיטריוס איז זעהר שטאַרק צעטומעלט פון דעם אויפשטאַנד פון אַלעקסאנדער באַלאס קעגען איהם און דעריבער האָט ער צוגעזאָגט צו די דריי אידישע דעלעגאַטען, אַז זיי מעגען איבערגעבען דעם אידישען פיהרער אַז ער וועט שוין אַרויסשיקען אַ ספּעציעלען שליח נאָך ארץ ישראל אָנצוזאָגען דעם גענעראַל באַקכידעס מיט זיין ארמיי אז מען זאָל לאָזען פריי די פרומע אידען פון וועלכע עס איז באַלעסטיגונג, און גאָר שנעל וועט ער אַרויסשיקען אַ דעלעגאַציע גריכען נאָך ירושלים צו שליסען אַ בונד מיט יונתן.

פאַרשטעהט זיך אַז יונתן׳ס גדוד האָט געהוליעט פון גרויס שמחה. זיי האָבען געזיגט אויף צוויי פראָנטען מיט אַמאָל. פיעלע פון זיי האָבען אָנגעהויבען פאָדערען אַז מען זאָל שוין אַריבערגעהן צוריק דעם ירדן און אַריינמאַרשירען אין ירושלים, אָבער יונתן האָט זיי דערקלעהרט אַז: ערשטענס, מוז מען אָפּוואַרטען ביז וואַנען דעם קעניג׳ס שליח, צו באַקכידעס׳ן אין ירושלים, וועט אָנקומען אַהין. צווייטענס, מוז מען פריהער נעמען ראַכע פון די מערדער וועלכע האָבען געטויטעט זיין ברודער יוחנן מיט הירקאַנוס׳ן און די פופציג העלדישע גדודניקעס.

און נאָך אין זעלבען טאָג האָט יונתן אַרויסגעשיקט עטליכע העלדישע גדודניקעס אויסצוגעפינען דעם שבט פון די נעבאַטים מערדער.

אַרום נאָך אַ האַלבער נאַכט האָבען די אויספאָרשער זיך אומגעקערט און האָבען איבערגעגעבען זייער אינפאָרמאַציע:

— דער נעבאַטים שבט פאַרמאָגט עטליכע טויזענט מאַן. זיי זיינען אָבער צעוואָרפען אין עטליכע פּראָווינצען. אַ גרויסער טייל פון זיי געפינט זיך אין חוראַן פּראָווינץ, אַ צווייטער טייל — אין באשאַן פּראָווינץ, און אַ קלע־נערער טייל, פון אַרום עטליכע הונדערט, וועלכע זיינען וואַרשיינליך געווען די מערדער פון יוחנן מיט זיין קליינעם גדוד, געפינען זיך ניט ווייט פון ים־המלח.

יונתן האָט באַלד אַרויסגעשיקט דעם פלינקען יהויריב׳ן מיט עטליכע הונדערט גדודניקעס און זיי זיינען באַפאַלען די עטליכע הונדערט שלאָפענדיגע נעבאַטים נאָך איידער עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען.

די אידישע העלדען האָבען נישט געהאַט קיין שוועריגקייטען אין זייער איבערפאַל. און ביז מיטאָג זיינען זיי פאַרטיג געוואָרען מיט זייערע קרבנות ביז׳ן לעצטען. זיי האָבען געטויטעט און גלייך געוואָרפען אין דעם ים־המלח.

ווען דער גדוד האָט זיך אומגעקערט צוריק אין לאַגער איז שוין געווען נאָכמיטאָג, און יונתן האָט באַשלאָסען אַז אַזוי שנעל ווי ער וועט באַקומען די ביי־עס פון יואש׳ן, ווען ער האָט פאַרשטעלטערהייט צוגעשיקט נאָך ירושלים, אַז דעם קעניג׳ס שליח איז שוין דאָרטען אָנגעקומען, דאַן וועט ער מיט זיין גדוד גלייך אַריבער דעם ירדן אויף צוריק.

דער טאָג איז פאַראיבער און די נאַכט איז צוגעפאַלען. אין לאַגער האָט מען זיך שוין אָנגעהויבען גרייטען צום שלאָפען. עטליכע צענדליג „צופים״ זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך און אַלעס האָט אויסגעזעהן רוהיג און שטיל.

פּלוצלונג איז איינער פון די „צופים״ אַריינגעלאָפען צו יונתנ׳ען אין געצעלט און האָט אויסגעשריגען:

— טויזענטער נעבאַטים יאָגען זיך אַהער פון די חוראַנער בערג.

יונתן איז האַסטיג אויפגעשפרונגען אויף די פיס און האָט אַ געשריי געטאָן:

— שנעלער גיב דעם סיגנאַל.

דער „צופה״ איז אַרויסגעלאָפען און האָט באַלד אויסגעבלאָזען מיט׳ן שופר אין זיין מויל. אין לאַגער איז געוואָרען אַ מהומה. יהויריב און נאָך עטליכע הויפט־פיהרערס, זיינען האַסטיג צוגעלאָפען צו יונתנ׳ען און דער לעצטער האָט זיי דערקלעהרט אַז מען מוז ווי אַמשנעלסטען אַריבערשווימען דעם ירדן צוזאַמען מיט די פערד און מיט אַלע פעק.

דערווייל האָט זיך דערהערט דער גערויש פון די רייטענדע נעבאַטים פון דערווייטען.

— יהויריב! — האָט יונתן אַ געשריי געטאָן — דו בלייב דאָ מיט צוויי הונדערט מאַן און פרוביר אָפּהאַלטען דעם שונא ביז וואַנען די אַכט הונ־דערט לייט אונזערע וועלען שוין זיין אויף׳ן צווייטען זייט ירדן מיט אונזער געווער, פערד, און שפייז, און דאַן וועסטו זיך צוריקציהען מיט דיינע צוויי הונדערט לייט און אויך אריבערשווימען צו אונזער זייט.

— פילייכט זאָלען מיר פרובירען פירען מיט זיי אַ שלאַכט? — האָט יהויריב אַ פרעג געטאָן.

— ניין! — האָט יונתן געענטפערט — דו זעהסט דאָך אַז די נעבאַטים רייטען אַהער אין פיעלע טויזענטער און מיר זיינען בלויז איין טויזענט.

— און דו אַליין, יונתן? — האָט יהויריב א פרעג געטאָן.

— איך בלייב דאָ מיט דיר — האָט יונתן געענטפערט.

— ניין — האָט שפטיה אויסגעשריגען. דו, יונתן, טאָרסט נישט בליי־בען דאָ אין געפאַר. מיר זיינען בעסער געאיבט צו שלאַכט, אָבער דיר מוזען מיר שאַנעווען אַלס אַ פירער פאַר׳ן פאָלק ישראל. דו טאָרסט ניט איינשטעלען דיין לעבען.

יונתן האָט געוואָלט עפּעס ענטפערען אָבער שפטיה האָט נישט דער־לאָזט צו קיין אַרגומענטען נאָר ער האָט געצוואונגען יונתנ׳ען ארויפצושטיי־גען אויף זיין פערד און אין די נעקסטע עטליכע מינוט האָבען זיך אַ לאָז געטאָן יונתן מיט אַכט הונדערט העלדען צום ירדן.

---

עס איז שוין געווען פאר זונען אויפגאַנג אין ירושלים, און די עט־ליכע צענדליק אַרעסטירטע אידען פון די חשוב׳סטע פון פאָלק, זיינען אַלע אַרויסגעפיהרט געוואָרען פון דער טורמע. זיי זיינען געגאַנגען מיט גע־בויגענע קעפּ און אַרום זיי האָבען געריטען אַ הונדערט סאָלדאַטען מיט די בלויזע שווערדען אין די הענט.

צווישען די פאַר׳משפּט׳ע אידען איז אויך געווען דער גרעסטער חכם און געלערענטער מאַן רבי יוסי בן יועזר, דער נשיא פון דער סנהדרין און דער אָנקעל פון דעם מתיון כהן־גדול אלקימוס, אָדער יקום־איש־צרורות, ווי ער איז באַקאַנט לויט׳ן תלמוד.

די גאַנצע נאַכט האָט רבי יוסי בן יועזר ניט געקענט צומאַכען קיין אויג. ער האָט געהאַלטען אין איין זאָגען וידוי און בעטען פאַר׳ן כלל ישראל. זיין אייגענער לעבען האָט איהם ניט געקימערט אַזוי פיעל ווי עס האָט איהם

ווי געטאָן דאָס האַרץ אויף די אַנדערע 29 גדולי ישראל וועלכע באַדאַרפען איצט אומקומען צוליב די רשעות פון די מתיונים מיט די גריכען.

און כאָטש רבי יוסי האָט שוין געוואוסט, נאָך פון אָנפאַנג אָווענט, אַז מאָרגען גאַנץ פריה וועט מען איהם טויטען, דאָך איז ער געווען פעסט ביי זיך. זיינע געדאַנקען האָבען פונקציאָנירט מיט אַ וואונדערליכע קלאָרקייט. רבי יוסי האָט פאַרלאַנגט פון די וועכטער פון דער טורמע אַז מען זאָל שיקען זאָגען זיין שוועסטערס זוהן, דעם מתיון אלקימוס׳ן אַז ער, זיין אָנקעל, וויל עפּעס רעדען מיט אים פאַר זיין טויט.

ווען אלקימוס האָט דערהאַלטען די דאָזיגע אינפאָרמאַציע האָט ער געהייסען ענטפערען זיין אָנקעל אַז ער האָט גאָרנישט מעהר וואָס צו רעדען מיט איהם, ווייל אַלעס איז שוין באַשלאָסען, און די תליה פאַר איהם שטעהט שוין פאַרטיג אין דעם „נחל קדרון״, נאָר אויב ער האָט זעהר וויכטיגעס צו רעדען מיט איהם וועט ער נאָך אוספּייען דאָס צו טאָן מאָרגען פריה ווען מען וועט אַלע פאַר׳משפט׳ע אַרויספיהרען פון דער טורמע אויף זייער וועג צום „נחל קדרון״; דאַן וועט ער, אלקימוס, אויך קומען בייוואוינען די היב־ריכטונג, און רבי יוסי וועט דאַמאָלסט קענען רעדען מיט איהם.

ווען רבי יוסי האָט באַקומען דעם דאָזיגען פרעכען ענטפער פון אַל־קימוס׳ן האָט ער ביטערליך אַ שמייכעל געטאָן און אויפהויבענדיג ביידע הענט האָט ער אויסגערופען:

— רבונו של עולם! דו ווייסט דאָך דעם אמת אַז איך האָב שטענדיג געשטרעבט, און געטאָן אַלעס מעגליכעס, פאַר׳ן וואוילזיין פון מיין פאָלק. איך האָב ניט געזשאַלעוועט קיין מיה צו פאַרבעסערען די אידישע לאַגע. איך האָב שטענדיג געשטרעבט צו באַפעסטיגען די אידישע תורה און טראַדיציע צווישען מיינע ברידער. לוידער איז עס איצט דיין ווילען אַזוי אַז איך זאָל שטאַרבען מיט אַזאַ שענדליכען טויט דורך די הענט פון די גריכען און די אידישע רשעים. איך בין וויליג דערצו. אָבער איך בעט דיך רבונו של עולם! לאָז נישט איבער דעם גרויסען שאַנדפלעק פון מיין משפחה . . . טו עפּעס אַ נס אַז אַלקימוס דער רשע זאָל אויך באַקומען זיין שטראָף פון דיין האַנט אום אַז ער זאָל ניט קענען בלייבען לעבען און ווייטער אָנטאָן די אידען צרות.

אזעלכע תפילות האָט רבי יוסי בן יועזר אָפּגעריכט די לעצטע נאַכט פון זיין לעבען, זיצענדיג אין דער טורמע.

און פונקט פאַרטאָג, ווען מען האָט אַרויסגעפיהרט אַלע פאַר׳משפט׳ע

צום „נחל קדרון”, איז געשעהן דער אויסערגעוויינליכער נס אויף וואָס רבי יוסי האָט די נאַכט בעפאָר געבעטען ביי גאָט:

ווען די אַרעסטירטע זיינען אַרויסגעפיהרט געוואָרען פון ירושלים, איז פלוצלינג אַנגעלאָפען אלקימוס רייטענדיג אויף זיין פערד און מיט אַ צע־פלאַמטען פנים האָט ער האַסטיג צוגעריטען צו דער זייט פון זיין אָנקעל און ער האָט שטילערהייט, אין דער העברעאישער שפּראַך, אריינגעשושקעט אין זיין אָנקעלס אויער:

— הייליגער אָנקעל? איך בעט דיר זיי מיר מוחל! אַן אומגליק איז געשעהן און דאָס האָט מיך געבראַכט איצט אַהערצו.

רבי יוסי האָט אומגעווענדעט זיין קאָפּ צו אַלקימוס'ן און מיט אַ בי־טערען שמייכעל האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— כאָטש איך ווייס נאָך נישט אין וואָס דיין אומגליק באַשטייט, פונ־דעסטוועגען קען איך דיר זאָגען אַז ווי גרויס דיין אומגליק זאָל נישט זיין איז אָבער דער אומגליק וואָס דו האָסט געבראַכט אויפ'ן אידישען פאָלק פיל גרעסער. דו האָסט אַליין געזינדיגט און אויך געמאַכט זינדיגען טויזענטער אַנדערע אידען. און איצט האָסטו געבראַכט צו דער דאָזיגער קאַטאַסטראָפע. דורך דיר געהען איצט דרייסיג אומשולדיגע פרומע אידען צום טויט.

— איך האָב חרטה! — האָט אַלקימוס ארויסגעהויכט מיט שרעק — גיב מיר אַרויס אַ תשובה און איך וועל אַלעס אויספאָלגען.

— די איינציגע תשובה פאַר דיר קען זיין בלויז דערמיט וואָס דו וועסט שוין פּרובירען ראַטעווען די לעבענס פון די דאָזיגע אַלע פאַר'משפּט'ע פרומע אידען — האָט רבי יוסי פּרובירט אָנבאָטען.

— ליידער קען איך דאָס נישט אויסווירקען — האָט אַלקימוס שנעל געענטפערט — ווייל היינטיגע נאַכט איז אָנגעקומען אַ ספּעציעלער שליח פון קעניג צום גענעראל באַקכידעס און ער האָט איהם געהייסען טויטען מיך און אַלע פאַררעטער פון קעניג . . .

— אויב אַזוי ביסטו אויך אַ קאַנדידאַט צו דער תליה — האָט רבי יוסי געענטפערט.

— יאָ, — האָט אַלקימוס געענטפערט מיט שרעק — אָבער איך וועל נישט וואַרטען ביז באַקכידעס וועט מיך כאַפּען און טויטען, איך וויל בעסער געהן מיט דיר . . . מיט דיר צוזאַמען . . .

— מיינסטו דאָס ערנסט? — האָט רבי יוסי געפרעגט מיט אַ שמייכעל.

— יאָ! — איך זעה שוין איצט אַז איך בין אימער געווען פאַרפיהרט. פאַר ווער ען און פאַר וואָס געה איך איצט צום טויט? דו געהסט כאָטש צו

שטאַרבען „על קדוש השם". דו האָסט געלעבט פאַר דיין אידיאל, אָבער איך? אָ, העלף מיר! זאָג, וואָס זאָל איך טאָן? אפשר האָסטו עפּעס אַן עצה פאַר מיין זינדיגע נשמה?

דערווייל האָט מען די אַרעסטירטע געבראַכט אין „נחל קדרון" און רבי יוסי האָט אַ זאָג געטאָן צו אלקימוס'ן:

— תשובה איז זעהר גרויס. אויב דו מיינסט מיט אַן אמת, דאָס וואָס דו זאָגסט, קען איך דיר בלויז ראָטען וואָס צו טאָן אום אַז דיין זינדיגע נשמה זאָל קענען געפינען עפּעס א תיקון (אַ רעטונג) אויף יענער וועלט.

— וואָס שטערסטו אונז אין דער אַרבייט פון צוגרייטען די פאַר'משפט'ע צו דער תליה? — האָט דער הויפּט אָפיציר פון די סאָלדאַטען אַ זאָג געטאָן צו אַלקימוס'ן, זעהענדיג ווי ער האַלט די גאַנצע צייט אין איין שמועסען מיט איינעם פון די פאַר'משפט'ע.

— רעד ניט אַזוי פּראָסט צום כהן גדול — האָט אַ צווייטער אָפיציר אריינגעשושקעט אין אויער פון דעם ערשטען אָפיצער — פארגעס ניט אז דאָס איז אלקימוס דער כהן גדול, וועלכער איז אַ גוטער פריינד פון גענעראל באַקכידעס . . .

דער ערשטער אָפיציר האָט זיך באַלד אַנטשולדיגט פאַר אַלקימוס'ן און אַלקימוס האָט ווידער אַ זאָג געטאָן אין העברעאיש צו זיין אָנקעל:

— זאָג מיר, אָנקעל, שנעלער, וואָס זאָל איך טאָן? איך האָב מורא, אַז צו יעדער מינוט קאָן אָנלויפען אַ שליח פון באַקכידעס'ן און מיך אַרעס־טירען. דו זעסט דאָך, אַז די אָפיצירען דאָ וויסען נאָך גישט פון מיין נייעם אומגליק, דעריבער גיבען זיי מיר אָפּ כבוד, אָבער לאַנג קאָן איך דאָ נישט פאַרבלייבען.

— אויב אזוי — האָט רבי יוסי געענטפערט מיט ערנסט — אויב דו ביזט ווילינ אויסצוקויפען דיינע זינד דורך דעם טויט, פאַר וואָס זאָלסטו ניט באַגעהן זעלבסטמאָרד מיט דער כוונה פון אַ ריכטיגער תשובה צו גאָט?

— איך פאַלג דיך? איך וועל עס שוין דורכפיהרען! סיי־ווי בין איך שוין איצט א פארלאָרענער — האָט אלקימוס אויסגערופען א צוהיצטער.

— ניין, ניט אַזוי דאַרפסטו רעדען — האָט ר' יוסי שנעל פאַרכאַפּט — ניט ווייל דו ביסט סיי־ווי אַ פאַרלאָרענער, דעריבער וועסטו באַגעהן זעלבסט־מאָרד, נאָר ווייל דו ווילסט שטאַרבען „על קידוש השם", אַז אַלע אידען זאָלען וויסען אַז דו האָסט תשובה געטאָן פאַר'ן טויט.

— געוויס! געוויס! — האָט אַלקימוס אויסגערופען אָן אָטעם. — איך וואָלט אפילו געקענט איצט אַנטלויפען פון ארץ ישראל און דאדורך זיך

ראַטעוועז פון טויט, אָבער איך וויל בעסער שטאַרבען „על קידוש השם״, ווייל עס ברענט אין מיר א העלישער פייער פון געוויסענביסע אויפ׳ן גרויסען אומגליק וואָס איך האָב געבראַכט אויף דיר און אויף די דאָזיגע אַלע פאַר׳משפט׳ע . . .

— אויב אַזוי, וועסטו זיכער זוכה זיין אַז דיין נשמה זאָל אַרונטער־געגומען ווערען אונטער די פליגלען פון גאָט׳ס שכינה — האָט רבי יוסי געענטפערט מיט שמחה.

אין נעקסטען אויגענבליק האָט אַלקימוס זיך פאַראַפשיידעט פון זיין אָנקעל און ער האָט האַסטיג אַפּגעריטען פון „נחל קדרון״.

קאַפּיטעל 48

# רבי יוסי ווערט געהאַנגען. — אלקימוס באַגעהט זעלבסטמאָרד.

דער „נחל קדרון״, דער טיפער טאָל מיט׳ן נאָמען „קדרון״, וועלכער געפינט זיך צו צפון זייט פון דער שטאָדט ירושלים, איז געוועזן פול מיט מענשען. פילע הונדערטע גריכישע סאָלדאַטען האָבען געהאַלטען אָרדענונג איבער די גרויסע מאַסע צושויער פון די אידען, גריכען, און פון פילע אַנדערע פעלקער, וועלכע זיינען געקומען יענעם פריהמאָרגען צו צוקוקען צו דעם טויט פון די דרייסיג חשוב׳סטע אידען וועלכע וועלען באַלד געהאַנגען ווערען, איינער נאָכ׳ן צווייטען, אויף דער תליה, וועלכע איז שוין געשטאַנען גרייט.

דער גענעראַל באַקכידעס זעלבסט איז יענעם פריהמאָרגען געזעסען ביי זיך צו הויז פאַרטיפט אין זיינע שווערע און מידע געדאַנקען און ער האָט געמורמעלט:

— צום טייוועל מיט אַלע אידען! ווייזט אויס אַז אַלקימוס האָט מיך געוואָלט פאַרפיהרען אין אַ נעץ. ער האָט מיך אָנגעשראָקען אַז די חשמונאים האָבען מיך פאַר׳מסרט פאַר׳ן קעניג אַז איך בין רעוואָלוציאָנעריש געשטימט געגען איהם און אַז איך האָב געשלאָסען א בונד מיט אַלעקסאַנדער באַלאַס. צום סוף האָב איך היינטיגע נאַכט באַקומען די ידיעה פון קעניג אַז אַלקימוס זעלבסט איז גאָר א רעוואָלוציאָנער און ווי עס ווייזט אויס, בין איך אליין גאָרנישט אונטער׳ן חשד ביים קעניג, ווייל דער שליח פון קעניג האָט דאָך מיר באַפוילען שוין צו טויטען אלקימוס׳ן . . .

און דאָס טראַכטענדיג און מורמלענדיג צו זיך זעלבסט, האָט באַקכידעס זיך דערמאָנט אין די דרייסיג פרומע אידען, וועמען מען האָט פאַר׳משפט

צום טויט צוליב אלקימוסעס פלענער, ווער ווייס אויב עס איז נאָך נישט צו־שפעט צו כאַפּען צוריק.

באַקכידעס האָט זיך האַסטיג אַ הויב געטאָן פון שטול און איז אַרויס־געלאָפען אין דרויסען און האָט אַ געשריי געטאָן צו זיינע עטליכע סאָלדאַטען:

— שנעלער ברענגט מיר אַהער מיין פערד! — מיר מוזען ווי אַמשנעל־סטען אַפּרייטען צום „נחל קדרון" און אָפּשטעלען די דורכפיהרונג פון טויט־אורטייל איבער די אומשולדיגע דרייסיג פרומע אידען.

די סאָלדאַטען האָבען באַלד אַרויסגעפיהרט דאָס פערד פון שטאַל און באַקכידעס האָט מיט איין שפרונג זיך אַרויפגעכאַפּט אויפ'ן פערד און האָט אָנגעהויבען צו גאַלאָפּירען.

---

ווען אלקימוס האָט זיך פאַראָפּשיידעט און האָסטיג אָפּגעריטען פון זיין אָנקעל האָבען די סאָלדאַטען גלייך צוגעפיהרט דעם ווירדיגען רבי יוסי צו דער תליה און האָבען איהם געבונדען הענט און פיס.

רבי יוסי איז געשטאַנען באַוועגלאָז מיט אָפענע אויגען צום גרויסען פובליקום און ער האָט אויסגערופען:

— מיין טייערער תלמיד רבי יהושע בן פרחיה! קום צו נעהענטער צו מיר! אידער איך געה אַוועק פון דער וועלט, וויל איך דיר איבערגעבען מיין ברכה און אָנזאָג, אַז דו זאָלסט פאַרנעמען מיין פּלאַץ אַלס נשיא פון דער סנהדרין און דיין חבר רבי נתאי הארבלי זאָל זיין דער פאַרזיצער. איהרביידע זאָלט פאַרזעצען די הייליגע לעהרע פון תורת משה צום אידישען פאָלק, וועל־כעס איז איבערגעגעבען געוואָרען פון משה רבנו צו יהושע'ן, צו די זקנים, צו די נביאים, צו די „אנשי כנסת הגדולה", פון וועמען דער הייליגער שמעון הצדיק איז געוועזן דער לעצטער און ער האָט געלערענט מיט זיין תלמיד רבי אנטיגנוס איש־סוכו, און איך מיט מיין חבר רבי יוסי בן יוחנן האָבען איבער־גענומען פון רבי אנטיגנוס און עס איבערגעגעבען צו דיר מיט דיין חבר.

רבי יוסי האָט פלוצלינג אָנגעהויבען צו שמייכלען און ער האָט אויס־גערופען:

— ברידער פון פאָלק ישראל! איהר זאָלט וויסען, אַז אין דעם דאָזיגען מאָמענט האָט די נשמה פון יקום־איש־צרורות, אָדער אלקימוס, דער געוועזע־נער מתיון, דערגרייכט אונטער'ן כסא הכבוד . . . ווייל . . .

רבי יוסי האָט שוין ניט אויספייעט צו פאַרענדיגען זיינע ווערטער ווייל אין זעלבען מאָמענט האָט דער אָפיציר אַ וואונק געטאָן צו דעם תליון און דער לעצטער האָט פאַרוואָרפען די שטריק איבער רבי יוסי'ס האַלז און אין

נעקסטען מאָמענט האָט דער קערפּער זיך שוין געצאַפּעלט אין דער לופטען...

— באַקכידעס! באַקכידעס! — האָט אָנגעהויבען שטורמען פון אַלע זייטען, און אין עטליכע סעקונדען נאָכדעם איז שוין דער גענעראַל באַקכידעס געווען נעבען דער תליה און קוים וואָס ער האָט געקענט אויס־שרייען:

— שנעלער! לאָזט אַראָפּ דעם געהאָנגענעם!

די אָפיצירען האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען און האָבען האַסטיג אַראָפּגעלאָזען דעם געהאָנגענעם רבי יוסי בן יועזר.

— שנעלער ברענגט אַהער אַ רופא — האָט באַקכידעס אַ געשריי גע־טאָן און ער איז באַלד צוגעלאָפען צום גוסס׳דיגען אלטען נשיא רבי יוסי, וועלכער איז איצט געלעגען מיט אַ בלוי־שוואַרצען געזיכט אויסגעצויגען אויף דער ערד און ער האָט קוים געקענט אָפּאָטעמען.

צווישען דער גרויסער אידישער מאַסע צושויערס איז דורכגעלאָפען אַ שטילער זשום. וואָס איז דאָ געשעהן? ווער ווייסט אויב מען וועט נאָך קענען אָפּראַטעווען דעם ווירדיגען חסיד שבכהונה רבי יוסי בן יועזר. עס זיינען באַלד אָנגעלאָפען עטליכע גריכישע רופאים און באַקכידעס האָט אַ געשריי געטאָן.

— ראַטעוועט דעם מאַן! א טויט וואָרט שוין אויף אייך אַלעמען. וואָס האָט איהר זיך געיאָגט אזוי שנעל מיט דער תליה?

צווישען די אָפיצירען איז געוואָרען אַ מהומה. זיי האָבען בשום אופן ניט געקענט באַגרייפען וואָס עס איז געשעהן מיט דעם גענעראַל באַקכידעס, וועלכער איז אימער געווען אַזוי גרויזאַם צו די פרומע אידען.

דערווייל האָט באַקכידעס זיך א קעהר געטאָן צום הויפּט אָפיציר און האָט אַ געשריי געטאָן:

— ווער זיינען די אַלע געבונדענע?

— דאָס זיינען דאָך די דרייסיג פרומע אידען וואָס דער האַר האָט פאַר־משפּט צו שטאַרבען אויף דער תליה — האָט דער אָפיציר געענטפערט מיט שרעק.

— אַ תליה פאַר אַלע מתיונים! ניט פאַר זיי! — האָט באַקכידעס אַ דונער געטאָן — שנעל לאָזט אַלעמען פריי.

דער אָפיציער איז געוואָרען צומישט און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, אָבער באַקכידעס האָט ווידער אַ געשריי געטאָן:

— לומפּען! טויגעניכטסען! וואָס שטעהט איהר מיט פאַרלייגטע הענט? שנעלער לאָזט אַלעמען פריי.

עס איז באַלד געוואָרען אַ גערודער. עטליכע אָפיציערען מיט סאָל־דאַטען האָבען אָנגעהויבען שניידען די שטריק מיט וועלכע די נייַן און צוואַנ־ציג פרומע אידען זיינען געווען געבונדען. יעדער פריי־געוואָרענער איד איז געבליבען שטעהן אָהן לשון מיט אַ בלאַסען געזיכט ניט וויסענדיג וואָס צו טאָן.

דערווייל האָט באַקכידעס זיך אַרויפגעכאַפּט אויף זיין פערד און האָט אַ געשריי געטאָן צו עטליכע אָפיציערען:

— נעמט פופציג מאַן און קומט מיט מיר! מיר מוזען כאַפּען דעם פאַררעטער אלקימוס׳ן.

— גנעדיגער הער גענעראַל! — האָט איין אָפיציער אַ פרעג געטאָן — וואָס זאָלען מיר טאָן מיט די באפרייטע פאר׳משפט׳ע?

— אָנשטאָט אַן ענטפער צום אָפיציער האָט באַקכידעס אַ געשריי געטאָן צו די באַפרייטע אידען:

— וואָס שטעהט איהר? אַהיים! שנעלער גייט אַהיים!

— הידד! הורא! — האָט אַ דונער געטאָן די שטימע פון דער גרויסער מאַסע אידען, און אין די נעקסטע עטליכע מינוט האָט זיך אָנגעהויבען אַ יאָ־געניש און א שטופּעניש פון אלע זייטען. פיעלע פריינט, קרובים, זיהן און טעכטער, איידעמס און שניר, זיינען צוגעלאָפען צו די דרייסיג באַפרייטע אי־דען און פאַלענדיג זיי אויף די העלזער האָבען זיי אויסגעבראָכען אין גרויס געוויין פון שמחה.

די באַפרייטע זיינען געשטאַנען שטום. זייער לשון האָט זיך אָפּגעטאָן פון זיי. מען האָט זיי געהאַט געבונדען הענט און פיס און זיי האָבען געזעהן דעם מלאך המות פאַר די אויגען און דעריבער האָבען זיי נאָך אַלץ ניט גע־קענט קומען צו זיך אפילו נאָכדעם ווי מען האָט זיי שוין באפרייט.

— געלויבט איז גאָט פאר זיין גרויסען נס! — האָבען פיעלע אידען געשריען איינער צום צווייטען.

— די מכבים! די חשמונאים! זיי קומען! אָט זיינען זיי — האָט מען אָנגעהויבען שרייען מיט באַנומענע קולות פון שמחה, און מען האָט אָנגעהויבען לויפען אַנטקעגען די געסט.

אין עטליכע מינוט שפּעטער האָט זיך באַוויזען יונתן מיט די ערשטע פאַר צענדליג רייטערס אַראָפּגידערענדיג פון דעם הויכען באַרג אין טאָל אַריין. עס איז געוואָרען אַ געלויף פון אַלע זייטען. מענער און פרויען האָבען אָנגעהויבען שרייען.

— ברוכים הבאים בשם ה׳! אַה! אַ גליק איז געשעהן! נסים פון אַלע זייטען.

דערווייל האָט דער גאַנצער „גדוד המכבי״ אַראָפּגעגידערט אין דעם „בחל קדרון״ און יונתן האָט געגעבען א סיגנאַל צו בלייבען שטעהן.

באַלד זיינען צוגעלאָפען צו יונתנ׳ען עטליכע אידען און האָבען איהם איבערגעגעבען וואָס דאָ איז נאָר וואָס פאָרגעקומען, און צום סוף האָבען זיי אויסגערופען:

— גאָט האָט אייך איצט צוגעשיקט צו אונז, וואו זייט איהר געווען די גאַנצע צייט? מיר זיינען דאָך געווען „כצאן בלי רועה״, אַזוי ווי שעפּסען אָהן אַ פּאַסטוך.

יונתן האָט באַלד אויסגערופען:

— ברידער! דאַנקט און לויבט אונזער גאָט פאַר׳ן גרויסען חסד וואָס ער האָט געטאָן מיט אונז ביז היינט און נאָכמעהר, פאַר׳ן גרויסען חסד וואָס ער וועט טאָן מיט אונז אין די גאָר נאָהנטע טעג.

צווישען דעם גרויסען עולם איז געוואָרען אַ שושקעריי:

— וואָס דען? — האָט איינער געשריען צום צווייטען — איך האָב אַלע מאָל געזאָגט, אַז יונתן מיט זיין פּאָליטישען כח וועט ברענגען אַ ישועה אויף אונז.

— לאָמיר שוין זיך אַ נעם טאָן צו די גריכען! — האָט איינער פון דער מאַסע אויסגעשריען — לאָמיר זיי פאַרטרייבען פון ירושלים.

יונתן האָט דערהערט דעם אויסגעשריי און ער האָט שטילערהייט א זאָג געטאָן צו זיין אדיוטאַנט:

— שפטיה! מאַך אַ שטיקעל אָרדנונג מיט די צעיושעטע ברידער. עס קען דאָ באַלד אויסברעכען אַ ריכטיגע שלאַכט. מיר מוזען דערווייל האַנדלען מיט געלאַסענקייט.

שפטיה האָט שנעל זיך אַ יאָג געטאָן אויף זיין פלינקען פערד, און דורכלויפענדיג די שורות פון דעם גדוד האָט ער געהאַלטען אין איין אויס־שרייען:

— חברים, שנעל צו אָרדנונג! מיר מוזען צוטרייבען דער צעיושעטער מאַסע אידען, וועלכע זיינען איצט באַרוישט פון צופיעל שמחה. נאָר גע־דענקט! קיינע געוואַלדטאַטען! לאַנגזאַם, רוהיג און מיט יושר. זיי זיינען אונזערע ברידער.

באַלד האָט זיך דער גאַנצער גדוד א לאָז געטאָן מיט זייערע פערד

אויף אַלע זייטען פון דער מאַסע און יעדערער פון גדוד האָט אָנגעהויבען טרייבען דער מאַסע מיט'ן אויסגעשריי:

„איש לאהלך ישראל!" יעדער איד זאָל שוין געהן אַהיים.

אין פאַרלויף פון אַ האַלבע שעה איז דער „נחל קדרון" געוואָרען אויס־געליידיגט פון דער גרויסער מאַסע אידען. עס זיינען בלויז פאַרבליבען יונתן מיט זיין גדוד און עטליכע חשוב'ע אידען פון שטאָדט וועלכען האָבען נאָך אַלץ געשמועסט מיט יונתנ'ען.

---

ווען אלקימוס דער מתיון כהן גדול, האָט זיך פאַראַפשיידעט פון זיין, צום טויט געפירטען, אָנקעל רבי יוסי בן יועזר, איז ער שנעל אַפגעריטען צו אַן איינזאַמען פלאַץ ווייט הינטער'ן שטאָדט.

אַלקימוס האָט שוין געהאַט אַ פאַרטיגען באַשלוס נאָך איידער ער האָט זיך געזעהן מיט זיין אָנקעל. ער האָט שוין געוואוסט, פון זייט מיטען־נאַכט, ווען עס איז אָנגעקומען דער ספּעציעלער שליח פון קעניג דימיטריאוס צום גענעראַל באַקכידעס, אַז אַט־אַט און באַקכידעס וועט הייסען אַרעסטירען אַלקי־מוס'ן און אים טויטען, ווייל אַזוי וויל דער קעניג.

אלקימוס האָט נים געוואוסט גענוי די אורזאַכע, וואָרום דער קעניג וויל איהם טויטען? אָבער דער פאַקט זעלבסט, וואָס איינער פון באַקכידעס'עס אָפיציערען איז געקומען צולויפען צו איהם, אלקימוס'ן, אין מיטען נאַכט און ער האָט איהם איבערגעגעבען דעם באַפעהל פון קעניג, איז געווען גענוג פאַר איהם אַז ער זאָל זיך פיהלען פאַרלוירען.

אלקימוס האָט פון אָנהויב געטראַכט וועגען אַנטלויפען פון לאַנד אָבער גאָר שנעל איז ער געקומען צום באַשלוס אַז דאָס טויג ניט ווייל וואוהין וועט ער לויפען? אין סיריע טאָר ער דאָך ניט קומען צוליעב דעם קעניג'ס פלוּ־צימדיגען כעס אויף איהם. אין אדום, עמון און מואב, קען ער אויך ניט קומען ווייל זיי זיינען שונאים סיי צו די גריכען און סיי צו די אידען.

דערוויַיל האָט אַלקימוס אָנגעהויבען ציטערען מיט אַלע גלידער פון גרויס שרעק. עס איז איהם געקומען אויפ'ן געדאַנק די געשיכטע מיט'ן נאָר וואָס אומגעקומענעם מענעלאָס'ען, זיין געוועזענער חבר, דער פאַריגער כהן־גדול, וועלכער האָט אליין אראַפגעשפּרונגען פון דעם ציטאַדעל און איז געבליבען טויט. יאָ, גאַנץ גלייך האָט מענעלאָס געטאָן, האָט אַלקימוס גע־טראַכט ביי זיך, און גלייך נאָכדעם האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם טויט פון יאַזאָנען, דעם ערשטען מתיון כהן־גדול, וועלכער איז אַנטלאָפען צוליעב מענעלאָס'ען און ער איז געטויטעט געוואָרען דורך אַ מיסטעריעזע האַנט . . .

אַלקימוס איז אַריינגעפאַלען אין אַ מיסטישען קאָמפּלעקס. זיינע געדאַנקען האָבען איצט שוין פונקציאָנירט בלויז מיט אַ רעליגיעזען ציטער. נאָכאַלעמען איז ער דאָך פאַרט געווען, ניט נאָר אַ געבאָרענער יחסן פון די כהנים נאָר אויך, אַ זון פון אַ גאָר חשוב׳ע פאַמיליע. זיין אָנקעל איז דער גרעסטער אידישער למדן און נשיא פון דער סנהדרין און פיל מאָל פלעגט זיין מוטער, די שטילע פרומע און איידעלע שוואַכע פרוי, זיך בעטען ביי איהר „תכשיט״ אז ער זאָל איהר ניט פארשווארצען דעם פּנים סיי דאָ אויף דער וועלט און איבערהויפּט דאָרטען אויף יענער וועלט ווען זי וועט, איבער הונדערט מיט צוואַנציג יאָהר, קומען אַהין.

אלקימוס האָט איצט אויפגעשוידערט זיך דערמאָנענדיג ווי זיין מוטער, שוין ליגענדיג אויפ׳ן שטערבליכען בעט קורץ פאַר׳ן טויט, האָט איהם אָנגעזאָגט מיט׳ן האַרבען וואָרט:

— אלקימוס! מיין גאַנצען לעבען האָב איך געהאָפט אז דו וועסט צוריק ווערען אַ פרומער איד, אָבער איצט, נאָכדעם ווי מיין האָפנונג איז צערונען געוואָרען און איך געה שוין אַוועק פון דער וועלט, וויל איך שוין ניט מעהר האָפען... איך פאַרזאָג דיר אַז דו, רשע, זאָלסט ניט וואַגען צו קומען צו מיין קבר... איך וויל ניט אַז דיינע, מיט אידישע בלוט, באַפלעקטע הענט זאָלען אָנריהרען מיין מצבה. פאַרשאָלטען זאָלסטו זיין בייטאָג און פאַרשאָלטען זאָלסטו זיין ביינאַכט. דו זאָלסט ניט שטאַרבען מיט אַ געוועהנליכען טויט. דו זאָלסט — — — און דערביי האָט זי אויסגעהויכט איהר נשמה.

אלקימוס געדענקט זעהר גוט ווי דעמאָלט האָט זיין אָנקעל, רבי יוסי בן יועזר, ניט דערלאָזען אַז אלקימוס זאָל גאָר שטעהן נאָהענט נעבען זיין מוטער׳ס ארון. אמת, ער, אלקימוס, וואָלט דעמאָלט געקענט מאַכען אַש און בלאָטע פון זיין אָנקעל פאַר זיין חוצפה קעגען איהם, אָבער ער האָט זיך אָפּגעהאַלטען טאַקע צוליעב זיין מוטער׳ס ווערטער וואָס זי האָט גערעדט צו איהם פאַר׳ן טויט... אָבער איצט, זייענדיג אין אַזאַ צרה׳דיגען קלעם, האָט אלקימוס אָנגעהויבען פילען אַז זיין מוטער׳ס רייד זיינען פולגעוויכטיג און אַז איצט מוז איהר נשמה געוויס אַרומשוועבען דאָ אין הויז און לאַכען און אָנקוועלען מיט אַ ראַכע־געפיהל פון איהר אייגענעם מתיון זוהן...

אַלקימוס האָט ניט ווילענדיג אַרויסגעלאָזען אַ טיפען פאַרשטיקטען ברום:

— מאַמע! דו האָסט רעכט! מיין צייט איז געקומען צו ליידען די

שטראף פאר אלע מיינע זינד — און אין דעם נעקסטען מאמענט האט ער זיך צעלאכט מיט א ביטערען געלעכטער און האט א מורמעל געטאן:

— יא! איך בין וויליג צו שטארבען אבער ניט דורך באקכידעס'עס האנט — און גלייך נאכדעם איז ער ארויסגעלאפען פון הויז און האט האסטיג אפגעריטען צו זיין אנקעל רבי יוסי וועמען ער האט שוין געטראפען געפיהרט צום טויט און דער לעזער ווייס שוין פון דעם געשפרעך וואס עס איז פאר־געקומען צווישען אלקימוס'ען מיט זיין אנקעל.

— ענדליך האב איך פארט זיך געכאפט אין צייט — האט אלקימוס געמורמעלט צו זיך זעלבסט אין דער צייט ווען ער האט האסטיג גאלאפירט פון דעם „נחל קדרון" צו דעם וויטען איינזאמען פלאץ הינטער'ן שטאדט — דו גאט פון ישראל ביזט גערעכט. אבער איך וויל דיר ווייזען אז מיין הארץ איז איצט פולשטענדיג איבערגעגעבען מיט ליבע און עהרפורכט צו מיין רעליגיאן, לאנד און פאלק. איך וויל אז די קומענדע דורות זאלען וויסען אז איך בין געווען א ריכטיגער בעל תשובה אין די לעצטע שטונדען פון מיין לעבען, און איך האף אז מיין אנקעל'ס הייליגע נשמה, וועלכע וועט אויך באלד ארויפגעהן צום הימעל, וועט זיכער מיר העלפען אז מיין זינדיגע נשמה זאל באקומען א לייכטערען שטראף אויפ'ן עולם האמת . . .

און ווירקליך איז אלקימוס געווען אין יענער שטונדע אן אמת'ער בעל תשובה. ער האט גאלאפירט אויף זיין פערד און געשעפט אין זיך די פרישע שמעקעדיגע פריהמארגען לופט מיט אזא פרעהליכען געמיט אזוי ווי ער וואלט עס געלאפען צו עפעס א טאנץ. זיינע אויגען זיינען געווען ברייט צועפענט און אויף זיינע ליפען האט שימערירט א לייכטער צופרידענער שמייכעל ווי איינער וואס האט נאר וואס דורכגעפיהרט עפעס א גאר וויכטיגע און באדייטונגספולע שטיקעל ארבייט.

— „לך ה' הצדקה ולנו בושת הפנים!" — האט אלקימוס כמעט ווי געזונגען דעם פסוק צו זיך זעלבסט — „דו גאט ביזט גערעכט און מיר מתיונים באדארפען זיך איצט שעמען". אבער ניט איך! איך געה באוויזען וואס א בעל תשובה קען אויפטאן! . . .

אלקימוס איז געווען צופרידען מיט זיך פון זיין איצטיגען באשלוס, און אנקומענדיג אויף אן איינזאמען פלאץ האט ער באלד זיך א נעם געטאן צו דער ארבייט:

דאס ערשטע האט ער אפגעבראכען עטליכע צווייגען פון די ארומיגע בוימער און ער האט זיי אויסגעלייגט אין א גוטער ארדנונג נעבען א גרויסען בוים, דאן האט ער מיט זיין שווערד צעשניטען דעם ברייטען און לאנגען

מאַנטעל וואָס ער האָט געטראָגען אויף זיך און ער האָט געמאַכט דערפון אַ לאַנגען פעסטען שטריק. נאָכדעם האָט ער אַרומגערינגעלט דעם הויפען צווייגען מיט פילע שטיינער, אזוי אז ביי דער ערשטער צעפאַלונג פון די צווייגען זאָלען די שטיינער אויך איינפאַלען צו דער אינערליכער זייט.

ווען דאָס אַלעס איז שוין געווען פאַרטיג, האָט אַלקימוס אַריינגעשטעקט זיין שפיציגען שווערד צווישען די צווייגען מיט'ן שפיץ ארויף און ער האָט גלייך אוועקגעפיהרט זיין פערד צו א ווייטערען פלאַץ און אומקעהרענדיג זיך צוריק צו דעם גרויסען בוים האָט אלקימוס פאַררייסען דעם קאָפּ צום הימעל און ער האָט אויסגערופען:

— אָ, גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב! היינט האָסטו געעפענט מיינע אויגען אַז איך זאָל קענען זעהן און פאַרשטעהן דיין גרויסקייט, אַז נאָר דו פיהרסט די וועלט לויט דיין באגעהר. ערשט היינט האָסטו געשאַפען אין מיר אַ נייע ריינע האַרץ צו פיהלען דעם געטליכען פונק אין מיין ביז אַהעריגע זינדיגע נשמה. איך בין ווילִיג צו שטאַרבען „על קדוש השם", און דעריבער בעט איך דיר אַז דו זאָלסט צוקוקען צו דאָס וואָס איך געה איצט טאָן און זאָלסט מיר פאַרגעבען מיינע זינד. איך וויל אָפּקומען פאַר אַלעס, דאַדורך וואָס איך וועל דורכפיהרען אויף מיין קערפער די אַלע פיר סאָרטען טויטען לויט ווי די אידישע תורה שרייבט פאָר. איך וועל זיך באלד אויפ־הענגען אויפ'ן בוים און ווען דער פייער פון די צווייגען וועט דערגרייכען צו די שטריק אויף וואָס איך וועל הענגען, וועט עס אָפּברענען און איך וועל אַראָפּפאַלען אויפ'ן פייער פונקט קעגען דעם שפיץ פון מיין שווערד וועלכער איז אויפגעשטעלט מיט'ן שאַרף אַרויף און אַזוי אַרום וועל איך פאַלען אויפ'ן שווערד, וועלכער וועט דורכלעכערען מיין האַרץ און גלייך נאָכדעם וועל איך זיך אָנהויבען סמאַליען אין דעם פייער און ווען דאָס פייער וועט אָנהויבען צו ווערען שוואַכער דאַן וועלען די אַרומיגע שטיינער, וואָס איך האָב צונויפ־געשטעלט אַרום די צווייגען, אָנהויבען איינפאַלען אויף מיר און אַזוי אַרום וועל איך האָבען דורכגעפיהרט אויף מיר די פיר סאָרטען טויטען פון חנק, הרג, שרפה און סקילה.

— איך בעט דיר, גאָט! זיי מיר מוחל פאַר'ן טויט און נעם אויף מיין נשמה נאָכ'ן טויט!

און אַזוי ווי צו אַ גרויסע שמחה האָט אַלקימוס גלייך נאָכדעם פאַרוואַר־פען דעם אייגענעם געמאַכטען שטריק אויף אַ הויכען צווייג פון דעם בוים און ער האָט שנעל אָנגעצונדען די אָנגעלייגטע צווייגען פון אונטען.

אין די נעקסטע עטליכע מינוט איז שוין אלקימוס געווען אַרויפגעקראָ־

כען אויפ'ן בוים און נאָכדעם ווי ער האָט ארומגעבונדען דעם צווייטען עק שטריק אַרום זיין האַלז האָט ער זיך געגעבען אַ האַסטיגען שטויס אין דער לופטען און איז געבליבען הענגען אויף זיין אייגען געמאַכטע תליה.

עס האָט געדויערט בלויז איניגע מינוטען און דער פלאַם פון די אונ־טערשטע צווייגען האָט דערגרייכט צו די העכערע צווייגען פון בוים און באַלד האָט זיך אָנגעצונדען די שטריק אויף וועלכע אלקימוס איז געהאָנגען און ווען די שטריק האָט זיך איבערגעברענט, האָט דער קערפּער פון אלקימוס'ן אַראָפּגעקראָכט גלייך איבער'ן שווערד און איז באַלד ארומגעכאַפּט געוואָרען פון די פלאַמען.

און אין יענע מאָמענטען, ווען אַלקימוס איז שוין געווען טויט, ליגענדיג אין די פלאַמען און באַוואָרפען מיט די איינגעפאַלענע שטיינער פון אַרום, האָט עס רבי יוסי בן יועזר אויסגערופען זיינע לעצטע ווערטער, איידער דער תליון האָט איהם אויפגעהאָנגען, אַז די נשמה פון אלקימוס איז שוין אויפגענומען געוואָרען אונטער'ן כסא הכבוד.

קאַפּיטעל 49

# דער דאָפּעלטער שלום־בונט. — די מכבים פאָהרען אַרויס העלפען דעם קעניג.

שוין עטליכע טעג ווי אין ירושלים הערשט אַ גרויסע שמחה געמישט מיט אַ טרויער. אידען פּרובירען מאַכען זייערע אייגענע אויסטייטשונגען צו די לעצטע געשעהענישען. עפּעס אַזוי ראַפּטום שנעל איז פאָרגעקומען אַזאַ איבערקערעניש אין לאַנד. דאָכט זיך אַז ערשט עטליכע וואָכען ווי יהודה המכבי איז געפאַלען טויט פון באַקכידעסעס שווערד און איצט האָט פּאַסירט אַזאַ גרויסע ענדערונג. נישט נאָר איז דער אַנטלאָפענער יונתן מיט זיין גדוד צוריקגעקומען קיין ירושלים נאָר אויך האָט ער שוין באַוויזען צו שליסען אַ שלום מיט באַקכידעסען.

אָבער צוזאַמען מיט דער שמחה, האָבען אידען געטרויערט אויפ'ן טויט פון זייער גרעסטען רבי'ן יוסי בן יועזר וועלכער, כאָטש געראַטעוועט פון דער תליה, האָט ניט געקענט קומען צו זיך און ער איז געשטאָרבען אויפן צווייטען טאָג. רבי יהושע בן פּרחיה האָט געמאַכט א הספד איבער זיין רבין אין דעם גרעסטען בית־מדרש פון שטאָט און ער האָט אויסגערופען:

— איצט אַז מיר האָבען שוין זוכה געווען צו דעם אָנפאַנג פון דער גאולה מוזען מיר אויך אַכטונג געבען אַז דער סוף זאָל זיך אויסלאָזען צו

גוטען. אונזער העלדישער פיהרער יונתן דער חשמונאי האָט שוין געשלאָסען אַ בונד פון שלום מיט באַקכידעס׳ן אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלעס. עס ווענדעט זיך ווי אַזוי איהר אַלע וועט איצט פאַרשטעהן אָט דעם נייעם אונערוואַרטעטען שלום מיט באַקכידעסען . . .

— איהר דאַרפט וויסען, רבותי! — האָט רבי יהושע אַ געשריי געטאָן מיט גרויס אימפּעט און טרויער — צופיעל הייליגע בלוט פון אידישען פאָלק האָבען מיר פאַרגאָסען ביז איצט. אונזער אַמאָליגער כהן־גדול חוניו דער דריטער איז געטויטעט געוואָרען אין אַנטיאָכיע; דער געטליכער אלעזר הצדיק איז אומגעקומען „על קדוש השם״; די גאָט׳ס פאַרכטיגע חנה מיט איהרע זיבען פרומע קינדער זיינען געטויטעט געוואָרען; אונזערע גרעסטע אידישע העלדען, יהודה המכבי און זיין ברודער אלעזר, זיינען געפאַלען טויט אין דער מלחמת־מצוה פאַר אונזער לאַנד און פאָלק; אויך דער אידעלער יוחנן החשמונאי איז נעבעך געפאַלען טויט אויפ׳ן צווייטען זייט ירדן דורך די רוצח׳ישע הענט פון די נעבאַטים, און איצט האָבען מיר פאַרלאָרען אונזער גרעסטע קרוין פון קאָפּ אונזער גרויסען רבין דעם איש האלוקים דעם געט־ליכען מאַן און נשיא פון דער סנהדרין רבי יוסי בן יועזר, וועלכער איז אומ־געקומען דורך די גריכישע הענט און איז געהאַנגען געוואָרען און נאָכהער גע־שטאָרבען אויפן צווייטען טאָג; ווייל כאָטש באַקכידעס האָט אים שנעל גע־ראַטעוועט פון דער תליה איז עס אָבער שוין געווען צו שפּעט. רבי יוסי האָט נעבעך אָנגעהאַלטען אין זיין גסיסה צושטאַנד צוויי טעג און איז געשטאָרבען.

— אָט די אַלע הייליגע בלוטען האָבען געמאַכט אַ גרויסען רושם פאַר׳ן כסא הכבוד און דער רבונו של עולם האָט אונז באַוויזען אַן אָנפאַנג פון דער גאולה. „ואמר לך בדמיך חיי!״ גאָט רופט און זאָגט: „דורך אָט די פילע בלוטען וואָס דו ישראל האָסט שוין פאַרגאָסען וועסטו איצט צוריק אויפלעבען״.

— אָבער! — האָט רבי יהושע אַ דונער געטאָן מיט זיין הויכע שטימע — מיינט ניט אַז די אומשולדיגע בלוטען וועלען שווייגען! ניין! דאָס בלוט פון אַמאָליגען נביא־כהן זכריה האָט אויך נישט געשוויגען. דאָס האָט געזאָטען און געקאָכט אַ לאַנגע צייט ביז וואָנען נבוזראדן דער באַבילאָנישער תלין און מערדער האָט עס באַרוהיגט דורך דעם וואָס ער האָט פאַרגאָסען דאַרויף אַנ־דערע טייכען בלוט פון אידישען פאָלק. אונזערע הייליגע זכריה׳ס, די קדושים, וועלכע זיינען אומגעקומען דורכ׳ן שונא׳ס האַנט, קאָכט זייער בלוט און עס זידט. עס פאָדערט ראָכע פון די מערדער. מיר זיינען טאַקע אַ הייליג פאָלק וואָס וויל אויסמיידען ראָכע אַקטען, מיר מוזען אָבער געדענקען אַז „אין שלום אמר ד׳ לרשעים״ „גאָט וויל נישט אַז מיר אידען זאָלען מאַכען שלום מיט

די רשעים". אַ רשע בלייבט אַ רשע, זיין האַרץ בלייבט אימער שלעכט. היינט קען ער רעדען גוטעס און מאָרגען וועט ער ווידער אָנהויבען טאָן שלעכטס.

— יאָ, מיינע ברידער! — האָט רבי יהושע אויסגערופען — איהר ווייסט דאָך וואָס די תורה זאָגט „כי יצר לב האדם רע מנעוריו", „דאָס האַרץ פון דעם מענשען איז שלעכט פון זיין יוגענט אָן", דעריבער האָט אונז גאָט געגעבען אַ וואונדערבאַרע תורה וועלכע זאָל אונז אויסלייטערען און אויסבעסערען, און וואָס מעהר מיר לערנען און היטען אָפּ אונזער הייליגע תורה אַלץ איידעלער, זויבערער, און שעהנער, ווערט אונזער האַרץ און נשמה. אָבער זיי, די רשעים, וועלכע פאַרוואַרפען פון זיך די לעהרע פון אונזער תורה, בלייבען אימער ביי זייער שלעכטסקייט, ביי זייערע געמיינע פראָסטע חיה'שע אינסטינקטען פון מאָרד און רויב. מיר מוזען דעריבער זיך היטען פון די שלום'דיגע רשעים פונקט ווי פון די קריגערישע אידען . . .

— וואוהין צילעוועט ער מיט זיינע רייד? — האָט איין איד אַ פרעג געטאָן זיין שכן.

— האָב געדולד און הער ווייטער — האָט דער צווייטער געענטפערט — מסתמא וועט רבי יהושע באַלד אַרויסקומען מיט זיין פאַרלאַנג.

און אזוי האָט עס טאַקע פאַסירט: רבי יהושע האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגערוהט און האָט ווידער אָנגעהויבען צו רעדען:

— גאָט צו דאַנקען וואָס ניין און צוואַנציג אידען זיינען געראַטעוועט געוואָרען. מיר האָבען אַלע געהערט ווי אונזער רבי האָט אויסגערופען פאַר זיין טויט, אַז אויך די נשמה פון דעם מתיון כהן־גדול אלקימוס איז שוין אַן אויסגעלייטערטע. און כאָטש מיר האָבען אין יענעם מאָמענט ניט פאַרשטאַנען וואָס אונזער רבי מיינט דערמיט, אָבער איצט, ווייסען מיר שוין די באַדייטונג. אלקימוס איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד „על קידוש השם". ער האָט דורכגע־פיהרט איבער זיך זעלבסט אַלע „ארבע מיתות בית דין", די פיר ספעציעלע אידישע שטראָפען, אום אויסצולייטערען זיין זינדיגע נשמה. ער איז געוועזען אַ ריכטיגער בעל תשובה און גאָט האָט איהם מוחל געוועזען.

— און איצט, ברידער! זאָלט איהר וויסען אַז אונזער פיהרער יונתן החשמונאי, וועלכער געפינט זיך צו הויז אין מודעין, האָט מיר בעאויפטראַגט צו רעדען צו אייך און פאָדערען אייער פאַראייניגונג מיט'ן גדוד המכבי . . . מיר מוזען שוין אָנהויבען זיך צוצוגרייטען פאַר ווייטערע טעג . . . איצט, אז איהר אַלע האָט געזעהן מיט אייערע אויגען די נסים וואָס גאָט האָט באַוויזען אַז באַקכידעס האָט פּלוצלינג געמאַכט שלום מיט אונז און געראַטעוועט די ניין און צוואַנציג אידען פון טויט און אויך האָבען צוויי הונדערט גדוד'ניקעס

אוספּייעט אָפּצוהאַלטען אַן ארמיי פון פילע טויזענטע נעבאַטים וועלכע זיינען באַפאַלען יונתן׳ס גדוד אויפ׳ן צווייטען זייט ירדן און עס איז זיי געלונגען צו אַנטלויפען צוריק איבער׳ן ירדן און קומען אַהער. דעריבער מוזען מיר ווייטער שטעהן אויף דער וואַך און זיין צוגעגרייט . . .

— מיר פאַרשטעהען נישט וואָס דו מיינסט — האָט איינער פון די חשוב׳ע כהנים אויסגערופען.

אין בית מדרש איז געוואָרען אַ גערודער. פילע אידען האָבען גענומען מורמלען אַז זיי וויסען אויך נישט וואוהין רבי יהושע בן פרחיה צילעוועט מיט זיין לאַנגע רעדע. אַנדערע האָבען אָנגעהויבען שרייען אַז מען זאָל נישט שטערען די רעדע פון רבי יהושע נאָר לאָזען איהם רעדען.

— שטיל זאָל זיין! — האָט פּלוצלונג זיך דערהערט די שטימע פון דעם העלדישען שפטיה, דער הויפּט אדיוטאַנט פון יונתן החשמונאי, וועלכער איז שנעל צוגעלאָפען צום פּלאַץ וואו רבי יהושע בן פרחיה איז געשטאַנען און מיט׳ן אויסגעשריי האָט ער גלייך איינגעשטילט דעם טומעל אין בית המדרש און ער האָט גלייך גענומען רעדען:

— אונזער רבי יהושע בן פרחיה וועלכער איז שוין מיד פון רעדען, וועט געוויס מיר דערלויבען פאַרזעצען זיין רעדע — און דאָס זאָגענדיג האָט ער צוגעוואָרפען אַ פריינטליכען בליק צו רבי יהושע׳ן.

— איהר זאָלט וויסען ברידער! — האָט שפטיה א געשריי געטאָן — אַז עס איז אונמעגליך פאַר אונז גדוד׳ניקעס צו דערקלעהרען עפענטליך די מאָטיוועו, צילען, און טעטיגקייטען פון אונזער גרויסען פיהרער יונתן החשמונאי. זיינע פּאָליטישע פּלענער מוזען געהאַלטען ווערען בסוד ווייל עס געפינען זיך נאָך פילע נידערטרעכטיגע מתיונים צווישען אונז וועלכע זוכען מיטלען ווי אַזוי אונז שלעכטס צו טאָן דורך זייערע געמיינע מסירות.

— איך וויל אייך פאַרזיכערען, אַז מיט גאָט׳ס הילף וועט אונזער פיהרער יונתן דורכברעכען אַן עפענונג צו אונזער זעלבסטשטענדיגקייט און אבסאָלוטע באַפרייאונג. מיר מוזען אָבער האָבען מיט זיך אַ מאַכט, אַ מיליטערישע קראַפט וועלכע זאָל קענען שטעהן צו דינסט אין דעם הינטערגרונט פון אונזער פיהרערס פּאָליטישע טעטיגקייטען . . . — איך בין געקומען אהער אייך אויפצופאָדערען אַז יעדער יונגערמאַן זאָל זיך גלייך פאַרשרייבען אין דעם גדוד. וואָס מעהר גדודניקעס מיר וועלען האָבען, אלץ זיכערער וועט זיין אונזער לאַגע אין דער נאָהענטער צוקונפט ווייל מיר דאַרפען שוין האָבען כאָטש צעהן טויזענט מאַן! מיר מוזען האָבען אַ דרייפאַכיגען גדוד פאַר די דריי פּראָווינצען פון ארץ ישראל, נעמליך: יהודה, שומרון און גליל.

— געדיינקט ברידער! מיר האָבען איצט א נייע פּאָליטישע לאגע וועלכע איז פאר אונז זעהר גינסטיג און מיר מוזען איהר אויסנוצען פאר אונזער טובה. פארגעסט נישט אז אין אנטיאכיע בלאָזען איצט רעוואָלוציאָנערע ווינטען. דער פּרינץ אלעקסאנדער באלאס וויל פארכאַפּען דעם טראָן און קעניג דימיטריאוס וויל נישט נאָכגעבען דעם פּרינץ׳ס אמביציעס . . . אין אַזאַ צייט וועט יעדער צד, פון די צוויי גריכישע קעמפּענדע פּארטייען, זוכען אונזער הילף . . . דעריבער מוזען מיר זיין גרייט מיט אַ גרויסען גדוד . . .

— הידד! — האָט אַ דונער געטאָן די שטימע פון אַלע פּארזאמעלטע און גלייך נאָכדעם איז געוואָרען אַ גרויסער גערודער אין בית המדרש. מען האָט אָנגעהויבען שרייען פון אַלע זייטען:

— אַט דאָס זיינען ווערטער! איצט פארשטעהען מיר שוין וואָס מען וויל פון אונז!

שפטיה האָט גלייך געמאָלדען צו אלעמען דעם געגויעם פּלאַץ וואו דער קאָמיטעט פון דעם גדוד המכבי זיצט איצט אויפצונעהמען נייע רעקרוטען, און באלד האָט זיך אָנגעהויבען אַ געלויף אהין.

אין דער זעלבער צייט ווען רבי יהושע בן פרחיה און שפטיה האָבען גערעדט פאר פילע הונדערטע אידען אין דעם גרויסען בית־המדרש, איז געזע־סען באקכידעס אין זיין פּאלאַץ אין ירושלים און ער האָט דערוואַרטעט יונתן החשמונאי ער זאָל קומען צו איהם אין ירושלים און אונטערשרייבען דעם צוגעגרייטען שלום קאָנטראַקט וועלכעס איז אויסגעשטעלט געוואָרען נאָך פילע דינגעגישען פוןביידע צדדים, צווישען איהם, באקכידעס׳ען, און צווישען די צוויי אידישע פאָרשטעהערס, יואש און זבדי, וועמען יונתן האָט בעאויפ־טראגט צו שליסען דעם קאָנטראַקט.

באקכידעס האָט שוין געהאַט באקומען אַן אויפרוף פון קעניג דימיט־ריאוס אז ער זאָל ווי אַמשנעלסטען שליסען שלום מיט די אידען און אז יונתן דער חשמונאי זאָל חתמ׳נען דעם שלום קאָנטראַקט און דאַן זאָל ער, באקכידעס תיכף ארויסקומען מיט פופצעהן טויזענט סאָלדאַטען נאָך אנטיאָכיע.

דער קעניג דימיטריאוס האָט געלאָזט וויסען באקכידעס׳ן אז די רע־וואָלוציע פון אלעקסאנדער באלאס, קעגען איהם, האָט זיך צעפלאַקערט גאָר שטארק און דעריבער מוז ער האָבען וואָס מעהר געטרייע סאָלדאטען און גע־נעראלען מיט זיך אין אנטיאכיע.

דער געגעראל באקכידעס האָט זיך פון אָנפאַנג דערשראָקען, טאָמער מיינט דער קעניג איהם אָפּצורופען פון וועג אזוי ווי ער האָט געהייסען טויטען דעם מתיון אלקימוס׳ען וועלכער האָט זיך ארויסגעצייגט אַלס אַ רעוואָלוציאָנער

קעגען קעניג . . . אָבער ווען באַקכידעס האָט אין עטליכע טעג שפּעטער באַ־קומען די צווייטע נאַכריכט פון קעניג וועגען אַ שנעלען שלום מיט די אידען און אַז ער, באַקכידעס, ווערט באַטראַכט אַלס אַ געטרייער פריינט פון קעניג, האָט ער געוואָלט האַנדלען שנעל און איבערצייגען דעם קעניג וועגען זיין אמת׳ע געטריישאַפט צו איהם.

יונתן זעלבסט, וועלכער האָט דערהאַלטען די איינלאַדונג פון באַקכידעס׳ן צו קומען אין ירושלים און אונטערשרייבען דעם קאָנטראַקט, האָט זיך נישט געאיילט. ער האָט געוואַרט אויף די אַנדערע שליחים וועמען ער האָט אַרויסגעשיקט, שוין צום צווייטען מאָל, צו אַלעקסאַנדער באַלאַס נאָך ראַדעס צו שליסען אַ בונד מיט איהם, און יונתן האָט דערוואַרטעט היינט־מאָרגען צו באַקומען די נאַכריכט פון יענע שליחים.

און פּונקט יענעם טאָג, ווען יונתן האָט זיך שוין געקליבען אָפּצורייטען פון מודעין נאָך ירושלים און חתמ׳נען דעם בונד מיט באַקכידעס׳ן אום עס זאָל ניט ווערען אויפּפאַלענד זיין, יונתן׳ס, צו־לאַנגע צעגערונג; איז פּלוצלינג אָנגעקומען יהויריב, איינער פון די צוויי שליחים צו אַלעקסאַנדער באַלאַס, און ער האָט געבראַכט דעם קאָנטראַקט וואָס אַלעקסאַנדער באַלאַס האָט שוין געחתמ׳עט.

יונתן האָט דורכגעשטודירט אַלע פּונקטען פון דעם קאָנטראַקט און ער האָט א זאָג געטאָן:

— לויט ווי איך זעה פון דעם קאָנטראַקט האָט איהר נאָך באַוואָרענט פיל בעסער ווי דאָס וואָס איך האָב געדענקט בעפאָר. הייסט עס אַז אַלעק־סאַנדער באַלאַס פאַרלאַנגט גאָרניט פון אונז א ספּעציעלע מיליטערישע הילף אויסער די עטליכע הונדערט אידישע העלדען אַלס זיין לייב־גוואַרדיע.

— ער האָט זיך געדונגען זעהר פּיל — האָט יהויריב געענטפערט — אָבער עזריה האָט איהם געגעבען צו פאַרשטעהן אַז אַזאַ פּונקט איז ניט נויטיג אַריינצושרייבען אין דעם קאָנטראַקט, בלויז אַ מינדליכער צוזאָג איז גענוג פון אונזער זייט.

— וואו איז עזריה? — האָט יונתן אַ פרעג געטאָן.

— עזריה וועט אָנקומען אהער מאָרגען אָדער איבערמאָרגען — האָט יהויריב געענטפערט — אַלעקסאַנדער באַלאַס האָט איהם געבעטען אָפּצו־וואַרטען אַ טאָג ביז וואַנען ער וועט קענען שאַפען פאַר איהם די שעהנע מתנה וואָס ער וויל שיקען פאַר דיר...

— וואָס פאַר אַ מתנה? — האָט יונתן געפרעגט מיט אַ שמייכעל.

— איך ווייס ניט — האָט יהויריב געענטפערט — מיר וועלען עס שוין זעהען פארטיגערהייט ווען עזריה וועט עס ברענגען.

— און איצט מוז איך שוין אָפּרייטען נאָך ירושלים און חתמ׳ענען אַ צווייטען קאָנטראַקט מיט באקכידעס׳ן — האָט יונתן אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכעל.

— סטייטש ? — האָט יהויריב געוואָלט וויסען — ווי קענסטו חתמ׳ענען אויף צוויי קעגענזעצטע קאָנטראַקטען, פון צוויי קעמפענדע צדדים מיט איינמאָל ?

— פארשטעהסטו מיר, — האָט יונתן געענטפערט — מיר אידען מוזען איצט אָננעהמען די זעלבע טאַקטיק וואָס די גויים פיהרען קעגען אונז. עס ערגערט מיר זעהר וואָס איך מוז אזוי האַנדלען, אָבער מיר קענען זיך ניט העלפען. באקכידעס איילט זיך אָפּצופאָהרען נאָך אנטיאכיע און ער וויל האָבען מיין אונטערשריפט אויפ׳ן קאָנטראַקט אום צו איבערצייגען דעם קעניג דימיטריאוס אז ער האָט שוין געשלאָסען א בונד מיט אונז.

— אָבער דימיטריאוס וועט דאָך באלד אויסגעפינען אז מיר האָבען איהם גענארט — האָט יהויריב באטאָנט.

— נו, וועט ער אויסגעפינען — האָט יונתן געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

— אויב אזוי וועט ער דאָך ווערען אַ „צעקאָכטער" און ווער ווייס וואָס ער קען נאָך טאָן מיט אונז דאָ אין לאנד — האָט יהויריב ווידער געפרעגט.

— ער וועט שוין ניט אוספעיען — האָט יונתן געענטפערט — דארפסט וויסען אז באקכידעס פאָהרט איצט אוועק צום לעצטען מאָל פון ירושלים. ער וועט שוין ניט קומען אָהער צוריק, און לויט ווי שפטיה האָט מיר געמאָלדען פון ירושלים, נעהמט באקכידעס צו, מיט זיך, אריבער פופצעהן טויזענט סאָלדאַטען און עס בלייבען נאָר עטליכע טויזענט אין דער פעסטונג „אַקראַ" און דערוויל קומען צו פרישע רעקרוטען צו אונזער גדוד המכבי, טאָ וואָס זשע דארפען מיר מורא האָבען פאר דימיטריאוס׳ען ?

— מיר מוזען אָבער ווי אמשנעלסטען צושיקען צו אַלעקסאנדער באלאס׳ן נאָך ראָדעס כאָטש צוויי הונדערט גוטע גדוד׳ניקעס — האָט יהויריב באמערקט.

— ניט נאָר צוויי הונדערט, נאָר איך וועל אים צושיקען פינף הונדערט — האָט יונתן שנעל פארכאפּט און ער האָט גלייך צוגעגעבען — און דו יהויריב, און אויך שפטיה פון ירושלים, וועט איר מוזען מיטפאָהרען מיט דעם גדוד ווייל מיר מוזען אנווענדען אלע כחות אז אלעקסאנדער באלאס זאָל ווירקליך פארכאפּען דעם טראָן . . .

— און וואָס הערט זיך פון אונזערע שפּיאָנען אין אַנטיאָכיע? — האָט יהויריב געוואָלט וויסען.

— אַלעס איז דאָרטען זעהר גינסטיג פאר אלעקסאנדערן, און פארשטייט זיך אויך פאר אונז — האָט יונתן געענטפערט — אונזערע שפּיאָנען האָבען מיר שוין באנאכריכטעט אז פיער פון די הויפּט גענעראלען פון דער סירישער ארמיי זיינען שוין אריבער אויף אַלעקסאנדערס זייט. זיי האָבען מיט זיך אַן אַרמיי פון אריבער הונדערט טויזענט מאַן.

— אויסגעצייכענט! האָט יהויריב געענטפערט מיט גרויס שמחה, און באַלד נאָכדעם האָט ער מיטגעריטען מיט יונתנ׳ען נאָך ירושלים.

קומענדיג אין ירושלים האָט יונתן שנעל באאויפטראגט זיין הויפּט אדיוטאנט שפטיה׳ן אז ער זאָל שוין אפּרייטען נאָכ׳ן גליל און נעמען פינף הונדערט מאן פון זיין ברודער שמעונ׳ס גדוד און מיט זיי אפּרייטען נאָך ראָדעס. יונתן האָט אויך באפוילען אז צפניה, וועלכער געפינט זיך איצט נעבען זיין ברודער שמעון אין גליל, זאָל ווערען דער אפיציעלער מיליטערישער פירער פון די פינף הונדערט גדודניקעס און שפטיה זאָל זיין דער הויפּט אדמי־ניסטראטאָר און בעל יועץ.

— זאָלסט איבערגעבען מיין ברודער שמעון — האָט יונתן אָנגעזאָגט צו שפטיה׳ן — אז ער זאָל שוין זיך ארום שטעלען מיט די פארבליבענע אכט הונדערט גדודניקעס, פון זיינעם מיט צפניה׳ס גדודים, אין דער גאנצער ברייט פון דעם סיריש־ארץ־ישראל גרעניץ און גוט בעאָבאכטען אויף ווייטערע מעגליכע טעטיגקייטען פון דער גריכישער זייט.

גלייך נאָכדעם זיינען שפטיה און יהויריב אָפּגעריטען צום גליל און יונתן האָט מיטגענומען מיט זיך עטליכע גדודניקעס און איז אוועק צו באקכידעסן.

## קאַפּיטעל 50

# יונתן ווערט עטנארך און כהן גדול.

זייט יונתן האָט גע׳חתמ׳עט דעם קאָנטראקט מיט באקכידעסן, און דער לעצטער האָט גלייך פארלאָזען ארץ ישראל, זיינען שוין פאראיבער עטליכע וואָכען. אלעקסאנדער באלאס האָט דורך דער צייט פערכאפּט דעם סירישען טראָן. דער קעניג דימיטריאוס איז אנטלאָפען, און מיט אים אויך באקכידעס. אין ירושלים איז ששון ושמחה, אידען טאנצען אין די גאסען. מען טראָגט ארום יונתן׳ען אויף די הענט און מיט יובעל געשרייען.

עס איז געפּראוועט געוואָרען א גרויסער יום טוב. רבי יהושע בן פרחיה, דער נייער נשיא פון דער סנהדרין, האָט געהייסען אויפשטעלען א ספּע־ציעלע פּלאטפאָרמע אויפן גרויסען פּלאַץ פון דער "עזרה" און ער האָט ארויפ־געבראכט דאָרטען יונתן׳ען און האָט איהם אנגעטאָן דעם ספּעציעלען פּורפּור מאַנטעל, געוועבט פון גאָלדענע פעדים, וואָס אלעקסאנדער באלאס האָט עס געשיקט אלס א מתנה צו יונתן׳ען, און גלייך נאָכדעם האָט ער ארויפגעטאָן אויף זיין קאָפּ די גאָלדענע קרוין, אויך א מתנה פון אלעקסאנדער באלאס.

דאָס גרויסע פּובליקום האָט אַרויסגעשאלט מיט אַ הילכיגען געשריי:

— יחי יונתן נשיאנו החדש! לאנג לעבען זאָל יונתן אונזער נייער פּרעזידענט!

יונתן האָט א מאך געטאָן מיטן האנט און די גרויסע מאַסע אידען איז באלד שטיל געוואָרען. יונתן האָט אָנגעהויבען צו רעדען מיט אַ ציטערדיגע שטימע:

— "ישראל אשר בך אתפּאר"! דו אידיש פאָלק מיט וועמען איך שטאָלציר!" דו האָסט אויסגעהאלטען די פּראָבע מיט וועלכע דיין גאָט האָט דיר אויספּרובירט. דו האָסט גענוג געליטען ביז איצט אָבער פאָרט זיך ניט אונטערגעגעבען."

— "כי עם קדוש אתה לה׳ אלוקיך!" "דו, ישראל, ביזט א הייליג פאָלק צו דיין גאָט". קיינמאָל קענסטו ניט ווערען פארשלונגען פון אַנדערע פעלקער, ווייל זיי זיינען אנדערש אין זייערע גייסטיגע באגריפען."

— "כל כלי יוצר עליך לא יצלח!" "קיין געוועהר, און קיינע פארניכט־ונגס־מיטלען פון שונא, וועלען ניט קענען פארניכטען דעם אידישען פאָלק" וועלכער איז באשטימט געוואָרען צו לעבען אייביג און ציהען דעם לאנגען שנור פון דער הייליגער טראַדיציע פון אברהם אבינו ביז דער וויטער אייביגקייט."

— דו הערסט? דו הערסט ווערטער — האָט איין איד געשריען צום צווייטען — האָסטו ווען געהערט אַזעלכע באַגייסטערטע רייד? עס איז דאָך פּשוט „מחיה נפשות". זיי דערקוויקען דאָס האַרץ און די נשמה.

באַלד נאָכדעם האָט זיך דערהערט דער געזאַנג פון די כהנים און לוים און הונדערטער אידען האָבען מיטגעהאָלפען זינגען.

אזוי איז דאַמאָלסט דורכגעפירט געוואָרען די גראַנדיעזע צערעמאָניע פון דער איינוויאונג פון יונתן דער חשמונאי אַלס דער נייער אָפיציעלער נשיא פון דעם אידישען פאָלק.

עס זיינען פאַראיבער עטליכע טעג נאָך דער צערעמאָניע און מען האָט אָנגעהויבען זיך צוגרייטען צום יום טוב סוכות.

אין דער זעלבער צייט האָט דער גדוד המכבי באַקומען פרישע כחות. עס האָבען אָנגעהויבען שטראָמען נייע גדוד׳ניקעס פון אַלע זייטען, און גאָר שנעל האָט יונתן געהאַט אַריבער צעהן טויזענט גוט געשולטע גדוד׳ניקעס אין, און אַרום, ירושלים.

ווען דער יום טוב סוכות האָט זיך דערנעהענטערט האָט רבי יהושע בן פרחיה פאַררופען די מיטגלידער פון דער סנהדרין צו אַ ספּעציעלע זיצונג און עס איז באַשלאָסען געוואָרען אַז מען זאָל באַשטימען דעם אידישען נשיא יונתן החשמונאי אויך אלס כהן־גדול אין בית המקדש.

פאַרשטעהט זיך אַז קיינער איז נישט געווען דאַגעגען און מען האָט גלייך איינפאַרמירט צו יונתנ׳ען וועגען דעם דאָזיגען באַשלוס.

יונתן האָט צום ערשטען מאָל אָנגעטאָן די הייליגע „בגדי כהונה" די אכט סאָרטען קליידער פון כהן גדול, און ער האָט געטאָן די עבודה אין בית המקדש יענעם יום טוב סוכות. די שמחה צווישען די אידען איז געווען זעהר גרויס. דבורה, יונתנ׳ס פרוי, האָט געוויינט פון גרויס שמחה צוקוקענדיג ווי איהר מאַן געהט אָנגעטאָן אין די כהונה־גדולה קליידער.

— ווען מיין מוטער וואָלט איצט געלעבט וואָלט זי זיך אויך געפרעהט אויף מיין גליק — האָט דבורה געזאָגט צו איהר געטרייער רוחמה׳ן, צפניה׳ס פרוי. — מיט פיל יאָהרען צוריק האָט מיין מוטער מיר געוואָלט צווינגען אַז איך זאָל ווערען אַ קעבס־ווייב צו דעם מתיון כהן יאזאָן ווייל מיין מוטער האָט זיך געקוואַפּעט אויף יחוס, אַ קלייניגקייט אַ כהן? און דערצו נאָך א כהן ווי יאַזאָן, אַ ברודער פון כהן גדול חוניו דער דריטער, אָבער איך האָב דאַמאָלס געהאַסט דעם נידערטרעכטיגען מתיון יאזאָן און איך בין אַנטלאָפען פון הויז און דורך די הילף פון דער גאָטזעליגער חנה׳ן בין איך אָנגעקומען אַלס הויז־פאַרוואַלטערין ביי די חשמונאים און גאָט צו דאַנקען איצט בין איך גליקליך מיט מיין גאָטספאַרכטיגען יונתנ׳ען, וועלכער איז, נישט נאָר דער נשיא פון אידישען פאָלק נאָר אויך, כהן גדול אין בית המקדש.

— דאָס האָסטו צו פאַרדאַנקען מיין מאַן צפניה — האָט רוחמה אַ זאָג געטאָן מיט אַ ליבליכען שמייכעל און האָט צוגעגעבען — ווייל ווען נישט צפניה וואָלסטו נאָך פיל באַלעסטיגט געוואָרען פון דעם אויסוואורף יאַזאָן. יאָ, צפניה האָט איהם געטויטעט אין „אראק על אמיר" אין דעם אַלטען היר־קאַנוס׳עס פּאַלאַץ ווען יאזאָן איז אַהין אַנטלאָפען.

— נו געוויס דאַנק איך טאַקע צפניה׳ן — האָט דבורה צוגעגעבען מיט

אַ שמייכעל — ווען נישט צפניה, מיט דיר צוזאַמען, ווער ווייס וואו מיר וואָלטען נאָך געהאַלטען אין אונזער רעליגיעזען, נאַציאָנאַלען, און פּאָליטישען צושטאַנד. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסען וואָס דו מיט צפניה'ן האָבען אויפגעטאָן פאַר אונזער פאָלק און לאַנד.

— לאָמיר האָפען אז פון היינט אָן און ווייטער וועט דאָס אידישע פאָלק שוין מעהר נישט וויסען פון קיין צרות — האָט רוחמה געענטפערט מיט אַ שטראַהלענדען פּנים.

און זייט דאַמאָלס, זייט דעם יאָהר 152 פאַר דער קריסטליכער צייט־רעכענונג, זיינען פאַריבער עטליכע יאָהר פון פולשטענדיגער מנוחה. יונתן האָט געפיהרט דעם אידישען רעליגיעזען לעבען, אַלס כהן גדול און אויך דעם נאַציאָנאַלען לעבען, אַלס נשיא פון פאָלק; און אויך דעם פּאָליטישען לעבען, אַלס גוטער אַדמיניסטראַטאָר און פעהיגער פּאָליטיקער, מיט גרויס טאַפּפער־קייט און חכמה.

קאַפּיטעל 51

# די נייע רעוואָלוציע אין אַנטיאָכיע. — יונתן ווערט אַ שדכן און אונטערפיהרער . . .

אין אַ געוויסען טאָג, אין אָנפאַנג ווינטער פון יאָהר 150 פ. ד. ק. צ. ר., איז אָנגעקומען אַ קוריער פון דעם קעניג אַלעקסאַנדער באלאס צו יונתנ'ען און ער האָט איהם געמאָלדען אז דער אַנטלאָפענער קעניג דימיטריאוס האָט זיך צוריק אַריינגעכאַפּט אין אַנטיאָכיע און האָט אוספּעיעט צוצוציהען צו זיך אַ טייל פון דער סירישער ארמיי, און דעריבער איז אלעקסאַנדער באַלאַס, דער קעניג, שטאַרק באַזאָרגט וועגען דעם און ער פאַרלאַנגט אַז יונתן זאָל איהם קומען צו הילף.

יונתן האָט באַלד אָנגעשריבען אַ בריף צום קעניג אַז דאָס ערשטע וואָס ער דאַרף טאָן, איז ווי אַמשנעלסטען צו פראָווען די חתונה צווישען איהם מיט דער פּרינצעסין, די טאָכטער פון פּטאָלמעאָס פילאָמעטער, דער קעניג פון עגיפּטען, ווייל דאדורך וועט דער עגיפּטישער קעניג זיך פיהלען פאַרפליכטעט אַרויסצוהעלפען זיין איידים אַלעקסאַנדער באלאס קעגען די רעוואָלוציאָנערען אין אַנטיאָכיע.

— צווייטענס — האָט יונתן געשריבען — וויל איך דיך באַרוהיגען דער־מיט וואָס איך וועל שוין אַרויסשיקען דריי פון מיינע בעסטע העלדישע פיהר־ערס וועלכע וועלען איבערנעהמען דיין ארמיי וואָס איז דיר פאַרבליבען געטריי

און זיי וועלען שוין אַכטונג געבען אַז ביז עס וועט אָנקומען די הילף פון עגיפּטען זאָל דימיטריאוס גאָר נישט קענען אויפטאָן.

— און דריטענס — שרייבט יונתן — שיק איך היינט אַרויס אַ ספּעציעלען קוריער נאָך עגיפּטען צו קעניג פּטאָלמעאָס פילאָמעטער מיט מיין פּערזענליכען פאָרשלאָג אַז ער זאָל מעהר נישט אָפּלייגען די חתונה פון זיין טאָכטער מיט דיר, נאָר אַז ער זאָל שוין אַרויסקומען מיט דער פּרינצעסין און זייער סוויטע נאָך דער שטאָדט „עכו" וועלכע איז אין מיטען וועג צווישען עגיפּטען און אַנטיאָכיע און אַזוי אַרום וועל איך אויך זיין אַ מחותן אויף דער חתונה . . . ווייל „עכו" ליגט דאָך נעבען דעם „הר הכרמל" נישט וויט פון מיר . . .

דער קוריער האָט צוגענומען דעם בריף און איז שנעל אָפּגעריטען צוריק נאָך אַנטיאָכיע און אין זעלבען טאָג האָט יונתן געשיקט רופען צו זיך זיין ברודער שמעון אויך צפניה, און מנחם, וועלכער האָט פאַר די לעצטע פאַר יאָהר שוין געוואוינט אין ירושלים, און יונתן האָט זיי דערקלעהרט אַט־וואָס:

— ברידער! איהר וויסט דאָך וואָס מיר האָבען געליטען פון דעם פאַריגען קעניג דימיטריאוס און גאָט האָט אונז געהאָלפען און מיר זיינען פּטור געוואָרען פון איהם מיט זיין גענעראַל באַקכידעס, דאַדורך וואָס מיר האָבען געהאָלפען אַלעקסאַנדער באַלאַס'ן צו פאַרכאַפּען דעם סירישען טראָן. איצט וויל דימיטריאוס צוריק פּרובירען אַראָפּזעצען אַלעקסאַנדער'ן, און אַלעקסאַנדער פיהלט זיך ווי אַ פאַרלאָרענער. איך האָב היינט פּריה באַקומען פון איהם אַ הילפס־רוף. פאַרשטעהט זיך, אַז איך האָב איהם שוין געענטפערט אַ בריף פול מיט האָפענונג, אָבער מיר טאָרען נישט בלייבען גלייכגילטיג צו דער דאָזיגער לאַגע ווייל אַלעקסאַנדער איז אַ שוואַכער מענשעל . . . ער קען פאַרלירען דעם קאָפּ און צוזאַמען מיט זיין דורכפאַל וועלען מיר חלילה אויך אַריינפאַלען אין צרות. דעריבער האָב איך איהם געשריבען אין מיין היינטיגען בריף אַז איך וועל שוין אַרויסשיקען נאָך אַנטיאָכיע עטליכע גוטע מיליטערישע פיהרערס וועלכע וועלען איבערנעהמען דעם קאָנטראָל איבער דער סירישער אַרמיי וועלכע איז נאָך פאַרלויפיג פאַרבליבען געטריי צו אַלעקסאַנדער באַלאַס'ען. איך אַליין וועל דערווייל זעהן אַרויסצובּרענגען דעם עגיפּטישען קעניג נאָך עכו פאַר אַ שנעלער באַראַטונג.

— ווער ווייס אויב דער עגיפּטישער קעניג וועט גאָר וועלען קומען נאָך עכו? — האָט שמעון אַרויסגעזאָגט זיין צווייפעל.

— ער וועט זיכער קומען! — האָט יונתן געענטפערט מיט אַ שמייכעל — ווייל איך האָב איהם באַטאָנט וועגען דער חתונה פון זיין טאָכטער מיט אַלעקסאַנדער'ן . . .

— אויב אַזוי בין איך זיכער אַז ער וועט שנעל קומען — האָט צפניה זיך צעלאַכט.

— וואָס לאַכסטו אַזוי שטאַרק? — האָט שמעון געוואָלט וויסען.

— ווייל, ווען איך בין געווען אין ראַדעס מיט די פינף הונדערט גדוד־ניקעס אַלס אַ לייב־גוואַרדיע צו אַלעקסאַנדער׳ן, ווען ער האָט זיך אַרויסגע־לאָזט דאַמאָלס נאָך אַנטיאָכיע צו פאַרכאַפּען דעם טראָן, האָב איך געהאַט די זכיה אָנצוקוקען די עגיפּטישע פּרינצעסין, די כלה פון אַלעקסאַנדער׳ן . . . דעריבער בין איך זיכער אַז אַזוי שנעל ווי פּטאָלמעאוס פילאָמעטער וועט דערהערען אַז אַלעקסאַנדער באַלאַס, דער איצטיגער קעניג פון סיריע, וויל טאַקע שטעלען חופה מיט זיין וואונדערליך מיאוס׳ע פּרינצעסין . . . וועט ער זיכער זיך צויאָגען און קומען . . .

— צפניה פאַרשטעהט אַן עסק . . . — האָט יונתן אַ זאָג געטאָן און האָט גלייך צוגעגעבען — דעריבער האָב איך באַשלאָסען אייך צו בעטען אַז איהר זאָלט שוין אָפּפאָהרען נאָך אַנטיאָכיע צו אַלעקסאַנדער באַלאַס און נעהמט איבער דעם קאָנטראָל פון דער ארמיי. איהר מוזט קאָנטראָלירען מיט אַלע כחות אַז די לאַגע זאָל זיך כאָטש נישט פאַרערגערען ביז איך וועל פיה־רען אַלעקסאַנדער׳ן צו דער חופה . . . ווייל אַזוי שנעל ווי אַלעקסאַנדער וועט ווערען פילאָמעטער׳ס איידעם וועט שוין דער שווער ניט זשאַלעווען צו טאָן פאַר איהם אַלעס אין דער וועלט.

— נישט קיין שלעכטער פּלאַן — האָט שמעון צוגעגעבען מיט אַ גע־לעכטער.

גלייך נאָכדעם האָבען שמעון, צפניה, און מנחם זיך אָפּגעזעגענט מיט יונתנ׳ען און מיטנעהמענדיג מיט זיך נאָך עטליכע גוטע פיהרערס פון זייערע גדודים, זיינען זיי אָפּגעפאָהרען פון ארץ ישראל נאָך אַנטיאָכיע צום קעניג אַלעקסאַנדער באַלאַס.

יונתן האָט אָפּגעוואַרט עטליכע טעג און ווען ער האָט באַקומען אַ גינסטיגען ענטפער פון דעם עגיפּטישען קעניג האָט ער זיך גענומען גרייטען אַלס מחותן אויף דער חתונה.

יונתן האָט פאַרגעלעזען דעם ענטפער פון עגיפּטישען קעניג פאַר זיינע הויפּט אַדיוטאַנטען און אַלע האָבען צוגעשטימט אַז יונתן האָט זעהר קלוג געהאַנדעלט מיט זיין פּלאַן.

און דאָס איז דער בריף פון עגיפּטישען קעניג צו יונתן׳ען:

„פריידען צו דיר מיין טייערער פריינט, דער עטנארך (פּרעזידענט) פון אידישען פאָלק און „יודעא״, יונתן דער חשמונאי!

„איך דאַנק דיר זעהר פאַר דיין גוטפריינטשאַפט וואָס דו צייגסט אַרויס צו מיר; ספּעציעל דאַנק איך דיר פאַר דיין קלוגען פאָרשלאַג אַז איך זאָל מעהר ניט אָפּלייגען די הייראַט פון מיין טאָכטער, די פּרינצעסין, מיט דעם העלדישען קעניג אַלעקסאַנדער באַלאַס פון סיריע.

„פאַרשטעהט זיך, אַז, כאָטש דער סירישער קעניג זעלבסט האָט נאָך גאָר נישט געשריבען וועגען דעם, דאָך, נעם איך אָן אַז דיין פאָרשלאַג איז געמאַכט געוואָרען מיט זיין גוטהייסונג, ווייל ער ווייסט די גרויסע ווערדע פון מיין טאָכטער די פּרינצעסין . . .

„ איך מאַך שוין די נויטיגע צוגרייטונגען צו אונזער רייזע נאָך עכו וואו, איך האָף, אַז דו וועסט אויך קומען צום גרויסען יום טוב, ווייל אָהן אַזעלכע גוטע פריינט, ווי דו ביזט צו בידע צדדים, וועט דער יום טוב נישט זיין פולשטענדיג . . .

„די פּרינצעסין בעט מיר איך זאָל דיר גריסען אין איהר נאָמען און איך טהו עס מיט גרויס פאַרגעניגען

„וועגען דיין פאַרלאַנג אַז איך זאָל דערוויל צושיקען עטליכע דעוויזיעס סאָלדאַטען נאָך אַנטיאָכיע, האָב איך שוין דערפילט דיין פאַרלאַנג, ווייל איך פאַרשטעה אַז מיין צוקונפטיגער אידעם, דער קעניג אַלעקסאַנדער באַלאַס, וועט זיך פיהלען זיכערער מיט מיינע סאָלדאַטען אין אַנטיאָכיע אין דער צייט וואָס ער אַליין וועט זיין פאַררייזט פון דאָרטען פאַרברענגענדיג אַ שטיקעל צייט אין עכו וואו עס וועט געפּראַוועט ווערען די הייראַט . . .

„איך האָב אַרויסגעשיקט פערציג טויזענט סאָלדאַטען און זיי וועלען אָנקומען אין אַנטיאָכיע אין עטליכע טעג נאָכדעם ווי דו וועסט באַקומען מיין בריף.

„וועגען ווייטערע נייעס, וועלען מיר שמועסען מינדליך אין אַ וואָך אַרום ווען מיר וועלן זיך צונויפטרעפען אין עכו. און ביז דאַן פאַרבלייב איך אויפריכטיג

דיין גוטער פריינט פּטאָלמעאָס פילאָמעטער

קעניג פון עגיפּטען.

— נו, וואָס זאָגט איהר צו אַזאַ בריף? — האָט יונתן געפרעגט זיינע הויפּט אדיוטאַנטען.

— נאָך בעסער ווי מיר האָבען זיך געקענט פאָרשטעלען — האָבען די אַדיוטאַנטען געענטפערט.

— און איצט — האָט יונתן צוגעגעבען — איצט אַז שמעון, צפניה און מנחם זיינען שוין געוואָרען די גענעראַלען איבער דער סירישער אַרמיי

און פטאָלמעאָס פילאָמעטער האָט שוין אַרויסגעשיקט פערציג טויזענט סאָל־דאַטען נאָך אַנטיאָכיע, גלויב איך אַז אַלעקסאַנדער באלאס וועט גען מיט אַ פרעהליך האַרץ צו דער חופה . . . דאָך איז אָבער נויטיג אַז עטליכע פון אייך זאָלען שוין צופאָהרען צו איהם און זעהן אַז דער חתן זאָל זיך ריהרען פון אָרט און קומען צו דער חופה . . . ווייל איך האָב נאָך אלץ מורא טאָמער וועט ער חרטה האָבען און נישט וועלען קומען אין עכו . . .

עס איז באַלד באַשלאָסען געוואָרען אַז יהויריב, יואש און זבדי זאָלען ווערען די אַזוי גערופענע „אונטערפיהרערס“ פון חתן׳ס צד . . . און נאָך אין זעלבען טאָג זיינען די דאָזיגע דריי אָפגעפאָהרען נאָך אַנטיאָכיע.

---

די שטאָדט „עכו“ ליגט ביי׳ם סאַמע ברעג פון דעם מיטעללענדישען ים צווישען די שטעדט חיפה פון דרום זייט און צור און צידון פון צפון זייט. די דאָזיגע שטאָדט איז זעהר אַן אַלטע און זי האָט שוין עקזיסטירט נאָך דאַן ווען יהושע בן־נון האָט איינגענומען ארץ ישראל גלייך נאָך משה רבנו׳ס טויט. עכו איז שטענדיג געווען אַרומגערינגעלט מיט אַ שטאַרקען מויער און דע־ריבער, ווען דער שבט „אשר“ האָט באַקומען זיין חלק לאַנד, לויט׳ן גורל וואָס יהושע בן־נון האָט אויסגעטיילט די לענדער אין ארץ ישראל צו די צעהן שבטים, און די שטאָדט עכו איז אַריינגעפאַלען אין דעם חלק לאַנד פון שבט „אשר“, האָט אָבער דער דאָזיגער שבט פאָרט ניט געקענט איבערנעמען די שטאָדט פון די דאַמאָלסדיגע פעניצישע שבטים צוליב דעם שטאַרקען מויער אַרום איהר. אָבער מיט פיל יאָהרען שפּעטער האָבען אידען זיך אָנגע־הויבען באַזעצען אין דער דאָזיגער שטאָדט.

דאַמאָלסט ווען יונתן דער חשמונאי האָט צוזאַמענגעבראַכט די צוויי קעניגע, פון עגיפּטען און אַנטיאָכיע, צו דער גרויסאַרטיגער חתונה אין עכו, איז די דאָזיגע שטאָדט געווען אויסגעפוצט זעהר שעהן לכבוד דעם גרויסען יום טוב.

דער עגיפּטישער קעניג מיט זיין טאָכטער, די פּרינצעסין כלה, מיט זייער גאַנצער סוויטע זיינען אָנגעקומען אין עכו אויף עטליכע שיפען דירעקט פון עגיפּטען.

יונתן דער חשמונאי האָט שוין געהאַט צוגעגרייט אַ גרויסאַרטיגע אויפנאַהמע פאַר׳ן קעניג מיט דער פּרינצעסין. ער איז אָנגעקומען אין עכו עטליכע טעג פריהער און האָבענדיג מיט זיך אַ צוויי הונדערט פון זיינע בעסטע העלדישע גדוד׳ניקעס, האָט יונתן אַראַנזשירט אַ העכסט אימפּאַזאַנטען קבלת פנים פאַר די געסט.

פטאָלמעאָס פילאָמעטער, דער עגיפּטישער קעניג, איז געוואָרען אַזוי שטאַרק געריהרט פון גרויס שמחה פון דעם שעהנעם קבלת פּנים אַז גלייך ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט יונתן׳ען האָט ער זיך צוקושט מיט איהם און האָט אַ זאָג געטאָן:

— איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסען דיין גוטפריינטשאַפט . . .

אויפ׳ן צווייטען טאָג, ווען יונתן האָט אַראַנזשירט ספּעציעלע ספּאָרט פאַרוויילונגען לכבוד די געסט, האָט יונתן באַקומען די ידיעה אַז דער קעניג אַלעקסאַנדער באלאס איז שוין אויפ׳ן וועג נאָך עכו און אַז אַרום אָנפאַנג אָווענט וועט ער שוין זיין אין שטאָדט.

יונתן האָט גלייך זיך דורכגעשמועסט מיט זיינע מענטשען און עס איז געבליבען אַז מען מוז געבען דעם סירישען קעניג אַ גרויסאַרטיגען קבלת פּנים אום צו מאַכען דעם איינדרוק וואָס שטאַרקער.

אַרום אָנפאַנג אָווענט האָט יונתן מיטגענומען דעם עגיפּטישען קעניג אוןביידע צוזאַמען, מיט זייערע הויפּט אַדיוטאַנטען, מיניסטאָרען און גענע־ראַלען, זיינען זיי אַרויסגעריטען אַנטקעגען דעם גאַסט חתן.

ווען אַלעקסאַנדער באלאס, אַרומגערינגעלט מיט אַ הונדערט גריכישע אָפיצירען און מיט יהויריב, יואש און זבדי אין דער שפּיץ, האָבען זיך דער־נעהענטערט צו עכו, האָבען זיי באַגעגענט די געסט פון קבלת־פּנים.

אַלעקסאַנדער באלאס האָט זיך באַלד צעקושט מיט יונתנ׳ן און אויך מיט זיין צוקונפטיגען שווער דעם עגיפּטישען קעניג און אונטער די קלינגענדע טענער פון שפּילערס וואָס יונתן האָט מיטגעפיהרט מיט זיך האָבען די געסט אַריינמאַרשירט אין שטאָדט.

ווען אלעקסאנדער באלאס האָט זיך אַ ביסעל אָפּגערוט פון דער רייזע פון אַנטיאָכיע נאָך עכו, איז באַלד געפּראַוועט געוואָרען די הייראַטס צערע־מאָניע. דער חתן האָט אפילו פּרובירט אַנטדעקען זיינע געפיהלען צו יונתנ׳ען אַז ער איז גאָר נישט אַזוי פּריילי[ך] מיט אַזאַ כלה ווי די עגיפּטישע פּרינצעסין איז . . . אָבער יונתן האָט נישט דערלאָזען צו קיין לאַנגע געשפּרעכען פאַר דער חתונה. ער האָט געגעבען צו פאַרשטעהן דעם אומגליקליכען חתן אַז דער סירישער טראָן איז וויכטיגער ווי די מיינונגס פאַרשידענהייטען וועגען דער כלה . . . און אַלעקסאַנדער האָט טאַקע פאַרשטאַנען וואו ער האַלט און ער האָט געמוזט זיך בויגען און געהן צו דער חופּה . . .

צוויי טעג נאָכאַנאַנד האָט אָנגעהאַלטען דער גרויסער יובילעאום פון דער הייראַט צערעמאָניע און אין דער דאָזיגער צייט האָט יונתן אַרויסגעוויזען גרויס טאַקט און קלוגשאַפט. יונתן האָט געמוזט אַכטונג געבען אַז דער צע־

טראַגענער חתן אַלעקסאַנדער באלאס זאָל ניט פאַרלירען זיין חן אין די אויגען פון דעם עגיפּטישען קעניג, און פון צווייטען זייט האָט ער געמוזט פיהרען דעם געשפּרעך צווישען שווער און איידעם וועגען די אַנגעוויטאַגטע פראַגע פון דעם דאַמאָלסדיגען רעוואָלט אין אַנטיאָכיע.

— עס איז אמת — האָט יונתן אַ זאָג געטאָן צום עגיפּטישען קעניג — אין אַנטיאָכיע קומט איצט פאָר אַ שטיקעל רעוואָלוציע . . . דער פאָריגער קעניג דימיטריאוס וויל צוריק פאַרכאַפּען דעם טראָן, אָבער אונזער גוטער פריינט קעניג אַלעקסאַנדער, ווייס ווי צו דערשטיקען די דאָזיגע רעוואָלוציע גאָר שנעל . . . ער באַדאַרף נאָר האָבען אַן ארמיי.

און וואו איז אַהינגעקומען די גרויסע סירישע אַרמיי? — האָט פילאָ־מעטער אַ פרעג געטאָן.

יונתן האָט דערפיהלט שווער אויפ׳ן האַרצען דערהערענדיג אַזאַ דירעקטע פראַגע. ער האָט שוין געוואוסט פון זיינע 3 געשיקטע „אונטער־פיהרערס״ אַז דער חכם קעניג אַלעקסאַנדער באלאס האָט פשוט פאַרנאַכ־לעסיגט זיין אַרמיי און כמעט די גאַנצע אַרמיי איז אַריבער אויף דימיטריאוסעס זייט. יונתן האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירען און ער האָט געענטפערט.

— אין איצטיגען טומעל אין אַנטיאָכיע קען מען נישט וויסען ווער עס איז פאָר און ווער עס איז קעגען; דעריבער האָב איך געראַטען אַז אַלעק־סאַנדער זאָל זיך נישט פאַרלאָזען אויף דער סירישער אַרמיי נאָר בעסער אויסבאָרגען אַן אויסלענדישע אַרמיי.

— יאָ. דו האָסט אויך רעכט, — האָט פּטאָלמעאָס פילאָמעטער גע־ענטפערט. זעהסט דאָך אַז איך האָב באַלד פאַרשטאַנען פון דיין בריף צו מיר, און איך האָב אַרויסגעשיקט פערציג טויזענט מאַן נאָך אַנטיאָכיע.

טאַקע זעהר פיין האָסטו געהאַנדעלט — האָט יונתן צוגעגעבען, אָבער לויט ווי איך פאַרשטעה פון דעם חתן׳ס אומעטיגען פנים . . . וואָלט ער וועלען וואָס שנעלער מאַכען אַ סוף פון דער רעוואָלוציע און דאַצו מוז מען האָבען כאָטש נאָך אַ הונדערט טויזענט מאַן . . .

— וואָס רעדסטו? — האָט דער עגיפּטישער קעניג זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר׳ן קאָפּ — אַזוי שלעכט האַלט עס דאָרטען? . . .

— חלילה! — האָט יונתן פאַרכאַפּט — אַלעקסאַנדער זעלבסט האַלט זיך פעסט אַז ער וועט גאָר שנעל דערשטיקען די רעוואָלוציע . . . נאָר איך פערזענליך בין אַ ביסעל איבערגעשראָקען וועגען דעם, דעריבער וואָלט איך וועלען וואָס שנעלער מאַכען אַ סוף צום טומעל . . .

פּטאָלמעאָס פילאָמעטער האָט זיך פאַרטראַכט. ווייזט אויס אַז זיין

נייער איידעם האַלט גאַר ביי ווערען אויס קעניג . . . יאָ, דער קלוגער יונתן וויס שוין מסתמא אַז עס האַלט שלעכט.

— פיליכט זאָלען מיר זיך דורכשמועסען מיט אַלעקסאַנדער׳ן ? — האָט דער באַטריבטער שווער אַ פרעג געטאָן.

— איך ראָט דיר נישט איצט צו פאַרפירען אַזאַ געשפרעך מיט איהם — האָט יונתן געענטפערט און האָט גלייך צוגעגעבען : — דו ווייסט דאָך ווי אַ יונגע פאַר פאָלק, ערשט דער צווייטער טאָג נאָך זייער הייראַט, פיהלען זיך איצט . . . טאָ צו וואָס זאָלסטו זייביידען באַאומרוהיגען מיט פאָליטישע שמועסען ? . . .

— אָבער לויט ווי איך פאַרשטעה פון דיינע רייד האַלט עס דאָרטען ביי אַ גרויס געפאַהר און יעדער טאָג קען ברענגען אַן אומגליק — האָט דער עגיפטישער קעניג באַטאָנט.

— דעריבער טאָקע האָב איך עס דיר דערקלעהרט אַלעס גענוי — האָט יונתן געענטפערט.

— הייסט עס אַז דו ראָטסט מיר צו שיקען אַהין נאָך סאָלדאָטען ? — האָט פילאָמעטער קוים אַרויסגעבראַכט די דאָזיגע ווערטער פון זיין מויל.

— כאָטש נאָך הונדערט טויזענט מאַן — האָט יונתן אַ זאָג געטאָן.

פילאָמעטער האָט אָפגעזיפצט און אַ מורמעל געטאָן :

— פאַרפאַלען ! אַריינגעקראָכען אין אַ צרה . . . איך קען דאָך נישט דערלאָזען אַז מיין ליבע טאָכטער, די כלה — פרוי פון אַלעקסאַנדערען, זאָל נעבאך בלייבען אַזוי שטאַרק אַנטוישט . . .

— אָט דאָס טענה איך — האָט יונתן צוגעגעבען — דיין טאָכטער די פרינצעסין טאָר גאָר ניט וויסען פון דעם דאָזיגען שטיקעל טומעל . . . צו וואָס זאָל זי זיך ערגערען ?

— טאָ וואָס קען איך איצט טאָן ? וואו נעמט מען איצט אַזאַ ריזיגע אַרמיי פאַר אים ? איך בין דאָ און מיין אַרמיי איז אין עגיפטען.

— אויב דו ווילסט קען איך דיר אַרויסהעלפען — האָט יונתן פרייער אָפגעאָטעמט — אַזוי ווי עס באַדאַרף דויערען ארום אַ צוויי וואָכען ביז וואַנען דיין אַרמיי פון עגיפטען זאָל קענען אָנקומען אין אַנטיאָכיע, דעריבער וועל איך דערוויל צושיקען מיין גדוד נאָך אַנטיאָכיע, אָבער איך מוז באַטאָנען אַז מיין גדוד וועט נישט קענען לאַנג פאַרבלייבען דאָרטען ווייל איך קען דאָך נישט פאַרבלייבען אין ארץ ישראל אָהן אַן אַרמיי.

— פאַר וועמען אייגענטליך האָסטו מורא צו האָבען ביי דיר אין לאַנד ? — האָט פילאָמעטער געוואָלט וויסען.

— ערשטענס שטייט דאָך נאָך אַ גאַרניזאָן פון גריכען אין דעם „אַק־ראַ״ פעסטונג, וועלכען איך קען נאָך נישט איינגעמען און צווייטענס, האָב איך אַרום זיך די צעיושעטע מתיונים אידען וועמען מען מוז האַלטען אין צוים — האָט יונתן געענטפערט.

— אויב אַזוי — האָט פילאָמעטער געוואָלט אַרויסווייזען זיין גוטפריינט־שאַפט צו יונתן׳ען, — אויב אַזוי, האָב איך מורא אַז דו וועסט דערוויל ליידען שוועריגקייטען אויב דו וועסט אַרויסשיקען דיין גדוד נאָך אַנטיאָכיע.

— מילא, אויף אַ צוויי וואָכען צייט וועל איך זיך שוין אַן עצה געבען.

— האָט יונתן געענטפערט מיט אַן איינגעהאַלטענעם שמייכעל — דער עיקר מוזטו זעהען אַז דיין אַרמיי זאָל נישט פאַרשפעטיגען.

פטאָלעמאָס פילאָמעטער האָט נאָך אין זעלבען טאָג אַרויסגעשיקט עט־ליכע פון זיין סוויטע נאָך עגיפטען, אַז זיי זאָלען ווי אַמשנעלסטען צענויפשטע־לען אַן אַרמיי פון כאָטש אַכציג טויזענט מאַן און שוין אָפּפאָהרען נאָך אַנטיאָ־כיע.

יונתן האָט שנעל אַנגעזאָגט זיין גוטען פריינט, דעם חתן קעניג אַלעק־סאַנדערען, אַז אַלעס איז שוין אין בעסטער אָרדענונג און ער קען שוין צוריק־פאָהרען מיט זיין ווייבעל, די פּרינצעסין, נאָך אַנטיאָכיע.

— וואָס טוט מען מיט די רעוואָלוציאָנערען? — האָט דער צעשראָ־קענער נייער באַלעבעסעל־קעניג געוואָלט וויסען אויף זיכער.

— שרעק זיך נישט — האָט יונתן איהם באַרוהיגט — איך וועל שוין אַרויסשיקען אַ טייל פון מיין גדוד נאָך אַנטיאָכיע און צוזאַמען מיט דיינע אייגענע געטרייע סאָלדאַטען ווי אויך מיט די פערציג טויזענט עגיפטישע סאָל־דאַטען פון דיין שווער וועסטו קענען אָנהאַלטען אָרדענונג ביז וואַנען דיין שווער וועט דיר צושיקען די נייע אַכציג טויזענט סאָלדאַטען.

אַלעקסאַנדער באַלאַס האָט זיך באַרוהיגט פון יונתן׳ס גוטע ווערטער און ער, צוזאַמען מיט זיין יונג ווייבעל, די עגיפּטישע פּרינצעסין, זיינען באַלד אָפּגעפאָהרען צוריק נאָך אַנטיאָכיע.

אין דעם זעלבען טאָג איז אויך אָפּגעפאָהרען פטאָלמעאָס פילאָמעטער, דער עגיפּטישער קעניג, מיט זיין סוויטע צוריק נאָך עגיפּטען מיט אַ שווערען געמיט. דער עגיפּטישער קעניג האָט אויסדריקליך געזאָגט צו יונתן׳ען אַז ער פיהלט אַז זיין ליבע טאָכטער, די נייע פרוי פון אַלעקסאַנדער באַלאַס, וועט נעבאך ליידען זעהר פיעל צרות פון איהר נאַרישען און שוואַכען קעניג אין אַנטיאָכיע . . .

יונתן האָט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען צו באַרוהיגען זיין גוטען פריינט,

וועגען זיין אידעם, אָבער פטאָלמעאָס האָט ביים געזעגענען זיך מיט יונתנ׳ען אַ זאָג געטאָן צו איהם:

— יונתן מיין פריינט! זוך נישט צו באַהאַלטען פון מיר די געדריקטע לאַגע פון מיין אידעם. איך פאַרשטעה שוין איצט אַלעס וואָס עס קומט פאָר אין אַנטיאָכיע און מיין האַרץ שרעקט מיך. איך בעט דיר, יונתן, זאָלסט האַלטען אַ וואַכזאַמע אויג איבער די ווייטערע געשעהענישען אין אַנטיאָכיע ווייל דו ביזט דאָך נעהענטער צו מיין אידעם איידער איך בין.

מיט די דאָזיגע ווערטער איז פטאָלמעאוס פילאָמעטער אָוועקגעפאָהרען פון עכו, און גלייך נאָכדעם האָט יונתן זיך אומגעקעהרט צוריק נאָך ירושלים.

## קאַפיטעל 52

# דער „מקדש חוניו״, — דער קריעג אין קעניגליכען הויף. — די לינקע געליבטע.

אין דער שטאָדט העליאָפאָליס, ניט ווייט פון קאַאירא עגיפּטען, איז פאָר־געקומען אַ גרויסער יום־טוב. די פילע אידישע איינוואוינער פון העליאָפאָליס האָבען געיובעלט מיט גרויס שמחה וואָס דער עגיפּטישער קעניג פטאָלמעאָס פילאָמעטער האָט זיי באַעהרט און ער איז געקומען אויף אַ ספּעציעלען באַזוך אין דעם אידישען גרויסען טעמפּעל „מקדש חוניו״ אין לעאָנטאָפּאָליס נעבען העליאָפאָליס.

דער כהן־גדול חוניו, אַ זוהן פון דעם טראַגיש אומגעקומענעם חוניו דער דריטער פון בית המקדש אין ירושלים, האָט אויפגענומען דעם עגיפּטישען קעניג מיט גרויס כבוד און ער האָט איהם דערקלעהרט די וויכטיגקייט פון דעם דאָזיגען גרויסען טעמפּעל וועלכעס סימבאָליזירט אַלס אַ דופּליקאַט פון דעם בית־המקדש אין ירושלים. דער דאָזיגער „מקדש חוניו״ אין עגיפּטען איז געבויט געוואָרען מיט אַ צעהנדליג יאָהר פריהער, ווען חוניו דער פערטער איז דאַמאָלס אַנטלאָפען פון ירושלים צוליעב דעם ביטערען קאַמף וואָס עס איז אָנגעגאַנגען צווישען זיין פאָטער חוניו דער דריטער מיט זיין ברודער יאָזאָן. חוניו דער זוהן האָט דאַמאָלסט געפיהלט אַז ער האָט שוין ניט מעהר קיינע אויסזיכטען צו ווערען כהן גדול אין בית המקדש אויף זיין פאָטערס פלאַץ און דעריבער איז ער דאַמאָלסט אַנטלאָפען נאָך אַלעקסאַנדריע עגיפּטען, וואו עס האָט זיך געפונען אַ גרויסע אידישע קהלה זייט פילע צעהנדליגע יאָהרען צוריק, און ער האָט געבויט דעם נייעם גרויסען טעמפּעל און האָט עס אַ נאָמען געגעבען „מקדש חוניו״. דער דאָזיגער „מקדש חוניו״ איז גע־

ווען שטאַרק באַליבט ביי די אידען אין עגיפּטען און פילע רייכע אידען האָבען געשטיצט דעם „מקדש חוניו״ מיט׳ן כהן חוניו, וועלכער האָט זיך גערופען מיט׳ן נאָמען כהן־גדול פון מצרים.

און דעריבער, ווען פּטאָלמעאָס פילאָמעטער האָט איצט אָפּגעשטאָט זיין ערשטען באַזוך אין דעם „מקדש חוניו״ האָט דער כהן גדול איהם אויפגענומען מיט גרויס פּאַראַד. דער קעניג האָט עפענטליך צוגעגעבען אַז מיט זיין איצטיגען באַזוך אין דעם דאָזיגען טעמפּעל וויל ער אויסדריקען זיין דאַנקבאַרקייט צו אַלע אידען אין מצרים פאַר זייער געטריישאַפט צו איהם. ער האָט דערצעהלט צום כהן גדול פון די גרויסע קלוגהייט און גוטפריינטשאַפט צו אים מצד יונתן, דער נייער עטנארך פון ארץ ישראל.

דער קעניג האָט געגעבען אַ פיינע מתנה פון טויזענט טאַלאַנטס זילבער פאַר׳ן „מקדש חוניו״ און ער האָט צוגעזאָגט די אידען אַז זיי וועלען נאָך געניסען פילע אַנדערע פּריווילעגיעס אין דער נאָהענטער צוקונפט.

חוניו דער כהן גדול פון מצרים האָט באַלד געלאָזט מעלדען צו יונתן׳ען וועגען דעם דאָזיגען פריינטליכען באַזוך פון קעניג אין זיין „מקדש חוניו״, און יונתן האָט באַלד געענטפערט אַ פיינעם פּאָליטישען ענטפער צום עגיפּטישען קעניג מיט אַ דאַנק פאַר זיין פריינטליכקייט צו די אידען אין עגיפּטען.

אין עטליכע טעג שפּעטער האָט יונתן באַקומען די נאַכריכט פון צפניה׳ן וועמען ער האָט אַוועקגעשיקט נאָך אַנטיאָכיע צו העלפען אַלעקסאַנדער באַלאַס קעגען דימיטריאוס׳ן, אַז די אַכציג טויזענט עגיפּטישע סאָלדאַטען זיינען שוין אָנגעקומען אַהין און אַז דימיטריאוס איז שוין אַנטלאָפען פון אַנטיאָכיע.

דאַן האָט יונתן, מיט זיין קלוג אויג, פאָראויסגעזעהן אַ גוטע געלעגענהייט צו פאַרשטאַרקען זיין פּאָזיציע אַלס עטנארך און צו פאַרגרעסערען דעם גרעניץ פון ארץ ישראל. יונתן האָט געוואוסט אַז כאָטש איצטיגען מאָל איז איהם געלונגען צו ראַטעווען דעם אומגעלומפּערטען קעניג אַלעקסאַנדער באַלאַס פון די פעסטע לאַפּעס פון דימיטריאוס׳ען, קען מען אָבער נישט זיין זיכער אויף דער נאָהענטער צוקונפט.

דעריבער האָט יונתן זיך אַ נעהם געטאָן מיט זיין פאַרגרעסערטער אַרמיי פון פערציג טויזענט „מכבים״ און ער האָט אָנגעהויבען פאַרנעהמען פילע נייע שטעדט און דערפער וועלכע זיינען ביז דאַמאָלסט געווען אויסגעשלאָסען פון דער אידישער העגעמאָניע אין ארץ ישראל.

יונתן האָט צוריקגענומען די שטעדט יפו, אשדוד, און עקרון, און האָט באַפעסטיגט ירושלים. אין דער זעלבער צייט האָט ער אַוועקגעשיקט עט־

ליכע טיכטיגע פאַרשטעהער נאָך רוים צו פאַרשטאַרקען און באַפעסטיגען דעם אַלטען שלום־בונד וואָס איז געמאַכט געוואָרען צווישען רוים מיט זיין ברודער יהודה המכבי.

---

עס זיינען פאַריבער בלויז עטליכע מאָנאַטען נאָך דער הייראַט פון אַלעקסאַנדער באַלאַס מיט דער פרינצעסין פון עגיפּטען, און דער קעניג האָט אָנגעהויבען זיך אַרומצוקריגען מיט זיין יונג ווייבעל. פון אָנהויב האָט עס געהייסען אַז זי, די נייע קעניגין, פאַרשוואַרצט דעם פּנים פון איהר מאַן, דעם קעניג, דערמיט וואָס זי איז איינגעשפּאַרט און וויל נישט אָנהאַלטען די סירישע מאַנירען און דעם אַרט לעבען ווי עס פּאַסט פאַר אַ קעניגין אין סיריע. אַלעקסאַנדער האָט זיך געבייזערט וואָרום זיין פרוי קליידעט זיך לויט׳ן עגיפּטישען סטיל און פיהרט איין אין קעניגליכען הויף פילע נאַרישע צערעמאָניעס פון וועלכע די סירישע מיניסטאָרען, גענעראַלען, און הויכע אָפיצירען, לאַכען און שפּאָטען. די קעניגין האָט אָבער געגעבען צו פאַר־שטעהן איהר קעניג אַז עגיפּטען איז אַ מעהר ציוויליזירטע לאַנד, רייכער, און פאַרטגעשריטענער, איידער סיריע, און דעריבער וועט זי בשום אופן זיך נישט בויגען פאַר די אומוויסענדע סיריער מיט זייער פּראָסטען אַרט לעבען.

— וואָס אַ שטייגער האָסטו דאָ אין אַנטיאָכיע? — האָט די קעניגין איינמאָל אויסגעשריגען מיט גרויס שפּאָט צום קעניג — דאָרטען אין עגיפּטען, פון וואַנען איך קום, האָבען מיר גרויסע קונסט־ווערק, ביבליאָטעקען, פילאָ־זאָפען, אַרטיסטען, זינגערס, און שפּילערס, אָבער דאָ אין אַנטיאָכיע איז כסדר דער זעלבער מאָנאָטאָנישער לעבען. כסדר רעוואָלוציעס מיט גענעראַלען און אַרמייען. כסדר בלוט פאַרגיסונג און אַרעסטען און — — —

— כ׳לעבען אַ געלעכטער! — האָט אַלעקסאַנדער באַלאַס אויסגע־שריגען מיט גרימצאָרן און האָט באַלד גענומען אויסרעכענען די גוטע מעלות פון סיריע און די חסרונות פון עגיפּטען: — זאָג מיר נאַר, מיין קלוגע קעניגין, פון וואַנען האָט עס עגיפּטען באַקומען די גרויסע איבערזעצונג פון דער אידישער ביבעל אויב נישט די זיבעציג גרויסע חכמים פון ירושלים וועלכע האָבען מיט קאַרגע הונדערט יאָהר צוריק געמאַכט די דאָזיגע איבער־זעצונג? פון וואַנען קענען די עגיפּטישע גענעראַלען פיהרען מלחמה אויב די רוימער וואָלטען זיי נישט געוויזען דעם וועג? און דער עיקר, פון וואַנען וואָלטען די עגיפּטישע קעניגע באַקומען זייערע שעהנע פרויען אויב נישט פון די סירישע הויפען?...

ביי די דאָזיגע לעצטע ווערטער איז די קעניגין געוואָרען שטאַרק אויפ־געדעגט און זי האָט אַ געשריי געטאָן:

— אַלעקסאַנדער! זאָלסט שוין צוריק ציהען דיינע ווערטער!

— איך האָב בלויז געזאָגט דעם ריינעם אמת — האָט אַלעקסאַנדער געענטפערט מיט אַ שעלמישען שמייכעל...

— אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס האָסטו פאַרגעצויגען אַן עגיפּטישע פּרינ־צעסין און נישט פון דיינע סירישע שעהנהייטען? — האָט די קעניגין אַרויס־געשוימט מיט רוגזה.

— איך בעט דיר, ציה מיר נישט פאַר׳ן צונג — האָט אַלעקסאַנדער געענטפערט מיט אַן אַנגעכמורעטען פנים.

— דו מוזט ענטפערען אויף מיין פראַגע — האָט די קעניגין נישט אָפּגעלאָזען — דו האָסט מיר באַליידיגט און דעריבער מוזטו מיר ענטפערען.

— דער קאָפּ איז מיר איצט צעטומעלט — האָט אַלעקסאַנדער גע־ענטפערט — ערשט נאָר וואָס ווי איך האָב פאַריאָגט דעם רעוואָלוציאָנער דימיטריאוס׳ען, טאָ לאָז מיך צורוה מיט דיינע נאַרישע פראַגען...

— דו מיינסט צו זאָגען, „מיט דיינע נאַרישע רייד" — האָט די קעניגין אַ געשריי געטאָן און האָט באַלד אָנגעהויבען אויסרעכענען אַ גאַנצע ליסטע פון נאַרישקייטען פון איהר מאַן:

— מ׳שטיינס געזאָגט מיט וואָס דו שטאָלצירסט! ווען נישט דער אידישער עטנאַרך פון ארץ ישראל וואָלסטו נאָך ביז היינט געזעסען אויפ׳ן אינזעל ראָדעס און קיינמאָל נישט געוואָרען קעניג; ווען ניט מיין טאַטע, וועלכער האָט דיר צוגעשיקט 120 טויזענט סאָלדאַטען וואָלסטו איצט שוין געווען מיט אַ קאָפּ קירצער ווייל דימיטריאוס וואָלט זיכער געזיגט; און ווען נישט די עטליכע פעהיגע אידישע מיליטאַריסטען פון ארץ ישראל וואָלסטו אפילו נישט געוואוסט ווי צו מושטירען מיין טאַטענ׳ס אַרמיי קעגען די רעוואָלוציאָנערען... און — — — —

— גענוג! — האָט אַלעקסאַנדער אויסגעשריגען אין גרויס אויפרעגונג און האָט האַסטיג אַ זאָג געטאָן:

— און ווען נישט יונתן, מיין אידישער גוטער פריינט, וואָלט איך נאָך ביז היינט נישט געקענט איינהאַנדלען אַזאַ פּאַרשוין ווי דו ביזט....

— אַזוי גאָר? — האָט די קעניגין אויסגעהויכט מיט צאָרן און האָט זיך האַסטיג אַ שטעל געטאָן אויף די פיס — הייסט עס אַז — — — —

די קעניגין האָט זיך איינגעהאַלטען מיט אַלע כחות נישט אַרויסצו־רעדען מיט די ליפּען דאָס וואָס זי האָט געפיהלט אין יענע מאָמענטן. ערשט

איצט האָט זי דערפיהלט אַז אַלעקסאַנדער קוקט אויף איהר קרום צוליב איהר נישט שעהנעם פּנים . . . עס האָט איהר אויפגעזאָטען אין די טיפעניש פון איהר האַרץ און איהר פּרינצעסישער שטאָלץ האָט איהר אַזוי שטאַרק אויפ־גערעגט אַז זי האָט באַלד אַ געשריי געטאָן צו אַלעקסאַנדער׳ען:

— אַרויס פון מיין צימער! געה זוך דיר אָפּ אַן אַנדערע סירישע פאַרשוין! . . .

אַלעקסאַנדער האָט מיט לאַנגזאַמע טריט פאַרלאָזען זיין פרוי׳ס צימער. ער האָט אפילו געוואָלט עפּעס זאָגען אַזעלכעס וואָס זאָל צוריק באַרוהיגען דעם צאָרן פון זיין פרוי, אָבער אין נעקסטען מאָמענט האָט ער זיך דערמאָנט אַן דער שעהנער מאסטראָאַן וועמען ער האָט דערוואַרטעט היינטיגען אָוועגט אין זיין פּריוואַטען צימער . . . און דעריבער האָט ער גאַרנישט פּרובירט צו מאַכען שלום מיט זיין געזעצליכער פרוי נאָר ער איז אַרויס פון איהר צימער מיט אַ שעלמישען שמייכעל.

די קעניגין האָט זיך שטאַרק צעוויינט און זי האָט באַלד אַריינגערופען איינע פון איהרע קאַמערמיידלאַך און איהר געשיקט רופען דער עגיפּטישער פּרימאַדאָנא, די קלוגע לוציא, אַז זי זאָל שוין אַריינקומען צו דער קעניגין אין צימער.

עס האָט נישט געדויערט לאַנג און די, אַזוי גערופענע, פריינדין לוציא איז אַריינגעקומען אין דעם פּריוואַטען צימער פון דער קעניגין און דערזע־הענדיג ווי די קעניגין זיצט און וויינט איז זי געוואָרען אַ פאַרציטערטע און איז געבליבען שטעהן אינמיטען צימער.

— קום אַהער! — האָט די קעניגין אַ זאָג געטאָן מיט א טרויעריגע שטימע — דו מעגסט איצט וויסען אַז איך פיהל זיך די אומגליקליכסטע פרוי אין דער וועלט.

לוציא האָט זיך דערנעהענטערט צו דער קעניגין און האָט זיך אַראָפּגע־זעצט אויפ׳ן ווייכען דיוואָן און דאָן האָט די קעניגין אָנגעהויבען ארויסצוגעבען פאַר איהר וואָס עס האָט איהר געדריקט אויפ׳ן האַרצען.

— דו ווייסט דאָך, לוציא, וויפיל דער קעניג האָט אָנגעווענדעט אום צו געווינען מיין האַרץ און די צושטימונג פון מיין פאָטער צו אונזער הייראַט . . . ווער וואָלט עס דעמאָלט געקאָנט גלויבען אַז אַלעקסאַנדער באַלאַס זאָל גאָר קענען זיין אַזוי פאַלש און באַטריגעריש קעגען מיר? נישט גענוג וואָס ער האָט שוין זיין ערשטע פרוי געטריבען צו זעלבסטמאָרד, איבערלאָזענדיג איהר איינציגען זוהן אַנטיוכוס׳ען אַ יתום, האָט ער נאָך געוואָגט מיר אויך צו פאַרפיהרען, ווייל לויט ווי איך האָב געהערט, האָט ער גאָר אַ געליבטע און ער

וואָגט מיר צו באַליידיגען אויף אַזאַ העסליכען אופן. איך וויל נישט דולדען מעהר פון איהם! איך וויל אַז דו זאָלסט שוין אָפּפאָהרען נאָך אַלעקסאַנדריע צו מיין פאָטער און איהם איבערגעבען אין מיין נאָמען אַז ער זאָל שוין אַרויס־שיקען אַ שיף וועלכע זאָל מיך צוריקברענגען נאָך עגיפּטען, איך וויל נישט מעהר פאַרבלייבען קיין קעניגין פון אַנטיאָכיע.

לוציא האָט אויסגעהערט די שטורעמדיגע רייד פון דער קעניגין און נאָך אַ לאַנגען שטילשווייגען האָט זי געענטפערט זעהר געלאַסען:

— כאָטש איך פיהל מיט די גרויסע אַנטוישונג פון דער קעניגין, דאָך וואָלט איך דיר ראָטען אַז איידער דו שיקסט מיר נאָך עגיפּטען זאָלסטו פּרו־בירען צו פאַריאָגען דעם קעניג׳ס געליבטע פון דעם פּאַלאַץ. מעגליך, אַז ווען דער קעניג וועט ווערען באַפרייט פון דעם איינפלוס פון מאַסטראַא׳ן וועט ער דאַמאָלסט ווערען בעסער געשטימט צו דיר . . .

— וואָס? מאַסטראַא, זאָגסטו? — האָט די קעניגין זיך אַ הויב געט־טאָן פון דיוואַן מיט אַ ווילדען אויסגעשריי — פון וואַנען ווייסטו שוין דעם נאָמען פון זיין געליבטע אין דער צייט וואָס איך זעלבסט ווייס עס נישט?

— ערשט נעכטען האָב איך זיך דערוואוסט פון איהר — האָט לוציא געענטפערט — דער גענעראַל טריפאָן האָט עס מיר פאַרטרויט שטילערהייט.

— אַזאַ אויסוואורף! אַזאַ פאַלשע צויג! איך וועל איהר דערשטיקען מיט מיינע הענט! איך וועל איהר פאַרגיפטען! איך וועל מאַכען אַ שנעלען סוף פון איהר — האָט די קעניגין אָנגעהויבען שרייען מיט רציחה אַרומלוי־פענדיג איבערן צימער מיט האַסטיגע טריט אין אַ העכסט נערוועזען צו־שטאַנד.

די דאָזיגע ווילדע סצענע האָט אָנגעהאַלטען עטליכע מינוטען און פלוצלינג האָט די קעניגין אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר לוציא, ווי קומט עס וואָס טריפאָן שוויגט אויף אַזאַ סקאַנדאַל? דוכט זיך אַז מאַסטראַא איז געוועזען טריפאָן׳ס געליבטע, טאָ ווי־קומט עס וואָס ער שוויגט?

— וואָס קען ער העלפען דערצו? — האָט לוציא געענטפערט — טריפאָן קען דאָך נישט צווינגען איבערגעוואַלד זיין געליבטע, איבערהויפּט ווען זיין קאָנקורענט איז דער קעניג זעלבסט.

— אויב אַזוי, גלויב איך אַז מיין ראַכע קעגען מיין פאַררעטערישען מאַן דעם קעניג וועט זיין דערפאָלגרייך, — האָט די קעניגין אויסגערופען מיט אַ כיטרען געלעכטער — איך וועל שוין זעהן נאָכצושפּיאָנירען ביידען און אַזוי אַרום וועלען זיי ביידע שוין ניט לעקען קיין האָניג.

— דאָס איז דער בעסטער פּלאַן אונטער די אומשטענדען — האָט לוציא צוגעגעבען מיט אַ שמייכעל.

— אָבער דו, לוציא, מוזט שוין אָפּפאָהרען צו מיין פאָטער — האָט די קעניגין געזאָגט — ווייל ווי גוט איך זאָל דאָ אויספּירען וויל איך בשום אופן ניט פאַרבלייבען מעהר אונטער איין דאַך מיט אַלעקסאַנדער באַ־לאַס׳ן . . . איך וויל בלויז אויספּירען מיין ראַכע קעגען איהם און נאָכדעם וועל איך אַוועק צוריק נאָך עגיפּטען און זאָל ער ווייסען וואָס אַ נישט־שעהנע קעניגין קען אויפטאָן . . .

ביי די ווערטער האָט די קעניגין זיך צעלאַכט מיט אַ הילכיגען גע־לעכטער און לוציא האָט ניט ווילענדיג געמוזט מיטלאַכען, פּיהלענדיג אַז די דאָזיגע מיאוס׳ע קעניגין וועלכע איז ביז איצט געווען שטיל ווי וואַסער און רוהיק און צערטליך צו איהר מאַן דעם קעניג, ועט ווערען פאַרוואַנדעלט אין אַ בייזע חיה און דאַן איז שוין גאָר ניטאָ וואָס מקנא צו זיין דעם נאַרישען קעניג אַלעקסאַנדער באַלאַס.

די קעניגין האָט נאָך פאַרבראַכט מיט איהר עגיפּטישער פריינדינע לוציא אין אַ לאַנגען געשפּרעך און נאָכדעם איז לוציא אַרויסגעגאַנגען פון צימער און די קעניגין האָט שנעל זיך אָנגעטאָן אירע שענסטע קליידער און אָנזאָגענדיג אין פּאַלאַץ אַז זי פאָהרט אַרויס פאַר אַ לאַנגען שפּאַציר איבער׳ן שטאָדט האָט זי מיטגענומען אירע צוויי קאַמער מיידלאַך און איז אָפּגעפאָהרען פון פּאַלאַץ אין דער שעהנער קאַרעטע וועלכעס איז אימער געשטאַנען גרייט פאַר אירע אָרדערס.

---

אין איינע פון די שעהנסטע הייזער פון דער שטאָדט אַנטיאָכיע איז אין יענעם טאָג געזעסען דער גענעראַל טריפאָן מיט נאָך עטליכע פון זיינע בעסטע גוטע פריינט און האָבען געפירט אַ שמועס צווישען זיך.

— דו האַנדעלסט ווי אַ נאַר — האָט איינער פון די גוטע פריינט אַ זאָג געטאָן צו טריפאָנען — וואָרום זאָלסטו קוקען און שווייגען אויף אַזאַ נידער־טרעכטיגקייט קעגען דיר ? האָסטו דען ווייניג געהאָלפען דעם קעניג אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע קעגען אים ? פאַרוואָס זאָל ער איצט האַנדלען אַזוי גרויזאַם קעגען דיר, און צונעמען דיין געליבטע מאַסטראַאַ׳ן ?

— אָבער וואָס קען איך טאָן דערצו ? — האָט טריפאָן אָפּגעענטפערט מיט אַ טיפען קרעכץ.

— וואָס הייסט וואָס דו זאָלסט טאָן ? — האָט אַ צווייטער אָפּגעפרעגט און ער האָט באַלד צוגעגעבען : — אַזוי ווי דו האָסט געקענט אַרויס־פיר׳ן

דעם פאַרביסענעם און העלדישען דימיטריאוס׳ן פון אַנטיאָכיע, אַזוי קענסטו אויך טאָן מיט דעם נאַרישען שוואַכלינג קעניג אַלעקסאַנדער באַלאַס.

— און דאַן וועט זיך אָנהויבען אַ נייער שטריט מיט די חשמונאים אין ארץ ישראל — האָט טריפאָן געענטפערט מיט אַביטערען שמייכעל און ער האָט באַלד אָנגעהויבען צו דערקלערען אַט־וואָס:

— איר טאָרט ניט פאַרגעסען אַז דער אידישער עטנארך יונתן, שטעהט פעסט פאַר אלעקסאנדער׳ן, ווייל מיט אַזאַ נאַר און שרעקעדיגען האָז קען ער מאַכען וואָס ער וויל. יונתן האָט שוין פערכאַפּט פיעלע שטעדט אונטער זיין קאָנטראָל. ער האָט שוין צונויפגעשטעלסט אַ נייע אידישע אַרמיי פון 40 טויזענט סאָלדאַטען און ער האָט שוין געשלאָסען אַ נייעם אָפּמאַך מיט רוים. ער האָט אויך זיך באַזאָרגט מיט גוטע פריינטשאַפט מיט׳ן עגיפּטישען קעניג און ער האָט עס דורכגעפיהרט דעם שידוך צווישען אלעקסאנדער׳ן מיט דער עגיפּטישער פרינצעסין. דאָ וועל איך האָבען צו פיהרען מלחמה מיט אַלע־מען: מיט אַלעקסאַנדערען, מיט יונתנ׳ען, און אויך מיט׳ן עגיפּטישען קעניג וועלכער וועט געוויס קומען צו הילף זיין אידעם.

— אָבער וואָס וועט זיין דער סוף? — האָט נאָך איינער פון די גוטע פריינט אַ פרעג געטאָן — מיר קענען דאָך ניט דערלאָזען אַז אונזער סירישע מלוכה זאָל מיט דער צייט ווערען גאָר אינגאַנצען פאַרשלונגען פון פרעמדע הערשערס.

— און מיר דוכט, אַז וועגען דעם עגיפּטישען קעניג האָבען מיר גאָר־נישט וואָס מורא צו האָבען — האָט אַ דריטער אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג — ווייל לויט ווי איך האָב דערפאַהרען קומט פאַר אַ ביטערער קאַמף צווישען אונזער קעניג מיט זיין קעניגין, און אויב אַזוי וועט דער עגיפּטישער קעניג געוויס שטעהן אויף דער זייט פון זיין טאָכטער, און דו טריפאָן, מעגסט עפּעס אָנהויבען צו טאָן . . . פאַרגעס נישט אַז דיין קריוודע קעגען אלעקסאנדער׳ן איז זעהר גרויס. ער האָט דיך באַרויבט פון דיין געליבטע, און אונזער קריוודע קעגען איהם איז אויך זעהר שטאַרק ווייל ער האָט פילע פון אונזערע גריכישע ברידער, די געוועזענע גענעראַלען און אָפיצירען, אַזוי שטאַרק פאַר־שעמט דערמיט וואָס ער האָט אַראָפּגעבראַכט אהער עטליכע הונדערט אָפי־צירען און מיליטערישע פיהרערס פון די אידען . . .

— זיי האָבען דאָך אָבער פאָרט געמאַכט אַ שנעלען סוף צו דער רע־וואָלוציע — האָט איינער אַ זאָג געטאָן.

— ניין! ניט די אידישע מיליטאַריסטען האָבען עס דערפיהרט צו אַ זיג נאָר טריפאָן זעלבסט האָט געבראַכט דערצו, דאַמיט וואָס ער האָט אַזוי

קונציג אָפּגעראַמט דימיטריאוס׳ען פון דער ליכטיגער וועלט — האָט איינער פון די אָפּיצערן געענטפערט.

טריפאָן האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן אָבער אין זעלבען מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ לייכטער קלאַפּ אויף דער טיר און אַלע פאַרזאַמעלטע האָבען אָנגעשטעלט זייערע אויגען צום טיר.

טריפאָן איז צוגעגאַנגען צום טיר און האָט אויפגעעפענט.

— אין נאָמען פון דעם קעניג בין איך געקומען צו דיר, טריפאָן, מיט׳ן באַפעהל אַז דו זאָלסט שוין פאָהרען מיט מיר צום פּאַלאַץ — האָט דער אַריינ־געקומענער אַדיוטאַנט איבערגעגעבען זיין שליחות צו טריפאָנ׳ען און איז געבליבען שטעהן וואַרטענדיג אויף טריפאָנ׳ס ענטפער.

אַלע פאַרזאַמעלטע אין הויז זיינען געבליבען זיצען דערשראָקענע פון דעם פּלוצימדיגען באַפעהל, ניט קענענדיג באַגרייפען די אורזאַך פון אַזאַ אונדערוואַרטעטען רוף.

— מוז איך דען שוין די מינוט פאָהרען צום פּאַלאַץ אָדער איך מעג קומען אַהין אין אָווענט ? — האָט טריפאָן אַ פרעג געטאָן.

— דו מוזט שוין פאָהרען מיט מיר — האָט דער אַדיוטאַנט געענטפערט.

— די קאַרעטע שטעהט דאָ נעבען הויז און דער באַפעהל פון קעניג מוז ווערען אויסגעפאָלגט . . .

טריפאָן האָט באַלד פאַרלאָזען זיין הויז און צוזאַמען מיט׳ן אַדיוטאַנט איז ער אַריין אין דער קעניגליכער קאַרעטע און איז באַלד אָפּגעפאָהרען צום פּאַלאַץ.

---

ווען די פאַרצווייפעלטע קעניגין האָט באַשלאָסען צו נעמען ראַכע פון איהר פאַררעטערישען מאַן, קעניג אַלעקסאַנדער, האָט זי באַלד פאַראָרדערט, אויף אַ שטילען און כיטרען אופן, אַז צוזאַמען מיט איהר אייגענער קאַרעטע, אין וועלכער זי מיט איהרע צוויי קאַמער־מיידלאך זיינען אַרויסגעפאָהרען פאַר אַ שפּאַציר, זאָל אַרויספאָהרען נאָך אַ צווייטע קאַרעטע מיט׳ן אַדיוטאַנט וועל־כער זאָל ברענגען טריפאָנ׳ען אין פּאַלאַץ.

די קעניגין האָט אָנגעזאָגט דעם אַדיוטאַנט אַז ער מוז ברענגען טריפאָ־נען צום קעניג וועלכער נויטיגט זיך אין אַ ספּעציעלע באַראַטונג מיט איהם.

פאַרשטעהט זיך, אַז דער אַדיוטאַנט האָט גאַרנישט חושד געווען דער קעניגין אַז דאָ ווערט געפּלאַנעוועט אַ קאָנספּיראַציע, און דעריבער האָט ער ניט געוואַגט צו שטעלען קיינע פראַגען צו דער קעניגין.

און פונקט דעמאָלסט ווען דער אדיוטאַנט איז שוין געפאָהרען צוריק, מיטפיהרענדיג טריפאָנ׳ען, האָט ער אין מיטען וועג, גאָר אומדערוואָרטעט... אַנגעטראָפען די צווייטע קאַרעטע אין וועלכער עס זיינען געזעסען די קע־ניגין מיט איהרע צוויי קאַמער־מיידלאַך . . .

וועןביידע קאַרעטעס האָבען זיך צונויפגעטראָפען . . . האָט דער אַדיוטאַנט געפונען פאַר נויטיג זיך אָפצושטעלען, און באַגריסענדיג די קע־ניגין האָט ער איהר געמאָלדען, אַז טריפאָן פאָהרט מיט איהם צום קעניג לויט דער קעניגינ׳ס באַפעהל . . .

— זאָג איהם, אַז ער זאָל אויסשטייגען פון דער קאַרעטע און צוקומען צו מיר — האָט די קעניגין באַפוילען דעם אַדיוטאַנט.

אין די נעקסטע עטליכע מאָמענטען איז טריפאָן שוין געשטאַנען נע־בען דער קעניגין און ער האָט אויסגעהערט וואָס זי האָט גערעדט צו איהם:

— זאָלסט וויסען, טריפאָן, אַז דער קעניג האָט געשיקט נאָך דיר וועגען אַ זעהר ערנסטען ענין . . . נאָר אַזוי ווי איך צווייפעל אויב דער קעניג וועט איצט קענען דיר אויפנעמען אין זיין פריוואַטען צימער וואו ער איז שטאַרק פאַרנומען מיט עטליכע, פון פריהער געלאַדענע געסט, דעריבער וואָלט איך ניט וועלען אַז דו זאָלסט זיך לאַנגווייליגען אין פאַלאַץ . . . אויב דו ווילסט קענסטו אַריינשטייגען אין מיין קאַרעטע און מיר וועלען אַ ביסעל אַרומפאָהרען אויף אַ שפּאַציר און נאָכדעם וועלען מיר זיך אומקעהרען צום פאַלאַץ . . .

טריפאָן האָט ניט געגלויבט זיינע אויערען. זייט ווען איז די שטאָלצע קעניגין, די געוועזענע עגיפּטישע פּרינצעסין, געוואָרען אַזוי „צוקער זיס״ צו איהם ? . . . דוכט זיך אַז זייט דעם לעצטען האַלבען יאָהר, וואָס די קעניגין געפינט זיך אין פאַלאַץ, האָט זי קיינמאָל ניט אַרויסגערעדט צו איהם קיין איינ־ציגען פריינטליכען וואָרט, און איצט הערט ער גאָר אַזעלכע צערטליכע ווער־טער מיט אַן איינלאַדונג פאַר אַ שפּאַציר . . .

דער כיטרער טריפאָן האָט באַלד אויפגעכאַפּט אין זיין געדאַנקען אַז עפּעס אַן אינטריגע מוז שטעקען אין דער קעניגינ׳ס זאָנדערבאַרע אויפפיהרונג און דעריבער האָט ער באַדאַנקט דער קעניגין פאַר׳ן גרויסען כבוד און ער האָט באַלד אַריינגעשטיגען אין איהר קאַרעטע וועלכע האָט זיך געריהרט פון אָרט און האָט אָנגעהויבען צו פאָהרען אויף די גרינע פעלדער אויסער דער שטאָדט.

די צווייטע קאַרעטע מיט׳ן אַדיוטאַנט איז אָפּגעפאָהרעןליידיגערהייט צום פאַלאַץ.

די ערשטע שעה פון דעם שפּאַציר איז פאַריבער אין שמייכעלהאַפטע

געשפּרעכען צווישען טריפּאָן מיט דער קעניגין. טריפּאָן האָט אָבער אָנגע־ווענדעט זיין גאַנצען טאַלאַנט פון כיטרעקייט אום אַרויסצובאַקומען וועלכע עס איז אינפאָרמאַציע וועגען דעם דרינגענדען באַפעל פון קעניג אַז ער זאָל שוין קומען צו איהם. די קעניגין האָט געמוזט עפּעס ענטפערען אַזעלכעס וואָס זאָל באַרוהיגען דעם צעטומעלטען גענעראַל און אין דער זעלבער צייט זאָלען איהרע צווי קאַמער־מיידלאַך נישט וויסען פון איהר סוד. זי האָט דעריבער אַ זאָג געטאָן:

— לויט ווי איך זעה ביסטו, טריפּאָן, זייער נייגעריג שוין צו וויסען וועגען וואָס דער קעניג האָט געשיקט נאָך דיר אַזוי פּלוצלינג, דעריבער וועל איך דיר טאָן די טובה און שוין אויסזאָגען: זאָלסט וויסען, טריפּאָן, אַז דער קעניג פּלאַנעוועט פאַר מיר אַ גרויסאַרטיגען באַל איידער איך פאָהר אָפּ נאָך עגיפּטען פאַר אַ קורצען וויזיט צו מיין פאָטער דער עגיפּטישער קעניג . . . און דעריבער וויל ער מיר איבערראַשען גאָר אומדערוואַרטעט מיט אַ העכסט גראַנדיעזען באַל, און דאָס האָט ער געשיקט נאָך דיר צו אַראַנזשירען גרויסע מיליטערישע פּאַראַדען אין דער שטאָדט . . .

טריפּאָן האָט אויסגעהערט די דערקלערונג און ער האָט גלייך דער־פיהלט אַז די קעניגין נאַרט איהם. ערשטענס, וויס ער אַז דער קעניג איז גאָר נישט אַזוי ראָמאַנטיש געשטימט צו דער קעניגין . . . צווייטענס, וואָס עפּעס פּלוצלינג אַ באַל? אויב די קעניגין דענקט צו מאַכען אַ וויזיט אין עגיפּטען, טאָ וואָרום זאָל דאָ אין אַנטיאָכיע געפּראַוועט ווערען אַ ספּעציעלער יום טוב איידער זי פאָהרט ארויס? דריטענס, וואָס אייגענטליך קען דער קעניג פאַרלאַנגען פון איהם, טריפּאָנ׳ען, צו העלפען אין דער אַראַנזשירונג פון דעם דאָזיגען באַל? ווי קומט ער, טריפּאָן, צו דעם גאַנצען עסק? און פערטענס, האָט טריפּאָן נישט געגלויבט די גאַנצע געשיכטע אַז די קעניגין מיינט עס ערנסט.

פאַרשטייט זיך אַז טריפּאָן האָט ניט געוואַגט צו שטעלען קיינע פראַגען. ער האָט בלויז צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

דערווייל איז די קאַרעטע אָנגעקומען צו אַ שעהנעם גאַרטען און די קעניגין האָט געהייסען זיך אָפּשטעלען און זי איז באַלד אַרויס פון דער קאַ־רעטע אָנזאָגענדיג אירע צווי קאַמער מיידלאַך צו וואַרטען דאָ אויף איר צוריקקומען אין אַ קורצע ווילע שפּעטער. עס האָט געהייסען אַז די קעניגין וויל זיך דורכשפּאַצירען אין גאַרטען מיט דעם גענעראַל טריפּאָן.

ווען די קעניגין איז געגאַנגען מיט טריפּאָנען מיט לאַנגזאַמע טריט האָט זי גענומען ריידען מיט אימפּעט און גרויס אויפרעגונג.

— איך בין זיכער אַז דו האָסט פאַרשטאַנען אַז מיין פאָריגע געשיכטע וועגען אַ באַל פאַר מיר איז געווען בלויז אַן אויסרייד ווייל איך קען דאָך ניט רעדען קיינע סודות אין דער געגענוואַרט פון מיינע קאַמערמיידלאך. דער אמת איז אַז, איך וויל דיך האָבען היינט ביינאַכט אין דעם פּאַלאַץ אום אַז מיר ביידע זאָלען קענען איינמאָל פאַר אַלע מאָל אָפּשליסען אונזערע חשבונות מיט אונזערע צוויי געגענזייטיגע פאַררעטערס.

— איך פאַרשטעה ניט — האָט טריפאָן אַרויסגעהויכט מיט שרעק און צעטומעלטקייט, — וועלכע פאַררעטער? וואו, וואָס, ווען?

— מאַך זיך נישט אַזוי נאַריש — האָט די קעניגין געענטפערט מיט אַ שמייכעל — דו ווייסט זעהר גוט אַז דיין מאסטראַא האָט דיך פאַרראַטען.

— נו, יאָ, אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיט מיין וויזיט אין פּאַלאַץ — האָט טריפאָן ווידער געפרעגט.

— עס האָט שוין גאָר אַ סך צו טאָן — האָט די קעניגין אויסגערופען מיט צאָרן — ווייל דער קעניג האָט עס איהר אָראָפּגעפיהרט פון גלייכען וועג.

— אָבער וואָס קען איך העלפען דערצו? — האָט טריפאָן אָפּגעזיפצט.

— דו אליין טאַקע ניט, אָבער איך וועל דיר העלפען דערצו . . . — האָט די קעניגין אַ זאָג געטאָן און בשעת מעשה האָט זי צוגעוואָרפען אַ באַדייטענדען מילדען בליק צו טריפאָנען.

— אָה, איך פאַרשטעה שוין! איך דאַנק דיר! — האָט טריפאָן אויסגערופען אין באַגייסטערונג — הייסט עס, אַז דער אַדיוטאַנט האָט מיר איבערגעגעבען אַ פאַלשען באַפעל פון קעניג? דאָס איז גאָר געווען דיין באַפעל מיר אַרויסצובערענגען אַהער אום צו קענען דיר דאַנקען פאַר דיין גוטהארציגקייט צו מיר . . .?

— געטראָפען! — האָט די קעניגין געענטפערט מיט אַ ברייטען געלעכטער און זי האָט באַלד אָנגעהויבען דערקלערען איר גאַנצען פּלאַן ווי אַזוי זי און טריפאָן זאָלען האַנדלען היינטיגע נאַכט אום דורכצופיהרען זייער געמיינזאַמע ראַכע פון ביידע ליבקע געליבטע, קעניג אַלעקסאַנדער און מאַסטראַאַ. פאַרשטייט זיך אַז די קעניגין האָט איצט אַנטדעקט איר הארץ פאַר טריפאָן׳ען, זי האָט גערעדט מיט גרימצאָרן און כמעט מיט טרערען, אויף דעם פאַררעטערישען קעניג וועלכער האָט, ניט נאָר איר באַליידיגט נאָר טאַקע, אויף אַן אמת אויסגעביטען זיין געזעצליכע ליבע צו איר, זיין פרוי, אויף דער ליבע פון אַ פרעמדער מיט׳ן נאָמען מאַסטראַא וועלכע איז אימער געווען געטריי צו איר געליבטען טריפאָן.

— מיר עגיפּטישע פרויען קענען ניט פאַרגעבען אַזאַ פאַרברעכען — האָט די קעניגין אויסגערופען מיט שטאָלץ — אַלעקסאַנדער האָט פאַרגעסען וואָס דו, טריפאַן, האָסט געטאָן פאַר אים אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע. ער האָט אונז ביידען פאַרשעמט און דערנידערט. ער האָט אונז ביידען וועה געטאָן ביז'ן אינערליכען בייך, און מיר טאָרען נישט שווייגען.

טריפאַן האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען אויפגעלעבט. ווי באַלד אַז עס האָלט שוין אַזוי ווייט מיט דער שטאָלצער קעניגין איז עס אַ סימן אַז אַלעקסאַנדער איז שוין אַן אָפּגעקוילעטער. די עגיפּטישע פאַרשוין, די קעני־גין, וועט איהם שוין געבען צו שמעקען דעם ריכטיגען פולווער.

טריפאַן האָט אָנגעהויבען פילען אַ זיסען ראַכע געפיהל קעגען קעניג פאַר זיין אָפּרייסען זיך געליבטע מאַסטראַא'ן פון איהם. ערשט איצט האָט טריפאַן דערפילט ווי ער וואָלט מיט אַמאָל ווערען באַהערשט מיט אַ נייער גבורה, און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— ווירדיגע קעניגין! איך בין גרייט דיר צו העלפען! זאָג וואָס איך זאָל טאָן און איך וועל אַלעס דערפילען! . . .

— אַט אַזוי רעדט אַ קלוגער גענעראַל! — האָט די קעניגין אויסגערופען מיט שמחה — איצט בין איך זיכער אַז דו וועסט זיך ניט לאַנגווייליגען אין פּאַלאַץ וואַרטענדיג ביז אַרום אַ האַלבע נאַכט ווען איך וועל דיר דאַן אַריינ־פיהרען אין קעניגס צימער . . .

ביידע ניי־געוואָרענע גוטע פריינט האָבען באַלד אָפּגעשמועסט ווי אַזוי צו האַנדלען און דאַן האָבען זיי זיך אומגעקעהרט צוריק צו דער קאַרעטע, וועלכע האָט די גאַנצע צייט געוואַרט אויף זיי נעבען דעם גאָרטען, און אין פאַרלויף פון עטליכע מינוטען איז שוין די קאַרעטע געפאָהרען צוריק צום פּאַלאַץ פיהרענדיג דער קעניגין, טריפאַנען, מיט די צוויי קאַמער־מיידלאַך.

---

## קאַפּיטעל 53

# די שרעקליכע נאַכט אין פּאַלאַץ. — טריפאַן אַנטלויפט. — די קעניגין אָפּגעשיקט אַהיים.

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. אין קעניגליכען פּאַלאַץ אין אַנטיאָכיע זיינען שוין אַלע געשלאָפען און איבעראַל איז געווען פינסטער און שטיל. פון צייט צו צייט האָבען זיך געהערט די לאַנגזאַמע טריט פון די

פאַר צעהנדליג סאָלדאַטען־וועכטער וועלכע זיינען אַרומגעגאַנגען אויף פּאַט־רול אַרום דעם גרויסען פּאַלאַץ.

און אין יענע שטילע שטונדען זיינען פאָרגעקומען צווי באַזונדערע געשעהענישען אין צווי באַזונדערע צימערען אין דעם פּאַלאַץ: די קעניגין מיט טריפאָנען צוזאַמען מיט איהר געטרייער גוטער פריינדין, די עגיפּטישע לוציא, זיינען געזעסען אין דעם צימער פון דער קעניגין און האָבען געוואַרט אויף דעם גינסטיגען מאָמענט. אַלעס איז שוין ביי זיי געווען אָפּגעמאַכט ווי צו האַנדלען, זאָגאַר די שטילע און אידעלע לוציא, וועלכע האָט פון אָנהויב זיך געשראָקען, האָט איצט שוין אויך געוואַרט מיט אַ רוהיגען געמיט, פילענדיג, אַז אַנדערש קען עס נישט זיין. זי מוז אַרויסהעלפען איהר פריינדין, דער קעניגין, אין איהר גרויסער פאַרביטערונג קעגען קעניג; איבערהויפּט איז לוציא געווען זיכער אַז גאָר גיך וועט זי אָפּרייזען נאָך עגיפּטען אין איהר שליחות פון דער קעניגין צום עגיפּטישען קעניג, טאָ וואָס זשע האָט זי איצט מורא צו האָבען?

און אין יענע שטונדען איז געזעסען דער קעניג אַלעקסאַנדער באַלאס אין זיין פּריוואַטען צימער און האַלטענדיג אַרומגעאַרעמט זיין אויפריכטיגע געליבטע, די וואונדערליך שעהנע מאָסטראַאַ׳ן, האָט ער שטילערהייט געשעפּ־שעט אין איהר אויער:

— מיין טייערע! דו שאַפּסט דאָך איצט אַ נייעם לעבענסקוואַל אין מיר. אומגליקליך בין איך געווען מיט מיין ערשטער פרוי, וועלכע האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס ליבע מיינט, און נאָך מעהר אומגליקליך בין איך איצט מיט מיין צווייטער פרוי, די גרעסטע מיאוס׳קייט פון עגיפּטען, אויף וועמען עס עקעלט אַ קוק צו טאָן . . . פאַרשאָלטען זאָל ווערען יונתן, דער אידישער עטנארך פון ארץ ישראל, וועלכער האָט מיך געצוואונגען צו הייראַ־טען מיט אַזאַ העסליכע פרוי ווי מיין איצטיגע קעניגין, ווייל ער האָט געוואָלט אַרויסווייזען זיין גוטפריינטשאַפט צום עגיפּטישען קעניג.

— אָבער פאַר וואָס האָסטו זיך געלאָזען אַריינפיהרען אין אַזאַ בלאָטע?

— האָט די כיטרע מאסטראַאַ אַרויסגעשעפּשעט און האָט דורכגעפיהרט מיט איהרע צאַרטע פינגער איבער די געקרייזעלטע האָר פון קעניג׳ס קאָפּ.

— וואָס האָב איך געקענט טאָן אין מיין דעמאָלסדיגער פאַרצווייפלונג? — האָט דער קעניג אָפּגעזיפצט — שטעל זיך פאָר, ווי מיר איז דאַן געווען ביטער און פינסטער פון אַלע זייטען. ערשטענס, האָט מיין ערשטע פרוי באַגאַנגען זעלבסטמאָרד; צווייטענס, האָט דימיטריאוס געהאַלטען אַט־אַט ביים פאַרכאַפּען מיין טראָן; און דריטענס, האָט יונתן גע׳פּועל׳ט אַז דער

עגיפּטישער קעניג זאָל מיר אויסבאָרגען אַ היבשע אַרמיי צו קענען דער־שטיקען די רעוואָלוציע; און דערצו האָט יונתן מיר צוגעשיקט אַ פּאָר צעהנ־דליג פון זיינע טיכטיגע גענעראַלען צו מושטירען מיין אַרמיי און מאַכען אַ סוף פון דער רעוואָלוציע.

— איך פאַרשטיי! — האָט מאַסטראַאַ געענטפערט מיט אַ זיפץ — דו ביסט נעבאך מיאוס אַריינגעפאַלען . . . אָבער וואָס דענקסטו צו טאָן? מיר קאָנען דאָך נישט פאַרבלייבען אַזוי אויף אייביג . . . מיר ווילען דאָך געניסען פון אונזער געמיינשאַפטליכער ליבע פראַנק און פריי, טאָ ווי אַזוי, דענקסטו, וועסטו עס קענען אויספיהרען.

דער קעניג האָט אָנגעהויבען ארום צו שפּאַצירען אין־אַהער איבערן צימער און ער האָט גערעדט אין גרויס אויפרעגונג:

— איינמאָל פאר אלע מאָהל! מיר מוזען פטור ווערען פון מיין ארורה. די דאָזיגע עגיפּטישע מיאוסקייט פאַרביטערט מיר מיין לעבען. פון זייט דעם לעצטען האַלבען יאָהר פון מיין הייראַט מיט איהר האָב איך נאָך ניט געהאַט קיין איין רוהיגען טאָג, נאָר כסדר'דיגע צאנקערייען און קריעג. זי איז אַ פאַר'עקש'נטע פּאַטריאָטין פאר עגיפּטען און צייגט אַרויס איהר האַס און שפּאָט געגען סיריע אין אַ זעהר טראַציגען און אומווירדיגען אופן. עס איז אי אַ שאַנדע און אי אַ פאַרברעכען געגען סיריע צו האָבען אַזאַ נידערטרעכטיגע פּערזאָן אלס די קעניגין פון סיריע.

— און צו דער זעלבער צייט מוזען מיר אויך פטור ווערען פון טריפאָנען — האָט מאסטראַאַ אַ זאָג געטאָהן מיט אַ פעסטען באַשלוס און זי האָט באַלד צוגעגעבען: — טריפאָן זוכט שטילערהייט א געלעגענהייט צו נעמען ראַכע פון אונז ביידען צוליב דעם וואָס איך האָב צוריקגעוויזען זיין ליבע צו מיר און איך בין אַריבערגעגאַנגען אין דיינע אָרעמס.

— יאָ! פון ביידען צוזאַמען וועלען מיר פטור ווערען. — האָט דער קעניג ארויסגעברומט מיט צאָרן און ער האָט זיך ווידער אראָפּגעזעצט אויפן ווייכען דיוואָן, און פאַרוואָרפען זיינע ארעמס ארום מאַסטראַאַן, מורמלענדיג דערביי: — היינט, מיין טייערע, באַלאַנגסטו צו מיר — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין די נעקסטע עטליכע מאָמענטען איז שוין מאַסטראַאַ געווען אין פולשטענדיגער אָנמאַכט און דער קעניג האָט איהר באַזיעגט . . .

---

שטיל און אומגעדולדיג זיינען געזעסען און געוואַרט די קעניגין, טריפאָן און לוציא, אין דער קעניגינס צימער ביז אַרום אַ האַלבער נאַכט, און דאַן זיינען די דריי ראַכע זוכערס אַרויסגעגאַנגען פון דעם צימער און האָבען זיך אַוועקגע־לאָזט מיט שטילע טריט צום צווייטען זייט פּאַלאַץ וואו עס האָט זיך געפונען דעם קעניג׳ס פּריוואַטער צימער.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו יענעם צימער האָט די קעניגין אַ זאָג גע־טאָן צו די צוויי ספּעציעלע וועכטער, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָהענט נעבען דער טיהר, אַז זיי זאָלען מעלדען דעם קעניג וועגען איהר פּאַרלאַנג שוין אריינצוקומען אין צימער.

דער קעניג שלאָפט איצט... האָט איינער פון די וועכטער געענטפערט, און בשעת מעשה האָט ער געוואָרפען פאַרדעכטיגטע בליקען אויף דער גאַנ־צער קאָמפּאַניע פון די דריי, וועלכע זיינען געשטאַנען נעבען איהם. עפּעס איז איהם פאַרגעקומען פאַרדעכטיגט וואָס די קעניגין האָט אַזוי שפּעט זיך דערמאָנט צו וויזיטירען דעם קעניג אין זיין פּריוואַטען צימער און דערצו איז זי געקומען מיט׳ן גענעראַל טריפאן און מיט לוציא׳ן.

וועק איהם אויף פון שלאָף! — האָט די קעניגין אַ זאָג געטאָן מיט אַ שטריינגען באַפעהל.

איך טאָר דאָס נישט טאָן אויף מיין אייגענער פאַראַנטוואָרטליכקייט — האָט דער וועכטער געענטפערט און האָט באַלד צוגעגעבען: — אויב די קעניגין וועט מיר דערלויבען, וועל איך ארויסגעהן אין דרויסען צו מיין אָפיצער, וועלכער שטעהט אויף דער וואַך נעבען פּאַלאַץ, און איך וועל איהם איבער־געבען דיין פּאַרלאַנג און ווי ער וועט הייסען, אַזוי וועל איך טאָן.

— גוט! האָט די קעניגין געענטפערט — מאַך עס שנעל, ווייל מיר וועלען דאָ וואַרטען.

דער וועכטער האָט אַנגעזאָגט זיין קאָלעגע, דעם צווייטען וועכטער, אַז ער זאָל דערווייל נישט דערלויבען קיינעם פון די דריי אריינצוגעהן אין קע־ניג׳ס צימער, ווייל, און דערביי האָט ער איהם צוגעוואָרפען אַ שעלמישען שמייכעל, וועלכעס האָט באַדייטעט אַז מען מוז דאָך באַשיצען דעם קעניג אין זיין איצטיגען פאַרגעניגען פאַרברענגענדיג מיט זיין געליבטער מאַס־טאַראַן, און גלייך נאָכדעם איז דער וועכטער אַוועק מיט האַסטיגע טריט פון זיין קאָלעגע.

אַזוי שנעל ווי דער וועכטער איז פאַרשוואונדען געוואָרען, האָט דער העלדישער פעסט־געבויטער טריפאָן, מיט איין זעץ מיט זיין האַנט, אַ שלייי־דער געטאָן דעם צווייטען וועכטער אויפן באָדען און נאָך איידער דער גע־

פאַלענער וועכטער האָט אוספּעיעט זיך אַ קירעווע צו טאָן, איז ער שוין גע־לעגען אונטער דעם פעסטען דרוק פון די דריי באַזוכער און טריפאָן האָט אַריינגערוקט זיין קורצען שארפען שווערדעל אין דעם וועכטערס רוקען און לוציא האָט דערווייל געמאַכט עטליכע האַסטיגע שניט מיט איהר לאַנגען מעסער איבער דעם וועכטער׳ס האַלז און נאַקען.

דאָס אַלעס איז געמאַכט געוואָרען אַזוי ראַפּטום שנעל, אַז דער אומ־שולדיגער קרבן האָט אפילו נישט געקענט אויסשרייהען נאָך הילף. ער איז אין איניגע סעקונדען צייט געבליבען ליגען אין אַ טייך בלוט מיט צאַפּעלדיגע גלידער.

— מיר זיינען פטור געוואָרען פון ערשטען שונא — האָט טריפאָן ארויס־געמורמעלט — זאָלען זיי וויסען, די פארפלוכטע אידען, אז זיי דארפען נישט שטעקען זייערע נעזער וואו מען דארף זיי נישט. דער קעניג האָט געמיינט, אז ער וועט זיך ארומריגגלען מיט אַ אידישער לייבגווארדיע פון די מכבים, וואָס זיין גוטער פריינט יונתן דער עטנארך האָט איהם אויסגעבראַגט,וועט ער שוין זיין זיכער... איצט וועלען מיר קענען באווייזען אז מיר, סירישע הערשער, זיינען העלדישער פון די פּיפּיגע מכבים סאָלדאַטען.

— לאָמיר עס מאַכען שנעל! — האָט די קעניגין א זאָג געטאָן — מיר טאָרען נישט פארלירען קיין צייט, ווייל מעגליך אז דער צווייטער אידישער וועכטער וועט באלד אָנקומען אהער מיט זיין אידישען אָפיצער און פילייכט מיט נאָך סאָלדאטען.

אין נעקסטען אויגענבליק האָבען די דריי קאָנספּיראַטאָרס אריינגעשטור־רעמט אין דעם קעניג׳ס פּריוואטען צימער און האָבען געטראָפען פונקט דאַן, ווען דער קעניג איז געלעגען איבער דער נאקעטער מאסטראָא און האָט גע־שעפּשעט צו איהר טרייסט ווערטער, אז זי זאָל זיך בארוהיגען און מאכען שלום מיט איהם...

— שלום אויף אייביג! — האָט די קעניגין אַ געשריי געטאָן און מיט איין האסטיגען שפּרונג איז זי שוין געשטאַנען נאָהענט נעבען דאָס זינדיגען פּאָרעל, וועלכע זיינען געבליבען ליגען בעוועגלאָז פון שרעק און איבערפאַל, און נאָך איידער זיי האָבען געקענט עפּעס אַרויסריידען, האָט די קעניגין ארויס־געכאפּט פון אונטער איהר אויבער מאנטעל אַ קריגעל מיט גיפט און עס אַ גאָס געטאָן אויף די צוויי געליבטע.

מאָמענטאַל איז געוואָרען א מהומה. דער קעניג האָט זיך א הויב געטאָן מיט אַ ווילדען אויסגעשריי: — אוי, מיין אויג! — און האָט זיך געוואָלט אַ ווארף טאָן אויף דער קעניגין, אָבער דער פלינקער טריפאָן האָט איהם דער־

לאנגט אַ זעץ אין פּנים און ער איז געפאַלען אין אָהנמאַכט אויף דעם דיוואַן.

צו דער זעלבער צייט האָט לוציא זיך געוואָרפען אויף דער נאַקעטער מאַסטאַראַ און האָט איהר אַריינגערוקט איהר שאַרפען מעסער אין ברוסט, די קעניגין האָט דאַן אויסגערופען מיט אַ פאַרביטערטען געלעכטער:

— איצט,אַלעקסאַנדער! קענסטו שוין מאַכען דיין אייביגען שלום מיט דיין געליבטער מאַסטאַרא און אויך אָפּדאַנקען פון דיין קעניגליכען טראָן, ווייל סיריע וויל נישט האָבען א בלינדען קעניג, און טריפאָן וועט קענען פיהרען די מלוכה אָן דיר...

— שנעלער אַנטלויפט! — האָט טריפאָן אַ געשריי געטאָן צו ביידע העל־דישע פרויען — איהר הערט? זיי זיינען שוין דאָ אונטערן טיר. דער אידישער אָפיצער מיט זיינע סאָלדאַטען זיינען שוין אָנגעלאָפען....

— אַנטלויף דו, טריפאָן! — האָט די קעניגין אַ געשריי געטאָן — איך האָב קיין מורא נישט, ווייל די אידישע סאָלדאַטען וועלען מיר שאַנעווען צוליב מיין פאָטער דער עגיפּטישער קעניג....

מיט איין שפרונג איז טריפאָן שוין געווען אין דרויסען. ער איז אַרויס־געשפּרונגען דורכ׳ן פענסטער און איז פאַרשוואונדען געוואָרען צווישען די געדיכטע ביימער פון דעם גאָרטען אַרום דעם פּאַלאַץ.

דערווייל האָבען זיך דערהערט די געשרייען פון דער צווייטער זייט טיר:

— ווירדיגער קעניג! — האָט געדונערט די שטימע פון דעם אידישען אָפיצער — דאָס בין איך זבדי דער אידישער אָפיצער! איך מוז שוין רעדען מיט דיר! עפען די טיר!

דער קעניג האָט דערווייל זיך געקאָרטשעט פון שרעקליכע יסורים פון זיין פאַרברענטע אויג און געזיכט פון דעם שאַרפען גיפט וואָס זיין קעניגין, די אָפּגענאַרטע און פאַרשעמטע פּרינצעסין, האָט איהם באַגאָסען. די טויטע מאַסטאַראַ איז שוין געלעגען שטיל און לוציא האָט זיך אָנגעהאַלטען פעסט אָן איהר פריינדינעס אָרם און זי האָט געציטערט פון גרויס שרעק און אָנ־שטרענגונג.

— עפען די טיר! — האָט די קעניגין אַ זאָג געטאָן צו לוציא׳ן — זאָלען זי זעהען אַז מיר, עגיפּטישע פרויען, קענען אויך האַנדלען העלדיש פּונקט אַזוי גוט ווי זיי, די פלינקע מכבים...

מיט וואַקעלדיגע טריט איז לוציא צוגעגאַנגען צום טיר און האָט עס אויפגעעפענט. אין נעקסטען מאָמענט האָבען זיך אַריינגעריסען אין צימער אַ צעהנדליג סאָלדאַטען צווישען וועלכע עס איז געווען דער פאָריגער וועכטער

וועלכער איז געלאָפען מעלדען זיין אָפיצער וועגען די דריי פארדעכטיגטע באזוכערס, און אויך דער אידישער אָפיצער זבדי.

זבדי האָט געכאפּט א שנעלען בליק איבער׳ן צימער און ניט שטעלענדיג קיינע פראַגען צו דער קעניגין מיט איהר פריינדין איז ער גלייך צוגעלאָפען צום קרעכצענדען קעניג און האָט אַ פרעג געטאָן:

— וואו איז טריפאָן?

— ער איז אנטלאָפען דורכ׳ן פענסטער — האָט דער קעניג געענט־פערט מיט אַ קרעכץ.

— ווער האָט דיך אָפגעגאָסען מיט גיפט? — האָט זבדי ווידער געפרעגט.

— מיין עגיפּטישע ארורה! — האָט אלעקסאנדער געענטפערט.

— ווער האָט געטויטעט מאסטאַרא׳ן?

— איך! — האָט די קעניגין אַ געשריי געטאָן מיט שטאָלץ און שפּאָט.

זבדי האָט באלד ארויסגעגעבען זיינע שטרענגע באפעלען צו זיינע סאָלדאטען:

— פיהרט אוועק דער קעניגין מיט לוציא׳ן אין איהר פּריוואַטען צימער און האלט וואַך איבער זיי! ברענגט שוין אונזער אידישען רופא שמעיה׳ן צו ראַטעווען דעם קעניג! טראָגט ארויס דער טויטער מאסטראַא׳ן פון פּאלאץ! און לויפט שוין אריבער צום גענעראל צפניה און גיט איהם איבער פון דער גאַנצער געשעהעניש! איך אליין וועל דערווייל פארבלייבען דאָ אין פּאלאץ.

די צעהן סאָלדאַטען האָבען באלד גענומען אויספיהרען זבדי׳ס פאר־אָרדענונגען. עס איז געוואָרען אַ טומעל אין פּאלאץ. די פילע אנדערע וועכטער האָבען אָנגעהויבען זיך שושקען איינער מיט׳ן צווייטען נישט וויס־ענדיג גענוי וואָס דאָ איז פּאַרגעקומען.

אין פארלויף פון אַ שטונדע האָט זיך דער טומעל עטוואָס איינגעשטילט. דער טויטער קערפּער פונ׳ם אידישען וועכטער איז פארמאכט געוואָרען אין אַ טרונע, נאָכדעם ווי מען האָט איהם באלזאמירט, און מען האָט איהם אָפּגעשיקט צו קבורה אין דער שטאָדט מכמש אין ארץ ישראל פון וואנען ער איז געוועזן א בירגער. די טויטע מאסטאַרא איז איבערגעגעבען געוואָרען צו איהר אלטער גריכישע מוטער וועלכע האָט זיך געריסען די האָאר פון קאָפּ און געיאָמערט ביטערליך שעלטענדיג סיי דעם קעניג און סיי דער קעניגין . . . שמעיה, דער אידישער רופא, האָט קוים מיט גרויסע שוועריגקייטען אָפּגעראטעוועט כאָטש איין אויג פון קעניג אָבער די צווייטע אויג איז שוין געווען פארברענט פון דער גיפט און דער קעניג איז געלעגען אין שרעקליכע יסורים און האָט זיך געשוואָרען ביי׳ם גאָט אפּאלאָ און ביי׳ם גאָט צעאוס אַז אזוי שנעל ווי ער

וועט קענען אויפשטעהן פון זיין געלעגער וועט ער אליין דערשטעכען צום טויט זיין מערדערישע קעניגין מיט טריפאָנ'ען דעם הונט . . .

דערווייל איז דער גענעראל צפניה אָנגעקומען אין פאלאץ און זבדי האָט איהם איבערגעגעבען אלע איינצעלהייטען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען אין פארלויף פון די לעצטע פאָר שטונדען.

— מיר מוזען שוין ארויסראַטעווען די קעניגין! — האָט צפניה אַ זאָג געטאָן צו זבדי'ן.

— סטייטש? — האָט זבדי זיך אַ כאַפּ געטאָן אין גרויס פארוואונדערונג — זי איז דאָך אַ מערדערין, טאָ ווי אזוי קאָנען מיר איהר לאָזען פריי?

— אויב אזוי ווייסטו נאָך נישט וואָס אונזער אויפגאבע איז דאָ אין אנטיאָכיע — האָט צפניה געענטפערט מיט אַ שמייכעל און האָט באלד גענו־מען דערקלעהרען צו זבדי'ן אין וואָס עס האנדעלט זיך:

— זאָלסט וויסען, זבדי, אז אונזער פיהרער יונתן איז זעהר קלוג. זיין פאָליטישער סיסטעם איז צו לעבען בשלום מיט יעדער מלוכה וועלכע קען איהם העלפען דירעקט אָדער אומדירעקט צו פארשטאַרקען די אידישע פאָ־זיציע אין אונזער אייגען לאנד ארץ ישראל. פאר דעם צוועק האָט ער גע־שטיצט אלעקסאנדער באלאס צו קענען פארכאַפּען דעם טראָן פון דימיטריאוס'ן, און ווען דער זעלבער דימיטריאוס האָט שפּעטער פּרובירט מאַכען אַ רעוואָלוציע, האָט יונתן פארשטאַנען אז מען מוז האָבען גרויסע מיליטערישע כחות צו דערשטיקען די רעוואָלוציע און דעריבער האָט ער אויסגעפיהרט דעם שידוך צווישען אלעקסאנדער'ן מיט דער עגיפּטישער פּרינצעסין און אזוי ארום האָט דער עגיפּטישער קעניג געמוזט העלפען זיין איידעם מיט אַ סך סאָלדאַטען. אָבער איצט, ווי באלד די עגיפּטישע פּרינצעסין האָט שוין באַ־שלאָסען אוועקצוּוואַרפען איהר באַלעבעסעל — קעניג אַלעקסאַנדער, צוליב זיין לינקע ליבע מיט מאסטאָרא'ן די געוועזענע געליבטע פון טריפאָנען, טאָרען מיר נישט דערלאָזען אַז די קעניגין זאָל איצט ווערען צו שטארק אין סיריע און שליסען אַ בונד מיט טריפאָנ'ען . . . מיר, דאָ אין אַנטיאָכיע, מוזען איצט אָנהויבען אַ נייע אַקציע קעגען אַלעקסאַנדער'ן וועלכער איז שוין סיי ווי סיי אויסגעשפּילט. . . מיר מוזען איצט שפּילען אַ זעהר געשיקטען פּאָליטישען שפּיל און פארלויפען טריפאָנ'ען דעם וועג. ווייל ווער עס זאָל איצט נישט ווערען קעניג אויפ'ן פלאץ פון דעם האלב בלינדען און קראַנקען קריפּעל, אלע־קסאנדער, מוזען מיר שוין שליסען פרידען מיט'ן נייעם, נאָך נישט באשטימטען קעניג . . .

זבדי האָט זיך פארטראכט פאר אַ היבשע ווײלע. עפּעס האָט ער יאָ

געפילט אז צפניה רעדט מיט פּאָליטישע אויסזיכטען אָבער געגוי פאַרשטעהן דעם גאַנצען פּלאַנטער אין דער ניי געשאַפענער לאגע האָט ער נאָך אלץ נישט געקענט. זבדי האָט אָבער געוואוסט, אז צפניה איז דער הויפּט פיהרער פון די עטליכע הונדערט אידישע העלדען פון דעם גדוד המכבי וואָס יונתן האָט באַשטימט צו פאַרבלייבען דאָ אין אנטיאכיע און אכטונג געבען אויף׳ן נארישען קעניג אלעקסאַנדער באַלאַס.

זבדי האָט גוט געקענט צפניה׳ן נאָך פון יענער צייט ווען ער, און זיין געליבטע רוחמה, מיט וועמען ער איז איצט פאַרהייראַט, האָבען אזוי קונציג און העלדיש דורכגעפיהרט זייער שפּיאָנאַזש ארבייט קעגען אנטיאכוס עפּי־פאנוס, קעגען דעם מתיון כהן־גדול יאזאָן, און איבערהויפּט מיט דער סירישער ארמיי פון זיבען טויזענט סאָלדאַטען וואָס זיי האָבען דעמאָלסט פאַרנאַרט צווישען די ״יודאַאישע״ בערג און יהודה המכבי האָט זיי אויסגעשלאַכטעט ביז איינעם. יאָ, דער זעלבער צפניה, דער אַמאָליגער הויז־יונג ביי די חשמו־נאים צו הויז, האָט דעמאָלסט אויפגערודערט אַ וועלט מיט זיין פאַרשטעלטער ראָלע אלס גענעראַל צעפּאַנאָס און איצט האָט יונתן איהם געמאַכט פאַר דעם הויפּט גענעראַל איבער די אידישע גדוד׳ניקעס אין אנטיאכיע און אויך איבער די פאַרבליבענע עגיפּטישע סאָלדאַטען פון קעניג פּטאַלמעאָס פילאָ־מעטער. מסתמא ווייסט צפניה וואָס ער רעדט און מען דאַרף איהם פאָלגען.

און אזוי איז עס געשעהען: באַלד אויף׳ן צווייטען פריהמאָרגען האָט צפניה ארויסגעשיקט די קעניגין מיט איהר פריינדינע לוציא מיט א ספּעציעלע שיף נאָך עגיפּטען, מיט־שיקענדיג מיט זיי עטליכע פון זיינע פעהיגע אידישע אָפיצירען אלס באַגלייטערס און אָנזאָגענדיג זיי, ווי צו רעדען מיט׳ן עגיפּטישען קעניג אום צו מאַכען דעם איינדרוק, אז ווען נישט די אידישע מיליטעריסטען אין אנטיאכיע, וואָלטען די צעיושעטע גריכען אין אנטיאכיע זיכער נישט ארויסגעלאָזען דער קעניגין קיין לעבעדיגע פון דאָרטען צוליב דעם מאָרד איבער מאַסטראָאָ׳ן און צוליב איהר שווידערליכע ראַכע איבער דעם קעניג וועלכער איז איצט פאַרבליבען א קריפּעל אויף אייביג...

צו דער זעלבער צייט האָט צפניה ארויסגעשיקט צוויי שנעלע קוריערען צו יונתנ׳ען מיט די פולע אינפאָרמאַציע וועגען די נייע געשעהענישען אין אנטיאכיע.

צפניה האָט אומישנע ניט דערלאָזען אז מען זאָל כאַפּען דעם אנטלאָ־פענעם טריפאָן. זיין מיינונג איז געווען, אַז טריפאָן קען מיט דער צייט ווערען אַ ווערקצייג אין די הענט פון יונתנ׳ען און דעריבער לוינט זיך איהם צו מאַ־

כען גלויבען אז דער אידישער עטנארך האלט אויך מיט איהם, טריפאָנ׳ען, וועגען אַ נייע ווענדונג אין דער סירישער פּאָליטיק...

אין פארלויף פון עטליכע טעג נאָך דער געשעהעניש האָט יונתן שוין געוואוסט פון דער נייער איבערקערעניש אין אנטיאכיע און ער האָט גע־ענטפערט א דאנק צו צפניה׳ן פאר זיין קלוגער האנדלונג.

## קאַפּיטעל 54

# יונתן העלפט דימיטריוס׳ן. — טריפאָן רעוואָלטירט. — אנטיאָכוס סידעטעס ווערט קעניג. — טריפאָן אין עכו.

שוין עטליכע מאָנאטען זייט די געשעהעניש אין קעניגליכען הויף אין אנטיאכיע. יונתן האָט שוין אוספּעיעט צו געווינען די איבערהאנט אויף אלע פראָנטען. ערשטענס האָט ער אוועקגעשיקט עטליכע בריף צום עגיפּטישען קעניג פּטאָלמעאָס פילאָמעטאר אין וועלכע ער האָט איהם איבערצייגט, אז ווען ניט דער אויסוואורף, דער כיטרער גענעראל טריפאָן, וואָלט קיינמאָל נישט געקומען דערצו אַז דער שטילער און וואוילער קעניג אלעקסאנדער באלאס זאָל זיך פארליבען אין מאסטאָרא׳ן... און אזוי ארום פארראטען זיין געטרייע פרוי די עגיפּטישע פּרינצעסין . . . יונתן האָט אַזוי קונציג ארגומע־נטירט אין זיינע בריף צום עגיפּטישען קעניג, אז די צעיושעטע פּרינצעסין קעניגין, וועלכע האָט אליין דורכגעפיהרט איהר ראכע איבער מאסטראָא׳ן מיט׳ן קעניג, האָט איצט שוין אויך אָנגעהויבען גלויבען אז דער אידישער עטנארך יונתן איז טאַקע גערעכט . . . אז דאָס האָט טריפאָן אומישנע אונטערגעשיקט זיין געליבטע מאסטאָרא׳ן צום קעניג אום צו מאַכען אַ בייז לעבען צווישען קעניג און זיין פרוי און אום צו קענען פארכאפּען דעם טראָן פאר זיך זעלבסט...

די צעטומעלטע און פארשעמטע פּרינצעסין־קעניגין האָט שוין געוואָלט איצט צוריק לויפען נאָך אנטיאכיע און מאכען שלום מיט איהר האלב בלינדען קעניג־מאן און דאן זיך אַ נעהם טאָן קעגען דעם אויסוואורף טריפאָן, וואָס לויט יונתן׳ס בריף האָט ער עס פארקאָכט די גאנצע קאשע און איהר אזוי מיאוס אָפּגענארט . . . אָבער יונתן האָט נישט דערלאָזען צו אַזאַ נאַרישע האנדלונג... ער האָט אָנגעהאלטען אָפטע קאָרעספּאָנדענץ מיט׳ן עגיפּטישען קעניג אין וועלכעס ער האָט איהם איבערצייגט אַז איצט קען מען גאָרנישט טאָן קעגען טריפאָנ׳ען וועלכער האָט שוין געוואונען דעם צוטרוי פון דער סירישער ארמיי...

צווייטענס, האָט יונתן באלד אוועקגעשיקט עטליכע פעהיגע פּאָליטיקער

פון ארץ ישראל נאָך אנטיאכיע אז זיי זאָלען זעהען ווי אמשנעלסטען פאר־כאפען דעם טראָן פאר דעם יונגען זוהן פון פאָריגען קעניג, דימיטריאוס דער צווייטער, איידער טריפאָן וועט אוספעיען עפּעס צו טאָן.

יונתן האָט אויך פארכאַפּט דעם ציטאַדעל פון ירושלים און נאָך פילע וויכטיגע פלעצער אין ארץ ישראל וועלכע זיינען ביז דעמאָלסט נאָך געוועזן אין די הענט פון דער סירישער ארמיי.

דערווייל איז פאָרגעקומען א גרויסע איבערקערעניש אין אנטיאכיע. דער גענעראל טריפאָן האָט אָנגעהויבען צו חלום׳ען וועגען פארכאפען דעם סירישען טראָן פאר זיך זעלבסט. ער האָט טאקע געוואוסט, אז יונתן מאנע־ווירט קעגען איהם, אָבער טריפאָן האָט נאָך פאָרט געהאַט א גרויסען איינפלוס איבער דער סירישער ארמיי. אַלע האָבען געוואוסט אז ווען נישט טריפאָן וואָלט אלעקסאַנדער באלאס נישט געקענט זיגען איבער זיין שונא דימיטריאוס. דאָס האָט ער, טריפאָן, דעמאָלסט פאריאָגט דעם רעוואָלו־ציאָנער און שטילערהייט איהם אָפּגערא‌מט פון וועג.

דער אָנטלאָפענער טריפאָן האָט דערפאהרען אז דער יונגער דימיט־ריאוס, דער זוהן פון פאָריגען קעניג־רעוואָלוציאָנער, איז געוואָרען קעניג. און ער, טריפאָן, איז פארבליבען אין הינטערגרונד אָן וועלכען עס איז איינ־פלוס אין דער מלוכה און אזוי האָט יונתן דערווילע גענאָסען פון נייע פריווילעגיעס פון זיין גוטען פריינט דעם נייעם סירישען קעניג וועמען ער האָט געשטיצט קעגען טריפאָנ׳ען.

עס זיינען פאָריבער עטליכע יאָהר און דער פאַרביסענער טריפאָן האָט ווידער אָנגעהויבען צו רעוואָלטירען. ער האָט געשאַפען פיל סימ־פּאַטיזירערס פאר דעם פּרינץ אנטיאָכוס דער זון פון אלעקסאַנדער באלאס און גאָר שנעל איז אויפגעפלאַקערט געוואָרען אַ נייע רעוואָלוציע אין אנטיאָכיע.

דעמאָלט האָט יונתן איינגעזעהען אז טריפאָן וועט זיכער זיגען, האָט ער נישט פארלאָרען קיין צייט און האָט זיך אַ קער געטאָן צום גונסטען פון אנטיאָכוסן און גאָר שנעל האָט יונתן באאיינפלוסט דעם יונגען רעוואָלוציאָנער פּרינץ אַנטיאָכוס אז ער מוז דערווייטערען טריפאָנען פון דער סירישער ארמיי בכלל און פון דער שטאָדט אַנטיאָכיע בפרט.

אויף אזא וויסטע מַפּלה אז יונתן זאָל קענען באאיינפלוסען אויך דעם נייעם קעניג צו פארטרייבען איהם, טריפאָנען, האָט ער זיך גאָר ניט גערי‌כט. טריפאָן האָט איינגעזעהן, אז ער וועט שוין גאָר ניט פועלן ביים

נייעם קעניג אנטיאָכוס קעגען זיין שונא יונתן דעריבער האָט טריפאָן פער־לאַנגט כאָטש די שטעלע אלס גובערנאטאר אין דער שטאָדט עכו.

יונתן האָט ניט געהאָט דאַגעגען אז טריפאן זאָל ווערען גובערנאַטאָר פון עכו אבי ער זאָל נישט פארבלייבען אין אַנטיאָכיע אלס שטענדיגער מסור און שונא פון די אידען. האָט יונתן צוגערעדט דעם נייעם קעניג אנטיאָכוס'ן נאָכצוגעבען טריפאָנ'ס פארלאַנג, און אזוי ארום האָט זיך איינגעשטילט די פּאָליטישע לאַגע אין אנטיאָכיע און צו דער זעלבער צייט איז די לאַגע אין ארץ ישראל אויך געוואָרען פיעל בעסער.

דערווייל האָט יונתן געוואונען פרעסטיזש ביי די רוימער, גוטפריינט־שאַפט ביים עגיפּטישען קעניג, און רעספּעקט ביים נייעם סירישען קעניג. די אידען אין ארץ ישראל האָבען געליבט און געדאַנקט גאָר פאר זיין גרויסען חסד וואָס ער טוט מיט זיי דורך די קלוגע פּאָליטישע הערשאַפט פון יונתן החשמונאי וועלכער האָט שוין אויפגעטאָן אזוי פיעל גוטעס פאר דער לאַנד און פאר דעם אידישען פאָלק.

## קאַפּיטעל 55

# רוים מאָהנט ביי סיריע. — פּאָמפּעאוס פאררופט אַ קאָנפערענץ. — יונתן מוז פאָהרען נאָך עכו.

שוין עטליכע יאָהר זייט דער רוימישער אָדלער האָט אָנגעהויבען אויסשפּרייטען זיינע גרויסע גרויזאַמע פליגלען איבער ווייטע לענדער. די רוימער האָבען געוואָלט פארשלינגען וואָס מעהר לענדער פון נאָהענט און פון ווייט. איבעראל האָט מען געזעהן די גרויסע רוימישע שיפען זעגלענדיג אויף די בלויע וואַסערען פון דעם מיטלענדישען ים, פיהרענדיג סחורה, שפּייז, געוועהר, סאָלדאטען און פילע אנדערע ארטיקלען, פון איין פּאָרט צום אַנדערען. די רוימער האָבען שוין גערעדט עפענטליך אז זיי קוקען אויפן „העלאָספּאָנט" ווי זייערס אן אייגענטום, אז קליין אזיע געפעלט זיי זעהר גוט, אז עגיפּטען איז א רייכע מדינה, און אז סיריע האָט נישט מעהר קיין רעכט צו עקזיסטירען, אלס אן אומאָפּהענגיגע מלוכה, צוליב איהרע שטענדיגע רעוואָלוציעס.

האָט דעריבער יונתן געהאלטען א וואַכזאַמע אויג איבער די נייע רוימישע אַנטוויקלונגען און פון צייט צו צייט פלעגט ער צושיקען עטליכע פון זיינע פעהיגע אדיוטאַנטען, גוטע פּאָליטיקער, נאָך רוים אז זיי זאָלען דאָרטען אויסגעפינען די נייע רוימישע פּאָליטיק און פאר איינוועגס זאָלען זיי מאַכען פּראָפּאַגאַנדע פאר דער אידישער לאַנד.

אין א געוויסען טאָג האָט יונתן באַקומען פון דעם רוימישען גענעראַל פּאַמפּעאוס אַן איינלאַדונג אז ער, יונתן, זאָל זיך טרעפען מיט איהם אין דער שטאָדט עכו וואו ער וועט קומען פאר א באזוך צו זיין גוטען פריינט דעם סירישען גובערנאטאָר טריפאָן.

יונתן האָט באַלד פאררופען צו זיך זיין ברודער שמעון, דעם גענעראל צפניה, און נאָך עטליכע חשובים פון די מכבים און ער האָט זיי איבערגעגעבען זיין מיינונג וועגען דער נייער קאָנפערענץ: אז די איינלאדונג פון גענעראל פּאַמפּעאוס איז זעהר וויכטיג, אָבער אז איהם געפעלט נישט דער פּלאַץ פאר אזאַ קאָנפערענץ.

— לויט ווי איך ווייס איז דער אלטער גענעראל פּאַמפּעאוס א ראַיעלער מענטש — האָט שמעון ארויסגעזאָגט זיין מיינונג — איך קען איהם זעהר גוט פון זייט מיין וויזיט אין רוים מיט אייניגע יאָהר צוריק.

— און איך האָב געהערט אז פּאַמפּעאוס איז זעהר א כיטרער מענטש און א גרויזאמער — האָט שפטיה דער אָפיצער זיך ארייגעמישט.

— דו מאַכסט א טעות, שפטיה, — האָט שמעון געענטפערט, — דו האָסט געמוזט הערען וועגען דעם יונגען פאמפעאוס, דער אייניקעל פון דעם אַלטען גענעראַל פּאַמפּעאוס. דער יונגער פּאַמפּעאוס איז ווירקליך א חיה אין מענטשען געשטאַלט אָבער נישט זיין זיידע.

— איז וואָס זשע בלייבט אונזער באשלוס? — האָט יונתן א פרעג גטאָן, — מיר מוזען דאָך באַשליסען אויב איך זאָל נעמען אנטייל אין דער קאָנפערענץ אין עכו.

— איך דיינק אז דו מוזט אָננעהמען די איינלאַדונג — האָט שמעון צוגעגעבען — פארשטייט זיך אז אייניגע פון אונזערע אפיצירען מיט א פּאָאר הונדערט גדודניקעס וועלען מיטפאָהרען מיט דיר נאָך עכו.

— ניין! — האָט יונתן געענטפערט. — איך קען ניט מיטנעמען קיינע שומרים ווייל: ערשטענס, פּאַסט עס ניט פאר מיר אין דער צייט וואָס דער גענעראַל פּאַמפּעאוס פון רוים קומט אַהין אָהן שומרים; און צווייטענס, איז פאראַן אַ געזעץ אין עכו וואָס פארבאָט פרעמדע מיליטער אריינצוקומען אַהין.

— דענקסטו נישט, יונתן, אז עס איז א ריזיקע פאר דיר אריינצופאָהרען אין עכו צום כיטרען טריפאָן אָן באגלייטערס? — האָט שמעון באַטאָנט זיין פראַגע.

— איך האָב אָבער ניט קיין אנדער עצה — האָט יונתן געענטפערט מיט א זיפץ.

די באראטונג האָט זיך געענדיגט און יעדערער פון די פארזאַמעלטע האָט פאַרלאָזען יונתן׳ס הויז און איז אוועק צו זיך אהיים.

---

עס איז שוין געווען שפעט אין דער נאַכט ווען אלע אין יונתן׳ס הויז זיינען שוין געשלאָפען, אויסער יונתן מיט זיין פרוי האָבען נאָך גערעדט צווישען זיך.

יונתן האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען:

— זאָלסט וויסען אז איך האָב באקומען אַן איינלאדונג פון גענעראל פאָמפעאוס פון רוים צו קומען פאר א באראטונג צווישען איהם מיט׳ן סירישען גובערנאַטאָר טריפאָן אין דער שטאָדט עכו. איך האָב שוין היינט געהאָט א בעראַטונג מיט מיין ברודער שמעון און מיט נאָך אייניגע חשובים וועגען מיין רייזע נאָך עכו. די הויפט שוועריגקייט פון דער דאָזיגער באראטונג באשטעהט אין דעם וואָס סיי טריפאָן און סיי פאָמפעאוס זיינען גאָרנישט קיינע גוטע פריינט פון די אידען. טריפאָן איז אַן עפענטליכער שונא מיט גרויסע פרעטענציעס קעגען מיר און פאָמפעאוס איז א נאַר און שוין „עובר בטל״. איך קען אָבער נישט אנטזאָגען דער איינלאַדונג צוליב פאָליטישע אורזאַכען. דער סענאט אין רוים האָט אויטאָריזירט דעם אלטען פאָמפעאוס צו מאכען א בונט מיט טריפאָנען און איהם לאָזען פארכאפען דעם סירישען טהראָן. טריפאָן האָט אָבער מורא אז איך וועל איהם שטערען אין זיינע פלענער, מיט דער הילף פון עגיפטישען קעניג, דאריבער האָט ער עס אזוי קונציג געמאַכט אז פאָמפעאוס זאָל מיר אויך איינלאדען צו דער דאָזיגער קאָנפערענץ, און כאָטש דאָס קוקט אויס קאָמיש, ווייל צו וואָס באדארף טריפאָן אז איך, זיין געגנער זאָל זיך צענויפטרעפען מיט׳ן גענעראל פאָמפעאוס, אָבער ווען איך טראַכט אריין טיפער אין דער זאַך קום איך צום באַשלוס אז טריפאָן וויל דערמיט מיר צווינגען מיט א צוזאָג צום רוימישען גענעראל אז איך וועל נישט שטערען זיינע, טריפאָנס, כיטרע פלענער אין סיריע. און דאָ ליגט די שוועריגקייט. וועך ווייס וואָס טריפאָן קען פארלאַנגען פון מיר?

אויב אזוי איז בעסער אז דו זאָלסט שיקען דיינעם א שטעל פארטרעטער — האָט דבורה זיך אָפּגערופען — צו וואָס זאָלסטו נעמען אזא ריזיקע אויף זיך אליין?

— ניין, מיין טייערע, — האָט יונתן געענטפערט — די לאַגע איז צו ערנסט. איך קען קיינעם נישט אָנפאָרטרויען מיט אזא וויכטיגע שליחות, סיידען איך זאָל שיקען מיין ברודער שמעון וועלכער איז אויסערגעוועהנליך

קלוג, איז אָבער פאַראַן אַן אַנדער אורזאַך וואָרום איך קען נישט שיקען מיין ברודער, ווייל ער און טריפאָן זיינען ווי אויף שטעכמעסערס.

דבורה האָט אָנגעהויבן צו וויינען; זי האָט איינפאַרשטאַנען אַז ווי־באַלד איהר קלוגער און געלאסענער מאַן יונתן רעדט איצט אזעלכע רייד מסתמא איז עס גאַר שטאַרק ריזיקאַליש און ווער ווייס וואָס עס קען געשעהן.

יונתן האָט באַרוהיגט זיין פרוי און ער האָט ווידער גענומען רעדען מיט פּאַטאָס אין זיין שטימע: — דו ווייסט דאָך דבורה, אַז מיין גאָטזעליגער פאָטער און מיינע גאָטזעליגע ברידער: יהודה, אלעזר און יוחנן, האָבען זיך מקריב געווען פאַר אונזער גאָט, לאַנד און פאָלק. זיי האָבען קיינמאָל זיך נישט אָפּגעשראָקען פאַר קיין געפאַהר, טאָ פאַר וואָס זאָל איך איצט האַנדלען ווי אַ טרוס? איך מוז פאָהרען צו דער באַראַטונג און אונזער גאָט זאָל מיר העלפען צו קומען בשלום צוריק אהיים.

— אויב דו אליין מוזט פאָהרען אין עכו, קענסטו דאָך מיטנעמען עטליכע טויזענט גדודניקעס אלס א שוץ פאַר דיר — האָט דבורה אויסגעבראָכען אין א געוויין.

— ניין, דבורה! איך קען נישט מיטנעמען קיין גדודניקעס. ווייל זייט טריפאָן איז געוואָרען דער סירישער גובערנאטאר אין עכו האָט ער ארויסגעגעבען א געזעץ אַז קיינע פרעמדע לעגיאָנען טאָרען ניט אריינקומען אין עכו אָן זיין ספּעציעלע דערלויבעניש.

— אָבער ווי אזוי קענסטו פאָהרען איינער אליין? — האָט דבורה געפרעגט.

— דער אידישער גאָט וועט זיין מיין באשיצער — האָט יונתן גע־ענטפערט מיט א מונטערע שטימע.

— ניין! ניין! — האָט דבורה א געשריי געטאָן — דו טאָרסט זיך נישט פאַרלאָזען אויף קיין נסים.

— איך האָב נישט קיין אנדער ברירה — האָט יונתן א זאָג געטאָן — אויב איך זאָל אָנזאָגען די איינלאַדונג דאַן וועט דער רוימישער גענעראל ווערען שטאַרק בייז אויף מיר, און מיט רוים טאָר מען זיך ניט פאַרטשעפּען.

דבורה האָט אויסגעבראָכען אין אַ פרישען געוויין. זי האָט שוין נישט געהאָט מעהר קיינע ווערטער ווייל זי האָט באגריפען די געדריקטע לאַגע אָבער דאָס הארץ האָט נאָך פאָרט נישט געוואָלט נאָכגעבען. איהר געליבטער איידעלער און קלוגער מאַן יונתן מוז איצט אוועקגעהן אויף אַ ריזיקאַלישען וועג, כמעט איינער אליין, און ווער ווייס וואָס עס קען געשעהן מיט איהם? איהרע צוויי זיהן זיינען נאָך יונג און באַגרייפען נישט

די לאַגע. איהר שוואַגער שמעון איז זעהר היציג מיט זיין גרויסען לעגיאָן. ער איז דאָך פּאַקטיש דער הויפּט מיליטערישער פיהרער זייט יהודה איז געפאַלען טויט פון באקכידעסעס שווערד. אמת טאַקע, שמעון איז זעהר העלדיש און קלוג אָבער עס פעהלט איהם די געלאַסענקייט וואָס איהר מאן יונתן באַזיצט. ווייזט אויס אז קיין מענש קען נישט זיין פולקאָם מיט אַלע מעלות. ווען יונתן וואָלט נאָך געווען גוט געאיבט אויפ׳ן מיליטערישען געביט ווי ער איז אויפ׳ן פּאָליטישען, דאן וואָלט ער ווירקליך געווען איינער אין דער וועלט, אָבער ווי באַלד אז יונתן איז שוואַך אויפ׳ן מיליטערישען געביט, מוז ער דעריבער לאָזען שמעון׳ען פיהרען דעם אידישען לעגיאָן לויט ווי ער, שמעון, פארשטעהט, כאָטש פיל מאָל איז יונתן נישט צופרידען.

מיט אַזעלכע געדאַנקען האָט דבורה פארבראַכט די גאַנצע נאַכט. זי האָט אויסגעפּלאַנעוועט פארשידענע פלענער און צום סוף זיינען אַלע פלענער געוואָרען אויסגעוועפּט, ווייל דבורה האָט פארשטאַנען אז ווי גוט דער דאָזיגער, אָדער אַ צווייטער פּלאַן, זאָל ניט זיין, קען מען אלץ נישט פארזיכערען איהר מאַנ׳ס לעבען ווען ער וועט זיך געפינען אין דעם אזוי גערופענעם „לייבען־גרוב” פון דעם כיטרען טריפאָן. פארמיידען יונתן׳ס רייזע גאָר איינגאַנצען איז דאָך אוממעגליך, ווייל דאן וועט ווערען אַ טומעל אין דעם סענאַט אין רוים. עס וועט הייסען אז דער אידישער עטנארך האָט אויסגעלאכט פּאָמ־פּעאוסעס איינלאַדונג. איינלאַדען פּאָמפּעאוס׳ען מיט טריפאָנ׳ען נאָך ירושלים איז שוין צו שפּעט, ווייל פּאָמפּעאוס האָט שוין באַשטימט עכו פאר דעם צוזאַמענפּאָהר. מיטנעהמען גדוד׳ניקעס אַלס אַ שוץ קען מען נישט ווייל טריפאָן דערלויבט נישט. שיקען אַן אנדערען אויף יונתן׳ס פּלאַץ טויג געוויס נישט, ווייל טריפאָן וועט עס אויסטייטשען אלס אַ פּאַטש אין פּנים... און אויך קען מען נישט וויסען אויב דער שטעלפארטרעטער וועט קענען זיך דערהויבען צו דער ריכטיגער פּאָליטישער הויכקייט ווי יונתן זעלבסט קען עס טאָן.

יונתן האָט יענע נאַכט זיך צוגעגרייט צו זיין רייזע. ער האָט גערעדט מיט זיינע צוויי יונגע קינדער, מיט דעם הויפּט־אויפזעהער פון זיין הויז, און אויך מיט׳ן גענעראל צפניה, און אַרום זונ־אויפגאַנג איז ער אַוועק נאָך ירושלים אין דער באַגלייטונג פון זיין פרוי און צוויי קינדער מיט צעהן אויסגעקליבענע אידישע אָפיצירען.

קומענדיג אין ירושלים האָט יונתן באַלד פאררופען אַ געהיימע פארזאמלונג פון אַלע מיטגלידער פון דער סנהדרין און ער האָט זיי איבער־געגעבען אין קורצען פון זיין באַשלוס און ער האָט זיי געבעטען אז זיי

זאָלען, אין דער צייט פון זיין אפוועזענהייט, שטעהן אין שטענדיגער פאר־בינדונג מיט זיין ברודער שמעון און גענעראל צפניה וועלכע וועלען זיך געפינען נישט ווייט פון עכו מיט זייערע גדודים.

יונתן האָט אויך בעאויפטראגט מנחמ׳ן, וועלכער איז דאמאָלס געוועזן דער הויפט אפיציר פון דעם אידישען לעגיאָן וואס האָט געהיט דעם באפעס־טיגטען ציטאַדעל ארום ירושלים, אז ער זאָל גוט אכטונג געבען אויף זיינע פליכטען.

אין פארלויף פון טאָג האָט יונתן אָפגעהאַלטען נאָך עטליכע קאָנ־פערענצען מיט חשובים פון אידישען פאָלק און ארום „מנחה"־צייט איז געפראוועט געוואָרען אַ ספעציעלע תפלה אין בית המקדש ווען יונתן אלס כהן גדול האָט דאמאָלסט מקריב געווועזן דעם קרבן תמיד פון פארנאכט.

פיל טרערען זיינען פארגאָסען געוואָרען ביי דער דאָזיגער תפלה. יעדערער האָט געפילט אז דער כהן גדול און עטנארך פון אידישען פאָלק איז איצט שטארק געבראָכען אין געמיט. זיפצען האָבען זיך געהערט פון אַלע זייטען. די פארנאכטיגע שאָטענס האָבען אָנגעוואָרפען אן אומעט אויף דער לאַנגער און ברייטער „עזרה" פון בית המקדש. קיינער האָט נישט געוואגט ארויסצורעדען קיין וואָרט. עס איז נישט געווען וואָס צו זאָגען און וואָס צו ראטען.

באלד נאָכ׳ן קרבן תמיד פון פאַרנאַכט, האָט יונתן אויסגעטאָן זיינע כהונה־קליידער און האָט זיך אָפגעזעגענט מיט דער סנהדרין וועלכע האָבען איהם געבענשט אז ער זאָל מצליח זיין אין זיין וועג. נאכהער האָט ער זיך אָפגעזעגענט מיט זיין פרוי און צוויי זיהן און ער האָט אַרויסגעריטען אויף זיין פערד ארומגערינגעלט פון צעהן אויסגעקליבענע אָפיצירען.

שטיל און מאָנאָטאָניש האָט די גרופע רייטערס דורכמארשירט דורכ׳ן שטאָדט און זיינען ארויסגעקומען פון „שער דמשק" און פון דאָרט האָבען זיי אָנגעהויבען רייטען ווייטער צו צפון זייט ווען די נאַכט האָט אָנגעהויבען אויסשפרייטען איהר פינסטערקייט איבער די בערג.

קאַפּיטעל 56

# ראכע פון דער אידישער אלמנה. — טריפאָן און יונתן שטרייטען. — יונתן ווערט געפאַנגען.

די שטאָדט עכו, אָדער מיט איהר אמאָליגען נאָמען „פטאָלמעאָס" איז אויפגערודערט און שטורעמדיג. טויזענטער גריכען און פרעמדע איינ־

וואוינער שטעהען אין די גאַסען און שרייען און ליאַרמען אז אזעלכעס איז נאָך נישט געהערט געוואָרען. אַזאַ סקאַנדאַל פון אַ אידישע פרוי טאָר נישט פאַר־שוויגען ווערען. אַזאַ חוצפה׳דיגע געוואגטקייט צו קומען אין עכו און טויטען דעם העלדישען אָפיציר פיקאראַס, דער באַליבטער ברודער פון טריפאָן, דער גובערנאַטאָר פון שטאָדט, פאַרדינט אז מען זאָל דער מערדערין צעשניידען אין באזונדערע גלידער און איהר ווארפען פאַר די הינט.

— נאָך אלעמען האָט די מערדערין געהאַט אַן אורזאכע און א גרונט פאַר איהר מאָרד — האָט אַן אלטער גריך אריינגערוימט אין אויער פון אַ צווייטען גריך וועלכער איז געשטאַנען נעבען איהם — איך געדענק נאָך די געשיכטע מיט אַ פאָר יאָהר צוריק ווען אין אנטיאָכיע האָט נאָך געקיניגט אלעקסאנדער באלאס און דאן האָט טריפאָן, צוזאַמען מיט דער קעניגין, די עגיפטישע פרינצעסין, דער׳הרג׳עט איינעם פון די צוויי אידישע וועכטער וועלכע זיינען געשטאנען ביים קעניג׳ס טיר, און איצט האָט די אלמנה פון יענעם אידישען וועכטער, ווען טריפאָן האָט ערמאָרדעט, געוואָלט נעמען ראכע פון טריפאָנ׳ען אָבער עס איז איהר נישט געלונגען. זי האָט בלויז געטויטעט טריפאָנ׳ס ברודער.

— אָבער פארוואָס האָט זי געשוויגען ביז איצט? — האָט דער צוויי־טער גריך אַ פרעג געטאָן — פארגעס נישט אז איצט קומט דאָ פאָר אַ קאָנפערענץ אין עכו. טריפאָן האָט איינגעלאַדען דעם רוימישען גענעראל פאָמפעאוס מיט׳ן אידישען עטנארך יונתן, און אין אַזאַ ערנסטע צייט האָט די אידישע אלמנה נישט באדארפט אויפקאָכען אַזאַ טומעל אין שטאָדט. עס איז דאָך אַ חרפה פאר׳ן רוימישען גענעראַל.

— ווי די זאך זאָל זיך נישט אויסלאָזען, בין איך שוין גאָר נישט מקנא דעם אידישען עטנארך וועלכער איז איצט אַ גאַסט ביי טריפאָנ׳ען — האָט דער ערשטער גריך צוגעגעבען.

— וואָס איז דען דער אידישער עטנארך שולדיג אין דעם מאָרד איבער טריפאָנ׳ס ברודער? — האָט דער צווייטער גריך ווידער געפרעגט.

— יאָ שולדיג אָדער נישט שולדיג, טריפאָן וועט עס שוין אויסנוצען קעגען די אידען און איך האָב מיטלייד מיט דעם אידישען עטנארך וועלכער איז איצט אַ גאַסט ביי טריפאָנ׳ען — האָט דער ערשטער גריך געענטפערט.

אין דערזעלבער צייט ווען די פיעלע מאַסען מענשען אין שטאָדט האָבען געשטורעמט וועגען דעם פלוצימדיגען מאָרד, איז טריפאָן געזעסען אין זיין פאלאץ און האָט קאָנפערירט מיט די צוויי געסט, פאָמפעאוס פון רוים

און יונתן פון ארץ ישראל. טריפאָנ׳ס געזיכט איז געווען פארכמורעט און ער האָט געקוקט אויף יונתנ׳ען מיט בייזע בליקען.

— הייסט עס אז די סירישע מלוכה קאָסע איז ארעם און קען ניט אָפּצאָהלען דעם באַלאַנס פון אירע חובות וועלכע זי איז שולדיג זייט די לעצטע צוואנציג־דרייסיג יאָהר פון זינט אנטיאכוס דער דריטער האָט פארשפּילט די מלחמה קעגען רוים — האָט פּאָמפּעאוס ארויסגעבראכט די דאָזיגע ווערטער מיט אַ שטאַרקער באטאָנונג.

דער אומגליק פון דער ארימקייט קומט צוליב די נישט סטאבילע פּאָליטישע לאַגע אין אנטיאכיע — האָט יונתן געענטפערט.

— געוויס — האָט טריפאָן צוגעגעבען — זייט פרעמדע פעלקער האָבען אָנגעהויבען זיך אריינמישען אין דער סירישער פּאָליטיק, קען סיריע ניט קומען צו זיך.

— און איך דענק אז סיריע האָט גאָר נישט צוגעלעגט צו אירע פרעמדע פעלקער וועמען זי האָט איינגענומען — האָט יונתן געענטפערט מיט א לייכטען שמייכעל.

— ניין! דאָס איז ניט אמת! — האָט טריפאָן שנעל אויסגערופען

— די אונווירדיגע פּאָר שקלים וואָס סיריע קאָלעקטעט פון די פרעמדע פעלקער קענען נישט גוט מאַכען דעם גרויסען פּאָליטישען צוזאמענברוך וואָס זיי, די פרעמדע, האָבען געבראכט אויף דער מלוכה.

— אזוי צו אזוי — האָט פּאָמפּעאוס געענטפערט — וויל רוים דאָס וואָס איר קומט. און אויב דער איצטיגער סירישער קעניג קען נישט גאראנטירען די אָפּצאָהלונגען צו רוים, דאן וועט רוים מוזען ארייַנשיקען איר פארטרעטער אין סיריע וועלכער זאָל אכטונג געבען אויף די פינאנסען.

— די סירער וועלען אָבער בשום אופן נישט צושטימען אז א פרעמדער זאָל קאָנטראָלירען זייער מלוכה בודזשעט — האָט טריפאָן געענטפערט מיט פעסטקייט.

— רוים קאָן אָבער נישט ווארטען לענגער — האָט פּאָמפּעאוס א זאָג געטאָן.

— פאר וואָס זאָל דער אידישער עטנארך נישט אָנבאטען זיין הילף צו דער סירישער מלוכה — האָט טריפאָן אַ זאָג געטאָן מיט א סארקאזם — האָט דען דאָס אידישע לאַנד ניט אָפּגעקאָסט דער סירישער מלוכה גרויסע אוצרות מיט געלד?

— ווער האָט דען פארלאנגט פון סיריע אז זי זאָל אזוי פיעל אויס־

געבען אויף מיליטערישע עקספעדיציעס נאָך ארץ ישראל — האָט יונתן גע־ענטפערט מיט אַ פראגע.

— ווייל אנדערש האָט מען נישט געקענט אַנהאַלטען קיין אָרדענונג אין לאנד — האָט טריפאָן א זאָג געטאָן מיט רוגזה.

— די אַלע אומאָרדענונגען אין מיין לאנד זיינען געווען א רעזולטאַט פון די סירישע אונטערדריקונגען פון אידישען פאָלק — האָט יונתן גע־ענטפערט מיט כעס.

— ווייל דער אידישער פאָלק איז הארטנעקיג — האָט טריפאָן א געשריי געטאָן.

— און דער סירישער פאָלק איז מערדעריש קעגען אונז — האָט יונתן צוריק געשליידערט.

— אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיט רוים? — האָט פאָמפעאוס זיך אריינגעמישט — רוים וויל ניט וויסען פון קיינע תרוצים, רוים מוז האָבען דאָס וואָס איר קומט.

— זאָלען די רייכע אידען אויסבאָרגען דער סירישער מלוכה די נויטיגע סומע, וועט סיריע קענען אָפצאָהלען דעם חוב צו רוים — האָט טריפאָן פרובירט מאכען דעם אָנבאָט.

— אויב אויסבאָרגען צו רוים, דאן קענען די אידען דאָס טאָן אויף זייער אייגענעם חשבון און באקומען דערפאַר זייער קרעדיט פון רוים זעלבסט. אָבער ניט אויסבאָרגען צו סיריע וועלכע צאָלט אָפּ מיט אונטערדריקונגען און פאָגראָמען אויף אידען — האָט יונתן געענטפערט קורץ און שארף.

— מיר זוכען ניט קיינע הלואות — האָט פאָמפעאוס געענטפערט — רוים פאָדערט בלויז דאָס וואָס איר קומט, און אויב אירע בעלע חובות קענען ניט צאָלען מיט מזומן דאן קען רוים אָננעמען לאַנד אַלס אָפצאהל.

— אויב עס האלט ביי לאנד, מוז איך זיך דורכשמועסען מיט'ן סירישען קעניג זעלבסט — האָט טריפאָן געענטפערט.

— איך קען אָבער ניט ווארטען ביז וואנען דו וועסט פאָהרען אין אנטיאָכיע און קומען צוריק מיט אן ענטפער פון קעניג — האָט פאָמפעאוס געענטפערט מיט שטאָלץ.

— און איך וואָלט מאכען א פארשלאג, אז דער גענעראל זאָל דערווייל מאכען א וויזיט אין מיין לאנד ביז וואנען טריפאָן וועט זיך אומקעהרען פון אנטיאָכיע — האָט יונתן פאָרגעשלאגען.

— איך בין ניט דאַגעגען — האָט טריפאָן צוגעגעבען — אָבער איין זאַך מוז איך באַטאָנען, אז אויב איך פאָהר צום קעניג מוז דער אידישער

עטנארך מיטפאָהרען מיט מיר, ווייל דער סירישער יונגער קעניג שטעהט אונטערן איינפלוס פון דעם אידישען עטנארך, און ווי ער וועט אים ראַטען אַזוי וועט ער טאָן.

— איך בין וויליג צו העלפעןביידע צדדים — האָט יונתן געענטפערט

— גוט, איך וועל מיטפאָהרען צום קעניג, איך וועל נאָך היינט שיקען רופען אַהער איינעם פון מיינע גענעראַלען וועלכער זאָל באַגלייטען דעם רוימישען גאַסט אויף זיין וויזיט אין דער אידישער לאַנד אין דער צייט וואָס איך וועל זיין פאררייזט אין אנטיאָכיע.

טריפאָן האָט זיך געשמאָלצען אין נחת פון יונתנ׳ס צושטימונג. דער כיטרער טריפאָן האָט אומישנע אויסגעפלאָנעוועט דעם פלאן אום צו קענען ארויספטרן דעם רוימישען גאסט פון שטאָדט און זיך אַ נעם טאָן צו זיין אייביגען שונא יונתנ׳ען.

יונתן, פון זיין זייט האָט אויך געהאַט זיינע פלענער: ערשטענס, האָט ער געוואָלט זיך זעהן מיט דעם סירישען קעניג און פועלן ביי אים, אז מען זאָל צוריקציען טריפאָנען פון זיין גובערנאטאָרסקער שטעלע אין עכו; צווייטענס, האָט יונתן געגלויבט, אז ער וועט קענען פועלןביים קעניג א פשרה מיט דעם רוימישען גענעראל און אזוי ארום וועט רוים וויסען ווי צו דאַנקען די אידען פאר זייער גוטפריינטשאַפט צו רוים; און דריטענס, האָט יונתן געוואָלט אז דער גדוד המכבי זאָל דערווייל האָבע׳ די מעגליכקייט ארייצוקומען אין עכו אין דער צייט וואס טריפאָן וועט זיין מיט אים אין אנטיאָכיע.

יונתן האָט באלד אָוועקגעשיקט 2 פון זיינע צעהן באַגלייטערס פון עכו מיט געגויע אינסטרוקציעס צו זיין ברודער שמעון און גענעראל צפניה.

אין צוויי טעג שפעטער איז גענעראל צפניה אָנגעקומען אין עכו מיט א סוויטע פון הונדערט מכבים רייטערס און יונתן האָט אים פאָרגעשטעלט פארן רוימישען גענעראל פאָמפעאוס.

נאָך אין זעלבען טאָג איז דער גענעראל פאָמפעאוס אָפגעפאָהרען נאָך ירושלים אין דער באַגלייטונג פון צפניה מיט זיינע הונדערט גדודניקעס.

עס זיינען פאראיבער עטליכע טעג, זייט דער גענעראל פאָמפעאוס איז אָפגעפאָהרען פון עכו, און טריפאָן מיט יונתנ׳ען זיינען אָפגעפאָהרען נאָך אנטיאכיע, און אין עכו איז פאָרגעקומען אַ נייער טומעל און געשרייען: צעהן טויזענט מכבים האָבען פאַרכאַפּט די שטאָדט און האָבען אנטוואפענט דעם סירישען לעגיאָן פון זעקס טויזענט סאָלדאַטען.

דער פּלוצימדיגער איבערפאַל פון די מכבים האָט אזוי שטאַרק שאָקירט

די סירישע אָפיצירען און זייערע סאָלדאַטען, אַז זיי האָבען בשום אופן ניט געקענט פאַרשטעהן וואָס דאָ קומט פאָר. עפּעס אזוי האסטיג און אומדער־קלעהרבאַר. ערשט מיט עטליכע טעג צוריק איז דער אידישער עטנארך דאָ געקומען פאר א קאָנפערענץ מיט טריפאָנען און מיט'ן רוימישען גענעראל און פּלוצלונג איז דאָ געשעהען אַזאַ צומישונג . . . דער רוימישער גענעראל איז אָפּגעפאָהרען נאָך ארץ ישראל און דער אידישער עטנארך מיט טרי־פאָנען זיינען אָפּגעפאָהרען נאָך אַנטיאָכיע און די מכבים האָבען דערווייל פארכאַפּט די שטאָדט.

אָבער אין דעם גרויסען טומעל האָט איינער פון טריפאָנ'ס געטרייעסטע אָפיצירען אויספּעיעט צו אנטלויפען פון שטאָדט און אָניאָגענדיג טריפאָן אויפ'ן וועג, ניט ווייט פון די לבנון בערג, האָט ער איהם איבערגעגעבען געענוי פון די נייע געשעהענישען אין עכו.

דערהערענדיג די נייעס האָט טריפאָן פאַרשטאַנען אז יונתן האָט איהם געוואָלט פאַרלויפען דעם וועג און איהם אַרויסנאַרען פון עכו. טריפאָן האָט באַלד אַ זאָג געטאָן צו יונתנ'ען:

— לויט ווי איך האָב נאָר וואָס דערפאַרען פון עכו האָסטו שוין באווארענט אַז דיינע מכבים זאָלען פארכאַפּען די שטאָדט אין דער צייט וואָס איך וועל זיין פאררייזט. אויב אזוי קען איך דיר גראַטולירען מיט דיין נייע געפאַנגשאַפט ביי מיר ביז וואַנען דיינע מענשען וועלען אָפּטרעטען פון עכו.

— גלויב מיר, טריפאָן, אז איך אליין בין שטאַרק איבערראשט פון דער געשעהעניש — האָט יונתן געענטפערט מיט א כלומרשטע צעטומלונג — אויב דו ווילסט, קענען מיר שוין זיך אומקערען נאָך עכו און איך וועל באַלד הייסען מיינע לעגיאָנען ארויסצוגעהן פון שטאָדט און איך וועל באשטראָפען די יעניגע וועלכע האָבען געוואַגט אזא איבערפאל אָן מיין גוטהייסונג.

— און דו מיינסט טאַקע, אז איך וועל זיך ווייטער לאָזען נאַרען פון דיר ? — האָט טריפאָן געענטפערט מיט אַ שפּאָטישען געלעכטער — אָ, ניין ! אָט דאָ ביי די לבנון בערג וועלען מיר ביידע פאַרבלייבען ביז וואַנען דיינע לעגיאָנען וועלען ארויס פון עכו און דאַן וועל איך זעהן וואָס איך האָב צו טאָן.

און דאָס זאָגענדיג, האָט טריפאָן באַלד געגעבען א באפעל צו זיינע אָפיצירען, וועלכע זיינען מיטגעפאָהרען מיט איהם, אז זיי זאָלען פון היינט אָן גוט באוואכען דעם געצעלט פון דעם אידישען עטנארך.

— אָט דאָ צווישען די בערג וועט מוזען נעמען א סוף צווישען מיר מיט מיין שונא, דער אידישער עטנארך — האָט טריפאָן געשריען מיט רוגזה. — גענוג האָב איך זיך געלאָזט פארפיהרען פון איהם ביז איצט. ער וועט איצט מוזען גוט מאַכען פאר אַלעס וואָס ער האָט מיר געשטערט ביז היינט. ער האָט געמיינט, אז ער וועט מיר ארויסנאַרען פון עכו און פארכאַפּען די שטאָדט, אָבער איצט איז ער אליין אין מיינע הענט . . .

יונתן האָט איינגעזעהן אז דער כיטרער טריפאָן איז געוואָרען ווילד, האָט ער אָנגעהויבען ציטערן פאר איהם. אַלעס איז דאָך מעגליך. טריפאָן איז דאָ ארומגערינגעלט מיט צוויי הונדערט אָפיצירען און סאָלדאַטען און ער, יונתן, האָט מיט זיך בלויז א צעהנדליג מכבים. עפּעס מוז דאָ געטהאָן ווערען: אָדער ער זאָל קענען דערגרייכען אין אַנטיאָכיע צום קעניג אָדער צוריק נאָך עכו.

האָט יונתן אָנגעהויבען איינ׳טענה׳ן מיט׳ן צעיושעטען טריפאָנען אז פון אזא עקשנות׳דיגע סטאַנציע אויפ׳ן מיטען וועג וועט גאָר ניט ארויס־קומען. אָבער טריפאָן האָט ניט געוואָלט הערען פון קיינע פאָרשלאָגען.

— אזוי לאַנג ווי דיינע מענשען שטעהען אין עכו, וועסטו פארבלייבען מיט מיר דאָ אויפ׳ן וועג — האָט טריפאָן געשריען מיט א ״ועם אויף זיינע ליפּען.

— עס וועט דאָך אָבער קיינמאָל ניט קומען צו קיין טאָלק — האָט יונתן געענטפערט.

— דו קענסט שיקען איינעם פון דיינע באגלייטערס נאָך עכו מיט אן אָנזאָג, אז דיינע לעגיאָנערען זאָלען שוין פארלאָזען די שטאָדט — האָט טריפאָן פארלאַנגט.

— מיינע מכבים וועלען קיינעם ניט וועלען פאָלגען סיידען אז איך אליין זאָל זיך אומקעהרען צו זיי נאָך עכו — האָט יונתן געענטפערט.

טריפאָן האָט איינגעזעהן אז יונתן האָט טאַקע רעכט, אָבער ווי אזוי קען מען איהם געטרויען זיך אומצוקערען אליין? טריפאָן זעלבסט האָט דאָך מורא געהאַט מיטצופאָהרען צוריק נאָך עכו, ווייל וואָס וועט ער טהאָן אויב יונתן וועט, קומענדיג אין עכו, איהם דאָרטען אַרעסטירען אָדער גאָר טויטען?

טריפאָן האָט זיך גענומען צייט די גאַנצע נאַכט צו באַטראַכטען געגנוי די לאַגע, און אויפ׳ן צווייטען פריהמאָרגען האָט ער צוגעשטימט צו יונתן׳ס פאָרשלאָג מיט׳ן באַדינג אז יונתנ׳ס צוויי יונגע זיהן זאָלען פריהער געבראַכט ווערען אַהער צו איהם, טריפאָנען, אלס א משכון, אין פאַל אז

יונתן וועט ניט האַלטען וואָרט און ער וועט ניט הייסען זיינע מכבים ארויס־ציהען פון עכו.

יונתן האָט ניט געהאַט קיין אנדער ברירה נאָר צוצושטימען צו דעם באַדינג. ער האָט שוין פאַרשטאַנען אז איצטיגען מאָל איז עס איהם ניט געלונגען צו פארכאַפּען עכו, ווייל ער וועט דאָך טאַקע מוזען הייסען זיינע מכבים צוריקציהען אום אז טריפאָן זאָל נאָכהער פריי לאָזען זיינע צוויי זיהן. און צווייטענס האָט יונתן געהאָפט, אז אויב ער וועט צושיקען אַ פאָדערונג אז זיינע צוויי זיהן זאָלען געבראַכט ווערען אַהער צו טריפאָנען, וועט זיין ברודער שמעון געוויס פאַרשטעהן אז ער, יונתן, געפינט זיך אין געפאַנג־שאַפט ביי טריפאָנען, און דאן וועט ער אָנקומען אַהער מיט אַ היפשען גדוד און די גאַנצע לאַגע קען זיך ענדערען צו גונסטען פאר איהם, יונתן׳ען.

האָט יונתן באלד אָנגעשריבען א בריוו צו זיין ברודער שמעון, אז ער זאָל שוין צושיקען זיינע צוויי יונגע זיהן צו איהם אין לאגער, צווישען די לבנון־בערג, ווייל עס האָט געהייסען אז יונתן וויל מיטנעהמען זיינע זיהן אויף זיין רייזע נאָך אַנטיאָכיע.

טריפאָן האָט גוט דורכגעשטודירט יונתן׳ס בריוו, אום ניט אריינ־צופאלן אין אַ מעגליכער נייער כיטרער פּאַסטקע וואָס דער אידישער עטנארך דענקט פיליכט צוצוגרייטען פאר איהם, און דאן האָט ער געהייסען איינעם פון יונתן׳ס באגלייטער אָפּצופירען מיט׳ן בריוו.

אזוי שנעל ווי שמעון דער חשמונאי, יונתן׳ס ברודער, האָט באקומען יונתן׳ס בריוו, איז איהם באפאלען אַ שרעק. אויף אזא פלוצימדיגער בורענינע האָט ער זיך גאָרניט געריכט. ווער האָט עס געקענט וויסען אז אימיצער פון טריפאָנס מענשען זאָל קענען אנטלויפען פון עכו און אויס־זאָגען פון דעם אידישען איבערפאל איבער דער שטדאָט נאָך איידער טריפאָן און יונתן האָבען דערגרייכט אנטיאָכיע?

עס איז אָבער ניט געווען קיין צייט צו טראַכטען פיעל. שמעון האָט באלד אַוועקגעשיקט זיינעם א פארטרויענסווערטן מענש נאָך מודעין מיט׳ן אָנזאָג צו דבורה׳ן, יונתן׳ס פרוי, אז יונתן פארלאַנגט זיינע צוויי זין זאָלען קומען צו איהם אין עכו.

דבורה האָט פּרובירט אויסצופאָרשען פון דעם שליח וועגען וואָס איהר מאן נויטיגט זיך אין זיינע צוויי זיהן, אָבער דער שליח האָט זיך געהיט מיט זיינע ווערטער. צו וואָס זאָל יונתן׳ס פרוי וויסען פון דעם נייעם אומגליק מיט איהר מאן, אז אנשטאָט עכו, איז ער גאָר איצט א געפאַנגענער ביי טריפאָנען צווישען די לבנון־בערג.

דבורה האָט געפּיהלט אז עפּעס קומט דאָ פּאָר ניט גלאַטיג, אָבער וואָס האָט זי געקענט העלפען. קען זי דען צוריקווייזען איהר מאַנ׳ס פּארלאַנג? איבערהויפּט אז דער שליח האָט איהר איבערגעגעבען אז שמעון זעלבסט וויל אריינפיהרען איהרע צוויי זיהן אין עכו צו זייער פּאָטער.

האָט דבורה געמוזט מיטשיקען איהרע צוויי יונגע זיהן מיט׳ן שליח וועלכער האָט זיי געבראַכט צו שמעונ׳ען אויפ׳ן גרעניץ פון ארץ ישראל און סיריע.

שמעון האָט באלד געגעבען אַ קאָמאַנדע צו זיינע אָפיצירען און מיט־נעהמענדיג טויזענט מכבים מיט זיך האָט ער אָפּגעריטען צו די לבנון־בערג מיטפיהרענדיג די צוויי יונגע זיהן פון יונתן׳ען.

## קאַפּיטעל 57

# יונתן מיט זיינע זיהן ערמאָרדעט. — די רעדע פון רבי יהושע בן פרחיה. — שמעון ווערט קעניג.

שוין אַריבער א וואָך זייט די לעצטע געשעהעניסען. אין גאַנץ ארץ ישראל הערשט אַ שטילער טרויער. דער וועהטאָג איז צו גרויס צו באַשרייבען. יעדער איד פיהלט, אז עס איז געשעהן א גרויס אומגליק. דער קלוגער און באַליבטער יונתן איז ניט מעהר צווישען די לעבעדיגע. די אידישע גרויסע ליכט, פון דעם חשמונאי כהן גדול און עטנארך, איז פּריהצייטיג אויסגעלאָשען געוואָרען און אַ פינסטערניש האָט באדעקט גאַנץ ארץ ישראל. אויף אַזאַ חוצפּה׳דיגער און מערדערישער האנדלונג פון דעם סירישען גובערנאַטאָר טריפאָן, האָט קיינער זיך ניט געריכט. ער האָט אומישנע פארנאַרט יונתנ׳ען און זיינע צוויי זיהן און איז אַנטלאָפען מיט זיי פון די לבנון בערג איבער׳ן ירדן און דאָרטען האָט ער זיי דער־מאָרדעט און איבערגעלאָזען אויף אַ ליידיגען פּלאַץ, און ווען ניט שמעון מיט זיינע מכבים, וועלכע האָבען זיך נאָכגעיאָגט נאָכ׳ן מערדער, וואָלט מען גאָר קיינמאָל ניט וויסען וואוהין די דריי דערמאָרדעטע זיינען אהינ־געקומען.

גרופּעס אידען שטעהען איבעראל אין די גאַסען אין ירושלים, און אין אַנדערע שטעדט און דערפער פון ארץ ישראל, און שמועסען מיט גרויס ביטערקייט וועגען דעם גרויסען אומגליק. אַלע זיינען גערירט פון דער נאכריכט אז ווען שמעון האָט געבראַכט די דריי טויטע קערפּערס פון זיין ברודער מיט זיינע צוויי יונגע זיהן נאָך מודעין, האָט די יונגע אלמנה־מוטער,

די גאָטספאָרכטיגע דבורה געוואָלט באגעהן זעלבסטמאָרד צוליב גרויס הארצ־וועהטאָג, און אז שמעון האָט געשוואוירען, אז פון היינט אָן וועט סיריע מוזען באצאָהלען„ פאר איהרע מערדערישע אקטען, מיט איהר אייגענעם חורבן.

און אזוי איז טאָקע געשעהן. אזוי שנעל ווי עס איז דורכגעפיהרט געוואָרען די טרויער וואָך נאָך יונתן מיט זיינע צוויי זיהן, האָט שמעון באלד איבערגענומען די פיהרערשאַפט און ער האָט ראשית געהייסען חרוב מאַכען עכו און דאן האָט ער געשלאָסען א בונט מיט׳ן גענעראל פאָמפעאוס וועלכער איז נאָך דעמאָלסט געווען אויף זיין וויזיט־רייזע אין ארץ ישראל. שמעון האָט איהם געראָטען צו אַנעקסירען די שטאָדט עכו פאר רוים אלס די ערשטע איינצאָהלונג אויפ׳ן חוב וואס סיריע איז שולדיג צו רוים.

פאָמפעאוס האָט ארויסגעוויזען גרויס מיטלייד אויפ׳ן טויט פון יונתנ׳ען און ער האָט באלד פראָקלאָמירט שמעונ׳ען אלס דער נייער פרינץ פון „יודעא״, וועלכער האָט דאָס רעכט פון אַ זעלבסט־הערשער מיט אַלע פאָליטישע, טעריטאָריעלע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פריווילעגיעס.

דערוויַיל איז טריפאָן זעלבסט אנטלאָפען נאָך אנטיאָכיע און ער האָט שטילערהייט דערמאָרדעט דעם יונגען קעניג אנטיאָכוס וועמען ער אליין האָט מיט אַ פאָר יאָהר צוריק געהאָלפען ארויפשטייגען אויפ׳ן טראָן.

טריפאָן האָט באלד אויפגערודערט א רעוואָלוציע און ער האָט פאר־כאַפּט דעם סירישען טראָן פאר זיך זעלבסט. שמעון האָט געוואָלט אָנהויבען אַ מיליטערישען צוג נאָך אַנטיאָכיע קעגען דעם מערדערישען טריפאָן, אָבער די אידישע פאָרשטעהער׳ס, מיט רבי יהושע בן פרחיה און נתאי הארבלי אָן דער שפיץ, האָבען איהם ניט דערלאָזט צו וויַיטערע מלחמות אויסער די אידישע גרעניצען. און אַזוי שנעל ווי עס איז פאַריבער די ערשטע וואָך נאָך דער לויה און קבורה פון יונתן החשמונאי מיט זיינע צוויי יונגע זיהן, האָט דער אידישער סנהדרין אין ירושלים געבראַכט שמעון׳ען אין בית המקדש און רבי יהושע בן פרחיה, דער נשיא, האָט געהאַלטען זיין דראַמאַטישע רעדע צו שמעון׳ען אין דער אָנוועזענהייט פון פילע טויזענטער אידען:

— מיר שטעהען איצט פאר א נייער עפּאָכע! — האָט דער גרעסטער אידישער געלערענטער אויסגערופען פון דער הויכער פלאַטפאָרמע, וועלכע איז ספּעציעל אויפגעשטעלט געוואָרען אין דער גרויסער „עזרה״ לכבוד דעם גרויסאָרטיגען קבלת־פנים פאר שמעון החשמונאי, — אונזערע פאָריגע אידישע העלדען, מתתיהו מיט זיינע פיר זיהן, האָבען דורכגעבראָכען די פעסטע גרעניצען מיט וועלכע די אידישע שונאים האָבען אונז ארומ־גערינגעלט. זיי האָבען מקריב געווען זייערע לעבענס פאר אונזער גאָט,

תורה, און לאַנד, און זיי האָבען געבראַכט דערצו אַז אונזער לאנד איז איצט באפרייט געוואָרען פון דעם שווערען יאָך וואָס די סיריער האָבען ארויפ־געלייגט אויף אונז.

— זייער ארבייט וועט בלייבען אלס אן אייביגער אָנדענק ביים אידישען פאָלק. זיי האָבען אויסגעהיט, אַז אונזערע יונגע קינדער זאָלען ניט ווערען אָפּגעריסען פון דער אידישער טראַדיציע און פון אידישען פאָלק. זיי האָבען אויסגעהיט אז אונזערע פאָלקס אוצרות אין בית המקדש זאָלען ניט ארייג־פאַלען אין די הענט פון אונזערע שונאים. זיי האָבען צונויפגעשטעלט אַ שטאַרקען אידישען לעגיאָן, דעם גדוד המכבים, וועלכער האָט ביז איצט ארויסגעוויזען אויסערגעוויינליכע גבורה און האָט געבראַכט דערצו, אז אַלע פעלקער רעספעקטירען אונזערע היילינע געפיהלען און אונזער גבורה.

— געבענטשט זאָלען זיין זייערע נעמען אויף אייביג. אָבער איצט! איצט שטעהט פאר אונז דער לעצטער שורש פון דער הייליגער חשמונאים פאַמיליע, שמעון דער פינפטער זוהן פון דעם גאָטזעליגען מתתיהו וועלכער פארדינט כבוד און ליבע פון גאַנצען אידישען פאָלק צוליב יחוס אבות און אויך צוליב זיין אייגענעם יחוס. ער האָט שוין איבערגעצייגט זיינע גוטע כשרונות אָלס פּראַקטישער, איידעלער און טיפזיניגער פּאָליטיקער.

— איצט ווילען מיר ניט מעהר קיינע נייע מלחמות נאָר קאָנסטרוקטיווע ארבייט אין אונזער לאַנד. מיר דערוואַרטען פון דיר, שמעון החשמונאי, אַז דו זאָלסט דערפילען און דערגענצען דאָס וואָס דיין טאַטע און דיינע ברידער האָבען אָנגעהויבען. זייערע צילען זיינען געווען: א פאראייניגטען און שטאַרקען אידענטום, אַ פרייע זעלבסט־רעגירונג אין ארץ ישראל, א פארשטאַרקונג פון דער אידישער אמונה און אויך בעסערע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע לעבענס פאָרמען פאר'ן כלל ישראל.

— הידד! הידד! — האָט אַ דונער געטאָן די שטימע פון אַלע פאר־זאַמעלטע אין דער „עזרה״.

שמעון דער חשמונאי האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט געהאַלטען אַ קורצע רעדע פאר די מאַסען:

— ברידער! — האָט שמעון אויסגערופען מיט אַ צעפלאַמטען פנים — עס איז מיר איצט זעהר שווער צו רעדען צו אייך אין דער צייט וואָס מיר זיינען אלע דורכגעדרונגען מיט טרויער געפילן פון דעם נאָר וואָס דער־מאָרדעטען עטנארך און כהן גדול מיין באַליבטער יונתן. זיין פּלוצימדיגער טויט וועט ניט פאַרגעסען ווערען אזוי גיך, ווייל זיינע וואונדערבאַרע אויפ־טואונגען פאר אונזער פאָלק און לאנד זיינען געווען מוסטערהאַפט. מיין

ברודער׳ס גייסט וועט קיינמאָל ניט פארשווינדען פון אונז. זיינען קלוגע עצות וועלען אונז אימער פיהרען צו די געווינשטע צילען. מיין ברודער האָט געוואוסט פון דער געפאהר נאָך איידער ער איז אַוועק נאָך עכו, אָבער ער האָט זיך מפקיר געווען פאר׳ן כלל ישראל און פאר ארץ ישראל. ער האָט באוויזען צו שליסען אַ נייעם בונד מיט רוים, און איצט, וויל איך אייך מאַכען אויפמערקזאַם אז אונזער נייע פּאָליטיק מוז ווערען געפיהרט אין צוזאַמענהאַנג מיט רוים, און דעריבער מוז יעדערער פון אייך זיין געגרייט צו דיזער נייער ווענדונג . . . מיר טאָרען אָבער ניט פארגעסען, אַז ביז וואַנען מיר ווערען ניט אויסגעלייזט פון דער אַלטער סירישער מלוכה קענען מיר ניט מאַכען קיין האַסטיגען שפּרונג צום צווייטען צד . . .

— ער האָט רעכט! מיר טאָרען זיך ניט אָנפארטרויען אין רוים איידער מיר ווייסען וואו מיר האַלטען מיט סיריע — האָבען זיך דערהערט פילע אויסגעשרייען פון דער מאַסע אידען — מיר ווילען אונזער אייגענער מלוכה, מיט אונזער אייגענעם קעניג!

— שטיל זאָל זיין! — האָט זיך דערהערט די שטימע פון גענעראל צפניה, וועלכער איז ארויפגעלאָפען אויף דער פּלאַטפאָרמע און ער האָט אָנגעהויבען צו רעדען:

— געוויס וועלען מיר האָבען אַן אייגענער מלוכה אָבער איהר, ברידער, מוזט פריהער אַרויסצייגען געַנוג ווירדע און שטאָלץ צו אַזאַ דערגרייכונג. איך האָב שוין אָפּגעשלאָסען מיט׳ן גענעראל פּאָמפּעאוס, איידער ער האָט זיך אומגעקעהרט פון זיין וויזיט אין ארץ ישראל צוריק נאָך רוים, אַז ארץ ישראל זאָל אָנערקענט ווערען פון דעם רוימישען סענאַט אַלס אַ זעלבסטשטענדיגע מלוכה. איך בין זיכער אז רוים וועט צושטימען צו אַזאַ בונד, אָבער מיר מוזען זיין צוגעגרייט צו דעם.

— וואָס זאָלען מיר טאָן? — האָט די מאַסע אידען אָנגעהויבען שרייען פון אַלע זייטען.

— מיר מוזען האָבען אַ גרויסע ארמיי, פיל געוועהר, אוצרות מיט געלט, און אַ פאראייניגטען פראָנט פון אַלע אידען — האָט צפניה אויס־געשריען.

— און דער עיקר מוזען מיר שוין אַנערקענען אונזער נייעם פיהרער, שמעון החשמונאי, אלס אויסדערוועהלטער פון גאַנצען אידישען פאָלק — האָט רבי יהושע בן פרחיה אויסגערופען מיט שטאָלץ.

— לעבן זאָל אונזער נייער פיהרער, אונזער קעניג שמעון! — האָט מען אָנגעהויבען שרייען פון אַלע זייטען.

— לעבען זאָל אונזער נייער כהן גדול און רעליגיעזער פּאַרשטעהער!

— האָט רבי נתאי הארבלי אויסגעשריען און האָט גלייך אָנגעוויזען מיט׳ן האַנט אויף שמעון׳ען.

דער טריאומף־געשריי פון דער גרויסער מאַסע אידען האָט אָנגעהאַלטען פאר אַ היבשע ווײַלע. ווען עס איז געוואָרען אַביסעל רוהיגער האָט שמעון ווידער זיך געווענדעט צום פּובליקום מיט די ווערטער:

— אויף דעם הייליגען פּלאַץ וואו עס ווערען געבראַכט קרבנות צו אונזער גאָט, אויפ׳ן זעלבען פּלאַץ האָט אונזער פּאָטער אברהם געוואָלט מקריב זיין יצחק׳ן, זיין ליבלינג זוהן, פאר גאָט. אויף דעם פּלאַץ וואו עס זיינען פאַרגאָסען געוואָרען טייכען בלוט פון אונזערע קדושים, וועלכע זיינען געפאַלען פון שונא׳ס גרויזאַמע האַנט, שטעה איך איצט פאר אייך און פאר׳ן גאָט פון ישראל, מיט א זעהר טיפריהרענדער הארץ און איך דערקלעהר פאר אַלעמען אז אייער צוטרוי אין מיר וועט אימער ווערען געשעצט און געאַכטעט. איך וועל אימער נאָכגעהן אין די פוס־טריט פון מיינע עלטערען, פון מיין פּאָטער און ברידער, און פון אונזערע אמאָליגע גבורים און הייליגע פיהרער׳ס פון ישראל. איך דאנק אייך פאר דעם כבוד וואָס איהר גיט מיר און איך לויב און בענטש גאָט פאר זיין הילף וואָס ער האָט אונז געגעבען ביז איצט.

אין דער „עזרה״ איז געוואָרען אַ פרעהליכער טומעל. פון אַלע זייטען האָבען אידען גענומען שרייען אז מען זאָל שוין קרוינען שמעון׳ען אלס קעניג און כהן־גדול.

יענער טאָג איז פאַריבער אין צוגרייטונגען און אויפ׳ן צווייטען פריה־מאָרגען איז דורכגעפיהרט געוואָרען די פּראַכטפולע צערעמאָניע פון דער איינוויייהונג פון שמעון החשמונאי אלס כהן גדול און קעניג פון ארץ ישראל.

---

## קאַפּיטעל 58

# אכט יאָהר גליק. — דער טרויעריגער סוף.

שוין אַריבער אַכט יאָהר זייט שמעון איז געוואָרען געקרוינט אלס קעניג און כהן גדול. די ערשטע צייט האָט שמעון נאָך פּרובירט צו פיהרען מלחמות מיט סיריע אָבער ער האָט זיך שנעל איבערצייגט אז זאָגאר מיט די בעסטע רעזולטאַטען פון מלחמות קען ארץ ישראל ניט ווערען באַפעסטיגט. האָט שמעון אויפגעגעבען זיין אויסערליכע שאַרפע פּאָליטיק און ער האָט זיך

א נעם געטאָן צו בויען און באפעסטיגען די אידישע פּאָזיציע אין ארץ ישראל.

ער האָט אָנגעהויבען ארויסצוטרייבען די פילע אומגעוואונשטע פרעמדע ראַסען און פעלקער וועלכע האָבען נאָך ביז דעמאָלסט באזעסען פילע שטעדט און דערפער אין ארץ ישראל. ער האָט ארויסגעטריבען די גריכען פון די שטעדט גזר און יפו און ער האָט באשטימט זיין זוהן יוחנן הורקנוס אלס גובערנאטאָר אין יפו און זיין יונגען אידעם טאלמיי אלס גובערנאטאָר אין יריחו.

שמעון האָט אָנגעהויבען פיהרען זיין אינערליכע פּאָליטיק אין לאנד מיט אַ פעסטע האנט. ער האָט געבראַכט אין אָרדענונג די פינאַנסען און געשטעלט דעם לאנד־מסחר אויף אַ פעסטען און קאָנטראָלירטען יסוד.

פאר דעם צוועק האָט שמעון געהייסען אויסגיסען נייע אידישע מטבעות מיט דער גראווירונג פון „פריי יודעא” אויף איין זייט, און דעם דאטום פון זיין נייע קעניגרייך, אויף דער צווייטער זייט.

די אידען אין לאנד האָבען אָנגעהויבען לעבען פריי און מונטער. „יעדערער אונטער דעם שאָטען פון זיין ווייגגאָרטען און פייגענבוים”. שיפען מיט סחורה האָבען אָנגעהויבען צו זעגלען פון, און צו, די פּאָרטען פון ארץ ישראל, און דער געזאַנג פון פּאַרמערס אויף די פעלדער האָט אָפּגעקלונגען איבעראל אין ארץ ישראל. שמעון׳ס נאָמען איז קיינמאָל ניט אראָפּ פון די ליפּען פון די ברייטע אידישע מאַסען וועלכע האָבען אונטער זיין נייעם רעזשים, געגאָסען גליק מיטן פולען הויפען.

אכט יאָהר פון הצלחה און נחת זיינען פאָריבער אונטער שמעון׳ס פיהרערשאַפט. אַכט יאָהר פון אמת׳ער אויפוואַכונג אויף אַלע געביטען פון אידישען לעבען אין ארץ ישראל. דער בית המקדש האָט געגלאַנצט מיט פּראַכט און הייליגקייט פון די פארמעהרטע און פארגרעסערטע פרומקייט אין לאנד. די כהנים און לויים האָבען געטאָן טאָג־טעגליך זייער הייליגע „עבודה” און אידען פון איבעראל זיינען געקומען אהין מיט קרבנות, מיט „בכורים”, מיט אלערליי נדבות און געשאַנקען, און ירושלים האָט אויפ־געבליט ווי אין די אַמאָליגע גוטע צייטען פון שלמה המלך. די שטעדט און דערפער אין לאנד זיינען געוואָרען פארבויט און באפעסטיגט. דער האַנדעל איז געוואָרען גרויס און דער אידישער פאָלק האָט זיך דערוואָרבען אַ גרויסען נאָמען אין דער וועלט.

אכט גליקליכע יאָהר האָט שמעון פארבראַכט אין זיין לעבען נאָך די פילע גרויזאַמע פּאָגראָמען און מלחמות וואס ער האָט דורכגעמאַכט זייט

זיין פאַטער מתתיהו מיט זיין ברודער יהודה המכבי האָבן אָנגעהויבן זייער רעוואָלוציע קעגען סיריע. אָבער גאָר פלוצלינג האָט דער שטן זיך אריינ־געמישט אין דער ניי־געבענשטער יהודה־לאנד און האָט אָנגעיאָגט א פרישע פינסטערע כמאָרע פון געדיכטע שוואַרצע וואָלקענס.

דער אומגליק איז געשעהען אזוי אומדערוואַרטעט און אזוי גרויזאַם, אַז קיינער פון די בעסטע היסטאָריקער קען ניט דערגרונטעווען, ביז אויף היינטיגען טאָג, די אמת׳ע אורזאַך און דעם געגויען מאָטיוו וואָס עס האָט געפיהרט צו דעם נייעם אומגליק. דער פאַקט איז באַציכענט געוואָרען אין דער היסטאָריע מיט אַ טרוקענער סטאַטיסטישער דערקלעהרונג אַז: טאלמיי דער איידעם פון שמעון׳ען, און דער גובערנאַטאר פון יריחו, איז געוואָרען בעאיינפלוסט פון דעם גענעראל צענדעבעאוס און ער האָט איינגעלאַדען צו זיך זיין שווער און שוויגער מיט זייערע צוויי זיהן, אויסער דעם דריטען זוהן יוחנן הורקנוס, אויף אַ פאַמיליען יום־טוב אין דער שטאָדט יריחו, און דאן האָט דער איידעם דערמאָרדעט זיין שווער גאָר אָן א פארוואָס, און ער האָט גענומען געפאַנגען זיין שוויגער מיט איהרע צוויי זיהן.

מעגליך אז טאלמיי האָט געשטרעבט צו פארכאַפּען זיין שווער׳ס פּלאַץ אלס קעניג אין ארץ ישראל, מעגליך אז דאָס איז געווען בלויז דער רעזולטאַט פון אַ פאַמיליע קריג, אָדער צוליב אַנדערע אורזאַכען, וועלכע זיינען פאר־בליבען אומבאַוואוסט צו דער היסטאָריע. דער פאַקט אָבער איז גענוג טרויעריג אז אַן אייגענער איידעם האָט דערמאָרדעט זיין שווער וועלכער האָט געהאַט צוטרוי צו איהם.

און אזוי האָט זיך געענדיגט די דינאַסטיע פון דער חשמונאים פאַמיליע פון זייט דעם אלטען מתתיהו מיט זיינע פינף העלדישע זיהן, וועלכע זיינען געוועזן און פארבליבען די ליבלינג קינדער ביים אידישען פאָלק. די חשמו־נאים־ברידער זיינען אלע, אָן אויסנאַם, געשטאָרבען מיט ניט קיין נאַטירליכען טויט, און דערפאַר איז זייער קרעדיט פארבליבען אויף אייביג. די חשמונאים־מכבים זיינען געווען די ערשטע און די לעצטע וועלכע האָבען ארויסגשטעלט אַ הונדערט פּראָצענטיגען פאַטריאָטיזם מיט אזוי פיל ענערגיע, אָפּפערוויליג־קייט און אמונה, אין גאָט און אין זיין פאָלק, און דעריבער איז דאָס וואָרט מכבים פארבליבען, ביז אויף היינטיגען טאָג, א שלאָגוואָרט און אַ סימבאָל פון גבורה און כבוד, פון טיפען גלויבען און רעספּעקט „כי לא אלמן ישראל״.

ע נ ד ע !

Schuldenfrei, Nathan, Mr. 912 East 180th St., Bronx, N. Y.
Schwartz מר. זלמן 1877 Daly Ave., Bronx, N. Y.
Shmulewitz ר' יעקב און מרס. חנה Jerusalem, Palestine
Shone, Dora, Mrs. 611 North St. Louis St., Los Angeles, Cal.
Sigal, Morris, Mr. 704 Avenue J, Brooklyn, N. Y.
Silberman ר' זלמן הכהן און מרס. חיה פייגא Jerusalem, Palestine
Sinder ר' יצחק 915 East 179th St., Bronx, N. Y.
Skolnick, Harry, Mr. 601 East 179th St., Bronx, N. Y.
Society (זעה יונייטעד זעמבראָווער סאָסייעטי) New York City
Steiner ר' אברהם 2060 Crotona Parkway, Bronx, N. Y.
Strauss, Ethel, Mrs. 264 Rivington St., New York City

Thau מרס. שרה (א מתנה פון איהר מאן חיים)
1086 East 180th St., Bronx, N. Y.
Tomber, Samuel, Mr. 260 Euclid Ave., Miami Beach, Fla.
Tomber, Max & Blanche 275 Central Park West, New York
Tomber, Milton, Mr. 275 Central Park West, New York City
Tuchinsky הרב יעקב והרבנית חנה רחל
2886 Brighton E. 6th St., Brighton Beach, N. Y.

United Zembrover Society, Inc. (זעה זעמבראָווער סאָסייעטי)
New York City

Villa ר' חיים יעקב בן הרב יקותיאל ז"ל
Victoria, Buenos Aires, Argentina
Villa מרס. רחל לאה Victoria, Buenos Aires, Argentina

Wanatik ר' שלמה זלמן 960 East 173rd St., Bronx, N. Y.
Wand, Harry, Mr. Daly Ave. cor. 180th St., Bronx, N. Y.
Weinstein רעווערענד יעקב 2309 Holland Ave., Bronx, N. Y.
Werber, Sam, Mr. 2117 Daly Ave., Bronx, N. Y.
Wexler ר' משה 1011 East 178th St., Bronx, N. Y.
Wexler ר' צבי 977 Clinton Ave., Bronx, N. Y.
Winzelberg מר. משה 960 East 179th St., Bronx, N. Y.

Yatchmink, J., Mr. 900 East 180th St., Bronx, N. Y.
Yochnowitz, Nathan, Mr. 701 Broadway, New York City

Zembrover Society (זעה יונייטעד זעמבראָווער סאָסייעטי)
New York City
Zerwinsky ר' ישראל Jerusalem, Palestine
Zoslovsky, A., Mr. 9016 Avenue B, Brooklyn, N. Y.

Levine, Benj. & Jennie 247 Putnam Ave., Cos-Cob, Conn.
Levitin, Morris, Mr. משה 294 Clarence St., Ottowa Ont., Canada
Libby, Solomon & Ethel 979 Grant Ave., Bronx, N. Y.
Liftin, Annie, Mrs. 791 East 180th St., Bronx, N. Y.
Lipins, Morris, Rev. 2001 East 9th St., Brooklyn, N. Y.
Lipson בריינדיל, פייגא חיה ; הערש און זוהן לייב וואלף
1169 Vyse Ave., Bronx, N. Y.
Liszovics, Mayer, Dr. Luz. No. 314, Havana, Cuba

Manevsky, Phillip, Mr. 2105 Mohegan Ave., Bronx, N. Y.
Marchowsky, S., Mr. 107 East 17th St., New York City
Margolus, Sam, Mr. 352 Berriman St., Brooklyn, N. Y.
Mehr, Mrs. Lea, Miss Annie, Miss Jennie & Mr. Irving
2082 Daly Ave., Bronx, N. Y.
Meltzer, Irving, Mr. & Mrs. 2118 Wallace Ave., Bronx, N. Y
Michlin ר' העשל און שאָשע ביילא
1205 Salt Spring Rd., Youngstown, Ohio
Misler ר' דוד און חוה Parana, E. Rios, Argentina
Moskowitz ר' גדליה 1333 Coney Island Ave., Brooklyn, N. Y.

Nedboy מרס. שאָשע 1278 Sutter Ave., Brooklyn, N. Y.
Newman, Abraham, Mr. 68-41 Clyde St., Forest Hill, L. I.
Newman, Morris, Mr. 125 Fifth Ave., New York City
Notovitz, Anna, Mrs. 878 East 180th St., Bronx, N. Y.
Novak מרס. רחל 2824 Hillcrest Drive, Los Angeles, Cal.

Petker, Morris, Mr. & Mrs. 243 South 2nd St., Brooklyn, N. Y.
Pickelny, Morris & Selma 1724 Topping Ave., Bronx, N. Y.

Rabinowitz מרס. שאָשע בת ר' יהודה
926 East 180th St., Bronx, N. Y.
Ratensky ר' יצחק אייזיק הלוי
1155 East Tremont Ave., Bronx, N. Y.
Rifas ר' מרדכי הלוי 1000 S. W. 13th Court, Miami, Fla.
Rifas ר' שלום הלוי 2071 Vyse Ave., Bronx, N. Y.
Rosenbaum, I., Mr. 580 East 170th St., Bronx, N. Y.
Rosenfeld, Morris, Mr. & Mrs. 2910 Wallace Ave., Bronx, N. Y
Rosenthal, Mayer, Mr. 1979 Walton Ave., Bronx, N. Y.
Ruthen, A., Mr. 305 East 6th St., New York City

Salatkin, G., Mr. 2221—19th St., Brooklyn, N. Y.
Scheiner מר. חיים 1888 Crotona Parkway, Bronx, N. Y.

Goldman ר' דוב-בער 900 East 179th St., Bronx, N. Y.
Goldstein שמואל דוד 1290 Broadway, Hillside, N. J.
Goodman, B., Mr. 241 West 97th St., New York City
Goodman, Herman, Mr. 2138—72nd St., Brooklyn, N. Y.
Greif, Nettie L., Mrs. 1000 Grand Concourse, Bronx, N. Y.
Gross, Rudy & Marion 57 Eagle St., Albany, N. Y.
Gusoff, Eli H., Mr. 469—7th Ave., New York City

Hammer, Max, Mr. 823—48th St., Brooklyn, N. Y.
Handler, Maurice S., Mr. 545—8th Ave., New York City
Hill הלל און גענענדעל 92 Shore Drive, Winthrop, Mass.
Hoffman, Pearl, Mrs. 9035 Shoreham Drive, Los Angeles, Cal.
Horowitz אייזיק משה 463 East 178th St., Bronx, N. Y.

Kaplan, Helen, Mrs. 137—5th Ave., New York City
Kaplan, Grace, Miss 334 West 87th St., New York City
Kasten יוסף 901 East 179th St., Bronx, N. Y.
Kesselman ר' יעקב און הינדע Jerusalem, Palestine
Kilimnik ר' יואל הלוי 1997 Daly Ave., Bronx, N. Y.
Klein, Hyman & Minnie 2040 Bronx Park East, Bronx, N. Y.
Klein, Pauline, Mrs. 2105 Daly Ave., Bronx, N. Y.
Kleinman ר' שלמה 2000 Daly Ave., Bronx, N. Y.
Kletz, Nathan & Marie Greenwich Ave., Greenwich, Conn.
Klewan מרם. פעסיא לאה בר' יוסף 163 East 178th St., Bronx, N. Y.
Kootman, Dora, Mrs. 117 East 96th St., Brooklyn, N. Y.
Kram, Leo, Mrs. 2020 Honeywell Ave., Bronx, N. Y.
Kramer, Morris, Mr. 645 West End Ave., New York City
Krolevetzky ר' דוד צבי בר' יצחק מענדעל
Villa Clara, E. Rios, Argentina
Krolevetzky ר' יוסף יהודה בר' יצחק מענדעל
2259 Vilela B. A., Argentina
Krolovitz רעווערענד שמואל אוןביילא
305 Linden Blvd., Brooklyn, N. Y.
Krulewitz, Max, Mr. 243 South 2nd St., Brooklyn, N. Y.

Laeger מרם. טייבע 2080 Daly Ave., Bronx, N. Y.
Lavsky ר' ישראל דוד און יהודית Jerusalem, Palestine
Lavsky, Israel & Annette 3508 Perry Ave., Bronx, N. Y.
Lavsky ר' שמואל בר' חיים יוסף Corrientes, Buenos Aires, Argent.
Lerman, H., Mr. & Mrs. 1042 Clarkson Ave., Brooklyn, N. Y.
Lerman ישראל נתנאל 2139 Daly Ave., Bronx, N. Y.
Levental 1327 Coney Island Ave., Brooklyn, N. Y.

## LIST OF SUBSCRIBERS

All family-names are in Alphabetical order.

Aginsky ר' יעקב בר' חיים 2007 Daly Ave., Bronx, N. Y.
Auslander ראובן 315 East 77th St., New York City

Belmont, Willy, Mr. 120 Fifth Ave., New York City
Berg, Julius, Mr. 135 Fifth Ave., New York City
Bernstein דניאל און חיה שיינע 463 East 178th St., Bronx, N. Y.
Blumental הרבנית שרה 1979 Walton Ave., Bronx, N. Y.
Braaf משה און שרה 820 East Tremont Ave., Bronx, N. Y.
Braitovitz ישראל 885 East 180th St., Bronx, N. Y.
Brand ר' משה בר' חיים 58 East 181st St., Bronx, N. Y.
Brenner שמואל אהרן 12 West 183rd St., Bronx, N. Y.
Brick יצחק 136-34 Springfield Blvd., Springfield Gardens, L. I.
Budman ר' דוד שלמה 1804 Longfellow Ave., Bronx, N. Y.

Cooper, Israel & Elizabeth 2004 Vyse Ave., Bronx, N. Y.

Deutsch ר' יוסף צבי בר' ישראל 1987 Daly Ave., Bronx, N. Y.
Diamond רעווערענד עזריאל 173-75 Hillside Ave., Newark, N. J.
Dickerman חיה בת מלכה אין אנדיינקונג פון איהר זוהן
יצחק בער ע"ה 1290 Broadway, Hillside, N. J.
Doniger, Norman & Yetta 648 Franklin Ave., Brooklyn, N. Y.
Doniger, Louis & Yetta 2082 Daly Ave., Bronx, N. Y.
Dworkind, Jacob & Lillien 36 Thompson St., Crestwood, N. Y.

Eisen, Joseph, Mr. 4461 Broadway, New York City
Eisenstadt 417 Avenue K, Brooklyn, N. Y.

Fraiman ר' שמואל בר' אברהם 901 East 179th St., Bronx, N. Y.
Friedman נחמיה הערש 2332 Bath Ave., Brooklyn, N. Y.
Friedman, Molly, Mrs. 811 Bryant Ave., Bronx, N. Y.

Gardner, Phillip, Mr. & Mrs.
2721 Washington St., Alameda, Cal.
Gardstein, Leon, Mr. & Mrs. 900 Bronx Park S., Bronx, N.Y.
Garfinkel ר' אהרן הלוי 30 East Clark Place, Bronx, N. Y.
Goldberg, Sam E., Mr. 4756 S. Ashland Blvd., Chicago, Ill.
Goldberg, O., Mr. 178 Amboy St., Brooklyn, N. Y.
Golden, Sulamith, Mrs. 2020 Grand Ave., Bronx, N. Y.

# In Memorial

of the late:

| | |
|---|---|
| Mr. Joseph Mayer<br>Mrs. Beila | Fink |
| Mr. Phillip<br>Mrs. Sophia | Marks |

Shall Rest in Peace!

Copyright 1941
By
DR. ABRAHAM LAVSKY
All rights reserved by the author

This novel reveals (in actual dramatic form) the historical events of a very prominent generation of two thousand years ago. — It discusses the political affairs of the ancient Hebrews and the Greeks. — It analyses all social and cultural problems of these two nations. — It clarifies all phases of the religious, ethical and moral differences between the various Jewish groups. — It gives a fully-detailed record of wars and battles between the Greeks and the Maccabean legions, etc.

PRINTED IN THE U. S. A. BY
SHULSINGER BROS., LINOTYPING & PUBLISHING CO.
TWENTY-THREE EAST FOURTH STREET, NEW YORK, N. Y.

# The Hasmonean Heroes

OR

# MACCABEES

Historical novel of the prominent Hasmonean family,
of the heroic legions of the Maccabees, and
of the ancient Greeks. During the
period of 187 — 135 B. C.

BY

DR. ABRAHAM LAVSKY

Based upon historical facts and events, interwoven with many legends of a great variety, and perfected with lofty idealistic views.

NEW YORK, 1941